STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10387

# IN DI FABRIKN FUN TOYT

Mordecai Strigler

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי שטריגלער

# אין די פאַבריקן פון טויט

די הכנסה פון דעם בוך איז באשטימט פאר דער
הילפס-ארבעט פונעם פוילישן יידנטום

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

# 32

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:
אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך.

מרדכי שטרינגל'ער

# אין די פאבריקן פון טויט

★

ארויסגעגעבן דורכן

צענטראל פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע

בוענאס-איירעס, 1948

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
M. STRIGLER, París

MORDCHAI STRIGLER

# "IN DI FABRIKN FUN TOIT"

(EN LAS FABRICAS DE MUERTE)

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723

**Buenos Aires, 1948**

# אין די פאַבריקן פון טויט

בוך צוויי פון דעם ציקל

# „אויסגעברענטע ליכט“

# אַריינפיר צום בוך

## I

געשריבן ווערט דאָס דאָזיקע ווערק אין אַ האַלב-בעלעטריסטישער פאָרם. די אַלע געשעענישן, בילדער און פּאַסירונגען זענען אָבער געשריבן אויפן גרונט פון מחברס פּערזענלעכע איבערלעבענישן.

צווישן די פאַרשידענע לאַגערן אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן און דייטש־לאַנד — האָט דער מחבר געלעבט 15 חדשים אין דער „האסאג"־פאַבריק פון ס ק אַ ר ז ש י ס ק אָ ־ ק אַ מ י ע נ נ אַ, ביי ראַדאָם. דאָרט האָט ער אין געהיים אַ סך געשריבן און געזאַמלט אַלע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן נאָר געקענט שפּעטער נוצן פאַר אַ גענויער געשיכטע־שרייבונג פון אָט דעם עמק-הבכא. ליידער זענען די אַלע מאַטעריאַלן פאַרלוירן געגאַנ־גען — פּונקט ווי דעם מחברס אַנדערע ווערק — אין רעזולטאַט פון גע־שלעפּט ווערן פון איין לאַגער אין צווייטן.

דאָס דאָזיקע בוך ווערט דערפאַר געשריבן לויטן זכרון און איז בלויז אַ ברוכטייל פון דעם פאַקטיש־פאַרגעקומענעם. כ'גלויב אַז עס לעבן נאָך געציילטע מענטשן צעוואָרפן איבער דער וועלט, וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם „ווערק צע" לענגער פאַר מיר און עס וועט מיר נאָך געלינגען צוזאַ־מענצושטעלן די גענויע געשיכטע פון יענעם גרויליקן גיהנם. דאָ באַגנוגן איך זיך דערווייל מיט אַ בלויזן, קורצן און טרוקענעם איבערבליק איבערן „ ה אַ ס אַ ג " אין סקאַרזשיסקאָ, ווי אַן אַריינפיר צום בוך. דער לייע־נער ווערט אַזוי אַרום צוגעפירט צו די שילדערונגען פון אייגנטלעכן בוך, וועלכע זענען דער געטרייער שפּיגל פון די פּערזענלעכע איבערלעבונגען און אַרומיקע אָבסערוואַציעס.

**
*

מיטן אריינמארש פון די דייטשע חילות קיין פוילן, אין יאָר 1939, האָבן זיי צווישן די גרויסע פאבריקן פון טעקסטיל און שווער־אינדוסטריע אויך אָנגעטראָפן אין דעם מערב-טייל פון פוילן אויף עטלעכע געווער-פאַבריקן. די פוילישע רעגירונג, וועלכע האָט, אגב, פּראָדוצירט פארהעלט־נישמעסיק-קליינע סכומים געווער — האָט די פאבריקן איבערגעלאָזט אין אַן אומבאַשעדיקטן צושטאַנד. די דייטשן האָבן דערפאר תיכף געקענט צו־טרעטן צו דער ווייטערדיקער פּראָדוקציע פון פארשידענע משחיתים. ס'איז זיי אויך געלונגען — אַדאַנק זייער אָרגאַניזאַציאָנעלן אַפּאַראַט און מיט דער הילף פון די ברוטאַלסטע און אויספרעסערישסטע מיטלען בנוגע די אַרבעטס־כוחות — די דאָזיקע פאבריקן צו פארגרעסערן און פארוואַנדלען אין קריגס-פּראָדוקציע-צענטערן פון ערשט־ראַנגיקער באַדייטונג. צו הילף דערצו זענען געשטאַנען אַ ריי פּוילישע מייסטערס, וועלכע האָבן אָנ־געפירט מיט דער פאבריק אין די „פּוילישע" צייטן און ביים דייטשן אַריינמאַרש האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן אַלס לאַנג־יעריקע דייטשע שפּיאָ־נען אָדער „פאָלקס־דייטשן". זיי האָבן שוין געקענט יעדעס ווינקל אין פאַבריק, די טעכנישע מעגלעכקייטן וואָס זענען אין פוילנס צייטן נישט אויסגענוצט געוואָרן און די אַרבעטער, אויף וועלכע מען קען זיך פאַרלאָזן.

טאַקע דערפאַר האָבן אַזעלכע פאַבריקן ווי: טשענסטאָכאָוו, סקאַר־זשיסקאָ-קאַמיעננא, ראַדאָם, קיעלץ, בליזשין, סטאַראַכאָוויצע, סטאַלאָוואַ־וואָליא, פּיאָנטקי, אָסטראָוועצ און אַנדערע געווער־פאַבריקן — וועלכע זענען געווען צוזאַמענגעדריקט אינעם פּוילישן „צענטראַלן אינדוסטריע גע־ביט" (צ. אָ. פּ.), געגעבן אַ זייער גרויסן צושטייער צו דער נאַצישער קריגס־מאַשין אין זייער אָנגריף אויפן מזרח.

ווי ווייט איך בין אינפאָרמירט, האָבן די פאַבריקן — באַלד פון ערשטן מאָמענט אָן — איבערגענומען אין גרעסטן טייל פּריוואַטע אונ־טערנעמונגען פון דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע — אונטער אַ קאָמי־סאַרישער לייטונג. צווישן זיי: די „הערמאַן־גערינג־ווערקע" און די אַק־ציען-געזעלשאַפט פון הוגאָ שניידער („אייזן און מעטאַל ווערקע הוגאָ שניידער „האסאג" א. ג.) מיט דער צענטראַלע אין לייפּציק. אַלס גענע־ראַל־דירעקטאָר פון אַלע „האסאג"־פאַבריקן האָט פיגורירט פּ א א ו ל

בודין און אלע אויפרופן און באפעלן זענען אונטערגעשריבן גע־וואָרן מיט זיין נאָמען. מיין דאָזיקער איבערבליק איז געווידמעט דער „האסאג"־אָפּטיילונג פון סקארזשיסקאָ (די גראנאטן פּראָדוקציע איז דאָרט באשטעמפּלט געוואָרן מיטן שיפר־צייכן ק. א. מ. (K. A. M.). זאָל אָבער ווידער אמאָל באמערקט ווערן: דאָס וואָס איך שרייב דאָ און אין די אנדערע ווערק מיינע איז פאקטיש בלויז א בלאסער אָפּשיין פון דעם, וואָס ס'איז פאקטיש פאָרגעקומען אין די „האסאג" פאבריקן.

## II

די פאבריק אין סקארזשיסקאָ איז געווען איינגעטיילט אין דריי אָפּטיילונגען, וועלכע זענען געווען דערווייטערט איינע פון דער צווייטער אויף עטלעכע קילאָמעטער. זיי זענען באצייכנט געוואָרן מיט די נע־מען: ווערק א; ווערק בע; ווערק צע. זינט דעם אריינמארש פון די דייטשן קיין פּוילן (ענדע 1939) ביז אינמיטן פון 1941 האָבן אין דער פאבריק געארבעט בלויז פּוילישע צוואנגס־ארבעטער און פרייוויליקע (צוליב מורא אוועקגעשיקט צו ווערן קיין דייטשלאנד אויף צוואנגס־ארבעט...). מ'האָט אויך צוגעברענגט יעדן טאָג א געוויסע צאָל יידן פונעם סקארזשיסקער געטאָ; זיי האָבן אָבער בלויז געארבעט ביים אויפ־רוימען די גרויסע פאבריקס־פּלעצער, אויפבויען די זייטיקע באראקן אין וואלד, אין וועלכן די פאבריק האָט זיך געפונען און נאָך אזעלכע אויסן־ארבעטן. אין די פאבריקס־האלעס גופא און צו דער געווער־פּראָדוקציע האָט מען קיין יידן נישט צוגענומען. זיי פלעגן געברענגט ווערן גאנץ פרי צו דער ארבעט און פארנאכט צוריקגעפירט ווערן אין געטאָ נעכטיקן. זיי האָבן דערפאר נישט געקענט האָבן קיין גרויסע אנונג אין די פאבריקס־פארהעלטענישן.

ערשט אומגעפער אין נאָוועמבער 1941 האָט די ס. ס. דערלויבט דער „האסאג"־לייטונג צו פאנגען יידן אין די פארשידענע פּוילישע שטעט און שטעטלעך פאר איר פאבריקס־געברויך. די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן אויפן גרונט פון אן אלגעמיינער פארשטענדיקונג מצד

דער ס. ס. מיט אַלע האַלב-ציווילע אונטערנעמונגען מכל המינים. לויטן געזעץ פון גענעראַל-גובערנאַטאָר איבער פּוילן, רייכסמיניסטער ד"ר האַנס פראַנק, האָבן אַלע יידן געמוזט אריינגעצויגן ווערן צו פיזישער צוואַנגס-אַרבעט פאַר דער דייטשער מלוכה. די יידן זענען אַזוי אַרום אויפן גאַנצן שטח פון א. ג. „גענעראַל-גוווערנעמענט" (די אַמאָליקע פּויליש באַצירקן פון: וואַרשע, קיעלץ, לובלין, ראַדאָם, קראָקע און שפּעטער אויך לעמבערג) געוואָרן אויטאָמאַטיש דאָס שקלאַפן-אייגנטום פון דער ס. ס. און געשטאַפּאָ. עס האָבן זיך געקענט באַנוצן מיט יידן ווי מיט צוואַנגס-אַרבעטער נאָר יענע פירמעס, פאַבריקן און די אונטערנעמונגען, וואָס האָבן באַקומען זייער סכום יידן־אַרבעטער צוגעטיילט פון דייטשן אַרבעטס-אַמט און וועלכע האָבן דעם טעגלעכן לוין פאַר די יידישע אַרבעטס-כוחות באַצאָלט דער ס. ס.

די געשטאַפּאָ און ס. ס. האָט דערפאַר געזען אין די אַרבעטס-יידן אַ מקור פון הכנסה און די פירמעס, וואָס האָבן פאַר זייער אויסנוץ־פּריווילעגיע „באַצאָלט", האָבן דעם יידישן אַרבעטס-טאָג געוואָלט אויס־פּרעסן ביז צום לעצטן, ווייסנדיק אַז דער ייד איז נישט מער ווי אַן אַרבעטס-חיה, פאַר וועלכן קיינער זאָרגט נישט און קיינער שטייט נישט אין שוץ פון זיין לעבן. און ווען ער פאַלט, וועט מען צושטעלן אַנדערע. אַזוי אַרום איז דער ייד אויסגענוצט געוואָרן פון אַלע זייטן.

ווען אַ ייד איז שוואַך געוואָרן און נישט געקענט שאַפן די פון אים געפאָדערטע נאָרמע, אָדער ער איז קראַנק געוואָרן און נישט געקענט קומען צו זיין טעגלעכער אַרבעט, האָט די פאַבריק איינגעזען, אַז ער איז נישט ווערט דעם געהעריקן לוין, וואָס די ס. ס. פאַרלאַנגט און יעדן איינעם אַזעלכן אָנגעמאָלדן „ווו מ'דאַרף". די ס. ס. ווייטער, זעענדיק אין אַזעלכן אַן אָביעקט פון וועלכן מ'קען מער נישט ציען קיין טעגלעכן נוצן — פלעגט תיכף דערשיסן יעדן אַרבעטס--אומפעאיקן. איטלעכע פאַר טעג איז אין פאַבריק פאָרגעקומען אַן „איבערקלייב" (סעלעקציע) פון די שוואַכערע. זיי פלעגן אַרויסגעפירט ווערן אויפן א. ג. „שיס-שטאַנד" (אַן אָרט ווו מ'פלעגט אויסעקספערימענטירן די נייַ-אויסגעאַרבעטע פּראָדוקציע) און דאָרט איז שוין געווען אַזאַ ספּעציעל אָרט, ווו זיי זענען

געוואָרן דערשאָסן און באַגראָבן. אַ סך יידן זענען אויך דערשאָסן געוואָרן און באַהאַלטן געוואָרן טיף אין וואַלד אויפן פאַבריקס־שטח, אַקעגנאיבער דער האַלע 96 פון ווערק צע. אַ פּאָר הונדערט יידן האָט מען באַגראָבן אין לאַגער, צווישן די דראָט־צוימען. ס'האָט זיך געווענדט, ביי וועלכע אומשטענדן דער טויט איז געקומען.

דאָס האָט געצוווּנגען די יידן זיך אָנצושטרענגען מיט אַלע כוחות, אבי צו זיין פּראָדוקטיוו און טויגבאַר. דער דאָזיקער סיסטעם — וואָס כ'קען פון צענדליקער לאַגערן — איז אין „האַסאַג" אַמבולטסטן אַרויס־געקומען. אָבער לאָמיר זיין כראָנאָלאָגיש.

אָנהייב 1942 האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע אַקציע פון אַרויס־שיקן פּוילישע אַרבעטער קיין דייטשלאַנד. אין דייטשלאַנד איז דאַן די קריגס־פּראָדוקציע געווען אינמיטן בליִ. נייע פאַבריקן האָבן זיך געעפנט און ס'האָט זיך פאַרלאַנגט אַלץ מער פרישע מענטשן. אויך די „האַסאַג"־דירעקציע האָט גענומען עפענען צענדליקער פרישע אָפּטיילונגען, וווהין מ'האָט געשיקט די דייטשע אַרבעטער פון דער לייפּציקער הויפּט־פאַבריק אַלס מייסטער. האָט זיך דערפאַר געשפּירט אין לייפּציק, ווי אין די אָפּ־טיילונגען, אַ גרויסער מאַנגל אין אַרבעטס־הענט, וועלכע מען האָט גע־פּרוווט דערזעצן מיט צוואַנגס־אַרבעטער פון די אָקופּירטע מזרח־לענדער. הגם יידן זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם געזעץ פון געצוווּנגענער אַרבעט, האָט מען זיי אָבער נישט געשיקט קיין דייטשלאַנד. דער אויס־ראָטונגס־פּלאַן קעגן דעם אייראָפּעאישן יידנטום איז שוין געווען גענוי אויסגעאַרבעט און מ'האָט זיי נישט געוואָלט צעשפּליטערן און צעוואָרפן, נאָר מ'האָט זיי קאָנצענטרירט אינעם צוקינפטיקן גרויסן מאַסן־קבר: די אַמאָליקע פּוילישע מדינה. האָט מען דערפאַר אויסגעקליבן פון די פּוילי־שע און אוקראַאינישע פאַבריקן אַ טייל קוואַליפיצירטע און נישט־קוואַלי־פיצירטע כוחות און זיי געשיקט קיין דייטשלאַנד דערזעצן די פריערדי־קע דייטשע אַרבעטער, וואָס זענען אוועק אין מיליטער־דינסט אָדער צע־שיקט געוואָרן אין די אָפּטיילונגען אַלס מייסטער. דערפאַר זענען געקו־מען אַ סך מייסטער און פאַבריקס־לייטער אין די פּוילישע פאַבריקן, וועלכע האָבן צוליב דעם קריג מיט סאָוויעט־רוסלאַנד אָנגעהויבן שפּילן

א גרויסע ראָל אין דער דייטשער קריגס-ווירטשאַפט. דער „האסאג" האָט דערפאַר אָנגעהויבן פירן א גרויסע פּראָפּאַגאַנדע — אויסער די מיטלען פון צוואַנג — צו ווערבירן פרישע ארבעטער פאַר זיינע פאַבריקן. אין די ספּעציעלע „האסאג"-זשורנאַלן, וואָס זענען מיר שפּעטער אריינגעפאַלן אין דער האַנט, האָב איך געטראָפן הערלעכע באַשרייבונגען און אילוסטראַציעס פון דעם גן-עדנדיקן לעבן פון די מזרחדיקע ארבעטער אין די ביימער-רייכע געגנטן, אין וועלכע די „האסאג"-פיליאַלעס זענען פאַרלייגט געוואָרן. (די אַמוניציע-פאַבריקן האָבן זיך מערסטנטיילס געפונען אין וועלדער, בכדי צו זיין אין מאַסקירטן שוץ קעגן די באָמבען-אָנגריפן.) דאַן איז געבוירן געוואָרן דער פּלאַן צו דערזעצן — אויפן אָרט — די פּוילישע ארבעטער מיט יידן, בכדי צו קענען ארויסשיקן א וואָס-גרעסערע צאָל פּאָליאַקן קיין דייטשלאַנד. בפרט ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן א פּראָדוקציע פון פּיקרין און טראָטיל אין גרויסן מאַסשטאַב. דאָס זענען געווען גיפטן אַזעלכע, וואָס האָבן אויפגעפרעסן דאָס הארץ מיט די לונגען און די פּוילישע ארבעטער האָבן זיך דערפאַר געגומען אָוועקדרייען פון דער ארבעט. עס זענען געווען א סך, וואָס האָבן צוליב דעם מורא געהאַט פאַר פאַרפאָלגונגען מצד דער געשטאַפּאָ און זענען אוועק אין די וועלדער, שאַפנדיק פּאַרטיזאַנער-גרופּן. די ליטונג האָט דערפאַר געגומען איינזען, אַז די פּאָליאַקן וועלן בעסער ארבעטן, ווען זיי וועלן זיין אין דייטשלאַנד; דערפאַר אָבער קען מען צושטעלן די יידן צו די שווערסטע און שעדלעכסטע ארבעטן. ס'איז בלויז געווען א נענוג געווען די דערלויבעניש פון דער ראַדעמער געשטאַפּאָ — וועמענס שעף, שיפּערס, האָט געהאַלטן די יידן פון זיין דיסטריקט ווי זיין אייגנטום — און דער אַפּאַראַט פון יידן-פאַנג איז געלאָזט געוואָרן אין באַוועגונג.

## III

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע מאַסן-דעפּאָרטאַציעס פון יידן „נאָך אָסטען". באַלד האָט יעדער ייד געוווּסט, אַז מ'ווערט אוועקגעשיקט אין די גאַז-קאַמערן צום פאַרסמען. די יידישע באַפעלקערונג פון די געטאָס

האָט גענומען פאַרצווייפלט זוכן אַן אויסוועג, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. אַלס אַ צייטווייליקער וועג צום ראַטעווען זיך האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס אַריינבאַקומען זיך אין אַ קריגס-וויכטיקן אַרבעטס-לאַגער. מ'האָט גע־גלויבט, אַז די, וואָס זענען באַשעפטיקט אין אַזוינע וויכטיקע שטעלן, וועלן געשוינט ווערן.

אין יענע טעג, ווען אין ראַדעם־קעלצער געגנט האָט זיך אָנגעהויבן די א. ג. „יודען־אויסזידלונג״ — איז דער לאַגער־פירער פון סקאַרזשיס־קער „האַסאַג״, ס. ס.־שטורם-פירער א י נ פ ל י נ ג , אַרומגעפאָרן איבער די יידישע שטעטלעך, זיך געשטעלט אין דער ראָל פון אַן אויס־לייזערישן מלאך און גענומען פאַרשרייבן „פריווויליקע״. ער האָט שטיל איבערגעגעבן צו יחידי-סגולה, אַז די יידן דערוואַרט סיי-ווי דער טויט. די יוגנט וועט אין בעסטן פאַל געשיקט ווערן אין שרעקלעכע קאָנצענ־טראַציע-לאַגערן. דערפאַר אָבער קענען זיי זיכער זיין, אַז פון דער פאַבריק אַרויס וועט זיי קיינער נישט רירן...

אין א פ ט , למשל, האָט ער דערקלערט:

...ס'איז נאָר דאָ איין רעטונג פאַר דער יידישער אַרבעטס-ווי ליקער יוגנט! ווער עס וויל זיך ראַטעווען — קען זיך פאַרשרייבן צו אַרבעטן אין די „האַסאַג״-פאַבריקן, וווּ זיין לעבן איז זיכער...״ (לויט דער דערציילונג פון יידל אָרנשטיין פון אָפּט א. אנד.).

צוליב וואָס האָבן זיי עס באַדאַרפט אַגיטירן צום „פריווויליקן״ פאַרשרייבן זיך אין יענער צייט פון גענצלעכער יידישער רעכטלאָזיקייט? ווען יידן זענען שוין געווען הפקר און פאַרמשפּט צום טויט, אָן אויסנאַם? ווען מיר וועלן זען די ווייטערדיקע האַנדלונגען מצד דער געשעפטס-מע־סיק־ראַפינירטער ס. ס. — וועט אונדז גאָרנישט נישט וווּנדערן.

אַזוי למשל האָט דער דערמאָנטער אינפלינג דערקלערט אין צויז־מער (סאַנדאָמיעזש, ביי דער ווייסל) ביים זוכן צוערשט פרייוויליקע פאַר זיין פאַבריק (לויט די דערציילונגען פון מאָניעק קופּערבלום, יחיאל צינאַמאָן א. אנד.):

...פאַר דער יידישער יוגנט, ווי פאַרן יידישן כלל, וואַרט דער זיכע־רער טויט. אין בעסטן פאַל קען זיי טרעפן אַ לאַנגזאַמער מאַרטער-טויט

אין אַ קאַצעט, אַנשטאָט אַ באַלדיקן אומקום אין די גאַז־קאַמערן. אויב אַפילו מען וועט זיי פירן אין אַ לאַגער אַריין, וועלן זיי זיך גאַרנישט קענען מיטנעמען פון זייער פאַרמעגן. וואָס זיי וועלן מיט זיך מיטנעמען, זיך אָנמאַטערן, ביז זיי וועלן עס אַהין דערשלעפּן, וועט מען עס דאָרט קאָנפיסקירן ביי זיי. ווייל — ווען מ'לאָזט אַפילו דאָרט עמעצן איבער צום לעבן, טוט מען אים פריער אויס פולשטענדיק נאַקעט... ער דאַקעגן דערלויבט די אַלע, וואָס וועלן זיך פאַרשרייבן ביי אים פרייוויליק, מיטצונעמען מיט זיך זייערע פּעק מיט וועש, דאָס בעסטע אָנטועכץ... עסן און — בסוד — אַפילו געלט און ווערט־זאַכן... זאָלן זיי אויך זיכער זיין, אַז דאָ אין געטאָ וועט אַלץ ליקווידירט ווערן. בלויז דאָס, וואָס זיי וועלן מיטנעמען מיט זיך, דאָס וועט זיי בלייבן... זיי וועלן דאָרט קענען לעבן בעסער און מענטשלעכער. עס ווערט זיי אויך צוגעזאָגט אַ טעגלעכער לוין פאַר דער אַרבעט. פאַר זיינע אַרבעטער קומט אויך נישט אין באַטראַכט דאָס בייטן די ציוויל־אָנצוגער אויף העפטלינגס־קליידונג. ביי אים קען מען טראָגן לאַנגע האָר און אויב יונגע פרויען ווילן זיך פרייוויליק מעלדן — קענען זיי אַהין מיטפאָרן אַרבעטן און זיי וועלן דאָרט וווינען מיט זייערע מענער צוזאַמען... „עס איז דער איינציקער וועג פאַר אייך, ווו איר וועט קענען לעבן ווי מענטשן" — האָט ער פאַרזיכערט.

די ערשטע צייטן האָבן אָבער אָט־די רייד נישט געהאַט קיין גרויסע ווירקונג. נאָכן אַרויסשיקן פון יעדער שטאָט אַביסל יידן האָט זיך דער שטורעם אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. אין געטאָ האָבן זיך יידן ווידער אַרויסגערירט פון די לעכער און אויפסניי זיך אָנגעהויבן באַוועגן און האַנדלען... האָט מען געצעגערט. אַזוי ווי יידן האָבן סיי־ווי נישט געהאַט קיין גרויסן צוטרוי צו יעדער וואָרט וואָס אַ דייטש האָט אַרויסגערעדט; בפרט ווען דאָס לעבן אין ערגסטן געטאָ איז נאָך געווען דערטרעגלעכער פון בעסטן לאַגער — האָט מען נישט געוואָלט פאַרקלערן, וואָס עס וועט זיין ווייטער. זענען דערפאַר נישט געווען קיין פרייוויליקע אין דער געהעריקער צאָל און אינפלינג האָט געמוזט אַראָפּקומען מיט זיינע ווערקשוצן (פאַבריקס־מיליץ) און צוכאַפּן די פעלנדיקע צאָל מיט כח. אויך זיי האָבן זיך דערביי באַנוצט מיט דער אַלגעמיינער ס. ס.־מעטאָדע און גענומען דעם

„יודענראט" צו הילף. די יידישע פאליציי פון יעדער געטא האט געמוזט צושטעלן א געוויסן קאנטינגענט יידישע מענער פאר די „האסאג"-פאבריקן.

פון דעם דערמאנטן צוויזמער, למשל, ווייס איך, אז דער יידנראט האט אין דער ערשטער ריי אויסגעליפערט פאר דעם צוועק פארשידענע אונטערוועלטלער און אוואנטוריסטן, וועלכע זאלן האבן געווען שעדלעך פאר קהל... דערביי זענען אויך מיטגעשלעפט געווארן אזעלכע פערזאנען, מיט וועלכע די מיטגלידער פון יידנראט האבן געהאט פערזענלעכע חשבונות... די רעשט האבן זיך רעקרוטירט פון דעם ארימען מאסן־עלעמענט, וועלכע האבן נישט פארמאגט אזויפיל געלט, בכדי זיך צו קענען אויסקויפן ביי די באאמטע פון די יידנראטן. אזעלכע האבן נישט געהאט וואס צו פארלירן, ווייסנדיק אז ביי יעדן פייער וועלן זיי זיין די ערשטע און דערפאר זיך געמאלדן פרייוויליק אדער זיך נישט אקעגנגעשטעלט ווען מ'איז זיי געקומען נעמען. דאס האט זיך אפגעשפילט אין א מאסע שטעטלעך פון יענעם קרייז.

ביסלעכווייז האבן זיך גענומען דערטראגן ידיעות פון לובלינער געגנט, ווו די אקציע פון „יידנריין" האט זיך אנגעהויבן פריער און אויף א שארף־אכזריותדיקן אופן, וואס האט שוין פארטריבן דעם מינדסטן אפטימיסטישן ספק אין ווייטערדיקן יידישן גורל. דאס האט פארגליווערט דאס בלוט אין די אדערן און מ'האט גענומען שפירן אין דער לופט די נאענטקייט פון דער טויט־סכנה פאר אלעמען... דאן האבן זיך גענומען מעלדן אלץ מער און מער פרייוויליקע צו דער ארבעט, זעענדיק אין דעם די רעטונג פון זיכערן טויט.

די צענטראלע פון ווערבירן פרייוויליקע איז געווארן דער דייטשער ארבעטס־אמט אין אסטראווצע, ביי קעלץ. פאר די פרייוויליקע זענען געשטעלט געווארן ספעציעלע אויטאס, אויף וועלכע זיי האבן געקענט ארויפלייגן זייער גאנץ האב־און־גוטס און עס מיטנעמען מיט זיך אין דער נייער „האסאג"־היים. די בהלה האט אלעמען אויפגערודערט און עס האט זיך אויסגעוויזן, אז אין געציילטע טעג ארום וועט פון אלע שטעטלעך ארום גארנישט בלייבן.

טאטעס און מאמעס, וואס האבן זיך באין־אופן נישט געקענט שיידן

מיט די אייגענע פיר ווענט, אָדער מ'האָט צוליב זייערע יאָרן מער נישט געוואָלט אָננעמען צו דער ארבעט, זענען געשטאַנען מיט אויגן אָנגעגאָסענע מיט טרערן און צוגעזען, ווי אַזוי די באַוואַכטע אויטאָבוסן פירן אוועק דאָס שענסטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט אין שטוב, אין וועלכן מען האָט אַריינגעלייגט צענדליקער יאָרן מי, האָפענונג און בלוט... קיין כוח הויך צו וויינען איז שוין נישט געווען — האָבן בלויז די אויגן שטיל געגלאָצט מיט אַ פראַגע־צייכן: — וועלן מיר זיך נאָך זען אַמאָל?...

אין אַנדערע שטובן האָט מען זיך לאַנג געיִשובט און געקומען צום אויספיר, אַז מען מוז זיך פאַרטיילן מיט די ראָלן: אַ טייל פון די שטוביקע — די יינגערע, זאָלן פאָרן אין „האַסאַג" און טייל זאָלן דערווייל בלייבן אין געטאָ. ווער אין „האַסאַג" זיין שלעכט — זאָל כאָטש עמעצ זיין אין געטאָ, וואָס זאָל קענען צושיקן אַ שפּייז־פּעקל אָדער אַ בינטל וועש... און טאָמער וועט איינעם געלינגען צו אַנטלויפן, זאָל ער האָבן צו וועמען צו קומען... סיידן מ'וועט שוין נישט לעבן מער... און פאַרקערט ווייטער: טאָמער וועט זיך מאַכן „היים" אין די געטאָס, זאָל זיין אַן אייגענער מענטש אין „האַסאַג", וואָס זאָל שוין קענען די באַדינגונגען און וויסן ווו מ'קען אַנקלאַפּן אין אַ טיר... און באַמיען זיך אַריבערצונעמען די היימישע און איבערגעבליבענע אָדער זיי אַפילו אַרויסנעמען פון טויטן־טראַנספּאָרט... אַזוי זענען אַוועק איבער אַלע, אין־געטאָ־איינגעצוימטע שטעטלעך טעג פול מיט פּחד, מבולבלדיקע אימה און ניכטערנעם, קלאָרן איבערכעכענען ווי אַזוי כאָטש וועמען־ס'איז פון דער משפחה צו ראַטעווען... האָט מען זיך איבערגעלאָזט אַ טירל צו יעדן אויסוועג.

## IV

אומגעפער אין מאַי 1942 האָבן אָנגעהויבן אַריינצושטראָמען אין סקאַרזשיסקער „האַסאַג" מחנות פון טויזנטער געכאַפּטע יידן און פרייוויליקע פון אַזעלכע שטעטלעך ווי: באָדזענטין, ראַקעוו, סטאַפּניצע, אָפּט, פאָקשיוואָניצע, סטאַשעוו א. א. וו.

ביים אָנקום זענען אַלע אדורכגעגאַנגען אַ שטרענגע רעוויזיע, אויס־

געפירט דורך דער דייטשער, אוקראַינישער און פוילישער ווערקשוץ. זיי האָבן צוגענומען פון די פעק אַלץ, וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט. זיי האָבן אָבער אַ סך זאַכן איבערגעלאָזט, בכדי דערמיט צו לאָקן די אַנדערע וואָס וועלן נאָכקומען... זיי האָבן געוווסט, אַז די געטאָ־מענטשן שטייען דורך פאַרשידענע אומוועגן אין בריוולעכן קאָנטאַקט מיט זייערע נאָענטע אין לאַגער; יענע וועלן זיך זיכער אין סכנה־מאָמענטן רייסן אַהער — טאָ זאָלן זיי אויך מיטברענגען מיט זיך אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן, ווייל „עפּעס לאָזן זיי דאָך איבער"... און שפּעטער וועט עס דאָך סוף־כל־סוף בלייבן אין „האַסאַג"...

די ס. ס. און די ווערקשוץ פון לאַגער האָבן געהאַט נאָך פאַרשידענע פּלענער ווי אַזוי די יידן אויסצונוצן. דאָס ערשטע איז געווען די מיט־טיילונג, אַז פון די היימען קען יעדער באַקומען צוגעשיקט פּעקלעך עסן און וועש. ס'איז בלויז געגנג, אַז מ'זאָל אָנשרייבן אַ בריוול צו די קרו־בים, וואָס זיי זאָלן שיקן און עס איבערגעבן די ווערקשוץ־לייט, וואָס וועלן ספּעציעל צוליב דעם צוועק פאָרן איבער די שטעטלעך. די יידן פון לאַגער האָבן אפילו פאַרשטאַנען די כוונה פון אַזעלכע בעלי־טובה; זיי האָבן זיך אָבער אויך אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון, וואָס עס וועט ווערן פון זייער פאַרמעגן דאָרט אין טעג אָדער וואָכן אַרום — — — ס'איז דעריבער געווען אַ קרן אַלץ וואָס מ'קען פון זייערע הענט אַרויסבאַקומען; קיינער האָט נישט געקענט אָדער נישט געוואָלט אַריינבליקן אין דער נאָענטער צוקונפט אַריין, בכדי צו זען אַז דאָס אַליין ברענגט מיט זיך דאָס ערגסטע פאַר דעם וואָס נוצט אויס אַזאַ געלעגנהייט...

יעדע פּאָר טעג זענען פאַרפאָרן גרויסע לאַסט־וועגענער מיט ווערקשוץ און האָבן צוזאַמענגעשלעפּט אין די געטאָס אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מעג־לעך געווען און עס אָפּגעפירט אין לאַגער אַריין. בכדי צו דערוועקן צוטרוי ביי די לאַגער־איינוווינער, האָבן זיי מיטגענומען ביי יעדער רייזע עט־לעכע יידן פון לאַגער, וועלכע זאָלן מיט־אַגיטירן ביי די שטאָטס־לייט מיט־צושיקן וואָס מער... די ווערקשוץ האָט דערביי באַקומען אויפן אָרט קאָסטבאַרע מתנות, אַז „זיי זאָלן די יידן בעסער באַהאַנדלען"... ערשט שפּעטער האָבן זיי אַדורכגעזוכט אַלע פּעקלעך און אַרויסגענומען פון

דאָרט אַלץ, וואָס ס'האָט פאַר זיי געהאַט אַ ספּעציעלן ווערט, אָדער אַ גוטן, געשמאַקן ביסן. די יידן אָבער, וואָס האָבן דעם גרעסטן טייל פון זייערע פּעקלעך צוריק באַקומען, זענען געווען פאַראינטערעסירט, אַז מ'זאָל פאָרן אין געטאָ וואָס אָפּטער. ס'זענען אויך געווען אין לאַגער יידן פון אַזעלכע שטעטלעך, וואָס זענען איבער דער צייט געגצלעך ליקווי־דירט געוואָרן און זיי האָבן דאָך געוואָלט עפּעס ראַטעווען פון זייער הפקר-געוואָרענעם ביסל פאַרמעגן. דאָס „בעסטע" מיטל דערצו איז געווען צו פאַרפאָרן צום פּוסט-געוואָרענעם אָדער פון פּאָליאַקן־פאַרכאַפּטן הויז מיט אַ ווערקשוץ, אים באַלוינען מיט אַ געוויסער סומע און דערפאַר קענען אויסזוכן דאָס באַהאַלטענע גאָלד אָדער געלט, וואָס איז געווען ערגעץ איינגעגראָבן און עס מיטנעמען מיט זיך... שוין אין יענער צייט זענען געווען פאַלן פון דערשיסונגען, אָבער אין אַלגעמיין האָט מען נאָך די יידן באַהאַנדלט נישט ספּעציעל מערדערלעך. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווען מ'וועט דאָ האָבן געלט און חפצים, פאַר וועלכע מען וועט זיך קענען צוקויפן עפּעס עסן ביי די פּאָליאַקן און ווערקשוץ, וועט מען איבערהאַלטן, ביז די צייט וועט זיך אַמאָל ענדערן... די ווערקשוץ האָט דערווייל געוווּסט פון יעדן איינעם, וואָס האָט ביי זיך עפּעס פאַרמאָגט און אים געהאַט אויפן אויג, בכדי דאָס צו קענען אויסנוצן ביי דער ערשטער-בעסטער געלעגנהייט.

V

דער גענעראַל־דירעקטאָר פון אַלע דריי סקאַרזשיסקער פאַבריקן איז געווען דער ס. ס. שטאַנדאַרטענפירער ד א ל ס ק י. ביי פוילן איז ער געווען פּולקאָווניק אין דער אַרמיי. אין רו-צייט איז ער געווען דער דירעקטאָר פון דער זעלבער מלוכהשער אַמוניציע־פאַבריק און ער טראָגט די הויפּט־שולד פאַר דעם אַלעם, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. (ער צוזאַמען מיט בודינען זאָלן האָבן געפאַנגען גענומען געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער, אין מאַי 1945, אין טירינגען.) דער שעף פון דער ווערקשוץ (ווערקשוץ-לייטער) איז געווען דער האַופּטשטורמפירער ק ר א א ו ז ע

(שפּעטער, זייט אָנהייב 1944, איז אויף זיין אָרט געקומען דער שטורם־פירער פּ אָ ל מ ע ר). דאַן איז געווען דער אויבערוואַכפירער ב אַ ־ ט ע נ ש ל ע ג ע ר (געווען ביז דער לעצטער מינוט אין טשענסטאָכאָווער „האסאג”) און דער ס. א. לייטענאַנט א י י ז נ ש מ י ץ. צו זייער הילף איז געשטאַנען דער ציווילמייסטער היינריך, אַלס לייטער פונעם „יודענאיינזאַץ”. די אַלע, צוזאַמען מיט די אַנדערע, וואָס כ'וועל נאָך גענויער באַשרייבן, האָבן עס אויסגעפירט די הויפּט־פאַרברעכנס אויפן ווערק א און טיילווייז פון ווערק צע. צו זייער מיטהילף האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ גאַנצן אַפּאַראַט פון יידישער פּאָליציי מיט אייגענע קאָמענדאַנטן און אַ לאַגער־עלטסטן. ביים אָנהייב איז געווען דער קאָמענדאַנט פון ווערק א אַ לעמבערגער ייד, זאַלצמאַן, וועלכער איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן פון דער ס. ס. קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי איז געווען דער ראַדאָמער ייד ט ע פּ ע ר מ אַ ן (אומגעקומען, צוזאַמען מיטן שפּעטערדיקן קאָמענדאַנט פון ווערק א ק ז ש ע פּ י צ ק י און אַנדערע יידישע פּראָוואָקאַטאָרן דורך דער געהיימער יידישער אָרגאַניזאַציע אין בוכענוואַלד, אין אויגוסט 1944. גענויערס דאַוועגן — אין מיין בוך „מגילת בוכענוואַלד”). די יידישע פּאָליציי האָט זיך אָנגעהויבן אין א ביי אַ צאָל פון 30 און דערגאַנגען ביז 70. איר רעסאָרט איז געווען דאָס נאַכטלעכע צוגאָב־באַוואַכן פון לאַגער, דאָס אויסטיילן פון עסן, צושטעלן די אַרבעטער פּינקטלעך צו דער אַרבעט אין דער געהעריקער צאָל און אָפּט אויך די פאַרטיילונג פון די אַרבעטס־פּלעצער. נאָך דער ס. ס. און ווערקשוץ זענען זיי געווען די מעכטיקסטע מענטשן אין לאַגער. עס זענען אויך געווען יידן אין דער אינערלעכער לאַגער־ביוראָ, קאָמענדאַנטן פון אַפּראָוויזאַציע, קליידונג און אַנדערע אַזוינע פונקציעס. זייערע אונטערגעאָרדנטע זענען געווען די יידישע פאַר־אַרבעטער און צווייט־ראַנגיקע לאַגער־פונקציאָנאַרן. די ס. ס. האָט זיך טאַקע מיט זיי אָפּט באַנוצט צו זייערע טונקעלע צוועקן. עס מוז דערביי באַמערקט ווערן, אַז די יידישע פּאָליציי און קאָמענדאַנטן האָבן זיך על־פּי רוב רעקרוטירט פון די וואָס זענען געקומען די ערשטע אין לאַגער אַריין. זייענדיק לענגער אין לאַגער, האָבן זיי שוין געקענט אַלע באַדינ־

גונגען און צו וועמען מ׳דארף זיך אונטערשמייכלען, בכדי צו מאכן א „הערשערישע" קאריערע. ווי כ׳האב שוין באמערקט, זענען די ערשטע געוואָרן ארויסגעשיקט פון די געטאָס, אין דער איבערוועגנדער מערהייט, די אונטערוועלט פון די קליינע און גרעסערע שטעט. זיי האָבן זיך דער־פאר דערשלאָגן די ערשטע צום פּאָליציייאישן היטל, ווייל זיי האָבן אויך געקענט פּועלן ביי זיך אויסצופירן אַלע באַפעלן פון דער ס. ס. זיי זענען דערפאר געווען די ריכטיקע מענער אויפן ריכטיקן פּלאַץ. דערצו זענען צוגעקומען א טייל פון דער אסימילירטער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן פון אייביק אָן געקוקט אויפן יידישן מאסן-מענטש ווי אויף א ניי־דעריקערן וועזן און דערפאר געקענט מיט א לייכטער „געוויסן" זיי אנטאָן פארשידענע עינויים אָדער זיי שיקן צום טויט (ווי איך האָב עס שוין אָנגעוויזן אין „מאַידאַנעק".) דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער כאַ־ראקטער־שטריך פון אַלע פּאָליציי-לייט אין די פארשידענע געטאָס און לאַגערן. עס זענען אָבער געווען געציילטע אויסנאַמען, הן פון פּסיכאָלאָ־גישן און הן פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט, איבער וועלכע כ׳וועל זיך בא־זונדערס אָפּשטעלן.

די מענטשן וואָס זענען געקומען מיט די שפּעטערדיקע טראנספּאָרטן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון זייערע אייגענע לאַנדסלייט, וואָס זענען פריער געשיקט געוואָרן און איבער דער צייט זיך דערדינט צו א „ראַנג". עס זענען אויך געווען געוויסע האַנדלונגען פון דער פּאָליציי אויס פאר־ביטערונג; אויס כעס און נקמה-ווילן. טאַקע דאָס באַטראַכט דער מחבר פון די שורות פאר זיין חוב עס ארויסצוברענגען אין א ליטעראַרישער פאָרם אין זיינע ווייטערדיקע שריפטן.

ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער מענטשן-פילטער אין „האסאג" איז געבוג בלויז אָנצוגעבן איניקע ביישפּילן:

א פּ ט, ביי קיעלץ, האָט געהאַט צוזושטעלן א קאָנטינגענט פון 700 מענטשן פאר דעם „האסאג". אַזוי ווי דער יודענראַט האָט נישט געקענט צוזאַמענקריגן די געהעריקע צאָל, האָט די וואכמאַנשאַפט אַליין געכאַפּט, וועד ס׳איז אונטערגעקומען אונטער דער האַנט. בכדי צו ברענ־גען די פולע צאָל, האָבן זיי אין געאייל אויך געכאַפּט א היבשע צאָל

יונגע קינדער פון 10 און 12 יאָר און זיי מיטגעשלעפּט. (אַ קלענער טייל פון אַט־די קינדער האָבן זיך אַ דאַנק דעם צופאַל שפּעטער אַדורכגעדרייט אַ ריי לאַגערן און שפּעטער געראַטעוועט געוואָרן...)

פון יענער גרופּע איז נאָך ביז אויגוסט 1944 לעבן געבליבן בערך 70 מאַן. דאָס איז שוין געווען די גרעסטע פּראָפּאָרץ, ווייל די אַפּטער האָבן באַוויזן מיטצושמוגלען מער געלט און געקענט זיך בעסער האַלטן. פון אַנדערע טראַנספּאָרטן מיט טויזנטער מענטשן זענען אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט געבליבן בלויז איינצלנע.

די אַפּטער גרופּע, למשל, איז צוגעטיילט געוואָרן אין ווערק אַ צו דער פּרעסערײ פון די שווערע גראַנאַטן (15,2 צמ.) און צום טראַנספּאָרט פון דער פּראָדוקציע; פאַר די יוגנטלעכע איז קיין אויסנאַם זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט געמאַכט געוואָרן. אַ גרויסן טייל פון די גע־בּרענגטע יידן האָט מען צוזאַמענגעדרענגט אין דער האַלב-חרובער געוו. מעכנישער שולע, ביי סקאַרזשיסק, די אַ. ג. „עקאָנאָמיע”. נישט אַלע האָבן געקענט געפינען פּלאַץ אויף די פּריטשן וואָס זענען געווען צוזאַ־מענגעקלאַפּט ווי ענגע שטייגן, מיט 5 גאָרנס די הייך. זענען עטלעכע הונ־דערט מאַן געשלאָפן אויף דער ערד. דער דאַך איז געווען אָפן און ביים מינדסטן רעגן איז געווען אַ פולער באַראַק וואַסער, אַזוי אַז ס׳איז אויס־געקומען אַלעמען צו טאַפּטשען אין דער בלאָטע. די וויניקער־גליקלעכע, וואָס האָבן נישט געקענט געפינען קיין אָרט אויף די האַרטע ברעטער, האָבן זיך געמוזט לייגן אין שמוץ אַריין. איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער האַנדל מיט ערטער און דער פּאָליציאַנט, וואָס איז געווען אויפזעער דערויף, האָט די ערטער געקענט פאַרקויפן פאַר װעלכן פּרייז אים איז געפעלן. אַלע זענען שרעקלעך פאַרלויזט געוואָרן און דאָס אָנטועכץ איז זיך שנעל צעפאַלן אין שטיקער. פון קיין העמד אויסוואַשן איז נישט געווען קיין רייד, ווייל עס איז נישט געווען קיין וואַסער און ביי אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, דורכשניטלעך פון 14-17 שעה, איז אויך קיין צייט און קיין געדולד נישט געווען דערצו. איז נאַטירלעך, אַז די מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן אָדער אָפּגעשוואַכט געוואָרן און

רעזיגנירט... (לויט ברוך גאָלדבערג, וואַרשע און חנינא באַלטער, אפּט.)

דעם 3טן אָקטאָבער 1942 איז פאָרגעקומען דער „גירוש" פון די ייִדן, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין געטאָ פון סקאַרזשיסק. מ'האָט צוזאַמענגעטריבן אַלע ייִדן אויף איין פּלאַץ און די געזונטע אָדער „פּראָ-טעקציאָנירטע" מענער און פרויען אָפּגעטיילט באַזונדער. אין זעלבן טאָג האָבן באַטנשלעגער און אייזנשמיץ אָדורכגעפירט די ערשטע גרויסע סע־לעקציע אין ווערק א. פון די 4 טויזנט ייִדן, וואָס האָבן זיך דאָרט דאַן געפונען, האָבן זיי מיט דער הילף פון דער ווערקשוץ און דייטשע ציוויל־מייסטער — אויסגעקליבן בערך טויזנט ייִדן. דאָס זענען געווען עפ"י רוב אויסגעמאַטערטע פון דער שווערער אַרבעט, שלעכט-אויסזעענדיקע און געמיין-אָנגעטוענע. זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון לאַגער אין וואַלד אַריין, אין דער ריכטונג פון ווערק צע. אויפן וועג זענען עטלעכע הונ-דערט אויסגעשאָסן געוואָרן מיט מאַשין-געווער דורך דער ווערקשוץ און די רעשט זענען צוגעפירט געוואָרן צום זאַמל־פּלאַץ פון געטאָ. זיי זענען יענעם טאָג אַוועקגעשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט די סקאַרזשיסקער ייִדן קיין טרעבלינקע. אויף זייער אָרט האָט מען געברענגט אין לאַגער אַריין די יונגע און געזונטע מענער און פרויען, וואָס זענען דאָרט אויסגעקליבן געוואָרן. (לויט יאָסל גאָלדבערג, געב. 1926 אין סקאַרזשיסקאָ.)

עס איז מיר נישט געלונגען אויסצופאָרשן, אויב די מימראָס זענען פולשטענדיק ריכטיק, אַז דער אויסטויש־פּלאַן איז אָדורכגעפירט געוואָרן פאַר ריזיקע סומעס געלט פאַר דער ס. ס. מצד פאַראינטערעסירטע פער־זאָנען...

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון די קאָמפּאַקטע גרויזאַמקייטן.

## VI

זייט דאַמאָלסט האָט זיך אָנגעהויבן דער שאַרפער קורס אין לאַגער. עס זענען געקומען שטרענגע רעוויזיעס, ביי וועלכע מ'האָט צוגענומען ביי יעדן, וואָס ער האָט נאָר געהאַט עפּעס פון ווערט. נישט איינמאָל האָט מען אָפּגעשטעלט די אַרבעט, אַריינגעטריבן די ייִדן אין איין גרוי־סער פאַבריקס-האַלע און יעדן איינעם באַזונדער אָדורכרעווידירט.

אין די באַראַקן האָט קיינער גאָרנישט איבערגעלאָזט, ווייל אין דער ענגשאַפט איז אַלצדינג פאַרשוווּנדן פון אונטער די הענט. האָט יעדער כסדר געטראָגן זיינע פעקלעך מיט זיך צו דער אַרבעט און צוריק. אַזוי אַרום איז לייכט געווען ביי יעדן צוצונעמען דאָס וואָס ס׳איז דעם רע-וויזיע־מאַכער געפעלן. מיט דער אַקציע האָט אָנגעפירט דער דערמאָנטער היינריך.

פאַר דער רעוויזיע האָט מען געלאָזט אויסרופן, אַז יעדער איינער זאָל אָפּגעבן זיין געלט, גאָלד און ווערט־זאַכן. ווער עס וועט נישט אָפּ־געבן און מ׳וועט ביי אים עפּעס שפּעטער געפינען, וועט אויפן אָרט דער־שאָסן ווערן. נאָך די ערשטע דערשיסונגען דורך באַטענשלעגערן האָבן אַ סך אַליין צוגעטראָגן זייער געלט, אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון טויט. די פּסיכאָלאָגיע פון בלוט־אָנבליק דערלאָזט נישט גיין ווייט, נאָר אויסמיידן דאָס וואָס מען זעט שוין, תיכף... „אַז מ׳וועט לעבן — האָבן אַזעלכע זיך געטרייסט — וועט זיין אַנדער געלט...״ אַ סך האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז זיין אין „האַסאַג״ מיט לייִדיקע הענט איז סיי־ווי אַ זיכערער טויט, נאָר אויף אַ שרעקלעכערן אופן. האָבן זיי נישט אָפּגעגעבן... זיי האָבן זייער געלט געהאַט פאַרשטעקט אין די נישט־פאַרשטעלבאַרסטע ערטער, האָבן זיי שפּעטער געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו קויפן פאַר טייער געלט אַ שטיקל ברויט ביי די פּוילישע פאַר־אַרבעטער און זיך דערמיט באַקרעפטיקן. עס זענען אָבער געווען אַנדערע, וואָס האָבן אויס קנאה אַזעלכן נאָכשפּיאָנירט, וואָס האָט די מעגלעכקייט יעדן טאָג צוצועסן אַ שטיקל ברויט און עס אונטערגעטראָגן דער ווערק־שוּץ. האָט מען דערנאָך אַזאַ איינעם אַריינגענומען אין דער דייטשער וואַכשטובע און אים אַזוי לאַנג געפּייניקט און געמאַטערט, ממש ביז ער האָט אָפּגעגעבן נישט בלויז זיין געלט נאָר אויך זיין נשמה. אָפט האָט ער נאָך געמוזט אויסגעבן די נעמען פון זיינע באַקאַנטע, וואָס פאַר־מאָגן אויך נאָך עפּעס. אין יעדן לאַגער זענען געווען אַזעלכע יידישע „אונ-טערטרעגער״, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן הונדערטער פון זייערע ברידער. (אַ טייל פון די סקאַרזשיסקער מוסרים זענען שפּעטער אומגעקומען פון יידישע הענט אין בוכענוואַלדער „אונטערערד״.)

צווישן דער ווערקשטאַט זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אויף אײַ־גענער האַנט אויסגעמאָרדעט מאַסן מיט יידן. אַזוי האָט דער אוקראַאינער איוואַנייקאָ מיט זײַן חבר קאָזלאָווסקי, אין משך פון זייער דינסט אין „האסאג", דערמאָרדעט ביי אַ טויזנט יידן. דאָס איז געשען ביי פאַרשידענע פאַלן, הויפּטזאַכלעך האָבן זיי עס אָבער געטאָן צוליב מאָרד־צוועקן. דערצו זענען געווען אַזעלכע געשפּענסטער ווי דער ווערקשוץ שניידער (דייטש), טשאַפּעק (אוקר.), די ברידער סאַוור־משוק (פּאָל.) און צענדליקער אַנדערע מחבלים, וועמענס נעמען כ׳האָב נישט געקענט גענוי פעסטשטעלן. די ערשטע צוויי דערמאָנטע האָבן אָפיציעל נאָר דערשאָסן די וואָס האָבן שלעכט אויסגעזען און זענען דער־פאַר באַטראַכט געוואָרן ווי אַרבעטס־אומפעאיקע (און בכדי „שלעכט אויסצוזען" איז גענוג געווען צו גיין אין אַן אָפּגעריסענעם הילוך!), זיי האָבן אָבער אַ סך מאָרדן אויסגעפירט איבער העלדישע, גוט־אויסזעענ־דיקע בחורים און שיין־אָנגעטוענע... ווייל — אויב זיי זענען אַזוי גוט אויס באַווייזט עס, אַז זיי האָבן געלט. און די גוטע שטיוול אָדער רעקל זענען געוואָרן דער מלאך־המות. אַזוי אַרום האָט מען זיך געפונען צווישן צוויי פייערן. מ׳האָט געציטערט אויסצוזען מיאוס און איינגעדאַרט... נאָך ער־גער איז אָבער געווען, ווען מ׳האָט צו־גוט אויסגעוויזן זיך. און אַ סך קרבנות זענען געווען צווישן די, וואָס האָבן נישט געקענט אָנטרעפן די ריכטיקע מאָס...

אינצווישן איז אין ראַדעמער געגנט באַקאַנט געוואָרן, אַז עס ווערן געעפנט 4 „יודענשטעט" אין דיסטריקט. די אַלע יידן — איז געזאָגט געוואָרן אין די אָפיציעלע מיטטיילונגען — וועלכע לעבן אומלעגאַל באַ־האַלטן אין די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, אין די דערפער אָדער וועלדער, קענען זיך דרייסט מעלדן אין די דאָזיקע ספּעציעל־באַשטימטע יידנשטעט, ווו עס וועלן „לעבן בלייבן און קאָנצענטרירט זײַן די לעצטע רעשטן"... דער דאָזיקער ביטערער טריק איז באַנוצט געוואָרן פון די דייטשן אין אַלע געגנטן פון אָקופּירטן פוילן און כ׳וועל נאָך וועגן דעם דערציילן באַזונדער. דאָס האָט גענוצט דער ראַפינירטער געשטאַפּאָ אַרויסצונאַרן אַ סך פאַרשטעקטע יידן פון זייערע לעכער און זיי צו קאָנצענטרירן אויף

איין אָרט, בכדי עס זאָל זיי שפּעטער זיין לייכטער אויפצופאַנגען. אזוי אַרום זענען באַשטימט געוואָרן אין ראַדעמער געגנט די פיר שטעט: ראַ-דאָמסקאָ, שידלאָוויעץ, אויעזד און צוויזמער. די יידנשטעט האָבן געזאָלט אָפיציעל זיין געשיצט פאַר עווענטועלע יידן-אַקציעס. אזוי ווי די יידן, וואָס זענען געלעגן אויסבאַהאלטן, האָבן געהאַט ווייניק צוטרוי צו די פאַרשידענע אויפטוען פון דער געשטאַפּאָ, האָבן די ראַפינירטע מערדער דערוויל באַשלאָסן די דאָזיקע שטעטלעך צו לאָזן אין רו...

אין די דאָזיקע באַשטימטע ערטער, אויפן גאַנצן שטח פון מדינת-פּוילן, האָבן זיך צוריק געבילדעט יודנראַטן מיט יידישער פּאָליציי און מיט אַלע פּיטשעווקעס פון אַ געטאָ — ווי אין די „אַלטע גוטע צייטן", פאַרן אַוועקשיקן די ערשטע טראַנספּאָרטן... די געשטאַפּאָ און די דייטשע פּאָליציי האָבן ווי אַוועקגעמיטן זייער אויג פון אַזעלכע ניי-אויפגעשטעלטע שטעט; די קאָנטראָל איבער די געטאָ-טויערן איז געוואָרן שוואַכער און פּויערים האָבן זיך לייכט געקענט אַריינשלייכן מיט זייער ביסל שפּייז פון דאָרף אין געטאָ. האָט טאַקע דער האַנדל אין די ערשטע טעג גענומען „בליען" אויפסניי; ווידער האָט מען גענומען פאַרדינען געלטער און ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן ווי-ס'איז צו לעבן... ווער ס'איז גע-בליבן, האָט פאַרגעסן אָדער זיך געמאַכט פאַרגעסן אינעם חורבן וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט אַ חודש צוריק און ווידער גענומען צוזאַמענשלעפּן אַ ברעט, אַ טיש און איינריכטן צוריק אַ שטיקל וווינונג.

דער דעספּאָטישער הערשער איבער פּוילן, גענעראַל-גובערנאַטאָר האַנס פראַנק, האָט אומגעפער אין יענער צייט געהאַלטן אַ רעדע אין קראָקע, ווו ער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט איבער פאַרשידענע פּאַרוואַל-טונגס-פּראָבלעמען אין זיין מלוכה און דערקלערט צוו. אַנד.:

„...קיין יידן אין גענעראַל-גוווערנעמענט זעט מען נישט מער... און אויב עס זענען נאָך וועלכע דאָ, איז עס נישט מער דער וווכער-טיפּ, וואָס האָט געזויגט אונדזער דייטש אַרבעטער-בלוט! היינט אַרבעטן זיי..."

האָט דאָס אָפּטימיסטישע פּינטעלע אינעם ייד גענומען דאָס וואָרט... מ'האָט גענומען גלייבן, אַז דאָס וועלט-געוויסן האָט דאָרט ערגעץ אויפ-געוואַכט... און אַז מען האָט זיכער אַריינגעשיקט היטלערן אַן אולטימאַ-

טום... „אונטער פאַרשידענע דראַאונגען" זאָל „ער" האָבן צוגעזאָגט מער נישט צו שיקן יידן צום טויט און זיי בעסער צו באַהאַנדלען... אַזעלכע און ענלעכע קלאַנגען און קאָמענטאַרן האָבן געקרייזט אַרום דער גרינדונג פון די יידנשטעטל און די געשטאַפּאָ האָט בכיוון פאַרשפּרייט און אונטערגעהאַלטן אַזעלכע סברות...

געווען געשטאַפּאָ־אַפּיצירן, וואָס האָבן שוין געהאַט „זייערע" יידן, וועמען זיי האָבן „אַלץ" פאַרטרויט, בסודי־סודות, אונטער דער דראַאונג פון אַ קויל אין קאָפּ פאַר דערציילן וועמען דערפון... און אויך זיי, „האָבן דערפון געהערט" אין גאַר־הויכע קרייזן... און דערביי געלאַכט אין זיך, ווויסנדיק אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום וועלן דערפון רעדן אין געטאָ אַפילו די קינדער אין די וויגן... און דאָס וועט אַטראָפירן די לעצטנס־אויפגעוואַכטע פאַרזיכטיקייט און אויפמערקזאַמקייט — ביים אַנבליק פון סכנה-טעג...

און אויב אַפילו די ערשטע צייטן האָבן באַהאַלטענע נישט געטרויט זיך צו אַזעלכע צירקולירנדיקע סודות; האָבן זיי אָבער ביסלעכוויז גע־מוזט גלייבן, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט, זעענדיק ווי שוין אַ וואָך, צוויי איז דאָס געטאָ אַזוי רואיק...

דאָס גרינדן די יידנשטעטל האָט נאָך מער געהאַט אַ מאַגישע ווירקונג אויף די איינוואוינער פון די לאַגערן. אויב פריער האָט מען אַלצדינג איבערגעטראָגן מיטן רעזיגנירטן באַוווסטזיין, אַז מ'האָט נישט קיין אַנ־דער אויסוועג, האָבן אָבער אָט־די געטאָס איצט געלאָקט און געצויגן ווי כשוף-וועלטן... מ'האָט אָנגעהויבן הערן, אַז עס זענען נאָך דאָ יידן אויך אין ראַדאָם, אין אַנדערע שטעט... מ'לעבט דאָרט פריי... הייסט עס דאָך, אַז ווער ס'איז געפאַלן אַ קרבן — איז געפאַלן... און ווער ס'איז גע-בליבן — וועט שוין אַזוי דערציען ביזן סוף פון מלחמה... הייגט צו וואָס-זשע זיצן אָט־אָ־דאָ?

זייענדיק פאַרהונגערט, אויסגעמאַטערט און איבערגעמידט; לעבנ-דיק בסדר אין שמוץ און אין צואה; זייענדיק בסדר אונטער דער בייטש — האָבן אַזעלכע ידיעות געווירקט אין די לאַגערן ווי באַרוישנדיקער גע־טראַנק... פון מויל צו מויל האָבן זיך גענומען טראָגן קלאַנגען, באַפּוצט

מיט די פליגלען פון דער פאַנטאַזיע, אַז „גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף די לעצטע איבערבלייבעכצער פון זיין פאָלק" און אַז „אין די טויערן פון שידלאָווצע האָט ער זיי געגעבן ברויט צו דער זעט..." היינט פאַרוואָס-זשע זיין דאָ צווישן די פאַרמשפּטע קרבנות?...

האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־אַנטלויפעכץ פון לאַגער... טראָץ דעם וואָס אַ גרויסע טייל איז געכאַפּט געוואָרן פון די דייטשן אויפן וועג אָדער אויסגעליפערט געוואָרן דורך די פּוילישע איינוווינער, וואָס האָבן זיי אויפגעפאַנגען אויף די וועגן און אָפּגעפירט צו די דייטשן, וועלכע האָבן זיי דערשאָסן... דאָס לעבן אין לאַגער איז געוואָרן אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז אַ גרויסע טייל האָט גענומען זוכן אַ דערלייזונג אויף יענער זייט דראָטן; מיט איין פּראָצענט האָפענונג זיך צו דערלאַנגען צום נאָענטן שידלאָווצע אָדער צום אַביסל-וויטלעכן צוזמער און זיך דאָרטן „לעגאַליזירן"...

באַטנשלעגער האָט דאַן — לויט אַלע קאַצעט-געזעצן — פּאַראַנט-וואָרטלעך געמאַכט 10 מאַן פאַר יעדן אַנטלאָפענעם. נאָך יעדן פאַל פון עמעצנס אַנטלויפן האָט ער, אין די ערשטע צייטן, געלאָזט אויסשטעלן דעם גאַנצן לאַגער, אויסגעזוכט עטלעכע פון די שענסטע און יינגסטע בחורים און זיי אויפן אָרט דערשאָסן ווי אַ וואָרענונג. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן; דאָס האָט בלויז נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם פּסיכאָז פון אַנטלויפן. הונדערטער זענען דערשאָסן געוואָרן אויף די וועגן און דאָך זענען אַנדערע הונדערטער זיי נאָכגעלאָפן. ס'איז גענוג געווען צו הערן, אַז ס'איז ווער ביינאַכט נישט צוריקגעקומען אין באַראַק אַריין — און שוין האָבן טויזנטער הערצער זיך ביינאַכט געוואָרפן מיט בענקנדיקער אומרו אויף די האַרטע געלעגערס...

ס'איז געקומען דערצו, אַז די יודענראַט־מיטגלידער האָבן זיך דערשראָקן. און אויב אַפילו עס איז געלונגען וועמען פון די אַנטלאָפענע זיך צוצובאַקומען ביז צום געטאָ פון אַ יידנשטאַט, האָבן זיי אים מורא געהאַט אָפיציעל צו רעגיסטרירן. עס זענען אַפילו געווען פאַלן פון צוריק אויסליפערן אַנטלאָפענע מצד דער יידישער פּאָליציי אין די דייטשע הענט, אויס מורא, „זיי זאָלן חלילה נישט ברענגען קיין אומגליק אויף אַלעמען"...

די ווערקשוצן: איוואַנייקאָ, קאָזלאָווסקי און שניידער פלעגן זיך

דערביי אויסזוכן צווישן די יידן אזעלכע, וואָס זענען נאָך געווען אביסל שענער אָנגעטאָן, אָדער אזעלכע וואָס מ'האָט נאָך געקענט פאַרדעכטיקן, אַז זיי האָבן ביי זיך אביסל געלט. (ס'האָבן זיי דערצו מיטגעהאָלפן צוו. אַנד. די מוסרים: מענדל וויינטרויב פון זוואָלין; יוזעף וויסבלום און זעינעק מילשטיין פון סוכדינאָוו; משה'ל שטארק פון ראַדאָם. וועגן זיי אוים-פירלעך — ווייטער.) זיי האָבן אזעלכע אַרויסגערופן, צוגעפירט ביז די דראָטן, זיי „דערשאָסן ביים פרווו צו אנטלויפן" און אלצדינג ביי זיי צו-גערויבט.

געווען אזעלכע ווערקשוצן, וואָס האָבן דעם פסיכאָז פון אנטלויפן אויסגענוצט אויף אַן אנדער אופן:

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַפריינדן מיט די פריש־געקומענע. די נייע טראַנספּאָרטן זענען מערסטנטיילס צוגעשיקט געוואָרן צו די שווערסטע אַרבעטן — וווּ זיי פלעגן לאַנג נישט קענען איבערהאַלטן. זיי פלעגן דער־פאַר זיין די ערשטע, וואָס האָבן געטראַכט פון אַנטלויפן. האָבן זיך שוין געפונען אזעלכע אונטערהענדלער צווישן פּאָליאַקן און ווייניקע יידן, וואָס האָבן אויסגעזוכט א „פריינטלעכן" ווערקשוץ, וועלכער איז גרייט פאַרן פרייז פון עטלעכע טויזנט זלאָטעס בייהילפיק צו זיין ביים אַרי־בערלויפן די דראָטן. דער אנטלויפער האָט בלויז געמוזט אויפפאַסן, אויף וועלכן אָרט דער באַשטימטער וואכמאַן שטייט אויף דער וואַך. אזעלכע פאַלן האָבן זיך געווענלעך געענדיקט מיטן זעלבן:

דאָס געלט איז דעם ווערקשוץ אויסגעצאָלט געוואָרן... דער ייד האָט זיך בייַנאַכט צוגעשלייכט צו די דראָטן, זיך נאָך אַמאָל אויסגעפרעגט ביים וואכמאַן, אויב ער איז פולשטענדיק באַפרידיקט מיט דער באַקומענער סומע... דאַן האָבן זיי זיך „אויפריכטיק" געזעגנט... דער ווערקשוץ האָט זיך געשטעלט 10 שריט ווייטער פון די דראָטן, בכדי צו אָבסערווירן, אויב קיינער זעט נישט און דער ייד האָט זיך לאַנגזאַם און זיכער דער־נענטערט צו דער צוים. בלויז... אַן אומדערוואַרטע קויל אין קאָפּ האָט אים געשטערט אין דער לעצטער מינוט דאָס אַריבערשפּרינגען אויף דער צווייטער זייט — — —

שפּעטער האָט נאָך אזא ווערקשוץ באַקומען א ספּעציעלע אויסצייי־

בענונג און אַ קליינעם אורלויב מיט אַ געלט-באַלוינונג פאַרן כאַפּן אַ ייד ביים אַנטלויפן... וועגן הונדערטער איינצלפאַלן פון דערשיסונגען ביי דער אַרבעט „אויסער דער ריי" און ענלעכע חטאים, וויל איך דאָ איצט נישט באַריכטן.

## VII

ענדע 1942 איז ליקווידירט געוואָרן די יידנשטאָט אין ראַדאָמסק. די גרעסטע טייל יידן זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקי און אַ קלענער טייל פון דער געזונטער יוגנט איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן „האסאג". עטלעכע הונדערט מאַן זענען געבראַכט געוואָרן קיין סקאַר־זשיסק און פאַרטיילט געוואָרן אין אַלע דריי ווערקן. על־פּי־רוב זענען עס געווען געוועזענע געטאָ־פּאָליציי מיט זייערע פאַמיליעס. ס'זענען אויך מיטגעקומען אַ טייל פון דער רייכערער אינטעליגענץ, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן צו דערהאַלטן ביז דער לעצטער מינוט אין געטאָ און שפּעטער זיך צו ראַטעווען אין „האסאג" אַריין. עטלעכע פון זיי איז געלונגען זיך צו דערשלאָגן ביז צו פּאָליציי־שטעלן און אַנדערע לאַגער־פונקציעס. איי־נעם פון זיי, דעם טרויעריק-באַרימטן קזשעפּיצקי, איז אַפילו געלונגען — אַ דאַנק זיינע ברוטאַלע אַרויסטריטן און „גוטער" באַציאונג צו דער ס. ס.-לייטונג — צו פאַרנעמען דעם קאָמענדאַנטן־פּאָסטן אין ווערק א.

אַלס לאַגער־פירער פון ווערק א איז באַשטימט געוואָרן דער דייטשער וואַכמאַן קינעמאַן (באַקאַנט מיטן נאָמען: דער הויקער; ביז צו דער קריגס־ענדע געווען אין דער פאַבריק שליבן, ביי לייפּציק, ווי אַן אויפזעער), וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע סאַדיסטי־שע ניגונגען און שחיטות. זייענדיק דער אינערלעכער אַליינהערשער פון לאַגער, האָט ער אין די יידישע אונטערוועלטלער געפונען אַ גרויסע שטי־צע און דערפאַר זיי צוגעטיילט אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט אויפן חשבון פון זייערע געפּייניקטע ברידער.

פון יענער צייט איז פאַראַן אַ פאַל, וואָס איז ווערט נאָטירט צו ווערן:

צוויי ראַדאָמסקער יידן זענען מיט עטלעכע פּערזאָנען צוזאַמען אַנטלאָפן. אַן אוקראַאינישער ווערקשוץ, קאַטולאַ, האָט זיי נאָכגעיאָגט און געכאַפּט. ער האָט זיי געגומען פירן צום אַלגעמיינעם שיס־פּלאַץ פון ווערק צע. אויפן וועג האָבן זיך ביידע אויף אים געוואָרפן. איינעם האָט קאַטולאַ דערשאָסן און דעם צווייטן איז געלונגען מיט אַ קליין טאַשן־מעסערל קאַטולאַן איבערצושניידן דעם האַלדז און אַנטלויפן... די ווערקשוץ האָט דאַן אַלס נקמה געכאַפּט דריי יידן, צופעליקע, אין דער פאַבריק און דערשאָסן ביים פאַבריק־טויער. דעם זעלבן טאָג האָט דער ווערקשוץ־לייטער געלאָזט אויסשטעלן אַלע יידן פון לאַגער א׳. מען האָט דערוואַרט גאָר־שווערע סאַנקציעס. עס האָט זיך אָבער געענדיקט מיט אַ בלויזער שטרענגער רעוויזיע, ביי וועלכער מ׳האָט צוגענומען אַלע טאַשן־מעסערלעך. ס׳איז דער איינציקער פאַל פון אַקטיוון מ ע ס ע ר ־ ו ו י ד ע ר ־ ש ט אַ נ ד אויפן ווערק א, וואָס איז מיר באַקאַנט. געווען אויך איינצלפאַלן, ווען אַ געשאָסענעם איז געלונגען זיך צו ראַטעווען מיט אַ וואונד, ווען דער ווערקשוץ האָט געמיינט, אַז יענער איז שוין טויט. טאַקע פון איינציקע אַזעלכע ווייס איך די דערציילטע פּרטים אויף גענוי.

אין יאַנואַר 1943 איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־קראַנקהייט אין לאַגער. די יידישע לאַגער־לייטונג האָט אויסגעקליבן אַ באַזונדער באַראַק, ספּעציעל פאַר די קראַנקע. מ׳האָט זיי דאָרט געלאָזט ליגן אָן וועלכער־ס׳איז מעדיצינישער הילף אָדער אויפזיכט. זענען זיי אַזוי געלעגן אין איינענעם קויט און שמוץ, ביז זיי זענען אויסגעגאַנגען. ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל די טויטע אַרויסטראָגן — זענען זיי אַזוי געלעגן מערערע טעג צווישן די נאָך־לעבעדיקע און פאַרשטונקען די גאַנצע לופט אין באַראַק. באַטנשלעגער האָט דאַן גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו באַזייטיקן די טיפוס־עפּידעמיע. ער אַליין האָט דערשאָסן מיט דער אייגענער האַנט איבער הונדערט קראַנקע און פאַראָרדנט דער ווערקשוץ צו דערשיסן אַלע, וואָס זענען בלויז פאַרדעכטיק אין דער קראַנקהייט. אַזוי אַרום זענען אַ סך מענטשן דערשאָסן געוואָרן גייענדיק צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט. ס׳איז גענוג געווען, אַז אַ ווערקשוץ זאָל באַמערקן ביי איינעם אַ געוויסע שוואַכקייט אין טריט אָדער אַן אויפפאַלנדיקע נישט־רירעוו־

דיקייט; באטנשלעגער האט אויך פאראָרדנט, מ'זאָל אים אויפשרייבן אַלע מענטשן, וואָס זענען פריער קראַנק געווען און זענען געזונט געוואָרן. דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון די דייטשע ציוויל־מייסטערס, וועלכע האָבן געקענט פעסטשטעלן, ווער ס'איז נישט געקומען עטלעכע טעג צו דער אַרבעט. מיט אַ באַזונדער אייפער האָט דאָס אויסגעפונען דער מייס־טער דומין. די אַלע געזונטע און קרעפטיקע מענער (ס'איז מיר נישט באַקאַנט די גענויע צאָל) האָט מען אַרויסגעפירט אויפן ווערק צע און באטנשלעגער האָט ביי דער עקזעקוציע אויסגעשאָסן מער ווי אַלע ווערקשוצן צוזאַמען. זענען נאָכדעם געגאַנגען צו דער אַרבעט מענטשן, אַפילו מיט דער שווערסטער קרענק, ביז זיי זענען געפאַלן אויפן וועג...

## VIII

צווישן דער צאָל יידן אויפן ווערק אַ (שטענדיק אין אַ צאָל צווישן 4 און 7 טויזנט נפשות) האָבן זיך געפונען ביז אַ העלפט — פרויען. אוי־סער איינצלנע פּראָטעקציאָנירטע פרויען אין מיטלערע אָדער עלטערע יאָרן (מוטערס אָדער שוויגערס פון אַ קאָמענדאַנט, פּאָליציי־מאַן אָדער פונקציאָנאַר) זענען אַלע געווען בלוט־יונג. די דורכשניט־עלטער איז גע־ווען צווישן 16 און 35 יאָר. יעדע איינע איז שוין עטלעכע מאָל עפּ״י רוב איבערגעקליבן געוואָרן, אַזוי אַז די גאָר־גרעסטע טייל איז געווען שיין און געזונט. מ'קען זיך דערפאַר פאָרשטעלן די סעקסועלע מיסברויכן מצד געוויסע דייטשע און פוילישע מייסטערס, ווי אויך מצד די יידישע קאָמענדאַנטן לגבי די פרויען. מ'קען אויך פאָרשטיין די דעמאָראַליזאַציע וואָס עס האָט זיך אויסגעשפּינט אין אַזאַ שרעקלעכער און באַאָטישער אַטמאָספער, וועלכע ווערט געשילדערט אין די ווייטערדיקע ווערק אויפן יסוד פון אייגענע איבערלעבונגען און אָבסערוואַציעס. כ'וויל דאָ, ווי אַ ביישפּיל בלויז, נאָטירן פאָלגנדיקן פאַל:

דעם 3טן יאַנואַר 1943 האָבן זיך אַלע „גדולים" פון דער לאַגער־לייטונג געמאַכט אַ שטיקל שמחה. נאָך אַ לאַנגן שכורן האָבן זיך אין לאַ־גער באַוויזן באטנשלעגער און אייזנשמיץ. ס'איז געווען 12 ביי טאָג. די

פרויען פון דער נאכט-שיכט זענען אלע געשלאפן. די צוויי שכורים האבן זיך אריינגעלאזט אין די פרויען־באראקן און אלע אויפגעוועקט. זיי האבן אלע פרויען געהייסן זיך אויסשטעלן אין האלב-נאקעטן צושטאנד און לאנג צווישן זיי געזוכט... ענדלעך האבן זיי אויסגעקליבן די 3 שענסטע פרויען אין לאגער (איינע, א געוויסע מ י ל כ מ א ן , פון סוכעדניאוו; א צווייטע, זילבערבערג, פון אפט און א דריטע וועמענס נאמען ס'איז אומבאקאנט). זיי האבן נישט דערלויבט, אז די פרויען זאלן אויף זיך עפעס נעמען, נאר זיי געפירט דריי פערטל נאקעט איבערן לאגער צו זיך ארויף. דארט האט מען זיי באפוילן אויסצוטאן זיך מוטער־נאקעט און יעדע פון זיי איז מערערע מאל געשענדעט געווארן. ארום 4 אזייגער נ. מ. האט באטנשלעגער אראפגעפירט די דערמאנטע צוויי פרויען אין וועלדל אריין און זיי נאקעטערהייט דערשאסן. ער האט דאן געלאזט רופן 2 מע־נער פון לאגער, זיי געהייסן באגראבן און דערביי צוגרייטן א פריש קבר.... ביינאכט־צו האט ער צוגעברענגט די דריטע, וועלכע ער האט אויך אייגנהענטיק דערשאסן... (לויט מיין חבר ברוך גאלדבערג און אנ־דערע.) דאס איז בלויז איינער פון צענדליקער פאלן אויף ווערק א און בע, וואס כ'האב געהערט פון די באגלויבטסטע עדות. איך וויל אבער דער עיקר דערציילן פון דעם, וואס מיינע אויגן האבן געזען. וויל איך דא בלויז עס איבערגעבן אין אלגעמיינע שטריכן:

עס זענען געווען מערערע פאלן, ווען ווערקשוצלער, מייסטער און ענלעכע באאמטע האבן זיך אויסגעקליבן יידישע פרויען, א קורצע אדער לענגערע צייט מיט זיי געהאט באציאונגען און דאן זיי אייגנהענטיק דערשאסן אדער ארויסגעשיקט אויפן ווערק צע . נאך היינט בלוטיקט מיר דאס הארץ ביים אויפרירן אונדזער שוידערלעכסטע שאנד, איך מוז עס אבער טאן כאטש פארבייגייענדיק, קוים־אנגעמערקט, בכדי דעם לעזער כאטש עטוואס אריינצופירן אין יענער אטמאספערע, וואס ווערט גע־שילדערט אין מיינע ווערק.

אזוי האט, למשל, אויף ווערק בע א מייסטער געווארפן אן אויג אויפן שענסטן מיידל אין ווערק. ער האט זי אריינגענומען ווי אן אויפ־רוימערין פון זיין ביורא און זי אויסגענוצט א לענגערע צייט. אין א גע־

וויסן מאמענט איז זי פארגאנגען אין טראגן... ער האט דאן אויסגענוצט א מאמענט, ווען ס'איז פארגעקומען א סעלעקציע און מ'האט אויסגע־קליבן א גרעסערע גרופע קראנקע, דערשעפטע און האלב-נאקעטע... האט ער זי אויסגעזוכט און קאלטבלוטיק זי צוגעשטעלט צו דער ריי... זי האט זיך אים געווארפן צו די פיס, אים געקושט די גלאנציקע שטיוול און אים געבעטן מיט דער מענטלעכסטער שפראך, ער זאל זי לאזן לעבן. זי האט אים דערמאנט, אז זי איז ערשט 21 יאר און אז זי איז נאך אזוי פריש און געזונט... אין צעטומלעניש האט זי אים דערמאנט, הויך אויפן קול, אז ערשט נעכטן נאך האט ער זי אזוי געצערטלט — וואס זשע וויל ער שוין היינט האבן איר לעבן?... אבער ער האט זיך קרום צעשמייכלט און איר בלויז צוגעווארפן ציניש: —דארט וועט דיר, יידין, זיין בעסער... ער האט רואיק ארויסגענומען דעם רעוואלווער און פאר אלעמען אין די אויגן דערשאסן די „פארפלוכטע, היסטערישע יידין..."

אזעלכע פאלן — און נישט אלע האבן זיך געענדיקט מיטן טויט — זענען מיר א סך באקאנט און דינען פאר א קאנווע צו געוויסע קאפיטלען פון דאזיקן בוך.

## IX

דעם 10-טן יאנואר איז פארגעקומען די ליקווידאציע פון דער יידנ־שטאט שידלאָוועץ. אין לאגער האט מען יענעם טאג נאך פון גארנישט געוווסט; בלויז די דייטשע לאגער-לייטונג האט שוין געהאט די געהעריקע אינפארמאציעס. באלד אין דערפרי איז געקומען א מעלדונג אין לאגער אריין, אז היות עס אנטלויפן אזויפיל יידן, ווייל זיי רייסן זיך אין דעם שידלאָוועצער געטא אריין, האט די לאגער-לייטונג באשלאסן, וועלנדיק אויסמיידן אומזיסטע פאלן פון דערשיסונגען, צו רעגיסטרירן אלע וואס ווילן פרייוויליק אהין צוריקפארן, אזוי אז אין לאגער זאל מער נישט זיין אזא אויפגערעגטער באאס און לויף-פאלן; זיי אלע וועלן אפגעשיקט ווערן רואיק אהיים, בכדי די אנדערע זאלן קענען ארבעטן רואיקער.

זעלטן-ווער אבער פון די „אומצופרידענע" האט זיך געוואלט מעלדן;

קיינער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די מאָדנע „באַפרייערישע" הבטחות, וואָס זענען אַזוי פּלוצים געקומען... האָבן דערפאַר די ווערקשוץ מיט דער הילף פון דער פּאָליציי געמוזט כאַפּן מיט כוח „פרייוויליקע" אומקערער קיין שידלאָוועץ... אין ווערק א האָט מען אַזוי אַרום צוזאַ- מענגעכאַפּט 160 מאַן און זיי אַרויסגעשיקט מיטן צוג קיין שידלאָוויעץ; פון דאָרט זענען זיי אויטאָמאַטיש אַוועק מיטן טראַנספּאָרט קיין טרעב- לינקי. דעם זעלבן טאָג האָט מען אין ווערק צע אויפגעכאַפּט איבער 300 פרייוויליקע קיין שידלאָווצע און אויך אַהין אַוועקגעשיקט.

אויך דאָ האָבן זיי צוריקגעבערענגט פון שידלאָווצע אַנדערע מענטשן, געזונטערע און בלויז יונגע, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעקליבן אויפן שיד- לאָווצער זאַמל-פּלאַץ... דאָס איז געווען בערך טויזנט מענטשן, אויך דאָ מוז באַמערקט ווערן דאָס זעלבע ווי ביי דעם „טויש" אין סקאַרזשיסקאָ (זע פריער). קיינער קען דאָ נישט פעסטשטעלן קלאָר, אויב דאָס איז בלויז געווען די אַרבעט פון אַן אינטערעסירטער האַנט...

די לעצטע פון די אָפיציעלע יידנשטעט איז געווען צ ו י ז מ ע ר (פון דער פערטער שטאָט אויעזד האָט מען געשיקט ערגעץ אַנדערשווו און כ'ווייס דערפאַר נישט דעם ליקווידאַציע-דאַטום). מיט די פאַרשידנס- טע מיטלען איז די דאָרטיקע יידן געלונגען זיך אויפצוהאַלטן ביז די ערשטע חדשים פון 1943. הערנדיק אָבער וואָס עס איז געשען מיט די אַנדערע יידנשטעט, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דער באָדן ברענט זיי אונ- טער די פיס און זיי האָבן גענומען זוכן פאַרשידענע אַנדערע אויסוועגן. יחידים האָבן זיך אויסגעבויט טיפע בונקערס אין די שכנותדיקע וועל- דער, זיך אָנגעגרייט שפּייז און אַנדערע איינריכטונגען (אפילו ראַדיאָ- אַפּאַראַטן, צו קענען הערן נייעס און וויסן ווי אַזוי עס זעט אויס די פּאָ- ליטישע סיטואַציע), צו קענען אויסהאַלטן אַ לענגערע צייט און זיך אַהין אַוועקגעצויגן. מיר האָבן פון אַזעלכע מענטשן אין די בונקערס געהאַט שוואַכלעכע גריסן נאָך אין יאָר 1944. די גרעסטע טייל איז אָבער אַנט- דעקט געוואָרן דורך פּוילישע זוכער פון אַ „לייכט" פאַרדינסטל און זענען אויסגעליפערט געוואָרן די דייטשן.

אַנדערע האָבן זיך געלאָזט קאַזערנירן אין דער דאָרטיקער פירמע

„ראָלניק" אין אַ לאַגער, ווייל דער דייטשער דירעקטאָר האָט פאַרזיבערט, אַז ז יי נ ע יידן וועט גאָרנישט געשען, כל־זמן ער וועט לעבן. זענען צו אים אַריבערגעגאַנגען אַ גרויסע צאָל פון דעם יודענראַט, געטאָ־פּאָליציי און אַזעלכע וואָס האָבן פאַרמאָגט די גרויסע סומעס געלט זיך אַהין איינצוקויפן. אַזעלכע איז אַ שאָד געווען זיך צו שיידן מיטן היימישן שטעטל און מיט דער באַליבטער ווייסל — האָבן זיי כאָטש געוואָלט אויף אַזאַ אופן בלייבן נאָענט פון דער נעכטיקער, שוין-איצט חרוב-געוואָרענער היים. אגב, האָט מען זיך אַמאָל געקענט פון דאָרט אַרויסכאַפּן צו אַ היימישן פויער, ביי וועמען מ'האָט געהאַט אַ באַהאַלטן פאַרמעגן און ביי אים עפּעס פאַרקויפן און נעמען עפּעס צום עסן.

אויך פון זיי האָט מען געהאַט כסדרדיקע ידיעות. עס זענען דאָרט פאָרגעקומען סעלעקציעס, אָבער אַ טייל פון די מענטשן זענען דאָרט געבליבן ביז אין מיטן 1944. וואָס עס איז מיט זיי געשען ביים אָנגריף פון די רוסן אויף דער ווייסל אין יענער ריכטונג (ביי באַראַנאָוו), איז מיר אומבאַקאַנט.

נישט אַלע אָבער האָבן געקענט אָנקומען אין „ראָלניק"; באַזונדערס האָבן אַ סך נישט געהאַט קיין צוטרוי צום אייגענעם אָרט. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אויב מען וויל זיך ראַטעווען, מוז מען איינמאָל איבערגעטראָגן ווערן אויף אַן אַנדער אָרט... פּונקט ווי מען וואָלט געדאַרפט יוצא זיין דעם חוב פון פאַרשיקט ווערן. (און אין דעם אינסטינקטיוון ש פּ י ר איז פאַקטיש געלעגן אַ שטיק אמת: אַפילו די יידן, וועלכע די דייטשן האָבן נאָך געוואָלט לאָזן לעבן אַ שטיקל צייט, האָט מען אויך אַוועקגעשיקט אויף אַנדערע ערטער. אַזוי צ. ב. ש. האָט מען אונדז אַוועקגעפירט פון זאַמאָשטש קיין מאַידאַנעק און שפּעטער „אַרויסגעבאָרגט" אַ גרופּע מענטשן פון מאַידאַנעק צו אונדז אין זאַמאָשטשער לאַגער, אַרויסצוענדיקן אונדזער איבערגעריסענע אַרבעט. דאָס האָבן זיי נישט געוואָלט, אַז מען זאָל זיין אויפן אייגענעם געבורטס-אָרט, וווּ מען פילט זיך היימישער און מ'קען שנעלער געפינען אַ זיכער באַהעלט-אָרט, ביים אַנטלויפן...) עס האָבן זיך דערפאַר געמאָלדן אַ גרופּע יינגלעך און ווייביקע מיידלעך פרייוויליק אַוועקגעשיקט צו ווערן אין סקאַרזשיסקער „האַ-

סאג״ אריין. אַ סך האָבן נאָר וואָס, אָדער טאַקע דערפאַר, חתונה געַ־האַט... איז שווער געווען די שיידונג... האָט מען מיטגענומען אַ קישן, אַ פּעקעלע מיט אַ פּאָר העמדער, „אריינגעמאַכט״ אַ פּאָר גאָלד־שטיקלעך אין שיך אָדער שטיוול־קנאַפּל און געלאָזט זיך מיטן גורל...

האָט זיך מיט די צוזמערער געענדיקט דאָס קאַפּיטל טראַנספּאָרטן פון יידנשטעט אין וועַרק אַ. ביי יעדן טראַנספּאָרט איז דאָרט פאָרגע־קומען אַ סעלעקציע, אַ טאָפּלטע: איינמאָל האָט מען אויסגעקליבן מענ־טשן צום תיכּפדיקן טויט און צווייטנס האָט מען איבערגעקליבן די וואָס קענען נאָך פאַר זיי אביסל נוצן און זיי אריבערגעשיקט אינעם קראַפּיר־לאַגער פון ווערק צע. דאָרט איז פון זיי ארויסגעצויגן געוואָרן דאָס לעצ־טע ביסל כח און בלוט ביז זייער פּאַרגיין.

צווישן די דריי ווערקן איז אַ געווען דער גרעסטער, וועלכער האָט אויך געהאַט די גרעסטע צאָל יידן (צווישן 4־7 טויזנט); דאַן איז געקו־מען דער ווערק צע מיט זיינע גיפטיקע ארבעטן מיט אַ דורכשניט־צאָל צווישן 1500 און 3 טויזנט יידן און דער קלענסטער, דער ווערק בע, מיט אַ צאָל פון 5־8 הונדערט יידן (די ציפערן האָבן זיך, צוליב די טויט־פאַלן שטענדיק געוואַקלט און ס׳איז אָפּהענגיק געווען, אויב מ׳האָט צוגע־בּרענגט תיכּף פרישע טראַנספּאָרטן אָדער נישט...).

דאָס „גן־עדן״ פון לאַגער איז געווען דער ביז־איצט באַשריבענער ווערק אַ, אהין האָבן אַלע געחלומט אָנצוקומען... און פאַקטיש זענען דאָרט אין פאַרגלייך מיטן ווערק צע געווען „פאַנטאַסטיש־גוטע״ באַדינ־גונגען... ס׳איז אָבער געווען גענוג מיט עטוואָס זיך צו פאַרזינדיקן, אַז מ׳זאָל, אַלס שטראָף, דערשאָסן ווערן אָדער דאָס נאָך ערגערע: איבער־געשיקט צו ווערן אין ווערק צע און אַרבעטן ביי דער פּיקרין אָדער טראָ־טיל.

## X

דער לאַגער אין ווערק אַ איז געשטאַנען הארט ביים וועג אין שטאָט אריין. דורך די דראָטן האָט מען געקענט זען פאָרן פורלעך, אויי־טאָבוסן... מענטשן גיין אויפן טראָטואר... דאָס האָט פאַרשטאַרקט די

בענקשאַפט נאָך דער פריי אָבער גלייכצייטיק אביסל בארואיקט. ס׳האָט געהייסן, אַז מען האָט נאָך קאָנטאַקט, זאָל זיין דורכן בלויזן אויג, מיט דער פרייער וועלט. מ׳האָט זיך אין איר געפונען און זי געזען, בלויז די דראָטן־צוימען האָבן דיך פון איר אָפּגעגרענעצט. דערפאַר אָבער איז דער ווערק צע געווען איינגעשלאָסן אין דער טיף פון אַן אָפּגעזונדערטן וואַלד. נישט ווייט פון לאַגער א זענען געווען פאַרשידענע געשעפטן און די „האַסאַג״־בעקערײַ. פלעגט אָפט געלינגען זיך צוצוכאַפּן מיט אַ פּאָליציאַנט עפּעס קויפן און אַריינשמוגלען אין לאַגער. די פאַבריק אַליין איז געווען גרעסער און עס האָבן דאָרט געאַרבעט מער ציוויל־אַרבעטער. ווען מען האָט גענומען אוועקשיקן די פּוילישע יונגע מענטשן קיין דייטש־לאַנד, האָבן זיך אַ סך יונגע פּאָליאַקן פון הויכע אַריסטאָקראַטישע הייזער פאַרשריבן ווי אַרבעטער פון דער פאַבריק. די מערסטע פון זיי האָבן געהאַט פּראָטעקציע און אָנגעקומען אין ווערק א, ווו די אַרבעט איז געווען אַ לייכטערע און אַ ריינערע. זיי האָבן זיך מיטגעבראַכט פון די היימען דאָס בעסטע עסן און ביים מיטאָג נישט געגעסן די פאַבריקס־זופּ. זענען געווען יידן, וואָס האָבן פאַר זיי געמאַכט אָדער צוגעהאָלפן ביי אַן אַרבעט און דערפאַר פון זיי באַקומען זייער זופּ־פּאַרציע און אַמאָל אויך אַ שטיקל ברויט. אַזוי אַרום האָבן זיך אַ סך אַ דאַנק דעם געקענט לענגער האַלטן אויף די פיס. אין ווערק צע איז עס אָבער געווען אַ זעלטענערע דערשיינונג.

היות אין ווערק אַ האָבן זיך געפונען מער אינטעליגענץ, וואָס האָבן געהאַט ברייטערע קאָנטשאַפטן און באַציאונגען, איז אַמאָל אויך געלונגען דורך איינעם פון זיי, פאַר אַ הויכן אָפּצאָל נאַטירלעך, אָנצו־קניפּן קאָנטאַקטן מיט וועמען אַ פאַרוואָרפענע משפחה ערגעצוווּ אָדער מיט אַ קריסט, ביי וועמען מ׳האָט באַהאַלטן דאָס פאַרמעגן און ער האָט פון אים עפּעס געבראַכט. אויך דאָ האָבן פּאַסירט פאַרשידענע פּראָוואָ־קאַציעס, רויבערייען; אָבער דאָך האָט עס געוויסע מענטשן דערהאַלטן ביים לעבן.

אין ווערק אַ זענען אויך די אַרבעטער געווען אביסל מילדער ווי די פּוילישע אַרבעטער פון צע, ווו די פּאָליאַקן האָבן אַליין דערשלאָגן

הונדערטער יידן. דער פּוילישער עלעמענט פון ווערק  א  איז נאָך מערסטנטיילס אליין געווען „גרין" אין דער ארבעט און זיך בלויז געזוכט צו „דעקן". דערפאַר זענען זיי געווען צוריקגעהאַלטענער. טייל האָבן געברענגט ברויט צום פאַרקויפן אָדער אָנגענומען אַ בריוול אוועקצושיקן אויף אַן „ארישן" נאָמען. אנדערע זענען דערביי געכאַפּט געוואָרן און געשיקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער. דער פּאָליאַק  נ אָ ו אַ ק  פון סקאַרזשיסקאָ איז אפילו עפנטלעך געהאַנגען געוואָרן פאַר ברענגען ברויט אין פאַבריק אריין צו פאַרקויפן יידן...

אַזוי ווי אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט שטאַרבן מיט דעם שרעקלעכן הונגער-טויט, האָט מען פון זיך אוועקגעגעבן דאָס לעצטע, בכדי צו באַקומען אַ ברויט; מ'האָט אויך אויסגענוצט אַלע ווייטסטע מעגלעכקייטן, ווו מ'קען נאָר אמאָל נאָך עפּעס אַרויסבאַקומען מיט תחנונים-בריוו, צוזאָגן אויף שפּעטערע פרייע צייטן... און די פּאָליאַקן ווייטער האָבן געטרייצט די הויכע פּרייזן און זיי האָבן דערפאַר ריזיקירט מיט זייער שמוגל פון ברויט און בריוולעך. אָט אַזוי האָט די סיטואַציע אויסגעזען ביז מיין קומען, אין יוני 1943.

## XI

נאָך אין דער ערשטער העלפט פון 1941 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אויסצובויען דעם ווערק צע און אים פאַרוואַנדלען אין אַ פאַבריק פון גרויסן מאָסשטאַב. צו די אויפבוי-אַרבעטן האָט מען באַנוצט די יידן פון סקאַרזשיסקאָ. איינער פון די ערשטע יידן, זאַיאָנץ, אַ לאָדזשער, האָט אָנגעפירט מיט די בוי-אַרבעטן ביז דער לעצטער מינוט. אין דעצעמבער 1941 האָט מען געברענגט די ערשטע טראַנספּאָרטן פון געכאַפּטע יידן, וועלכע די קהלות האָבן צוגעשטעלט. די יידן האָבן געאַרבעט אין דער א. ג. וואַלד-קאָמאַנדאָ. זייער אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויסשניידן די אַלטעביימער פון סקאַרזשיסקער געדיכטן וואַלד און צוגרייטן פּלאַץ פאַר די נייע פאַבריקס-האַלעס און פאַר דעם „יודענלאַגער". די ערשטע פאַר הונדערט יידן זענען דערווייל געשלאָפן אין אַ גרויסן באַראַק פון

דער פאבריק. דאס עסן איז באשטאנען פון 20 דעקא ברויט טעגלעך און דריי־פערטל ליטער וואסער־זופ. פונעם שמוץ האבן זיך געמאכט לייז, וועלכע האבן די מענטשן ממש לעבעדיקערהייט אויפגעגעסן. די פאבריקס־לייטונג האט זיך נישט געזארגט פאר די מינדסטע באדערפענישן פון די יידן. פאר איר איז געגוג געווען, זיי זאלן אויספירן זייער ארבעט און ווייטער זאל מיט זיי געשען וואס עס וויל. די אינערלעכע ארבעט איז געלעגן אין יידישע הענט; עס זענען בלויז געווען צוויי זשאנדארמען פון דער שטאטישער זשאנדארמעריע־אפטיילונג, וואס האבן געוואכט איבער די יידן. ערשט מיט א צייט שפעטער איז ארגאניזירט געווארן א ווערק־שוץ פון דייטשע, אוקראינישע און פוילישע וואכמענער. אלס לייטער פון די בוי־ארבעטן איז געווען צו יענער צייט דער אינזשיניער ש מ י ץ פון לייפציק. ער האט אויך אנגעפירט מיטן אויסבויען א נייע באן־ליניע פון ווערק א אין צע ווי אויך מיטן אויפשטעלן באראקן פאר זיינס א ספעציעלער אפטיילונג אין דער פאבריק.

דער דייטשער ארבעטס־אמט אין אסטראוועצ האט — ווי שוין דער־מאנט — זיך פארנומען מיטן צושטעלן יידישע שקלאפן־ארבעטער פאר אלע פאבריקן אין „צענטראלן אינדוסטריע געביט". פון דארט־אויס זע־נען די יידישע קאנטינגענטן פארטיילט געווארן אין די פארשידענע אמו־ניציע־צענטערן. דער שטעל־פארטרעטער פון דעם אינספעקטאר אין דאר־טיקן ארבעטס־אמט ז יי פ מ א ן, וועלכער האט שוין געוווסט וואס עס ווערט געפלאנט מיט די יידן, האט אגיטירט פאר די געטא־מענטשן, מ'זאל זיך פארשרייבן פרייוויליק אין די לאגערן, זאל אפילו זיין צו דער שווערסטער ארבעט! (דאס איז אן אייגנארטיקע מעטאדע פון דייטשן, וואס איך האב בלויז פון איר געהערט אין יענע געגנטן; אין אלע אנדערע געביטן האט מען קיינמאל יידן נישט געפרעגט און נישט געזאגט פריער, וואס זיי זאלן טאן...)

„אויב עס וויל נאך ווער אמאל לעבן בלייבן — האט ער שטיל צוגע־געבן — וועלן עס זיין בלויז די יידן פון די געווער־פאבריקן... דאס וועלן בכלל זיין די לעצטע יידן..." (לויט אינזש. יעקב קורץ פון ווארשע, גע־

ברענגט פון סטאַשעוו. געשטאָרבן נאָך דער באַפרייאונג אין בוכענוואַלד).

אין די יידישע געטאָס איז געקומען אַן אויסניכטערונג. ביז איצט האָט זיך יעדער אויסבאַהאַלטן, מען זאָל אים נישט כאַפּן צו דער אַרבעט און אַפילו זיך אויסגעבויט טיפע בונקערס. די פּאָליטישע סיטואַציע האָט אָבער באַוויזן, אַז די מלחמה וועט זיך לאַנג פאַרציען און די געשעענישן אין אַלע שטעטלעך האָבן באַוויזן, אַז די געטאָס וועלן לאַנג נישט אָנהאַלטן. דערפאַר האָט מען, אָנשטאָט זיך צו באַנוצן מיט גוט־אויסגעבויטע קעלערס, גענומען פאַרשטיין, אַז ס'איז נאָר דאָ איין אויסוועג זיך צו ראַטעווען: אַרויס פון געטאָ! און עס האָבן זיך גענומען מעלדן מער פרייוויליקע ווי עס איז געווען די פאָדערונג. דער יודנראַט איז געווען דער פאַרמיטלער צווישן זיי און אַרבעטס-אַמט; האָבן טאַקע די קהלס-לייט אין דעם געזען אַ קוואַל פון הכנסה. מ'האָט גענומען איבערליציטירן די באַגרענעצטע קליינע צאָל אַרבעטס-פּלעצער פאַר אַלץ העכער און העכערע פרייזן. ס'האָבן גענומען פליסן ריזיקע סומעס געלט פון געטאָ אין די טאַשן פון די „מאַכער" ביים יודענראַט און די באַאַמטע פון אָסטראָווצער אַרבעטס-אַמט. מ'האָט פשוט געמוזט אָפּשטעקן דעם אינספּעקטאָר גרעסערע סומען און גאָלד, ער זאָל אויסזוכן פרישע פּלעצער, ווו מ'זאָל קענען איינאָרדענען די יידן פון די געטאָס...

אין די לעצטע צייטן האָבן טייל פאַרמעגלעכע יידן איינגעזען, אַז זייערע פּאַלאַצן שטייען אויפן וואַסער און אַז זייערע געלטער וועלן סיי-ווי פאַרלוירן גיין, זענען זיי געקומען אין יודנראַט אַריין, געברענגט גרעסערע סומעס געלט און געבעטן, מ'זאָל דאָס געלט נישט צעטיילן צווישן נויט-באַדערפטיקע, ווייל דערמיט וועט מען סיי-ווי קיינעם נישט ראַטעווען; בעסער זאָל מען פאַר דעם געלט באַוועגן דעם אַרבעטס-אַמט, אַז זיי זאָלן זיך באַמיען איבערצוציייגן די דייטשע פאַבריקן, אַז עס איז פאַר זיי וויכטיק אויפצונעמען די יידן צו דער אַרבעט. דאָס קען זיכער ראַטעווען אויף אַ שטיקל צייט. שפּענדונגען אין אַזאַ פאָרעם זענען מיר באַקאַנט פון עטלעכע געטאָ-שטעטלעך.

יעדער האָט אָבער פאַר זיין געלט געזוכט דאָס בעסטע פונעם

ערגסטן. עס זענען געווען פאבריקן ווי די „הערמאַן-גערינג-ווערקע", למשל, אין סטאַראַכאָוויצע, וווּ די יידן האָבן די ערשטע צייטן געווינט אין שטאָט אין מענטשלעך־איינגעאָרדנטע הייזער; אין דער צייט, ווען אין סקאַרזשיסקאָ האָבן שוין מענטשן קראַפּירט פון הונגער און שמוץ. האָט עס דערפאַר יעדן בעסער „געצויגן" אהין, קיין פּיאָנטקי, בליזשין אײדער קיין סקאַרזשיסקאָ, ווו דאָס לעבן האָט סיי־ווי קיין ווערט נישט געהאַט. און דערפאַר איז פאַרשטענדלעך וואָס קיין סקאַרזשיסקאָ האָט מען אין יענער צייט נאָך געמוזט זוכן פּרייוווּיליקע. דער ארבעטס־אַמט האָט נישט שטענדיק אָבער דערלויבט צו כאַפּן קיין מענטשן, ווייל שוין בלויז צוליב געשעפט האָבן זיי געוואָלט, אַז די שקלאַפן-שטראָמען זאָלן גיין אויסשליסלעך דורך זייער האַנט... און יידן האָבן ביז דער לעצ־טער מינוט געזוכט אַ בעסערן אויסוואַל:

„פאַרן זעלבן געלט — האָבן זיי געטראַכט — קען מען דאָך כאָטש לעבן ווי אַ שטיקל מענטש. עס זענען אָבער געווען אַ סך, וואָס האָבן אויף קיין אופן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם געטאָ, ווו מ'האָט די לעצטע צייט געפירט אַ זאָרגלאָז לעבן, ווי הפקרדיק-פאַרמשפטע צום טויט... (זע מיין בוך „די מגילה פון אַ געטאָ" — חורבן זאַמאָשטש.) „וואָס ס'וויל מיט מיר געשען — האָבן אנדערע רעזיגנירטערהייט צוגעגעבן — זאָל מיט מיר געשען דאָ אויפן אָרט... אויף מיין אייגענעם בעט..."

— „כ'וויל נישט דערשאָסן ווערן מיט פאַרלייזיקטע שמאַטעס אויף זיך אין אַ וואַלד ערגעץ..." האָבן אַנדערע פעסימיסטן צוגעגעבן... ס'זע־נען אָבער אויך געווען איבערגענוג קאַנדידאַטן, וואָס האָבן זיך געריסן אין די פאַבריקן.

בכדי צו אילוסטרירן מיט עפּעס די לאַגע אין יענער צייט פאַר מיין קומען אין ווערק צע, וועל איך דאָ איבערגעבן די מיגדלעכע דערציי־לונגען פון מיין פאַרשטאָרבענעם פריינט אינזש. יעקב קורץ פון וואַרשע, איינער פון די העלדן אין מיין ווייטערדיק בוך. ער האָט געזאָלט אָנ־שרייבן די פאַר-געשיכטע פון ווערק אַ און צע, קענענדיק אויסגע־צייכנט יעדן ווינקל און פּאַסירעניש. ער איז אָבער געשטאָרבן באַלד נאָך דער באַפרייאונג אין בוכענוואַלד — פון יאַרנלאַנגער דערשעפּונג.

דערמאָן איך זיך בלויז עטלעכע פּונקטן פון זיינע דערציילונגען און זאָל דאָס זיין אַ מצבה נאָך אַט־דער אומגעוועגלעך-אינטערעסאַנטער יידישער פּערזענלעכקייט...

## XII

קורץ האָט מיר דערציילט:

...ווי אין אַלע שטעטלעך אַרום, האָט זיך אויך ביי אונדז אין סטאַשעוו גענומען רודערן. מ'האָט גענומען זוכן מיטלען ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון דעם אומאויסמיידלעכן יידישן גורל. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אַריינצובאַקומען קיין סטאַראַכאָוויצע. חוץ דעם וואָס אין יודנראַט איז שוין געלעגן אַ גרויסע סומע פאַר דעם צוועק, האָבן מיר, אַ גרופּע פון 280 רעפלעקטאַנטן, איינגעצאָלט צו 100 זלאָטעס פון אַ קאָפּ, בכדי פאַר דעם געלט עפּעס אויפצוטאָן אין דער ריכטונג. נאָכן ביילייגן די סומע האָט מען אונדז אין אָסטראָווצע פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן אַוועקגעשיקט אַהין. אויפן צווייטן טאָג, נאָך דער אינטערווענץ, זענען פאַרפאָרן צו אונדז אין געטאָ 3 גרויסע לאַסט־אויטאָס מיט דער גרויסער אויפשריפט: „האַסאַג"! קיינער פון אונדז האָט נישט געוווּסט אויף קלאָר, וואָס דאָס באַדייט און נישט געכאַפּט זיך, אַז דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס אַן ענדערונג. מ'האָט אונדז פאַרלאָדן מיט די פּעק אין די אויטאָס און אונדז אַוועקגעפירט אין דער אַפּטער ריכטונג. ערשט אין אַפּט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיר וועלן געפירט קיין סקאַרזשיסקאָ. אַ שרעק איז אונדז באַפאַלן: ווער ווייסט, אויב מיר וועלן נישט געפירט אין ווערק צע אַריין!? ס'איז אָבער שוין גאָרנישט געווען צו ענדערן...

...אין סקאַרזשיסקאָ האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסער פאַבריקס-געביידע, וווּ מיר האָבן געוואַרט אויף אונדזער גורל. קעגן פאַרנאַכט־צו איז אַריינגעקומען דער שטאַנדאַרטנפירער און גענעראַל-דירעקטאָר דאַלסקי מיט אַ שטאַלץ און ציניש שמייכעלע. אים האָט באַגלייט דער ווערקשוצלייטער קראַאוזע און אַ 20־30 מאַן פון דער אָפיצירס־אָפּטיילונג „ס. א.—שטורם 102", וואָס איז געווען קאַזערנירט נעבן דער

פאבריק. מיט א מינע פון א קריגס-זיגער האט דאלסקי ארויסגעברומט:
— נו, אלזא... ענדלעך זענט איר דא!...
דאן האט ער ארויסגעצויגן זיין אפיצירן-ברוינינג און דערקלערט:
— אין פארלויף פון דריי מינוט האט יעדער אפצוגעבן אלץ וואס ער פארמאגט: גאלד, געלט, דאלארן, זייגערס... איך ווייס, אז איר האט עס גענוג! נאך דריי מינוט טרעטן מיר צו צום אינדיווידועלן רעווידירן... און דאן — — — ווי וועט דאן דעם יעניקן זיין, ביי וועמען עס וועט געפונען ווערן דאס מינדסטע... מיינט נישט, אז דער טויט איז שוין דאס ערגסטע... מיט א טעאטראלער מינע האט ער געהאלטן דעם אויסגע-שטרעקטן רעוואלווער אין דער האנט און ארויסגעזאגגען, קוקנדיק אויפן זייגער. ס'האט דאן גענומען א ווארט קראאוזע, די אנדערע עפאלירטע שישקעס... פון זייערע שנעלע שרייאיקע רייד האט מען בלויז איינס געקענט ארויסשיילן: געלט... גאלד... דאלארן... ד א ל א ר ן ! ! ! און נאך עפעס האט זיך אלע מאל איבערגעחזרט: מ'וועט אייך דערשיסן ווי די הינט!
...א גאנצן קאסטן מיט גאלד און וואלוטע האט מען דאן צוזאמענ-גענומען, אין פארלויף פון מינוטן, בלויז ביי די סטאשעוווער 280 מאן... מענטשן האבן געווארפן דאס געלט ווי משוגעים, זיי האבן אוועקגעשליי-דערט דאס שטיקל גאלד ווי עפעס א שטיק סם, א גלאנציקע סכנה... און דער בלויזער אנבליק פון די מונדירטע מלאכי-חבלה האט עס געמאכט פארשטענדלעך... ביי אנדערע איז עס געקומען פון א בליץ־שנעלער איבער־גערעכנטקייט: מען דארף זיי אנזעטיקן... זאלן זיי האבן וואס מער אין קויש... ס'וועט זיי אפשר זיך שוין נישט גלוסטן צו זוכן ביי יעדן באזונ־דער — און דאס טיף־פארשטעקטע וועט אזוי ארום בלייבן... נאך דעם איז אבער געקומען א רעוויזיע אויף שעהן. מ'האט געמאכט „שטיך־פראבן" אין די פעקלעך, וו מען האט נאך געפונען פארשידענע זאכן צום רעקוויזירן. ווען די רעוויזיע האט זיך געענדיקט, האט מען אונדז אריבער-געפירט אין א צווייטער האלע אריין. אין דרויסן האט אונדז ערשט די איינפאכע ווערקשויץ גענומען אין דער ארבעט אריין. עטלעכע שעה האבן אלע געמוזט מיטמאכן שטראף־איבונגען פון לויפשריט, פאלן, אויפשטיין,

ווידער לויפן און ווידער פאלן... ביי וועמען זיי האבן געזען א בעסערן אנצוג אדער שטיוול, האט מען אים אראפגעצויגן און געלאזט גיין האלב-נאקעט און בארוויס. ענדלעך זענען מיר אריינגעפירט געווארן אין א צווייטער פאבריקס־האלע, אנטקעגנאיבער. דורך די פענצטער האט מען געקענט זען ווי מ׳פירט אין באלויכטענעם דרויסן פארטיעס מיט יידן. עס קומען אן גרופעס פון טויזנטער מענער און פרויען, וועלכע מ׳טרייבט אריין נאקעט אין די האלעס... נאך א שעה פירט מען א טייל ארויס און מען טרייבט אריין אנדערע...

שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס איז בלויז א געווענטלעכע, נארמאלע „פילצונג" (זוכונג), אויף וועלכער זיי האבן צוזאמענגעטריבן די יידן פון אלע דריי ווערקן צוזאמען... מיר זענען דארט ווי ס׳איז איבערגעקומען די נאכט. די ווערקשוץ איז אין פארלויף פון דער נאכט אלע מאל אריינגעפאלן און זיך אויסגעקליבן קרבנות ביי וועמען אלצדינג צוצורויבן. פון מערדערלעכע שלעגערייען איז שוין אפגערעדט... אינדערפרי איז דאלסקי ווידער געקומען מיט זיינע נעכטיקע באגלייטער און ס׳האט זיך ווידער אנגעהויבן דאס נעכטיקע בארויבונגס-שפיל. ענדלעך האט דאלסקי א באפעל געגעבן: אפפירן מיר 200 מאן אויף דער ווארענדא!... ביז דער לעצטער מינוט האבן מיר נישט געוווסט, אז דאס ווערן מיר געפירט אויפן ווערק צע..."

די דערציילונג איז בלויז א שילדערונג פון אלטעגלעך געשעענעס און איז פארגעקומען אין סעפטעמבער פון 1942. דאס שפיגלט מיט זיך אפ דעם ארויסריס פון די לעצטע יידן אין פארשידענע געטאס, אין יענעם קרייז און פון די „האסאגישע" אריינקום־אומשטענדן. אזוי ארום זענען זיי אריין אין פיסק פון דער גרויסער טויט-מאשין.

## XIII

ווי איך האב שוין געשריבן, האט מען די יידן ביז דאן נישט צוגענומען אין דער אינערלעכער טייל פון דער פאבריק. א געוויסע גרופע האט געארבעט ביים באראקן־בוי און א גרעסערע טייל (בערך 900 מאן) זענען

געווען באשעפטיקט אין דער וואלד־קאמאנדא. ערשט אין סעפטעמבער 1942 האט מען אויסגעקליבן פון דער סטאשעווער גרופע די ערשטע 40 מאן צו די שעדלעכסטע ארבעטן. דאס זענען געווען די יינגסטע און שטארקסטע, וועלכע מ'האט אוועקגעשטעלט ביים אויפרייס־שטאף פאר גראנאטן, דעם טראטיל; אזוי ווי דער פרווו האט זיך איינגעגעבן און די יידן האבן זיך שנעל קוואליפיצירט אין דער מלאכה — האט מען גענומען וואס מער יידן און זיי איבערגעווארפן אויפן אינערלעכן שטח פון דער פאבריק. ס'זענען געבליבן בלויז קלענערע צאלן פון פוילישע ארבעטער, אלס אויפזעער, מייסטער און טעכנישע פאכלייט.

א שטיקל צייט איז געווען אויפזעער איבערן לאגער דער וואכמאן שניידער, א „גוטמוטיקער" דייטש וואס האט געלאזט צו זיך רעדן; ווען ער איז אבער אריינגעקומען אין זיין רציחה — און דאס: גאנץ שנעל... — פלעגט ער נישט אפלאזן זיין קרבן, ביז ער איז נישט געפאלן א טויטער אונטער זיינע הענט. שלאגן — דאס איז ביי יענעם אזא ספארט געווען... אלס אויפזעער איבער דער וואלד־קאלאנע איז געווען דאס געשפענסט צ י מ ע ר מ א ן (באקאנט געווען מיטן נאמען „די גרינע מארינארקע"). ער אליין האט פארניכטעט, לויט שאצונגען, איבער טויזנט יידן. זיין מע־טאדע איז געווען צו קומען צו דער ארבעט און פון דער ווייטנס אבסער־ווירן די מענטשן. ס'האט נישט געהאלפן דאס וואס מען האט אים דער־שפירט פון דער ווייטנס און מ'האט דאן געארבעט מיט אלע איבער־כוחות, וואס זענען נאר ערגעצוו פארשטעקט געווען אין די גלידער — ער האט זיך זיינע קרבנות געמוזט געפינען יעדן טאג.

זיינס א קרבן האט ער ארויסגערופן פון צווישן אלע און באפוילן: בוק זיך! און דאן האט ער מיט א רואיקער באוועגונג גענומען קלאפן מיט א דין ביימל... יעדער קלאפ האט געהאט זיין ציל און געצילט האט ער אין דער חוט־השדרה אריין... אין גאנץ ווייניק פאלן האט ער זיין קרבן צוגעשאסן. אין מערסטע פאלן האט ער ליב געהאט צוצוזען ווי זיין קרבן דרייט זיך נאכדעם פון איין זייט אין דער צווייטער אין משונהדיקע יסו־רים... ער איז געווען א גרויסער ספעציאליסט אין שלאגן און נאך איין שעה ליגן ביי אים אין די הענט איז ממש יעדעם ביינדל אין יעדער אבר

געווען איבערגעבראָכן... מיט אַ ווילד־טיפער הנאה איז ער געשטאַנען און אַריינגעזאַפּט אין זיך יעדן וויטיק־אויסגעשריי, יעדן גסיסה־כאָרכל... אָט־אַזוי האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין די רייען און זיך אויסגעזוכט די קרבנות.

אָפּטמאָל איז ער אַריינגעפאַלן אין לאַגער, זיך אויסגעזוכט עטלעכע מענטשן, זיי אַוועקגעפירט אויפן שיס־שטאַנד און דערשאָסן. שפּעטער איז ער געקומען נאָך אַנדערע... די צווייטע גרופּע. וואָס פלעגט גיין מיט רעזיג־נירטער ציטערניש אויפן וועג, האָט ער די גאַנצע צייט פון גיין משוגע גע־מאַכט מיט זיינע פראַגן:

איינעם האָט ער געפרעגט: זאָג מיר; צי האָסטו פאַר מיר מורא? אַ „ווילער יונג" האָט זיך געמאַכט הארץ: און בכדי אים נישט אָנצורירן אין כבוד, האָט ער זיך געמאַכט ווי תמעוואַטע: פאַרוואָס זאָל איך עפּעס פאַר דיר מורא האָבן? ביסט דאָך אַ מענטש... ער האָט אָבער פאַר אַזאַ ענטפער באַקומען גוט־צעשלאָגן: וואָס? דו וואַגסט צו לייקענען, אַז דו ציטערסט? דו בלעדעס אייזל! פרעגסט זיך ערשט „פאַרוואָס"? קאָנסטו מיך נישט? פאַר מיר? פאַר מיר האָסטו נישט קיין אַנגסט!?... טאָ האָסטו דיינס און באַקען מיך ריכטיק... דער צווייטער, וואָס האָט שוין געענטפערט, אַז ער שרעקט זיך יאָ... האָט אויפסניי ערשט באַקומען געהרגעט: „פאַרוואָס זאָל מען מורא האָבן פאַר מיר, האַ; בין איך אַ חיה? אַ וואַמפּיר, וואָס!?"...

על־פּי־רוב האָט ער געפירט די צווייטע גרופּע, זיי זאָלן באַגראָבן די וואָס ער האָט פריער דערשאָסן. קיינער האָט אָבער ביז דער לעצטער מי־נוט נישט געוווּסט, אויב ער גראָבט בלויז דעם קבר, אָדער ער וועט זיך אויך מוזן אַהין אַריינלייגן... ער האָט דאַן געהייסן נעמען די, וואָס ער האָט נאָר־וואָס צעשלאָגן און אָנגעשראָקן; זיי אַוועקגעבן דאָס געלט וואָס ער האָט צוגערויבט ביי די פריערדיקע קרבנות, זיי געהייסן אַראָפּציען פון יענע די זאַכן ווי: שיך, הויזן, העמד און פולאָווער... נאָכדעם ווי זיי האָבן געמאַכט זייער אַרבעט, האָט ער זיי אַליין צוריקגעפירט פון שיס־שטאַנד; זיי אַדורכגעפירט פאַרביי דער קיך, און באַפוילן זיי אָנצוגיסן פולע קאָך־געשירן מיט עסן און דאַן זיי געהייסן אַוועק מיט לויף־שריט אין לאַ־גער אַריין.

די גרעסטע הנאה האָט אים פאַרשאַפט דאָס געפיל, אַז מ׳ציטערט פאַר אים. אַז ער איז דער האַר פונעם לעבן און טויט ביי די אַלע דאָ. אַ טייוואָליש שמייכעלע האָט זיך געשפּילט מיט זיינע ליפּן, ווען ער האָט גע־זען ווי ביי זיין אָנקומען בויגן זיך אַלע רוקנס אין פיבערדיקן געאייל. אַ באַזונדער ספּאָרט איז פאַר אים דאָס קומען אין לאַגער אריין און צוזען ווי אַלע נעמען זיך אימהדיק אָפּטראָגן פון פלאַץ; דאָס גרעסטע פאַרגעניגן זיינס אָבער איז געווען, ווען ער פלעגט אָנכאַפּן איינעם אַזאַ, אַן אַנטלויפנ־דיקן און זאָגן איין וואָרט: ק ו ם ! — — —

אַ באַזונדער בלוטיק קאַפּיטל זענען געווען זיינע פּוילישע פאַר־אַרבעטער און אונטערגעאָרדנטע. דער פּוילישער פאָראַרבעטער און גע־הילף זיינער ק אַ ט ל ע נ ג א — וועלכער איז פון אים אויך באַ־שטימט געוואָרן אויסצוטיילן דאָס עסן פאַר דער גרופּע — האָט אויף זיין געוויסן הונדערטער יידישע לעבנס. זיין טעטיקייט וויל איך דאָ שיל־דערן מיט עטלעכע אילוסטראַציעס, לויט פאַרשידענע חברים:

„...צוועלף אַזייגער קומט דער פייף: מיטאָג! מיר קריכן, די האַלב־נאַקעטע סקעלעטן־גופים, ארויס פון די גריבער און שטעלן זיך אויס אין אַ לאַנגער שלאַנגען־ריי... קאַטלענגא שפּאַצירט ארום מיט אַ ריזיקן דראָנג ארום דער ריי. ניין הונדערט פאַר הונגעריקע אויגן קוקן צו די פעסלעך הייסער, שיטער־געקאָכטער קאַשע... ענדלעך נעמט קאַטלענגא דעם גרויסן לעפל צום אויסטיילן... נאָכן ארויסגעבן די ערשטע דריי פּאָרציעס לייגט ער אוועק דעם לעפל פון דער האַנט און נעמט זיין באַליבטן דראָנג... אַ מעכ־טיקער זעץ איבערן קאָפּ לייגט אוועק איינעם פון דער ריי, אַ צווייטן... אַ פערטן... מיט אויפגעשפּאָלטענע קעפּ... און אָט טיילט שוין קאַטלענגא ווידער אויס דאָס מיטאָג.. שטילשווייגנדיק רוקט איינער אונטער נאָכן צווייטן זיין פאַרזשאַווערט בלעכן געשיר... ענדלעך: ס ט אָ פּ ! קאַט־לענגא מעסט אָפּ דעם לעצטן וואָס שטייט פאַר אים פון קאָפּ ביז די פיס: וואַרף אוועק דיין געשיר! שווייגנדיק ווערט דער באַפעל אויסגע־פירט. גרויסע, הונגער־אויפגעריסענע אויגן פרעגן שטום: וואָס ווייטער? קאַטלענגא באַפעלט: ארונטערנעמען דאָס היטל!... ווי אַן אויטאָמאַט נעמט יענער ארונטער זיין היטל. אַ ווייטערדיקער באַפעל: אונטערשטעלן! מע־

כאַניש שטעלט יענער אונטער זיין היטל, אין וועלכן קאָטלענגאַ גיסט אַריין אַ הייסע פּאָרציע זופּ... און דאַן — דער לעצטער באַפעל: אָ נ ־ ט אָ ן צ ו ר י ק ד אָ ס ה י ט ל! דערשראָקן און שוין ווי אָן באַוווסטזיין ווערט דאָס פולע היטל אָנגעצויגן איבערן קאָפּ אַריבער... אַ ווילד פאַרצווייפלט געשריי לעכערט די לופט... אָבער שוין מוז אַ צוויי־טער זיך אונטעררוקן אונטער דער ריי. דערשראָקן זוכן די אויגן פון די הינ־טערשטע אַן אָרט דורך וואַנעט מ׳זאָל זיך קענען אַרויסבאַקומען פון דער ריי... זיי ווילן בעסער הונגערן, שטאַרבן פאַר הונגער איידער צו זיין אויס־געשטעלט דאָ אין דער ריי אויף אַזעלכע טאָרטורן! אַ גרינער סילועט אָבער צווישן די ביימער אין דער זייט וואָרנט מיט דער שרעק פון טויזנט מלאכי־מות זיך נישט צוריקצוציען... דאָס הילכיקע, טייוול־געלעכטער פון יענער זייט שמידט אַלעמען צו צו די ערטער... אַהאַ! ס׳געפעלט אים דאָרט! דאָס לאַכט אַזוי הנאהדיק פון דעם ספּעקטאַקל צימערמאַן, די גרינע מאַרי־נאַרקע!...

...קאָטלענגאַ בליקט אויף זיין האַנט־זייגער: די האַלבע שעה פון מי־טאָג האָט זיך שוין געענדיקט. אַ גרויסע טייל פון דער ריי האָט נאָך נישט באַקומען קיין מיטאָג... אַלע קוקן געשפּאַנט... מיט איין שטוים קערט קאָט־לענגאַ איבער דאָס איבערגעבליבענע עסן אין פאַס — — — די ריי לייזט זיך אויף ספּאָנטאַן. אַלץ וואַרפט זיך אויף דעם אויסגעגאָסענעם עסן, וואָס מישט זיך אויס מיט ערד און מיט קויט... מ׳קראַצט מיט די לעפל שנעל אין מויל אַריין... הונדערטער צונגען לעקן אַרום די ערד; מ׳קראַצט אַריין שטיקער ערד אין מויל אַריין, בכדי פון דאָרט אַרויסצוזויגן די לעצטע איינגעזאַפּטע פייכטקייט פון דער זופּ... און איבער זיי — קאָטלענגאַ... מיט אַ יונג ביימל זעצט ער איבער קערפּערס, איבער איינגעפלאָכטענע הענט, פּיס און רוקנס... קעפּ שפּאַלטן זיך אויף, אברים בלוטיקן... און דאָס גרויסע, פילקעפּיקע באַשעפעניש אויף דער ערד וואַרפט זיך אין הונגע־ריקן געבריל און אין קאָנוווּלסיע... בלוט מישט זיך אויס מיט דעם אויס־געגאָסענעם עסן אויף דער ערד... אָבער די פאַרטרוקנטע צונגען לעקן בלינד אַריין אין זיך אַלץ פון דער ערד מיטן שמוץ און מיטן בלוט...

פון די פאַרשידענע דערציילונגען וועגן קאָטלענגאַס מעשים־תעתועים

האָב איך בלויז אַרויסגענומען אַיין „בלימל״, וואָס איך האָב שפּעטער אַליין בייגעוווינט אין פאַרשידענע פאָרמען און איז געווען אַן אַלטעגלעכקייט אויפן ווערק צע.

שפּעטער־צו, ווען איך האָב קאָטלענגאָן דערקענט, איז ער שוין געווען אַבּיסל צוריקגעצויגן און אַפילו צו ביסלעך אונטערגעהאַנדלט מיט די יידן. זענען מיר אַמאָל געזעסן ביי אַ באַראַק־טישל, ווו ער איז געזעסן אַ שכורער און זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ:

„...כ׳ווייס, אַז די רוסן דערנענטערן זיך. טאָמער וועלן זיי אַריינקומען אַהער און עמעצער פון אייך וועט לעבן בלייבן — וועט ער מיך זיכער אויפהענגען... און אפשר מיט אַ געוויסן רעכט... איינס וויל איך בלויז אייך זאָגן: דאָס אַלץ וואָס כ׳האָב געטאָן, האָב איך געמוזט. כ׳בין אַ פּויזנער... אַ פּוילישער פּאַטריאָט... (ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט ער מיטגעאַרבעט, ווי אַ ריי אַנדערע פּוילישע יידן־מערדער, אין דער אונטערערדישער באַוועגונג.) פאַר זיי אָבער בין איך אַ פאָלקס־דייטש! באַזונדערס פאַר דער גרינער מאַרינאַרקע... איר מעגט מיך כשר אויפהענגען — אויב איר וועט עס דערלעבן; איינס אָבער געדענקט: נאָך צימערמאַנס אַוועקפאָרן איז מיין באַציאונג צו אייך אַנדערש געוואָרן...

און ער איז נישט געווען דער איינציקער. די פאַרשידענע רוצחים־טיפּן, צווישן וועלכע ס׳איז אויסגעקומען צו לעבן און ווערן געשילדערט ווייטער, זענען בלויז דאָרטן געווען אין די הונדערטער; מער אָדער ווייניקער רוצח. דאָס זענען אין אַלגעמיין בלויז איינצלנע פּראָטאָטיפּן אויפן פּאָן פון פּוילנס פאַרבלוטיקטע שטחים...

## XIV

דער ווערק „צע״ האָט געשלונגען איין טראַנספּאָרט נאָכן צווייטן. זענען געבּרענגט געוואָרן יידן פון די ווייטסטע שטרעקעס: פון פּלאָצק, פּיאָטרקאָוו, קלימענטאָוו, ראַדאָמישל, ביליץ, לאָדזש א. אנד. די אַרבעט אָבער האָט אַלעמען שנעל פאַרצערט; ווו די דירעקציע האָט נאָר געקענט אויסזוכן אַ טראַנספּאָרט, האָט זי געשלעפּט; די יינגסטע, די געזונטסטע

זענען אָבער שנעל אַריינגעפאַלן אין דער אויסזיכטסלאָזער אָפּצערונג. קיין וועש האָט מען נישט געביטן; ווער ס'האָט געקענט, האָט זיך אַליין אויסגעוואַשן זיין העמד מיט אַ ביסל קאַלט וואַסער. די גרעסטע טייל האָט אָבער נישט געקענט קומען צו דעם גליק און זענען טאַקע שווידערלעך פאַרשמוציקט געוואָרן. שלאָפנדיק אויף אַ ביסל פאַרשימלט, יאָרן־אַלט שטרוי אָדער האַרט ברעט; נישט אויסטוענדיק זיך חדשים, זענען די נאַטירלעכסטע זאַכן געווען לייז און טיפוס. קיין מעדיצינישע הילף איז נישט געווען; בלויז צוויי נישט־אויסגעבילדעטע אָבער דערפאַר פּראָטעזשירטע בחורים, זענען אָנגעגאַנגען ווי די אָפּיציעלע סאַניטאַרן. זייער אַרבעט איז אָבער גיכער באַשטאַנען אין אויפצייכענען די ליסטע פון קראַנקע פאַר די אָפּטע סעלעקציעס. זיי האָבן נישט געהאַט קיין פאַרבאַנד־שטאָף, וואָס זאָל דערמעגלעכן צו דערטיילן אויך די „לעגאַלע" הילף פון פאַרבינדן קלייִנע, היילבאַרע ווונדן, איז אַלץ איבערגעלאָזט געוואָרן צו דער דעציזיע פון דער נאַטור. די וואָס זענען נישט באַלד געפאַלן, נאָר מיט אַלע אָנשטרענגונגען זיך געשלעפּט צו דער אַרבעט, האָבן אָבער נישט אויסגעמיטן דעם שאַרפן בליק פון דעם וואַכפירער קיסלינג, וועלכער האָט צוזאַמענגעשלעפּט יעדע וואָך קראַנקן־גרופּעס פאַר דער שיס־שטעלע. מאַסן מיט מענטשן האָבן זיך געפּרוווט ראַטעווען דורך אַנטלויפן. זיי האָבן זיך געוואָלט אַזוי אַרום אַריבער באַקומען אין אַן אַנדער לאַגער, קיין קיעלץ אָדער אָסטראָווצע; אָדער לכל־הפּחות אויפן ווערק א — אַזעלכע פאַלן האָבן זיך כמעט שטענדיק געענדיקט מיטן טויט. עס זענען מיר באַקאַנט אויך ווייניקע פאַלן פון אַ גליקלעכער רעטונג אין אַ צווייטן לאַגער אַריין. דאָס איז געווען איינס פון די פאַסירעניש־רייכסטע קאַפּיטלען אין צע.

ווי אַזוי דער וואַכפירער קיסלינג האָט אויף אַזעלכע פאַלן רעאַגירט, וויל איך דאָ בלויז אילוסטרירן מיט אַ פאַל, וואָס עס האָבן מיר איבערגעגעבן מיינע חברים פון צוויזמער:

**אַ פרילינג־טאָג אין ווערק צע.** די נאַכט־שיכט גרייט זיך צו גייִן אַרבעטן. שנעל כאַפּט יעדער זיין ברויט־ביסן מיט דער ביטערער „קאַווע" און האַלב־קייענדיק וויל יעדער וואָס־פריער פאַרטיק ווערן, נאָך אייִדער מען טרייבט אַרויס... פּלוצים: אַ פייף! אהא... ס'איז שוין ווידער

עפּעס גייעס... זאָל עס נישט זיין אמאָל אין צוזאמענהאנג מיט דער נעב-טיקער גרופּע צויזמערער, וואָס זענען ביינאכט אנטלאָפן?... שוין זענען אויסגעשטעלט אלע גרופּן — מ׳שפּירט אבער בחוש, אז מען גייט נאָך נישט! דאָ מוז נאָך עפּעס פריער פּאַרקומען... פון ווייטנס זעט מען שוין אָנקומען קיסלינגן מיט דעם אויספּאָרשער פון ווערק, זאַנדער, אין דער באגלייטונג פון עטלעכע ווערקשוץ. ער זאָגט עפּעס דעם יידישן קאָמענדאַנט אייזנבערגן; יענער גיט עפּעס איבער עטוואָס צעטומלט דער יידישער פּאָליציי און שוין צעשרייען זיך צענדליקער פּאָ-ליצייאישע מיילער אין אלע זייטן:

— די צויזמערער טרעטן איין באַזונדער!

אלע ווייסן שוין אין וואָס עס גייט... א גלייכע וואנט פון געקליבענע יינגלעך בלייבט שטיין; אָפּגעזונדערט און געשלאָסן. די צויזמערער — דאָס זענען די שטאַרקסטע און שענסטע גרופּע אין לאגער. זיי איז גע-לונגען — ביי זייער רעוויזיע — צו באהאלטן אביסל געלט; גאנץ באַ-זונדער האָבן זיי נאָך א שטיקל באהאַלטענעם קאָנטאקט מיט די געבלי-בענע יידן אין צויזמערער „ראָלניק״; פון וואנעט זיי האָבן באקומען צוגע-שיקט פון צייט-צו-צייט געלט און חפצים — זיי קענען דעריבער גיכער איבערהאלטן און זענען דערפאַר אוים אביסל לייטישער...

קיסלינג שטייט שטייף און גלאָצט אויף דער מוסטערהאפט-איינגע-טרעטענער ריי מיט זיינע רוצחיש-פאַרנעפּלטע אויגן...

„...ניין ...צען!״ זיין פינגער בלייבט שטיין ביי א העלדישער פיגור, ווי פון גראַניט געהאַקט. „3 שריט פאָראויס!״... יענער שפּרייזט דריי טריט פאָראויס און בלייבט שטיין ווי א מאָנומענט...

„...אכצן... ניינצן... צוואנציק...״ ווידער אן איין- און-צוואנציק-יערי-קער בחור... דרייסיק... פופציק... זיבציק... — — — — ווי עמעצנס א גע-היימע מיסטישע האַנט וואָלט דאָ מיט-דיריגירט מיטן בייזן שפּיל און זשאָנגלירט מיט די ציפערן; און כשופט ארויס די שענסטע צויזמערער זין פון דער ריי ארויס... אלעמענס געדאנקען טראכטן דאָס זעלבע:

— וועט ער טאַקע — — — אלע גלעטן צערטלעך — ווי צום געזע-גענען — מיטן אויג די פּרעכטיקע געשטאַלטן אין דער ריי אקעגנאיבער...

יעדער האָט איצט די געלעגנהייט זיי דאָס לעצטע מאָל צו באַוווּנדערן: אַזעלכע גבורים! אַזוינע ריזן!... אַ האַנט־באַוועגונג פון זאַנדערן פּאַראַלי־זשירט דאָס ווייטערדיקע וועבן־זיך פון אַ יונגן געדאַנק:

— — — — קלאַק! קלאַק! קלאַק!... ווי אונטערגעהאַקטע מאַרמאָר־זיילן פאַלט איין געשטאַלט נאָכן צווייטן — — — —

„... צ ו  ד ע ר  אַ ר ב ע ט !" אַלץ מוז פאַרביי מאַרשירן נעבן אָרט, וווּ עס ליגן דערשאָסענע צען וואַרעמע גופים; די לעצטע, שטאָל־צע רעשט פון אַן אונטערגעבראָכענעם יידישער יוגנט...

„...איינס... צוויי... דריי..." ווי יעדן טאָג ציילט דער יידישער פּאָ־ליציאַנט ביי דעם טויער די אַרויסמאַרשירנדיקע גרופּעס; דאָס מאָל גייען אָבער די רייען אַרויס מיט טיפער־געבויגענע קעפּ...

## XV

בראַש פון ווערק צע איז געשטאַנען אַן אומגעוווּנלעכער קאָמפּלי־צירטער טיפּ פון אַ יידישער פרוי, אַלס די לאַגער־עלטסטע, מ אַ ר ק אַ־ ו י ט ש. איר געהילף איז געווען דער שוואָגער אירער, אייזענבערג. ער האָט געהאַט אין לאַגער אויך זיין פרוי און קינד. אַ דריטער שוואָגער איז געווען דער לייטער פון דער באַשפּייזונג. אויך ער האָט געהאַט זיין פרוי מיט צוויי קינדער ווי אויך די מוטער פון אַלע דריי שוועסטערן, וועל־כע זיי האָבן באַוויזן צו ראַטעווען. זיי האָבן אַלע געוווינט צוזאַמען אין אַ באַזונדער באַראַק און זענען געווען די  אַ יי נ צ י ק ע  משפּחה אין לאַגער. דעם באַראַק, וווּ די הערשער־משפּחה האָט געוווינט, האָט מען אין לאַגער סאַרקאַסטיש גערופן: דאָס ווייסע הויז. אַקעגנאיבער דעם הער־שער־באַראַק האָט זיך געפונען די וווינונג פון דער פּאָליציי און די פּאַר־שידענע סוב־קאָמענדאַנטן. עס איז געווען אַן אָפּטיילונג פון דער אינער־לעכער פּאָליציי, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו היטן די אינעוווי־ניקסטע אָרדענונג אין לאַגער און די אַנדערע טייל וואָס האָט זיך גע־רופן: די פאַבריקס־פּאָליציי און איז געווען פאַרטיילט לויט די פאַבריקס־פּלעצער. יעדע פּאָליציי־אָפּטיילונג האָט זיך געהאַט איר פּאָליציי־עלטסטן,

וואס האט זיך געצירט מיט ספעציעלע שטערנדלעך אויפן היטל. די אלע מענטשן האבן אין אינערלעכן לעבן פון לאגער געהאט אן אומבאגרענעצטע מאכט, געווען שענער געקליידט און בעסער געלעבט. געווען אויך גרופעס פון פריווילעגירטע, וואס האבן געהאט בעסערע ארבעטס-שטעלן, ווו מ׳האט געקענט האנדלען און פארדינען. טייל פון זיי האבן געהאט ספעציעלע פראַ־טעקציע ביי א דייטשן מייסטער און דערפאר געקענט דורך זיי דערגרייכן פארשידנס. אזעלכע האבן זיך געלעבט באזונדער, געבלאזן פון זיך און נישט געקומען אין קאנטאקט מיט די הונגעריקע און אויסגעמאטערטע, סיידן ווען מ׳האט ביי אזעלכן געמוזט אויסקויפן זיין לעצטן גאלדענעם צאן... די דאזיקע שיכט, צוזאמען מיט דער פאליציי האבן געציילט צווישן 2 און 3 הונדערט מאן. זיי האבן געלעבט אין א געוויסער זיכערקייט, גע־ווען געשיצט קעגן סעלעקציעס און קיינמאל נישט געהונגערט; אפילו גע־לעבט אין א פארשווענדערישן לוקסוס, אין פארגלייך מיט די אלגעמיינע לאגער-פארהעלטעניש. זיי האבן זיך אויך געקענט דערלויבן צו פירן ראַ־מאנען, זיך אויסזוכן פרויען אדער מיידלעך, וואס האבן געוואלט לעבן בע־סער און זיי אפגעקויפט פאר א שטיקל ברויט, פלייש, א קליידל אדער א בעסערע שטעל אין דער פאבריק. די וויטערע שילדערונגען אין בוך זענען בלויז בלאסע אפשפיגלונגען פון דעם וואס עס האט זיך אין דער הינזיכט דארט אפגעשפילט. די געשטאלטן, וואס ווערן ארויסגעפירט, הגם צוליב געוויסע סיבות אונטער אנדערע נעמען, זענען רעאלע. די ליטעראַרישע פארם פארמילדערט בלויז די העלדן און דאס פאקטיש-פאסירטע. דער מחבר האט בלויז אין געוויסע מאמענטן זיי אינטערפרעטירט און פאר־טיפט, האלטנדיק זיך אבער שטענדיק אין די ראמען פון דער טרויעריק-געוועזענערווירקלעכקייט.

מיט א שווער הארץ האט ער גענומען אויף זיך די דאזיקע נישט־באקוועמע ארבעט צו שאפן דעם אמתן מאנומענט פארן גיהנום-טאל פון ווערק צע — הגם אנדערע פון די באשריבענע העלדן לעבן נאך און וועלן זיך דא מיט זייער גאנצן נעכטן ווידער-געפינען. ער ווייסט אויך, אז געוויסע האנדלונגען און פאסירענישן וויל א ספעציעלע, אפשר בארעכ־טיקטע און אלנפאלס פארשטענדלעכע טענדענץ פארדעקן; וועט אפשר

דאָס דאָזיקע, ווי ער גלויבט, אָביעקטיווע ווערק ארויסרופן אַ סך אויפֿ־רעג און פּאָלעמיק — קען ער אָבער נישט אַנדערש ווי ארויספירן די פֿאַקטן אין זייער גאַנצער ברוטאַלער נאַקעטקייט, ווי ווייט זיין אינערלעך געפיל האָט עס אים דערלאָזט. וועט דאָס אפשר פֿאַרפיקסירן דעם בלויזן נאָגל-שפּיץ פון מענטשלעכער דערהויבנקייט און נשמהדיקע צ ע פ א ל נ־ק יי ט.

איז עס דערווייל געגוג ווי אַן אריינפיר אין דער אַטמאָספערע פון דער שילדערונג, בכדי אויפצונעמען מיט פֿאַרשטענדעניש די לעצטע רעשטן פון די געטאָס וואָס האָבן דאָרט געלעבט, געליטן און געפאַלן.

**
*

איך בין נישט געווען פון די ערשטע אין סקאַרזשיסקער „האסאג". דערפאַר קען איך נישט פעסטשטעלן, וויפל יידן ס'זענען דאָרט אומגע־בראַכט געוואָרן אויפן לאַנגזאַמען אופן. די קאָמענדאַנטין, פרוי מאַרקאָ־וויטש, האָט מיר די לעצטע טעג פאַרן גרויזאַמען ליקווידירן דעם לאַגער איבערגעגעבן אַ ציפער פון 50 טויזנט טויטע (שוין צוזאַמען מיט די וואָס זענען בסדר אַנטלאָפן און דערשאָסן געוואָרן אויפן וועג). איך האַלט — לויט מיינע פערזענלעכע נאָכפאָרשונגען — אַז די דאָזיקע ציפער איז עט־וואָס איבערגעשאַצט. דאַקעגן האָט מיר איבערגעגעבן דוד אַנזלעוויטש (געוו. לעצטנס סעקרעטאַר פון דער לאַגער־ביוראָ פון ווערק צע. היינט אין ארץ ישראל), אַז ער האָט נאָכגעציילט די ליסטע פון די נעמען (פאַר דער לעצטער שחיטה), וואָס זענען „געשטאָרבן" אָדער „דערשאָסן גע־וואָרן אויף דער פלוכט" און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער ב ל ו י־ז ע ר ו ו ע ר ק צ ע האָט אין יענער צייט געהאַט אַן אָפיציעלע ליסטע פון איין און צוואַנציק טויזנט טויטע. אין מיין צייט האָב איך בלויז אָנגעטראָפן נאָר יחידים פון צענדליקער טראַנספּאָרטן און האָב פאַרלוירן די גענויע צאָלן פון זייערע גרופן. ערשט אין מיטן יולי, ווען אַלע יידן-רעזערוואַרן זענען שוין אויסגעשעפּט געוואָרן, איז געבליבן פאַר דער פאַבריקס-לייטונג דער איינציקער אויסוועג: מ א י ד א נ ע ק. אַזוי

ארום זענען מיר געברענגט געוואָרן דעם 28סטן יוני פון מאַידאַנעק אין סקאַרזשיסקאָ. דאָס איז געווען איינער פון די געציילטע טראַנספּאָרטן, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן לעבעדיק פון מאַידאַנעק. דעם דריטן נאָוועמבער 1943 זענען די געבליבענע בערך 22 טויזנט יידן אין מאַידאַנעק דערשאָסן געוואָרן אויף איינעם פון די מאַידאַנעקער פּלעצער. אָבער וועגן דעם דאַרפן שוין דערציילן די איינציק-געבליבענע עדות אַליין.

די אַקציע פון דאָזיקן בוך הייבט זיך טאַקע אָן מיט יענער תקופה, מיט וועלכער דער מחבר האָט אַליין מיטגעלעבט. ער לייזט זיך דאָ בלויז אויף און גיסט זיך צוזאַמען מיט איינעם פון זיינע העלדן.

# נאָכוואָרט פון מחבר צום אַריינפיר

אַלס איינער פון די געציילטע שרייבער, וואָס האָט אדורכגעמאַכט די גאַנצע 6 יאָר פון היטלעריסטישן רעזשים אין פאַרשידענע מינים לאַגערן און געטאָס און דאָך לעבן-געבליבן, האַלט דער מחבר, אַז ער האָט אַ געוויסן חוב צו באַצאָלן, דערפאַר וואָס דער גורל האָט פאַרשוינט זיין לעבן. ער האָט זיין חוב פאַר די הונדערטער טויזנטער חברים און ברידער פון פאָלק, וועלכע זענען מיט אים צוזאַמען אוועק און פאַר זיינע אויגן אומגעקומען — זיי מיט עפּעס-וואָס צו פאַראייביקן. ער האָט אויך זיין חוב פאַר די לעבעדיקע:

דער מחבר, וואָס האָט אַלע יאָרן גרויל מיטגעמאַכט אַלס ייד, האָט געקענט, מער ווי יעדער איינער, אַריינבליקן אין די תהומות פון דער מענטשלעכער נשמה, אינעם ים פון מענטשלעכע ליידן. ער גלויבט, אַז בכדי די וועלט זאָל נישט מיטמאַכן נאָך אַמאָל אַזאַ אָדער אַ קלענערן קאַטאַקליזם — בפרט מיר יידן — מוז מען זיך באַקענען אביסל טיפער מיט דעם געשעענעם; מוז מען אַריינדרינגען אינעם קאָמפּלעקס פון מענטשלעכן נשמה-פּלאָנטער און דערגיין צום מיטל, ווי אַזוי מיט מענטשן אומצוגיין און זיי פאַרהיטן פון ווייטערדיקע האַנדלונגען אַזעלכע. דאָס וועט אָבער, גלויבט ער, קיינמאָל נישט געשען, דאַן ווען מ'וועט בלויז כראָניקאַרטיק דערציילן די קאַרדינאַלע שוידער-אַקטן און נישט באַמערקן די אַלע קליינע און גרעסערע זאַכן און פּאַסירענישן, וואָס האָבן איבערגעפורעמט און איבערגעקנעטן ביסלעכווייז די מענטשלעכע פּסיכיק; זי צוגענויגט אַנדערש צו דענקען און אַנדערש צו האַנדלען. צוליב דעם האָט דער מחבר

באשלאָסן אַנצונעמען אין אַלע זיינע ווערק, וואָס ער פאַרמעסט זיך צו־צוגרייטן אויפסניי (זיינע אַלע דאָקומענטאַרע ווערק, וואָס ער האָט אין פאַרלויף פון די צייטן אָנגעשריבן געהיימערהייט אין יעדן לאַגער באַזונדער — זענען אים פאַרלוירן געגאַנגען ביז צום לעצטן בלעטל), די בעלעטריסטישע פאָרם; אויב ס'איז איבערהויפּט מעגלעך אַזאַ תקופה צו שפּאַנען אין וועלכער ס'איז פאָרם און סטיל. ער ווייסט עס אַליין ווי שווער עס איז זיין וועג. צו־גרויס איז דער באַלאַסט פונעם געזעענעם און גע־הערטן; צופיל זענען עס די בילדער און געשעעענישן וואָס שפּאַרן זיך דורך דער פעדער, אַז ער זאָל זיך קענען דערלויבן יעדן מאָמענט באַזונדער צו שילדערן מיט קינסטלערישער געניויקייט. אויף אַזויפיל וועלן אים אפשר זיינע יאָרן נישט קלעקן... און ווען יאָ, וועט ער עס זיכער טאָן מיט דער הילף פון זיין צייט, מעגלעכקייט און ענערגיע. דערווייל מוז ער אינמיטן שילדערן אריינפירן גאַנצע קאַפּיטלען כראָניק, בכדי צו דערגענצן און צו פאַרטייטשן די אַקציע. איינס טוט ער אָבער: ער קלייבט אויף פאַקטן, ברעקלעך נישט־דערלאָשן לעבן, קליינע נשמה־אויפפלאַמען און אַלע נאָר וואָס ס'האָט זיך איינגעקריצט אין זיין נשמה און זכרון און באַמיט זיך עס צו פאַרפיקסירן טריי און מיט האָר־געניויקייט. ער ווייסט, אַז ער איז אפשר פון די ערשטע און איינציקע, וואָס טוען דאָס און שפּירט דערפאַר די גרויסע אחריות וואָס עס פאַלט אים צו. איז גאַנץ מעגלעך, אַז עס וועלן נאָך אים קומען אַנדערע; פסיכאָלאָגן, קינסטלער און היסטאָריקער, אויף וועמען דער באַלאַסט פון אַזויפיל זכרונות וועט נישט הויערן און זיי וועלן דאָס באַשריבענע קענען איבערפאַרדייען און פאַרטיפן. און אפשר וועט אויך די צייט־דיסטאַנץ טאָן דאָס איריקע. אַלנפאַלס האָט דער מחבר נישט געמיינט דערמיט צו שאַפן קיין ליטעראַטור, טראָץ זיין ליטעראַרי־שער מעטאָדע פון באַשרייבן; דאָס האָט ער בלויז געהאָפט אַזוי אַרום צו קענען געבן אַ טיפערן דאָקומענט — און בלויז אַ דאָקומענט! — פון דעם וואָס יעדעס ברעקל פון זיין גוף און נשמה האָט אין זיך אריינגעזאַפּט. ער האָט עס אפשר נאָר געמאַכט לויט זיין אייגענער אויפפאַסונג און אייגנ־אַרטיקן אופן.

פאַריז, אין סיון ה"תש"ו

# אַ שמועס פון מחבר מיט איינער פון זיינע הויפּט-העלדינס

(פּראָלאָג)

## I

...דו לעבסט שוין היינט נישט, דו שטאָלצע פרוי און פּראָטאָטיפּ מיינער. די געדיכטע אומבאַקאַנטע וועלדער, וואָס פירן פון סקאַרזשיסקער לאַגער אינעם האַרץ פון דער חרובער וועלט, האָבן דיין גוף איינגעשלונגען אין יענער נאַכט פון בהלה-לויף און צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע דיך אַוועקגעשלעפּט אויף די פינצטערע וועגן פון גורלס פראַגעצייכן... ווייס איך נישט, פאַרוואָס גראָד דו האָסט גענומען אין די לעצטע טעג פיינִיקן מיין אַסקעטישע האַלוצינאַציע און מיך וועקן, כ'זאָל אויפלעבן פאַר דיר אויף מינוטן, אויף שעהן נאָך דיין זיכערן טויט...

ווידער זע איך דיך — ווי אין מיין פאַנטאַזיע פון יענעם תשעה-באב טאָג, דעם לעצטן אין לאַגער — מיט דיין גאַנצער, שיינער געשטאַלט. רויטע, בלוטיקע פינטעלעך שטרייכן אַדורך מיט אַ געהיימער שריפט די געשיכטע פון דיין לעצטן פאַרגיי. די גאָלדענע האָר-לאָקן דיינע ווילן נישט פאַרשווינדן אין דער קאַלטער ערד צוזאַמען מיט דיר — טוליען זיי זיך צווישן די גרעזער, ווי זיי וואָלטן דאָרטן נאָך געזוכט זייער לעצטע שוץ. אויף דיין פּנים זע איך נאָך די לעצטע ברכה פון דיין יונג-פרוילעבן טוי; ס'שלייכן זיך אָבער שטיל אַוועק די לעבעדיקע פאַרבן דיינע הינטערווייַלעכץ... ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט דערמיט, וואָס זיי פאַרלאָזן דיך אַזוי איינזאַם און אַדורכגעשאָסן אינמיטן אַ דייטשן וואַלד...

ליגסט נאָך אַלץ אַזוי אויף אַ זייט. די שטייפע ברוסט שיקסטו פאָראויס, ווי דו וואָלסט דערמיט אויסגעשאָסן מיטן לעצטן ברעקל מוט דיינעם קעגן זיין שטאַרקייט, דעם טויט, וואָס קומט אָן.

צוויי פוילישע שקצים, מיט גרויסע איבערגעבראָכענע ציין שטייען און מאַכן זיך לוסטיק איבער דיין טויטער שיינקייט און איך שטיי אין אַ זייט אַ שאָטנדיקער. מיין קערפּער וואַרט נאָך אויף זיין גורלדיקן משפּט, צוזאַמען מיט די וואָס דער וואַלד האָט נישט באַוויזן אַרויסצולאָזן, אָבער איך אַליין שטיי אין גאַנצן איבער דיר, דורך פּלאַטער־וועגן געקומען, מיט פּאַראַליזשירט־יידישער מאַכטלאָזיקייט. קיינער זעט מיך נישט דאָ און קיינער קען מיך פון דאָ נישט פאַרטרייבן אָדער שטום מאַכן ווי אייך אַלע, די אַנטלאָפענע און אומגעקומענע. מיט איין אויג גרייף איך אַרום די בוימערדיקע אומעט, וואָס האָט דיך געררופן, געלאָקט און פאַרצערט און מיטן צווייטן קוק איך אויף דיר און זע דיך ביי דער גסיסה פון דיין דערהויבענער שפּלדיקייט... כ׳שטיי און וויים אַליין נישט, ווי אַזוי עס קומט צו מיר, אַז מיינע ליפּן שעפּטשען עפּעס; אַ געמיש אַזאַ צווישן ליידנשאַפט און באַנג אויף אַזעלכעס, וואָס האָט נישט געדאַרפט און נישט געטאָרט טויט זיין... ברום איך דיין נאָמען?...

איבער מיר וואַקסט אַרויס דאָס געשטאַלט פון אים, דער וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דיינע טעג אַריין און ביסט מיט אים אַנטלאָפן פון לאַגער אין וואַלד אַריין... דאָס פייער פון זיינע אויגן באַהעלט אַביסל זיין אַשיק־פאַרקוילט פּנים. ער בליצט־אויף איבער מיר מיט יענעם גלאַנץ, וואָס בלויז אויסגעלאָשענע קענען באַזיצן... מיט אַ פאַרדונערטן מח הער איך גיכער דורך זייטיקע וועגן, דורך מיין הויט און האָר, איי־דער דורך מיין געהער, זיין שטילן פאָרוואורף, געמישט מיט פאַרוווּנדערונג: אויך דו! דו וויינסט אויך איבער איר? ער פאַלט מיט אַ האַנט אויס־געשטרעקט אין דיין זייט. ביי די צוויי געשטאַלטן מיט די איבערגעבראָ-כענע ציין רייסן זיך אָפּ שטיקלעך עקלדיק געלעכטער און לויפן אוועק פון זיי, ווי אין מטורפן באַהאַלטן זיך; און קוילערן זיך שווער אַוועק צווישן די ביימער... אויף מיין שטערן ברענט נאָך זיין לעצטער צאָרנ-דיקער בליק. ווייל איך זיך צוריקציען, ווי אַמאָל, און קען מער, אין אָנ־

בליק פון דיין פארגליווערטקייט, קיין שוץ־מויער נישט דערגרייכן...
איצט האט דער קאמף מיט זיך, דאס צוהילף נעמען מארגנדיקע טעג און
בלענד־האפענונגען פון ווייטער, זיך געענדערט. דא האט זיך דאס ווארטנ־
דיקע געענדיקט... דו ביסט אריבערגעגאנגען יענע גרענעץ, נאך וועלכן
אלץ איז שוין צו־שפעט, ווען אלע טרייסט־אטעמס ווערן פארריגלט דורך
א תהום. וואקסט ארויס א באנג, וואס קיינער קען מיט גארנישט מער
צעשטערן. איצט וועט שוין גארנישט מער נישט זיין...

איז ער דיר נאכגעלאפן, בכדי זיין רעכט איבער דיר צו דערהאלטן
אויך דארט, אין די בלויע סטעפעס פון טויט? בין איך דאך נאך דא
און קען צו איינעם פון אייך ביידע נישט דערגרייכן — פארוואסזשע
ברענט מיך אזוי זיין בליק? און פארוואס טויבסטו אויף, אויך דו! אין
שלאפלאזע נעכט און פארפלאנטערסט זיך אין מיינע האלוצינאציעס?...

II

אין פארצווייפלונג ווער איך שטענדיק ברוטאל. און היינט בין איך
פארצווייפלט פון די פרייהייטס־יסורים — טרייב איך דיין שאטן פון
זיך! איך שארף אן מיין געווער און וויל פון זיך ארויס ארויסרופן דאס
טונקלסטע פון דיר, דאס ערגסטע און עס ארויפשווארצן אויף דער ווײ־
סער דערשראקנקייט פון פאפיר... מיין איך דיין שאנד איבערצולאזן פאר
דורות, אדער וויל איך בלויז דערמיט פארכלאראפארמירן מיין באנג נאך
דיר; בלויז אזוי ארום דערשטיקן די בענקשאפט, וואס איז דורך דיר
נישט אויסגעגלעט געווארן?... זוך איך פאר דיר זונה־הערנער אדער דו
האסט זיי באמת מיט חוצפה געטראגן ווי א צירונג? זע, זע, ווי איך ווער
דאס שטרענג, ווי איך ציל מיינע פיילן ביי דיין אויפוועק אין מיר! איך
גיי דיך משפטן!... היינט קומסטו צו מיר א פארלוירענע, אן אוועקגע־
שווומענע דורך שטראמען, וואס קענען בלויז צוריק ברענגען א נישט־
אנגערירטן שאטן — זוך איך אפשר בלויז די טונקלקייט, וואס כ'זע
איבער דיר, בלויז דערפאר, ווייל דיין בלוט און פלייש האט זיך שוין
פארקנעטן אין א שוין אויף־אייביקן בלויז־באגער? זאל איך אפשר איבער
דיר איבערגיין אין שווייגן, אז דו און איך — מיר זאלן ביידע מער נישט
צער'ן? — — —

דיין געשטאַלט אָבער קריכט אַרונטער אונטער מיינע צוגעמאַכטע אויגן, פאַרבאָרגט זיך אין די געהיימסטע קעמערלעך פון מח... און איך, דער גרויער פרוש, שריי אין זיך, בריל צו זיך, דעם שטאַרקערן פאַר זיך אַליין, נאָך הילף קעגן דיר, נאָך רעטונג... דו אָבער ביסט איצט קאַלט און גרויזאַם... קוים וואָס דיינע ליפּן באַוועגן זיך: דו ביסט איינמאָל שוואַך געוואָרן און אין דיינע געדאַנקען מיך גערופן, די אָרעמס אויסגעשטרעקט נאָך וועמען אין ליידיקן חלל אַריין... דו ווייסט נישט נאָך וועמען? איך אָבער ווייס. כ'בין געווען אונטער דיין נשמה און געהערט, ווער ס'האָט מיך פון דאָרט גערופן...

איצט טרייבסטו מיך אַוועק, ווי דו האָסט זיך אַליין געטריבן. איך וויל אָבער נישט אַוועקגיין. כ'וויל אין דיר אויפוועקן יענע געפילן, וואָס דו האָסט פאַר מיר און פאַר זיך אַליין פאַרבאָרגן. מיט דעם גאַנצן נאַקעט פון א טויטער, וואָס האָט שוין אין לעבן גאָרנישט וואָס צו זוכן; נישט קיין געַנוס און נישט קיין פרייד קום איך דיך באַאומרואיקן. נישט פאַר זיך, נאָר פאַר דער וועלט, אין וועלכער עס וועלן שוין וואַרטן אומזיסט די חובות פון נישט-אויסגעשעפּטע פריידן, וועלכע מיר האָבן נישט געקענט אויפמאָנען...

ווידער וויל איך עפּעס אָנהייבן, עפּעס צו זאָגן... אָבער דיין שאָטן שטייט שוין איבער מיר, האָט איבער מיר די געוואַלט. אויך אין מיר שרייט עס מיך איבער: ש וו יי ג ! ... פון אַלע מיינע רייד און אַרגורמענטן רייסט זיך בלויז אַרויס ביז צו דער ליפּן-דערעפענונג איין קורצע פראַגע: וואָס ווילסטו אייגנטלעך פון מיר?

אירע ברעמען-בויגנס פאַרציען זיך שאַרף און דראָענדיק: איך וויל דיך אין עפּעס דערמאָנען. געדענקסט? האָסט אַמאָל אָנגעשריבן א ווערק; ביסט געוואָרן מאָראַלישער שופט און אַלעמען געשמיסן מיט דיין פעדער-בייטש. דו האָסט באַשולדיקט! אַזוי מיך, אַזוי אַנדערע מיט מיר. ווען דו האָסט עס פאָרגעלייענט, האָט עס מיך געזונט געקאָסט, נערוון... דאַן האָב איך נאָך געלעבט און זיך מיט אַלץ איבערגענומען. היינט וויל איך דיר בלויז איינס זאָגן: אויס דערמיט! דו ביסט געקומען מיטן טרויער איבערן טויט פון מיליאָנען און געוואָלט דעם טויטן גייסט אויס־

שפּרייטן אויך אויף די, וואָס האָבן ערשט אויפֿן טויט געוואַרט. ווילסטו, אַז דאָס לעבן זאָל פֿאַרשווינדן אויך פֿון די, אין וועלכע עס ריזלט נאָך קאָכיק בלוט? הערסטו דען נישט, ווי דיין אייגן בלוט וויל דיך שטייניקן דערפֿאַר!?

ביסט געווען מיט אונדז אַלע, געזען ווי מען דאַרף דאָס, וואָס איז באַשטימט אויף אַ גאַנץ לעבן, פֿאַרשלינגען אין טעג — ווייל די וואָכן וועלן עס שוין איבעררייסן... און דו האָסט זיך אין אַ זייט געשטעלט. מיר האָבן אַלע מאָל געזען אין אונדזער פֿאָראויס יאָרן; ביז אַ וואָלקן האָט פֿאַר אונדז פֿאַרשטעלט דעם מאָרגנדיקן טאָג — האָבן מיר יעדע שעה, ווען מ'קען נאָך צאַפּלען, געוואָלט אָפּגעבן דעם גאַנצן יאָרן-באַלאַנס, וואָס איז אין די אברים געלעגן מיט דערוואַרטונג. האָסטו עס דען אַליין נישט געשפּירט? האָט דיין לעבן דען אין דיר נישט געוויינט: צעעפֿן אַלע טויערן און זאָל אַלץ אַרויסברעכן זיך אין שטורעם! לאָז פֿאַרן קבר אַ בלויזע מידע הוילקייט... דו האָסט עס נישט געקענט, ווייל דו ביסט געווען צו שוואַך און צופֿיל מוטלאָז, אַז דו זאָלסט זיך קענען אַרויסרייסן פֿון דיינע נעכטיקע קייטן, וואָס האָבן דיך איינגעצוואַנגט. שטיל אין זיך האָסטו אפשר געוואַרט אויף אַ צווייטנס הילף, וואָס זאָל קומען און דיך מיט אַלע הפקרדיקע געוואַלטן אַריינשלעפּן אין דעם זינלאָז־בלינדן שפּיל פֿון אַלץ פֿאַרגעסן; פֿון אַרויסרייסן ביי יעדער מינוט דאָס וואָס ס'איז נאָך אין איר פֿאַראַנען — — — אַזעלכע זענען צו דיר מיט דעם גאַנצן כח פֿון הפקר נישט געקומען — ביסט אַזוי געבליבן אַן אַרויסגעשליידערטער פֿון דיין נעכטן, וואָס איז אין ערגעץ נישט פֿאַרשלונגען געוואָרן... און אפשר האָסטו מאָראַליזירט בלויז דערפֿאַר, ווייל דער הפקר האָט צו דיר נישט באַנוצט זיינע אייזערנע אָרעמס און נישט אַרויסגעטרייסלט פֿון דיר די אינעווייניקסטע שטריק? אפשר האָסטו בלויז געשריגן איבער אים בלויז דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך נעבן דיר בלויז פֿאַרבייגעשאַרט; פֿון כעס און נישט פֿון ווייטיק... האָסטו זיך אַמאָל כאָטש מודה געווען שטיל אין זיך, איידער דו ביסט געקומען שטראָפֿן, זיך אַליין פֿריער נאָכגעפֿאָרשט, בכדי ערלעך צו זיין — — —

דו זאָגסט: נשמה... כ'וויל אָבער, אַז דו זאָלסט צום ערשטן דיין

אייגענע נשמה איבערקנעטן. דו שרייבסט אַן איבערגעבויגענער אין דיין אָפּגעשלאָסענעם ווינקל מיט אַ מומיען-האַנט; מיט שורות וואָס האָבן די ליכטיקע וועלט נישט געזען; ווילסטו זיין דער נזיר פון דער וועלט, פון אונדזער צייט — האָט דיר קיינער נישט קיין רעכט צו שטערן. דו אָבער שרייבסט... דיין פעדער איז שאַרף און שפּיציק; דו גרייטסט זיך אונדז אויפצולעבן און גלייכצייטיק אונדז צו שטעכן פאַר דעם מינדסטן לעבנס־חשק און גאַווערן פון גענום-גיר גראָד אין טעג וואָס זענען קיין טעג נישט געווען... בין איך דיר געקומען זאָגן: דו האָסט נישט קיין רעכט דערצו! קום נישט מיט קיין אויפגעהויבענעם פינגער און ווי אַ נביא פון פאַר־צייטנס שרייען איבער אַלעמען: איך באַשולדיק אייך! דו האָסט דער־צו קיין רעכט נישט פון דעם קליינעם צימערל אַרויס; דו מוזט צוערשט צערטלען און ווערן געצערטלט; דו זאָלסט צוערשט אַריינאָטעמען איינ־מאָל די לופט מיטן שמעקעוודיקן וואַלד, פילן די היילדיקע ווירקונג פון איעדער באַריר מיט אַ לעבנס-פינגער. דו וועסט אפשר דאַמאָלסט קומען און שרייען: איך פאַרשטיי! איך וויל!... פאַרוואָס זאָלסטו קומען ווי אַן אויסגעטרוקנטער סקעלעט, וועלכער שרייט נאָך די לעבעדיקע גופים, וואָס גייען פאַר אים פאַרביי; און נאָכשרייען פון קנאה אָדער פון דער לאַנג־איינגעלעבטער סקעלעטן־ראָל זיינער אַרויס: העי, איר... פאַרשאָלטן זאָלט איר זיין פאַר אייער ווילן צו עקזיסטירן! טראַכטן זאָלט איר ביי יעדער מינוט, וואָס איר קענט אַרויסרייסן פון דער אָפּגעווישטקייט — אויב איר דאַרפט זי אויסנוצן אָדער דאָס דערשטיקן... ביז דער לעצטער מי־נוטן-שאַנס פון לעבן וועט פאַרשווינדן...

קום און זע: דו האָסט יאָרן לאַנג געשריבן, דו אַליין האָסט געבלע־טערט די טויזנטער בלעטער פון דיינע מאַנוסקריפּטן און זיך מיט זיי פאַרשכורט... נו, וואָס איז פון זיי געבליבן? היינט פאַרשטיי, דו מיס־טיקער און לעבנס-פאַרניינער! דער זעלבער גורל וואָס האָט דיין נאַקעט לעבן אַדורכגעטראָגן דורך אַלע געפאַרן און דיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ ברעג; די זעלבע באַשטימטקייט האָט ביי דיר אַרויסגעריסן דיין צען־יאָריקע כתבים-מי... דו האָסט געשריבן — און ער, דער גורל, האָט פאַר ניכטעט. אַ געיעג אַזעלכער צווישן שאַפונג און פאַרניכטונג; האָסטו

דען, גריבלער אין געשעעניש, פון דעם גארנישט געלערנט? ווילסטו וויי־טער אנהייבן דיין לעבן און שרייבן מיט פארמשפטן יעדן געפיל פאר קערפער־ווארעמקייט און לעבנס־דערהאלט, זאל זיין דורך ספעציפיש־אויסגעקרומטע וועגן וואס מיר זענען אויף זיי ארויפגעשטויסן געווארן? ווילסטו נישט אנהייבן אויך אונדז צו פארשטיין, זיך אליין מתודה זיין, אז דו ביסט דער זעלבער, בלויז טיף אין זיך, געוועןֿ? — — — קיינער קען דיר דאס לעבן נישט אויפצווינגען. דו קארעגירסט: נאכן געזעענעם, נאכן איבערגעלעבטן!... האלטסטו דען אבער, אז דאס איבערגעלעבטע, אז דאס געזעענע און געשעענע איז עפעס אנדערש געווען ווי א מוראדיקע טראגעדיע, וועלכע מוז אויף ווייטער אויסגעמיטן ווערן? מוזן דען שוין אלע מענטשן בלייבן קאלטער מארמאר און פארחתמעטע מיטן שאטן פון טויט?

ביי דיר טיף האסטו אליין געבענקט צום רויש פון הפקר, האסט בלויז פון געוווינהייט זיך איינגעביסן מיט די ציין אין אייגענעם ווילן; האסט מיין שאטן געטריבן צוזאמען מיט די לעצטע רעשטן פון דיין יוגנטלעכן אינסטינקט; פונקט ווי דו פארטרייבסט איצט דעם לעצטן זכרון דערפון, וועלנדיק זיין דער טאן-געבער פון דער בייזער גערעכ־טיקייט. איז עס אפשר דיין רעכטלעכע רעכט די אייגענע יונגקייט צו דערשטיקן, ביז וואנעט דיין יונג בלוט וועט, פאר שקיעה ערשט, דיך גובר זיין — פארלאנג עס אבער נישט פון אלעמען! מיט דער איבערגע־בליבענער קראפט פון מיין שאטן וויל איך דיך אויפצווינגען צו באזינונג. דו פארמעסטסט זיך צו שרייבן א באשולדיקונגס־אקט אויך קעגן אונדז, וואס דיווירקלעכקייט האט שוין נישט איינמאל פון דיינע הענט ארויס־געריסן — וויל איך, אז דו זאלסט צומערשט שפירן די לעבנס-פארהעל־טעניש אויף דיין אייגענער הויט, זיי נאכאמאל אדורכפירן דורך דיין גאנצער טיף, איידער דו גייסט שרייבן, איידער דו גייסט משפטן; כ'וויל נישט, אז דו זאלסט פון א מייזנלאך אורטיילן די האנדלונג פון מיר און נאך אנדערע אזעלכע, וואס האבן זיך צוגעהערט צו דער שטים פון בלוט און צום רוף פון לעבן — וואס האט זיך דערלאנגט ביז הינטער די לא־גער־דראטן. וועסטו זיך שטעלן מיטן פנים צו דער זון, וועט מיין געשיכ־

טע און זייערע אַנדערש מוזן געשריבן ווערן... דאַן וועסטו מעגן אפילו צאַרנדיק זיין...

III

ווידער הייב איך אָן צו זאָגן: איך פאַרשטיי און קען דאָס לעבן פון דער אָפּגעשלאָסענער וועלט מיינער אַרום; אַז נישט פון סקעלעטן־פאַר־אורטייל אַרוים האָב איך געשריבן דאָס וואָס כ'האָב געשריבן... און אַז עס זענען פאַראַן גרענעצן, וואָס קיין בן־אָדם איז נישט דערלויבט זיי איבערצושפּרייזן... נישט איך בין דער שעפער פון יענע גרענעצן און נישט איך וויל זיי עמעצן אַרויפצווינגען. איך האָב זיך בלויז באמיט, פאַר זיך אַליין, פעסטצושטעלן, וועלכע גרענעצן עס מוזן באמת געהיטן ווערן; בפרט אין אַזעלכע מאָמענטן ווען פאַר אַלעמען — אויך פאַר די לעבעדיקסטע אין לעבן גופא — פאַרפּליכטעט אַ געוויסע מאָס פון מאָראַלישער צוימונג און טרויער... אַז איך קען נישט די ערשטע שריפט מיינע, אויפן שוועל פון מיין ניי לעבן, אַנהייבן מיט אַ צוואה פאַר מיין נעכטיקן געווסן... און נישט אַלץ מעג מען, טאָר מען פאַרשטיין, הגם מ'באַגרייפט עס אין זיך — — —

...ווייס איך נישט, אויב דאָס איז בלויז איר שטים געווען אָדער דאָס קול פון יענעם צווייטן אין מיר גופא, וואָס האָט געדונערט: דו קענסט עס נישט! דאָס לעבן אַליין, דאָס סאַמע נאַקעטסטע לעבן אפילו, איז אויך נישט גרענעצלאָז. די נאַטור האָט אין ממש־מיטן פון אירע פריידן אוועקגעשטעלט אַ גרויסן סלופּ מיט דעם אויסגעשריי: גענוג! און דאָס לעבן אַליין וואָרנט פאַרן אַריבערגיין ווייטער ווי מ'דאַרף. פּחדנים בלויז ציטערן זיך צו דערנענטערן צו די גרענעצן...

איר שטים ווערט דערווייל פאַר מיר קלאָר און דייטלעך: דו ווילסט, איך זאָל דיך נישט מאַטערן מיט מיין אויפרעגנדיקער אַנוועזנהייט? גוט, איך וויל דיר נישט אויפצווינגען מיין געדעכעניש. אַ טויטע בין איך און ווי אַ טויטע וועל איך צוריק פאַרשווינדן אין מיין נישט־זיין... איין זאַך וויל איך דיך וואָרענען: אין דיין שרייבן זאָלסטו נישט דער־

פילן דעם חוב בלויז פאר זיך אליין; שטעל זיך נישט אויף דער זייט פון די, וואס זענען שוין אוועק אין דער פארשלינגענדיקער גרויזאמקייט און ווער נישט זייער תובע. קיינער ווייסט נישט, וואס זיי האבן פון זייערע קברים צו אונדז ארויסגעשריגן; אויב זיי האבן געוואלט, מיר זאלן אין די לעצטע געשענקטע טעג אונדזערע זיך שוין פילן ווי פארשטייניקטע אדער זיי האבן צו אונדז ארויסגעברילט: מיר זענען שוין צעפאלענע — ראטעוועט איר ארויס פון חורבן די מינוטן וואס זענען אייך נאך געבליבן... קענסטו זיכער זיין, אז דו האסט קלאר געהערט זייער לעצטן ווילן? שרייב! נאר מיט א פעדער-פליכט פאר אלעמען, ווי פון לעבן... און ווייטער וועט דיך שוין די פעדער־אינטואיציע פירן אויפן ריכטיקן וועג. קענסטו דאס?!

איך וויל נאך געווינען עטלעכע מינוט צייט צום נאכדענקען; יענער אבער, מיין טאפלט-גייער אין מיר, איז שוין אבער איינשטימיק און באשליסט: יא! — — — —

***

ווייל איך מער נישט פארשטאפן די אויערן פאר יענע טענות, פונקט ווי איך וויל נישט דערביי פארגעסן אין גאנצן, אז עס האט אזוי ווייגעטאן צוזעענדיק. שרייב איך בלויז די געשיכטע פון דעם וואס ס'איז געווען, דערשטיקנדיק אין די שורות דעם אויפגעברויזטן צער און צארן אויף די, אויף וועלכע מ'טאר זיכער נישט בייז זיין. מיטן באוווסטזיין, אז ס'איז נישטא דער הייליקער, וואס זאל מעגן זיי באשולדיקן אדער פארשרייען — טוען מיר זיך אלע אויס מעשים-נאקעט און ווער ס'האט מוט און גערעכטע זיכערקייט אין זיך, זאל ער טייטשן און באגרייפן, זאל ער בארעכטיקן אדער אורטיילן...

# קאַפּיטל איינס

## I

ווי אַ גנב, וואָס שלייכט זיך מיט אַ גנבה, ציט אָפּ פון גרויסן שטיי־נערנעם שליאַך אַ קליין, שמאָל וועגל. ווי אין טיפע ווייען, שלענגלט עס זיך, וואַרפט זיך אין קרומע ליניעס און גראָבט זיך איין מיטן שמאָלן, פאַרשטויבטן גוף צווישן די הויכע, פאַרשוויגענע ביימער. לאַנגע יאָרהונ־דערטער זענען דאָ געשטאַנען געדיכטע איינגעדרימלטע וועלדער און אָפּ־געהיטן דעם סוד פון זייער באַוואַקס און יעדער האָט זיך מורא געהאַט צו פאַרמעסטן מיט טעמפּער האַק־גבורה אויף זייער שווער־לייביקער זקנה. ביז ס'איז געקומען דאָס צעטרעטענע, איינגעקורטשעט־קליינע שטעגל און זיך געלייגט זיי צופוסנס מיט געבעט און הכנעה: לאָזט אַריין, אַלטע לייט... לאָזט אַריין אַ שמאָל פּאַסעקל גאַנג... האָבן זיך די גרויסע גיגאַנטן עטלעכע מאָל איבערגעמורמלט צווישן זיך און די צעקוד־לעטע קעפּ נאָך העכער פאַרריסן צו די הימלען, ווי זיי וואָלטן דאָרט גע־זאָגט: מיר זענען הויך, זענען מיר... מיר פירן געשפּרעכן בלויז מיט דער בלויקייט פון ברייטע הימלען און בלויז קעגן הוראַגאַן־צעפּאָכעטע ווינטן שטעלן מיר זיך אַקעגן... איז נישטאָ וואָס איינצוטענהן מיט אַ דאַרער אויסגעצערטער סטעזשקע... עס וויל אַריין — זאָל עס... וועט זיין נאָך עפּעס, וואָס וועט מיט אונטערטעניקייט ליגן ביי די גבורהדיקע וואָרצ־לען און פאַרלירן זיך אין אייגענער גאַרנישטדיקייט. האָבן מענטשלעכע טריט אָנגעהויבן פאַרזיכטיק צו באַטרעטן איין שפּאַן נאָכן צווייטן.

צומערשט האָט דאָס שטעגעלע זיך געשאַרט אויף די שפּיץ־נעגל, געזוכט זיך אַ וועג אין דער זייט פון די ביימער; מורא געהאַט אַ העכער גרעזל צו צעטרעטן... די מענטשן זענען געגאַנגען מיט באַרוויסע טריט, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן עמעצן נישט אויפצוּוועקן דאָ פון שלאָף און אַריינברענגען אין צאָרן... ביי יעדן קרעכץ פון אַ טריט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט וועט איינער פון די גרינע שטאַרקייטן אַ צעעפן טאָן אַ נישט־געזעענעם ים מיט אויגן און זיך בייז צעברומען: וואָס טוען דאָ אַזעלכע באַשעפענישן!? ביים אַריינקומען אין דער ערשטער טונקעלער רייף פון וואַלד האָט זיך אויסגעוויזן, אַז באַלד וועט איינער פון אָט די אומהיימלעך־שטייפע גבורים זיך געבן אַ וואָרף און דיך צודעקן אויף אייביק מיט זיין טונקל־גרינעם גוף...

דער גרויסער שטיינערנער שליאַך איז געווען ברייט און זיך געצויגן איבער אויסגעבויטע שטעט פול מיט רחבות און טומל; דערפאַר אָבער האָט דאָס שמאָלע קינדישע שטעגל זיך אָפּגעריסן פון שטיינערנעם סקריפּ און פאַרלוירן זיך געבלאָנקעט צווישן דער טונקל־פאַרגראָזטער איינגעשוויגנקייט וואָס האָט נישט געלאָזט ווייטער... בלויז אַ באָרוויסער חלוש־טריט האָט דאָ אַמאָל נאָכגעשעפּט דעם פריילעכן רויש פון דעם מוטער־וועג...

עס זענען געקומען די דייטשן און פאַרלייגט אַלע וועגן מיט זייערע זודיקע מאַשינען. די שטעט און די בכבודיק־אויסגעפּלאַסטערטע וועגן זענען פאַר זיי צו־וויניק געווען. גרויסע שטאָלערנע חיות זענען אַרומגעקראָכן איבער אַלע וועגן און אומצופרידן געבורטשעט; ס'איז זיי ענג געוואָרן... אויך די אייזערנע חיות האָט עס גענומען ציען צום וואַלד — — די קנאה פון יאָרן האָט אַרויסגעפּלאַצט פון די שלאַנקע איינגעווידן ביים קליינעם פאַרנאַכלעסיקטן טריט־שלענגעלע און עס האָט זיך גענומען וואַרפן אויף אַלטע, בכבודיק־צוריקגעהאַלטענע ביימער, וואָס האָבן זיך אים געשטעלט אין וועג... דאָס ערשטע מאָל האָבן זיך די הויכע בעלי־גאוה גענומען קעגנשטעלן דעם נעכטיקן בלייכן וואָרעם, וואָס זיי האָבן אַריינגעלאָזט צו זיך פון זיין גרויסן שפלות־וועגן; זיי האָבן מיט די נעגל פון זייערע וואָרצלען זיך געקלאַמערט אין דער מאָכיקער ערד און

געשטעלט א פראטעסטיקן ווידערשטאנד... א פלינקער שטויב איז אבער שנעל אוועק צום הויפּט־וועג און מיט א מסור־טריט געבערענגט צו פירן עטלעכע שטאלערנע ריזן... דער שטויב איז געלאפן פאראויס און פארשיט ביי די זקנים די נאדלדיקע האר און נאך אים האבן די משונהדיקע טייוו־לאנים געקראקעט פון דערווייטנס אויף א פרעמדער שפראך. מ'האט אבער געקענט פארשטיין, וואס זיי האבן דא צו זאגן: ווער שטערט דא א וועג אדורכצושניידן!?... פון די געפאנצערטע ברומערס זענען אראפ־געשפרונגען עטלעכע הויכע, באוואפנטע מענער מיט מלבושים פון וואל־דיקן קאליר און שוין דער ערשטער קרעכץ פון זייערע שטיוול האבן אנ־געזאגט דעם וואלד, אז דא וועלן זיך אנהייבן צו לאזן הערן אנדערע טריט...

זיי האבן זיך געלאזט מיטן נישט־אויסגעטראטענעם גרינס נעבן שטעגל און יעדן בוים באטראכט מיט פינגער, וואס האבן מיט יעדן אנ־טאפ צווישן געגעבן: איצט זענען מיר דא די באלעבאטים! און די ביימער האבן זיי באלד אפגעטראטן דעם וועג... איינער פון זיי האט ארויסגע־צויגן פון א זייטנטאש א גרויסע האק און מיט איר א שניט געטאן אין א זייט פון בוים. א ווייסער שניט האט א געשריי געטאן מיט א ווייסן בלענד אין גראז אריין אויף אלארם; איין קלאפ נאכן צווייטן האבן אבער דעם בוים הילפלאז צעוויגט אין א נישט־צוגעווינטער וואקלדיקייט... די ביימער פון ארום האבן זיך געגומען קורטשען פון אן אומבאקאנטער אימה. יעדער באזונדער האט זיך באמיט צו ווערן וואס ווייניקער אנ־זעעוודיק, נישט באמערקט... דער ערשטער בוים, וואס איז אומגעפאלן, האט מיט זיין מעכטיקן און הילפלאזן אוועקלייג אנגעזאגט, אז די קרוין פון דרך־ארץ איז ביים וואלד אפגענומען געווארן... און אז דא הייבט זיך אן די גרויסע פארדארבונג, וואס איינגעשלאפענע יארהונדערטער האבן נישט געקענט פאראויסזען...

איצט איז דאס שטעגעלע שוין געווען עקשנותדיק און ברייטווי־ליק. עס האט ארויסגעביסן די שטארקסטע ביימער אויפן וועג און — איז געווארן... און פון וואלד האט גענומען ארויסלאכן א ווונדיקער חוזק, וואס האט אים איינגעשפאלטן אויף צווייען. ס'האט נישט געהאלפן דער

שטומער חוזק פון די פויערים ארום פון די ערשטע געפּאַנצערטע וועגענער, וואָס האָבן זיך אַריבערגעוואַקלט פון אַנערקענטן אַספאַלט צום ווייסן, פּאַרטריקנטן שטרעמל, וואָס האָט זיך געצויגן צו דער נייער פּרעמדקייט; ביסלעכווייז האָבן זיי געמוזט זיך איינלעבן מיטן געדאַנק, אַז דאָרט איז פאַראַן אַ וועג. באַלד האָבן זיך גענומען דאָרט באַווייזן מיליטערישע טאַקסים, נאָך זיי האָבן זיך געצויגן באַלאָדענע פורלעך מיט געהילץ, וואָס האָבן מיט יעדן רעדער-גרילץ דערציילט, אַז דאָרט גייט עפּעס אויפגע־שטעלט ווערן. די פויערים פון דער גאַנצער געגנט אַרום האָבן שוין אַפילו געוווסט אויף שטום לשון אָנצווייזן יעדן דייטש, וואָס האָט אויף זיין גאָרגלדיקן לשון עפּעס געפרעגט:

— יאַ, יאַ... דאָרטן... פאַבריקאַ...

אויף יענער זייט וואַלד האָט זיך אָנגעהויבן שטעלן אַ פאַבריק.

## II

די דייטשן האָבן פון ערגעצוווּ געבראַכט צו שלעפּן עטלעכע הונ־דערט יידן מיט פּעק און בעטגעוואַנט און זיי געטריבן דורך יענעם וועגל, טיפער אין וואַלד אַריין. די ערשטע שאָסן האָבן מיט זייער אָפּהילך אָנ־געזאָגט אַלע ארומיקע — ווי אַ פּראָקלאַמאַציע פון הפקרות און רעכטלאָ־זיקייט — אַז דאָרט הייבט זיך אָן עפּעס בייזס און שרעקלעכס... קיינער האָט אָבער נישט געקענט וויסן, וואָס עס ווערט דאָרט אייגנטלעך אויס־געפּלאַנירט. נישט ווייט איז געשטאַנען די גרויסע אַמוניציע־פאַבריק און ס׳האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז דאָס גייט מען דאָ אויפשטעלן אירם אַן אָפּטיילונג; מען האָט אָבער נישט געקענט זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ שייכות אָט די באַפעלקטע און דערשראָקענע יידן האָבן דערצו...

אַ נייגעריק פויערל האָט זיך אַפילו געמאַכט אַמאָל תמעוואַטע און מכלומרשט־הינקענדיק זיך געפּרוווט דערנענטערן אַהין. אַ באַוואָפנטער אוקראַאינער איז אים אָבער אַקעגנגעגאַנגען מיט אַ מינע פון אַ וואָלף: קום־קום! וועט נאָך איינער מיט זיי מיטגיין... האָט דאָס פויערל שוין מער נישט געהינקט, נאָר ווי מיט פליגל אַוועקגעפלויגן, קוקנדיק פון דער־ווייטנס, אויב מ׳האָט אים נישט אַמאָל נאָכגעשאָסן...

אין א פאר טעג ארום האט מען ווידער געזען פירן אהין א צווייטע גרופע, געדיכט באוואכט פוןביידע זייטן. ווידער האבן זיך געהערט שאסן און ווידער האט זיי דער וואלד פארשלונגען מיט זיין אומגעזעטיקטן הונגער אין דער גרינער, צעפלאשעטער בארד אריין...

מ'האט געוווסט, אז דארטן בויט מען עפעס. די אוקראינישע וואכלייט זענען אלעמאל געקומען, וואס א טאג אלץ-אפטער, אין שטעטל אריין צו־גאסט. זיי האבן פלוצים באקומען געלט, גאלד... זיי האבן געשכורט און — גארנישט ווי זייער טבע — זיך מיטן געלט געווארפן; גלייך ווי זיי וואלטן געהאט אן אומאויסשעפלעכן קוואל דערפון... טאקע דאס ברייט־צעווארפענע געלט זייערס האט געשראקן און ווי געבריט אין די הענט... עמעצ האט אפילו געפרווט זיך מאכן א הלצהלע: — אודאי שוין א פאר יידליקעס וויניקער אויף אונדזער וועלטל... עטלעכע פאר שפיזנאווינן האבן אבער דערשטיקט די לעצטע ווערטער פון זיין חכמה ביי אים אין האלדז...

האט אמאל געטראפן: א פויערל אזא, וועלכער האט נעכטן זיך פרייעך געוויצלט, האט אויפן צווייטן טאג א צעטל דערהאלטן; אזא קליין גארנישטיק קוויטעלע מיט אזא נארישקייט: ער זאל מארגן אינדערפרי זיין ביי דער געהיימער פאליציי... מער איז ער פון דארט נישט צוריקגעקומען... דאס ווייב זיינס — א כוואט פון א פויערטע! — האט אלע פיר שוואלבן אירע צוזאמענגענומען און איז אוועק צו דער פאליציי. זי האט די האר פון קאפ זיך געריסן און ווי דער שטייגער זיך אלעמען ממש צו די פיס געווארפן: א טאטע... האט זי געיאמערט... פיר קינדער!...

מ'האט זי גראד רואיק אויסגעהערט; עפעס א ציוויל-מאן, מיט א געלער בלייפעדער אונטערן אויער, האט דערנאך לאנג געזוכט צווישן די אויסגעסדרטע קארטן אין א קעסטעלע און צום צענטן מאל ביי איר איבערגעפרעגט דעם נאמען: ווי? מיערניק?... און רעזיגנירט געשאקלט מיטן קאפ: נישטא ביי אונדז אזעלכער... ווערנדיק דרייסטער פון דער ארויסגעוויזענער העפלעכקייט, איז זי צוגעגאנגען צו א צווייטן, א דריטן, ביז איינער האט ענדלעך עפעס ארויסגעפונען — מיערניק מיעטשיסלאוו... יא, ארויסגערופן געווארן מאנטיק... אין צוזאמענהאנג מיט א צוגענג־

בעטן ראָוועך... ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אומשולדיק און איז צו־ריקגעשיקט געוואָרן אַהיים... וואָס? ער איז נישט אַהיימגעקומען מער? אומדערהערט. יאָ, זאָל זי צוגיין צו יענעםביים טישל. ער פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע פאַלן... און שוין באַברעט זיך יענער ווייטער אין זיינע פאַ־פירן... דערמיט האָט זי פון אים אַלץ אָפּגעהערט.

...ווען אַזעלכע פאַלן האָבן זיך איבערגעחזרט, האָבן אַזאַ פאַרשוווּנ־דענעמס באַקאַנטע מיט באַדויער נאָכגעקלערט: אָט איז ער דאָך נאָך נעכטן געזעסן צוזאַמען מיט אונדז און זיך געוויצלט!... וואָסזשע איז עס מיט אים פּלוצים געשען? בלויז קלוגע פויערים האָבן שטיל אַריינגע־בורטשעט אין די וואָנסעס אַז „ס'איז שוין רעכט"... און אַז „ס'איז היינט נישט קיין צייט זיך צו חכמהנען..." איז אַלץ געוואָרן שווייגנדיק... מיט שווייגן האָט מען די חברה־לייט פאַרקויפט דעם בראָנפן, ביי זיי גענומען דאָס איבערגעצאָלטע געלט און מיט האַלבע ווערטער אויסגעדונגען די גאָלדענע האַנט־זייגערס, וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט...

מ'האָט זיך אָבער דאָך שנעל דערוווּסט, אַז דאָרט טיף אין וואַלד ווערן אויפגעשטעלט באַראַקן און עס ווערט געפּלאַנט אַ באַן־ליניע פון דער אַמוניציע־פאַבריק ביז צו יענעם אָרט אין וואַלד. פונדערווייטנס האָבן זיך גענומען אַרויסשיילן העל־גרינע בערגלעך מיט צוגעשפּיצטע קעפּלעך, אָפּגערוקט איינס פון צווייטן אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט איינס דאָס צווייטע אָנצוקוקן... ווען מ'איז געגאַנגען איבערן בערגיקן שטיקל וואַלד אַקעגנאיבער, האָט מען דאָרט געקענט זען אָפּגעריסענע מענטשן מיט אַ פאַרחושכטן אויסזען, וואָס האָבן זיך געמאַכט פייער פון געטרוקנטע צווייגלעך. זייער קאָפּ איז געווען אַרומגעהילט מיט ווייסן רויך, וואָס האָט זיך אַוועקגעריסן אין די ווייטקייטן און אָנגעזאָגט, אַז דאָרט איז פאַרלייגט געוואָרן אַ נייער מין תפיסה פאַר געמאַטערטע לעבנס.

## III

פאַרן טויער פון לאַגער האַלטן וואַך די עלטסטע ביימער פון וואַלד. פעסטע און חשובע מיט צעשויבערט־גרינע צווייגן־קודלעס, צו וועלכע אַ

גערטנער-שער האט זיך קיינמאל נישט צוגערירט, זענען זיי אזוי, אין זייער וואלדיקער ביחידות צוגעווינט אלץ צו זען, צו הערן און צו פארשוויגן. אינמיטן וואלד זענען פארצויגן שטעכיקע דראטן פון דריי מעטער די הייך אין דער פארם פון א גרויסן פיר־עק, וועלכע צוימען אפ דאס שטיקל פלאץ פאר דער בלויער פרייקייט פון דער וועלט. נעבן די דראטן זענען פארפלאנצט יונגע ביימלעך, וואס פארדעקן מיט זייערע פארגרינטע צווייגלעך די דראטן פאר א פרעמד, פארבייגייענדיק אויג. צוויי מעטער פון די ערשטע דראטן קומט א פיר-עק, וואס פארטאפלט דעם כוח פון די שטעכיקע פרייהייטס-באצווינגער... די דראטן אליין זענען געפלאכטן אין דער פארם פון שאך-קעסטעלעך. אין דרויסן, פון דער וואלד-זייט, זענען די לאגער-גרענעצן גערדיכט באזעצט מיט קליינע ביימעלעך, וואס זענען באצירט מיט שווארצע, ווייניקע בערעלעך. זיי פארשטעלן חוצפהדיק־צולהכעיס מיט זייערע גרינע הענטלעך די לעצטע געקעסטלטע פענצטערלעך צום פרייעם דרויסן צו... וואס ווייטער פון די דראטן, אינעווייניק אריין, ווערט די ערנוואך פון די ביימער אלץ שיטערער און שיטערער, ווי א קאפ וואס הייבט אן צו ווערן פליכיק אינדערמיטן.

ביים שפיץ פון וועגל עפנט זיך א קרומער דראטענער טויער, דורך וועלכן מ'פירט אריין און ארויס. איבער אים הענגט אין דער קרום א ווייסע גרויסע שילד, וואס שרייט אריבער צו אלע מענטשן פון ווייט מיט ווארענונג, פחד-מעשיות און פארהילטקייט, וואס זענען איינגעפרעסט אין איין שווארץ ווארט: י ו ד ע נ ל א ג ע ר... ביי דער שוועל פון טויער איז אויסגעפלאסטערט א קליין שטיינערן בריקל. צוויי שטיינער-שפיצן וואקסן ארויף פון ביידע זייטן, ווי פארפוילטע פניאקעס אין א ציינלאז מויל, און ווען דער טויער צעעפנט זיך מיט א גרילץ און וויל פארברייטערן די געעפנטקייט, כאפן זיי אים אן פון ביידע זייטן ווי זיי וואלטן אים געוואלט קורע זיין דערפאר...

דא גייען יעדן טאג אדורך טויזנטער פיס און קנעטן אויס די ווייכע בלאטיקע ערד מיט גראבע הילצערנע שיך. אמאל טרעפט, אז אזא שוך נויגט זיך אפ אן א זייט און שטעמפלט זיך דארט אריין. שפעטער קומט

א זון און טרוקנט ארום זיינע שפּורן, האַרטעוועט אויס זיין פאָרם ווי א דענקמאָל פאַר צייטן, וואָס וועלן אַלץ פון דאַנעט אוועקווישן... און אַמאָל טרעפט אויך, אז א מענטש ווערט דאָ מיד און ציט זיך אויס אין זיין גאַנצער לענג אין דער זייט — בלייבט זיין מטושטשע פאָרם גליווערן אין דער פּעטער, בלאָטיקער מאַסע און דערציילט וועגן מידן כוח־אויס־לאָז, יעדן טאָג מיט דער זעלבער שטומער שפּראַך...

נישט ווייט פון טויער שטייט שטענדיק א מאַן מיט א שוואַרץ־רויט היטל און היט דעם טויער. אַמאָל איז עס א שפּרינגעוודיק־יונגער חברה־מאַן, וואָס קען נישט איינשטיין אויף איין אָרט און לויפט ארום מיט די אויגן אין אַלע זייטן; און אַמאָל איז עס א גרויליעבער קאָפּ וואָס דרעמלט שטייענדיקערהייט. בלויז ווען עס טראָגט אָן עפּעס א גרינעם מונדיר, שפּרינגט ער אויף אינסטינקטיוו און רייסט אויף מיט ציטעריקע הענט דעם טויער...

אין די וועלדער ארום איז פאַרבאָטן א ציוויל־מענטש פאַרבייצוגיין. בלויז אַרבעטער פון דער פאַבריק איילן דאָ שנעל פאַרביי, קוקנדיק מיט זייטיק־נייגעריקע בליקן אין יענער ריכטונג.

אַמאָל בלויז, ווען פון לאַגער אַרויס פאָרט א גרויסע, הויך־אָנגע־לאָדענע פור, צוגעדעקט מיט פּאַפּירן און שמאַטעס, קוקן גלייכגילטיקע אויגן איר נאָך פון דערווייטנס... מען ווייסט, אז דאָ פירט מען שוין ווייטער א באַרג מיט טויטע צוזאַמען מיטן מיסט אין וואַלד אַריין... קיי־נער נעמט זיך אָבער דערמיט נישט איבער. דער, וואָס טרייבט אָן מיט די פערד, איז האַרט־פאַרשוויגן, אַזוי ווי דאָ וואָלט אים גאָרנישט אָנגע־גאַנגען און דער, וואָס דרימלט ביים טויער, מאַכט בלויז אָן אומצופרי־דענע מינע דערפון, וואָס ער מוז ווייטער זיך גראַבלען מיט די שליסלען ביים טויער, וועלכער האָט זיך ליב אָפּט אַראָפּצולאָזן אויף די פּאָר שטיי־נער און עקשנותדיק זיך צוהאַלטן אין זיי. אַזוי אז מ׳האָט אים מיט גע־וואַלד געמוזט צושלעפּן צו דער שליסל־קלאַפּע... ווייטער גאָרנישט.

ס׳איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו זען אין דעם עפּעס אויסטער־לישס. בלויז ווען א מחנה האָט זיך אַרויסגעלאָזט צו דער אַרבעט, האָט איבער דער לופט געשוועבט א נישט־דערזעענע פאַרוווּנדערונג. דער

וואַלד פון אַרום האָט אויפגעכאַפּט יעדן קלאַפּ פון אַ טריט מיט פאַרווונדערונג אינעם עכאָ, אַזויווי עמעץ וואָלט זיך אַ שפּאַס געמאַכט: יודנלאַגער?...

## קאַפּיטל צוויי

### I

נישט ווייט פון שאָסיי האָט זיך אָנגעהויבן דער שטח פון דער פאַבריק. אַהער זענען יעדן טאָג פאַרפאָרן מיליטערישע אויטאָס, אַריינגעפירט און אַרויסגעפירט פאַרשידענע מאַטעריאַלן. האַרט ביים טויער איז געשטאַנען אַ שטרענגע וואַך, וואָס האָט שטרענג רעווידירט יעדן פאַרבייגייער. די גאַנצע פאַבריק האָט געשטעקט אין אַ וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן אויף הונדערטער קילאָמעטער. אַרום האָבן זיך גענומען באַווייזן די ערשטע פּאַרטיזאַנער און מ'האָט זיך געקענט ריכטן, אַז זיי קענען אָנטאָן צרות דער פאַבריק. איז דערפאַר די פאַבריק שטרענג געהיטן געוואָרן. געדיכטע דראָטן-נעצן האָבן די פאַבריק אַרומגענומען ווי אַ גאַרטל און הונדערטער אוקראַינער און זעלנער פון טאָטערישן לעגיאָן האָבן אַרומגעקרייזט טאָג און נאַכט און געהיטן די פאַבריקס-גרענעצן.

די מערהייט אַרבעטער זענען דאָ געווען פּאָליאַקן. זיי זענען יעדן טאָג אַהער געקומען און מיט פינצטער-צעקנייטשטע בליקן זיך אַריינגעגליטשט דורך דער וואַך. ביים באַגעגנען אַ דייטש האָט זיך זייער אַקסל אַ בויג געטאָן אונטערטעניק. בלויז זייער אויג האָט אַ פינקל געטאָן מיט חניפהדיקער ווייכקייט און האַרטער שנאה צוזאַמען. פון אַזאַ בליק האָט מען קיינמאָל נישט געקענט אַרויסלייענען אויף קלאָר, וואָס ער טראַכט, וועמען ער חנפעט און דינט און פאַר וועמען ער האָט דאָס צוגעגרייט אַזויפיל שטילן, שמעכיקן גיפט... צו אַזעלכע קען מען גאַרנישט האָבן; זיי טוען זייער אַרבעט מיט אַ פאַרביסענעם שווייגן. קענסט קיינמאָל נישט וויסן, אויב דאָס שווייגן נעמט זיך פון אָנגעשטרענגטקייט צו מאַכן די

אַרבעט בשלימות, פון נישט ווען פאַרלירן אַן איבריקע מינוט, אָדער זיי ליגן דערין אַריין און וואַרעמען טיף אין זיך אויס אַ פּלאַן פון גרויזאַמער נקמה... פאַר פינצטערע בליקן קען מען קיינעם נישט באַשטראָפן, בפרט ווען זיי זענען פאַרטאָן אין דער אינדוסטריע... מיט אַזעלכע דאַרף מען אָבער שטאַרק פאָרזיכטיק זיין, קוקן אין יעדן ווינקל מיט טויזנט אויגן...

ס׳איז אָבער דאָך בעסער, ווען זיי וועלן דאָ נישט זיין... דאָ אויף זייער היימיש שטיקל ערד קענען זיי נאָך צאָרנען, פילן זיי זיך נאָך זיכער, ווייסנדיק אַז אַרום זיי געפינען זיך אַזויפיל חברים, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט פאַרנעפּלטע וואַלד-סודות און מיט פאַרשידענע בלעטלעך אַזעלכע פון העקטאָגראַף אַפּער, וואָס צינדן אָן די בלוטן... דאָ איז זייער אויג ווי אַ צווייִשאַרף פון אַ שווערד; אַט לעקט עס דיך מיט חניפהדיקן מילד און אַט, ווען דו באַפעלסט אים אַ שטיקל שווערע אַרבעט, באַדעקט די זעלבע אונטערטעניקייט אַ קוים-מערקבאַר פאָספאָר-גלענצל וואָס זאָגט נישט אַן קיין גוטס... אין דייטשלאַנד וואָלט אַזעלכער געווען אָפּגעריסן פון אַלע און זיין פאַרביסן שווייגן נישט געקענט אַרויספּלאַצן פאַר קיינעם, נישט געקענט זיך אָנשעפּן מיט נייע שנאה-פּלענער ערגעץ אין אַ באַגראָבענער כאַלופּע... דאָרט וועלן זיי זיין געצווימטע שקלאַפן... בפרט אַז דער פראָנט באַדאַרף נישט בלויז שיס-מאַטעריאַל נאָר אויך מענטשן, מענטשן! און דאָ דאַרף מען אַזויפיל אויגן צום היטן!...

האָבן אָנגעהויבן אָפּצוגיין געפּאַקטע צוגן מיט פּוילישע אַרבעטער קיין דייטשלאַנד... די פאַבריק האָט עס די ערשטע צייט נישט געשפּירט. ס׳איז געווען אַ צייט, ווען פון אַלע זייטן האָט מען געפירט לאַנגע צוגן מיט אָנגעגאָסענעם טויט און מ׳האָט ווי פאַרגעסן פון דעם אָפּגעזונדערטן אָרט צו פאָדערן זיין גאַנצן צושטייער. דאָ זענען בלויז געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען. עס זענען געקומען פאַרשידענע אינזשיניערן, געצייכנט פּלענער און אָפּגעקליבן פרישע פּלעצער אויף באַראַקן. אין די נעבט זענען אָנגעקומען פּלאָמבירטע צוגן מיט אַזעלכע מאָדנע-משונהדיקע מאַשינען, וועלכע די געטאָ-יידן האָבן אויסגעלאָדן אין די אָנגעצייכנטע ערטער און באַדעקט זיי מיט שווערע ברעזענטענע פּלאַנדעקעס. דערווייל אָבער האָט די פאַבריק געאַרבעט אַן פיבער און טיילן פון די אויסגעאַרבעטע

גראנאטן האט מען אפגעלייגט אין די ריזיקע, ניי־אויסגעבויטע באראקן, ווי מ׳וואלט דא עפעס געזאמלט אויף אנדערע צייטן. פון די פארמוטמע שטערנס ביי די פרישע מענער אין די געלע מונדירן האט מען אבער גע־קענט אראפלייענען, אז דא גרייט מען שטילערהייט צו א גרויסן שטורעם, וואס וועט זיך פלוצים א צעלאז טאן מיט א ווילדן כוח. דערווייל האט מען אלץ געהיטן. נישט געלאזט קיין זייטיקן צוגיין נאענט און אפילו די אינזשיניערן האבן מיט אומצוטרוי באטראכט איינער דעם ווייטן...

ס׳איז קלאר געווען, אז אט־דאס פארווארפענע ארט וועט נאך אנ־הייבן צו שפילן א וויכטיקע ראל. דערווייל זענען אבער נאך געשטאנען פוסטע פאבריקס־האלעס און לאנגווייליק געגענעצט. די פאליאקן זענען געווארן וואס ווייניקער אויפן פאבריקס־שטח. טייל זענען אוועק מיט זייערע הילצערנע טלומעקלעך איבער ווייטע וועגן און אנדערע האבן אנגעהויבן נעכטיקן אין די וועלדער... דערפאר אבער זענען געקומען פון אלע זייטן מאשינען... מאשינען און מייסטערס, וואס האבן כסדר אומצו־פרידן געברומט צו די געקארבטע, הילצערנע גופים וואס זענען זיי גע־שטאנען אויפן וועג...

בלויז איינמאל, ווען א גרופע ארבעטער זענען אהיימגעגאנגען פון דער ארבעט, האבן זיי געזען ווי דער הויכער אינזשיניער שמיץ האלט א פרישע צייטונג מיט א מאפע און ער ווייזט עפעס דעם פאבריקס־דירעק־טאר ד״ר ראסט. ער שמייכלט דערביי פארהוילן און רעדט אין אים אריין מיט א פול מויל. אינמיטן רעדן האט ער זיך אויסגעדרייט און אויסגעשפיגן. דער ווינט האט אוועקגעכאפט זיין שפיי צוזאמען מיטן לעצטן זאץ, וואס ער האט דערביי פארלוירן. בלויז פלינקע אויערן האבן קוים אויפגעכאפט זיין טעמבער־שפליטער, וואס דער ווינט האט אונ־טערגעהערט, אוועקגעגנבעט און צוגעטראגן שטיפעריש צו יעדנס אויער:

— איצט קומט אונדזער ריי...

## II

די צוגעדעקטע מאשינען זענען אויפגעשטעלט געווארן. ווי נאר א האלע, האט מען זי אנגעשטאפט מיט מכשירים, וועלכע האבן זיך צע-

ברומט מיט אַן אויסערגעוועגלעכן ירגזון... ס'האָבן געגומען פּאַרפּעלן אַר־בעטס־הענט. וואָס איז עס געשען מיט די קאַלט־אויסגערעכנטע דייטשן? נעכטן נאָך האָבן זיי געמיינט, אַז דאָ וועט נאָך זיין אַ לאַנגע צייט רו־איק; האָבן זיי פאַרשלעפּט די אַרבעטס־כּוחות אויף וויכטיקערע פּלעצער... און אַט פּלוצים האָבן זיך די מאַשינען צעברומט, געגומען קריצן מיט די רעדערדיקע ציין, פאַרוואָס קיינער ציט זיי נישט אָן, גיט זיי נישט אָנ־צופרעסן זיך מיט אייזן און דינאַמיט, ווי זיי דאַרפן עס צו האָבן...

אין אַלע זייטן פון אייראָפּע האָבן זיך די קאַנאָנען צעדונערט. אין די טונקל־פאַרמאַסקירטע קאַנצעלאַריעס האָט מען אויסגעוועבט פּאַפּי־רענע פּרוכתן, וואָס זענען זיך צעפאַלן איבער אַלע עקן וועלט און זיך צע־ברילט: פ יי ע ר ! ! ! פון דרום ביז מערב; פונעם קאַלטן נאָרוועגן ביז די הייסע וויסטעניש פון טאָברוק. אויף די רוסישע פראָנטן האָט אַ קאַלטער פראָסט זיך גענומען שליידערן ווי אַ פאַרווונדעטע חיה אויף איר מיליאָנען־קעפּיקן אָנגרייפער. דער שונא האָט זיך דערשראָקן און געטאָן דעם ערשטן טריט אויף צוריק... פון יענער זייט האָט מען דערשפּירט, אַז מ'האָט דער נאַצי־חיה געגעבן אַ ווייטיקדיקן שמיר איבער די נעגל — האָט עס געטאָן אַ שפּאַר אויף זיי מיט מענטשן־ימיקן עקשנות־אָנגריף... האָט עס אויפּאַמאָל אויפגעזאָטן מיט פיבערדיקן געבריל פון אַלע זייטן: פייער! וואָס מער פייער... אָבער די צונגן שלעפּן זיך פון ווייט, זיי לויפן פאַרסאָפּעטע ווי דער טייוול אַליין וואָלט זיי געטריבן; שטענדיק דוכט זיך אָבער, אַז זיי זענען צו־שפּעט געקומען... מוז מען דעם וועג קורצער מאַכן... קורצער? מיט וועלכן כּשוף? אָנשטאָט פון לייפּציק, פון קעלן אָם ריין מוז די פאַרדאַרבונג געברענגט ווערן פון ראַדעם און פון טשענסטאָ־כאָוו! דאָס וועט זיין נענטער און בעסער... זאָלן זשע אַלע קעסלען זיך צערווישן, זאָל עס זידן און ברענען וואָס שנעלער, וואָס שנעלער...

אָבער „פייער!" און אייזערנע משחיתים מוזן מענטשלעכע הענט גיסן, רייניקן, פּוצן... האָט אַלץ אויפּאַמאָל אויפגעקאָכט. טויזנטער שלע־פּעריקע הענט האָבן אין אַטראַפּירטן געאייל גענומען שטעלן איין באַראַק נאָכן צווייטן, אויסגראָבן אין וואַלד בונקער נאָך בונקער און ווידער שלעפּן

איין משוגענע מאַשין נאָך דער צווייטער פון די מיט־גרינס־מאַסקירטע צוגן אראָפּ...

אָבער דאָרט אין דער אומבאַשטימטער ווייט האָט מען זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף דער פּראָדוקציע. אַלעמאָל זענען געקומען צו־פליען אַנדערע שליחים מיט האַריקע קראַגנס פאַרוואָרפן איבער די אַפּי־צירישע שינעלן. זיי זענען אַריין מיט פלאַם־בלויע פּנימער און פינצטער־בליקן אין די אויגן און מיט היץ אַריינגעטריבן כוואַליעס גליענדיקע רייד אינעם פאַבריקס־דירעקטאָר אַריין... נישט איינמאָל האָט מען זייערע שרייענדיקע קולות געהערט זיך אָפּשלאָגן אין די ווענט פון די טויבלעכע האַלעס... זיי זענען עפּ״י רוב באַלד אויפגעזעסן אויף דעם וואַרטנדיקן אויטאָ און אַוועקגעפלויגן מיט אַ שדישן געאייל.

דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק, ד״ר ראָסט, פלעגט נאָך אַזעלכע באַזוכן אַריינפאַלן אין די האַלעס געפּערלעך־אויפגערייצט. זיין גרויסער הונט איז געלאָפן פאָראויס און נאָך עפּעס גענישטערט מיט די אויגן און מיטן ווידל. ער האָט גלענצנד־גוט פאַרשטאַנען דעם באַלעבאָס זיינעם, דער כלב! ער האָט באַקומען דעם זעלבן פאַרשעריישן בליק און פונקט ווי זיין ברויט־געבער האָט ער גענישטערט נאָך פאַרשידענע עברות... גלייך ווי ער, דער הונט פון וועלפישער ראַסע, וואָלט דאָ געווען וויצע־דירעק־טאָר. זיין אויג האָט נאָך מיט אַ גענײַטער אויג פאַר ראָסטן דערשנאַפּט אַן אַרבעטער, וואָס האָט אויף אַ רגע געכאַפּט דעם אָטעם; מיט איין שפרונג איז ער געווען אויף יענעמס קאָפּ און איינגעביסן זיך אין אַן אויער... ד״ר ראָסט איז דערביי געשטאַנען פונדערווייטנס און זיך צוגע־קוקט פאַרפלויגן, ווי זיין הונט מאַכט אָרדענונג אין דער פאַבריק... ער האָט בלויז געוואַרט, ביז דער מייסטער פון דער האַלע איז צו אים צוגע־קומען. דאַן האָט ער אַרויסגעשליידערט פון זיינע דינע ליפּן אַ קורצן זאַץ, אַ שטרענגע ציפער און אַפילו נישט דערהערט, וואָס יענער וויל אָפּווענדן... ער האָט בלויז אַ קרומען שמייכל געטאָן צו זיין הונט פון דערווייטנס ווי איינער זאָגט: מ׳דאַרף גיין ווייטער, טייערער... די צייט שטייט נישט... דאָס איז טאַקע געווען דער אײַנציקער, דער הונט — ווען די ביינערדיק־קרענקלעכע האַנט פון דער הויכער, שטרענגער גלי־

זוער-מאסקע האָט געצערטלט און מיט זיינע קאַלט-בלייכע ליפּן באַשמייכלט...

נאָך זיין אַוועקגיין האָט די האַלע נאָך מער זיך צעקרעכצט און צעפּיבערט...

...שווערע אויפגאַבן האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די אַקסל פון אָטדעם דאָרן דירעקטאָר. די גאַנצע וועלט מוז פלאַמען און ער מוז דאָס פייער דערצו מיטשאַפן, וואָס מער באַשאַפן! ער האָט שוין אַלע מיטלען אויסגענוצט, בכדי די חושך-פאַרפלאַמטע אָפּיצירס-פּנימער צופרידנצושטעלן; ביי יענע אָבער שאָקלען זיך כסדר די טויטן קעפּלעך אויף די הינטלען מיט געבייזער, גלייך ווי ער וואָלט עס געווען דער שולדיקער אין דעם, וואָס „דאָרטן" האַלט אין איין פאַרפעלן וויים-איך-וואָס-אַלץ... פון אַ פּראָדוקציע, וואָס האָט באַטראָפן 5 טויזנט שווערע גראַנאַטן טעגלעך האָט ער זי דערהויבן ביז 20 טויזנט און פאַר זיי איז עס נאָך אַלץ ווייניק...

פון געהיימע צעטעלעך אַרויס לייענען זיי פאַר אים וויפל מ'שיסט אויס אין איין שעה אויפן פראָנט אַזעלכע משחיתים, וועלכע ער פּראָדוצירט; אויפן מינדסטן מזרח-אָפּשניט... ער דאַרף עס וויסן... וואָס ער קען נאָך טאָן אַלס פאַבריק-דירעקטאָר? מאַשינען פעלן נישט. מ'קען ברענגען וויפל ער וויל. זאָל מען האַקן די וועלדער! זאָל מען שניידן ברעטער און בויען, וואָס מער באַראַקן אויפשטעלן און גיסן גראַנאַטן! אונטערטרייבן זאָל ער! זאָל מען ברענגען נאָך וואַכלייט און — זאָל מען שלאָגן! ציען די פעל, אַבי ס'זאָל זיין מער אַרבעט... איז ער דייטשער אָפיציר אָדער נישט? ווייסט ער דען נישט, אַז דאָ גייט אַ געיעג מיט דער צייט? פאַרוואָסזשע בויט מען דאָ אַ באַראַק צוויי וואָכן און זיין פאַבריק ליפערט בלויז קריגס-מאַטעריאַל פאַר אַ האַלבע סעקונדע פון אַן אינטענסיוון פראָנט? — — —

קיינער וויל נישט הערן זיינע טענות. יענע זענען געקומען דערצאָרנטע בלויז, בכדי אויסצוגיסן, אויסצושיטן זייערע פאָרווורפן, אָבער נישט בכדי אויסצוהערן זיינע חשבונות... און ער קען נישט אַנדערש, מיט זיין גאַנצער אַכזריותדיקער אויסגערעכנטקייט קען ער מער נישט באַווייזן!

די ארבעט האט ער אנגעהויבן מיט נישט-קוואליפיצירטע פוילישע כוחות. ס'האט געדויערט, ביז זיי האבן זיך אויסגעלערנט צו גיסן דעם אויפרייס-מאטעריאל ביי דער געהעריקער טעמפעראטור, ביז דאס לאך פארן צינדער איז ביי זיי גלאט ארויסגעקומען... און שפעטער, ווען די פראדוקציע איז שוין אוועק נארמאל און ער האט גענומען חלומען וועגן א נארמע-פארשטייגערונג, איז געקומען א באפעל: 2 טויזנט „קוואליפיצירטע" — פאר לייפציק!... מוז ער ווידער זוכן פרישע הענט, לויפן אין די רעגיסטריר־אמטן, און אפשטיין שעהן ביי געזונטהייטס-קאמיסיעס אויף יונגע פויערים מיט טעמפע פנימער, וואס וועלן מוזן אנהייבן קנעלן פונדאסניי... אבער „זיי" ווילן דערפון נישט וויסן. זיי ווילן נישט פארשטיין, אז צו א פארגרעסערטער פראדוקציע מוז מען האבן מענטשן; אזעלכע מענטשן, וואס זאלן איינפארלייבט זיין מיט דער מאשין, זי קענען פארשטיין אויפן ווינק...

מוז ראסט קלערן, די גאנצע ראפינירטקייט פון זיין מח אנווענדן אויף איין עצה: — מענטשן! ווי אזוי באווארנט מען, אז מ'זאל זיי פון אים נישט צונעמען, ווי אזוי באקומט מען זיי אין א געהעריקער צאל, פאר אלע באראקן... פאר אלע האלעס!?...

## III

א באזונדער קנאה טראגט דער ד"ר ראסט אויף זיין לייפציקער חבר, דעם אינזשיניער שמיץ. יענער וויל דא פארלייגן א גאנצע פאבריק פאר זיינע וויסנשאפטלעכע עקספערימענטן. דערווייל האלט ער אין איין שטעלן באראקן פאר זיין אפטיילונג. ער אליין טוט אכטונג אויף דעם בוי און פירט אן מיט דער ארבעט. אין ראסטס אפטיילונג טארן קיין יידן נישט צוגעלאזט ווערן; דערפאר אבער פארשלינגט שמיץ אלע יידן־טראנספארטן פאר זיך. זיי שניידן אויס די וואלד־שטיקער, שלעפן די ברעטער און שטעלן אויף די ווענט. ער האט זיי גענוג, שוין איבער-גענוג... ביי אים ווערט אלץ פארטיק לויטן פלאן און לויט דער ארדע-נונג. שוין בלויז דערפאר איז אים מקנא צו זיין.

גאַנץ באַזונדער איז יענער דאָס פּונקט-אַקעגנזעצטע פון אים; אַ הויכער און דיקער מיט אַ פּול, זאַט פּנים, איז ער שטענדיק אויך פול מיט פרייליכן לעבן. ער, דער ד"ר ראָסט, וועלכער זעט אויס ווי אַן אויסגעוויקטע מומיע פון אַ קלויסטער־קעלער אַרויס, קען נישט פאַר־טראָגן דאָס פּולע, דיקע געלעכטער פון דעם גבורהדיקן דרייסיק־יעריקן שמיץ... ווי קינסטלעך יענער מאַכט עס! יעדן דריטן טאָג פאָרט ער קיין בערלין אָדער לייפּציק און קומט צוריק מיט פרישע פּאַפּירן, באַשטעטיקט פון דער העכסטער מאַכט. עפּעס אַרבעט ער איבער אַ פרישער דער־פינדונג, דער שמיץ, וואָס דאַרף אַרויסרופן אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין דער ביז-איצטיקער קריגס-טעכניק. דער טייוול ווייסט אים, וואָס ער מאַכט דאָרט פאַר אַ נאָטיצן, שטריכן און פּאַסעקלעך אויף לענגלעכע שטיקלעך פּאַפּיר! ער מאַכט זיינע צייכענישן, ווו נאָר ער גייט און שטייט: ביים עסן, רויכערן און אפילו ביים אָבסערווירן די באַוועגונגען פון אַן אַרבעטנדיקן ייד... ס'איז אָבער גענוג, ער זאָל אַוועקפירן אַזאַ פּעקל נאָ־טיצן מיט זיך און ער זאָל צוריקקומען מיט די אַלערהעכסטע פולמאַכטן... נאָך יעדן מאָל, ווען ער קומט צוריק פון דייטשלאַנד, קומען אָן פון דאָרט אַזעלכע מאָדנע מאַשינען, וואָס ער אַליין זאָל האָבן אויספּלאַנירט. ער אַליין שטעלט זיי דאַן צוזאַמען אין די נייע באַראַקן, וואָס די יידן שטעלן פאַר אים אויף און לאָזט פּראָדוצירן אַזעלכע קליינע שרייפעלעך, וואָס מען פאַרפּאַקט זאָרגפעלטיק אין קעסטעלעך און זיי ווערן באַהאַלטן אין די מאַגאַזינען...

אַ מענגע מיט מענטשן דאַרף אָט דער שמיץ פאַר זיינע אויסאַרבע־טונגען. ער באַקומט זיי אָבער שטענדיק... יעדעס מאָל קומט ער בלויז צופאָרן אויף זיין מאָטאָציקלעט, אין וועלכן עס וויגט זיך זיין גרויסער, ברייטער גוף און פרעגט זיך: זענען דאָ גענוג מענטשן?... מיט די בלויע רייזע־ברילן פאַררוקט אויפן שטערן באַקומט ער יעדעס שרייפעלע און טיילעכל באַזונדער און שמייכלט אין זיך אַריין צופרידן... און דאָס אפשר אַרט ראָסטן אַממייסטן: אַ מענטש זאָל קענען אַזוי זעלבסט־צופרידן שמייכלען!... שוין בלויז דערפאַר אַליין איז ער ווערט, מען זאָל אים פיינט האָבן.

נאָך מער אָבער טוט עס ווײ דעם קרענקלעכן ראָסט, ווען ער זעט שמיצן זיך אַרײַנדרייען זיך צווישן די פרויען, וואָס אַרבעטן אויף זײַן אָפּטיילונג און אויסטיילן זיי שמייכעלעך מיט זייערע דיקע, פולע ליפּן. אַ כעס נעמט אים אַרום אויף די נאַרישע גענדז. ווי זיי ווערן נתפּעל, די אידיאָטישע ווייבער, פאַר אָט־דעם שמייכל! און שמיץ קען אַזוי אָפּשטיין שעהן, שמייכלען און שפּאַסן מיט די ווייבער און יענע טוען דערווייל גאָרנישט, נאָר רינגלען אים אַרום, שלינגען אים מיט די אויגן און כיכיקען היסטעריש ביי יעדן ריר, וואָס יענער מאַכט מיט די ליפּן...

אַלס מיט־אַקציאָנער צו דער פאַבריק — קען דאָס ראָסט נישט פאַרשווייגן; האָט ער אַפילו געפּרווט אַמאָל אויפמערקזאַם מאַכן זײַנע העכער־פאָרגעזעצטע, אַז ער לײַדט פון אַ געוואַלדיקן מענטשן־מאַנגל; בכדי צו קענען אַוועקשטעלן די פּראָדוקציע אויף דער געהעריקער הויך, מוז ער האָבן הענט... וואָס מער הענט! ס'איז אַפילו זייער שווער זיי צו באַקומען. די היימאַט פאַרלאַנגט און פאַרלאַנגט אָן אויפהער און דער רעזערוואַר פון פּוילישער יוגנט איז באַשרענקט... מען קען דאָס לאַנד נישט אויסליידיקן אויפאַמאָל; ס'איז פרעמדע ערד און מ'טאָר נישט צופיל אויפרייצן די פינצטערע פּוילישע געמיטער... ער אָבער, ראָסט, וואָלט צו דעם געפונען אַן עצה... עס איז גענוג ראַציאָנעל צו פאַרטיילן די שוין־פאַראַנענע כוחות און די רעזולטאַטן וואָלטן געווען אינגאַנצן אַנדערע. אָט אַרבעטן, למשל, אין שמיצס אָפּטיילונגען אַזויפיל מענטשן, וועלכע וואָלטן געקענט טיילווייז אַריבערגעפירט ווערן אין דער גראַנאַטן־אָפּטיילונג אָדער ביי דער פּיקרין... דאָ ברענט די אַרבעט און דאָרט — — — —

אַ שטעכיק־קאַלטער בליק רייסט אים אָבער שטענדיק איבער און ער מוז פאַרשלינגען די לעצטע ווערטער אין זיך אַרײַן. דער הויכער, דאַרער אָבערסט פון דער „הערעסאַבנאַמעשטעלע" האָט אים אַפילו איינמאָל אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט, ער זאָל אַביסל פאָרזיכטיקער זײַן ביים רעדן וועגן שמיצן, ווײַל... ערשט נאָכן אַנטגילטיקן זיג פון דער דייטשער שווערד וועט ער וויסן, ווער שמיץ איז געווען פאַר דער דייטשער קריגס־מאַשין... גאַנץ באַזונדער ווייסט ער דאָך, וועלכע ראָל שמיצס פאָטער שפּילט... האָט ראָסט געמוזט צוזען מיט טיפער קרענקונג, ווי אַזוי טויזנטער הענט

גייען פאַרלוירן ביים סאָרטירן קליינע, מאָדנע שרייפעלעך פון איין קאַסטן אין צווייטן אַריין; שמועסנדיק מער צווישן זיך ווי אַרבעטנדיק...

איז ער נישט איינמאָל געזעסן ביז טיף אין דער נאַכט, געחשבונט לאַנג און גענוי, וויפל אָט די רעטענישפולע טיילעכלעך קאָסטן שוין אָפּ דער אַקציען-געזעלשאַפט. די לאַנגע און אויספירלעכע חשבונות פלעגט ער אַוועקשיקן ווי אַן אָנצוהערעניש אין דער צענטראַלע אַריין... שטענדיק איז אָבער געקומען דער זעלבער ענטפער: מ'ווייסט!... און אַ באַמער-קונג דערביי: פּ ר אָ ד ו צ י ר ן ! וואָס מער פּראָדוצירן...

און וואָס מער ראָסט האָט געאַרבעט און אַרומגערודערט אין דער פאַבריק. אַלץ אומרואיקער איז ער געוואָרן און נערוועזער. אומזיסט האָט אים זיין הויכע, דיקע פרוי גערופן אין די נעכט; זיין מח איז אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט דער פאַבריק און זיינע געררייצטע פלענער אַרום איר... אַמאָל, נאָך לאַנגע שעהן אַרומרעכענען מיט דער בלייפעדער, איז ער שוין צוגעשטאַנען מיט אַ צוגעדריקטן שטערן ביי דער שויב פון גרויסן פענצטער, ביזן ווייסן פאַרטאָג...

## ק אַ פּ י ט ל  ד ר יי

### I

ביי ראָסטן אין קאָפּ האָט אָנגעהויבן געבוירן ווערן אַ פּלאַן. וואָס אַ טאָג איז ער ביי אים געוואָרן אַלץ קלאָרער און קלאָרער; ער האָט אָבער נישט געוווּסט, אויב ער וועט זיך לאָזן אַדורכפירן. ער האָט זיך גענומען אָפּרייסן אויף גאַנצע שעהן צו יענעם שטיקל וואַלד, ווו שמיצם באַראַקן-אָפּטיילונג האָט געאַרבעט.

יידן, מיט אָפּגעברענטע ברוינע גופים; מיט דעם לעצטן שפּור פון יונגטלעכער פרישקייט, האָבן געשלעפּט שווערע באַראַקן-דעכער און זיי אָפּגעלייגט מיט אַן אָרדענונג אויף די באַשטימטע פּלעצער. אַנדערע האָבן אויפגעשטעלט די דינע ווענט און מיט דער הילף פון הילצערנע האַמערס

צוגעפּאַסט און צוזאַמענגעקלאַפּט איין װענטל צום צװייטן. אַנדערע האַלב-נאַקעטע גופים זענען געשטאַנען אויף די פּראָװיזאָריש-פאַרלייגטע קלעצער איבער דעם שפּיץ פון באַראַק-סקעלעט און אַרויפגעצויגן מיט גראַנדיעזער פלינקייט די שװערע דאַך-פּלאַטן איינעם נאָכן אַנדערן.

ראָסט איז דערביי געשטאַנען שעהן פונדערװייטנס און געטראַכט זיך די מחשבותן זיינע. זיין אויג האָט איינגעשלונגען יעדן באַװעג פון איינעם אַזעלכן, יעדן טרייסל פון די מוסקול-אייער אויף די נאַקעטע הענט און זיין מח האָט גערעכנט, גערעכנט... ער האָט באַװונדערט אָט-די לעצטע זין פון פאַרשאָלטענעם פאָלק. אָן צו באַקומען אַ גראָשן באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט, קוים אַ שטיקל טרוקן ברויט און אַ װאַסערדיקע זופּ איבערן טאָג... און דאָך שטעקט נאָך אין זיי יענער לעבנס-טריב און אַר-בעטס-קראַפט פון יונגע, געזונטע מענער...

נישט איינמאָל האָט אים אַ כעס אַרומגענומען אויף יענער געהיימער קראַפט, װאָס באַשטימט גורלות. אָט שטייען פאַר אים מענטשן, װעלכע זענען באַשטימט צום פאַרניכטן; נישט קיין אונטערשיד, אויב זיי װעלן זיין געזונט און קרעפטיק אָדער שװאַך און קרענקלעך. איבער זייער גורל האָט מען שוין דאָרט, אין בערלין, פון לאַנג אַרויפגעלייגט אַ שטעמפּל: **ט ו י ט !** . . . װאָסזשע דאַרפן זיי עס נאָך די געזונטע מוסקולן זייערע, **די רונדיק-געפאָרעמטע קערפּערס!?** און ער, דער װעלכער געהערט צו דער זיגערישער, לעבנס-באַרעכטיקטער ראַסע און קען באַפעלן איבערן לעבן און טויט פון טויזנטער — זיינע לונגען זענען נישט אין אָרדענונג... און אין זיין קערפּער טראָגן זיך אַרום צעשפּליטערטע ברעקלעך פון אַ פאַרװאָרצלטן טובערקולאָז... ער, װעלכער קען האָבן פרויען װיפל ער זאָל נישט װעלן — קען נישט האָבן דעם כוח פאַר זיין איינגענער פרוי און דאָ זעט ער פאַר זיך אַזויפיל יונגע מענער-גופים, אין װעלכע עס דרימלט נאָך היים בלוט און כוח...

אַ שרעקלעכער כעס באַהערשט אים אויף דער זינלאָזער פאַרטיי-לונג פון דעם משונהדיקן ליץ אין דער נאַטור-מאַסקע: העי, אויף װאָס דאַרפן זיי דען זייער גאַנצע יוגנט-פרישקייט, אָט די שקלאַפן!? אז מאָרגן װעלן זיי סיי-װי ליגן מיט אדורכגעשאָסענע שאַרבנס אין אַ גרויסן מאַסן-

גרוב... אַך, ווען ער קען צוגיין צו איינעם פון זיי און אים אַ באַפעל טאָן: הער, שמוציקער יודע, דו איינער! גיב אַהער דיין יונגקייט און דיין שטאַרקייט!... ווי גוט דאָס וואָלט געווען.... ער איז אויך בייז אויף דער גאַנצער מעדיציניִשער בריהשאַפט וואָס האָט נאָך אַלץ נישט באַוויזן אויסצוטראַכטן אַזאַ מאַשין, מיט וועלכער מען זאָל קענען איבערגיסן דאָס געזונט און די קראַפט פון איין מענטשלעכן קערפּער אין צווייטן אַריין. דאָס בעסטע אויף דער וועלט וואָלט געווען, ווען ער קען צוגיין צו אָט-אָ יענעם, זיך איינבייסן מיט די חלושדיקע ציין זיינע און אויסזויגן פון אים דעם גאַנצן מאַרך, דעם גאַנצן רויטן כוח וואָס ליגט אין אים פאַר־חתמעט אין די אָדערן און דערמיט באַקרעפטיקן דאָס אייגענע האַלב־אָפּ-געשטאָרבענע בלוט — — —

ער איז אָבער דערצו מאַכטלאָז. דאָס רייצט אים נאָך מער און רופט אין אים אַרויס נקמה־געפילן... יאָ, נקמה אין די וואָס האָבן נישט דאָס רעכט צו לעבן און האָבן דאָך די העזה צו טראָגן אין זייערע בלוטן דעם כוח דערצו...

פון טאָג צו טאָג ווערט ראָסט גערייצטער.

## II

דערנענטערט ער זיך אַמאָל, מיט טריט פון אַ שטילער קאַץ, צו אַזאַ גרופּע. ס'פּיבערט ביי אים אַלץ פון טונקעלע, אומקלאָרע באַגערן. ער באַ־מיט זיך אָבער צו באַהערשן. אויך דער כעס, וואָס עגבערט שטיל, פאַר־שאַפט אַ טיפע ווייטאָגדיקע הנאה און ס'איז אַ שאָד, ער זאָל שנעל און אויפאַמאָל אַרויספּלאַצן... צוימט ער זיך און קומט צו מיט אַן אויסער־לעבער מאַסקע פון גלייכגילטיקייט אַלץ נענטער און נענטער; בלויז זיין בליק פון אונטער די ברילן אַפּער פינקלט גערייצט און דראָענדיק...

...ד"ר ראָסט!!! העמערט עס אין אַלעמענס קעפּ... פּיבערדיקער באַוועגן זיך די קערפּערס, די קעפּ, די הענט ביי דער אַרבעט... ער אָבער שטעלט זיך אַקעגנאיבער און דער ערשטער בליק, וואָס גנבעט זיך אַרויף צו אים פון אַרבעטס-איינגעקנורעטקייט, כאַפּט אויף זיין שטום־פאַר־

בייגטן פינגער, וואס רופט אים פון דער ריי ארויס. שטענדיק איז עס דער שענסטער און קרעפטיקסטער...

— פון ווו ביסטו?... דאס איז זיין ערשטע פראגע, מיט זיין זענע-דיקער סוכאטע־שטים... דער שמועס, וואס ער פארוויקלט מיט יענעם, מוז פארפלאנטערן און פארשטאמלען... ער וויל פון יענעם וויסן פשוטע קלייניקייטן: וויפל טראכט יענער אזוי צו ארבעטן אומזיסט פאר די דייטשן? און וואס וואלט ער א שטייגער געטאן, ווען ער לעבט איבער די מלחמה און ער האט די געלעגנהייט איבער די דייטשן צו באפעלן? ער וואלט אויך וועלן וויסן, אויב אים, דעם ייד, איז נאך אלץ נישט נמאס געווארן צו לעבן אונטער דער טעגלעכער בייטש און הונגער? מיינט ער עס טאקע ערנסט, מיטן וועלן איבערלעבן און שפעטער צוריק אנהייבן א ניי לעבן אויף דער פריי?...

ער האט דערביי קאלטבלוטיק ארויסגעצויגן זיין רעוואלווער, אים אנגעלאדן, שמייכלענדיק דערביי מיט זיין האלבירט פארוויאנעט געלעכ-טערל זיין קרבן אין די אויגן אריין... „אט זעסטו — האט ער ווייטער געצויגן — אט־די קליינע מאשין, זי קען עס אלע דיינע פלענער צע-שטערן, ענדערן..."

די בעסטע הנאה איז דאס שפילן זיך מיטן קרבן, איינזויגן זיך מיט דעם בליק אין דעם דערשראקענעם פנים און טרינקען ווי דעם בעסטן וויין די איומדיקע שרעק פון יענעמס אויגן ארויס...

...די קויל האט ער אריינגעשאסן אין קאפ אריין ערשט דאמאלסט, ווען ער איז שוין זאט געווען מיט יענעמס דערשראקענעם בליק און מיט זיינע טומלדיקע רייד... דער שאס איז געקומען ווי אן איבעררייס פון א נמאס־געווארענעם שפיל. מיט די דארע פינגער האט ער געמוזט אויס-טאפן דאס ארט ארום דער וווּנד; אן אריבערגעבויגענער איבער דער ברוי-נער קאלושע וואס האט ארויסגעטריפט פון דערשיסונגס־לאך, האט ער זיך לאנג איינגעגעסן מיטן קורצזיכטיקן בליק אינעם פריש־טריפנדיקן בלוט...

ס'איז אבער געגוג געווען שמיצס אן אינטערוועניץ ערגעצוו און דאסט זאל זיך מוזן צוימען. דאס שיסן, אפט, די בעסטע פאכלייט זיינע,

האָט שמיץ אויפגענומען ווי אַ פּערזענלעכע שיקאַנע קעגן אים. אָט וויל ער וואָס שנעלער אויסבויען זיין פאַבריק און איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסצושמידן זיין עפּאָכע־מאַכנדיק געווער... אויב אָבער דער הער דאָק־טאָר וועט אים דאָ שטערן...

מ׳האָט דעריבער אויפגעקלערט דעם הער דאָקטאָר. אַז דאָ גייט עס נישט אין די שמוציקע יידן, וועלכע ער קען זיך פאַר זיין פאַרגעניגן וועגן שיסן וויפל זיין האַרץ גלוסט; עס האַנדלט זיך אָבער אין דער גרויסער זאַך, אין וועלכן די יידן זענען דאָ קליינע שרייפעלעך פון דער מאַשין... אַנדערש איז מיט יענע יידן פון אַ געטאָ אָדער...

מוזנדיק רעזיגנירן פאַר די פאַרשידענע דריידלעך פון שמיצן, האָט ער אים נאָך מער פיינט באַקומען. צווישן אייגענע האָט ער אויף אים געברומט: דער פאַרקויפטער יידנטויפל! דער... יידנפאַטער, קרויצדאָנער־וועטער — — —

ווען שמיץ האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער בלויז ברייט גע־שמייכלט. דאָס זעלבע שמייכעלע האָט ער אויך אונטערגעטראָגן ראָסטן ביים שמועסן און ביים שפּאַצירן צוזאַמען... האָסט קיינמאָל נישט גע־קענט ביי יענעם וויסן, אויב ער באַפריינדט דיך דערמיט אָדער שטעכט ער דיך אַזוי מיט חוזק... און שמיץ האָט נאָר פאַרמאָגט איין שמייכל...

## III

אין פאַרלויף פון זיין אָבסערווירן האָט ראָסט געקענט פעסטשטעלן, אַז די יידן זענען דויערהאַפט און ווידערשטאַנדספעאיק קעגן די שווערסטע באַדינגונגען. מסתמא זענען זיי ביסלעכווייז צוגעגרייט געוואָרן צו אַזעל־כע לעבנס־אומשטענדן און זיי זענען דערפאַר אין זיי אַריינגעלעבט גע־וואָרן. ער האָט דערביי באַרעכנט מיט זיין בלייפעדער, אַז די ס. ס. באַ־גייט אַ גרויס פאַרברעכן לגבי דער קריגס־פּראָדוקציע. ער האָט געוווּסט פון די מיליאָנען אַרבעטס־פעאיקע מענער און פרויען, וועלכע מ׳האָט געפירט און מ׳וועט נאָך פירן אין די גאַז־קאַמערן אריין צום דערשטיקן... און אַ צאָרן האָט אים אַרומגעכאַפּט: דאָ, אין אַלע פאַבריקן האָט מען

זיך אָפּ די הענט פאַר אַ מענטש צו דער אַרבעט; מ'קען נישט דערפירן צו דער געהעריקער נאָרמע־הויך און דאָ דערלויבן „זיי" זיך אויף אַזאַ לוקסוס פון פאַרניכטן מיליאָנען!

יאָ, ער, ראָסט, ציטערט אויך אויף ביים געדאַנק, אַז אין צוקינפטיקן באַזיגטן אייראָפּע זאָלן זיך נאָך אַרומדרייען אָט די חניפהדיקע מענטשעלעך מיט די יידן־נעז... זיי וועלן שוין דערשנאַפּן ווי אַזוי זיך אַרויפצוהייבן... נאָכן געלינגענסטן קריג קען מען נישט האַלטן אַזויפיל מיליאָנען מענטשן פאַרשפּאַרט... און ביים קלענסטן ביסל פרייעם אָטעם, ביי די מינדסטע לעבנס־באַדינגונגען וועלן זיי שוין אָנשלאָגן אומעטום...

אוודאי האַלט ער אויך פון פאַרניכטן ביז צום לעצטן נפש... אָבער — מיט חשבון, מיינע הערן! מיט קאָפּ און קאַלקולאַציע...

מיט גרימצאָרן האָט ער דעמאָלסט געלייענט דעם צירקולאַר איבער די איינגעליפערטע יידן, וועלכע מוזן בלויז באַשעפטיקט ווערן ביי „שוואַרצער" אַרבעט; קיינמאָל אָבער טאָר אַ ייד נישט צוגעלאָזט ווערן צו אַ מאַשין... דער ד"ר ליסבעק, זיין לאַנדסמאַן און געשטאַפּאָ־אָפיציר פון קרייז, האָט אים דאָס אַפילו אויפגעקלערט: די יידן, וואָס לעבן נאָך אַפילו, זענען באַשטימט אַהין, ווו די וואָס זענען פאַר זיי אַוועק... „ביז דער לעצטער ייד וועט פאַרשווינדן פון אייראָפּע!" האָט דער פירער געזאָגט... מען טאָר זיי דעריבער באַלד נישט אַריינפירן אין אַזאַ אַרבעט, אין וועלכער זיי וועלן זיך איינלעבן און קוואַליפיצירן... זיי קענען נאָך נוצלעך ווערן ביי פאַרשידענע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטן און שפּעטער וועט אַ שאָד זיין זיי צו פאַרניכטן... דער אויסראָטונגס־פּראָצעס מוז אויסגעפירט ווערן אַזוי, אַז מען זאָל זיין איבערצייגט, אַז דערמיט פאַרניכטעט מען אומנוויטיקע, אַרבעטס־אומפעאיקע עלעמענטן; ווי אַזוי זשע קען מען זיי אַריינציען אין דעם טייערסטן, וואָס גרויס־דייטשלאַנד פאַרמאָגט: אין זיין קריגס־אינדוסטריע?... וויפל מייסטערס און דייטשע מענטשן וועלן שפּעטער קומען און פאַרטיידיקן; וועלן אָפּבעטן זייערע יידן... און ווען מען וועט זיי נישט צוליב טאָן, וועלן זיי זיך אַרומדרייען אומצופרידענע, פאַרשפּריטן קלאַנגען, אַז די געשטאַפּאָ פּאַראַליזירט מיט די יידן־אַקציעס דעם דייטשן זיג... גאַנץ מעגלעך, אַז אַפילו ער, ראָסט,

אליין וועט שפּעטער זיין פון די אומצופרידענע... הײנט צו וואָס דאַרף מען עס אַרײַנבריינגען כאָאָס און צעשפּליטערונג אין די אייגענע רייען צוליב יידן גאַר!?...

ער אָבער, ראָסט, איז אין אַן אַנדער מיינונג. צומערשט פאַר אַלע־מען איז ער טרוקענער געשעפטס־מאַן. ער קען שנעל באַרעכענען, וויפל קוילן אַזאַ מוסקולירטע יידן־האַנט קען פּראָדוצירן און וויפל גראַנאַטן... דאָס ביליקסטע איז אַזאַ יידן־מעכאַניזם, וואָס קען נישט פאַרלאַנגען קיין געלט, האָט „גענוג" וויפל עסן מען גיט אים און קענסט פון אים אַרויס־טרייבן דעם לעצטן אָטעם, נישט דאַרפנדיק זאָרגן, אַז ער וועט דערפון קראַנק ווערן...

און טאָמער גייט עס אין זייער אויסראָטונג — טאָ זאָל מען זיך שוין דערמיט פאַרלאָזן אויף אים — דעם כעמיקער ראָסט!... אָבער פאַר־וואָס זיי נישט פריער אויסנוצן? פאַרוואָס נישט — גראָד דערפאַר טאַקע — באַנוצן זיך מיט זייערע כוחות אויסצושמידן פריער מיליאָנען גראַ־נאַטן און באָמבעס פאַר די שלאַכט־פעלדער? צו וואָס נישט הפקרדיק אי־בערגיסן זייערע לעבנס אין אייזן, אין פלאַמען־צינדער? זיי וועלן סיי־ווי אַלע דאָ פאַלן — אָבער יעדער טאָג וועט זיין אַ קוואַל פון וואָנעט צו ציען, צו שעפּן טרייב־קראַפט פאַר די פאַרעלטערטע מאַשינען...

דער ד"ר ראָסט האַלט, אַז צו אַ מאַסן־אויסראָטונג איז שטענדיק דאָ צייט. אי דאָס הילכט אָפּ נישט ווי עס געהערט צו זיין און אי דאָ שאָדנט מען זיך אַליין מיט פאַלשער אויסרעכנונג.

גאַנץ באַזונדער פּראָטעסטירט עס טיף אין אים קעגן אַזאַ פאַרשווענ־דערישקייט; קיינער נישט, אַזוי גוט ווי ער, קען דאָס גרויסע גליק פון אומברענגען אַ מענטש... ס'איז דאָ פאַרגעניגן פון רייצן זיך גאַנצע שעהן מיטן קרבן, אַרײַנטרייבנדיק אים באַוווסטזיניק אינעם געדאַנק, אַז ער גייט שטאַרבן... ס'איז גוט צוצוזען ווי יענעמס אויגן נעמען פינקלען צו־ערשט מיט האַס צו דעם, וואָס וויל אים אַרויסרייסן פונעם דאָ־זיין. פון די אויגן אַרויס קען מען ביי יענעם לייענען זיין געדאַנקענגאַנג, זיין שנעלן בליצזוכנדיקן אויסוועג פון דער גרויזאַמער סיטואַציע...

שפּעטער איז גוט צו אָבסערווירן די צווייטע פאַזע פון קרבנס גע־

מיטס־צושטאַנד; די פ אַ ר צ וו יי פ ל ו נ ג ... יענעמס אויגן ווערן דאַן גרעסער און אויפגעריסן... מ׳קען זען ווי יעדער אבר באַזונדער, יעדע האָר פון קאָפּ, פון די ברעמען רעאַגירן מיט רעזיגנאַציע און יאוש. די פאַרצווייפלונג קען מען דאַן אַרויסלייענען פון דעם מינדסטן קנייטש אויף זיין בגד...

און דאַן קומט די דריטע פאַזע וואָס פאַרשאַפט אַממיינסטן פאַרגעניגן; די פאַזע, ווען אין קרבן צינדט זיך ווידער עפּעס אָן אויפסניי. איינעם באַוווּסטזיין, אַז זיין לעבן ליגט ביי דיר אין די הענט — פּרובירט יענעמס פאַרצערטע פסיכיק שאַפן יענעם לעצטן אויסוועג, וואָס קען נאָך געבן. זיינע אויגן ווערן דאַן איינגעצויגענער... פייכט־פאַרנעפּלט — ווערן זיי דאַן תחנונימדיק, פול מיט שטום־בעטנדיקער הכנעה... אַלץ אין זיי איז קאָנצענטרירט אויף איין פּונקט: דיך צו באַווירקן, אַריינטרעפן מיט זיין אומגליקלעכקייט צו דיין פינטל וואָס לאָזט זיך אַמאָל באַאיינפלוסן... אין יענעם מאָמענט, בכדי נישט צו ווערן ווייך — מוזטו תיכף אַריינטרעטן אין צווייטן גליק פון מאָרד: ס׳איז די העכסטע צייט אַריינצושיסן יענעם די קויל...

אויך דעם צווייטן עטאַפּ פון מאָרד־גליק מוז מען אַריינציען אין זיך לאַנגזאַם... מען דערשיסט נישט יענעם אויפּאַמאָל, נאָר מ׳שיסט אים אַריין די קויל אין אַן אָרט, וווּ עס ווייטיקט יענעם אַממיינסטן, אָבער טויט אים נישט מאָמענטאַל... ס׳איז וווּנדערבאַר צוצוקוקן, ווי אַזוי דאָס לעבן און דער טויט לאָזן זיך אַוועק אין ווילדן, כאַאָטישן געראַנגל... מיט הנאה ציסטו אין זיך אַריין יעדן מוסקול־צוג; יעדן תהום־קרעכץ... דו שיסט ווידער אַריין; אין אַן אַנגעווייטיקט אָרט און דו לעבסט ווידער איבער אַ הנאה וואָס איז שטאַרקער פאַר יעדער סעקסועלער באַפרידיקונג און אויפצאַפּל... און ווען דער האַלב־טויטער שוין קערפּער רעאַגירט אינסטינקטיוו נאָך דיין צווייטער קויל מיט אַ פרישן וואַרפן זיך אין קאָנוווּלסיע — לויפט דיר אַדורך אַ שכורער רויש איבער אַלע גלידער — — —

און צום לעצט קומט דאָס דריטע, ק אַ ל ט ע גליק פון מאָרד. שוין האָסטו אַלע אויפרעגונגען און הנאה־אויפצאַפּלונגען הינטער זיך;

דער קרבן איז טויט און דו ביסט ניכטער. איצט שטייסטו זיך רואיק, באַטראַכסט די אָדער־געוועבן, די מיליאָנען קעמערלעך, הערעלעך און צעלן, וואָס האָבן געטריבן לעבנס־שטראָם אין אָט־די אַלע אברים אריין... און אַ גליקלעכער שטאָלץ באַפאַלט דיך דאַן, וואָס דו, מיט דיין האַנט, האָסט געקענט אין געציילטע סעקונדן אָפּשטעלן אַזאַ לעבנס־מעכאַניזם אויף שטענדיק... אויף אייביק... און דער גרעסטער מייסטער קען שוין דאָ גאָר נישט איבעראַנדערשן — — —

יעדער מענטש, וועלכער קען דערמאָרדעט ווערן, איז אַן אָביעקט פון נישט דאָ־וועלטיקן פאַרגעניגן... און ראָסטן פאַרדריסט, וואָס אַזויפיל טויזנטער מענטשן פירט מען אריין אין שטיק־קאַמערן אריין; נישט עמעץ זעט זייער געראַנגל און אויגן־אויסדרוק און נישט עס הערט עמעץ זייערע פאַרשטיקטע גסיסה־קרעכצן — — —

אַ פאַרברעכן!... ברומט ער צו זיך — אַ זינלאָז, אומגעשיקט פאַרברעכן...

און ראָסט באַשליסט אָנצוהייבן אַן אַקציע פאַר יידן אין „האַסאַג" אריין...

## IV

דאָס מאָל שרייבט ראָסט אַ מעמאָריאַל אין דער צענטראַלע אריין. ער האָט אַ נייעם פּלאַן: צוליב מאַנגל אין אַרבעטער וויל ער אריינציען אַ גרופּע יידן אין דער קריגס־אינדוסטריע אריין. ער ווייסט די צילן, וואָס דער פירער האָט זיך געשטעלט; ער פאַרשטייט אויך און באַגרייפט די קענגנערשאַפט, וואָס אַזאַ פּלאַן קען מיט זיך אַרויסרופן. זאָל מען אָבער זיין אויסגעזאָרגט! קיין איין ייד וועט פון די אַלע סיי־ווי נישט לעבן... זאָל מען אויך נישט מורא האָבן, אַז זיי וועלן נוצלעך ווערן קענטיק... און ביי דער געגעבענער מינוט וועט זיי אַ שאָד זיין צו פאַרניכטן... אַזעלכע זאַכן לאָזן זיך לייכט ענדערן: זיי קענען צו יעדער צייט געמאַכט ווערן כוח־לאָז, פאַרמיאוסט, אַז אַלע זאָלן וועלן פון זיי פּטור ווערן. זיי וועלן אוועקגעשטעלט ווערן אין ענגע קאַיוטעס, וואָס וועלן פול זיין מיט שטויב פון

הייסן טראַטיל און אויפגעקאָכטע סאַלעטרא... זיי וועלן שטיין אַן מאָס־קעס ביים פרעסן פיקרין־קאָסטקעס און דאָס וועט שוין האָבן די געהעריקע ווירקונג אויפן האַרץ און אויף די לונגען... די פּאָר מאָנאַט אָבער, וואָס אַ שטאַרקער מענטשלעכער אָרגאַניזם קען אויסהאַלטן ביי אַזאַ אַרבעט, וועלן זיי שאַפן און שווער באַצאָלן פאַר זייער געמאַטערט לעבן... די וואָס וועלן נישט אָוועקשטאַרבן, וועלן ווערן אַזוי פאַרקריפּלט, אַז קיינער וועט שפּעטער נישט באַדויערן, ווען מ'וועט זיי אַוועקפירן צום טויט...

ער האָט אויפגעוויזן מיט פאַרשידענע ציפערן, ווי אַזוי די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן וואָלטן זיך געענדערט, ווען מ'זאָל די יידן שיקן אָנשטאָט אין די גאַז־קאַמערן — אינעם גרויסן אינדוסטריע־בעקן אַריין. דאָ קענען זיי קאָנצענטרירט זיין און צוגעגרייט פאַר דעם טאָג וואָס וועט אויסשלאָגן. לויט דער שטערבלעכקייט ביי אים אין לאַגער, האָט ער אויפגעוויזן, אַז ביי געוויסע צוגאָב־מיטלען קען דער ציל פון דער יידן־פאַרניכטונג דערביי אויף אַ ראַציאָנעלן אופן סיי־ווי דערגרייכט ווערן... די פאַבריק מוז דערפאַר זען צו אינטערוועניר אין דער ריכטונג.

**די דערלויבעניש איז ענדלעך געקומען.** ס'זאָל הייסן, אַז דערווייל מוז מען מאַכן אַ פּרווו מיט אַ קלענערע גרופּע, זען אויב זיי זענען גענוג טויגבאַר און דאַן וועט מען ווייטער זען. מיט טריאומף האָט ראָסט געלאָזט איינטרעטן די גאַנצע גרופּע יידישע אַרבעטער, וואָס זענען ביז איצט געווען באַשעפטיקט ביים שניידן די ביימער, בויען די באַראַקן און גראָבן די פונדאַמענטן. מיט אים איז מיטגעקומען שמיץ. אויך ער האָט געוואָלט לאָזן אין גאַנג אַ פרישע אָפּטיילונג וואָס זאָל איינשלינגען אַ סך מענטשן. האָבן זיי ביידע לאַנג געקליבן פון די רייען, געוואָלט אַרויסזוכן די בעסטע כוחות, בכדי צו קענען שפּעטער באַווייזן, אַז מען קען די יידן אַריינפירן אין דער פאַבריק; ווו זיי צו נעמען וועט מען שוין געפינען.

עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן די ערשטע 40. ביידע האָבן דערקלערט הויך, אַז די אויסגעקליבענע ווערן פון היינט אָן באַטראַכט אַלס פאַבריקס־אַרבעטער. מאָרגן מוזן זיי קומען און זיך מעלדן אין דער ביוראָ,

ווו מען וועט זיי צוטיילן אַ האַלע. די מענטשן זענען געווען גליקלעך און אויך די אַנדערע האָבן זיי מקנא געווען: זיי גייען אין פאַבריק. דאָרט וועלן זיי אַרבעטן און זיך צוזאַמענטרעפן מיט ציוויליסטן. ס'איז אַ פאַך־אַרבעט; קיינער שטייט דיר נישט איבערן קאָפּ און יעדע מינוט דאַרפסטו זיך נישט ריכטן אויף אַ געשפּאָלטענעם שאַרבן... דו אַרבעטסט געגוי ווי דער פּאָליאַק — וואָס נאָך קען מען פון דיר פאַרלאַנגען? און דער קאָנ־טאַקט מיט מענטשן פון דער פרייַ איז אויך אַן ענין...

נאָך עטלעכע טעג האָבן טייל פון די אַרבעטער אויפן פאַבריקס־שטח אָנגעהויבן קומען אין לאַגער ווי שכורע, וואַקלענדיק זיך אויף די פיס... זיי האָבן שטיל איבערגעגעבן, אַז מען דאַרף אויסקושן יעדן ברעקל פון שווערסטן בוים, וואָס מען דאַרף אַמאָל שלעפּן; אפילו די נאַגייקע וואָס באַצייכנט אָפּט די אברים מיט ברוין־בלויער שריפט... דאָס איז אַלץ אַ גאָרנישט אַנטקעגן דער רואיקער אַרבעט, דער אויסגעקליבענער... דאָ אַרבעט מען מיט הונגער — קען אָבער ווער אָפּשאַצן וואָס עס הייסט צו זיין אויף דער לופט, אין וואַלד? און דאָרט ביסטו אַ גאַנצן טאָג ווי אין אַ גיפט־קעסל...

„מיר וועלן עס לאַנג נישט אויסהאַלטן!" האָבן די זעלבע מיט רעד־זיגנירטער זיכערקייט פעסטגעשטעלט. נישט אַלע האָבן זיי אָבער גע־וואָלט גלויבן... „זיי האָבן מורא, מ'זאָל זיי נישט מקנא זיין מיט דעם גליק זייערן..." האָבן טייל איראָניזירט.... די פּנימער פון יענע האָבן אָבער אויף קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט... און אַ קלאַנג האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן, אַז די צווייטע וואָך וועלן טויזנט יידן גענומען ווערן אין דער פאַבריק אַריין... פון זייטיקע אונטערגעהערטע ידיעות האָט מען זיך דערוווסט וועגן נייע גרויסע טראַנספּאָרטן, וואָס די פאַבריק וועט ברענ־גען...

און קיינער האָט זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, פון וואַנעט ער ווייסט עס פּלוצים ביי זיך, אַז די אמתע טראַגעדיע הייבט זיך ערשט אָן...

# קאַפּיטל פיר

## I

...ווען ראַסט האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין מאַידאַנעק נאָך יידן, זענען שוין אַלע האַלעס געווען באַזעצט מיט יידן. די פאַבריק האָט שוין אַדורכגעמאַכט פאַרשידענע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן. די פּראָדוקציע איז געהויבן געוואָרן אויף אַ גרויסן פאַרנעם. עטלעכע האַלעס האָט פאַרנומען די גראַנאַטן־אָפּטיילונג; עס זענען איינגעריכט געוואָרן פאַרשידענע לאַבאָראַטאָריומס, ווו מען האָט גאַנצע טעג עקספּערימענטירט און אויסגעאַרבעט אַלערליי נויטיקע מאַטעריאַלן. איין גאָט ווייסט צוליב וואָס מען האָט אין דער זעלבער פאַבריק אויך אויסגעאַרבעט ליפּן־שטיפטן און אַנדערע טואַלעט־אַרטיקלען. ווערק צע איז אויסגעוואַקסן צו אַ ריזיקע אונטערנעמונג. אויך שמיץ האָט זיך געהאַט זיינע פאַרשידענע אָפּטיילונגען מיט די אויסטערלישסטע אויסאַרבעטונגען. טראַנספּאָרטן יידן זענען געברענגט געוואָרן פון אַלע עקן. געטאָס זענען אויסגעליידיקט געוואָרן און צוזאַמען מיט האַק און פּאַק אַריינגעשליידערט געוואָרן אין דעם זודיקן תוהו־ובוהו. מ׳האָט זיי געברענגט פון פּלאָצק און פון פּיעטרקאָוו; פון זשאַרקי און פון קיעלץ; זיי זענען שנעל אַריינגעקאָכט געוואָרן אין די אָפּטיילונגען, פאַרוועבט געוואָרן מיט די מאַשינען און קיינער האָט נישט געוווסט, ווען זיי לעבן, קרעכצן אויס אַ גסיסה־פּייף און שטאַרבן אָפּ... נאָך געווען יידן אין די געטאָס... האָט אַ טראַנספּאָרט זיך אָנגעהויבן אויסצולאָזן — זענען אַוועק גרויסע לאַסט־וועגנער אויף פאַנג און צוריקגעקומען אָנגעפּראָפּטע מיט דערשראָקענע פּנימער. די מענטשן זענען שנעל אַראָפּגעשמיסן געוואָרן פון די מאַשינען און צעוואָרפן געוואָרן אויף די פלעצער, וואָס זענען אָקאָרשט ליידיק געוואָרן פון די נעבטיקע... מיט די טויטע האָט מען קיין גרויסן ווען נישט געמאַכט; מ׳האָט זיי געפּאַקט אין דעם שמאָלן ערד־זיימל צווישן איין דראָט און דער צווייטער, אין וועלדל און וווּ ס׳האָט זיך געלאָזט... טויזנטער זענען שוין געפירט געוואָרן אויף דעם עלנטן וועג צום וועלדל, דורך וועלכן סיינער איז שוין

צוריק נישט געגאַנגען... די האַרטע ערד פון שיס־פּלאַץ און פון באַבוי־מערטן שטיקל פּלאַץ, ביי די בונקערס, אַקעגנאַיבער דער האַלע 96, איז פעט געוואָרן פון די טויטע לייבער פון די באַהאַלטענע. דערשאָסענע יידן. דער גלייבער פּלאַץ האָט אָנגעהויבן אויפיערן און געוואָרן קיילעך־בערגלדיק ווי אַ פליישׂ-אָנגעפּרעסענער, גראָבער בויך... אַזוי ווי די טויטע וואָלטן ארויפגעשפּאַרט די ערד, וואָס וויל צודעקן זייער זכר, מיט אַן אָנ־קלאַגע קעגן הימל און ערד — — — 1943. אָפּגעצאַפּט שוין די לעצטע יונג־יידישע בלוטן פון אַלע צוגעשלאָסענע געסלקעס און פון די בית־עולם שטילקייטן קען מען מער נישט ברענגען קיין הענט...

דער לעצטער גרויסער טראַנספּאָרט הייבט אָן וויניקער צו ווערן, נישט-אָנזעעוודיק... צווישן אַזויפיל מאַשינען... צוערשט איז עס געווען אַ געלעכטער ביי ראַסטן: עס פעלן נישט קיין יידן! דערווייל מוז מען דערגענצן די ליידיקע פּלעצער מיט אַנדערע מענטשן פון די אומנויטי־קערע אַרבעטן און שפּעטער וועט מען זיך נאָך אַרומקוקן... ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן; אויך די מענטשן האָבן גענומען קרענקען און פאַלן, פאַלן...

און מיט יידן ווערט שיטערלעך אין דער מדינה... זענען נאָך דאָ וועלכע — זענען זיי שוין פאַרקויפט אין אַנדערע פאַבריקן און קיינע פון זיי וועט נישט אַרויסגעבן דעם „האַסאַג״ זייער מענטשן-מאַטעריאַל...

איז נאָך געבליבן איין אויסוועג: קאָנצענטראַציע-לאַגערן! די לעצ־טע, וואָס שטייען נאָך, וואַרטנדיקע, אינעם טויטס קאָרידאָרן, קען מען נאָך פאַרשלעפּן אויף אַ פּאָר וואָכן אַהער... עס איז בלויז אַ פראַגע, אויב די דערלויבעניש וועט געגעבן ווערן.

דער גורל איז געפאַלן אויף מאַידאַנעק. טעג אויף טעג איז דאָרט ראַסט אָפּגעשטאַנען, באַטראַכט די נאַקעטע קערפּערס פון די איבער־סעלעקציאָנירטע; געזוכט די געזונטסטע און שטאַרקסטע... ווידער אָפּ־זאָגן, וואַקלענישן און ווידער אַ באַשטעטיקונג... ענדלעך איז אים גע־לונגען צו האָבן דעם טראַנספּאָרט אויסערן טויער. די באַשטימטע צאָל האָט ער גענומט אַרויסנעמען אין צוויי מאָל: טויזנט מענער און 500 פרויען האָט ער באַקומען ביים ערשטן מאָל און נאָך וויטערדיקע 500

האט ער באדארפט קומען אין צוויי וואכן ארום... קענטיק, אז עס איז געקומען א סוף צו די אומבאגרענעצטע צאלן: עס הייבן אן אויספעלן יידן!...

האט טאקע דער טראנספארט-פירער אינפלינג דאס מאל באהאנדלט די טראנספארטן מיט געצוימטער רו. ערשט ווען די מענטשן האבן אראפ־געשטעלט די ערשטע טריט, האבן די ווערקשוץ אפגעגעבן זייערע ערשטע שאסן, ווי זיי וואלטן דערמיט געפייערט זייער שמחה פון זיין די היטער און נישט קיין געטריבענע הפקר-מאסע...

א בינטל ארויסגעריסענע לעבנס האבן זיך איבערגעטראגן. בכדי אויפצונעמען א נייע פיין אויף א א נייעם שטח. וועלן עס אבער אלע?

## II

פון דער גרויסער גרופע, וואס האבן זיך צוזאמענגעטראפן אין א לאַ־גער, אין 1940, הינטער זאמאשטש, זענען נאך געבליבן ד ר יי . פארשידענע שטורעמס האבן זיי צעשלעפט אין אלע זייטן. איבער פאר־שידענע געטאס, ביז זיי האבן זיך אין מאידאנעק ווידער באגעגנט. דריי פארשידענע טיפן פון דריי פארשידענע וועלטן; האבן זיי זיך אבער אזוי צוזאמענגעלעבט פארמשפחהט, אז צוזאמען איז אלץ לייכטער גע־ווארן איבערצוטראגן. דאס מאל זענען זיי אלע איינגעזעסן אין זעלבן וואגאן און באשלאסן: פון איצט אן גייט מען צוזאמען; אדער ביזן טויט אדער ביז באפרייאונג. קיינער פון זיי ווייסט נישט, ווער ס׳וועט איבער זייער גורל דעצידירן, ווער עס וועט פאר זיי באשטימען ווי אזוי ווייטער צו לעבן... אבער גראד דערפאר. וואס מ׳ווייסט נאך נישט, קען מען פאנ־טאזירן, זיך מאכן פלענער... מארגן קען שוין יעדער ארייגעשטויסן ווערן אין א נייעם ווירקלעכן גרויל, וואס פאראליזירט יעדע אילוזיע און לאזט איבערהויפט גארנישט קלערן — זענען אפשר איצט די לעצטע שעהן, ווען מ׳קען ארומגלעטן מיט דער מחשבה דאס איינציקע פינטעלע פון נישט-דערעלנטקייט, פון האבן עמעצן, איבער וועלכן דער געדאנק קען נאך זארגעוודיק א ציטער טאן; מיט וועמען מ׳קען נאך הערן דעם פריידיקן אפקלאנג פון א ווארט: צ ו ז א מ ע ן . . .

אַט שפּרייזט מען איצט אין איין ריי. באַלד וועט זיך צעעפענען אַ נייער און פרעמדער טויער. אפשר וועט די דאָרטיקע אָפּגעצוימטע לופט דערמעגלעכן ווייטער צו זיין צוזאַמען און אפשר וועט מען אין אַ שעה ארום זיך שוין צעשיידן אויף שטענדיק... גייען אַלע דריי און האַלטן צו מיט די ליפּן דעם לעצט זיכערן שאַנס פון היימישקייט...

דער עלטסטער פון די דריי איז אברהם-איסר. אַ מענטש אין די פערציקער. זיין קאָפּ איז שוין גרויליך און זיין גאַנצער ריזיקער קערפּער וויגט זיך שוין מיד אויף די פיס... אַן ארבעטער דאָס גאַנצע לעבן — האָט ער אַפילו אין די יאָרן, ווען ער האָט שוין געקענט לעבן לייכטער, געשלעפּט משאות און הנאה געהאַט פון דער ארבעט. אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין אין אַן ארבעטס-לאַגער, ווען זיין פאָטער און מוטער צוזאַמען מיט די ברידער זענען דערשאָסן געוואָרן אין געטאָ. ווען ער איז געקומען צולויפן, האָט ער אָנגעטראָפן אַלע טויט. אין צער איז ער ארויף אויפן בוידעם און געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד.

אויפן בוידעם האָט ער נישט־ווילנדיק באַמערקט עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט אין אים שטייף געמאַכט די האָר פאַר שרעק. וואָס קען נאָך אָפּ־שרעקן אַ מענטש, ווען ער גייט אַ סוף מאַכן צו זיין לעבן? זעט אויס אַז ס׳זענען פאַראַן זאַכן וואָס פרעגן נישט איינגאַנצן ביים מענטשס געמיט־צושטאַנד. פאַראַן געפילן וואָס גייען נישט דורך די פילטערן פון מענטשלעכן מח, נאָר האָבן זיך זייערע אייגענע וועגן וואָס דערפירן הינטן־אַרומערט צו אים און טוען זיך דאָס זייעריקע... ער איז ארויף — בבדי נישט מער אַראָפּצוקומען. ער האָט אַפילו נישט געקלערט פאַרוואָס. די פיס האָבן אַליין אים ארויפגעפירט און ס׳איז גאָרנישט געווען אין אים וואָס זאָל וועלן צוהאַלטן ביים לעבן. קיין געפיל, קיין ווילן. אָבער דאָ האָט עפּעס אין אים אַ טרייסל געטאָן און אויפגעצאַפּלט:

אינעם ווינקל, וווּ מ׳האָט שטענדיק אָוועקגעלייגט דאָס אומנוציקע פון דער באַלעבאַטישקייט, האָט זיך געבערגלט אַ הויכער הויפן שמאַטעס און אָפּגעטראָגענע קליידער, נעבן אַ ים פון אָפּגענוצטע זשאַווער-טעפּ און אויסגעדינטע שיסלען. דאָס אויג האָט אַליין זיך אהין געוואָרפן, אַן צו פרעגן עפּעס ביי זיין כוונה. אונטן, אין שטוב, איז שוין מער נישטאָ

די מאמע, וואָס האָט אין די שיסלען געקנעטן טייג, און דאָרט ליגט אַן אַלטער שפּענצער, וואָס דער היינט־דערשאָסענער טאַטע האָט געטראָגן... קען ער דען וויסן אַליין, אויב ב ל ו י ז דאָס אויג האָט דאָרטן עפּעס געזוכט? אָבער די שיסלען זענען געלעגן שטיל, בלויז זייערע ברוין־גע־מאַלעוועטע ווענט האָבן אַרויסגעלייגט זייערע נאַקעטע אָפּגעשפּרענגטע וונדן, וואָס די עלטער האָט ביי זיי מיט שוואַרצע קרעץ אויסגעבריגט אין בלעכענעם לייב... נאָר אין מיטן דעם שמאַטעס־באַרג האָט זיך עפּעס אַ צאַפּל געטאָן... ממש ווי דער קליידער־באַרג וואָלט געווען אַ לעבעדי־קער נפש — — —

אַז שמאַטעס גיבן זיך אַ וואָרף פון זיך אַליין — מעגסטו פייפן אויפן גאַנצן לעבן; אָבער דאָ מוזטו פאַרשטאַרט ווערן פאַר אימה... אפילו דער טויט־ציל דיינער בלייבט פאַרגליווערט אין אָנבליק פון אַזאַ מין דער־שיינונג... און ווידער האָט דער צוזאַמענפּלעכט פון אַן אַלטן שפּענצער מיט אַ געבלימלט קליידל זיך אַ קוים־קוים הייב געטאָן און איינגעפאַלן צוריק... ווי אַ קראַנק האַרץ וואָס טוט אַ שווערן אָטעם...

דאָס מאָל איז שוין געקומען די פּשוטע מענטשלעכע שרעק און אויפ־געוודערט אַלץ, וואָס ס׳איז נאָך אין מענטשן פאַראַנען. אַ שרעק וואָס מאַכט פאַרגעסן אין אַלץ וואָס ליגט אויפן נשמה־דנאָ און בינדט־צו דיין אויפמערקזאַמקייט אויף איין פּינטל: אָט דאָרטן, פון וואַנען די שרעק ציט איר יניקה. דאָס לעצטע בינטל פון לעבנס־געפילן ווערן וואָך פון דער אויפגעריסענער אימה און דער שוידער וואַרפט זיך אין שטילער קאָנ־וולסיע, וואָס טרייבט אַוועק די אייגענע אָפּגעשטאַרבנקייט — — —

— — — צוויי אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן פון דאָרט: ט א ט ע !

זיין יונגער, עלף־יעריקער אהרעלע האָט זיך דאָרט באַהאַלטן ביי דער שיסעריי און נישט אַנטדעקט געוואָרן... איצט, ווען ער האָט געהערט טריט, און וועלכע ס׳האָט זיך נישט געהערט די פעסטקייט פון רוצחים, האָט ער זיך אויפגעדעקט און דערקענט דעם פאָטער...

...זיי זענען שוין אַראָפּגעגאַנגען ביידע. די שטאָט איז געלעגן אַ נישט־דערקווילעטע זיי צופוסנס. אין שטוב האָבן בלוטיקע פלעקן גע־עגבערט דאָס ווייסע ציכל פון בעט, די הילצערנע פּאָדלאָגע און די

שוועל... אָבער אברהם-איסר האָט שוין נישט געקענט מער קלערן פון טויט. די גלעטנדיקע וואַרעמקייט פון ייִנגלישן הענטל האָט געזוכט שוץ און אָנהאַלט אין זיינע מאָזאָליעדיקע טאַטע-הענט און דאָס האָט אַריינ־געשריגן אין אַלע בלוטן זיינע: מ׳דאַרף ווייטער!...

שפּעטער האָבן זיי שוין געוואַנדערט צוזאַמען: ווידער געטאָ, ווידער לאַגער, ווידער וואַלדיקע באַהעלטעניש... נאָכדעם זענען צוגעקומען זיין אַמאָליקן שותּפֿס זון, מעכעלע, דער אָנגעלייענטער און אָנגעלערנטער בחור און זיין קוזין, מענדל...ביידע האָבן אין יענעם פֿאַרנאַכט אַלעמען פֿאַרלוירן — זענען זיי געקומען זוכן אין אים דעם זכר נאָך די אַוועקגע־קומענע... אין יעדן איינעם פֿון זיי האָט ער געזען אַ שטיק געבליבן לעבן פֿון זיין נעכטן און דאָס האָט געלייגט קייטן אויף זיין פֿאַרלוירנקייט...

...און נאָך שפּעטער, ווען פּאָליאַקן האָבן געכאַפּט זיין ייִנגל גיין אין דאָרף און אים אויסגעליפֿערט דער געשטאַפּאָ, האָט ער שוין אויך נישט געהאַט קיין כּוח זיין לעבן איבערצורייסן... ווען ער האָט דערפֿון גע־הערט, זענען שוין נעבן אים געשטאַנען מעכעלע מיט מענדלען און געצי־טערט איבער אים... האָט ער זיך שוין אַזוי מיטגעשלעפּט מיט זיי. פּונקט ווי זיי — מיט אים... ווי דריי עלנטע רינגען פֿון אַ גרויסער קייט וואָס קלימפּערן דאָך קייטנדיק, ווען זיי זענען אַריינגערינגט איינער אינעם צווייטן — — —

און איצט גייען זיי צוזאַמען. שוין נישטאָ מער די אינסטינקטיוו־ציטעריקע געפֿילן ביי איינעם פֿאַרן צווייטן. יעדער באַזונדער האָט שוין אַזויפֿיל אַדורכגעטראָגן איבער דער צייט, וואָס האָט אים געהאַרטעוועט און געמאַכט פֿאַר אַן עלנטן טרעגער פֿון איינענעם גורל. עטוואָס ציטערט אָבער דאָך נאָך אין יעדן איינעם פֿון זיי, ווייל זיך קלאַמערן אין צווייטנס נאָענטקייט...

און ווען פֿונדערווייטנס נעמט זיך באַווייזן דער טויער פֿון לאַגער, האָט נאָך איינער פֿון זיי בלויז דאָס לעצטע וואָרט פֿון זאָרג. מענדל, ביי וועמען עס טליעט נאָך אַלץ אַ פֿונק פֿון זיין אַמאָליקער התלהבות און חסידישן ברען, מונטערט זיינע צוויי מיט-חברים אָן איבעריק מאָל:

— קינדער, פארשלאפט נישט! לאמיר אריינגיין מיט אפענע אויגן און זען, מ׳זאל אונדז נישט אפרייסן... זאל גאט העלפן!

III

מיט צוועלף שעה צוריק איז נאך די מחנה געווען אין מאידאנעק. א גרויסער ליגנט געווען, דאס וואס מ׳האט זיי דארט געזאגט, צוליבן ווילן זיי צו דעזאריענטירן, אז דער וועג וועט דויערן דריי טעג. אט זענען זיי שוין ביי די טויערן פון נייעם גיהנם. נאך אינדערפרי זענען זיי געשטאנען דארט אין גאז־קאמער און געציטערט און אין פארלויף פון איין טאג באוויזן צו קומען אהער, אנזען זיך אויפן וועג פארשידנס, איבערטראכטן אלע טראכטענישן, צוקומען ביזן טויער און די זון קלעפט נאך אלץ אין טאג... אינעם זעלבן בלויעם טאג, וואס האט געוועקט דעם היינטיקן פרי־מארגן... א סך ארבעט היינט פאראן אין דער פארלאגערטער מדינת־פוילן... און אלץ ווערט געטאן לעיני השמש... זעט אויס, אז די זון איז נייגעריק דאס אלץ צוצוזען, ווייל ווען נישט, פארוואס דרייט זי זיך אזוי לאנג ארום יעדן טאג איבער די הימלען? דער נאכט ווארפט מען צו א פאר בלאסע שעהן, איבער וועלכע עס וואכט א נאריש שטיק בלייכקייט, וואס לאזט קיינמאל נישט אריינזינקען אין דער גאנצער פינצטערניש פון שלאף... און דער טאג רודערט ארום אן אנגעלאדענער מיט רציחה און מידן קרעכץ...

קיינער ווייסט נישט, פארוואס דער וועלט קומט היינט אזא לאנגער און גאלדענער יולי־טאג.

די מחנה האט זיך דערנענטערט צום טויער. דאס ערשטע פנים פון אינעווייניק איז דערשראקן און אויפגערעגט. ס׳איז דער יידישער פא־ליציאנט, וואס היט דעם טויער. ער ציטערט אין גאנצן ביים רייסן דאס טירל פון טויער וואס פארעקשנט זיך אפטמאל און מ׳מוז עס אויפרייסן מיט אנשטרענג... דער ווערקשוץ, וואס איז דער ערשטער פון דער באַ־וואכונג, האט מיט כעס א זעץ געטאן אין טויער און דער גאנצער שטראם האט געגעבן א פלייץ אריין אין דעם הויף...

די פּיס האָבן זיך געבראָכן פון מידקייט און די ליפּן האָבן געברענט און געשפּאָלטן זיך פון הונגער און ווענ־שטויב, גלייך ווי מ'וואָלט שוין געווען וואָכן גאַנצע אונטערוועגנס. פון צווישן די ביימער האָט אַרויסגע־לאָכט דאָ און דאָרט אַ באַראַק און זיך געריצט מיט זיין אומגעשטער־טער רו. די ווערקשטאַט האָט אָבער אַרומגערינגלט די אַרייַנציענדיקע, נישט לאָזנדיק זיי שטעלן אַ טריט ווייטער פון ליידיקן פּלאַץ. אַקעגנאיבער זע־נען געשטאַנען אַ גלייכע שורה מיט באַראַקן אויף אַ גרין־געלבלעכן קאָ־ליר אָפּגעפאַרבט. ווען די לעצטע מענער־שרענגע איז אַריין דורכן טויער, האָט זיך געשאַפן אַ גלייכמעסיקער מענטשן־קאַסטן, וואָס איז שטיין געבליבן אין אָפּוואַרטנדיקן שטילשווייגן.

דאַן האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען די פרויען־גרופּן.

אויפן ערשטן באַראַק האָט געהאַנגען אַ שילדל: קאַנצעלאַריע. אַ ווערקשוץ איז אַהין אַריין און איז באַלד אַרויסגעקומען. נאָך אים האָט גע־שפּרייזט מיט געמאָסטן־מאַיעסטעטישע טריט אַ יונגע פרוי אין אַ ווייסן רעגנמאַנטל. אין אירע הענט האָט זיך אומגעדולדיק געוואָרפן אַ לעדערנע נאַגייקע. די האָר אויף איר קאָפּ האָבן זיך צוויי־גאַרנדיק געבערגלט און פאַרוואָרפן געווען פון איין זייט מיט אַ בלאָנדענעם לאָק. אין ערשטן אויגנבליק האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ דורכשניטלעכער פרוי אין די דרייסיקער. דאָס פּנים איז ביי איר געווען אַביסל איינגעצויגן און שטאַרק־פּודירט. די נאָז האָט זיך אַביסל צופיל אַרויסגעזען, צוליב דעם שמאָלן איינגעצויגן־מענערישן פּנים. ס'איז אָבער גענוג געווען, זי זאָל טאָן דעם ערשטן שמייכל, אַז מען זאָל דערזען, וויפיל נישט־דורכשניט־לעכס און באַפעלערישס עס ליגט אַריינגעקנייטשט אין אירע פאַרבאָרגע־נע פּנים־צוגן...

אַפילו די טומלענדיקע זיך ווערקשוצן זענען ווי איינגעוויגט ביים אויפכאַפּ פון איר דאָזיקן שמייכל. דאָס איז נישט געווען קיין אויפ־לויכט פון גוטער פריינטלעכקייט, נאָר אַ אויפן־מיטן וועג צווישן גאַלי־קער ביטערקייט און נקמה־גיר, וואָס האָט אָבער, קונציק־גיך, זיך אַלעמאָל איבערגעגאָסן אין אַ צאַרנדיק־ערנסטן חן־שימער...

זי האָט אַ פייף געטאָן מיט אַ פייפל. פון אַ דערנעבנדיקן באַראַק

האָבן זיך געגעבן א שיט ארויס א צוויי צענדליק הויכע, געזונטע מע-נער, מיט וואָנסן און אָן וואָנסן, מיט שווארץ-רויטע היטלען און צונגע־שפּילעטע מגן־דודס, ווי די אמאָליקע יידישע געטאָ־פּאָליציי...

— א געטאָ! איז יעדן א לייכטער געדאנק אדורכגעלאָפן דורכן קאָפּ... ס'זענען נאָך דאָ געטאָס אין פּוילן! און קיינער האָט נישט געוווּסט דערפון, געמיינט, אז ס'זענען שוין נישטאָ קיין יידן...

די פּאָליציי־לייט האָבן זיך אלע געשטעלט אין מיליטערישער אכטונג פאַר דער פרוי אין מאַנטל. זי האָט שטייף איינגעצויגן די ליפּן אזויווי עס וואָלט איר א שאָד געווען יעדעס וואָרט, וואָס זי גיט פון זיך ארויס, און האָט זיך צו זיי געווענדט מיט א קאָמאנדאָ-טאָן אין פּויליש:

— אכטונג! איר צעשיט זיך מיר דאָ ארום דער באנדע, זיי זאָלן זיך מיר נישט צעקריכן ווי די לייז... איך וועל דערווייל ארומגיין באַקוקן דעם טראַנספּאָרט...

די חברה האָט זיך צעשטעלט מיט דערשראָקענע פּנימער אין אלע זייטן, היטנדיק אז עמעץ זאָל זיך נישט אוועקכאַפּן פון דער ריי, שטייענ-דיק מיט די גומענע שטעקעלעך אויסגעצויגן ווי חשובע סטאטועס...

די פרוי האָט דערווייל הויך א רוף געטאָן אויף פּויליש: ר ע - ג י ו ! עס האָט זיך באוויזן א דיקלעך, שיין מיידל מיט א נאָך נאאיוון, קינדישן שמייכל. זי האָט געהאַלטן א העפט מיט א בלייפעדער אין דער האַנט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א נייע פאַרשרייבעניש. די פרוי מיטן ווייסן מאַנטל איז געגאנגען פאראויס און יעדן איינעם פון דער מענער-ריי באַזונדער אדורכגענומען מיט אירע גרויס-גרינע שלאַנגען אויגן. א בליק פון איר האָט א ברי געטאָן ווי א קויל וואָלט פייערדיק א קלעם געטאָן דאָס נשמה־פינטעלע. שפּרייזט זי אזוי פאַרביי די רייען... די נאַ-קעטע פיס וויגן זיך אין שטייפער שטאָלץ אויף די הויכע קלעצלעך און דער גאַנצער גוף איז ווי-איבערגענומען פון פאַזעדיקער מאַיעסטעטיש-קייט. די נאַכט האָט אָנגעהויבן זיך אראָפּצולאָזן נידעריקער איבער די קעפּ, זי האָט זיך דערפאַר צונערוקט נענטער און ממש יעדן אויפדערשנעל א בלענד געטאָן בייסיק מיט די גרינע שטורקאצן. דאָס פּנים בלויז ביי איר גייט נישט מיט מיט דער מאַנאָטאָן־איינשטיקיקער פּאָזע אירער;

אַט זעט זי אַ פּנים, ביי וועלכן איר לײַדנשאַפטלעך מויל פאַרקרומט זיך אין אַ געהיימנישפולער גרימאַסע און אַט באַמערקט זי שוין עמעצן און איר פּנים פאַרשווימט אין אַ גרימירט-שעלמישן שמייכל... די רייען וויב־רירן, זעט אויס, גאָר שטאַרק אין דער טיף ביי איר...

...זי איז געגאַנגען עלעגאַנט אָנגעטאָן, מיט געשמאַק און גאָרנישט אויסער איר נאָז האָט נישט פאַרראַטן איר אמתן אָפּשטאַם.

## IV

אינעם ערשטן אַריינפליץ האָט עס מעכעלען אַ שטויס געטאָן און אַריינגעמאַכט אין אַ צווייטער שרענגע. ביים פאָרמירן צוריק די ריי האָט ער שוין זיינע צוויי חברים נישט געהאַט נעבן זיך. ער האָט זיך גענומען שטיל איבערדרוקן פון איין ריי צו דער צווייטער, ביז עפּעס אַ פּאָליציאַנט האָט אים אָפּגעשטעלט און צוגעשטויסן צו אַ שרענגע, ווו עס האָט געפעלט אַ פינפטער. איז ער אַזוי שטיין געבליבן און געדעקט מיט זיך די אַנדערע פיר. אַ מינוט איז אים באַנגיק געוואָרן: ווייטער אָפּגעריסן זיך! אָבער דאָ גייט עפּעס פּאָר פּאָר זיינע אויגן עפּעס נייעס, וואָס מ׳קען דערווייל רואיק אָבסערווירן. זאַפּט ער אין זיך איין דערווייל מיט נייגער דאָס, וואָס די אויגן זעען; וועגן זיך וועט זיין צייט צו קלערן שפּעטער, ווען מ׳וועט ליגן צווישן הוילע ווענט און די אייגענע מחשבות זענען דער איינציקער אָנהאַלט אין דער פוסטקייט...

דער פּאָליציאַנט, וואָס שטייט אין זיין זייט, האָט אַ מילד פּנים און גאָלדיק-ווייצענע וואָנסעס. מעכעלע גלויבט, אַז מיט אים קען זיך לאָזן רעדן אַ וואָרט און ער טוט אים לייכט אַ שטורך:

— די פרוי איז אַ יידישע?

— י אָ !

— זי זעט דאָ אויס אַ גרויסע דעה צו האָבן!

— זי איז די קאָמענדאַנטין פון לאַגער...

מעכעלע, דער אַלטער לאַגער־פוקס, וווּנדערט זיך: דאָס ערשטע מאָל טרעפט ער זיך אָן, אַז אַ פרוי זאָל זיין קאָמענדאַנטין און באַפעלערין אין

א מענער־לאגער... דער פאליציאנט איז נישט איבעריק־אויפגעלייגט איינצוטעהנען מיט דעם נייגעריקן, פרעמדן יינגל... שמייכלט ער בלויז טרויעריק:

— יונגערמאן, אז איר וועט לעבן און זיין דא א שטיקל צייט — וועט איר שוין אלץ פארשטיין... די פרוי האט פונדערווייטנס דערשפירט, אז דער פאליציאנט האט זיך דא צערעדט און אפשר האט איר פאר־שארפטער אינסטינקט איר אונטערגעזאגט, אז דא גייט דער שמועס וועגן איר — האט זי פונדערווייטנס זיך צעשריגן:

— טרעפער! וואס האסטו זיך דארט צעלאזט ווי א יידענע! אנ־שטאט צו רעדן — פאס בעסער אויף, אז די האלאטע זאל דיר נישט פארדרעדן די ציין...

דער פאליציאנט איז אפגעשפרונגען א דערשראקענער און פארלוירן זיך גענומען גלעטן די ווייצענע וואנסעס, גלייך ווי ער וואלט דא קאנ־טראלירט, צי זיין פאליציייאישע חשיבות איז אים נישט פארלוירן גע־גאנגען ביים שמועס מיט עפעס אן אפגעריסענעם קאעלניק...

די פרוי האט זיך אלץ מער דערנענטערט אין מעבעלעם זייט. נאך איר איז נאכגעגאנגען דאס דיקע מיידל מיט דער טעמפער שיינקייט. אירע ליפן האבן נישט אראפגעלאזט אויף א רגע דאס שעלמיש־קעלבער־נע שמייכעלע, וואס האט צופרידן זיך געלאשטשעט צו איר מיט דער הנאהדיקער חשיבות, וואס אלע שטייען דא פאר איר מיט אזא דרך־ארץ... זי האט ביי יעדן פארשריבן דעם נאמען, פאמיליע־נאמען און פראפעסיע.

די קאמענדאנטין האט זיך דערווייל נישט געאיילט. אט האט זי זיך פארהאלטן ביי איינעם און אט ביי א צווייטן און זיך אויסגעפרעגט פאר־שידענע פרטים. איר בליק איז אויסגעהעלט געווארן און ווייך. אפט האט זיך א דאכט געטאן, אז איר שטרענגע שטים ווערט מילד, מיטליידיק. דער גרויסער לעדערנער לולב איז שוין נישט געווען ביי איר אין די הענט. זי האט אים צוגעשפיליעט צום גארטל אירן פון אונטן און ער האט זיך איר נאכגעשלעפט א פארלוירענער און איבעריק־פארגעסענער... מעבעלע האט אבער נאך באוויזן צו באמערקן ווי אזוי זי טוט אלעמאל א שנעלן

און לייכטן טאפּ-אָן די נאַגייקע, ווי ווערלנדיק געבן אַן אָנדייט אויף איר דאַאיקער מאַכט. אָבער דערביי — אַזוי שנעל, אַז דאָס איז ווי אַריינ-געשלונגען געוואָרן אין דעם קלענסטן מינוט־שפּליטער... פון איר גאַנצן וועזן האָט אַראָפּגעשריגן די קאָקעטיק מיט איר מאַכט, הגם זי האָט עס אַזוי ראַפינירט באַוויזן כסדר אויפצודעקן און פאַרבאָרגן צוגלייך... ווען זי איז צוגעקומען צו דער פרויען־ריי, האָט זי זיך מאָמענטאַל געענדערט. עס איז געגוג געווען, זי זאָל וואַרפן דעם ערשטן בליק אויף דער שרעג-גע פון בלויז געקליבן־יונגע און געזונטע מיידלעך, אַז איר פּנים זאָל ווערן געגצלעך פינצטער... אפילו די קאַשטאַן-האָר אירע האָבן אָנגעהויבן אַריינ-פאַלן אין צאָרניקן שוואַרץ. איבער אירע באַקן האָבן געגומען אויפטאַנצן רויטלעכע פלעקן און אין די גרינע אויגן האָבן זיך צעצונדן אומהיימלע-בע פייערלעך... אויך דאָ איז זי אַדורכגעגאַנגען די גאַנצע ריי. וואָס וויי-טער זי איז געגאַנגען, אַלץ מער האָבן זיך אירע ליפּן גיפטיק איינגעצויגן. יעדן רונדיק-שלאַנקן מיידל־גוף האָט זי ממש אַדורכגעשפּיזט מיט די אויגן. אַ טיף-פיינטלעכער פאַרבלוי האָט זיך צעלייגט אויף אירע ליפּן און איר שטים האָט זיך געשטיקט פון פאַראַכטונג:

— ...און איר ק...ס, פונוואַנעט קומט איר אַהער?

ווייטער אַביסל זענען געשטאַנען צעשטעלט די פּאָליציי און מיט גייגער באַטראַכט די אויסגעשטעלטע רייען... עפּעס אַ יונג פּאָליציאַנטע-לע האָט פּריילעך זיך צעריבן מיט די הענט אין קעלבערנער התפּעלות:

— שיינע מיידאַקעס ווי גאָלד! ס'וועט זיין מיט וועמען אַ שטיף צו טאָן... אַ שטעכיקער בליק פונדערווייטנס האָט אים בלייך געמאַכט די שפּיץ נאָז פאַר שרעק... ער האָט זיך פאַרלוירן און פון צעחושטקייט געגומען דאָס היטל אין די הענט און עס געדרייט צעטומלט אין אַלע זייטן. די קאָמענדאַנטין איז עפּעס ווי פּלוצים אַרויסגעוואַקסן איבער אים און גאַליק אַדורכגעזייט דורך די ציין:

— יאָ, דאָ וועלן זיי ווערן נאָך שענער... קיין פּיקרין־פּודער פעלט דאָ נישט... דאָס פּאָליציאַנטל האָט זיך שיעור נישט צעוויינט פאַר שרעק. אַזוי ווי ער וואָלט זי געוואָלט מיט עפּעס איבערבעטן, האָט ער זיך גע-ווענדט צו איר מיט אונטערטעניקייט אין טאָן:

— איז וואָס, פּאַני קאָמענדאַנטאָווע, מ׳קען זיי שוין אַריינפירן אין די באַראַקן אַריין, אַ שמייכל האָט צוריק אַ טאַנץ אַרויף געגעבן אויף איר פּנים — ווי פון דער לופט אַראָפּ; זי האָט שנעל אַוועקגעדרייט דאָס פּנים פון אים, בכדי נישט צו ווייזן איר צופרידענעם אויסדרוק פון זיין צו־ריקגעכאַפּטער אונטערטעניקייט. נישט ענטפערנדיק אים דירעקט, האָט זי הויך אַ געשריי געטאָן אַזוי, אַז אַלע פּאָליציילייט זאָלן הערן:

— אַפּפירן מיר די גאַנצע האַלאַסטע אין די באַראַקן אַריין!

און שפּעטער אַביסל צוגעגעבן:

— האַלט מיר קורץ די באַנדע! גיט זיי באַלד צו שפּירן, אַוווּ זיי גע־פינען זיך...

ס׳איז גענוג געווען צו זען, מיט וואָס פאַר אַן אייפער די פּאָליציי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו טרייבן דעם עולם, שלאָגנדיק מיט גומי־שטעקנס איבער די קעפּ — בכדי צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ ראָל אָט־די מאָדנע פרוי שפּילט דאָ. אויפן געדאַנק האָבן גענומען אויפשווי־מען אַלטע לעגענדעס וועגן דעמאָנישע פרויען־הערשערינס...

— האָט זיך נישט אַמאָל איינע פון יענע דאָ אויסבאַהאַלטן הונ־דערטער יאָרן, אין די געדיכטענישן פון די וועלדער, ביז איר צייט האָט זי אַרויסגערופן אַהער?...

אין אַזעלכע מאָמענטן איז דער געדאַנק גרייט צו גלייבן דאָס אומ־גלייבלעכסטע...

## קאַפּיטל פינף

### I

שוין אַ פּאָר טעג ווי דאָ זענען געווען שרעקלעכע רעגנס. צווישן איין באַראַק און צווייטן האָבן זיך געצויגן שוואַרצע און פעטע קאַלוזשעס בלאָטע, ממש ביז די קנעכל. די וואָס זענען נישט געגאַנגען באַרוויס, זענען אַריינגעזונקען מיט די הויזן אין פעטן, קלעפּיקן קויט און נישט געקענט אַרויס. די מער־פאַרזיכטיקערע האָבן גענומען די צוויי שיך־העל־

צער אין די הענט און אזוי פּאַכענדיק מיט זיי אין דער לופט, האָבן זיי זיך אדורכגעאַרבעט אַ וועג ביז די באַראַקן. די גרעסטע טייל אָבער איז אַרויס, דורך אַ שטיקל וועג פון עטלעכע מעטער, אָן די „שיך", מיט שוואַרצע פּעט־לאַקירטע פּיס און מיט הויזן, איינגעשמירט און צוגע־קלעפּט ביז די קנעכל. די פּאָליציי האָט געמוזט אַריינקוועטשן דעם עולם אין די באַראַקן מיט דער הילף פון גומי־שטעקנס... איינער האָט זיך גע־דרענגט אויפן צווייטן. פּאָליצייאישע שטיוול האָבן פעסט אָפּגעטרעטן, אין געדראַנג, די פינגער פון די נאַקעטע, בלויזע פּיס. די וויטיק־אויסגע־שרייען זענען אָבער פאַרלוירן געגאַנגען אין גרויסן טומל.

די באַראַקן זענען דאָ געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי אין מאַידאַנעק. אַנשטאָט די דאָרטיקע לאַנגע און אָן־פענצטערדיקע פערדס־באַראַקן, זענען דאָ געשטאַנען גאַנץ קליינע וווינונגס־באַראַקן, געטיילט אויף דריי צי־מערן, מיט קליינטשיקע פּאָדער־הייזלעך פאַר יעדן צימער. אין יעדן שטיבל זענען געווען 4 גרעסערע פענצטער; צוויי פענצטער אויף יעדער זייט. אַ שטיבל האָט געהאַלטן בערך 16 קוואַדראַט־מעטער, וווּ עס האָבן זיך געפונען 15 בעטן פון צוזאַמענגעקלאַפּטע ברעטער. יעדעס בעט אַזעלכעס האָט זיך פיר מאָל געגאַרנט און דערגרייכט ביזן שיפן, נאַקעטן סופיט. אין דורכשניט האָבן אין אַזאַ צימערל געוווינט 90 מענטשן. אַזוי ווי מען האָט נישט געהאַט, ביים אָנקומען פון טראַנספּאָרט, וווּ זיי אַלע אַהינצוטאָן, האָט מען זיי דערוויילן אַריינגעפּאַקט אומעטום אַזוי, אַז די צאָלן האָבן זיך פאַרגרעסערט ביז 110־120 אויף איין צימערל. די פרי־טשן האָבן זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזט איינע איבער דער צווייטער און זענען באַשטאַנען פון נאַקעט־הוילע און שוואַרצע ברעטער. וואו־נישט־ווו האָט זיך אַרויסגעזען אַביסל חוזקדיק געל פון עטלעכע פאַרשימלטע שטרויען. די מענטשן זענען געלעגן צוזאַמענגעדריקט איינער צום צווייטן אויף אַ זייט, איינגעקורטשעט פון קעלט, אָן אַ שטיקל צודעק. בלויז אי־בער די פּיס זענען ביי אַ סך אַריבערגעוואָרפן געווען זייערע אייגענע פאַרשמאָלצעוועטע רעקלעך...

מעבעלע איז אַריינגעפּלייצט געוואָרן מיט אַ צופעליקער גרופּע אין איינעם פון די ערשטע באַראַקן. אַ שווערער, אומבאַקאַנטער ריח האָט אַ

שלאג געטאן צום קאפ מיט א פארדעכטיקן קיצל. פון אלע זייטן האבן זיך גענומען ארויסשטעקן פארשווארצטע און אויסגעלאשענע קעפ מיט אויפגעשטעלט-צעשויבערטע בינטלעך האר. עמעצ׳ דארט האט בייז און באדויערנדיק-שטיל א ברום געטאן: ,

— א פרישע פארטיע קרבנות!

און דערביי איז אוועק א שטיל, פורכטיק געשושקעריי פון איין עק בעטלעך צום צווייטן...

ס׳איז שוין געווען ארום עלף ביינאכט. די אברים האבן שוין נישט געהאט קיין כוח אפילו הויך צו מאנען זייער רו; שלאבריק און פארחלשט האט בלויז יעדעס איינע באזונדער ווי איבעריק זיך נאכגעהאנגען פון טויט־מידן קערפער אראפ. די אויגן בלויז האבן געזוכט מיטן בליק א שטיקל פלאץ אויף די באלייגטע בעטלעך ווו זיך אוועקצולייגן...

א קול האט אריינגעשריגן דורך א פענצטער:

— אלע ניי-געקומענע טרעטן אריין אין דער דרויסנדיקער ריי נאך עסן!

— עסן! ווער האט דאס אריינגעווארפן אהער אזא כשוף־ווארט? ווו איז פלוצים פארשוואונדן געווארן די פאראליזירנדיקע מאכטלאזיקייט פון די אברים?זע, זע ווי אלע לויפן עס ארויס מיט א פלינקער רירעוו-דיקייט ווי צום טאנץ!...

אינדרויסן האט זיך אויסגעשטעלט א גרויסע קייט. א הויכער פא-ליציאנט האט מיט א זשאווער־שווארצן, האלב-ליטערדיקן לעפל אויסגע־טיילט קאלטע קרויט־זופ. קיין געשיר האט מען מיט זיך נישט מיטגע־ברענגט — האבן די ערשטע פון דער ריי באקומען אין דער האנט אריין א קליינע קאנסערוון-פושקע, און וועלכער מ׳האט אריינגעגאסן זיין פארציע. קיין לעפל זענען אויך נישט געווען; האט מען דערפאר יעדן איינעם, וואס האט זיינס באקומען, אריינגעפירט אין באראק אריין. ביי דער טיר איז געשטאנען א פאליציאנט און געהיטן, מ׳זאל נישט קענען ארויסגיין נעמען נאכאמאל. ער האט עס געמוזט אויסטרינקען אויף דער שנעל און ארויסגעבן דאס בלעכל דורכן פענצטער פאר די אנדערע וואס האבן געווארט...

נאָכן אויסטרינקען אזא האַלבן ליטער קאַלטע זופּ האָט ערשט ביי אַנדערע זיך דערוועקט אַ שאַרפער הונגער. פריער איז דאָס געפיל געווען פּאַרטייעט און דער הונגער האָט זיך געפּלאָנטערט צוזאַמען מיט דער מידקייט אין אַלע אברים. איצט איז די מידקייט צעשלאָגן געוואָרן פון דער אויפגערודערטער, דערוועקטער אויפרעגונג און בלויז דער הונגער איז געבליבן אויפן פּלאַץ...

האָבן זיך טייל צוגעשאַרט צום פענצטער פון דער צווייטער זייט באַראַק, עם שטילערהייט אויפגעקייטלט און אַרויסגעשפּרונגען. זיי זענען אַרומגעגאַנגען דעם באַראַק און זיך נאָכאַמאָל געשטעלט אין דער ריי... די פּאָליציי האָט זיך שנעל געכאַפּט דערויף און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי אַ טומל, קאָנטראָלן און געשלעגן... ענדלעך איז דאָס הילצערנע פאַס ליידיק געוואָרן. די פּאָליציי האָט גענומען אַריינטרייבן אין די באַראַקן אַריין. די וואָס האָבן נאָך גאָרנישט באַקומען, האָבן זיך ווי באַטויבטע געריסן צום ליידיקן פאַס און אַפילו נישט געשפּירט די קלעפּ, וואָס האָבן איבער זיי געהאָגלט. ערשט ווען זיי האָבן געזען, אַז זיי ווערן מיט געוואַלד אַריינגעשטויסן אין די באַראַקן אַריין, האָט זיך זייער גאַנצער גוף צעטרייסלט אין אַ רעזיגנירט, אָנ־טרערנדיק געוויין...

II

נישט פאַר אַלעמען איז געווען אָרט אויף די בעטלעך. מ'איז שוין דאָרט אַזוי אויך געווען געגוג איינגעפּרעסט. האָט זיך דערפאַר יעדער אַוועקגעלייגט, ווו ס'איז נאָר מעגלעך געווען אויף דער פּאָדלאָגע, אין קאָרידאָרל און צווישן די בעטלעך. אַנדערע, פינדיקע קעפּ, האָבן זיך אַפילו אַרונטערגערוקט אונטער די דערשטיקטע פּריטשע־לופטן. דאָרט איז אַפילו געווען ענג און מ'האָט געמוזט ליגן אויסגעצויגן, נישט קענענדיק אויפהייבן דעם קאָפּ אַפילו אויף אַ צענטימעטער; דערפאַר איז אָבער דאָרט געווען וואַרעמער, ווייל אַ דאַר ברעטל בלויז האָט אָפּגעטיילט פונעם ערשטן פּריטשע־בעטל, אויף וועלכן ס'איז געלעגן אַן אַנדער קערפּער, אויפנעמענדיק אין זיך די קעלט וואָס וואָלט אַרויפגעיאָגט אויף דיר...

מעכעלע איז געבליבן שטיין דער לעצטער. אלע ערטער זענען שוין געוועזן פארנומען, בלויז ער האט זיך פארלוירן א שטייענדיקער. ארום זיינע פיס האבן זיך געקורטשעט איינגעדרייטע קערפערס און דא האט ער זיך געמוזט שטארקן נישט צו פאלן פון מידקייט איבער זייערע פאר־שלעפערטע גופים...

עמעצער פון דער העכסטער פריטשע אראפ האט צו אים א געשריי געטאן:

— דו, לאמעגע איינע! פארוואס שטייסטו אזוי?

א פארשעמטער, פארן נישט קענען זיך אדורכשלאגן אזוי ווי אלע, האט ער אפגעענטפערט:

— נישטא קיין פלאץ אין ערגעץ!

יענער פון אויבן האט וויזט אוים רחמנות געקריגן אויף מעכעלען. דעם בחורם פארלוירענער אויסזען האט אים מסתמא גערירט און ער האט זיך שוין צו אים אנגערופן מיט א מילדערער שטים: נו, כ׳זע שוין, אז דו ביסט א שלימזל! אויב אזוי, וועסטו דא, אין ווערק צע, סיי־ווי לאנג נישט אנטרייבן... נאר גארנישט, איך קען זא־ווי־זא נישט שלאפן — קום זשע ארויף צו מיר וועט מען כאפן א שמועסל...

מעכעלע האט פארזיכטיק זיך אדורכגעשלאגן מיט די שפיץ פינ־גער צווישן די צעלייגטע גופים און זיך ארויפגעדראפעט צו דעם אומבא־קאנטן, ביז אונטערן דאך. ער האט דערזען פאר זיך א שמוציק פנים, מיט צוויטן פון א העמד אויף א האריק, דאר לייב; צוויי נאקעטע שטע־קעלעך־ארעמס האבן זיך אים ווי־צוגעטשעפעטע ארייגעגלידערט אין די אויסגעקרומטע אקסלען אריין. די אונטערשטע העלפט קערפער איז ביי אים געווען צוגעדעקט מיט א בערגל שמאטעס און פאפירן... דער דער־שראקענער מעכעלע האט זיך אינסטינקטיוו צוריקגעצויגן, הגם ס׳איז נישט געווען וווהין. יענער האט עס באמערקט און זיך משונהדיק־הים־טעריש צעלאכט:

— אוי, נישטא ווער ס׳זאל לאכן... דו שרעקסט זיך פאר לייז? וועסט עס נישט געפינען דא אין באראק פאר קיין מיליאן! מעכעלע מיינט, אז דאס שפאסט ער פון אים; האט ער דאך אים דערקענט פאר

א שלימזל!... אָבער יענעמס שטים איז באַלד אַריבער אין טיפן ערנסט:

— דו מיינסט אודאי, אַז איך לאַך? כ׳מיין עס ערנסט. מיר אַר־בעטן דאָ ביי אַ גיפט אַזאַ, וואָס רופט זיך „טראָטיל". קיין לעבעדיק נפש קען זיך דערפאַר צו אונדז נישט קלעפּן; אדרבה; ס׳איז געגוג, איך זאָל זיך לייגן נעבן אַ פאַרלויזיקטן אויף צוויי נעכט — און די לייז וועלן ביי אים באַלד פאַרשווינדן.

ער האָט אַ ווייז געטאָן אויפן צעשיטן זכר פון אַ העמד:

— דו זעסט? זיבן חדשים טראָג איך שוין דאָס העמד און נישט געביטן עס. מיין גאַנצער קערפּער איז שוין שוואַרץ פון קויט און אויך דאָס העמד איז שוואַרץ געוואָרן; דו וועסט אָבער קיין לויז אָדער פּלוי ביי מיר נישט געפינען — דו קענסט רואיק זיין...

פון זיין גאַנצן גוף און האָריקן פּנים האָט זיך געהערט אַ דעמפּי־קער און פאַרמאַטערטער ריח, וואָס איז חלשותדיק געקראָכן אין האַלדז אַריין. מעבעלען האָט זיך פאַרגלוסט אָפּצוברעכן מיט עפּעס פון זיינע אינגעווייַדן אַרויס; ס׳איז אָבער נישט געווען מיט וואָס. אין בויך ביי אים איז געווען מאָדנע ליידיק. ער האָט זיך באַהערשט און אַריינגעדריקט זיך צווישן יענעם און נאָך איינעם אַ גוף אַזעלכן. אַזוי רעדט זיך עס: אַריינגעדריקט... פּאַקטיש איז ער געבליבן ליגן האַלב אויף דעם און האַלב אויף יענעם...

ער האָט מיט עפּעס געוואָלט פאַרטרייבן דעם איבל און אַ פרעג געטאָן:

— ווי לאַנג ביסטו שוין אין לאַגער?

דער ליגנדיקער האָט עפּעס נאָכגערעכנט אין געדאַנק:

— זיבן און אַ האַלבן מאָנאַט.

מעבעלע וווּנדערט זיך:

— גיט מען אייך דאָ אינגאַנצן נישט קיין שטרוי און קיין צודעק?

— ניין.

— טאָ ווי אַזוי האַלט איר עס אויס?

יענער האָט אַ בליץ געטאָן מיט די אויגן, ווי אַ פאַרלאָשענע קויל, איבער וועלכער אַ פרעמד, איבערלויפנדיק ווינטל טוט צופעליק אַ בלאָז:

— ווער זאָגט דען, אַז מ׳האַלט אויס?

אַנטקעגן דעם, וואָס דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט אין די ערשטע מינוטן, האָט שוין מאידאַנעק אויסגעזען ווי אַ גן־עדן: דאָרט האָט כאָטש יעדער געהאַט ביינאַכט אַ ריין בעטל מיט 2 דעקן. דאָרט האָט שוין געמוזט זיין פּ יי נ ל ע ך ריין, יעדע וואָך האָט מען געמוזט גיין אין באָד, באַטראַכט ווערן... בייטן די וועש... און דאָ — ס׳אַרא געסרחע! וואָס פאַר אַ שמוץ!...

קען מעבעלע נישט צוגלייבן, אַז ס׳קען אַזעלכעס מעגלעך זיין:

— ווער מען דען אַזוי כסדר מוזן ליגן איינער אויפן צווייטן? דאָ איז דאָך די לופט ענג און שטיקנדיקער ווי אין וואַגאָן! קענען דען מענטשן אַזוי שלאָפן אַ לענגערע צייט אונטער די בעטן און אויף דער פּאָדלאָגע?

אָבער זיין מיטשמועסער האָט שוין פאַרלוירן זיין בייזע ברומיקייט. ער האָט איצט געשמייכלט טרויעריק:

— נאַר וואָס דו ביסט! אויך איך האָב דאָס זעלבע געפרעגט, ווען כ׳בין געקומען. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך שוין אַלץ פאַרשטאַנען. שפּעטער איז געוואָרן גערוימער...

ער האָט זיך אויפגעזעצט אַביסל, זיך צוגעבויגן נענטער צו מעבעלען און אַריינגעשעפּטשעט אים אין אויער, שוין מיט בולטן משוגעת אין די אויגן:

— צי ווייסטו, אַז איר זענט אונדזערע מלאכי־מות? און דו — קען זיין, אַז דו ברענגסט מ י ר דעם טויט...

מעבעלע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק און געשוויגן.

יענער האָט אָבער ווייטער געצויגן זיין אויפגערעגטן, שנעלן שמועס:

— דו זעסט מיין אויסגעדאַרטן קערפּער? מיינע ביינערדיקע הענט? און איצט טו אַ בליק אויף דיר. דו האָסט נאָך מוסקולן; ס׳איז נאָך דאָ אויף דיר אַ שטיקל פלייש — — — —

איצינד פאַרשטייסטו שוין?

עפּעס אַ שרעקלעכע און קלאָרע פאַראַנונג האָט פאַרצויגן מעבעלעס געמיט. איצט האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען... און טיף אין זיך האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר דעם ביסל לייב וואָס איז נאָך געבליבן אויף זיין הויט...

דער אויסגעדאַרטער האָט ווייטער געשיט מיט זיינע שנעלע, בריענדיקע וואָרט־קוילן:

— שוין צוויי וואָכן איז דאָ נישט פאָרגעקומען קיין סעלעקציע. מ׳האָט געזאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין יידן מער. ז יי זאָלן דערפאַר מער נישט אויסשיסן די שוואַכערע, נאָר זען זיי צו היילן... איז אָט... זעסטו דאָך: זיי האָבן   א יי ך   נאָך געפונען... וואָסזשע מיינסטו? עס וועט פאָרקומען דאָס זעלבע ווי נאָך יעדן טראַנספּאָרט... מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט שוין דאָ אין באַראַק זיין געראַוים... איך, למשל, קען שוין מאָרגן ליגן אונטער אַ בערגל ערד אויפן שים־שטאַנד און דו וועסט דאָ אויף אַ שטיקל צייט פאַרנעמען מיין אָרט — — —

ערשט איצט האָט מעכעלע פאַרשטאַנען דאָס שטילע, פאַרזאָרגטע שושקעניש — ביים אַריינקומען אין באַראַק אַריין און עס האָט אים עפּעס גענומען שטיקן אין האַלדז. עס האָט זיך געגלוסט צו וויינען, אָבער פונוואַנעט נעמען טרערן אַראָפּצושווענקען אָט־דאָס דאַזיקע שטיקעניש?

ער וואָלט איצט אַרומגענומען אָט־דאָס צערעדטע שטיק קויט, געוויינט פאַר אים און אים געטרייסט מיט אַלע מינים טרייסטן, וואָס אַ צונג קען פון זיך אַרויסברענגען; ער האָט אָבער גאָרנישט געקענט אין זיך געפינען; נישט אין האַרץ קיין וואָרט און נישט אין די הענט קיין באַוועג... האָט ער בלויז געשטומט און מיט זיין שווייגן אים געגלעט. ווייל יעדער וואָרט, וואָס ער וואָלט דאַן געזאָגט, וואָלט בלויז פאַרשוועכט די בושה זיינע און פאַרגרעסערט זיין שולד פאַרן אומבאַקאַנטן גורל־טרעגער זיינעם...

אינדרויסן האָבן זיך גענומען טראָגן הילכן פון ביקסן שאָסן. יענער האָט אַפילו קיין ציטער נישט געטאָן. זיינע אויגן האָבן זיך בלויז נאָך מער צעפינקלט:

— דו הערסט? שוין עטלעכע וואָכן איז עס דאָ נישט געהערט געוואָרן. מיט אייער קומען הייבט זיך עס ווידער אָן...

אַלע ווערטער האָבן שוין פאַרלוירן זייער באַדייט. דאָ האָט בלויז די דערשאָסענע שטילקייט נאָך געמעגט אַ לאַרם טאָן מיט גערויש — —

...אינדרויסן האָט די נאַכט זיך דערשראָקן און אין בהלה גענומען

אָפּרייניקן איין שטיק הימל נאָכן צווייטן, ווי אַן אַנטלויפנדיקער פון אַ פארשעמטער שלאַכט... אַ בלויע מטושטשדיקייט האָט זיך גענומען אָנ־רוקן און אַזוי ווי זי וואָלט געקומען פון אַ ווייטן וועג — האָט זי זיך גע־וואָרפן אין די קליינע הילצערנע אָרעמס פון די אויבערשטע שויבן...

## קאַפּיטל זעקס

### I

פאַרטאָג האָט אַ לאַנג, הייזעריק פייפן פון אַ פּאָליציייאיש פייפל זיך איבערגעוואָרפן פון איין באַראַק צום צווייטן. די טיר האָט זיך אויפ־געריסן און אַ פּאָליציאַנט איז אַריין מיט געפּילדער:

— אויפשטיין!!! אויפשטיין!!!

באַלד האָט מען אים געהערט פון שכנותדיקן צימערל. פון אַלע זייטן האָט דאָס מאָנאָטאָן־גרילצנדיקע פייפן געשטאָכן די בלויע שטיל־קייט פונעם דרויסן. אויף די בעטלעך האָט זיך אָנגעהויבן אַ קרעכצן פון די ברעטער. די איינגעקורטשעטע גופים האָבן זיך גענומען אויסציען און מיט אַ יאָמער־טאָן גענומען אַריינגענעצן אין גערדיכטן חלל אַריין, אַזוי זוי זיי וואָלטן דערמיט געוואָלט אָנשרעקן דעם קומענדיקן טאָג. אָבער די נאַכט האָט מער נישט געוואָלט צוריקקומען און די זון האָט מיט אַ דער־שראָקן אויג אַפּערגעקוקט פון צווישן די ביימער אַקעגנאיבער. דאָס האָט זי אויסגעשפּירט, צי זי מעג שוין אַריינקומען אין לאַגער אָדער עס דראָט איר נאָך אַ סכנה... זי האָט געוווּסט, וויפל האָס עס ליגט אין יעדן אויג ביים באַגעגענען זי פאַרטאָג... דער טאָג האָט זיך דערוווייל צעלייגט אי־בער די דעכלעך און מיטן קאָפּ אַראָפּ אַריינגעקוקט לצנותדיק דורך די שייבלעך ווי איינער זאָגט:

— איר קוקט מיך נישט אויס? אָבער אַז איך וויל — בין איך דאָ... און טוט מיר עפּעס!

איז נישט געווען קיין עצה ווי אַראָפּקריכן פון געלעגער.

מעבעלע איז געווען פון די ערשטע. ס'האט זיך אזוי געוואלט איצט אריינאָטעמען אביסל פרישע לופט, אז ער איז ווי משוגע געשפרונגען אי־בער די וואס זענען נאך געלעגן אָנמעכטיק אויף דער פאָדלאָגע. אינ־דרויסן איז שוין געווען א באוועגונג. פאָליציי איז ווידער ארומגעלאָפן און צווישן געטאָן מיט א פריערדיקן פייף:

— אלע ניי־געקומענע קענען בלייבן אויף די געלעגערס! מעבעלע איז אָבער שוין אין דרויסן. ער זעט ווי מענטשן לויפן עפעס אָנקוקן אין דער צווייטער זייט פון די באראקן — שלעפט ער זיך מיט, הגם דאָס נייגעריקע אין אים איז דאָס איינציק־פארשלאָפענע...

צווישן די באראקן זענען געלעגן צעוואָרפן פינף דערשאָסענע. לויט זייער אָנטאָן איז געווען צו דערקענען, אז דאָס זענען פריש־געקומענע. זיי זענען געלעגן מיט פארוואונדערטע אויסדריקן אויף די פנימער, ווי ביי איינעם וואָס עס טרעפט אים עפעס אומגעריכט.

ביינאכט האט קיינער נישט אָנגעזאָגט, אין דער בהלה, אז מ'טאָר נישט ארויסגיין פון באראק נאך א באשטימטער שעה. די ערשטע נאכט איז געווען א באוועגונג ביז שפעט און טייל פון די נייע האָבן געמיינט, אז דאָ מעג מען זיך דרייען אינדרויסן א גאנצע נאכט; העכסטנס, האָבן זיי געטראכט, וועט מען אָנטרעפן אויף א יידישן פאָליציאנט און מיט אים קען מען זיך נאך צוזאמענרעדן...

אין לאגער איז אָבער געווען א געזעץ, אז נאך 9 ביינאכט האט קיי־נער נישט געטאָרט ארויסגיין. אין אלע ווינקלען זענען געווען צעשטעלט ווערקשוץ און ביי די ערשטע פאָר טריט איז מען דערשאָסן געוואָרן אָן שום וואָרענונג. די פיזישע באדערפעניש האט מען געהאט צייט צו דער־לייזיקן, זינט מען איז געקומען פון דער ארבעט — ביז צום שלאָפן גיין. אין באראק האט מען נישט געטאָרט אריינגעמען קיין כלי, וואָס זאָל דינען פאר דעם צוועק. די ווערקשוץ פלעגט אפילו אָפט אריינפאלן אין די באראקן אריין אויף קאָנטראָל און ווייז איז געווען דעם באראק, אין וועלכן זיי האָבן עפעס אָנגעטראָפן. די מענטשן, וואָס זענען געווען אין לאגער א שטיקל צייט, זענען שוין סיי־ווי געווען רעזיגנירט און אָפגע־לאָזט... און פון די וואסער־זופן האט עס ביינאכט שרעקלעך געטריבן —

האבן זיי געהאט בלויז איין עצה: יעדער האט ביי זיך געהאט זיין פאר־זשאווערט בלעכן „עס געשיר"; האט ער זיך ביינאכט „דערליידיקט" דערין, עס פארשטעקט צווישן די בעטן און פארטאג ארויסגעגאסן דורכן פענצטער אדער אין אוביקאציע אריין... נישט יעדער האט עס אפילו דערגאך איבערגעשווענקט מיט וואסער. די פוילקייט האט זיך אזוי איינגע־געסן אין די גלידער, אז מ'איז נישט פעאיק געווען צו גיין אן איבריקן טריט אדער עפעס טאן, צו וועלכן מען איז נישט געצוווּנגען געווארן... האט מען דערפאר געגומען דאס עסן אין דעם בלעכל אריין, אזוי־ווי עס שטייט און גייט...

ס'איז אבער געווען נאך א וועג:

ווען עמעץ האט געדארפט נייטיק זיין באדערפעניש, האט ער זיך געמוזט אוועקשטעלן אויף דער שוועל און א רוף טאן הויך:

— הערן ווערקשויץ! איך דארף מיך דערליידיקן!

ער האט דאן באדארפטווארטן, ביז ער האט געהערט די דערלוי־בעניש פון דער צווייטער זייט. ערשט דאן האט ער געקענט ארויסגיין און מיט ציטעריקע קנעכל זיך שארן פון באראק צו באראק, נישט ווּיסנדיק פון וועלכער זייט עס דראט אים די קויל. אפט פלעגן אזעלכע נישט אריינ־קומען מער צוריק. און דאס האט אנגעווארפן א מורא זיך צו ריזיקירן.

עס זענען געווען ציטן, ווען יידן זענען אנטלאפן פון לאגער. די מערסטע זענען געכאפט געווארן און דערשאסן; איינצלנע האט עס אבער אפגעגליקט. די דירעקציע פון דער פאבריק האט דערפאר באשטימט ספע־ציעלע פרעמיעס פארן כאפן אנטלויפנדיקע. די ווערקשוצלער, וואס זע־נען געשטאנען ביינאכט אויף דער וואך אין לאגער, האבן זיך דערפאר געזוכט ביינאכטיקע קרבנות, בכדי צו קענען אפנעמען אויף א לייכטן אופן די צוגאב־פרעמיע. אזעלכער האט זיך אוועקגעשטעלט אין א ווינקל און ווארטן... ווען ער האט געהערט דעם באקאנטן רוף, האט ער שנעל דערלויבט ארויסצוגיין... דער ייד האט נישט געוווּסט פון גאר און זיך געלאזט אין דער ריכטונג פון קלאזעט. ווען ער איז שוין געווען דערווייטערט פון די באראקן, איז דער ווערקשויץ אים נאכגעגאנגען פון הינטן און אים אפגעשטעלט:

— קום!

די ערשטע צייטן האָט נישט יעדער זיך אָריענטירט און זיך געלאָזט מיט אים מיטגיין. ער האָט אים דאַן צוגעפירט ביז די דראָטן, אים דער־שאָסן און אַזוי אים געלאָזט ליגן ביז אינדערפרי, ווען דער וואַכפירער וועט קומען און באַשטעטיקן דעם „פלוכטס־פאַרזוך”... האָט מען דערפאַר געציטערט פאַר אַזאַ ביינאַכטיקער „דערלויבעניש”. די ווערקשוץ האָט פאַרדראָסן, וואָס ביינאַכט זעט מען נישט קיינעם אַרויסגיין און זיי פלעגן דערפאַר אַריינפאַלן און געזוכט צווישן די בעטן. ביי וועמען מ׳האָט גע־פונען אַ פול געשיר, דער האָט סיי־ווי אינדערפרי נישט געקענט אויפ־שטיין... האָט ווער עס האָט נאָר געקענט, באַמיט צו באַהערשן זיך... ווער עס האָט נישט געקענט — האָט געמוזט ליגן זיין גורל אויף דער וואַגשאָל...

עס האָט געטראָפן, אַז מענטשן האָבן זיך אויסגעליידיקט אונטער זיך און געלאָזט זייער אורין אונטער די בעטן. דאָס איז געוואָרן אַזוי נאַ־טירלעך, אַז מ׳האָט פאַרלוירן דערצו יעדן שפור פון עקל.

די פריש־געקומענע האָבן אָבער דערפון נישט געקענט ווייסן. ביי־נאַכט האָבן פינף מאַן זיך אַרויסגעלאָזט פון באַראַק און אינדערפרי גע־פונען געוואָרן דערשאָסענע. די מענטשן זענען בלויז געגאַנגען זען, ווער עס איז דערשאָסן געוואָרן. אין מינוטן אַרום איז שוין קיינער נישט גע־שטאַנען אַרום זיי. בלויז עפּעס אַ פרוי, פון די פרישע, איז געקומען צו־לויפן מיט אַ יללה. דאָס האָט זי זיך געהאַלטן מיט איר מאַן צוזאַמען און עס איז איר געלונגען זיך מיטצוכאַפּן אַהער, איז אָט... איצט ליגט ער דאָ מיט אַן אָפענעם קאָפּ, אָפּצושרעקן די אַנדערע...

הינטער מעכעלען האָט עמעץ אַ זאָג געטאָן, גלייכגילטיק־טעמפּ, צום גרויעם פאַרטאָג אַליין:

— נאָך מיאוסער ווי אין מאַידאַנעק...

## II

די אַרבעט אין לאַגער איז געטיילט געווען אין צוויי: אַ טאָג־שיכט און אַ נאַכט־שיכט. די מענטשן פון דער טאָג־שיכט האָבן אַרויס־מאַרשירט ביים בלויעם באַגינען און דאַן איז דער לאַגער אויסגעליי־

דיקט געוואָרן פון מענטשן. מ'האָט נאָר געקענט זען פאַרביילויפן דאָ און דאָרט א פּאָליציאַנט מיט א גומענעם שטעקן, וואָס האָט געזוכט די פאַר־שפּעטיקטע פון זיין גרופּע, וועלכע ער האָט געמוזט צוזאַמענזוכן פון די באַראַקן און זיי מיט געוואַלד אַוועקפירן צו דער אַרבעט. ערשט שפּעטער איז אָנגעקומען די נאַכט־שיכט, וואָס האָט פאַרנומען די פּלעצער צום שלאָפן, וועלכע זענען באַנוצט געוואָרן דורך דער טאָג־שיכט.

דאָס מאָל איז געווען אין לאַגער לעבעדיקער. די ניי-געבראַנגטע האָט מען ערשט ביי־טאָג געמוזט פירן אין דער פאַבריקס־ביוראָ, וווּ זיי האָבן באַדאַרפט רעגיסטרירט ווערן און פאַרטיילט אויף פאַרשידענע אַרבעטס־שטעלן. זענען זיי דערווייל אַרומגעקראָכן איבער די קליינע, בלאַטיקע געסלעך און זיך אַרומגעקוקט, וווּ זיי זענען אין דער וועלט.

אויך מעבעלע האָט זיך אַרומגעדרייט און געגאַפט אויף אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געזען. ס'האָט זיך געוויזן אויף א שיינעם, זוניקן טאָג. די קאָלוזשעס האָבן געגומען צוטריקענען און די ביימער אַרום האָבן זיך בענקענדיק געצויגן מיט די גרינע אָרעמס צו דער הימלדיקער פאַרבלוי־קייט.

ס'איז בלויז געווען איין ריי פון 4 באַראַקלעך, וואָס האָט זיך געצויגן אין א גלייכער ליניע. א צווייטע ריי פון 3 קלענערע איז געשטאַנען אביסל זייטיקער. עטוואָס טיפער איז געווען א באַבוימערט שטיקל וואַלד. דאָרט צווישן די ביימער איז געשטאַנען אַן אָפּגעזונדערטער, הויכער באַראַק, וואָס האָט געדינט אַלס קלאָזעט פאַרן גאַנצן לאַגער.

שוין לאַנג, אַז מעבעלע איז נישט געווען מיט זיך אַליין. בפרט צווישן ביימער פון א וואַלד — האָט עס אים געצויגן מיט אַלע געפילס־פעדים. ער האָט פאַרגעסן אין דער גאַנצער מידקייט און הונגער וואָס האָט איינ־געקוועטשט דעם גוף אין קראַמפּן. ער האָט אויסגעמיטן דאָס קלאָזעט און אַריינגעלאָזט זיך צווישן די ביימער. אין דער זייט האָט אַן אָפּגעהאַק־טער שטאַם פון א בוים אים געררופן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און גע־לאָזט זיך אַרומנעמען פון דער ווינטלדיקער איינזאַמקייט, ווי פון א מאַ־מען. ס'איז גוט געווען אַזוי צו זיצן מיט אַרויסגעגלאָצטע אויגן און קוקן

אומגעשטערט אויף די שטיקלעך הימל, וואָס האָבן זיך געלאָזט קיצלען פון די ביימער־שפּיצן און דערביי זילבערן־זומערדיק געלאַכט...

א לייטזעליק־פאַרשמאַכט געפיל האָט אים ארומגענומען און ער האָט דערשפּירט ווי עפּעס גוטס און לייכטס גלעט אים פאַרזיכטיק איבערן קאָפּ. די געדאַנקען זענען מאָדנע קלאָר געוואָרן. ער האָט געטראַכט:

— סיי־ווי וועל איך פון אָט־דעם גיהנם־געווירבל נישט ארויס... וואָלט גוט געווען, ווען איך שטאַרב דאָ איצט אַוועק אין דער מילדער שטילקייט אונטערן בוים, בנשיקה...

א פּסוק פון די יינגל־צייטן האָט זיך אים דערמאָנט, וועגן נביא אליהו, וואָס האָט זיך א מידער אַוועקגעזעצט אונטער א באָקסן־בוים און געבעטן אויף זיך דעם טויט... ערשט איצט פאַרשטייט ער, אַז פאַר א געיאָגט־מידן איז דאָס בעטן אויף זיך דעם טויט אונטער א בוים נישט קיין פאַרצווייפלונג נאָר א נאָגנדיק געפיל צו וועלן כאָטש דעם טויט גע־פינען אונטער דעם שאָטן פון איינגעוויגטן בוים... הגם, ווען מעכעלע זאָל דאָ איצט האָבן באָקסערן אויפן בוים, וואָלט ער אפשר פאַרלוירן דעם חשק צום שטאַרבן...

פּלוצים האָט ער אָבער עפּעס דערזען. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן וואַך און דאָס בלוט האָט אומרואיק געציטערט פאַר שרעק...

פון איינעם א באַראַק, דאָרט ווייט, האָט זיך ארויסגעגליטשט א געשטאַלט אַזאַ, מיט גרויסע צעפּלאָשעטע האָר, וואָס זענען פון אַלע זייטן אַראָפּגעפאַלן אין די אויגן אַריין... א פרוי! איין געדאַנק האָט זיך איבערגעשריגן מיטן צווייטן און מעכעלע איז צוריק אַריין אין זיין הויט.

א געפיל פון שרעק, געמישט מיט נייגער, האָט אים געפירט דעם געשטאַלט אַנטקעגן. ס'איז קוים געווען צו דערקענען עפּעס פרויאישס אין דעם סילועט. די האָר זענען אַמאָל, ווייזט אויס, געווען שוואַרץ, נאָר איצט זענען זיי געווען ווי אַדורכגעצוואָגן מיט אַזאַ מין רויטלעך־געלן קאָליר וואָס איז צוזאַמענגעמישט געוואָרן מיט שמוציק־געלבלעכן בלאָנד. דער גאַנצער קערפּער איז געווען שרעקלעך דין און איינגעצויגן. אויפן אָרט פון די בריסטן האָט זיך דאָס גלאַנציקע קלייד ענלעכקייט צוויי מאָל קוים א פאַלד געטאָן, ווי א ווינטל וואָלט דאָ א קנייטש געלאָזט...

ס'איז איר, קענטיק, שווער אָנגעקומען דער גאַנג און זי האָט דער־פאַר לאַנגזאַם פאַרגעשיקט דעם ערשטן פוס אין אַ נישט־זיכערן טריט און דאַן ערשט נאָכגעשיקט דעם צווייטן, ווי אין טיפן הינערפּלעט... איר פּנים איז געווען איינגעפאַלן ביז צו די הוילע קינבאַקן און ס'איז איבער־הויפּט שווער געווען צו דערקענען, אויב זי האָט בכלל אַ פּנים...

אירע אויגן־ברעמען, די באַקן און די נאָז; די ציין, די איינגעשרומ־פּענע גאָמבע און אַפילו די אויסגעקרומטע נעז פון אירע לאַטשן — אַלץ איז געווען באַפאַרבט מיטן זעלבן עקלהאַפט־געלן קאָליר. פון צווישן די צעריסענע אַרבל, אין צעריסענעם קליידל, ביים אָרט פון אויבערשטן שענקל, האָבן זיך אויך אַרויסגעזען אַזעלכע שטיקער רויער געל. ס'איז זיך קוים געווען צוצוגלייבן, אַז דאָס זענען שטיקער ברודיק־געפאַרבט פלייש... דאָס געשטאַלט האָט ציללאָז געקוקט פאַר זיך, ווי עס וואָלט גאָר־נישט געזען פאַר זיך מער מיטן פאַרנעפּלטן בליק. מיט די משונהדיק־געלע פינגער האָט עס זיך געקראַמפּט אין איין בוים, אינעם צווייטן, בכדי נישט אומצופאַלן ביי יעדן געשטעלטן טריט... צווישן דעם טונקעלן גרין פון די נאָדל־ביימער און דעם העלן געל פון זונען־שמייכל האָט דאָס גע־שטאַלט זיך געוויגט אין מיטן, — ווי כשופדיקער חוזק איבער גאָט און זיין באַשאַף — — —

צווישן די באַראַקן האָט געגומען אויפטויכן איין געשטאַלט אַזאַ נאָכן צווייטן. אַלע מיטן זעלבן קוויטיק־שטויביקן געל — האָט עס אויס־געזען ווי אַ ריזיקע נאַרע פון גרויסע, געל־קריכנדיקע ווערעם... מעכעלע האָט אַ דערזע געטאָן און פאַרשטאַנען:

דאָ ווערן די מענטשן אַזוי, אַז קיין דייטש קען אויף אַזעלכע נישט רחמנות קריגן... עס ווערט ביי זיי צוגענומען ביים לעבן דער מענטש־לעכער קאָליר...

פונעם בילד האָט זיך אים גענומען דרייען פאַר די אויגן מיט מיאוס־שווינדלדיקן עקל, געמישט מיט שרעק: הע, וואָס זענען דאָס פאַר אַ מענ־טשן!? אַלע שאַרן זיי גלייך מיט די פיס, אַלע מיט די זעלבע, איינגע־פאַלענע קינען... און אַלע ווי איינער זענען ווי איינגעטונקען אין אַ מין געל־געלן בוימל...

אַט איז שוין מעכעלע אַריינגעקראָכן אינמיטן טומל. די מענטשן פון דער נאַכט-שיכט זענען שוין אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט און אַרומגעלאָפן פון איין אָרט צום צווייטן. די נייגעריקייט זיך איינצוקוקן אין אומבאַקאַנטע פּנימער האָט אים אַריינגעבראַנגט צווישן די באַראַקן. אויף די ווענט פון די זייטיקע, קלענערע באַראַקלעך האָבן געקלעפּט די זעלבע געלע פּלעקן, גלייך ווי אויך זיי וואָלטן קראַנק געווען אויף אַזאַ מאָדנע, אָפּשטויסנדיקע קרענק... ס׳האָט געשווייבלט פון הונדערטער אַזעלכע... זיי האָבן מער געשוויגן ווי גערעדט. פאַרבייגייענדיק נעבן זיי, האָט עפּעס האַרטס און שטעכיקס אַ קיצל געטאָן אין די אָטעם-אָרגאַנען... מעכעלע האָט געוואָלט זיך אָפּשטעלן נעבן איינעם, אים פרעגן וועגן דער געלקייט... אָבער דאָ זענען די פּאָליציי שוין אַרומגעלאָפן מיט די שטעקנס און אַרומגעזוכט די פריש-געקומענע... ווען מעכעלע איז געקומען אויפן זאַמל-פּלאַץ, זענען שוין כמעט אַלע געווען איינגעשטעלט אין רייען. מ׳האָט איבערגעציילט איינמאָל און נאָכאַמאָל. די קאָמענדאַנטין האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ברוגזע, געהאַלטן אין איין שרייען און זידלען מיט די שענסטע פּערל, וואָס די פּוילישע שפּראַך פאַרמאָגט... ענדלעך האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און די גרופּע איז אַרויסגעפירט געוואָרן דורכן טויער. פון איין זייט זענען געגאַנגען יידישע פּאָליציי און פון דער צווייטער די ווערקשוץ און געהיטן, מ׳זאָל נישט בייטן די פּאָזיציעס. פונדערווייטנס האָבן זיך אַ ווייז געטאָן אַ קייט רויט-ציגלענע געביידעס און יעדער האָט אינסטינקטיוו אַ דערשראָקענעם טראַכט געטאָן: די פאַבריק.

III

צווישן לאַגער און דער פאַבריק איז געלעגן אַ שמאָל וועג-פּאַסעקל אויף דער פריי. פונדערווייטנס האָט זיך גרין געכמאַרעט אַ שטיק וואַלד און האַרט ביים שטעגל האָט זיך אויסגעשיט אַביימלעך-פאַרפלעכט, אויף וועלכע ס׳האָבן זיך געפּערלט שוואַרצע, מיט בלוט-אָנגעגאָסענע בערע־לעך. די הערצער האָבן געצויגן פון הונגער און די קליינע פרוכטן האָבן געדייצט מיט אַלע כשוף-שפּראַכן אין דער וועלט. נישט ביי איינעם איז

אויפגעקומען דער געדאנק פון ווארפן זיך אויף די קליינע ביימלעך, צו־באלן מיטן מויל גלייך צו די רופנדיקע, רייפע פינטעלעך און... זאל נאכ־דעם געשען וואס עס וויל... די ביקסן אין די הענט פון דער ווערקשוץ האט אבער אפגעקילט די געמיטער. האט מען מורא געהאט א בליק צו טאן אין דער זייט, בכדי נישט צו פארגעסן זיך און מ׳האט געשפרייזט מיט האלב-צוגעמאכטע אויגן.

גלייך נאכן פאבריק-טויער האבן זיך ארויסגעהויבן פון צווישן די ביימער א ריי שטאלצע, אויסגעפוצטע בנינים, מיט בלומען־גערטנדלעך ביי זיי צופוסנס. אין מיטן האט זיך געצויגן א פיינער אויסגעפלאסטער־טער וועג, מיט אספאלט־טראטוארן אין ביידע זייטן. עס האט געקענט מאכן דעם איינדרוק, אז דא האט מען געברענגט א גרופע מענטשן, פון אן אנדער וועלט, אין א כשופדיקער גארטן־שטאט. בלומען-קעפלעך האבן זיך אויסגעצירט אין די שענסטע, געל-ראזע שלייפעלעך און אויסגעצוואגענע פון נאכטיקן טוי האבן זיי פארשעמט קאקעטירט צו די מעבטיק־צעוואק־סענע ביימער, זיי אקעגנאיבער... א מילד ווינטל האט מיט אויסגעשפריי־טע ארעמס פריינדלעך אקעגנגעשפרייזט; גלייך ווי ער וואלט דערשפירט די מענטשנס פארשמאכטקייט, האט ער אין דער שנעל אפגעשווימט אביסל פרישקייט פון די בעז־ביימער און בלומען, אונטערטראגנדיק זי בגנבה יעדן איינעם אונטער דער נאז...

— אה...ה...ה! האבן זיך טייל צעברומט ווי אין אויפגעוועקטער חלשות. פון ביידע זייטן האבן הויכע, צעוואקסענע גרעזער שטום גע־שאקלט מיט די לאנגע, שמאלע קעפ, אזויווי זיי וואלטן דא אלץ פאר־שטאנען און מיטפילנדיק באדויערט...

א שטים האט א שניט געטאן:

— שטיין בלייבן!

אין טויזנטער טריט האט זיך פארהאקט דער נישט-ריטמישער אטעם. אלע האבן זיך אויסגעשטעלט מיטן פנים צום גרויסן, געמויערטן בנין אקעגנאיבער.

א הויכער, דארער מאן אין א ס. א. מונדיר, מיט הארענע ברילן, איז ארויסגעקומען פון א זייט. די יידישע פאליציי האט הכנעהדיק סאלו־

טירט פונדערוויטנס; יענער האָט אָבער נישט געלייגט קיין אכט דער־רויף. פון א ווינקל ארויס האָט זיך באַוויזן דאָס נעבעטיקע יידישע מיידל, וואָס האָט פארשריבן די נעמען. א פּאָליציאַנט האָט שטיל א וואָרן געטאָן:

— שטייט איצט גלייך... איר ווערט געשטעלט פארן משפט...

וואָס פאר א משפט האָט ער נישט געזאָגט. אלע האָבן זיך אויס־געשטעלט אין מיליטערישער אָרדענונג, מיט קלאָפּנדיקע הערצער. דער מאַן מיט די ברילן האָט אָנגעהויבן שפּרייזן פאַר די רייען. זיין אויסגע־דאַרט פּנים האָט אויסגעדריקט א טיפן האס צו אַלצדינג, וואָס די בייזע, אָנגעכמארעטע אויגן האָבן געזען. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אז ער האָט פיינט נישט בלויז די מענטשן, נאָר אויך דיביימער, די בלומען און די שטאַכעטן ביים הויז... ער האָט געקוקט פארגליווערט אויף די אויסגע־גלייכטע רייען און בלויז פון צייט צו צייט האָט ער א וויַז געטאָן מיטן איינגעדאַרטן פינגער זיינעם צו עמעצן:

— דו!

אַזעלכער איז באַלד אַרויסגעטרעטן פון דער ריי. א פּאָליציאַנט האָט אים צוגעפירט אין א זייט, וווּ עס איז שוין געשטאַנען אן אָפּגעקליבענע גרופּע פון הויכע, שטאַרק־געבויטע מענער. דער דאַרער מאַן האָט שטיל א קרעכץ געטאָן דורך די גיפטיק־דינע און בלייכע ליפּן — שוין פאַראַן די צאָל?

דער פּאָליציאַנט האָט זיך אויסגעצויגן ווי א סטרונע און מיליטעריש סאַלוטירט:

— יאַוואָל, הער דירעקטאָר!

אָבער דער דאַרער האָט בלויז מיט אָפענער פאַראַכטונג אויסגע־דרייט דעם קאָפּ, זיך ווידער אומגעקערט צום אָנהייב פון דער ריי און אָנ־געהויבן קלייבן פונדאָסניי: דו! דו! דו!...

יעדע גרופּע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן באַזונדער און פּאָליציי האָט געהיטן, אז קיינער זאָל נישט אַריבערלויפן אין א צווייטער גרופּע אַריין. באַלד האָט מען יעדע גרופּע פאַרשריבן, אונטער פאַרשידענע נע־מען — פון וועלכע מ'האָט גאָרנישט געקענט קליגער ווערן:

— האַלע זעקס!
— האַלע 12!
— האַלע 53!
— שמיץ!
— באַאו!
— טראַנספּאָרט!

און קיינער האָט נישט געקענט וויסן, צו וואָס ער ווערט אויסגע־קליבן; אויף אַ גוט אָדער שלעכט אָרט... פון דעם אָפּקלייבערס אויגן האָט מען גאָרנישט געקענט אַרויסלייענען. די אין דער ריי האָבן זיך גע־שפּירט עלנט. קיינער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין צוטרוי צום גורל און יעדער האָט געוואָלט, אין דער משוגענער סיטואַציע, כאָטש עפּעס טאָן, בכדי מיטצוזלענקען מיט זיין ווייטער.

נעבן מעבעלען שטייט אַ בחור, וועלכן ער קען פון ערגעץ. יענער קוקט אויף אים. עס דוכט זיך אים, אַז ווען ער וועט פאַרקניפּן זיין גורל מיט אָט דעם מיטל־געוואַקסענעם בחורל, וועט אים בעסער זיין, הגם ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס... ער שושקעט אים דערפאַר שנעל אַריין אין אויער:

— דו... מיר'ן זיך האַלטן צוזאַמען...

מעבעלע שווייגט. ער האָט באַשלאָסן דאָ גאָרנישט מיטצוטאָן. וואָס דער צופאַל וועט באַשטימען — דאָס וועט ער אָננעמען. אין זיין שכל אָבער וואָרפט זיך נאָך עפּעס אַן אומרו, אַ ווילן אַרויסצושפּרינגען פון גורלס אָנגעצייכנטער ליניע:

— דו... מונטערט ער מעבעלען — ד י גרופּע, וואָס ער קלייבט איצט אויס, געפעלט מיר... דאָ וועט זיין לייכטער... לאָמיר זיך אַרויס־שטופּן פאָראויס — ער זאָל אונדז באַמערקן...

מעבעלע קען נישט פאַרשטיין, מיט וואָס ער איז עס אַזוי זיכער אין אָט־דער גרופּע; יענער איז אָבער שוין פאַרכאַפּט פון זיין אינטו־איציע. אָט שטויסט ער זיך שוין פאָראויס און פאַררייסט דעם קאָפּ אין דעם דירעקטאָרס ריכטונג. ער רופט אים מיט די אויגן, צווינגט אים ממש אויף מיטן בליק, ער זאָל א י ם אויסקלייבן... דער געשניצטער

נאָגלשפּיץ פון אויסגעדאַרטן פינגער ווערט ווי סוגעסטיאָנירט פון יענעמס באַגערנדיקן רייסן־זיך צו אים מיט די אויגן; עס פאַלט אַ וואָרט אין זיין ריכטונג: דו!... זיינע הענט קלאַמערן זיך אַריין אין מעבעלען און ווילן אים מיטרייסן. מעבעלע רירט זיך אָבער נישט. ער האָט איינמאָל באַשלאָסן אליין גאָרנישט צוצובייגן זיך צו דעם, וואָס דאַרף קומען פאַר אים. אָבער דער דאַרער פירט איבער זיין בליק אויך צו אים. אַ בייטשיק וואָרט פאַלט אים איבערן קאָפּ:

...און דו אויך!

לאָזט ער זיך אַרויסשלעפּן פון דער ריי און אַוועקגעשטעלט ווערן צווישן אַ גרופּע ריזיקע בחורים. אַ הויכער, דיקער מייסטער מיט ברילן האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע:

— פון היינט אָן געהערט איר צו דער גראַנאַטן־אָפּטיילונג. אייער צייכן איז „האַלע זעקס”... נאַכט־שיכט. איצט גייט איר צוריק אין לאַגער ביז ביינאַכט. געדענקט נאָכאַמאָל: גראַנאַטן — האַלע זעקס!

און צום יידישן פּאָליציאַנט האָט ער צוגעגעבן:

— אָפּפירן זיי אין לאַגער! אָבער ביינאַכט מוז איך האָבן די באַנדע ביז איינעם... געדענק וועגן דעם...

דאָרט זענען נאָך געשטאַנען רייען צום קלויבן. די אויסגעקליבענע זענען באַפאַלן זייערע פּאָליציי־לייט מיט פראַגן:

— וועלן מיר נישט אַרבעטן, אַט אַזוי ווי יענע, די געלע?

יענער איז אָבער קאַרג אין ווערטער. האָט ער בלויז אַ בורטשע געטאָן: נ יי ן !

און דאָס איז געווען, עס זאָל ווערן לייכטער אויפן האַרץ.

## ק אַ פּ י ט ל   ז י ב ן

### I

מיטן אָנקומען פון אַ נייער גרופּע מענטשן האָבן די באַראַקן מער נישט געקענט אַלע אַריינגעמען. ראַסט האָט באַשלאָסן צו ברענגען איצט וואָס מער יידן, פון וואַנעט ער וועט בלויז קענען. ער האָט געוווסט, אַז

דאָס זענען שוין די לעצטע רעזערוווארן. איז דעריבער געפאַלן דער באַ־שלוס וועגן אויסבויען אַ געוויסע צאָל פרישע ווין-באַראַקן. עס זענען געקומען אינזשעניערן אין לאַגער אריין, געמאָסטן די שטיקער באַביי־מערטן וואַלד און געהאַלטן אין איין צייכענען פּלענער. מ׳האָט געגומען שמועסן, אַז די דראָטן וועלן אַרויסגערוקט ווערן און אריינגעמען אין צום אריין אַ שטיק פרישן וואַלד. דערווייל האָט מען גענומען אויסהאַקן דיביימער ארום די באַראַקן. עס זענען אָנגעקומען וואַגאָנען מיט באַראַקן-מאַטעריאַל, וועלכע מען האָט אָפּגעלייגט אין די זייטן; אַלע האָבן דער־זען, אַז דאָ גרייט זיך אַ גרויסע אינערלעכע ארבעט...

צום בויען די באַראַקן האָט מען געדאַרפט האָבן קוואַליפיצירטע אַר־בעטער און מייסטער; האָט מען אויף דערווייל אריינגעברענגט עטלעכע פּאָליאַקן אויפן שטח פון לאַגער. אַזוי ארום זענען די ערשטע פּאָליאַקן אריינגעקומען אויף יענעם געהיימנישפולן אָרט. זיי זענען אַ גאַנצן טאָג דאָרט געווען און ביינאַכט אַהיימגעגאַנגען נעכטיקן.

זיי האָבן אָבער שטענדיק מיטגעברענגט מיט זיך אַהיים די פאַר־שוויגנקייט פון וואַלד. ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס, וואָס אַזויפיל נייגע־ריקע האָבן זיך אָנגעקליבן אינגעם שטיבל און דווקא פון זיי געוואָלט ארויסציען אַ וואָרט... מסתמא האָבן זיי געוווסט, אַז עס איז געפערלעך צו רעדן; האָבן זיי בלויז אויף אַלע קשיות אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, וואָס האָט געדאַרפט הייסן:

— עט, נישט כדאי צו פרעגן...

צווישן די פרישע מייסטערס זענען אויך געווען עטלעכע בעלי־מלא־כות פון דאָרף, מענטשן וואָס האָבן זעלטן אָנגעזען דאָס פּנים פון שטאָט; אָפענע, אָן סודות... איז זיי שווער געווען צו טראָגן אין זיך דאָס אַזוי־נייע, וואָס זיי האָבן זיך לעצטנס אַזויפיל אָנגעזען...

האָט טאַקע געטראָפן, אַז דער אַלטער טשעשלער, קאָפּערניק, האָט נאָך דער ערשטער וואָך שוויין מער נישט געקענט. ביינאַכט, ווען עס זענען צו אים אריינגעקומען עטלעכע כאַלופּע־שכנים, האָט ער זיך צעדרשנט:

— מ׳זעט באַשיינפערלעך גאָטס שטראָף אויף דעם פאַרשאָלטע־נעם פאָלק, וואָס האָט אונדזער יעזוס געקרייציקט! אַזויפיל טויזנטער

יאָרן האָט עס זיך אַזוי קונציק אַרויסגעדרייט פון אונטער דער שטראָפּנ־דיקער רוט, וואָס גאָט האָט פאַר זיי אָנגעגרייט; וויפל מאָל האָבן זיך די בעסטע פון אונדזערע הייליקע צו זיי אַראָפּגעלאָזט און פאַר זיי געפּרע־דיקט אין די שולן; געבעטן זיי צו קומען אונטער די פליגל פון דער גאָט־געזאַלבטער קירכע!?... מיט אַלע מיטלען האָט מען זיי געוואָלט אוועק־רייסן פון זייער קרומען וועג... מ׳האָט זיי אָנגעזאָגט וואָס זיי דערוואַרט... געוואָלט זיי ראַטעווען פון דער סכנה... אָבער זיי האָבן זיך נישט געלאָזט אויסבעסערן, די טייוולס-קינדער פון פאַרשאָלטענעם שטאַם! זיי האָבן פאַרשפּרייט כפירה און אפילו זייער אייגענעם גאָט גענומען פאַר־פּרעמדן... און דער כביכול האָט אַ זאָג געטאָן: גענוג מיט אייך! איצט האָט געשלאָגן די שעה פון אייער פאַרניכטונג!

...היינט שרייען זיי... אָבער דאָרט אין הימל וויל מען זיי מער נישט הערן... צו שפּעט... דער גורל איז שוין געחתמעט און ווערט אויס־געפירט...

אַ שטילקייט האָט דערשטיקט אַ פאַרלוירענעם הוסט. די שכנים האָבן נישט דערקענט דעם פּשוטן, טעמפּן קאַפּערניק, וואָס האָט זיך צע־לאָזט מיט אַזאַ נביא־טאָן, וואָס מען ווייסט נישט ווי אַזוי ער האָט זיך צו אים דערנומען...

אָבער קאַפּערניק האָט ווייטער גענומען דערציילן:

— איך אַרבעט איצט מיט זיי און כ׳ווייס, אויף וואָס זייערע לעצט־איבערגעבליבענע זענען אויסגעשטעלט. פון אַ קינד ביז אַן אַלטן מאַן --- קיינער וועט פון זיי נישט בלייבן... כ׳האָב צוגעזען, ווי אַזוי מען פּייניקט זיי און איך האָב די ערשטע צייטן אויף זיי אַליין רחמנות געהאַט... פאַרט אַ גלייביק האַרץ... אַמאָל האָב איך פאַר זיי אַ גוט וואָרט פאַר־וואָרפן ביי די אוקראַאינישע וועכטער; אָבער איינער פון זיי האָט מיר געעפנט די אויגן... ער האָט מיר געזאָגט:

— שלאָגן מיר זיי דען? דאָס שלאָגט זיי דאָך גאָט אַליין... און וואָס קענען דען מיר, מענטשן, טאָן — אויב ס׳איז נישט גאָטס ווילן דערביי?... שוין איבער אַ וואָך צייט זע איך אַלץ צו און פאַרשטיי שוין אַלץ. ס׳איז קלאָר, אַז גאָטס ווילן איז אויסצוראָטן די כפירה־זרע...

און איך וועל דערצו מיטהעלפן. איך בין אויפזעער ביי אַ גרופּע יידן און באַהאַנדל זיי מיט שטרענגקייט... איך טרייב זיי ביי דער אַרבעט, זע־צו, אַז זיי זאָלן זיך נישט קענען פאַרשאַפן אַ שטיקל ברויט און זיי זאָלן געפּייניקט ווערן, וואָס מער געפּייניקט ווערן...

אַ קלוגער בחור אָט־דער אוקראַינער! ער האָט מיר אויפגעוויזן, אַז מיין קומען צווישן זיי איז אַ הייליק שליחות. גאָרנישט: גאָט האָט באַשטימט, אַז עס איז געגוג צו דולדן אָט־דאָס פאָלק. ביז היינט האָט עס געמעגט לעבן און אין אונדזערע טעג מוז עס פאַרשווינדן פון דער ערד ביז איינעם... ווער עס העלפט מיט די דייטשן דערין — דער העלפט גאָט... אפשר, אַז די יידן וועלן נישט זיין אויף דער וועלט, וועט גאָט מער נישט צערענען אויף די מענטשן און עס וועט מער נישט זיין קיין מלחמות?... גלייבט מיר, אַז אַ סך מאָל קען איך עס אַליין נישט מער. דאָס טרעפט, ווען איך זע זייערע בלייכע פּנימער, ביים פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אין הונגער, אָדער ווען איך הער זייער משונהדיק געשריי ביי די שמיץ, וואָס זיי באַקומען. אַמאָל ווער איך ווייך דערביי און דריי אַוועק דעם קאָפּ — איך ווייס אָבער, אַז אומעטום געשעט מיט זיי דאָס זעלבע... און אַז דאָס איז שוין זייער גורל, וואָס קיינער קען מער נישט ענדערן...

אַמאָל זע איך ווי מען טראָגט זייערס אַ טויטן מיט דעם נאַקעטן, ביינערדיקן גוף און עס כאַפּט מיך אָן... ביז צום וויינען. ווייס איך אָבער, אַז גאָרנישט ווערט נישט געטאָן אָן דעם ווילן פון אַלמעכטיקן און אַז דער זעלבער גאָט, וואָס האָט געפורעמט דעם מענטש מיט אַלע זיינע גלי־דער, מיט דער גאַנצער פּראַכט פון זיין געשטאַלט — דער זעלבער גאָט דערלאָזט, אַז דער גוף, וואָס ער האָט באַשאַפן, זאָל אַזוי ווערן, זאָל אַזוי אויסזען...

ווייס איך נישט, פאַרוואָס איך ווער טיילמאָל אַזוי רחמנותדיק ווייך: זאָל עס זיין אַ פּועל־יוצא פון קריסטלעכע געפילן אָדער בלויז בייזע מחשבותן אַזוינע, וואָס דער טייוול האָט אויף מיר אָנגעשיקט, צו ספקן אין דער אַלערהעכסטער, גערעכטער פירונג? אפשר איז דער צער פון זייערע געפּייניקטע, טרויעריקע אויגן בלויז מעכטיקע מיטלען פון דער בייזקייט, צום פאַרדרייען דעם קאָפּ פון די גלוביקע און זיי אַראָפּצופירן

פון וועג? איך לאָז זיך נישט; שלאָג זיי מיט שטעקנס איבערן קאָפּ... אָבער יענץ געפיל לאָזט מיך אַלץ נישט נאָך... כ׳בעט אייך, זאָגט! אפשר איז טאַקע אַ גרויסע זינד אַזוי צו טראַכטן, מיטלייד האָבן מיט אַזעל־כע? — — —

אָבער פון וואַנעט זאָלן פּשוטע דאָרפס־גויים וויסן צו ענטפערן אויף אַזעלכע פילאָזאָפישע שאלות, וואָס זענען פון דער העלער הויט באַ־פאַלן קאַפּערניקן?

האָבן זיי אים בלויז דערשראָקן אָנגעקוקט און ביסלעכווייז זיך צע־קראָכן פון דער כאַטע.

## II

קאַפּערניק איז נישט געווען דער איינציקער. אָט איז צו דער גרופּע אויפזעער געקומען ג יי ד א , אַ פּויער פון אַ צווייטן דאָרף, וואָס האָט זיך געמאָלדן צו דער אַרבעט אין פאַבריק. ביי זיך אין דער היים איז ער געווען אַ סטאָלער. די דירעקציע האָט אים דעריבער איבערגע־שיקט צום מייסטער שמיץ, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן אויפשטעלן די באַראַקן. ער איז באַלד געוואָרן דער אויפזעער איבער אַ גרעסערע גרופּע יידן, ווען ער האָט געדאַרפט אָנווייזן, ווי אַזוי מ׳גראָבט אויס די שטאַמען פון די אונטערגעהאַקטעביימער און ווי אַזוי מען שטעלט צונויף די טיילן פון די דייטשע באַראַקן. זיין אַרבעט איז געווען אַ בשות־פותע מיט קאַפּערניקן. ביידע זענען געווען פאַרשידענע נאַטורן און איי־נער — דער קעגנזאַץ צום צווייטן... טאַקע דערפאַר האָבן זיי זיך שנעל באַפריינדעט און איינער האָט דערגענצט דעם צווייטן...

דער ערשטער, קאַפּערניק, איז געווען אַ הויכער, שטילער גוי. זיין פּנים איז געווען שטענדיק פאַרטראַכט און פול מיט ערנסט. זיין יעדער טריט איז געווען געמאָסטן און בכלל האָט ער מער געשוויגן ווי גערעדט. ער איז געווען אַ מענטש אין די פופציקער און דערפאַר זיך מער אינטע־רעסירט מיט פראַגן פון יענער וועלט, גאָט און גלויבן. זיין צעאַקערט, אויסגעצויגן פּנים פלעגט זיך כסדר פאַרקנייטשן און מ׳האָט דערקענט,

אז ער טראכט עפעס כסדר. זיין געדאנק איז געווען אביסל טעמפלעך. א גאנץ לעבן האט ער זיך געלעבט רואיק און ס'איז אים קיינמאל נישט אויסגעקומען זיך אריינצוטראכטן אין געדאנקען, וואס האבן דערגרייכט ווייטער פון זיין ווייב און כאלופע... מיטן באקומען א מעלדונג פון דאר־טיקן ארבעטס-אמט, אז ער מוז זיך צושטעלן צו דער ארבעט אין ווערקצע, איז קאפערניק אריינגעצויגן געווארן אין א ווייטער, פרעמדער וועלט, צו וועלכער זיין געדאנק איז שוין צו־שווער געווען, ער זאל דאס קענען אויפנעמען מיט זיינע חושים... ביז איצט האט אים ווייניק־וואס אינטע־רעסירט די גאנצע געשיכטע מיט דעם קריג. אט איז דא פריער געווען פוילן — היינט איז דא דער דייטש. ביי פוילן האט ער געדארפט ארבעטן שווער, ביז ער האט זיך דערשלאגן צו א ברויט מיט א שטיקל פלייש און איצט ביי די דייטשן פארדינט ער אויך אויף א ברויט און פלייש באַ־קומט ער אויך אויף די קארטן; וואס זשע קען אים דא זיין א גרויסער אונטערשיד? די ערשטע צייטן האט אים בלויז געארט, וואס ער מוז אלע־מאל גיין אין די דייטשע אמטן, צוליב פארשידנס, און ער קען זיך מיט זיי נישט צוזאמענרעדן. זיין טעמפער פויערישער געפיל האט דאן אויף א מינוט דערשפירט, אז עפעס איז דא נישט גלאטיק. אט איז ער ביי זיך, אין זיין לאנד, אויף אייגענער ערד און דאך רעדט מען צו אים אויף אזא לשון, וואס ער קען נישט פארשטיין. ער האט זיך דערשפירט, אזוי ווי ער וואלט פלוצים דא פרעמד געווארן, מיט אן אויסגעשניטע־נער צונג... מיט דער צייט אבער זענען אויפגעקומען די פאלקס־דייטשן, וואס האבן גערעדט פויליש. זיי זענען געווען אין אלע אמטן און מיט זיי האט מען געקענט רעדן, וואס מען דארף.

געווען צווישן זיי א סך, וואס קאפערניק האט געקענט פון פריער, פארן קריג, ווען זיי זענען געווען די זעלבע ארעמע ארבעטער, וואס ער. ער האט אבער נישט געוואלט א סך אריינקלערן. ביי פוילן, אז ער איז אריינגעקומען אין א חשובן אמט, האט ער סיי־ווי געמוזט אראפציען דאס היטל און שטיין מיט הכנעהדיקן דרך־ארץ ביים טיש... נישט מער, אמאל זענען דארט געזעסן אנדערע באאמטע און היינט זיצן ווידער אזעלכע, וואס זענען נאך נעכטן אזוי געווען אונטערטעניק ווי ער... וואס

קען עס אים אָבער אָנגיין? אַט איז דאָס זעלבע טישל, דאָס זעלבע היטל־אַראָפּנעמען און די זעלבע הכנעה ביים האָבן צו טאָן מיט אַ װעלכן־ס'איז פּאַפּיר...

די גרױסע ענדערונג האָט ער ערשט דערשפּירט, װען ער איז געקומען אַרבעטן מיט די געפאַנגענע יידן. באַלד דעם ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען האָט ער זיך געטראָפן מיט אַן אוקראַינישן װערקשוץ, װאָס האָט געהיטן זיין גרופּע. יענער האָט גערעדט פּויליש און זיי האָבן זיך באַלד צעשמועסט.

איװאַנײקאָ, אַ ביטרער שייגעץ מיט אַ פּאָר ברענענדיקע אייגעלעך, האָט אים באַלד געפרעגט, אויב ער װייסט װאָס מען מאַכט מיט אַלע זשידעס אין די פּױלישע שטעט און „אין דער גאַנצער װעלט". קאָפּערניק האָט שוין גענוג געהערט װעגן דעם, ער האָט אָבער נישט געװוּסט אויף געװיס; עס איז אים קיינמאָל אויך נישט איינגעפאַלן צופּיל אין דעם אַריינצוטראַכטן זיך... װאָס געהערט זיך ער דערמיט אָן?

עטװאָס האָט ער נישט געקענט תופס זיין איינעם גאַנצן ענין: צי זיי גלייבן יאָ, די זשידקעס, אין כריסטוסן אָדער נישט — דאָס איז אַ באַזונדער זאַך. ער װייסט בלױז איינס: די יידן קען ער נישט פון היינט; נישט איינמאָל האָט ער שוין ביי זיי עפּעס געקױפט. אַמאָל האָט ער אפשר צו טייער באַצאָלט; עס איז אים אָבער נישט איינגעפאַלן קיינמאָל, אַז ער זאָל דערפאַר דערהרגענען אַ ייד און צונעמען זיין געלט... דער װערקשוץ מיט די שװאַרץ־געשניצטע װאָנסעלעך האָט אָבער אויף אים אָנגעשטעלט זיינע קאָכעדיקע אויגן:

— װאָס איז ער דען אינגאַנצן? אַ כאַם! אַ בהמה! ער איז דאָס גאַנצע לעבן געזעסן אין דאָרף, נישט געזען גאָרנישט װאָס עס טוט זיך — דערפאַר קען ער נישט פאַרשטיין קיין פּאָליטיק. װייסט ער דען נישט, אַז דאָס האָבן די יידן אָנגעמאַכט די גאַנצע מלחמה? זיי זענען זיך געזעסן די גאַנצע צייט אין די שטעט און אָנגעזאַמלט גאַנצע זעקלעך מיט געלט. װען דער אָרימער פּויער האָט עפּעס געבראַנגט אין שטאָט אַריין צום פאַרקויפן, האָט ער עס גענומט פירן צום ייד. דערפאַר װייל ער האָט געהאַט געלט צו באַצאָלן. דער ייד האָט באַצאָלט, װיפל ער האָט גע־

וואלט און עס שפעטער פארקויפט פאר פינף מאל אזויפיל און נאך מער רייך געווארן. דאקעגן ווען דער פויער אדער ארבעטער האט עפעס באַדארפט קויפן — האט ער ווידער געמוזט גיין צום ייד. ווייל דער ייד האט געהאט צייט א גאנצן טאג זיך ארומצודרייען און זיך צו דערוויסן, וואס דער פויער דארף און ער האט דאס אלץ אויסגעקויפט; שפעטער האט מען די אלע זאכן נאר ביי אים געפונען און ער האט דערפאר געקענט נעמען, וויפל ער האט געוואלט. דער ייד האט זיך פאר דעם געלט געקויפט די שענסטע הייזער, געגעסן די בעסטע פליישן און דערביי נישט געארבעט, נאר געווארט, אז אזא קאפערניק און נאך טויזנטער אזעלכע ארימע ארבעטער זאלן אים ברענגען זייערע ארימע גראשנס... פארוואס האט ער, קאפערניק, זיך נישט געקויפט קיין הויז? האט ער דען נישט געארבעט זיין גאנץ לעבן? פארוואס האט ער זיך קיינמאל נישט פארגינען צו עסן שאקאלאד און די קינדער זיינע צו שפייזן מיט מאראנצן? פארוואס האבן זיינע קינדער קוים געקענט אנשרייבן אווארט? הא, ער ווייסט נישט? טא זאל ער עס איצט ווייסן: דאס האבן די יידן צוגענומען זיין ארבעט און זיין געלט; זיי האבן עס געלאזט אויסשטודירן פאר זיין געלט די קינדער זייערע פאר דאקטוירים און דערמיט זאלן זיי זיין קליגער און געלערנטער פאר אים... און דערמיט גיכער ווייסן ווי אזוי צו מאכן געלט... זיי האבן דערפאר געלעבט ווי גראפן און אנגעשטאפט די בייטלען זייערע...

איצט איז געקומען דער דייטש און געזאגט: ס'איז גענוג דערמיט! די הייזער, וואס זיי האבן, איז נישט זייערס נאר דעמס וואס האט געארבעט... ווער עס נעמט עס צו — צו דעם געהערט עס! דעם ייד דארף מען פון דארט ארויסווארפן, ווייל ער האט דערויף נישט געארבעט. דאס זעלבע איז מיט זיינע קליידער און צירונג. ס'איז נישט זיינס און — פארטיק! ער איז איבערהויפט נישט פון דעם פאלק און פון דעם לאנד... איצט פארשטייט ער שוין, קאפערניק?

און זאל ער נאך עפעס וויסן, קאפערניק: וויפל קינדער און עלטערע מענטשן זענען עס געשטארבן פאר דער צייט בלויז דערפאר, ווייל מען האט זיי נישט געקענט קויפן קיין רפואות? וואלטן די יידן נישט באַרויבט

ביים פויער און ארבעטער זיין געלט — וואָלט מען זיי געקענט ראַטע-וועז... גאַנץ באַזונדער האָבן די יידן געלאָזט אויסבילדן זייערע קינדער פאַר דאָקטוירים און אַפּטייקער. זיי אַרבעטן אויס די רפואות און הייסן זיך פאַר זייערע געלערנטע מאַכעריייקעס באַצאָלן, וויפל זיי ווילן; אַפילו ווען זיי ווייסן, אַז דאָס אָרימע פאָלק קען נישט קומען דערצו און שטאַרבט אָוועק מאַסנווייז... ס'איז דאָ נאָך אַ סך זאַכן, וואָס ער דאַרף ווייסן. קלאָר איז אָבער איינס: דאָס האָבן זיי ספּעציעל געוואָלט, אַז דאָס פאָלק זאָל ווערן וואָס ווינציקער, ביז זיי וועלן ווערן די איינציקע באַלעבאַטים אין לאַנד... וואָס זשע איז דאָס וווּנדער, ווען היינט הרגעט מען זיי? דאָס נעמט מען בלויז אַ קליינעם טייל פון דער נקמה, וואָס זיי קומט פאַרן מאָרד פון דער גאַנצער צייט, פאַר דעם באַרויבן אַלעמען; דערפאַר וואָס זיי זוכן שוין צוויי טויזנט יאָר אומצוברענגען די קריסטלעכע וועלט — —

ער האָט אַפילו געשפּירט, קאָפּערניק, אַז דאָ איז נישט אַלץ אין אָר-דענונג. ער האָט אָבער וואָס אַ טאָג אַלץ מער איינגעטענהט מיטן אוקראַאינער, איוואַנייקאָ, און ער האָט אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז עס איז נישט אומזיסט, וואָס אַ גאַנצע וועלט האָט זיך פאַרלייגט אויף אָט-דעם פאָלק. ער אַליין האָט אַפילו נישט געזען די גרויסע יידישע פאַרברעכנס, פאַר וועלכע עס זאָל זיי קומען אָפּצווווישן פון דער ערד; אויב אָבער אַ גאַנצע וועלט באַשטעטיקט אַן אורטייל, ווייסן אַז זיי זענען עס די שול-דיקע אין אַלע וועלט-אומגליקן — מסתמא ווייסן זיי עס בעסער...

און ווען מען האָט אים אָנגעזאָגט פון דער ווערקשטאַט, ער זאָל די יידן באַהאַנדלען שלעכט, זיי נישט לאָזן כאַפּן דעם אָטעם און שלאָגן, וואָס מער שלאָגן — האָט ער געפאָלגט... און וואָס מער ער האָט זיי גע-טריבן און געפּייניקט, אַלץ מער האָט ער זיי פיינט געקריגן.

## III

אַמאָל האָט זיך זיין אייגן האַרץ קעגן אים צעבונטעוועט. זיין אייגן געפיל האָט אים אָפּגעלערנט און נישט געלאָזט אים אויפהייבן אַ האַנט אין צאָרן... אַ גלויביקער — האָט עס טיף אין אים זיך געשראָקן, טאָמער וועט ער אַמאָל דאַרפן אָפּגעבן אַ חשבון פאַר זיין פּייניקן שוצלאָזע. דער-

פאר האט אים גלייכצייטיק פאררדראסן, וואס אט־די יידליקעס מיט זייער נעבעכדיקן אויסזען ווארפן אים אריין אין א וועלט פון פיינלעכע ספיקות און רויבן פון אים צו זיין זיכערקייט און רו... אין זיין אומרו איז ער אריינגעפאלן אין כעס, וועלכן ער האט אויסגעבראכן אויפן קאפ פון זיינע יידישע אונטערגעארדנטע. דערצו איז נאך צוגעקומען די שכרות פון מאכט, דער באוווסטזיין, אז ער, קאפעררניק, דער וואס האט ערשט נעבעכן געמוזט ציען דעם הוט פאר יעדן, אפילו פארן יידישן קרעמער — איז היינט דער באפעלער איבערן לעבן און טויט פון הונדערטער יידן, די וואס זענען נאך נעכטן געווען רייך און מעכטיק... ווי ער וואלט עס זיך אליין נישט צוגעגלייבט, אז דאס איז ווירקלעכקייט — איז ער יעדעס מאל צוגעגאנגען צו א צווייטן ייד, וועלכן ער האט געקענט פון פריער, זיך איינגעקוקט אין זיין פנים — אויב דאס איז דער זעלבער... און שפעטער, בכדי פאר זיך אליין צו זיין איבערגעצייגט, אז ער חלומט נישט, האט ער אויפגעהויבן דעם שטעקן און יענעם אראפגעלאזט איבערן קאפ... דער ברי אין דער אייגענער האנט, פונעם קלאפ, האט אים הנאה־דיק געוואַרעמט און אים צווויסן געטאן, אז ער, טאקע ער אליין, באזיצט די מאכט צו שלאגן די נעבעכיקע רייכע און אויסגעזעטיקטע מענטשן...

בלויז אמאל, ווען אן אויג פון א געשלאגענעם האט א גלאנץ געטאן און זיך איינגעגעסן אין אים מיט פאראכטונג, האט ער זיך געפילט שלעכט... ביז גארנישטיקייט.

זיין גאנצער געדאנק האט זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט דערויף, אז ער דארף, ער מוז שלאגן. דאס האט זיך אים שוין אפילו אויסגעוויזן ווי א נויטווענדיקייט פאר אים אליין, עס האט זיך אים שוין געבענקט צו פייניקן... טיילמאל האט אים אבער אנגענומען אן איבלדיקייט צו זיין גאנצן לעבן אט־אזא און ער פלעגט פילן א נויטווענדיקייט זיך אויס־צושעלטן מיט אלע אויסדריקן, וואס ער האט אין זיין שפראך פארמאגט אויפן חשבון פון דער צייט און דער וועלט... נישט אלץ האט ער אפט געקענט פארמולירן אין ווערטער, אדער אפילו איבערטראכטן אין גע־דאנק; איינס האט ער אבער געשפירט אויף קלאר, א געפיל וואס האט דערנרייכט טיפער פאר זיין געדאנק; אז מיט אים איז געשען א גרויסע

עולה, און אומרעכט דערמיט, וואָס ער מוז לעבן אין אַזאַ צייט, ווען ער מוז זיין דער שלענער, דער פייניקער... פאַרוואָס איז איז אויסגעקומען צו זיין דער מיטלעבער אין מאָדנע צייט־געשעעניש, אין וועלכע ער מוז אָנטייל נעמען, הגם ער קען עס נישט מיטמאַכן און נישט באַגרייפן אינ־גאַנצן...

זענען טאַקע געווען מאָמענטן, ווען קאַפּערניק האָט זיך געפילט שוואַך און שולדיק; שולדיק אין דעם וואָס ער דאַרף לעבן אין אַזעלכע צייטן, ווען עס פּאַסירן אַזוינע פּאַסירענישן... זיי לויפן שנעל, רייסן זיך הויך און שטורמיש — דאַן, ווען זיין געלאַסענער, קריכנדיקער מח, קען זיך מיט זיי נישט מיטכאַפּן... ער האָט בלויז געמוזט אַרויפקוקן צו זיי ווי אַ קינד, ווען זיין באַלאָן רייסט זיך אין דער הויך און ער קען צו אים מיט דער האַנט נישט דערגרייכן...

אין אַזעלכע מינוטן פלעגט קאַפּערניק שוואַך ווערן. ער האָט זיך דערפאַר געוואָלט אַליין שטאַרקן און איבערצייגן. ער האָט אוועקגענומען דעם ערשטן־בעסטן ייד פון אונטער דער האַנט און מיט אים אַ שמועס פאַרפירט. ער האָט זיך ביי אים אויסגעפרעגט אויף זיין פריערדיקן לעבנס־שטייגער, וועגן די פאַרשידענע יידישע מנהגים און געשעענישן.

דאָס האָט ער דערמיט זיך אַליין געוואָלט דערווייזן, אַז די יידן זע־נען מיט עפּעס אַנדערש, זענען ווערט דאָס, וואָס ער טוט מיט זיי... דער ייד מיט די גרויסע, הונגעריקע אויגן האָט אָבער דערציילט מיט אַזעלכע שטילע רייד וועגן זיך, וועגן דעם ווי אַזוי מ׳האָט אים צוגענומען זיין פרוי, ווי אַזוי מ׳האָט זיין קינד דערשאָסן אין ווינקל... אַז קאַפּערניקן איז נאָך טרויעריקער געוואָרן אויפן האַרץ.... אין אַזעלכע מינוטן האָט ער געכאַפּט זיין פּעקל מיט ברויט, וואָס ער האָט זיך מיטגענומען צום מי־טאָג־עסן און עס צוגעשליידערט דעם ייד צופוסנס... און ער אַליין האָט זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצן טאָג אַ הונגעריקער און טרויעריקער... די יידן האָבן דערשפּירט, אַז קאַפּערניק לאָזט צו זיך אַמאָל אַרויסרעדן אַ וואָרט און זיי האָבן גענומען זוכן געלעגנהייטן מיט אים וואָס מער צו רעדן, זיך צו קלאָגן פאַר אים און אַמאָל אויך אויסצובעטן אַ שטיקל ברויט... ער האָט אַמאָל אויסגעהערט דעם ייד מיט אַ רואיק געמיט, אים איבערפרעגן

פארשידנס... און אין מיטן די רייד אים טאָן א זעץ מיט די פויסטן אין די ציין אריין און זיך צעלאָזן מיט קללות אויף די יידן, דער וועלט ביז אין אלע דורות אריין...

# IV

דערפאר איז שוין זיין שותף, גיידא, געווען אינגאנצן אן אנדערער טיפ. דאָס איז געווען א קליינער, פעסט-געבויטער גוי מיט ראפינירט-מייזישע אייגעלעך און א מאָנגאָליש פנים.

באלד ביים אנהייב קריג האָט גיידא פארוואָרפן זיין ארבעט און זיך גענומען צום שמוגל. אנגעטאָן אין א קורץ פעלצל, אין יידישע שטיוועלעך, איז ער ווי א פלינק שדל געפאָרן פון איין שטאָט אין דער צווייטער און אריבערגעפירט פארשידענע סחורות.

צוערשט האָט ער אנגעהויבן מיטן שמוגל פון בראָנפן, וועלכן ער האָט באוויזן שטענדיק קונציק צו פארשטעקן אין וואגאָן; שפעטער האָט ער גענומען האנדלען מיט גאָלד-שטיקלעך, וועלכע ער האָט געברענגט פון ווארשע. ווען דער געטאָ אין ווארשע איז געשאָפן געוואָרן, איז גיידא געווען פון די ערשטע וואָס זענען אהין געפאָרן, דערשמעקנדיק דאָרטן א גוטן מסחר... ער האָט אהין אוועקגעפירט פארשידענע שפייזן און אנדערע קלייניקייטן, וואָס זענען נויטיק געווען אין געטאָ. ער האָט שוין געהאט זיינע קונציקע מיטלען, ווי אזוי זיך אריינצובאקומען, אויפקויפן דאָרט ביי די הונגעריקע זייער גאָלד, בראָשן און בריליאנטלעך און זיי ברענגען אין ראדעמער געגנט. פון די יידן טאקע האָט ער זיך אויסגעלערנט, ווי אזוי מ'נייט אריין א פינף הונדערטער דאָלאר-באנקנאָט אונטערן קראגן און ווי אזוי מען „ארבעט אדיין" א צען-גאָלד-שטיקלעך אין ביידע שטיוול-קנאפל, אז די דייטשן זאָלן זיך שטעלן אויפן קאָפּ און נישט געפינען... גיידא האָט זיך שנעל אויסגעלערנט אביסל יידישע און דייטשע ווערטער און בכלל אלע ממזרישע שטיק, וואָס זענען נויטיק פאר א שמוגלער...

ער האָט זיך אנגעהויבן אינטערעסירן מיט פאָליטיק, געקויפט יעדן

טאָג אַ צייטונג און פאַרשטאַנען דערפון געשעפטן צו מאַכן... יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען קיין ווארשע, האָט ער, צוזאַמען מיט דער סחורה, אויך איינגעקויפט אַ פּאָר אונטערערדישע בלעטלעך, וואָס האָבן דער־ציילט וועגן די גרויסע מפּלות, וואָס די דייטשן האָבן געליטן... ער האָט די בלעטלעך זאָרגפעלטיק אריינגעארבעט אין זיין וואַליזקעלע אריין און נעציטערט דעריבער ווי איבער אַ ברילאַנט. אויך דאָס איז ביי גיידאַן געווען אַ טייל פון געשעפט. ווען ער פלעגט צוריקקומען, האָבן שוין זיינע חברים און גוטע ברידער אויף אים געוואַרט, געוואָלט הערן וואָס עס קומט פאַר נייעס אויף דער וועלט — קומט ער דאָך פון ווארשע! און מ'זאָגט, אַז דאָרט ווייסן זיי אַ סך...

גיידאַ פלעגט זיך דערביי סודותפול צעשמייכלען און גאַרנישט ענט־פערן. בלויז פאַר געציילטע און פאַרטרוילעכע פלעגט ער אַ פאַרזשמורע טאָן זיינע בינעזישע אייגעלעך און אַ פליסטער טאָן:

— אין ווארשע בין איך געווען ביי „זיי"...

זיי — דאָס האָט געמיינט צו זאָגן: די מענטשן פון דער אונטער־ערד, וואָס ווייסן אַלץ און הערן אַלץ... און ער פלעגט נעמען דערציילן מעשיות, וואָס ער האָט זיך אַלץ אָנגעהערט; ווי אַזוי עס זעט אויס אויפן פראָנט, וואָס „חורחיל" האָט געזאָגט און וואָס „ראָאָזעוועלט" פלאַנעוועט אַלץ...

ביסלעכווייז האָט גיידאַ אָנגעהויבן אריינקומען צו נעכטיקע פּוי־לישע אריסטאָקראַטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די דערפער, מען זאָל זיי ווינציקער אָנזען... זיי האָבן געלעבט פון די פּעק אָנגעזאַמלטע געלטער און געציטערט די נאָז ארויסצושטעקן... ביי זיי איז גיידאַ געווען אַן אָנ־געלייגטער גאַסט, אַ העלד אַ גאַנצער! די מאַדאַם פון הויז האָט זיך נישט געקענט אָפּוונדערן ווי אַזוי אַ פּאַליאַק, היינטיקע צייטן, קען דאָס באַוויזן צו פאָרן קיין ווארשע, קיין לאָדזש און נאָך צוריקקומען... מיט טרויער האָט זי געקוקט אויף איר איינגעשוויגענעם מאַן, וואָס שוין חדשים האָט ער מורא אריבערצוגיין אַ שטיקל וועגס פון אַ פּאָר הונדערט מע־טער אויף דער צווייטער זייט דאָרף...

גיידאַ האָט געקענט דערציילן. אָנגעהויבן האָט ער שטענדיק מיט אַ

הקדמה ווי אזוי עס זעט היינט אויס א רייזע אויף דער באן. ווי אזוי די דייטשן שלאגן און ממיתן, שלעפן אראפ פון די צוגן און פארשיקן — וויסט זיי דער טייוול וווהין... שפעטער זענען געקומען א גאנצע סעריע נסים, ווי אזוי ער האט באוויזן דאס אלצדינג אויסצומיידן...

און ווען די שטוביקע זענען שוין געווען אין טיפער שפאנונג און אנגעשראקן, האט ער זיי ערשט גענומען דערציילן מיט א גערעמפטער שטים די נייעסטע נייעס, וואס ער האט געהערט אויף אן ארט (דא האט ער געהיימנישפול א שמייכל געטאן...), אויף וועלכן מ׳קען זיך פאר־לאזן... מיט א מעסערל האט ער דערביי א שניט געטאן אין זיין לעדער־טאש, ארויסגעצויגן א קליין בלעטל מיט מאשין־שריפט, אוועקגערופן דעם באלעבאס מיט א שעפטש אין דער זייט:

— נאט און לייענט!...

שפעטער, אין א פאר מינוט ארום, האבן שוין אלע ביים טיש גע־ווסט, אז עס האלט שמאל מיטן דייטש... און אז דאס גאנצע געלט, וואס ער האט דא אפגעדרוקט, וועט באלד ווערן ווערטלאז פאפיר... גיידא האט דערציילט, מיט וואס פאר אן אייפער מענטשן „אין ווארשע" קויפן אויף יעדעס גאלד־שטיקל און בריליאנטל... דאס פוילישע געלט וועט מען שוין באלד אין האנט אריין נישט נעמען — — —

אין שטוב פלעגט ווערן א פארכמורעטע שטימונג. די קליינע פעקע־לעך באנקנאטן, וועלכע מען האט זיך צוגעגרייט, בכדי צו קענען לעבן רואיק און פרידלעך ביז דער ענדע פון קריג, האבן גענומען באאומרו־איקן...

...האט גיידא צוגעזאגט זיך צו באמיען און איינקויפן ספעציעל פאר זיי א פאר בריליאנטלעך, אויפן ערגסטן פאל... כאטש... ס׳איז אזוי טייער! אזוי טייער!... און בלויז אידיאטן אדער הונגעריקע פארקויפן נאך היינט אזעלכעס...

א פריילעכער און אויפגעהייטערטער — איז אים שנעל געלונגען מיט יעדן גוט-ברודער צו ווערן און געווינען צוטרוי. ער איז ארומגע־פארן, אדער בעסער געזאגט, זיך ארייגעשלייכט פון איין דארף צום צווייטן, מ׳זאל אים נישט אנזען... אומעטום האט ער געהאט עפעס א

מסחרל און פאר יעדן איינעם האט ער עפעס אנדערש דערליידיקט... אין אלע זייטן האט מען אים געגומען אויסקוקן און ער אליין האט אין זיך דערשפירט די חשיבות פון א וויכטיקער פערזאן, וואס מען האט ערשט אזוי שפעט אנטדעקט.

V

ווען ס'האט זיך געמאכט אומרואיק און אלע פאליאקן האבן געמוזט האבן אן ארבעטס־קארטע, האט גיידא זיך פארשריבן אויפן ווערק צע. אויך דא האט ער געהאט פארשידענע קאנטשאפט און ער איז באלד גע־ווארן אויפזעער איבער דער זעלבער גרופע יידן, וואס קאפערניק. זיין פינדיקער קאפ האט אויך דא באלד דערשמעקט א גאנצע ריי לייכטע „פארדינסטלעך". שוין דעם ערשטן טאג פון זיין קומען האט ער פון זיין ברייטער שטיוול־כאלעווע ארויסגעצויגן א פלעשל „ריינע" און געטרונ־קען מיט די ווערקשוצן אויף ברודערשאפט. ער האט זיך באלד דער־וווסט, ווער עס האט אנגערויבטע וואלוטע, ווערטזאכן און — אויב ער נייטיקט זיך אין פארקויפן זיי. כמעט יעדער ווערקשוץ האט זיך בא־טייליקט אין רעווידירן די יידן און כמעט יעדן איז געלונגען עפעס צו געפינען...

דערנאך איז געקומען אין אויסזיכט נאך א פארדינסטל. ער, גיידא, האט פארשטאנען, אז יידן וויפל מען זאל זיי נישט אדורכרעווידירן און אדורכטרייסלען, וועט נאך אלץ ביי זיי עפעס בלייבן... מ'מוז זיי דער־פאר דריקן, ענג מאכן זיי די לופט, אזוי אז זיי זאלן זיך דארפן אפקויפן, אוועקגעבן פון זיך דאס לעצטע... ער האט געלאכט פון די ווערקשוץ, וואס האבן כסדר געניטשטערט אין די יידנס קעשענעס:

— נאראנים! צוליב וואס זיך מאטערן און ברויען זיך אין די יידנס פארלייזיקטע טאשן? וויסן זיי דען נישט, אז וויפל זיי זאלן נישט זוכן — איז דער ייד קליגער פאר זיי און קען נאך מער זיך באווארענען!? ער, זאגט ער, וואלט נישט געזוכט... דאס וועט שוין קומען פון זיך אליין... זיי וואלטן עס שוין געברענגט צו דער האנט, די הירנזין...

ער האט איבערהויפט נישט געהאט קיין ספעציעלע שנאה צו יידן.

אים האט נאר אינטערעסירט דאס „געשעפט"; ער האט געזען ווי אנ־דערע מאכן עס אומגעלומפערט און זיין פינדיקער קאפ האט געזוכט מיט־לען, ווי אזוי עס צו מאכן לייכטער, באקוועמער און פראפיטרייכער...

די ארבעט האט ער באשטימט אין נארמען. יעדער איינער האט געמוזט מאכן א שטיק ארבעט, וואס האט ווייט אריבערגעשטיגן זיינע כוחות. בכדי צו קענען זיך אויסקויפן פון א שווערער שטראף, ביים נישט מאכן די גאנצע ארבעט, האט מען גיידאן געמוזט געבן „טרינק־געלט"... עס איז אים דערפאר ווייניק אנגעגאנגען, פון וואנעט יענער נעמט דאס געלט... מיט דער צייט האט די פאבריק געמוזט האבן מער ארבעטער און די וואלד־קאמאנדא האט געדארפט רעדוצירט ווערן — האט אויך דא גיידא געפונען א קוואל פון הכנסה; ער האט זיך שוין איינגעשאפט זיינע מעקלערס און גענומען אויסקויף־געלט ביי די, וואס האבן נישט געוואלט גיין ארבעטן אין דער שטיקנדיקער לופט פון די פאבריקס-האלעס... די זעלבע מעקלערס האבן אים אויך צוגעשאנצט אזעלכע, וואס האבן געארבעט אין דער פאבריק און זיך געוואלט ארויס־באקומען צו ארבעטן אויף דער פרייער לופט. פאר א געוויסן אפצאל האט שוין גיידא דערליידיקט, זיי זאלן ארויס; ער האט דערפאר צוגע־שטעלט אויף זייער ארט אנדערע פון זיין גרופע, וואס האבן שוין גאר־נישט געהאט צו געבן...

ווען ער האט איינמאל דערזען זיין שותף, קאפערניק, אוועקגעבן א שטיקל ברויט א ייד, האט ער זיך צעלאכט:

— דו ביסט א נאר, קאפערניק! היינט איז מלחמה. דאס איז די איינציקע צייט, ווען דו קענסט שנעל רייך ווערן. זע ווי אזוי די מענטשן פון שטאט האבן אויסגענוצט די סיטואציע! זיי האבן אפגעווארט דעם מאמענט, ווען מען האט די יידן ארויסגעשיקט און זיי האבן באלד גע־ירשנט זייער געלד און זייערע הייזער... די מלחמה וועט זיך ענדיקן. דער דייטש וועט אוועק, די יידן אבער וועלן מער נישט זיין; ווער עס וועט האבן פארכאפט — ביי דעם וועט עס בלייבן. מיר האבן אזא געלעגנהייט נישט געהאט; דערפאר האבן מיר איצט אן אנדערע... דאס קאפיטל האט זיך איבערגעמישט: פריער האבן די יידן אלץ געהאט אין די הענט און

זיי האָבן ביי אונדז פאַרדינט, וויפל זיי האָבן געוואָלט. איצט האָבן מיר אין די הענט די מאַכט איבער זיי און מיר מוזן דאָס פאַרקויפן צו טייערע פרייזן... מיר האָבן די מעגלעכקייט צו באַקומען ברויט אין שטאָט און זיי — גישט. מיר קענען עסן צו דער זעט און זיי זענען הונגעריק... מוזן מיר קענען אָט־די מעגלעכקייט אונדזערע אָפּשאַצן און וויסן וויפל צו נעמען דערפאַר. מיר האָבן דאָס רעכט זיי צו שלאָגן און פייניקן און זיי — אז מ׳פייניקט טוט עס זיי וויי. זיי ווילן נישט ווערן געשלאָגן... אויך דאָס דאַרפן מיר קענען אָפּשאַצן און פאַר יעדער מינוט פון אונדזער דער־וואַרבענער רעכט דאַרפן מיר זיך הייסן באַצאָלן...

יעדער איינער פאַרקויפט אין קריג, פאַר טייער געלט, דאָס וואָס ער פאַרמאָגט. ד אָ ס האָבן מיר און פון דעם מוזן מיר קענען מאַכן געלט אויף שפּעטערע צייטן, ווען עס וועט אונדז מער גאָרנישט בלייבן נאָר די צען פינגער צו דער אַרבעט...

דאָס וואָס דו ווערסט אַ בעל־רחמים אויף די עלטערע יאָרן, וועט דיר קיין סך גוטס נישט ברענגען. אַ דייטש דאַרף עס בלויז דער־זען און ווערסט זען, וואָס דו וועסט דערפאַר באַקומען... איבעריקנס דאַרפסטו נישט זיין מער צדיק פאַר גאָט אַליין. אָט זעסטו ווי ער אַליין האָט נישט אויף זיי קיין רחמנות... גאָט אַליין האָט זיי פיינט און לאָזט זיי אוים־ראָטן ווי די קרעציקע הינט; די גאַנצע וועלט וואַרפט זיי צו קלעפּ פון אַלע זייטן — וואָסזשע, ווילסטו איינהאַלטן דעם שטראָם? און דו מיינסט, אז ווען דו גיסט איינעם אַ שטיקל ברויט — בלייבט ער שוין לעבן? מאָרגן וועט ער סיי־ווי געטויט ווערן און אויב דו וועסט נישט ביי אים היינט נעמען זיין שטיקל גאָלד פאַרן ברויט — וועט עס מאָרגן ביי אים נעמען אַ צווייטער און דו וועסט גאָרנישט האָבן... דו מוזט דערפאַר קודם זיך אַליין באַזאָרגן... און נאָך עפּעס:

דו טאָרסט זיי נישט ווייזן דעם ערשטן פונק פון דיין שוואַכקייט. ווען זיי וועלן זען, ווי דו שענקסט עפּעס היינט איינעם — וועסטו מאָרגן האָבן צען אַנדערע. זיי וועלן מער נישט פאַרשטיין, אז דו דאַרפסט נע־מען געלט. זיי וועלן זען, אז דו ביסט אַ מענטש מיט אַ ווייך האַרץ און דערפאַר זיך מיט דיר דינגען, ביי וועלכער פרייז דו זאָלסט זיי נישט אָנ־

ביטן, דיר רעדן פון יושר... אַנדערש איז אָבער, ווען דו וועסט זיי באַהאַנדלען שלעכט, זיי שלאָגן און אונטערטרייבן... זיי וועלן דאַנקען גאָט, אויב דו וועסט זיי ברענגען אַ ברויט פאַרן טייערסטן פּרייז; זיי וועלן זיין גליקלעך, אויב דו וועסט אַ רגע בלויז אויף זיי קוקן מיט ווייניקער צאָרן און וועסט צו זיי אַרויסרעדן אַ וואָרט...

...זינט דאַן זענען זיי ביידע געוואָרן שותפים...

## VI

דער הויפּט-אויפזעער פון דער וואַלד-קאָמאַנדאָ איז געווען אַ יונגער פאָלקס-דייטש מיטן נאָמען קאַטלענגאַ. דאָס איז געווען אַ יונגער שייגעץ, פון פּויזנער געגנט, אין די צוואַנציקער, מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר און אַ מילד, גוט פּנים. עס איז אָבער גענוג געווען, אַז די ייִדן זאָלן אים דערזען פונדערווייטנס און אַ שוידער זאָל זיי אַרומנעמען. מיט זיין פּערזאָן איז געווען פאַרבונדן די געשיכטע פון הונדערטער ייִדנס גרויזאַמער טויט.

ווען מען האָט זיך גענומען צוגרייטן אויפצושטעלן פרישע באַראַקן, האָט ער איבערגענומען די קאָמענדע. ער איז שוין געווען צוריקגעהאַלטענער און רואיקער. אַמאָל בלויז האָט אים אַ כאַפּ געטאָן די רציחה און דאַן האָט ער געהרגעט, ווען מען ס'איז אים נאָר אונטער דער האַנט געקומען.

זיין הויפּט-געהילף פון די ייִדן איז געווען פּאַנטשל, אַ דיקער געזונטער בחור. ער איז געווען דער, וואָס האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז קאַטלענגאַ זאָל יעדן טאָג האָבן זיין שנעפּסל מיט פאַרבייסן און דערפאַר אַביסל פאַרגעסן זיינע ייִדן. ער איז עס אויך געווען דער פאַרבינדונגס-מאַן צווישן קאַפּערניקן, גיידאַן און די ייִדישע אַרבעטער.

פּאַנטשל אַליין האָט נישט געאַרבעט, ער האָט נאָך געהאַט אַנדערע צוויי פּאָר זיינע געהילפן; ער אַליין איז שטענדיק געזעסן מיט די קריסטלעכע אויפזעער, געשכורט מיט זיי און דערציילט זיך וויצן. זיי האָבן פון אים שטאַרק געהאַלטן און ער איז מיט אַלעמען געווען היימיש.

ביי זיך אינדערהיים האָט פאַנטשל געהאַנדלט מיט עפּל און באַקאַנט געווען מיט אַלע ארומיקע פּויערים פון זיין געגנט; טאַקע דערפאַר האָט ער געהאַט צעוואָרפן אביסל געלט ביי פאַרשידענע קריסטן. ווען דער הונגער האָט די ערשטע צייטן גענומען מאַטערן, האָט פאַנטשל זיך פאַר־טרויט פאַר גיידאן, ביי וועמען ער האָט נאָך אביסל געלט און אַז גע־וויסע ווערט־זאַכן האָט ער ערגעצוו באַגראָבן...

גראָד איז עס נישט ווייט פון סקאַרזשיסקאָ... אויב גיידא וויל, קען עס זיין אַן עסק פאַר ביידע... און אויב ער וויל, קען ער אים געבן אַ בריוול און ער זאָל זיך צוכאַפּן אין אַ פאַרנאַכט אויף אַ ראָווער; וועט ער אים ברענגען געלט — וועלן זיי זיך טיילן!... גיידא האָט זיך אין דעם אָנגע־כאַפּט. זיין חוש פאַר געשעפט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דאָס מאָל דאַרף ער זיין ערלעך און שוין אויפן צווייטן טאָג האָט יענער געהאַט אַ ביסל געלט. פון דאַן אָן איז אַוועק אַ גאַנג. פאַנטשל מיט זיינע געהילפן האָבן זיך אויסגעפּרעגט, ווער עס דאַרף געלט — קענען זיי אים דער־לייזן... עס האָט זיך געמאָלדן דער ערשטער, וואָס האָט ריזיקירט און אָנגעגעבן אַן אדרעס... אין אַ פּאָר טעג ארום האָט ער פון פאַנטשלען באַקומען געלט; האָבן זיך נאָך אים גענומען מעלדן צענדליקער אַנדערע. יעדער פון זיי האָט ערגעצוו געהאַט פאַרשטעקט עפּעס ווערטפולס און אַלע האָבן געוווסט, אַז אויב זיי וועלן נישט האָבן קיין געלט — וועלן זיי שנעל אויסשטאַרבן אָדער דערשאָסן ווערן...

איז אַזוי אַוועק אַ געהיימער קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט.

ביסלעכווייז האָבן די דריי הויפּט־אויפזעער פאַרגעסן אין זייער חוב צו שלאָגן; זיי האָבן זיך בעסער אריינגעלאָזט אינעם האַזארד פון פאַר־דינען גראָבע סומעס פון די יידישע געלטער. נאָך יעדן דערלייזיקטן גע־שעפט האָבן זיי זיך פאַרנאַכט צוזאַמענגענומען אין אַן אָפּגעלעגענעם באַראַק און צוזאַמען מיט די יידישע פאָראַרבעטער און מעקלער זיך איינ־געאָרדנט שכורע סעודהלעך און שמחהלעך. עפ״י רוב האָבן זיי עס גע־מאַכט, ווען די טאָג־שיכט איז אַוועק צו דער אַרבעט און די נאַכט־שיכט איז נאָך נישט צוריקגעקומען. די באַראַקן זענען דאַן געווען פּוסט און

מ'האט געקענט טאָן, וואָס מען האָט געוואָלט. גיידא, קאָפּערניק און קאָט־לעננא האָבן געברענגט פון שטאָט וווּרשט, שנאַפּס און שאָקאָלאַד און דערווייל אָפּגעלאָזט די פליגל פון דער אַרבעט ביי זייער קאָמאַנדאָ, וואָס האָט שוין איצט גערופן זיך „באַאו".

מיט דער צייט האָבן זיי אָנגעהויבן אַראָפּשלינגען די געלטער. איי־נעם האָט מען געזאָגט, אַז זיין געלט איז צוגענומען געוואָרן ביי אַ רע־וויזיע אויפן צוג און אַ צווייטן האָט מען עס גלאַט נישט געמאָלדן. יע־דער האָט אָבער מורא געהאַט אַ הויך וואָרט צו זאָגן, נישט וועלנדיק פאַרלירן דאָס ביסל פרישע לופט צו אָטעמען. דערפאַר אָבער איז דער רעזשים געוואָרן לייכטער.

ס'איז געווען אָנהייב זומער. אין די פאַבריק־האַלעס האָט מען זיך דערשטיקט פון היץ און שטויב; דערפאַר אָבער האָט גיידא אַוועקגעפירט זיין גרופּע טיף אין וואַלד אַריין, וווּ קיין ווערקשוץ קומט נישט צו... שטענדיק האָט ער שוין אויסגעפונען אַן אַרבעט פון שניידן ביימער, אוי־בערפירן קלעצער און ענלעכע אַרבעטן. דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט שפּילן אין קאָרטן מיט זיינע שותפים, פאַרגעסנדיק אין אַלעם. אַ פאַר־אַרבעטער איז דערביי געשטאַנען אויף דער וואַך, אויב עמעצער קומט נישט אָן פון דער זייט... דער עולם האָט זיך דערביי אויסגעצויגן אויפן יונגן גראָז און אַריינגעזונקען אין אַ מחיהדיקן דרימל... און ווען דער הונגער האָט שטאַרק געפּייניקט, האָט מען אַריינגענומען אַ בינטל יונגע גרעזלעך און לאַנג־לאַנג געזויגט מיט הנאה דעם ביטערן זאַפט...

האָט מען דערפאַר מקנא געווען די מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט אין דער בוי־גרופּע. אַז זיי האָבן אויפּזעער, וועלכע ס'איז שוין געלונגען „אָפּצוסמען" און אַז זיי האָבן נאָך געקענט באַרירן מיט אַ פינגער גאָטס זומערדיקע וועלט...

דערפאַר אָבער האָבן זיך די באַראַקן נישט אויפגעשטעלט. עס זע־נען געלעגן אָנגעוואָרפן בערג מיט זייטן־טיילן, דעכער און קלעצער, אָבער די מענטשן זענען אייגנעפּרעסט געווען, ווי פריער, אין די ענגע שטייגן. די דייטשן האָבן זייערס געטאָן און צוגעשטעלט די מאַטעריאַלן. ווייטער איז זיי נישט אָנגעגאַנגען, אַזוי ווי זיי וואָלטן אינגאַנצן פאַרגעסן אין דעם.

דער איינציקער פּאַראַנטוואָרטלעכער דערפאַר איז געווען קאָטלענגאַ און פון זיינעטוועגן האָט דער גאַנצער לאַגער געמעגט ליגן אויף דער גאָס.

## קאַפּיטל אַכט

### I

יעדעס מאָל פלעגן ברענגען אַ פרישע גרופע יידן אין לאַגער אריין איז ביי דער קאָמענדע געווען אַן אומרואיקע שטימונג. די פריערדיקע טראַנספּאָרטן האָבן זיך מער-ווייניקער איינגעאָרדנט אָדער אויסגע־שטאָרבן. און די קאָמענדע האָט געדאַרפט האָבן געלט, וואָס מער געלט...

אַז מען האָט געברענגט אַ פרישע פּאַרטיע, האָבן זיך צווישן זיי שטענדיק געפונען אַזעלכע וואָס האָבן מיטגעברענגט געלט און געוואָלט דערפאַר באַקומען בעסערע אַרבעט. אַנדערע האָבן עפּעס געהאַט צו פאַר־קויפן און נישט אין יעדן זיך געוואָלט אָנפאַרטרויען; האָט די קאָמענ־דאַנטור דערביי געמאַכט די בעסטע געשעפטן. עס זענען געווען ספּעציע־לע מענטשן וואָס האָבן זיך שטילערהייט נאָכגעפרעגט אויף יעדן און דערנאָך עס איבערגעגעבן ווייטער, מ'זאָל וויסן ווי אַזוי מיט יעדן איי־נעם זיך נוהג צו זיין. יעדער פּאָליציאַנט האָט זיך שוין געהאַט זיינע גע־שעפטלעך, אָבער די הויפּט-געניסערין פון די טראַנספּאָרטן איז געווען די קאָמענדאַנטין מיט איר משפּחה. זי האָט דורך אירע אַגענטן אין לאַ־גער אויפגעקויפט אַלע בריליאַנטן און גאָלד-שטיקלעך וואָס זענען געווען צו באַקומען אין לאַגער. אַ דאַנק אירע ענגע באַציאונגען מיט פאַרשי־דענע חשובע מייסטערס האָט זי געוווסט, ווער פון זיי עס זוכט עפּעס צו קויפן און זיי פאַרקויפט מיט גרויסע ריווחים. גאַנץ באַזונדער איז פון יעדער פרישער גרופע צוגעקומען גרויסע סומעס געלט פאַר געבן פאַר־שידענע פּריווילעגיעס. פלעגט די קאָמענדאַנטין נאָך מיט וואָכן פריער דערשנאַפּן, ווען עס דאַרפן קומען פרישע מענטשן.

ווען מען האָט דערהערט, אַז מען גייט ברענגען אַ טראַנספּאָרט פון מאַידאַנעק, איז אַלעמען באַפאַלן אַן אומרו. דאָרט דאַרף זיך געפינען גרויסע אוצרות און מסתמא וועלן די מענטשן נישט קומען מיט קיין ליידיקע הענט... ווי גרויס איז אָבער געווען זייער אַנטוישונג. ווען מ'האָט

זיי אַריינגעפירט באַרוויסע... און אַלע מיטן זעלבן: דאָרט האָט מען זיי אויסגעטאָן נאַקעט... זיי האָבן גאָרנישט... זענען אַלע אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע נעז. אייזנבערג, דער קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי, האָט געקריצט מיט די ציין: דאָס זענען שוין איינמאָל פייגל! זיי האָבן זיכער גענוג מיטגעברענגט... נאָר מיט קאַעלניקעס איז זיך נישט צו שפּילן! זיי האָבן שוין גענוג מיטגעמאַכט און זיי ווייסן ווי אַזוי זיך אויס־צוהיטן פאַר יעדן... די פּאָליציי האָט דערפאַר באַקומען אינסטרוקציעס: האַלטן זיי שטרענג! וואָס מער פאַרציען אַרום זיי דעם שטריק! זאָלן זיי וויסן וואָס ווערק צע באַדייט...

די אַנטוישונג האָט זיך איבערגעגאָסן אויף אַ כעס. מיט אַלע מיטלען האָט מען זיך באַמיט, אַז די קאַעלניקעס זאָלן באַקומען די שווערסטע און געפערלעכסטע אַרבעטן. פון די האַלעס האָט מען אַרויסגעצויגן וואָס מער מענטשן און אויף זייער אָרט אַריינגעפּאַקט די פרישע; ביים אויס־טיילן דאָס עסן האָט מען אַכטונג געגעבן, די קאַעלניקעס זאָלן זיין די לעצטע און זיי זאָלן באַקומען ווינציקער ווי אַנדערע און ביי יעדער גע־לעגנהייט זאָל מען זיי שלאָגן, וויפל עס לאָזט זיך... פון זיי, האָבן די פּאָליציי געוווסט, וועט מען סיי־ווי גאָרנישט האָבן; איז דערפאַר נישטאָ מיט זיי זיך וואָס אַרומצושפּילן. פונעם ערשטן טאָג אָן איז דאָס וואָרט קאַעלניק געוואָרן אַ זידל־וואָרט, אַ באַצייכענונג פון מענטשן, וואָס זענען אַפילו אין לאַגער אויף דער לעצטער מדרגה...

עס האָט אָבער טייל פרישע אָפּגעגליקט און זיי זענען דורך ראַסטן אויסגעקליבן געוואָרן צו לייכטערע אַרבעטן און די קאָמענדע האָט געזוכט פאַרשידענע מיטלען זיי פון דאָרט אַרויסצושטויסן. די פרישע האָבן עס געפילט און שוין די ערשטע טעג געזען, אַז זיי ווערן אַרומגערינגלט פון אַ שנאה־מויער אויך פון יידישן צד אין לאַגער... דאָס האָט זיי באַלד אין די ערשטע טעג אַריינגעברענגט אין אַ פאַרצווייפלונג. איין עצה איז בלויז געווען: צו אַרבעטן אַזוי, אַז די מייסטערס זאָל עס ווויילגעפעלן און דערמיט באַטש פון איין זייט זיין געשיצט... מען האָט אויפגעשטעלט אַ פרישן צענדליק פּאָליציי, וואָס זאָלן זיי באַוואַכן דעם מינדסטן טריט און נישט דערלאָזן, זיי זאָלן זיך אַדורכשלאָגן אַ וועג. אַ קאַעלניק האָט זיך

נישט געקענט דערלאַנגען צום איינציקן פריזירער אין לאַגער, נישט צו־געלאָזט געוואָרן צום איינציקן וואַסער־קראַן און נישט געטאָרט איבער־פרעגן אַ וואָרט... און אויך ביי די מענטשן פון פריער האָט זיך די גאַנצע צייט אָנגעקליבן אין די הערצער אַ בייזקייט, וואָס האָט בלויז געוואַרט אויף וועמען זיך אָראָפּצולאָזן. זענען געקומען די נייע און ס'איז געווען וועמען צו האַסן, אויף וועמען צו האָבן אַ כעס און איבער וועמען זיך צו פילן דערהויבענער און מיוחסדיקער. זענען שוין געווען פאַרטיקע צונג־מענישן און אויסריידן:

— די קאַעלניקעס זענען גנבים!

— די קאַעלניקעס זענען מוסרים!

— זיי וועלן די דייטשן דאָ צערייצן...

— מ'איז ביי זיי מיטן לעבן נישט זיכער... ווען איינער פון זיי פאַלט אַריין אין כעס — קען ער אַלעמען אויסשעכטן...

— זיי האָט מען נאָך פריער איינגעזעצט פאַר פאַרשידענע מערדע־רייען...

די פּאָליציי מיט דער קאָמענדע האָבן די ערשטע אַרויסגעלאָזט די קלאַנגען, שפּעטער האָבן די מענטשן זיי אויפגעכאַפּט, צוגעפּוצט אַביסל מיט דער פאַנטאַזיע און ווייטער געלאָזט אין גאַנג אַזוי, אַז דערנאָך האָבן די קאָמענדאַנטן אַליין זייער אויסקלערעניש נישט דערקענט... ביז זיי האָבן אַליין אָנגעהויבן גלייבן דערין...

יעדער איינער האָט באַלד אויפן צווייטן טאָג געוווּסט, אַז די מענ־טשן פון קאַעל האָבן שוין פריער חרוב געמאַכט אַ וועלט און אַז דער מינדסטער פון זיי איז אַ רוצח... פאַראַן גענויע ידיעות וועגן דעם...

און ווען מ'האָט אויפן צווייטן טאָג געפונען עטלעכע דערשאָסענע און זיך דערוווּסט, אַז דאָס זענען פון די פרישע, האָט עס אויף קיינעם נישט געמאַכט קיין איינדרוק... און אַז אויבן וועג האָט אַ פּאָליציאַנט צעשלאָגן אַ פרישן ביז בלוט, האָט איינער דעם צווייטן באַרויקט:

— ס'איז גאָרנישט... ער שלאָגט אַ קאַעלניק!

— דער דערשאָסענער איז אַ קאַעלניק...

און דאָס איז געווען גענוג, דאָס לעצטע ברעקל מיטלייד זאָל זיך אויסלעשן...

און נאָך לאַנגע וואָכן נאָך דעם אָנקומען פון דער גרופּע האָבן פּאָליציאַנטן געמאָלדן דעם קאָמענדאַנט די פּאַסירענישן פון טאָג:

— היינט זענען דערשאָסן געוואָרן 3 מענטשן און 2 קאַעלני־קעס — — — —

## II

מעכעלעס צוויי חברים האָט עס אָפּגעגליקט. ביידע האָבן זיך גע־האַלטן צוזאַמען און אויסגעקליבן געוואָרן צו גיידאָס גרופּע. ווען זיי האָבן זיך אומגעקוקט, האָבן זיי מעכעלען נישט געזען. נאָך איידער זיי האָבן זיך ארומגעזען, האָט מען זיי אַוועקגעפירט אין וועלדל אריין, ווו מען האָט זיי געגעבן צו טראָגן ברעטער. ביי מיטאָג־צייט האָט אברהם־איסר אויסגעזוכט ערגעץ אַ גרויסע בלעך, זי איינגעדרייט און געמאַכט פון איר אַזאַ מין טאָפּ און ווען די אויפזעער האָבן זיך געזעצט שפּילן אין קאָרטן, האָט ער אָנגעקליבן אַ פולן טאָפּ מיט גראָז. זיין קוזין, מענדל, איז אַוועק אין ווינקל, געמאַכט אַ שטיקל פייערל און צוגעשטעלט די גראָזן צום קאָכן. קיין וואַסער האָבן זיי נישט געהאַט; דערפאַר אָבער האָט דער אויסגערעכנטער אברהם־איסר באַהאַלטן זיין פּאָרציע זופּ און מיט איר באַגאָסן די גראָזן. אין הונגער האָבן זיי נישט געשפּירט די ביי־טערקייט. עס איז זיי ביידע פרייליך געוואָרן אויפן האַרץ:

— דאָ קען מען שוין פאַר קיין הונגער נישט שטאַרבן...

אברהם־איסר האָט שוין געהאַט אַ גאַנצן פּלאַן, ווי אַזוי צו באַקן קאָטלעטן פון געהאַקטע גראָזן און ווי אַזוי מיט אַ קליין שטיקל ברויט אָפּצוקאָכן אַ גרויסע זופּ... אַז האָלץ איז דאָ, האָט ער אויפגעקלערט מענדלען, און גרעזער זענען דאָ בשפע — קען מען שוין בדוחק איבער־האַלטן...

פאָרן צוריקגיין אין לאַגער האָט אברהם־איסר אָנגעקליבן נאָך אַביסל פאַר מעכעלען: — ער וועט אודאי זיין הונגעריק... האָט ער גע־

זאָגט — וועלן מיר אין לאַגער אָפּקאָכן אביסל ספּעציעל פאַר זיינעט־וועגן...

די בוי־גרופּע איז שטענדיק געקומען נאָך דער ארבעט די ערשטע אין לאַגער אריין. האָבן זיי טאקע געהאַט צייט אויסצוזוכן אביסל וואסער און אויפקאָכן א פול קעסעלע מיט גראָזענע זופּ. שפּעטער, ווען די גרופּן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען, זענען זיי ביידע ארומגעגאַנגען זוכן מע־כעלען פון באראַק צו באראַק; אברהם־איסר האָט געהאַלטן דאָס פולע קעסעלע, ווי א געצערטלט קינד... זיי האָבן אים אָבער אין ערגעץ נישט געטראָפן. נישט מעגלעך געווען זיך צו דערוויסן, וווּ ער ארבעט און ווו ער איז אין דער נעכטיקער בהלה פארשלעפּט געוואָרן צום שלאָפן... אָבער דאָס הארץ האָט זיי ביידע נישט געלאָזט אויסזופּן דאָס, וואָס זיי האָבן אָנגעגרייט פאַר מעכעלען... ווען ס'האָט אָנגעהויבן ווערן שפּעטלעך, האָבן זיי ביידע געמוזט לויפן פארכאַפּן א פּלאַץ צום שלאָפן. אויפן וועג האָט מענדל געזאָגט מיט באדויער:

— ער וועט אונדז שוין היינט נישט אויפזוכן... מעגלעך, אז ער איז גאָר אריינגעפאַלן צו א נאַכט־שיכט... ער האָט מיט צער געקוקט אויפן אָפּגעקאָכטן קעסעלע גראָז, וואָס איז שוין קאַלט געוואָרן... אָבער אברהם־איסר האָט זיך נישט געקענט פועלן ביי זיך אויסצוזופּן מעכעלעס חלק; האָט ער זיך דערמיט געשטויסן דורך די מענטשן, ארויפגעקראָכן דערמיט ביז צו זיין אויבערשטער פּריטשע און עס, פולערהייט אזוי, אויפגעהאָנגען ביי א דרעטל אויפן סופיט... איבער זיין קאָפּ... ער מיט מענדלען האָבן זיך אויפן בשותפותן געלעגער נישט געקענט זאַט אָנרעדן פון דער נייער דערפינדונג זיינער. מענדל האָט זיך געקאָכט ווי זיין שטייגער, פול מיט התפעלות:

— דו ווייסט, הייסערהייט איז עס טעם גן־עדן! צום שטיקל ברויט מיט דער זופּ וואָס מיר וועלן קריגן, אז מיר וועלן צוויי מאָל אין טאָג זיך צוקאָכן אזא ביסל — האָב איך זיי אַלע אין דער אדמה... נעם איך זיך אונטער צו ארבעטן ווי א פערד... א שאָד נאָר מעכעלען. ער איז אוועק אין פאבריק, ווו מען קען זיך קיין קער נישט טאָן... ער שטייט דאָרט אודאי און שמאַכט און דאָ... דאָ ווערט עס דערווייל א תל...

אָבער אברהם-איסר האָט זיך געעקשנט:

— ער קען נאָך אַריינפאַלן אהער אין מיטן נאַכט... ער וועט אונדז זיכער אויפזוכן... וועמען האָט ער דען דאָ אויסער אונדז?..

ערשט אינמיטן נאַכט, ווען די צונגען זענען שוין מיד געוואָרן פון רעדן און אין קאָפּ האָט אַ שלאָג געטאָן דער הונגער, האָבן זיי ביידע מסכים געווען:

— עט, ער וועט שוין היינט נישט קומען... אודאי נישטאָ אין לאַגער...

און ביידע האָבן אַראָפּגענומען דאָס קעסעלע און געשלונגען פאַר-שעמטערהייט טראָפּן נאָך טראָפּן... ביידע האָבן דערשפּירט זיך אַזוי־ווי זיי וואָלטן דאָ אָפּגעטאָן אַ גרויסע עוולה... זיי האָבן זיך געשעמט איינער דעם צווייטן אַ וואָרט צו זאָגן. בלויז אברהם־איסר האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין:

— ער וועט שוין זיכער היינט נישט קומען... ער אַרבעט איצט מסתמא... ער האָט אָנגעשפּירט אַ ביטערקייט אויף דער צונג און נישט געוווסט, אויב דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דאָס ביסל געקאָכטע און פאַרדויבערטע וואַסער איז קאַלט געוואָרן און דערפאַר שפּירט דער גומען מער די גראָז־ביטערקייט... אָדער אפשר איז עס דערפאַר, וואָס עס איז אים געלעגן אויפן האַרץ אַזאַ טריבע שעמעוודיקייט וואָס האָט זיך צע־לייגט אויף דער צונג... ער האָט דערפאַר אַוועקגעגעבן מענדלען דאָס גאַנצע בלעכל און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— ענדיק צו... איך קען נישט מער — — —

זיי האָבן ביידע אפשר נישט געשפּירט ווי עס שטיקט זיי עפּעס אין האַלדז. בלויז אַ שושקען פון שכנים אויפן פּריטש האָט זיך צו זיי דער-טראָגן, ווי פלעדערמייז וואָלטן אַרומגעלאָפן:

— זעסטו, דעם ערשטן טאָג דאָ פאַראַן... און האָבן שוין זופּן אויפן מיטן נאַכט...

— אַז מ׳שמועסט: פייער!... קאַלאַניקעס...

## III

די נאכט־שיכט, אין וועלכער מעכעלע איז צום ערשטן מאָל איינ־געטרעטן, איז דאָס מאָל צוזאַמענגעטריבן געוואָרן אביסל פריער. די פאַר־ארבעטער האָבן הויך אויסגעשריגן די נעמען פון זייערע האַלעס, בכדי די נייע זאָלן וויסן ארום וועמען זיך צו גרופּירן.

א הייזעריק קול האָט אויסגערופן:

— האַלע זעקס!

ארום דעם שרייער האָבן זיך צוזאַמענגענומען ביי א 50 פרישע און אויסגעהערט די קאָנטראָל פון די נעמען. אויפן שמאָלן שטיקל פּלאַץ, נעבן קאָמענדאַנטן־באַראַק, איז געווען ענג, ביז צום דערשטיקט ווערן. די נייע האָבן זיך געשטויסן און נישט געוווּסט, וווּ זיי דאַרפן זיך איינגנטלעך צו שטעלן. די פּאָליציאַנטן זענען ארומגעלאָפן און געשלעפּט די מענטשן פון איין אָרט צום צווייטן, נישט ווייסנדיק אַליין ווי אַזוי עס דאַרף זיין לויט דער אָרדענונג... פונדערווייטנס איז געשטאַנען די קאָמענדאַנטין און אַלעמען אַדורכגענומען מיט די שטעכיקע אויגן...

די אַלטע ארבעטער האָט מען אוועקגעשטעלט באַזונדער און זיי האָבן אָפּמאַרשירט די ערשטע. ערשט שפּעטער האָט מען ארויסגעפירט די נייע̈לינגען. מיט מעכעלעס גרופּע האָט קאָמאַנדעוועט דער הייזעריקער פאָראַרבעטער. די צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן באַגלייט די גרופּע, זענען געגאַנגען מיט פאַרכמורעטע פּנימער. מעכעלע פּרובירט אין זיין שטענ־דיקן נייגער א פרעג טאָן איינעם פון די פאַרשוויגענע באַגלייטער, צו וועלכער ארבעט מ׳וועט געפירט — אָבער יענער היט זיינע ווערטער ווי פּערל. גייט מען אין דערוואַרטונג.

ער זעט דאָ נישט קיין היימיש פּנים אין דער ריי, מעכעלע. די אַלע חברים, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרברידערט אין פאַרלויף פון לאַגער־יאָרן, זענען איצט צוגעטיילט געוואָרן צו אַנדערע פּלעצער און עס וועלן אוועקגיין גאַנצע וואָכן, ביז ער וועט קענען עמעצן זען. זייערע שיכטן וועלן זיך כסדר אויסמיידן... סיידן אין א פרייעם זונטיק.

ביי א גרויסער געביידע, וואס איז איינגעוויקלט אין א ביימערדי־קער שאָל, ווערט די גרופּע אָפּגעשטעלט. א הויכער, עלטערער קריסט קומט ארויס פון אינעווייניק און נעמט טיילן די גרופּע אויף קלענערע. פיר מאן שטעלט ער אוועק באזונדער און הייסט צוווארטן. די אנדערע ווערן איינגעשלונגען דורך פארשידענע טירן.

א יונגער, פוילישער שייגעץ קומט ארויס פון צווישן די ביימער און זאָגט באלד אָן די פיר מאן:

— איר געהערט צו מיר!

ער זאָגט עס באלד אין אזא טאָן, פון וועלכן עס איז צו דרינגען, אז זיי געהערן ממש צו אים מיט זייער לעבן, אנטאָן, אברים און לעבן... מעבעלע איז איינער פון די פיר.

איבערן וועג ציען זיך אייזערנע שינעס, ווי אויפגעשניטענע אָדערן פון איין פאבריקס־געביידע אין דער צווייטער. זיי ציען זיך פון אלע עקן און זייטן. אט בליצן זיי אויף אין מיטן וועג און אט לויפן זיי גאר אריין אין זייטיקן וואלד זיך באהאלטן... אלעמאל לויפן אָן עטלעכע מענטשן מיט א פול־אנגעלייגטער וואגאנעטקע, וואס ווערט פון זיי גע־שטויסן אויף די רעלסן. זיי לויפן, פארשווינדן אין דעם שטיקל צוזאמענ־געגאסענעם גרינס, טויכן צוריק אויף און פאלן אריין אין צעעפנטן פיסק פון א האלע... יעדע וואגאנעטקע האט זיך אירע מענטשן. דאס איז זייער צוגעטיילטע ארבעט. די גרופּע פון פיר ווערט צוגעטיילט צו אזא וואגא־נעטקע. אויסער זיי זענען ביי איר אנגעשטעלט נאך פיר אלטע; איצט האבן זיי בלויז באקומען פארשטארקונג.

די ארבעט איז באשטאנען אריינצופירן אין די פארשידענע אָפּ־טיילונגען די לײדיקע, אייזערנע פלעשער פון די שווער־קאליבערדיקע גראנאטן; דארט זענען זיי אנגעגאסן געווארן מיט אויפרייס־מאטעריאל. ווען די גראנאטן זענען שוין פארטיק געווען, האט דאס זעלבע וועגעלע זיי געדארפט אריבערפירן אין א צווייטער האלע, וווּ מען האט זיי צוגע־גרייט צום טראנספּאָרט. יעדע וואגאנעטקע האט זיך איר סכום, וויפל זי האט אריינצופירן אין פארלויף פון דער נאכט. דערויף איז דא דער

פוילישער אויפזעער, וועלכער גייט מיט ביים שלעפּן די וועגענער און אָנלאָ־דענען זיי. ער פאַרצייכנט די ציפערן.

ווען ער האָט צוגעברענגט צום וואָגן די נייע פיר, האָבן די אַלטע זיי אויפגענומען מיט שטיל־אויפגערעגטער רוגזה. מעכעלע האָט זיך שנעל איינגעקוקט אין זייערע אויגן און דערזען די פלאַקערן פון דער אונטערגייענדיקער זון אַרויסשלאָגן מיט שנאה־גלענצלעך פון זייערע אויגן...

דער שייגעץ האָט אַ ברום געטאָן:

— איצט, יידלעך, האָט איר טאָפּלט מענטשן ביים וואָגן... דערפאַר זאָל איך זען, אַז די אַרבעט זאָל איצט פליען... איך לאָז אייך דאָ איבער; אָבער ווי איז אייך, ווען כ'וועל אין אַ שעה אַרום הערן די מייסטערס זיך קלאָגן, אַז עס פאַרפעלט זיי פלעשער...

ער איז אַוועק און געלאָזט די גרופּע ביי אַ בונקער.

מעכעלע דערשרעקט זיך פלוצים פאַרן תהום, וואָס ער זעט דאָ צווישן זיך און אָט־די מענטשן... אָט וויל ער זיי שוין פרעגן פאַרוואָס, לייטערן אביסל די כמאַרעדיק־אָנגעטראָפענע אַטמאָספערע... ער כאַפּט אָבער נאָכאַמאָל אַ בליק אויף זייערע שוואַרץ־פאַרברענטע פּנימער און אויף די אָפּגעריסענע צוויטן, וואָס הענגען פון זיי אַרונטער אָנשטאָט מלבושים... ער זעט זייערע ביינערדיקע גופים און פאַרשטייט, אַז איצט איז בעסער צו שווייגן... ער זעט זיך און זיינע פרישע חברים אָנגעטאָן אין גוטע אַנצוגער און וויל דערפאַר אויסמיידן אַ שטורעם...

די שווערע, אייזערנע וואַגאָנעטקע איז אָנגעלאָדן מיט גרויסע, אייזערנע פלעשער... זי קרעכצט ביי יעדן טריט און שטעלט זיך אַלעמאָל אָקעגן, אַזוי ווי מען וואָלט דאָ געפירט אַ לעבעדיק נפש צו דער שחיטה... זי איז שוין אַלט די וואַגאָנעטקע און פאַרזשאַווערט. מסתמא האָט זי שוין געגנוג אייזן אויסגעטראָגן אין איר הויכן בויך... איצט קרעכצט זי אוודאי, וואָס מען מאַטערט זי נאָך אַלץ... וואָס איז? וויניק משאות האָט זי שוין אויסגעטראָגן אויף אירע אייזערנע אָרעמס? וואָס וויל מען נאָך האָבן פון איר?

אָבער די מענטשן, וואָס האָבן איר די משא אָנגעלייגט, טאָרן נישט

וויסן וועגן איר פריער... און ווען זי שטייט אָפּ, מוזן זיי זי צווינגען ווײַטער צו גיין, שטויסן זי און שלעפּן...

די „אַלטע" זענען אַדורכגעווייקט פון שוואַרצלעכן שווייס, וואָס שלאָגט זיך אַדורך דורך זייערע פאַראייַלט־פאַרפעצטע בגדים. די נייַע ליגן בלויז צו אַ האַנט און העלפן פירן דעם וואָגן אויף די רעלסן. דער וואָגן איז ווי שכור פון שווערקייט. זיין בייכיקער קערפּער וויגט זיך אַריבער אַט אין דער זייט און אַט אין דער אַנדערער, גלייך ווי ער איז גרייט דאָ אָפּצוטאָן אַ געפערלעך שפּיצל און אַלץ איבערקערן, אַרויסוואַרפן פון זיך די שווערע אומדערטרעגלעכע משׂא... מעכעלע גייט אין אַ זייט און האַלט אונטער די גלייכגעוויכט. ער בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ אין אָנשטרענגונג — ער פילט אָבער זיין שכנס שטעכיקן בליק פון אונטן איבער זיינע אָפּגעשווירענע האָר... דער סאַפּענדיקער אָטעם פון די מענטשן מישט זיך אויס מיטן סקריפּ פון די רעדער און דערפירט ביז צו די טויערן פון אַ גרויסער פאַבריק־האַלע. אַ מינוט שטעלן זיי זיך אָפּ צו כאַפּן דעם אָטעם. אַ ווינטל שטיפט אַרום מיט די בלעטלעך פון דאַנעבנדיקן בוים. אַלע שטעלן אָן די פאַרשוויצטע שטערנס צו אים: קום, גיב כאָטש דו אַ גלעט!...

מעכעלעס שכן פון אַקעגנאיבער קען זיך מער נישט איינהאַלטן און טוט צו אים אַ ברום:

— נו, וואָס? געגוג זיך אויסגערוט!... איצט וועט איר אויסשפּייען די לונגען... מיר האָבן זיי שוין נישט מער...

מעכעלע איז שוין גרייט אים אָפּצוענטפערן עפּעס שאַרפס און האַלט זיך דאָך אָפּ. זאָל ער בעסער רעדן און זיך אויסרעדן... אי עס וועט אים לייכטער ווערן אויפן האַרץ און דערצו וועט ער אפשר אַזוי אַרום דערגיין, פאַרוואָס זיי ברענען אַזוי פון שנאה...

דער הויכער דאַרער בחור האָט אַ קרומען שמייכל געטאָן:

— איר זעט נאָך גוט אויס... מיט אַ קורצער צייט צוריק נאָך זיכער גוט געגעסן... געשלאָפן אויף ווייכע, ריינע בעטן... און מיר, מיר האָבן זיך דאָ שוין אין דער צייט געשטיקט, דערשאָסן געוואָרן... און די בלוטן זענען אונדז יעדע נאַכט געפרווירן געוואָרן פאַר שרעק... איר האָט געהאַט

געלט, האָט איר זיך די גאַנצע צייט אָפּגעקויפט, געמאַכט, אַז אַנדערע זאָלן גיין אויף אייער אָרט... איר האָט געמיינט, אַז אייך וועט עס מיידן, אַז איר וועט יאָ איבערלעבן די קריג... נאָר איצט, אַז איר זענט שוין געקומען אַהער — ווילן מיר אייך לערנען אַרבעטן; פריער זענען מיר געווען מאַכטלאָז קעגן אייך. אין געטאָ זענט איר געווען די באַפעלער, אָבער דאָ ווילן מיר אין אייך נקמה נעמען... און אויף אַ באַזונדערן אופן — — —

אַ שטים אויף פּויליש האָט אַ געשריי געטאָן פונדערווייטנס:

— ווייטער פאָרן!

און שוין האָט יעדער אונטערגעשפּאַרט דעם וואָגן מיט די אַקסלען און ווייטער אים געלאָזט אין באַוועג.

מעכעלע שפּירט ווי די אַלטע שטרענגען זיך ווייניקער אָן, אַזוי אַז עס זאָל פּאַר די נייע זיין שווערער, ער וויל אָבער גאָרנישט זאָגן. ער באַגרייפט, אַז דאָ ווערט געמאַכט עפּעס אַ חשבון, וואָס דאַרף אפשר זיין באַרעכטיקט, נאָר ער איז פאַרשריבן געוואָרן נישט אויף דער געהעריקער קאָנטאָ... דער וואָגן בלייבט שטיין אין אַ גרויסן מאַגאַזין, ווו די פּלע-שער ווערן אָפּגעלאָדן. אַרום זיי רוישן מאַשינען, קאָכן קעסלען מיט אַ בייזן געברום און מענטשן שטייען מיט די רוקנס אָנגעבויגן און כאַפּן אַוועק די פלאַשן פון אונטער די הענט... איז גלייכער אַרויסצופאָרן שנע-לער, נאָך איידער די פּוילישע מייסטערס וועט איינפאַלן אונטערצו-טרייבן... דער ליידיקער וואָגן פליט באַרג־אַראָפּ, ווי געיאָגט פון טייוואָ-נים. דער וועג פירט אונטער אַ בערגל, באַשיט מיט יונגע ביימלעך און קרומט זיך אויס צו דער זייט פון אַן איינגעמויערטן בונקער!... דאָ דאַרף איינגעלאָדן ווערן פריש מאַטעריאַל. דער גערויש פון די מאַשינען רייסט זיך פונדערווייטנס אַהער, טאַפּט בלינדלעך אין אַלע זייטן, פאַרפּלאָנ-טערט זיך אין מיטן וועג און קען איבערן בונקער שוועל נישט אַריבער-שפּרייזן...

דער הויכער בחור טוט אַ שפּיי אויף די לעצטע אָפּקלאַנגען פון האַלע־גערויש, וואָס לייגן זיך צופוסנס פון בונקער, דערוואָרגענע פון דער אַרומיקער שטילקייט און ער שיסט אויס:

— קאַעלניקעס!

# קאפיטל נײַן

## I

די אייזערנע שינעס פרעגן נישט קיינעם, נאר צעקריכן זיך אין אלע זייטן פון פינצטערן בונקער. דער וואגן שטעלט זיך אפ אין אן אפגעלעגן ווינקל, וווּ עס שטויסט זיך אין גארנס א פיראמידע פון ליי־דיקע פלעשער אין אלע קאליברען. קיינער איז אויסער דער גרופע דא נישטא. א קליין עלעקטריש לעמפל הענגט דא בלויז אראפ, מיט לאנג־יאריקן שטויב אויפן פנים, פון סופיט אראפ. אלע שטעלן זיך אפ און ווישן מיטן ארבל דעם שווייס פון די שטערנס. די לופט איז דא גע־דיכט און שטיקנדיק, אבער נאך מער דריקט עפעס אן אומגעזען און דאך אין דער טיף געשפירט געפיל...

דער הויכער, אויסגעדארטער בחור געפינט איצט די געלעגנהייט ווייטער אנצוהייבן:

— איצט, חברימלעך, וועט א י ר אביסל ארבעטן!

אבער מעבעלע קען שוין נישט מער און שיסט אוים:

— דו! ביסט דא אויפזעער אדער א ייד, גלייך ווי אלע יידן!?

ביי אלע פיר צעגלאנצן זיך מיט גערייצטער קעמפערישקייט די אויגן:

— טו וואס מען הייסט דיך און פרעג נישט קיין שאלות... דו הערסט!?

די לעצטע צוויי ווערטער האבן זיי אזוי שארף־דראענדיק אויסגע־צויגן, אז מעבעלע האט מער נישט געוואלט רעדן גארנישט. ער האט געשפירט, אז יעדעס ווארט זיינס קען דא דערפירן צו עפעס אזעלכעס, פון וועלכן ס'איז א מורא א טראכט צו טאן...

האט ער זיך באמיט צו צוימען די געפילן און אנגעהויבן ארויפצו־לייגן די שווערע גראנאטן אויפן וואגן. די אונטערשטע שיכטן זענען צו־געגאנגען לייכט. די קונץ פון אנלאדענען א וואגן איז אבער באשטאנען אין די אויבערשטע רייען. דער שפיץ האט זיך נישט געהאט אין וואס אנצולענען. די גראנאטן זענען געווען שווער און מען האט זיי געמוזט

שנעל ארויפלייגן, דערביי האָט מען זיי געמוזט אויססדרן אין אַ ספּעציע־לער אָרדענונג, זיי זאָלן זיך האַלטן איינער אין צווייטן און זיך נישט צע־שיטן אויפן וועג...

איינער פון די אַלטע האָט די גראַנאַטן דערלאַנגט מיט אַ ספּעציע־לער שנעלקייט. די פינגער ביי מעכעלען זענען נאָך נישט צוגעוווינט געווען זיי אויפצוכאַפּן מיט דער געהעריקער שנעלקייט... אויך זיינע פרישע חברים זיפצן פון אָנגעשטרענגטקייט; ווייל פונוואַנעט זאָלן זיי וויסן ווי אַזוי מ׳לייגט אַפּ גראַנאַטן אין אַ טורעם אויף דער וואַגאָנעטקע, ביי אַזאַ בהלהדיקער שנעלקייט?

אָבער יענער דערלאַנגט שנעל און האַלט אין איין אונטערטרייבן:

— דו! ריר זיך שוין... ווען נישט, וועסטו באַקומען די קלעפּ פאַרן נישט ברענגען די גראַנאַטן צו דער צייט... אַ גאַנצע האַלע וואַרט דער־רויף...

וויל מעכעלע אויפכאַפּן אַלע גראַנאַטן, אַזויווי מען דערלאַנגט זיי בלויז... אין געאייל טרעפט ער אָפּט דאַנעבן. די שאַרפע, רויע קאַנטן פון די אייזנפלעשער רייסן דערפאַר אים אויס שטיקער פלייש פון די פינגער... עס נעמט טריפן בלוט און ער שפּירט אפילו נישט... און ער וויל עקשנותדיק איבעראיילן דעם שפּיציקן ווייטיק... אויף די אויסגעלייגטע גראַנאַטן הייבן אָן זיך צו באַווייזן רויטלעכע פינטעלעך...

דער בחור, וואָס האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו קאָמאַנדירן, נאַטעק, נעמט לאַכן:

— וואָס? ס׳איז נישט געשמאַק? אפשר זאָל איך דיר צווייזן, ווי אַזוי מען לייגט אַפּ די גראַנאַטן? האַ? האָסט באַדאַרפט קומען אַהער אין דער זעלבער צייט וואָס איך — דאַן וואָלט געווען איינס פון דיביידע: אָדער דו וואָלסט שוין געווען געפוילט אויף דעם שיס־פּלאַץ אָדער... דו וואָלסט שוין געקענט — — —

די אַנדערע פון זיינע חברים ווערן פריילעכער. די אויגן באַקומען ביי זיי אַ גליקלעכן גלאַנץ. ס׳איז איצט קיינער נישטאָ פון די אויפזעער: נישט קיין פּאָליאַק און נישט קיין דייטש, זענען זיי איצט די באַלעבאַטים פון בונקער... פאַרן צוברענגען די נייע פאַרשטאַרקונג האָבן זיי שוין אָפּגע־

פירט עטלעכע וועגענער. א האלבע נארמע איז שוין געמאכט און די צווייטע העלפט וועט מען נאך באוויזן — קען מען איצט רוען א פאר מינוט. אלנפאלס, זאלן די נייע ארבעטן אביסל... זיי ציען דערווייל ארויס שטיק־לעך שווארץ ברויט פון די טאשן... יעדער פון זיי האט נאך אביסל קאלטע זופ אין זיין פארזשאווערט בלעכל — זעצן זיי זיך אקעגנאיבער און קלאפן הויך מיט די ליפן פון גרויס הנאה...

דאס הונגעריקע הארץ קלאפט ביי מעבעלען (דעם ערשטן טאג האבן זיי נישט באקומען קיין ברויט, ביז אין דער ביורא וועט זיין אין ארדע־נונג מיט די צאלן...), ווייל ער נישט ווארפן קיין בליק אין יענער זייט אריין... ביי די אנדערע איז מסתמא אויך דאס זעלבע. באמיען זיי זיך אריינצוטאן אין דער ארבעט אריין... גראד איצט וויל מעבעלע כאפן דעם שכל דערפון, ווי אזוי מ'קען אנלייגן א הויכן וואגן מיט א שפיץ און ער זאל זיך דערביי נישט צעפאלן אין מיטן וועג...

דער עלטערער פויזנער דערלאנגט און ער לייגט אויס. פון די פינגער־שפיצן טריפט בלוט און שטעמפלט אפ די גראנאטן מיט א רויטן פינגער־אפדרוק... מעבעלע וויל ארויסנעמען א שטיקל שמאטע פון קעשענע און פארבינדן זיך די הענט, אבער נאטעק שרייט, טומלט: — דאס וועסטו קענען מאכן אין דער היים... איצט מוזטו ארבעטן ביז צום פלאצן...

פארבייסט מעבעלע מיט די ציין און לייגט ווייטער די גראנאטן אויפן וואגן... אט צים זיך די אייזערנע פיראמידע אלץ העכער און העכער; פון אונטן איז זי ברייט, נאר וואס העכער ווערט זי אלץ שמעלער. די לעצטע ריי איז אן איינצלנע: פארטיק!

דער ערשטער וואגן — אן דער מיטהילף פון די אלטע. מעבעלע פאר־באנדאזשירט זיך די האנט מיט אן ארויסגעריסענער טאש פון די הויזן. ער בליקט מיט באהאלטענעם טריאומף אין דער זייט פון די זיצנדיקע.

איינער פון די פריערדיקע, מיט א פארפעצט היטל און גרויסע, גויאישע וואנסען, האט נאך נישט דערענדיקט זיין עסן. עס איז אים נאך געבליבן א קליין שטיקל ברויט אין דער האנט, עפעס שטייט ער א פארלוירענער און ווייסט נישט וואס צו טאן דערמיט. זיינע גרויסע, פארגעלטע ציין ווארטן, פון אפענעם מויל ארויס מאנען זיי עפעס, ווי זיי וואלטן גע־

שפּירט, וואָס ס'איז אים נאָך געבליבן אין דער האַנט... זיינע אָנגעדראָ־לענע, בלויע ליפּן ציטערן נאָך אין קיי־באַנגער אָבער ער שטייט נאָך און קלערט; קענטיק, אַז ס'איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, וואָס ס'איז אים שווער צו דערפירן ביז צום סוף... ענדלעך לאָזט ער זיך צו מיט אומדרייסטע טריט צום אָנגעלייגטן וואָגן. ווען ער קומט צו געבן מעכעלען, קוקט ער אַ מינוט אויף זיינע פאַרבלוטיקטע פינגער און שטופּט אים עפּעס, זייטיק, אין דער האַנט אַריין... מעכעלע דערשפּירט דאָס נישט־דערקייטע שטיקל ברויט באַרירן זיין צעווונדיקטע האַנט. אַ הייסע פאַרשעמטע רויטקייט באַ־גיסט אים דאָס פּנים. אַ פּלוצימדיקער עקל צווינגט אים אויסצושרייען:

— דו! פון אַזעלכע ווי איר, וויל איך קיין ברויט נישט נעמען... פרעס עס אַליין!

יענער איז געבליבן שטיין ווי אָפּגעשמיסן. נאָכדעם האָט אויף אים געקוקט מיט נקמהדיקן טריאומף. בלויז די ליפּן האָבן ביי אים בלאָס גע־ציטערט...

מעכעלע איז אָבער שוין אַריינגעשליידערט געוואָרן אין זיין שרייענ־דיקער אויפרעגונג און ער האָט גענומען שיטן מיט אַ מבול רייד:

— וואָס זענט איר דען פאַר אַ יידן, האַ? יידן, וואָס האָבן אַ הנאה פון צעבלוטיקטע פינגער ביי אַ צווייטן ייד... יידן, וואָס דאַרפן בלויז זאָגן איין וואָרט, צו ווייזן ווי אַזוי מען דאַרף עס מאַכן און טוען עס נישט — נאָר קוויקן זיך מיט יענעמס שוואַכקייט... איר אַרבעט דאָ שוין לענ־גער? טאָ ווּעמען האָט איר דערמיט געטאָן אַ טובה? איר זוכט נקמה צו נעמען, איר זענט פאַרביטערט צוליב אייער פינצטער לעבן, פאַר אייער צעשטערטער וועלט? טאָ וועמ פון אונדז איז נישט פאַרביטערט? ווען איך בין געווען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, זענט איר אויך נאָך געווען אין אייערע וואַרעמע היימען — זאָל איך דערפאַר אויף אייך טראָגן אַ כעס און זוכן אין אייך נקמה צו נעמען? און דאָס, בלויז דערפאַר, ווייל אין די וואָס מען דאַרף נקמה נעמען, קען איך נישט דערגרייכן!? כ'וויל אייך בלויז פרעגן: איז דען נישט גענוג וואָס די דייטשן פּייניקן אונדז? מוזן מיר זיך אַליין אויך אויפפרעסן איינער דעם צווייטן? אויב איר פאַרשטייט אַזוי, וויל איך מיט אייך מער נישט רעדן... מיר וועלן אַלץ טאָן וואָס מען

מוז, אָבער וואגט זיך נישט צו רעכענען ווי אחים לצרה! שונאים זענט איר, יידישע שונאים! אפשר נאָך ערגער פאר דער פּאָליציי, פּאָליאַקן מיט די דייטשן צוזאמען...

אין בונקער איז געוואָרן שטיל. דער ייד מיט די גרויסע וואָנסעס האָט געפינטלט פארשעמט מיט די אויגן. דער צווייטער — דער מיט די גאָלדענע ציין און שמוציק-נאַקעטע, אויסגעדאַרטע אָרעמס — האָט זיך געכאַפּט גלייכצומאַכן אַ קרומלעך-געלייגטן גראַנאַט... בלויז נאַטעק האָט זיך נאָך געהאַלטן מיט אַן עקשנות — וואָס איז אים אַליין שוין צוגעגעסן געוואָרן — ביי זיין ראָל. ער האָט זיך צעבייזערט מיט אַן איינגעהאַלטע-נעם־שווין טאָן:

— זע נאָר זע, ווי ער האָט זיך עס צעראַצט אַביסל! אין דער היים האָסטו געמוזט זיין אַ מגיד אָדער אַ ווילעלערנער... מיט דער מאַמען האָסטו אַלעמאָל געמוזט ברוגז ווערן ביים עסן, ווען מען האָט דיך באַליידיקט... מ׳דערקענט באַלד דעם יחסן! הערסט אַ מעשה? מ׳גיט אים ברויט — וויל ער ערשט נישט נעמען... יאָ-יאָ, דאָ אין ווערק צע מעגסטו שפּילן ברוגזן! מ׳וועט זען, אויב דו וועסט דאָ אָנטרעפן אויף אַ סך אַזעלכע משור-געים, וואָס זאָלן דיר אַוועקגעבן דעם לעצטן ביסן... מעגסט אפילו אויס-שטרעקן אַ צונג און קראַפּירן... דאָ וועסטו זיך נאָך אויסלערנען אַ סך זאַכן, צו וועלכע דו ביסט נישט צוגעוווינט...

און אויף די חברים זיינע האָט ער זיך צעברוגזט:

— מ׳שטייט און מען הערט אויס דעם פרישן יחסנס דרשות און דאַרט אין דער האַלע וועלן דערווייל פארפעלן גראַנאַטן — מער דאַרפן ז יי נישט... די פּלייצעס טוען אייך נאָך וויניק ווייל, וואָס?

אַלע האָבן שווייגנדיק אָנגענומען די אייזערנע פּאַרענטשן פון וואָגן און גענומען אים שלעפּן באַרג-אַרויף. דאָס מאָל האָבן זיך אַלע אָנגע-שטרענגט. ווען דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ רעדל, וואָס בייט איבער די רעלסן, אויפן וועג צו דער האַלע, האָט אפילו נאַטעק אַרונטער-געשטופּט זיין אונטערשטן טייל גוף אונטער דעם איינגעקשנטן שטיק אייזן און אַרויסגעריסן פון זיך די לונגען:

— האָפּ! רוק! האָפּ־רוק!

ביז דער וואָגן האָט נישט-גערן גענומען שטעלן ווייטער זיינע איי־זערנע, כריפּענדיקע טריט. שווייגנדיק איז דער וואָגן אָפּגעלאָדן געוואָרן און שפּעטער האָט איינער באַמיט זיך דעם צווייטן איבערצויאָגן ביים אויפלאָדן אים אויפסניי. אַפילו ביים לײדיקן וואָגן האָבן אַלע זיך געקלאָ־מערט מיט די הענט... די געכאַפּטקייט ביי די פריערדיקע האָט פאַרראַטן אַ טיף־פאַרשעמט געפיל וואָס איז זיי באַפאַלן... און אַלע צוזאַמען האָבן מיט פאַרלייכטערונג דערשפּירט, אַז עס איז דאָ נאָר-וואָס צעטריבן גע־וואָרן אַ שווערער, שוואַרצער וואָלקן...

## II

די אַרבעט ביי די מאַשינען אין דער האַלע איז עפּעס נישט געגאַנ־גען יענעם אָוונט ווי עס געהער צו זיין. די וואַגאָנעטקע האָט געבּרענגט אַלץ מער און מער ליידיקע פלעשער און זיי אָפּגעלייגט אין אַ ווינקל. אַ פּוילישער פאָראַרבעטער איז געקומען צולויפן אין בהלה און גענומען מיט אַ שטעקן קלאַפּן איבער די קעפּ:

— כאָליערעדיקע יידן, איר ווייסט קיינמאָל נישט קיין מאָס אין דער אַרבעט; אָדער איר שלאָפט איין אינמיטן וועג און די מאַשינען מוזן אויף אייך וואַרטן... און ווען נישט — צעאַרבעט איר זיך, ווי די טייוולאָנים און פאַרלייגט אַלע וועגן, מ'זאָל זיך נישט קענען דאָ אַ ריר טאָן... מער דאַרף איך נישט, נאָר אַ דייטשער מייסטער זאָל דאָ אַריינקומען און זען ווי מיר זענען אַזוי הינטערשטעליק...

ער האָט אָנגעכאַפּט דעם ערשטן ביים וואָגן און אַ שליידער געטאָן:

— איר זאָלט מיר שוין פאַרשווינדן פון דאַנעט, איידער איך שפּאַן אייך אַלעמען איין צו העלפן אָנגיסן די גראַנאַטן...

דער וואָגן האָט אַ זיפץ געטאָן, ווי איינער, וואָס גייט אין אַ שווע־רער שליחות. דער האַלע-אויפזעער האָט נאָך באַגלייט די גרופּקע מיט זיין שטעקן ביז אַ פּאָר טריט נאָך דער שוועל. דאָס מאָל איז מען געלאָפן שנעל, באַרג־אַראָפּ, אין בונקער אַריין. איצט וועט זיין צייט זיך אוועק־צוזעצן, אין דער בונקער-טיר, צווישן די סקאַרופּן-שטויסן און כאַפּן דעם

אָטעם. לויט דעם זאַפּאַס אין דער האַלע איז צייט געווען אַ שעה צו זיצן און גאָרנישט טאָן. מען האָט בלויז געדאַרפט אַכטונג געבן, אויב ס'טראָגט נישט אָן וועמען פון די פאָראַרבעטער.

ס'איז געווען טונקל. בלויז איין קליינער לאָמפּ האָט געברענט אין גאַנצן מאַגאַזין. האָט זיך איינער געמוזט שטעלן אויף שמירה אין דרויסן. גראָד איז געווען נאַטעקס ריי. דער ייד מיט די שוואַרצע, גויאישע וואָנ־סעס האָט זיך מיד אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און שווער אָפּגעזיפצט. דער צווייטער נעבן אים, האָט געזוכט ברויט־קרישקעס אין די טאַשן און נישט געקענט געפינען. האָט דער עלטערער זיך געלאַנגווייליקט און צוגע־וואָרפן אַ וואָרט:

— פונדעסטוועגן זייט נישט ברוגז... קומט אַהער און רוט זיך אָפּ... מיינט נישט, אַז מיר זענען גזלנים...

ער האָט אַ ווייז געטאָן צו דער טיר, אין נאַטעקס זייט:

— אַפילו ער איז אויך געווען אַ וואויל יינגל, אַ שטילער... כ'קען אים פון דער היים... נאָר, גאָרנישט... די צרות רעדן פון אים אַרויס...

איז אַוועק אַ שטילער שמועס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ייד מיט די וואָנסעס איז אַ חסידישער ייד פון דער היים, געלערנט אַפילו אַ סך... ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע ביי זיי אין שטעטל און דער יידנראַט האָט געמוזט צושטעלן אַ געוויסע צאָל מענטשן פאַרן „האַ־סאַג" — איז ער געווען פון די ערשטע. ער, דער צווייטער נעבן אים — גוטמאַן און נאַטעק. אַנדערע יידן זענען נאָך געזעסן אַ האַלב יאָר רואיק אין דער היים, געמאַכט געשעפטן, זיך געשראָקן און אָפּגעקומען מיט דער שרעק. אין דער זעלבער צייט האָבן שוין 30 פּראָצענט פון זייער גרו־פּע געפוילט אויפן שים־פּלאַץ...

ער אַליין האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט 3 דערוואַקסענע זין, וועל־כע מ'האָט שפּעטער געשיקט קיין טרעבלינקע. די, וואָס האָבן געהאַט געלט, האָבן זיך די ערשטע צייטן אויסגעקויפט ביים יידנראַט. די וואָס האָבן נישט געקענט אָפּחורשן — זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן...

ער אַליין האָט אַפילו זיך נישט געזעגנט מיט זיינע אייגענע. מען האָט אים פּשוט אַוועקגעזעצט אויפן אויטאָ... און — שוין... זיי זענען

געבליבן. שפּעטער האָט ער געהערט, ווהין מען האָט זיי געשיקט... עס דוכט זיך אים כסדר, אַז ווען ער זאָל זיי געוועז אַנקושן פאַרן ווערן אַוועקגעשיקט, זיי זאָגן אַ פּאָר געציילטע ווערטער, וואָלט אינגאַנצן אַנדערש געוועז... אינגאַנצן עפּעס אַנדערש...

ערשט שפּעטער, ווען אין שטעטל איז געוואָרן ענג און מ'האָט אַלעמען אָן אויסנאַם געשיקט צום זיכערן טויט, האָבן טייל פון יידנראַט זיך פאַר געלט אַריינבאַקומען אַהער... איז נישט קיין וווּנדער, פאַרוואָס מ'איז אַזוי פאַרהאַסט... נאַטעק, למשל, האָט ממש אַ מאַניע צו זען אין יעדער פרישער פּאַרטיע בלויזע שונאים... אויב מען קומט אַזוי שפּעט אין לאַגער אַריין, איז אַ סימן, אַז מען האָט געהאַט געלט פריער, מיט וועלכן מ'האָט זיך געשיצט אויפן צווייטנס חשבון... אַז מען איז געוועז אין יידנראַט... אין דער פּאָליציי... ער וואָלט פון אַזעלכע ניי־געקומענע געשונדן די הויט, גענומען די גרויזאַמסטע נקמה פאַר די זעקס חדשים, וואָס ער האָט פאַרלוירן מער ווי אַנדערע...

— סיי־ווי, זאָגט ער, וועט מען נישט אַרויס לעבעדיק פון דאַנעט... איז נאָך געוועזן 6 חדשים, אין וועלכע מען האָט זיך געקענט אָנלעבן אַביסל, געניסן פון דער יוגנט, אַזויפיל, וויפיל דאָס געטאָ־לעבן האָט דערלויבט... דאָס איז נאָך געוועזן דער איינציקער שאַנס צו שפּירן דאָס לעבן.

...אַ יונגע כלה האָט ער געהאַט... איז אים לעצטנס איינגעפאַלן אַ פּלאַן. ער האָט איר פאָרגעלייגט:

— לאָמיר איצט חתונה האָבן... טאַקע גראָד דערפאַר, ווייל מיר ווייסן נישט וואָס מאָרגן וועט זיין... ער איז אַלט געוועזן 20 און זי — 17... האָט ער געזאָגט צו איר: לאָמיר אָפּלעבן אין די פּאָר וואָכן, וואָס מיר האָבן — דאָס וואָס אונדזערע זיידעס האָבן אויסגעלעבט אין זייערע 70 יאָר... ער האָט געהאַט אַ פּאָר אַנצוגער; זי — אַ פּאָר קליידלעך, אַביסל מעבל... האָט ער געטענהט: מירן אַלץ פאַרקויפן... קויפן דערפאַר פּוטער, פלייש און עסן... זיצן ביידע אין שטוב און ע ס ן . . . עסן... ביז וואַנעט מ'וועט אונדז נישט אַרויסנעמען אין וואַגאָן אַריין — — —

דאָס האָט ער צו איר געזאָגט בייטאָג... און ביינאַכט זענען צו אים געקומען 2 יידישע געטאָ־פּאָליציאַנטן, אים אַרויסגענומען פון שטוב און

— גלייך אויפן „האסאג"-אויטאָ אַרויף... מיט איר האָט ער זיך אפילו נישט געזעגנט... איין בריוול פון איר באַקומען אַריינגעשמוגלט און — שוין... מער נישט... זי איז אויך פון די ערשטע אַוועק קיין טרעבלינקע... ד אַ ס קען ער זיך נישט שענקען. אָפט ווערט ער ווילד, וויל אַלעמען דערקוילען, זיך אַליין אַ מעשה אָנטאָן...

...ווען ער זאָל נאָך געווען זיין צוזאַמען מיט איר די 6 חדשים, וואָלט ער אפשר געקענט רואיק געהרגעט ווערן... ער האָט זיך געגרייט אָפּ־צוכאַפּן פונעם לעבן אויף יאָרן און יאָרן פאָראויס... האָבן די יידנראַט־ניקעס זיינע טייערסטע חדשים פאַרקויפט, בכדי זיי זאָלן נאָך קענען לעבן אַ שטיקל צייט, שכורן און מאַכן געלט... טייל פון זיי זענען שפּע־טער געקומען אהער, אָבער אויך דאָ, אין לאַגער, זענען די זעלבע גע־וואָרן גאַנצע מאַכערס, אַריינבאַקומען זיך אין דער פּאָליציי... קען ער אין זיי קיין נקמה נישט נעמען... דרייט ער זיך אַרום און זוכט אין מאַכטלאָזיקייט, און לאָזט אוים זיין נישט־אָפּגעגליטן צאָרן אויף די פּריש צוגעקומענע. הגם אים אַליין טוט עס אפשר וויי...

— אַ יינגל נאָך! זיפצט דער שוואַרץ־וואָנסעדיקער... דאָס האַרץ איז אים איבערגעפולט, נישטאָ וואָס פאַראיבל צו נעמען...

ער אַליין האָט געהאַט מזל: ביי די אַקציעס צום טויט וואָלט ער, אין זיין עלטער, זיכער געווען פון די ערשטע... דאָ אהער האָט ער זיך נאָך מיטגענומען אַ „חוקל" און עטלעכע חומשים. אין לאַגער זענען פאַ־ראַן נאָך אַ 20 יידן, וואָס דאַווענען יעדן טאָג... אמת, דאָס דאַווענען האָט אַ טעם ווי דאָס גאַנצע לעבן... מ'הייבט זיך אויף אין מיטן נאַכט לייגן דעם טלית, ווען עס פינקלען נאָך די שטערן; אינמיטן דער געסרחע מאַכט מען אַ מנין און ביי שמונה־עשרה מוז מען גלאָצן מיט די אויגן צום פענצטערל, אויב עס טראָגט נישט אָן אַ ווערקשוץ... די כלי־קודש האָבן זיי באַהאַלטן אויף אָן אָרט, וואָס מ'קען נישט אַנטדעקן — מ'זאָל אפילו זיין מיט טויזנט קעפּ... יעדן פאַרטאָג נעמט מען זיי אַרויס און מען באַ־האַלט זיי צוריק. דאָס קאָסט גענוג צייט און נערוון... נישט שטענדיק קען מען עס באַוויזן, אָבער — ווער איז שולדיק אין דעם? אויב גאָט איז נישט ניחא, טאָ זאָל ער אַנדערש מאַכן...

באַלד זענען זיך אַלע געוואָרן נאָענט און היימיש. די שפּעטערדיקע אַרבעט פון דער נאַכט איז שוין געווען לייכטער. דער עלטערער ייִד, ברוך, איז שוין נישט אָפּגעטרעטן פון מעכעלען... זיי זענען כסדר געגאַנגען האַנט ביי האַנט און אינמיטן שווערן אָנשטרענג דערוויייל געשמועסט וועגן אַנדערע וועלטן און אַנדערע צייטן...

גוטמאַן, זיין חבר, איז אין דער היים געווען אַ שוסטער. אָבער אויף ביינאַכט האָט ער זיך אַהיימגענומען אַ ביכל פון ביבליאָטעקל, געקויפט יעדן טאָג אַ צייטונג... האָט מען נאָך אַוועקגעפירט אַ פּאָר וואַגאָנעטקעס מיט גראַנאַטן און שפּעטער, אין דער טיף פון בונקער, אַוועקגעשטופּט די צייט מיט אַ שמועס, ביז דער טאָג איז אַריינגעשפּרונגען דורכן אָפענעם פענצטערל.

איצט האָבן זיך אַלע געשעמט פאַר די ערשטע שעהן, ווען מ׳האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן ווי שונאים...

## III

פאַרטאָג, ביים אויסשטעלן זיך צום אָפּמאַרש אין לאַגער אַריין, איז געווען לייכטער אויפן האַרץ. גוטמאַן מיטן שוואַרץ-וואָנסעדיקן האָבן זיך עפּעס געסודעט אין ווינקל. צו זיי איז נאָך צוגעקומען אַ דריטער, פעסט־מוסקולירטער בחור און זיי האָבן צווישן זיך איינגעטענהט. דערנאָך זענען זיי צוגעגאַנגען און אַוועקגערופן מעכעלען אין דער זייט:

— מ׳איז נאָר מענטשן... זאָגן זיי... מ׳קען זיך אַמאָל פאַרגעסן און זיך זידלען. דאָ איז עס נישט קיין וווּנדער. ס׳איז אַ נס, וואָס מ׳איז נישט געוואָרן אינגאַנצן קיין חיות, וואָס מ׳בייסט זיך נישט איין די גאָרגלען... דאַרף מען נישט נעמען ערנסט דעם גאַנצן אינצידענט. זיי זענען דאָ אַ גאַנצע גרופּע, וואָס האַלטן זיך צוזאַמען, העלפן זיך מיט וואָס מ׳קען, אַר־בעטן צוזאַמען... ווילן זיי, ער זאָל זיך האַלטן מיט זיי צוזאַמען. די אַר־בעט, דאָס לעבן איז דאָ אַזוי שווער — זאָל מען כאָטש קענען אַמאָל אַרויסרעדן אַ מענטשלעך וואָרט. סוף־כל־סוף איז מען דאָך נישט געבוירן געוואָרן אין קיין מדבר; יעדער האָט אַמאָל עפּעס געלערנט, געלייענט...

איינער מער, איינער ווייניקער; מיטן הונגער וועט מען זיך אויך מוזן ווי־ס'איז אן עצה געבן... טא זאל ער זען זיך מארגן ווייטער צוצושלאגן צו זייער גרופע. זיי וועלן אויף אים ווארטן...

א מאדנע גערירטקייט האט מעכעלען געשטיקט אין האלדז. דאס מאל האט ער געשפירט אויף אן אמת, אז ווען ער זאל אנהייבן רעדן — וועט ער זיך צעוויינען...

האט ער דערפאר בלויז געשאקלט שטום מיטן קאפ, ווי א צייכן פון הסכמה און זיך געלאזט צו זיין ריי.

דאס איבערציילן און צוזאמענשטעלן די גרופן האט געמאכט דער יידישער פאראַרבעטער, דערפאר האט עס געדויערט לאנג. ביי אים איז נישט איינגעהאלטן געווארן די געהעריקע דיסציפלין. דער פאליציאנט איז דערווייל אוועק אין ביורא נעמען די באשטעטיקונג, אז ער האט די פולע צאל. אן אזא באשטעטיקונג האט מען קיינמאל נישט אדורכגעלאזט פארביי דעם טויער. איז מען געשטאנען און געווארט. דאס איז אבער געווען אויף דער אייגענער צייט.

די זון איז ארויסגעקומען מיט פארשלאפענע אויגן פון וואלד. א גרופע אלטע ביימער האבן פארווארפן טליתים מיט גאלדענע עטרות איבער די קעפ און זיך געשטעלט דאווענען שחרית מיט מנין. די פעסטע שלאנקע קערפערס זייערע האבן זיך נישט גערירט, ווי ביי שטילער שמונה־עשרה, בלויז די קעפ האבן ביי זיי לייכט געציטערט...

אפגעריסענע שטיקלעך פון א מענטשן־קייט האבן זיך געצויגן אי־בער די וואלדיקע בערגלעך. די פאבריק האט איצט געכאפט א לייכטן דרימל ביז צום קומען פון דער טאג־שיכט; בלויז דא און דארט האבן איינצלנע מאשינען שטיל געברומט א נישט־דערענדיקטן ניגון, ווי זיי וואלטן דערמיט איינגעוויגט דעם גאנצן שטח פון ארום. דער פרישער ריח פון וואלד האט דערפרישט און איינגעשלעפערט צוזאמען.

ס'איז אוממעגלעך געווען צו האלטן די רייען. דער מגושמער פא־ליציאנט האט געמוזט כסדר איבערוועקן די, וואס זענען געגאנגען און געשלאפן, מיט זיין גומי־לולב. ביי יעדער שריט איז א צווייטער ארויס־געשפרונגען פון דער ריי, אפגעריסן א בלימל אדער א ווילד בערעלע און

עם אריינגעכאַפּט אין מויל... אַזוי האָט זיך דער וועג געצויגן און געצויגן...

ביי דער געביידע פון דער וואך האָט דער פּאָליציאַנט אריינדערלאַנגט דאָס צעטל פון ביוראָ אין אַ פענצטערל. ס׳איז אַרויסגעקומען אַ ווערקשוץ און מיט אַ גענעץ איבערגעציילט די מענטשן, דאַן האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. עס זענען אַרויסגעקומען עטלעכע באַוואָפנטע לייט און אַרויסגעפירט דורכן טויער.

אויף דער פריי האָבן די ביימער פון ביידע זייטן געהיטן דעם וועג. פון לאַגער-טויער אַקעגנאיבער האָבן אַרויסמאַרשירט פרישע גרופּעס צו דער טאָג־אַרבעט, באַוואכט פון פּאָליציי און ווערקשוץ. יעדער פון זיי האָט געזופּט קאַווע גייענדיק, פון אַ בלעכן, פאַרזשאַווערט קעסעלע... דאָ און דאָרט האָט וועלכער באַקומען אַ זעץ איבערן קאָפּ מיט אַ קאָלבע. אַזאַ איינער האָט אויף אַ מינוט זיך אומגעקוקט אַ צעטומלטער און שפּעטער ווייטער צוגעשטעלט דאָס בלעכל צו די ליפּן, זויגנדיק די לעצטע טראָפּנס.

ביידע גרופּעס האָבן זיך אויף אַ מינוט אויסגעגליכט. באַקאַנטע האָבן זיך איבערגעשריגן מיט איינצלנע, אָפּגעהאַקטע ווערטער און ווייטער מאַרשירט. דאָס איז געווען די איינציקע געלעגנהייט זיך צו קענען זען איבער דער וואָך...

צוויי טריט נאָכן טויער איז די גרופּע אויפגעלייזט געוואָרן און יעדער איינער האָט זיך געלאָזט אין אַ צווייטן ווינקל. דער גאַנצער הויף איז פול געוואָרן מיט טומל.

אין ווערק צע האָט אַ נייער טאָג אָרומגעבלאָנקעט, אַ פאַרשפּאַרטער הינטער דראָטן.

## ק אַ פּ י ט ל   צ ע ן

### I

בייטאָג איז מעכעלע נישט געווינט צו שלאָפן. די אויגן ברענען, אָבער די געדאַנקען זענען וואך און לאָזן נישט צופאַלן די ברעמען איינע

צו די צווייטע. אָן שטרוי און אָן צודעק איז נישט מעגלעך געווען צו כאפּן אַ דרימל נאָך אַזאַ אויפגעטרייסלטער נאַכט. די זון האָט געגנבעט זיך דורך די פענצטערלעך און אויסגעוועפּט דאָס לעצטע ביסל שלאָף פון די אויגן... ס'האָט ווער פאַרוואָרפן אַ וואָרט:

— אין וואַלד קען מען גיכער כאַפּן אַ דרימל... דאָרט אויפן גראָז איז ווייכער און די לופט שלעפּערט גיכער איין...

מעבעלע איז אַרויסגעקראָכן פון באַראַק און אַוועקגעלאָזט זיך אַביסל ווייטער פון די באַראַקן, צווישן די ביימער. שטיקלעך זון האָבן זיך געוואַלגערט צעבראָכענע צווישן די שאָטנס פון די צווייגן. דאָ איז געקומען עפּעס אַ מידקייט און שטילערהייט אוועקגעשלעפּט איין שטיקל מחשבה נאָך דער צווייטער פון מח און אים אַליין ערגעצוו ווייט פאַר־טראָגן אין אַ גאָרנישט־פילבאַר אָרט...

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט די זון זיך געגליטשט הויך אי־בער די הימלען. דאָ און דאָרט איז צווישן די ביימער געלעגן אַ ברוין־צוגעברענט געשטאַלט, איינגעטוליעט אין זיך אַריין — מיטן קאָפּ אַריינ־געגראָבן אין די גרויסע, ווילד־צעוואָרפענע האָר־קודלעס, ווי אין אַ שוואַרץ־שמוציק קישעלע אַריין...

פונעם הויף האָט זיך געטראָגן אַ שטאַרקער טומל, וואָס האָט פאַר־טריבן דאָס לעצטע ביסל איינגעשלעפּערטע פאַרחלשטקייט פון די אברים און האָט גערופן צו זיך. פונדערווייטנס צווישן די אָפּגעשיילטע ביימער האָבן זיך געפלאָנטערט די געלע שאָטנס. יעדעס מאָל האָבן זיי זיך צוזאַ־מענגעשמאָלצן אין גרופּקעס, עפּעס גערעדט צווישן זיך, זיך געאַמפּערט און דאַן ווידער זיך צעשיט ווי די מוראַשקעס אין איינצל, אין צווייען... אין פאַרשידענע ריכטונגען...

דער טאָג איז געווען שיין. די זון האָט אַרומשפּאַצירט איבער די באַראַקענע דעכלעך און מיט אַ נייגעריק אויג אַראָפּגעקוקט אויפן אונ־טערשטן געריר. פון צייט צו צייט האָט זי אַריינגעוואָרפן אַ שקאַציש־אינטריגירטן בליק דורך אַ פענצטערל און באַלד זיך אַוועקגעכאַפּט צוריק אין דער הויך, אויף די האַלב־איינגעדאַרטע ביימער־צווייגלעך. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי זי וואָלט זיי געלאָפּן דערציילן דעם סוד, אַז דאָ דאָרט

מען אומעטום... די שטיקלעך גאָלד, וואָס זי האָט פאַרלוירן אויפֿן וועג, זענען אַריינגעקנעטן געוואָרן אינעם בלאָטיקן טייג, צווישן איין באַראַק און צווייטן, און זיך געוואַלגערט ביי יעדן צופֿוסנס, איינגעשמירט און איינגעחזירט...

זי האָט אויסגעזען ווי אַ מידער אַרבעטער וואָס קומט פֿון דער פֿיקרין, לויפֿט, רודערט אַרום, ביז ער לייגט זיך מיד אַוועק אין דער ערשטער־בעסטער בלאָטע, מיטן גאַנצן, געלן שטויב פֿון נעכטן...

אין די ווינקלען זענען געשטאַנען פאַרגעלטע פֿרויען, ביי וועלכער מ׳האָט קיינמאָל נישט געקענט פֿעסטשטעלן דעם גענויעם עלטער, און אונטער שמוציקע שטיקלעך שמאַטע געהאַלטן באַגעלטע שטיקלעך ברויט צום פֿאַרקויפֿן. יעדע איינע האָט נערוועז זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, אויב ס׳קומט נישט ווער אָן פֿון דער זייט. אַקעגנאַיבער זענען געשטאַנען עטלעכע געלע שאָטנס און לאַנג צווישן זיך געשושקעט זיך. דריי פֿון זיי זענען צוגעקראָכן צו איינער פֿון די פֿרויען. איינער האָט פֿאָרזיכטיק אַרויסגעשאַרצט דעם צעשיטן הויז און פֿון עיפּושדיקן־געלן פּוס אַראָפּ־געוויקלט אַ קויטיקע שמאַטע. פֿון דאָרט האָט ער אַרויסגענומען אַ געל פּאַפּירל, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פֿינפֿער זלאָטע און עס דערלאַנגט דער פֿרוי. זי האָט לאַנג באַטראַכט דעם באַנקנאָט, מיט די געלע פֿינגער אים געהויבן אַקעגן דער זון און זיך געקווענקלט:

— שוין אינגאַנצן פֿאַרגעלט געוואָרן... מ׳דערקענט שוין באַלד נישט די ציפֿער... דער חשק צום מסחר האָט זיך אָבער געשטאַרקט און זי האָט דאָס פּאַפּירל פֿאַררוקט, שנעל, אין אַ דיסקרעט אָרט, אינעם ים פֿון צע־האָדערטע שמאַטעס... פֿון דער צווייטער העלפֿט בוזים האָט זי אַרויסגע־שלעפּט אַ פֿערטלדיק־צוגעשניטן ברויט, פֿון אַ לענגלעכדיקן, קילאָדיקן לאַבן...

איינער פֿון די דריי האָט גענומען דאָס שטיקל ברויט, וואָס האָט אויסגעזען ווי באַשיט מיט געלן שימל און די אַנדערע צוויי האָבן אים געקוקט מיט קילן חשד אויף די פֿינגער... שפּעטער זענען זיי לאַנג גע־שטאַנען ביי אַן אָפּגעלעגענער באַנק, צווישן צוויי באַראַקן, און מיט ציטערדיקע הענט געטיילט דאָס שטיקל ברויט אויף גלייכע חלקים. אַלע

מאָל איז אויסגעקומען פון אַ צווייטנס חלק אָפּצושניצן אַ דין פּענעצל און עס צוליגן צו אַ צווייטן. דער, ביי וועמען ס'האָט זיך געדאכט, אַז מ'שניידט פון זיין חלק, האָט אַ שטילן קרעכץ געטאָן; אַזוי ווי מען וואָלט דאָ געשניטן זיין לייב...

דאָס מעסערל איז געווען געמאַכט דורך אייגענע הענט, אויף אַן אָריגינעלן אופן: מ'האָט גענומען אַ לעפל און די צווייטע זייט פון הענטל האָט מען אַזוי לאַנג געדרייט מיט אַ שפּיציקן קיזל־שטיין, ביז ער איז געוואָרן שאַרף און שניידיק. אַזוי אַרום זענען געווען מעסערלעך אין לאַ־גער. זיי זענען אָבער נישט געווען שאַרף אַזויפיל, בכדי צו קענען צעשניידן די ברויט־טיילן, ווי עס געהערט צו זיין; אַלנפאַלס אַזוי, אַז די אויגן זאָלן קענען מסכים זיין מיט דער חלוקה... האָט מען אַזוי לאַנג געשניטן און געשניטן, ביז פונעם פּערטעלע האָט זיך אָנגעהויבט אויף דער באַנק דריי בערגעלעך מיט ברויט־קרישלעך...

דאָ איז אפשר נישט געווען דאָס געפיל פון קאַרגשאַפט בלויז, די מוראָ אָפּגענאַרט צו ווערן מיט אַ ברעקל — ווי דאָס ציטערדיקע געפיל פון טיילן ברויט אין ווערק צע... דאָס שפּילן זיך מיט ברויט און דער פריידיקער באַוווסטזיין, אַז מ'פאַרמאָגט אַזאַס... ווען מען וועט זיין פאַר־טיק מיט דער חלוקה, וועט יעדער פאַרשלינגען זיין חלק און ס'וועט גאָר־נישט זיין דערפון; דערפאַר אָבער, כל־זמן מען טיילט, כל־זמן מען איז נאָך נישט פאַרטיק — ציטערט דאָס האַרץ פון אויפרעגונג און מ'ווערט ממש שכור פון בלויזן געדאַנק, אַז איינס פון די בערגלדיקע חלקים איז מיינס... מ יי ן ברויט! ווער קען דען אויסמעסטן, וואָס אַזאַ קליינ־טשיק גליק באַדייט פאַר אַ ווערקצעניק!?...

אויף די שמאָלע ווענגלעך, צווישן איין באַראַק און צווייטן, לויפט אַרום אַ יונג ווינטל פוסט און פּאָס און ווייסט אַליין נישט, וואָס מיט זיך צו טאָן. אַקעגנאַיבער די טיילער שטייען הונדערטער, וואָס קוקן מיט קנאָה־אויגן און גאָווערדיקע מיילער, ווי אַזוי דאָרט טיילט מען ברויט... ברויט!!!

דאָס ווינטל פאַרפּלאָנטערט זיך אין זייערע געל־ברוינע טשופּרינעס און וואָרפט ביי זיי די האָר, ווי אַ ציטעריק מייזל. באַלד דערשפּירט עס

אָבער, ווּהין זייערע בליקן זענען אָנגעשטעלט און עס גנבעט זיך שטיל אונטער צו דער באַנק...

די שותפים זענען פאַרטאָן אין זייער אַרבעט, די חלקים זענען שוין צעשניטן אין האָר־דינע פענעצלעך און אויסגעלייגט גלייך. די אויגן מעסטן אוים צום ווּיפלטן מאָל, אויב ס'איז נישט ווער באַוואוּסט געוואָרן... קליינע שטיקלעך קרישקעס קוליען זיך דערווייל אַראָפּ פון אַ חלק־בערגל און בלייבן ליגן צעטומלט אין אַ זייט. די הענט כאַפּן זיי אויף און שאַרן זיי צוריק צום בערגל; ווען מ'לייגט אָבער אַרויף איינס צו אַ חלק, וואַרפט עס שטויסנדיק אַראָפּ אַ צווייטס און די שותפים ווערן צעטומלט, נישט קענענדיק וויסן מער, פון וועלכן חלק די ברעקלעך האָבן זיך אָוועקגעשאַרט...

דאָס ווינטל נוצט דערווייל אויס די געלעגנהייט, טוט אַ ווײ איבער די בערגלעך, כאַפּט, מיט די נישט־געזעענע פינגער, עטלעכע ברעקלעך אַזעלכע און מאַכט מיט זיי אַ סעקונדע פייער־קונצן אין דער לופט...

אַלע דריי קוקן נאָך מיט אויגן פול באַדויער אויף די פליענדיקע שטיקלעך. זיי טאָרן אָבער נישט פאַרלאָזן די באַנק און לויפן זיי צוריקכאַפּן... אַזויפיל אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן קוקן פון אַלע... וועלן זיי בלויז אַוועק איין טריט פון דער באַנק — קען דאָ עפּעס געשען...

וואַרפט דער ווינט דערווייל אַוועק אַ ברעקל ביי דעם צופוסנס, בייַ יענעם... און ער קוליעט זיך אין דער לופט פאַר הנאה, צוזעענדיק, ווי יענע וואַרפן זיך דערפאַר אויף די קני, ווי פאַר אַ גאָט...

II

אין אַ צווייטן ווינקל שטייען פרויען און פאַרקויפן צײַנדלעך קנאָבל און ציבעלעס. אַנדערע פאַרקויפן קליינע גלעזלעך מיט פאַרטריקנטע קאַרטאָפל שאָלעכץ. אויך דאָ זעט מען צו, אַז אַ שאָלעכץ זאָל זיך נישט פאַררייסן מיט אַ שפּיץ איבערן גלעזל אַריבער און מען מעסט די גרויס פון דעם קנאָבל־צײַנדל מיט אַ שטרוי. ביינערדיקע קונים גראָבן זיך איין מיט די אויגן אין גלעזל אַריין, אַנטדעקן אין מיטן אַ ליידיקן שפּאַלט און

פארלאנגען דווקא, אז די סוחרטע זאל אריינדריקן אהין נאך א שטיקל שאל...

זיי כעסן זיך און בעטן זיך דערביי אין הונגעריקער פארצווייפלונג:

— זעען זי אליין... ס'איז דאך האלב־ליידיק...

פון דער זייט קומט צו איינער וואס קויפט גארנישט. ער וויל אבער האבן הנאה פון רייצנדיקן מסחר, מיט וועלכן מ'קען שטאפן דעם מאגן. ווערט ער דער נייטראלער בורר, דער עקספערט און מבין. ער באטראכט דאס גלעזל פון דער אויסנזייט, קוקט אריין דורך די פארשמוציקט־דורכזיכטיקע ווענטלעך — פון סאמע דנא ביז ארויף און שטעלט פעסט מיט חשיבות:

— פריילין... דא איז צו־שיטער... איר זעט? אט־א־דא קען מען אדורכזען דאס גלאז פון איין עק ביזן צווייטן... קארגן זי נישט — עס קאסט אין סיי־ווי גארנישט... זי האבן די שאלן זיכער אויפגעקליבן ביים מיסט־קאסטן פון דער ווערקשטאט־קיך...

ער ווערט דערביי טרויעריק:

— שוין דריי טעג, אז כ'האב געמוזט ארבעטן ביי דער נארמע, ביז צום איינטרעטן און כ'האב נישט געקענט זיך אהין צונגבענען... דער טייוול זאל זיי נעמען מיט די נארמען...

דאס מיידל ווערט אזש רויט פון קרענקונג; אויף די בלויע ליפן לויפן ארום אנגעשוואלענע ווערטער:

— וואס הייסט, עס קאסט מיך נישט!? אז כ'ארבעט ביי דער פרעס, ווי אזוי זשע קען איך קריכן ביז צום מיסטקאסטן פון דער ווערקשטאט? איך אליין האב זיי געקויפט ביי די מענטשן פון „באאו"... אז כ'וועל פארקויפן דאס גאנצע זעקעלע, וועט מיר קוים אליין בלייבן איין גלעזל פאר זיך אויף אפצוקאכן...

דער „גייטראלער" ווערט שוין עטוואס ווייכער און גערירט:

— אנטשולדיקט מיר, פריילין, כ'האב גארנישט געמיינט דערמיט. ס'טרעפט אמאל און ס'געלינגט אליין אהין זיך צו דערשלאגן און אויפקלייבן... נאר אז זי זאגן, אז די שאלן זענען אפגעקויפט ביי די מענטשן פון באאו — קען איך זיך פארשטעלן, אז זי וועלן דערביי שוין קיין

גרויסע גליקן נישט מאכן... נאר, גארנישט... איר האט דא, ווי איר זעט אליין, נישט אנגעטראפן אויף קיין גרויסן גביר... ס'איז א פיקרינער — גלייך ווי איר. מאכט זשע נישט קיין געשעפטן! לייגט אים צו א צוויי שאלן אט־א־דא אהער און — אראפ פון מארק!

און צום קויפער האט ער אויך וואס צו זאגן, ער שושקעט אים אריין אין אויער:

— מאך נישט קיין שהיות... וועסט אין ערגעץ נישט באקומען בילי־קער. ס'גלעזל איז שוין געשטאפט... וועסט ביי איר מער נישט אויסווייי־נען קיין ברעקל... קלאפ־צו און פארטיק!...

און ווען די סוחרטע האט שוין אויסגעשאקלט דאס גלעזל אין יע־נעמס פארפעצטן היטל אריין און ער האט זיך געלאזט צום וועלדל צו — איז ערשט דער נייטראלער אים נאכגעלאפן:

— נו, שלעכט אויסגעדונגען פאר דיר? וואס? גיב כאטש א צוויי שטיקלעך פאר דער טרחה!

אזעלכע מעקלערס זעט מעבעלע אויסוואקסן ביי יעדן מסחר; צי מ'וויל יא אדער מען וויל נישט, דאס איז זעט אוים זייער חזקה... ווייל אלע מאכן שלום דערמיט.

ס'דארף שוין באלד זיין מיטאג. דער קליינער האנדל בליט איצט אין אלע זייטן. מען פארקויפט פון זיך דאס לעצטע פארן מינדסטן. איי־נער רייסט דארט פון זיך אפ דאס לעצטע קנעפל, בכדי צו באקומען דערפאר א צי פון א ציגארעטל. א צווייטער רייסט אפ א שטיק פון זיינע הויזן און זוכט א בעלן אויף א שטיקל סחורה, א לאטע צו לייגן... עס זעט אוים ווי אויף א נישט דא־וועלטיקן יריד... אבער אט נעמט מען לויפן... ס'האט ווער דערזען א ווערקשוץ פונדערווייטנס און כהרף־עין פארשווינדט אלץ אין די באראקן... דער פלאץ בלייבט שטיין א פארשעמטער און איינ־געשטומטער...

מעבעלען דערמאנט עס אין די מעשיות פון אלטע ספרים ארוים, וועגן מתים און לצים, וואס האבן פארלייגט אלע וועגן און פלוצים, מיט איין פייף, פארשווונדן אין גארנישט אריין... ער ווייסט בלויז נישטא דא פארוואס אט־די מתים האבן נאך מורא... די הימלען האבן זיך ביי אים א וואקל געטאן און ער ווייסט נישט, וווהין מתים האבן צו אנטרינען...

## III

אָרימער, נאַאיווער מעכעלע! דו האָסט געטראָגן מיט זיך אַ גלויבן אין עפּעס שיינס, וואָס וועט זיך נאָך צעהעלן איבער דער וועלט... האָסט דיינע יונגע יאָרן אַריינגעלייגט אין ביכער און פאַרשטויבטע ספרים. דאָרט האָט מען דיר דערציילט וועגן באַלויכטענע הימלען, וואָס טונקען זיך אין גערעכטער ליבשאַפט און צאָרנען ביי דער נישטיקסטער אומגערעכטיקייט... דו האָסט זיך דיין גאָט אויסגעוואַרעמט אין האַרץ און האָסט אים ווי אַ קמיע געטראָגן פאַר אַלע בייזע מחשבות... עפּעס האָסטו זיך אָנגעטראָפן אין גאַנצן יונגן לעבן דיינעם אויף זיג־זאַגן און משונהדיקע נישט-געאָרדנטקייטן... דו האָסט אים אָבער געהאַט און אים געטרויט!... געטרויט און געוואַרט אויף זיין פאַרגלייכן די פאַרקרומטקייטן... ווי געדולדיק דו האָסט געטראָגן דעם שווערן זאַק פון לעבן און אפילו מורא געהאַט אַריינצובליקן אַמאָל, וואָס דו טראָגסט דאָרט...

ווער זאָגט עס, אַז אברהם בלויז האָט אַ יונגן זון צו דער עקדה געפירט!? דו האָסט נישט געקלערט קיינמאָל, מעכעלע, אַז דו פירסט דיינע יונגע טעג, אַזויפיל יונגע גלוסטיקייטן! און לייגסט זיי אויפן פאַרצערונגס-פלאַם פאַר זיינעטוועגן... ס'איז אַזוי געווען, ווען דו האָסט אַ גאָט אַריינגעזעצט אין די בלוטן. דאָס איז געווען אַ גאָט פון קאַלטן פייער, וואָס האָט דיך שטענדיק געצונדן און געלאָשן...

שפּעטער ביסטו אַריינגעשטויסן געוואָרן אין גיהנומס און דו האָסט צו אים געשריגן פון פאַרצווייפלונג... דו האָסט געוווסט, אַז ער איז אין דיר אָדער אויסער דיר פאַראַן און דו האָסט זיך געשטיקט אין די פלאַמען און געלאָזט זיינע צייכנס גליען אויף דיין שטערן. טעג ביסטו געווען שטאַרק. מענטשן האָבן פאַר דיר באַוויזן די גבורה פון שפּרינגען מיט אמונה אין די פלאַמען... וואָכן און חדשים האָבן אָבער דיך אַריינגעוואָרפן אין ספיקות... גיין; לעבן אַזוי און שלינגען הפקר-מאָרד, גסיסה־פּיין און דערביי גאָרנישט זען און הערן — דאָס האָסטו נישט געקענט... און ווייל דו האָסט עס נישט געקענט — איז נישט מעגלעך געווען, דו זאָלסט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער קען עס יאָ... ווער איז דאָס ע ר ? ווייַ, ווי

דו האָסט שוין נישט קיין נאָמען פאַר זיינעטוועגן.... אַט האָסטו אים גע־האַט, אים געשפּירט באַרירן דיין האַנט און דו ווייסט אַפילו נישט, ווען דו האָסט אים פאַרלוירן, ווו דו האָסט אים געלאָזט — — — ער איז אַרונטער אונטער די נעפּלען, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דיין מוח און — גאָר־נישט... אַ גאָרנישטקייט איז געבליבן... דו האָסט נאָך געכאַפּט אַמאָל אַ פּאָר תּפילין און געפּרוווט רעדן צו אים, טענהן, שרייען... דו האָסט זיך שוין אָבער דאַן געשעמט מיט זיך אַליין...

דו האָסט דאָך אים נישט געוואָלט פאַרלייקענען, אמת? ער האָט זיך אַליין אָפּגעלייקנט אין דיר און דו האָסט עס דערשפּירט שוין נאָך אַלע־מען... דערנאָך האָסטו געזאָגט:

— ווען ער זאָל אַפילו זיין, וויל איך מער נישט... איך שרעק זיך פאַר זיין ז יי ן ... פאַר וועמען צו שרעקן זיך האָסטו נישט געהאַט. שטעט זענען שוין געלעגן געקוילעטע ביי דיין צופוסנס און הימלען האָבן זיך שוין גענוג אָנגעטרונקען מיט בלוט און אָנגעזויפּט זיך מיט גע־שרייען...

יאָ, דאַן האָסטו נאָך געהערט ש ר יי ע ן ... שטעט גאַנצע, עדות האָבן געשריגן און אויסגעגאַנגען און דאָס געשריי האָט אין דיר געהילכט און געוואָרגן, האָט הימלען געריסן ביי די בלויע קאָפּאָטעס און זיי אַמאָל געצווונגען אָנצוטאָן גרויע אבלות־זעק און צו גיסן מיט פאַלשע טרערן...

היינט הערסטו נישט מער דאָס געשריי, וואָס זאָל דיך מאַכן מיט־שרייען. דאָ זעסטו די דערוואָרגענע און די דערקוילעטע ווי זיי דרייען זיך אַרום... זיי האָבן שוין זייערס אָפּגעלאַרעמט און אָפּגעגוססט... זיי זענען שוין טויט און גייען טויטערהייט אַרום און זוכן מיסט פון קאַר־טאָפל, ציבעלעס און רויך... און שטאַרבן שוין אַוועק צום ווייפלטן מאָל אַן וועלט־אויפרודערנישט און אָן פּראָטעסט פון דעררוצחטע — — — איבער זיי דרייט זיך אַרום די זון אַ צעשמייכלטע און איז צופרידן:

— ווי שטיל זיי גייען אויס... זיי מאָנען ביי קיינעם גאָרנישט... צו די הימלען דערגרייכן זיי נישט און אַפילו אויף דער ערד האָבן זיי אויפ־געהערט עפּעס צו זוכן...

זע, מעכבעלע, ווי דו ביסט איצט אָרים געוואָרן... אַזוי אָרים, אַז

דו קענסט אויף זיך אליין קיין רחמנות נישט האבן... דעם ערשטן טאג ביסטו ערשט דא און דו גייסט שוין ארום, זעסט אלץ, אלץ! און פאר־בייסטסט אפילו נישט די ליפן פאר כעס... ווי אזוי זשע וועסטו קענען אקעגנגיין די וויטערדיקע טעג?

ניין, אפשר דארפסטו אויף זיי נישט בייז זיין. זיי האט מען דא שוין אלץ בארויבט; אפילו דאס געשריי פון א קאלב ביי דער שחיטה האט מען שוין ביי זיי צוגענומען. נאך דער חיונה־זוך פון א ווארעם לאזט מען אין זיי לעשן זיך און צעפלאמען... און דו, וואס דו האסט דאס געזען און זיך נישט צעשריגן איבערן גאנצן פלאץ... און נישט גע־ריסן זיך די האר פון קאפ... ביסט אין יענער מינוט געשטארבן — — — —

א רחמנות אויף דיר, מעכעלע, וואס ביסט אזוי ארים געווארן... קיי־נער איז נישטא און זעט נישט וואס עס איז פון אינעווייניק ארוים פאר־שוונדן... טא לאמירביידע זיך כאטש באגלייטן מיט יאמער...

## קאפיטל עלף

### I

די ערשטע צום שטארבן אין לאגער זענען די פיקרינער. דערביי אבער זענען זיי געווען די ערשטע צו אלע קליינע מסחרימלעך. א מאדנע זאך מיט זיי; די וואס זענען ארומגעקראכן און קוים נאכגעצויגן א פוס — האבן עס אזוי געקענט חדשים־לאנג... זיי זענען אזוי געגאנגען צו דער ארבעט, געמאטערט זיך און געצאנקט אין די נעכט אין דער קבר־פריטשע... די זענען אין מערסטן טייל אוועקגעפירט געווארן אויפן שים־שטאנד... און די אנדערע, וואס האבן ארויסגעוויזן רירעוודיקייט, גע־לאפן, געזוכט א מעקל צו טאן א ברייטל צום פארקויפן און געשפרונ־גען, ווי א לעבעדיק־געזונטער מענטש... זיי האבן עפ״י רוב פלוצים קרא־פירט!

די נארמאלע ארבעטס־צייט פון א שיכט איז ביי אלע אפטיילונגען

געווען 12 שעה. דערצו איז געקומען דאָס אָפּציילן, דאָס וואַרטן און אַמאָל די ספּעציעלע צוגאָב-אַרבעטן, אַזוי. אַז עס איז געבליבן גאָר ווייניק שעהן צום שלאָפן אָדער עפּעס צו טאָן פאַר זיך...

שוין מיטן ערשטן בליק איז געווען צו זען, אַז די הויפּט-שעדלעכסטע אַרבעט אויפן באַטריב איז — פּ י ק ר י ן ... די אַרבעט ביי דעם מין גיפט האָט שנעל אויפגעפרעסן די לונגען און אויסער געציילטע — אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס — אויסנאַמען, זענען גאַנצע פּאַרטיעס אויסגעשטאָרבן אָדער ווי אויסגעדאַרטע סקעלעטן אַוועק אויף סעלעקציעס.

דערפאַר אָבער איז זייערס אַ שיכט נאָר געווען אַ כ ט שעה. די נאַכט-שיכט איז צוריקגעברענגט געוואָרן דריי אַזייגער פאַרטאָג און ביי דער טאָג-שיכט האָבן זיי שוין פינף ביימאָג אָוועקגעלייגט די אַרבעט.

אַמאָל האָט זיך נאָך געטראָפן, אַז די אַלטע מאַשינען האָבן געאַרבעט אין אָרדענונג, האָט מען געקענט ביינאַכט מאַכן די נאָרמע און נאָך כאַפּן אָפּגעריסענע שטיקלעך דרימל ביי דער מאַשין, צווישן איין קאָסטקע-סעריע און דער צווייטער. שפּעטער האָט מען געקענט פון דריי ביינאַכט ביז אַכט פרי זיך אַביסל אויסשלאָפן. איז געבליבן אַ שטיק טאָג, ביז 4 נאָכמיטאָג, צו קענען זוכן אַ שטיקל מסחרל, שאַפן זיך אַ פּאָר זלאָטעס, קויפן ביי אַ פּאָליאַק אַ ברייטל און עס פאַרקויפן אין לאַגער אויף פּערטעלעך און אַכטעלעך... אפילו די, וואָס זענען שוין געווען איינגעבראָכן און געלעגן וואָס לענגער איינגעקנודערט אויף דער פּריטשע, האָבן זיך אויך ביי מיטאָג-צייט אַרויסגעוויזן.

האָט מען דערפאַר אין שפּעטן פרימאָרגן בלויז געזען אַרומדרייען די געלע פּיקרינער און פּיקרינערינס אויפן הויף און דאָס האָט צוגעגעבן דעם לאַגער זיין איינציקאַרטיקן קאָליר...

פון דער אַרבעט האָבן זיי מיטגעברענגט, אין זייערע צעשיטע בגדים, ימים מיט געלן שטויב און עס איז געוווג געווען, אַז אַ פּיקרינער זאָל זיך טאָן אַ קליינעם באַוועג — און עס האָט זיך גענומען צעטאַנצן אַרום אים אין דער לופט אַזאַ בייסיקע סמיקייט, וואָס האָט זיך איינגעביסן מיט אַ

מוראַדיקער ביטערניש דורך דער נאָז און מויל ביז אין דער טיף פון אַלע אברים... האָט מען זיי דערפאַר אויסגעמיטן פון ווי-ווייט...

געשלאָפן איז מען אין אָנטועכץ. זענען זייערע פריטשן אַדורכגעזאַפט געוואָרן מיט דער זעלבער געלקייט. דאָס זעלבע איז געווען מיט די ווענט. צוליב דעם וואָס די פיקרינער זענען אָפט אינדרויסן אָפּגעשוואַכט אָדער פאַרחלשט געוואָרן פון זון און הונגער — האָבן זיי זיך אין חלשות אָנגעלענט אין דער וואַנט, ביז דער טויבער רויש פון די אבדים וועט אַריבער... דערפאַר זענען אויף די ווענט געבליבן גרויסע, פלעקיקע צייכנס, וועלכע פליגן האָבן אויסגעמיטן ביים בלאָנקען זינלאָז איבער די ברעטער... אין פאַרלויף פון חדשים זענען די באַראַקן — ווו די פיקרינער האָבן געוווינט — אָפּגעצייכנט געוואָרן און באַקומען די זעלבע מראה, וואָס זייערע איינוווינער...

ביינאַכט זענען די פיקרינער, פון מידער פוילקייט, נישט געגאַנגען לאָזן זייער אורין ביז צום ווייטלעכן קלאָזעט (אַ פיקרינער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן טריב צו לאָזן אָפטער אורין... אָפטמאָל ביז 7-8 מאָל אַ נאַכט), נאָר זיי האָבן עס געמאַכט ביי דער שוועל. זיי האָבן דערפאַר אונטער דער שוועל געמאַכט אַ גרויס לאָך, דורך וועלכן די פליסיקייט האָט אַוועקגעצויגן פון באַראַק. צוערשט האָט די פּאָליציי נישט ביי איינעם אָפּגעהאַקט די לעצטע פעדים, וואָס האָבן צוגעהאַלטן די לונגען אינעווייניק... דאָ האָט אָבער גאָרנישט געקענט העלפן; נישט קיין רייד און נישט קיין קלעפּ... אין אַ מיד־פאַרשלאָפענעם צושטאַנד האָט דער פיקרינער סיי־ווי געטאָן ווי אים איז געווען אַמבאַקוועמסטן...

האָט מען פאַרטאָג בלויז געזען זיך אַרויסגנבענען פון אונטער דעם שוועל־קלעצל אַ קליין, שוימיק שטרעמל, וואָס האָט אָפּגעפאַרבט אַ לענגלעכן ערד־שנור מיט אַ שמוציקן, געל־ברוינלעכן קאָליר... מיט דער צייט האָט זיך אָט דער אורין־פלעק איינגעגעסן אין דער ערד מיט אַ טיפן ריץ, פון וועלכן ס׳האָט זיך געטראָגן אַ זאַלציק־ביטערער עיפּוש־ריח, וואָס האָט געביסן די אויגן און די נאָז... איבערהויפּט איז דער שמוץ געוואַקסן ביי יעדן באַראַק בערגערווייז. אַפילו די ווערקשוץ האָט שוין רעזיגנירט דאָ עפּעס אויסצובעסערן...

די פּיקרינער זענען געווען גיכער „געשיצט” פאַר רעוויזיעס. נישט יעדער איינער פון די ווערקשויץ האָט זיך געוואָלט צו אַזעלכן דערנענטערן און אים גרינטלעך אַדורכזוכן די טאַשן, דערפאַר אָבער זענען זיי שטענ-דיק געווען די ערשטע קרבנות. אַפילו ווען אַ ווערקשויץ איז באַפאַלן דער מאַרד־משוגעת, האָט ער זיך אויסגעזוכט אַ צוויי-דריי פּיקרינער, זיי אוועקגעפירט אין וואַלד אָדער אויפן שיס-פּלאַץ און דערשאָסן.

אויך די יידן אין לאַגער האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צום גע־דאַנק, אַז דער פּיקרינער איז אַ באַזונדער סאָרט מענטש. ס'איז שוין גע־ווען דער געוויינלעכער נוסח פון די שמועסן אין לאַגער:

היינט זענען געווען 8 טויטע, צווישן זיי 5 פּיקרינער...

באַלד אין ערשטן טאָג פון זייער אַרבעט זענען זיי ביי יעדן אין גע־דאַנק פאַרשריבן געוואָרן ווי טויטע! צווישן די וואָס קענען שוין נישט און ווילן נישט עקזיסטירן מער; מ'האָט איבער זיי געטראַכט, נישט ווי איבער לעבעדיקע, הגם זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט, זיך געריסן איבער אַ ביסל זופּ און זענען פֿול געווען אומעטום ווו מ'קען נאָך געפינען וואָס אין מויל צו נעמען...

אויב ס'האָט בכלל נישט עקזיסטירט קיין באַדויער איבער אַ טויטן, וואָס איז געשטאָרבן אָדער דערשאָסן געוואָרן אין ווערק צעך; איז עס אָבער דאָך געווען אַ געוויסע געשעעניש, איבער וועלכן מ'האָט גערעדט, דערציילט זיך... פאַרנאַכט, ווען מ'איז אהיימגעקומען פון לאַגער און עס איז בייטאָג פאָרגעקומען אַ סעלעקציע, האָט מען זיך אין די ווינקלען אויסגערעכנט די נעמען פון די, וואָס מען האָט אוועקגעפירט... די פּיק-רינער זענען אָבער געווען נאָמענלאָז. זיי האָט מען שנעל אַריינגעפּאַקט אין די האַלעס, באַלד זענען אַלע געוואָרן אָפּגעפּאַדבט אויפן זעלבן קאָ-ליר און געוואָרן ענלעך איינער צום צווייטן. זיי זענען אויך אַזוי שנעל דאַר געוואָרן און פאַרשוווּנדן, אַז קיינער פון זיי האָט זיך נישט געקענט איינקריצן אין זכרון. אויסער געציילטע, זענען זיי נישט געוואָרן אַזוי קאָנטיק, אַז מיטן טויט זייערן זאָלן זיי באַאומרואיקן די אַלטעגלעכע אָר־דענונג און מ'זאָל דערמאָנען זייער נאָמען... איז עס געווען בלויז אַ פּאַ-סירעניש וואָס מען דערמאָנט פאַרבייגייענדיק:

— מ'האט היינט ווידער אוועקגעפירט עטלעכע פיקרינער...

## II

די ארבעט ביי דעם פיקרין איז געווען פארהעלטענישמעסיק לייכ־טער, ווי אין אנדערע אפטיילונגען, מיט ווינציקער פיזישער אנשטרענ־גונג, און דאך האט דער גיפט אין פארלויף פון געציילטע וואכן זיי באַ־וויזן צו מאכן פאר הוילע סקעלעטן. אזוי זענען זיי געגאנגען צו דער ארבעט, געמאכט זייער נארמע, ביז איינער אדער א צווייטער איז איג־דערפרי נישט אויפגעשטאנען. טייל זענען אזוי געבליבן ליגן פארשטופט אין דער פריטשע-טיף א טאג און מער. געווען אויך אזעלכע וואס האבן אין כוחלאזיקייט נישט געוואלט אויפשטיין צו דער ארבעט, נאר געווארט אויף א סעלעקציע אדער אויפן זיכערן טויט, וואס זאל קומען צו אים און אים דערשטיקן אויף דער פריטשע...

דער מייסטער פון דער פיקרין, וואלטער, האט געפייניקט זיינע ארבע־טער, מיט וואס ער האט נאר געקענט און דער פאליציאנט האט פאר אים געציטערט. פארן פאליציאנט פון דער גרופע איז די אויפגאבע זיינע שווער געווען אויסצופירן. נישט מעגלעך געווען אלעמאל צוזאמענצו־שטעלן די גאנצע גרופע אין קאמפלעט. די מענטשן האבן זיך צו־שנעל געביטן און ער האט נישט יעדן געקענט האבן אויפן אויג.

די פרויען ביי דער פיקרין-ארבעט האבן זיך געהאלטן עטוואס בע־סער. צוליב זייער פארגעלקייט זענען זיי אבער געווען די זעלבע ווי די מענער, הגם טייל פון זיי האבן זיך טראץ אלעמען באוויזן צו דערהאלטן זוויבער. אזוי ווי זיי האבן געהאט מער צייט, האבן זיי זיך געעפנט די ערשטע „קרעמלעך" אין לאגער. די סחורה איז באשטאנען אין א לאבן ברויט, עטלעכע קילא קארטאפל, עטלעכע טעפעלעך קאשע און א פאר ציבעלעס. געווען א סך פון זיי, וואס האבן זיך מיטגעברענגט בעטגעוואנט פון דער היים — האבן זיי בײם גיין צו דער ארבעט פארשטעקט די פראַ־דוקטן אין א לאך אונטערן בעט און ווען זיי זענען געווען אין באראק, האבן זיי אלץ געהאלטן אונטערן קישן. זיי זענען בייטאג געלעגן אין־

בעט און ווען אַ קונה איז אַריינגעקומען, האָבן זיי אויפגעדעקט דאָס איבערבעטל, אַפערגענומען פון אונטער זיך דאָס געפּאָדערטע און עס פאַרהאַנדלט. דאָס האָבן זיי געטאָן, בכדי צו זיין זיכערער, אַז עמעץ וועט זיי דאָס נישט אויסכאַפּן אָדער רעקווירירן. נישט יעדער פּאָליציאַנט האָט געוואַגט אַ מיידל אַרויסצושלעפּן נאַקעט און רעווידירן דאָס בעטל... אַלנפאַלס נישט אין די ערשטע צייטן...

געווען אַפילו אַזעלכע מיידלעך וואָס האָבן דערביי פאַרדינט אַביסל געלט, אויסגעזוכט זיך בחורים, וועלכע זיי האָבן אונטערשטיצט... אויך דאָס האָט געצווונגען די פּיקרין-מיידלעך מער צו האַנדלען און זוכן קוואַלן פון הכנסה... ווייל אין דער צייט ווען אַנדערע האָבן געהאַט גיכער דער-פאָלג, האָט זייער געלקייט אַלעמען אָפּגעשראַקן און דאָס ביטערקייט אַרום זיי האָט געטריבן... ווען איינע האָט אָבער געהאַט אַביסל געלט — האָט זי געקענט אויסזוכן אַ בחור, וואָס ער זאָל מיט איר פאַרברענגען אין זיין ביסל פרייער צייט און זי האָט אים דערפאַר אונטערגעשטיצט, ער זאָל נישט פאַלן פון די כוחות. די צאָל אַרבעטער ביי דער פּיקרין פון אַלע אָפּטיילונגען (צווערשט 2 און שפּעטער 3 שיכטן) האָט אַרומגע-נומער בערך 12 ביז 15 הונדערט מענער און פרויען. זיי האָבן געלעבט זייער באַזונדער לעבן, ווי די „פּאַריער" פון לאַגער; אַפילו די אָפּגעריי-סענע און באָרוויסע פון אַנדערע אָפּטיילונגען האָבן זיי אויסגעמיטן. גע-ווען באַראַקן, וווּ עס האָבן געוווינט די בעסער-סיטואירטע פון לאַגער; דאָרט האָט מען נישט אַריבערגעלאָזט קיין פּיקרינער אויף דער שוועל. קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז יענעם טוט עס וויי און אויך די פּיקרי-נער האָבן עס שוין אויפגענומען ווי אַ נאַטירלעכקייט. דעם ערשטן טאָג פון דער אַרבעט ביים געלן גיפט האָט אַזעלכער געוווּסט ביי זיך, אַז ער איז אַן אַנדערער, אַ פאַרשטויסענער פון אַלעמען. אַלע האָבן זיך געהיטן נישט אָנצורירן זיך אין אַ געלן, ער זאָל אים נישט באַפלעקן דערמיט. מען האָט זיך אויך נישט געוואָלט וואַשן נעבן זיי, ווייל אַמאָל האָט דאָס וואַסער געגומען שפּריצן מיט אַזעלכע ברודיקע פלעקן, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין קערפּער און שפּעטער איז נישט מעגלעך געווען זיך צו דערוואַשן...

אין די אָרימערע באראקן, ווו אַ פּיקרינער איז יאָ אַמאָל אַריינגעלאָזט געוואָרן, האָט ער געמוזט שטיין אין ווינקל; ווינטער האָט ער געמוזט שטיין ווייט פון אייוועלע, ווייל פון דער היץ האָבן די קליידער זיך צעפּרייעט און אָנגעמאַכט אין באראקל אַ לופט וואָס האָט ביטער געשטיקט אין האַלדז...

האָבן דערפאַר די פּאָר פּיקרין־באראקן, אין סאַמע עק פון לאַגער, אַרומגענומען אַ באַזונדערס־אומגליקלעכע און עלנטע וועלט.

## III

אויסער דעם ערשטן דייטשן מייסטער איבער דער פּיקרין־אָפּטיילונג, וואלטער, איז נאָך געווען אַ צווייטער מייסטער, וועלכער איז געקומען עטוואָס שפּעטער. דאָס איז געווען דער 81-יעריקער פאָן העכט פון לייפּציק. טראָץ זיין טיפן עלטער איז ער נאָך געווען רירעווודיק און אומעטום אויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד. ער איז געווען דאָס געשפּענסט פון אַלע פּיקרינער. זיין הויכע, דיקע פיגור איז שוין געווען אַביסל איינגעהאָרבעט און זיין ריזיק פּנים איז שטענדיק געווען שכור און אָנגעגאָסן מיט שנאה צו אַלעמען. עס איז גענוג געווען, ער זאָל אויף עמעצן אַ בליק טאָן פון אונטער זיינע בלעכענע ברילן אָפּער מיט זיינע שטעכיק-גרויע אויגן, אַז דאָס בלוט זאָל פאַרגליווערט ווערן אין די אָדערן. איבערהויפּט האָבן פאַר אים געציטערט די יונגע מיידלעך, וואָס זענען אַריינגעפאַלן צו דער פּיקרין. ער האָט ליב געהאַט יעדעס מאָל אויסצושטעלן די פרויען אין דער ריי, לאַנג-לאַנג זוכן צווישן זיי און אויסקליבן די שענסטע, בלאָנדע פרויען און זיי צושטעלן צו דער ערגסטער און שטויביקסטער אַרבעט: ביי דער פּרעס...

ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קאַלטער גרויזאַמקייט און פאַנאַטישער איבערגעגעבנקייט פאַר דער קריגס-פּראָדוקציע. ער איז גרייט געווען אומצוברענגען צען מענטשן צוליב איין קאָסטקע מער פון אַ שיכט. ער האָט אייפעריק נאָכגעזוכט סאַבאָטאַזש־אַקטן און שטענדיק אַרומגעגאַנגען און געברומט אומצופרידן, צוליב דעם וואָס די פּראָ-

דוקציע איז נאָך אַלץ נישט אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין. צו יעדן האָט ער זיך באַצויגן מיט שטעכיקן חשד; אַפילו די דייטשע אַביסל־צוריקגעהאַל־טענערע מייסטערס האָבן פאַר אים געציטערט, ווייל קיינער פון זיי האָט נישט געקענט זיכער זיין, אַז העכט וועט נישט ווען־ס׳איז, ערגעצוו, אַ ברום טאָן וועגן אים עפּעס אַ קלאָג־וואָרט...

די ערשטע צייטן האָט די נאָרמע פון דער פּיקרין אויסגעטראָגן דריי קעסטלעך טעגלעך, וואָס האָט אויסגעמאַכט 270 קאַסטקעס. ביסלעכווייז האָט אָבער העכט, ביי די זעלבע כוחות־פּאַרהעלטענישן, אַרויפגעצויגן די טעגלעכע פּראָדוקציע אויף צוועלף קעסטלעך. די פּוילישע מייסטערס און פּאַראַרבעטער האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז די צאָל זאָל ווי געהעריק ווערן אויסגעפּאַרטיקט.

העכט מיט וואַלטערן זענען זעלטן אַריינגעקומען אינעווייניק. זייערע באַפעלן האָבן זיי אַרויסגעגעבן אויף דער שוועל, האַלטנדיק אַ טיכל איבערן מויל און נאָז. געשלאָגן האָבן זיי אין דרויסן. נישט זעלטן אָבער האָבן זיי אַריינגעשליידערט די אַרבעטער אַ קליין, מעשן העמערל — וואָס האָט געדינט צום צעשטויסן די פאַרהאַרטעוועטע שטיקער סאַלעטראַ און טראָטיל — גלייך אין קאָפּ אַריין... איינמאָל, ווען העכט איז פאַר־ביי־געגאַנגען דורכן פענצטער און געזען ווי אַ מיידל שטייט אין דער האַ־לע אַריבערגעבויגן איבער עפּעס — האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ האַמער דורך דער גרויסער, קאַסטבאַרער שויב... די שויב איז טאַקע צעשפּרונגען אויף שטיקלעך; ער איז אָבער דערביי געשטאַנען אַ צופרידענער, דערפון וואָס דעם מיידלס קאָפּ איז דערביי אויפגעשפּאַלטן געוואָרן...

ביי העכטן איז געווען קלאָר, אַז די יידן סאַבאָטירן די אַרבעט און ער האָט צוגעטראַכט אַלערליי טאָרטורן פאַר זייערטוועגן. נאָכן אַרויפ־ציען די נאָרמע ביז צו איבער־מאַקסימום האָט די אַרבעט געמוזט גע־מאַכט ווערן אין טייוולאָנישער שנעלקייט. די פּאָדלאָגעס פון די האַלעס זענען פול געווען מיט בלוט־פלעקן, וואָס האָבן מיט דער צייט אָנגענו־מען זייער אייגנאַרטיק־געלן קאָליר און דאָס האָט געשראָקן און געטריבן... אין געאייל האָט מען אָפט נישט באַוויזן צוצוהיטן די פּרעס ווי געהע־ריק און עס זענען פאָרגעקומען עקספּלאָזיעס, ביי וועלכע די מענטשן זע־

נען צעריסן און באַשעדיקט געוואָרן. העכט מיט וואַלטערן האָבן נאָך אַזעלכע פאַלן שוין אויסגעזוכט עטלעכע שולדיקע צום דערשיסן. די מאַשין איז דערביי אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף אַ שעה־צוויי, ביז מען האָט זי געמאַכט אין אָרדענונג און שפּעטער איז צוגעגאַנגען אַ שוידערלעכער געיעג אָנצויאָגן די נאָרמע...

און דאָך זענען געווען אַ צוויי צענדליק מענטשן, וואָס האָבן באַוויזן אַדורכצוהאַלטן די שווערסטע וואָכן ביי דער פּיקרין און בלייבן לעבן. אין זייער אָרגאַניזם האָט געשטעקט עפּעס אַ פאַרבאָרגענער כוח, וואָס איז געווען ווידערשטאַנדס־פּעאיק קעגן דער גאַנצער פאַרצערנדיקער געלעניש און ביטערקייט. זיי האָבן זיך געפונען ביי דער אַרבעט פון דער ערשטער מינוט אָן. ווען ס'זענען געקומען פרישע טראַנספּאָרטן, האָבן זיי באַקומען לייכטערע אַרבעט און אַזוי אַרום געבליבן די סטאַבילע מאָהיקאַנער פון די ערשטע פּיקרינער. זיי האָבן זיך אין די פרייע שעהן אַרומגעדרייט איבערן הויף, געהאָלפן אַרויסטראָגן די טויטע פון די באַראַקן און געהאָלפן ביי די פאַרשידענע האַנדלס־מעקלערייען. אין זייערע באַראַקן זענען אַלעמאָל געקומען מענטשן און געגאַנגען; טראַנספּאָרטן גאַנצע האָבן אָפּגעהאָרעוועט זייער ביסל טעג אָדער וואָכן, און עלנטערהייט שטיל רעזיגנירט און אויסגעגאַנגען. דערפאַר אָבער האָבן זיי, די גענייטע, זיך צוגעוווינט צו זייער אַרבעט; ווי אַלט־איינגעזעסענע געבאַלעבאַטעוועט איבער די באַראַקן און אָנגעוויזן די פריש־אַריינגעפאַלענע ביי דער אַרבעט. זיי האָבן אַזוי געצויגן דאָס לעבן זייערס אָן אויפהער דורך דער געל־פאַרשמירטער וועלט, אַזוי ווי אַ געהיימער כוח וואָלט זיי געשיצט... זיי זענען אַזוי אַרומגעגאַנגען איבערן לאַגער, דירעוודיקפלינק און מיט זייער אומפאַרשטענדלעך לעבן געוועקט צו זיך מוראדיקן דרך־ארץ... אפילו די קאָמענדאַנטן האָבן זיך צו די סטאַבילע פּיקרינער באַצויגן מיט באַהאַלטענעם יראת־הכבוד און פון צייט צו צייט זיי צוגעוואָרפן אַן איבעריק שטיקל ברויט... מיט זייערע געלע, פולע פּנימער זענען זיי אויך געווען דער לעצטער פונק פון האָפענונג ביי די פרייַע פּיקרינער. יעדער פון זיי האָט יענע ליב געהאַט פאַרן ניט לאָזן זיך נע־

מען פון טויט און נישט ביי איינעם האָט אַ געפיל שטיל געפּלאַטערט, קוקנדיק אויף זיי:

— אפשר איז נאָך נישט אַלץ פאַרפאַלן? אפשר וועלן אויך ביי מיר די לונגען נישט פאַרברענט ווערן? וועט דאָס האַרץ נישט פּלאַצן?

זיי זענען אַזוי אַרום געוואָרן דער נס פון יעדן פּיקרינערס האַרץ.

## קאַפּיטל צוועלף

### I

די קיך פון לאַגער איז געווען אויפן שטח פון דער פאַבריק. די פאַבריק האָט אויך געהאַט איר אייגענע בעקעריי.

אָפיציעל האָט מען באַקומען 23 דעקאַ ברויט טעגלעך און צוויי מאָל אין טאָג צו דריי־פערטל ליטער זופּ.

אַלע פּוילישע אַרבעטער האָבן פון דער פאַבריק באַקומען 4 קילאָ ברויט וועכנטלעך, אויסער זייער נאָרמאַלן געהאַלט. יעדער לאַבן פון דער בעקעריי איז געווען געשטעמפּלט מיט דעם פאַבריקס־צייכן איבער דער גאַנצער לענג פון ברויט. דער דאָזיקער פאַבריקס־עמבלעם האָט באַצייכנט, אַז דאָס ברויט איז נישט פון דעם געשמוגלטן מעל, וואָס מען פאַרקויפט אויף דעם שוואַרצן מאַרק, נאָר שטאַמט פון אַ כשרער רעגירונגס־אינסטאַנץ. דער זעלבער צייכן האָט געהאָנגען איבער אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אויפן שטח פון דער פאַבריק, ווי אין אַלע הונדערטער „האסאג״־אָפּטיילונגען אויפן אָקופּירטן געביט פון אייראָפּע. דאָס האָט דערמעגלעכט די פּוילישע אַרבעטער צו פאַרקויפן זייער ברויט די יידן. זיי האָבן עס געקענט אָפן אַריינטראָגן אין פאַבריק אַריין און דער פרייז, וואָס זיי האָבן גענומען פאַר זייער ברויט, האָט איבערגעשטיגן דעם געהאַלט פון זייער אַרבעט. פאַר אַ פערטל פון דעם גענומענעם פרייז האָט אַזאַ איינער זיך געקענט קויפן אין שטאָט אויפן שוואַרצן מאַרק דאָס בעסטע ברויט.

אפיציעל האט דאס פאבריקס-ברויט געדארפט זיין פון שווארצן קארן-מעל; פאקטיש איז אבער קיין מעל אין דערין כמעט ווי נישט געווען, נאר א געמיש פון פארשידענע אנדערע זאכן. הויפטזעכלעך פון קארטאפל-מעל און קארטאפל-שאלעכץ.

עטלעכע קילאמעטער פונעם ווערק צע האט זיך געפונען דער ווערק בע. דארט האט מען אויסגעקוועטשט דעם זאפט פון קארטאפל און דאס פארנוצט אויף פארשידענע כעמישע צוועקן. די דייטשן האבן אבער נישט געוואלט אוועקווארפן דאס איבערגעבליבענע פון די טויזנטער טאנען קארטאפל און זיי האבן באשלאסן דערפון צו מאכן שפייז, די הויפט־שפייז פאר די געפאנגענע יידן. די אויסגעקוועטשטע קארטאפל האט מען געלאזט טריקענען און זיי שפעטער צעמאלן אין א ספעציעל-אויפגע-שטעלטער מיל. די געטריקנטע קארטאפל אין די שאלן האט מען נישט געמאלן אויף קיין מעל, נאר ס'איז פון דעם ארויסגעקומען אזעלכע דיי־נע, ווייסע פלעצלעך, וואס זענען זיך שנעל צעפאלן אין א שמוציקן, גרויעם שטויב...

דאס דאזיקע פלעצלעך-מעל האט מען אריינגעשיט טאנענווייז אין מעכטיק־גרויסע קעסלען מיט הייס וואסער, ווו זיי זענען פארוואנדלט געווארן אין גרויסע זויערע קליסקעס. קיין נאטירלעכע קארטאפל האט מען קיינמאל נישט אריינגעטאן אין „עסן" אריין. עס איז אזוי אויסגערעכנט געווארן, אז די זופ זאל דער פאבריק כמעט גארנישט קאסטן. צוויי מאל אין דער וואך האט מען צוגעמישט א קליין ביסל גרויפן אדער געזייערטע שאלעכץ פון מייערן. מיטוואך און שבת האט מען דאס קארטאפל־מעל-וואסער אפגעזיסט מיט צוקער. דאס האט זיך אין לאגער גערופן: דאס זיסע עסן.

פאר די פאליאקן איז אין דער זעלבער קיך געווען באזונדערע קעס-לען. זייער עסן איז געווען געקאכט פון זעלבן מעל נאר מיט מער פעטס און זיסקייט. די צוויי מאל אין וואך, ווען מען האט געקאכט גרויפן, האט מען אויך אריינגעטאן קליינע שטיקעלעך פערדס־פלייש. צוליב דער שיטערקייט פון דער זופ פלעגן זיי אבער אראפפאלן אויף דער דנא פון פעסל; די פאליציי און פאראַרבעטער האבן דערפאר פריער אויסגע־

טײלט דאָס עסן פֿאַר זײערע מענטשן און דאָס לעצטע איבערגעלאָזט פֿאַר זיך און צום פֿאַרקױפֿן פֿאַר גוטע פּרײַזן.

געהײסן האָט עס, אַז פֿאַר די יידישע און פּױלישע אַרבעטער װערן צוגעטײלט גלײַכע קװאַנטומס פֿלײש, צוקער און פֿעטס. אַ גרױסע טײל אָבער פֿונעם אײַנגעליפֿערטן אין דער קיך אַרײַן איז פֿאַרנוצט אָדער פֿאַרקױפֿט געװאָרן פֿון די דײַטשע און פּױלישע מײסטערס. דאָס איבע־ריקע האָבן די קיכער, װאָס זענען געװען בלױז פּאָליאַקן, אַרײַנגעטאָן אין די „פּױלישע" קעסלען. פֿאַר די יידן איז מערסטנטײלס געבליבן די הױלע, קראָכמאַליקע פּאַפּקע...

אױך די בעקערײַ איז געפֿירט געװאָרן פֿון פּאָליאַקן. זײ האָבן גע־האַט אױסצובאַקן אין די הונדערטער־טױזנטער קילאָס ברױט אַ װאָך און צו דעם צװעק באַקומען דעם געהעריקן קװאַנטום מעל פֿון די לאָקאַלע מאַכט-אָרגאַנען. די לײטונג פֿון דער בעקערײַ האָט אָבער, בשותּפֿות מיט די דײַטשע פֿאַבריקס-דירעקטאָרן, געבערענגט פֿון װערק בע טױזנטער זעק מיט די קאַרטאָפֿלענע פֿלעצלעך (אין פּױליש: אָ פּ ל אָ ט ק י ) און זײ אַרײַנגעקנעטן אין טײג אַרײַן. פֿון דעם געבליבענעם מעל האָבן זײ אױסגעבאַקן רײנע לאַבנס ברױט, זײ געבשרט מיטן פֿאַבריקס-עמבלעם און פֿאַרקױפֿט צו שװאַרצע פּרײַזן...

די ברױט-פּאָרציעס, װאָס מ'האָט באַקומען, זענען דערפֿאַר געװען אײן שטיק רױע און זױער-װאַסערדיקע קליסקע.

נישט געװען, װער עס זאָל זיך קענען קלאָגן אױף די מיסברױכן אין דער קיך און אין דער בעקערײַ און ס'איז אױך נישט געװען פֿאַר װעמען. די זופּן זענען געװען נישט צום עסן נאָר צום אױסטרינקען און דאָס שטיקל ברױט איז געװען פֿון לױז־צונױפֿגעקנעטן קאַרטאָפֿל־שאָלעכץ. נאָכן אָפּעסן אַזאַ שטיקל ברױט און נאָכמער נאָכן אױסטרינקען אַזאַ אױפֿ־געזאָטן און נישט־דערקאָכט ביסל װאַסער פֿלעגט שרעקלעך ברענען אױפֿן האַרץ און עס איז נישט געװען קײן אַנדער עצה װי צו טרינקען ימים װאַסער פֿון די שמוציקע האַלע-קראַנען. דאָס האָט מיטגעװירקט דערצו, אַז אַ סך זענען, אַנשטאָט צו װערן אױסגעדאַרט פֿון הונגער, געװאַלדיק אָנגעבלאָזן געװאָרן און געפּלאַצט פֿון געשװילעכץ...

דאָס עסן איז אויסגעטיילט געוואָרן אויף פאָלגנדיקן אופן:

די נאכט־שיכט, וועלכע האָט זיך בייטאָג געפונען אין לאגער, האָט 12 אזייגער בייטאָג געקריגן זייער זופּ אין לאגער. 4 פארנאכט האָט מען באקומען די פּאָרציע ברויט. (איין מאָל אין דער וואָך האָט מען באקו־מען אלס צולאָג א לעפל שיטערע בוראקעס־מארמעלאד). האלב ניין ביי־נאכט האָט מען אין דער פאבריק באקומען די נאכטיקע זופּ און דערמיט אָפּגעארבעט ביז אינדערפרי. שלאָפן האָט מען זיך געלייגט דערשעפּט און הונגעריק ביז צום ביסל מיטאָג.

די טאָג־שיכט האָט 12 בייטאָג געקריגן זייער מיטאָג אין פאבריק און די זופּ פון פארנאכט האָבן זיי באקומען אין לאגער צוזאמען מיטן ברויט. זיי זענען שוין געשלאָפן אביסל זאטער; דערפאר אָבער האָבן זיי געמוזט ארבעטן א גאנצן טאָג מיט א ליידיקן מאָגן...

יעדן טאָג איז דערפאר אויסגעקומען צו ברענגען פון דער קיך אין לאגער אריין דאָס עסן פאר דעם גרעסטן טייל פון לאגער, ווייל אויך אלע פונקציאָנערן, קראנקע און ארבעטס־גרופּן נעבן לאגער זענען געקומען נע־מען זייער זופּ אויפן פּלאץ.

## II

דער „קעניג" פון די מיטאָגן איז געווען דער הויכער קויפמאן, א גע־וועזענער שוסטער־יונג פון קיעלץ. ער איז געווען דער פארבינדונגס־מאן צווישן דער קיך און דעם לאגער. ער האָט עס אָפּגענומען די צאָל מיטאָגן פון דער קיך און זיי אויסגעטיילט לויט די פארשידענע גרופּן. דאָס איז געווען איינע פון די מעכטיקסטע שטעלונגען אין לאגער.

ער איז געווען אומגעווענלעך הויך און שטענדיק געטראָגן א פּאָר גלאנציקע, הויכע שטיוול. זיין העלע מארינארקע איז געווען באשפּריצט מיט שווארצע קעסטעלעך און זיך אראָפּגעלאָזט כמעט ביז צו די קנעכל פון זיינע שטייפע שטיוול־הויזן. צוליב זיין נישט־נאטירלעכער הייך האָט זיין פּנים אויסגעזען ווי איינגעצויגן. די קינבאקן זענען ביי אים געווען שארף פארשפּיצט און זיין אויסגעצויגענע נאָז האָט אויסגעזען צווישן זיי

ווי איינגעקלאַמערט אין איבערגעקערטע קלאַמערן. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט אַ פּאָר גרויסע, שוואַרץ-לויפנדיקע אויגן, וואָס האָבן געקענט אַדורכנעמען אַ מענטש מיט אַזאַ מין רציחהדיקן בליק, אַז ער זאָל פאַר־שטאַרט ווערן אויפן אָרט.

ער איז געווען אַ שרעקלעכער בעסן. מען האָט דערציילט וועגן צענדליקער יידן, וואָס ער האָט אין די ערשטע צייטן דערהרגעט מיט די אייגענע הענט, ווען ער איז אויפגערייצט געוואָרן...

אַ מאָדנע מענטש געווען, אָט דער קויפמאַן:

ס'זענען געווען מינוטן, ווען ער איז געוואָרן מיטליידיק, גרייט צו העלפן, וועמען ער האָט נאָר געקענט און זיך איבערצונעמען מיט אַלעמענס קרעכץ און קרומער גרימאַסע; סיי אָבער אין זיין רציחה און סיי אין זיינע גוטע מינוטן, איז זיין פּנים געווען אויסגעקרומט אין דער זעלבער ציין-קריצערישער מינע און די ליפּן האָבן זיך שטענדיק אין אַזעלכע מאָמענטן אויסגעדרייט אין אַ זייט...

אין אַזעלכע מאָמענטן האָט קויפמאַן גערעדט רואיק און יעדעס וואָרט זיינס געציילט, ווי מ'ציילט פּערל. ער האָט געקענט רעדן צען, צוואַנציק מינוט און מ'זאָל נישט וויסן, צי ער איז איצט רחמנותדיק אָדער ער איז אין ווילדן אויסברוך פון רציחה, וואָס וועט באַלד דאָ דרעשען מענטש־לעכע לייבער... מעגלעך, אַז ער אַליין האָט עס נישט געקענט וויסן. ער איז געווען איין שטיק רויקייט און זיין אינסטינקט האָט געקערעוועט מיט יעדער סעקונדע זיינער.

אַמאָל האָט זיך אין אים אויפגעוועקט דאָס געפיל פון מיטלייד, אָבער באַלד האָט אים אָנגעכאַפּט אַן עקל צו דעם נעבעכדיקן אָביעקט, וועלכן ער איז נאָר וואָס גרייט געווען אַלץ פון זיך אָפּצוגעבן און דאָס האָט זיך איבערגעגאָסן אין אַ ספּאָנטאַנעם אויפברויז, וועלכן ער האָט אַפילו נישט געקענט טראַכטן צו צוימען...

אַלע האָבן געציטערט נעבן אים נאָענט פאַרבייצוגיין און דאָך האָבן אַ סך געוווסט וועגן אים צו זאָגן:

— אַ יונג מיט אַ גאָלדן האַרץ... ער פרעסט אויף די אייגענע גאַל

דערפאַר, וואָס ער קוילט אַזוי... ס'איז אָבער שוין זיין טבע אַזאַ און ער קען זיך דערפון נישט אָפּגעוווינען...

אין אַ ספּעציעל ווינקל, צווישן איין באַראַק און צווייטן, איז גע־שטאַנען אַן אָריגינעלער וואָגן, ספּעציעל צו ברענגען אין אים דאָס עסן פון פאַבריק אין לאַגער אַריין. דאָס איז געווען אַ כלי מיט צוויי גרויסע מעכטיקע רעדער פון צוויי מעטער די הויך. אינמיטן, צווישן ביידע רע־דער־פליגל, זענען געווען איינגעשרויפּט צוויי ריזן־גרויסע מעטאַלענע קעסלען און צוויי קליינע.

דעם וואָגן האָט מען געמוזט שלעפּן מיט די הענט ביז דער קיך, אָנ־גיסן די קעסלען און שפּעטער זיי שלעפּן צוריק אין לאַגער אַריין. דער וועג פון דער קיך ביזן לאַגער האָט געפירט דורך זומפּיקע וועגן און מ'האָט געמוזט זיין שטאַרק פאָרזיכטיק ביים שלעפּן דעם וואָגן, אַז דאָס עסן זאָל זיך נישט אויסגיסן. דאָס שלעפּן איז אויך אָנגעקומען שווער אויף אַזעלכע וועגן און מ'האָט געמוזט דערביי אַרויסגעבן פון זיך די לעצ־טע כוחות. קויפמאַן האָט דערפאַר באַשטימט אַ צוגאָב־פּאָרציע עסן פאַר די, וואָס וועלן זיך מעלדן פרייוויליק צום שלעפּן. יעדן טאָג האָבן זיך דערפאַר הונדערטער מענטשן אויפגעהויבן פריער, נישט־דערשלאָפן אַ פּאָר שעה און אָפּגעוואַרט די מינוט, ווען קויפמאַן וועט זיך שוין באַ־ווייזן אויפן פּלאַץ...

שוין צען אַזייגער אינדערפרי האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסשטעקן פאַרשלאָפן־צעשויבערטע קעפּ דורך די באַראַק־פענצטערלעך און פרעגן יעדן פאַרבייגייער:

— קויפמאַן איז שוין אויפן פּלאַץ?

נישט יעדער האָט אָבער געוואָלט אויסזאָגן... בלויז די פּאָר שטאַר־קערע פּיקרינער האָבן געהאַט זייערס איינעם, וואָס האָט באַדינט קויפ־מאַנען און יענער איז אַלעמאָל אַרויסגעקומען זיי צוזוויסן צו טאָן:

— ער טוט שוין אָן די שטיוול...

— ער האָט געפרעגט ווי שפּעט ס'איז...

— ער האָט געזאָגט: מ'דאַרף זיך שוין לאָזן אין וועג אַריין...

און אין אַלע ווינקלען זענען שוין געשטאַנען וואַרטנדיקע, וואָס

האָבן אים אויסגעקוקט פון אַלע זייטן... ענדלעך האָט מען אים געזען ארויסשפּרייזן פון דעם קאָמענדאַנטן־באַראַקל ארויס. ער איז זיך געגאַנגען מיט רואיקע, געמאָסטענע טריט. זיין בליק איז געווען פאַרטראַגן ווייט־ווייט, גלייך ווי ער וואָלט דאָ געווען אַ פרעמדער, וואָס וויל קיינעם נישט שענקען זיין בליק, ווייל עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל אים ווערט זיין... ער האָט זיך אַזוי צוגעשפּרייזט ביז צו זיין באַליבטן וואָגן, אָנגע-לענט זיך מיט איין זייט אַקסל אויף איינעם פון די רעדער און אַזוי געבליבן שטיין אין אַן אָפּוואַרטנדיקער פּויזע. פון אַלע זייטן האָט עס אַ פלייץ געטאָן צו אים מיט אָפּגעריסענע, פאַרחושכטע געשטאַלטן... זיין הויכע פיין־אָנגעטוענע פיגור האָט זיך פאַמעלעך אויסגעגלייכט... אינ-מיטן דער מחנה דארע און איינגעקורטשעטע, געלע און שוואַרצע מענטשן מיט שטיקער אָפּגעהענגענדיקע בגדים־צווישן איבערן נאַקעטן, קוויטיקן גוף — האָט זיין שטייפע איינגעשוויגענע אויסגעגלייכטקייט אויסגעזען ווי אַ קראַפטרייכע לעגענדע...

די מענטשן האָבן זיך צו אים געשטערעקט אין יאָמערדיקן געבעט:

— פּאַניע קויפמאַן! פּאַניע  ק ו י פ פ פ מ א ן ! נעמט מיך! מיך...

און קויפמאַן האָט אויף זיי אַראָפּגעקוקט מיט אַ קאַלטער, מאַיעס־טעטישער מינע, ווי אַ קייסער (נישט מעגלעך געווען צו פאַרשטיין: פון־וואַנעט האָט זיך עס דערנומען אַזאַ חשיבותדיקע האַלטונג ביי אַ שוס-טער־בחור פון קיעלץ!? וווּ האָט ער עס געלערנט?), פּונקט ווי דאָ וואָלטן צו אים געקומען שקלאַפן פון אַ באַזיגטער מלוכה בעטן רחמים אויף זייער לעבן... די מענטשן האָבן געיאָמערט, געוווּיעט פון הונגער און ער איז בלויז געשטאַנען וואָרטלאָז און יעדן באַזונדער אַדורכגעבערענט מיט זיינע גרויסע אויגאַנעס...

...מיט אַ רואיקער האַנט־באַוועגונג האָט ער פּלוצים אַריינגעלאָזט אַ פּראַסק מיט זיין לאַנגער, ביינערדיקער האַנט, דעם ערשטן־בעסטן, וואָס האָט זיך צו אים אַביסל נענטער צוגערוקט. זיין גאַנצער גוף האָט זיך דערביי נישט אַ ריר געטאָן פון אָרט, אַזוי ווי די האַנט פון אַ געגאָסע-נער סטאַטוע וואָלט דאָ כשופדיק זיך אויסגעשטרעקט, אַ קלאַפּ געטאָן און

צוריקגעפאַלן צו איר אייביקער פאַרגליווערטקייט... בלויז דורך זיינע ציין האָט ער צוזאַמען מיט אַ נערוועזן פאַרקריץ אַרויסגעציִשעט:

— דע, געמיינער פּיקרינגיאַזש! וואָס שטופּסטו זיך צו מיר אַזוי נאָענט? איך האָב גענוג, אַז כ׳זע דיך פונדערווייטנס...

דער עולם אָבער איז פון זיין שווייגן געוואָרן הכנעהדיק־גערייצט. מ׳האָט זיך גענומען שטופּן נענטער, געכאַפּט אים פאַרן האַנט... אין פאַרגעסן־זיך — אים אָנגעכאַפּט ביים רעקל און אים אַ טרייסל געטאָן, ער זאָל אויפמערקזאַם ווערן... זיך געבעטן:

— פאַניע קויפמאַן! איר וועט זען, ווי גוט איך וועל שלעפּן... דער וואַגן וועט פליען... פאַניע קויפמאַן! — — —

ערשט דאָ איז קויפמאַן אויפגעצאָרנט געוואָרן. מיט די לאַנגע פיס זיינע האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין מיטן דער מאַסע און גענומען בריקען אויף רעכטס און אויף לינקס, אין בייכער... אין הינטנס... אין די זייטן... מיט די הענט האָט ער דערוויל, גלייכצייטיק, געפּליאַסקעט אין פּנימער, אַז ס׳האָט אַזש אָפּגעקלונגען מיט אַ ווידערקול אין וועלדל...

די מענטשן זענען אין שוואַכקייט געפלויגן ווי באַלעמס; זיך איבערגעקייקלט אין אַלע זייטן, אַריינגעפאַלן אין די זייטיקע בלאָטעס און זיך אויסגעשמירט די פאַרברענטע פּנימער... עס האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַ ריז וואָלט אַריינגעפאַלן אויף אַ שלאַכט־פעלד און דאָ געפירט אַ קאַמף מיט אַ מחנה קאַרליקעס...

אַ טייל זענען אַנטלאָפן אַביסל ווייטער, ווו דער צעיושעטער קויפמאַן זאָל זיי נישט אָנטרעפן און די אַנדערע זענען געלעגן און שטיל געיאָמערט אין דער צעקראָכענער ערד אַריין...

ערשט דאַן האָט קויפמאַן זיך צוריק אָוועקגעשטעלט, פאַרלייגט רויִק איין האַנט אויף דער צווייטער און אַרויסגעזאָגט אַזוי געלאַסן, מיט אַזאַ רואיקייט, אַזוי ווי ער וואָלט איצט געקומען פון אַ קורצן שפּאַציר:

— און איצט, הירנזין, שטעלט אייך אויס! אָבער קיין פּיפּס זאָל איך פון אייך נישט הערן! כ׳וועל אַליין קלויבן...

ס׳האָט זיך אויסגעשטעלט אַ ריי און קויפמאַן האָט זיך אויסגעקליבן אַ 20 חברה־לייט צו דער אַרבעט. ער האָט שטענדיק זיך אויסגעזוכט עט-

לעבע פּיקרינער צו שטופּן דעם וואָגן. די אַנדערע האָבן געמוזט זיין נע־זונטע יונגען, אויף וועלכע מען קען זיך פאַרלאָזן... שטענדיק אָבער זענען נאָכגעלאָפן עטלעכע מער, וויפל ער האָט אויסגעקליבן... ער האָט מיט זיינע שאַרפע אויגן באַלד דערקענט די מיטגעשמוגלטע... ער האָט אָנגענומען דעם ערשטן, וואָס ער האָט דערקענט און מיט געצוימטקייט אים אַוועק־געשליידערט אין אַ זייט. בלויז די ציין האָבן ביי אים געקריצט:

— פאַרוואָס ביסטו מיטגעלאָפן, האַ? ס'האָט דיך ווער אויסגעקליבן? זאָג!...

ביי יענעם האָט זיך פאַרפּלאָנטערט די צונג... בלויז די אויגן זיינע האָבן געקוקט מיט פאַרצווייפלונג אין קויפמאַנס גזלן־צעצונדענע פייער־לעך אַריין און געזוכט מיט וועלכע ווערטער אים דאָ אָפּצוקילן:

— פּאַניע קויפמאַן! איך... איך האָב...

אָבער קויפמאַן איז פּלוצים ווייכער געוואָרן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ווייסט איר גאָר וואָס? ווערט'ס אַלע פאַרברענט! אַ רוח אין אייער אַלעמענס מאַמען אַריין. פאַרט, לויפט אַלע מיט און ווערט'ס מיר אַלע ראַד־געבראָכן מיט דעם וואָגן צוזאַמען... מיין עסק, זעסטו!...

און צום גאַנצן עולם אַ בריל געטאָן:

— יאַזדאַ!

און די גופים האָבן צוגעקלעפּט זייערע הענט צום וואָגן, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער קרעבס מיט אַזוי פיל באַוועגלעכע אברים, וואָס שאַרן זיך אויף דער ערד...

בלויז ווען דער וואָגן האָט זיך אַמאָל פאַרהאַלטן ביים געבערגלטן בריקל און נישט געקענט זיך אַרויפבאַקומען אויף די צעמישט־געלייגטע ברעטער, האָט קויפמאַן ווידער זיך אָפּגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו אַ צווייטן פון די נישט־אויסגעקליבענע און ווידער אַ פרעג געטאָן מיט קאַלטער רציחה:

— דע, אַ שריפה דיר אין די געדערעם! קענסט מיר אפשר זאָגן: צו־ליב וואָס ביסטו עם מיטגעלאָפן, האַ? קענסט מיר עם אפשר דערקלערן, וואָס?

מיט די ערשטע צוויי קלעפּ האָט ער יענעם באַטויבט און געלאָזט אַזוי ליגן אויפן וועג און ערשט ביים צוריקוועגס אים געהייסן מיטנעמען צוריק אין לאַגער אַריין...

פון דעם פריערדיקן געשלעג זענען נאָך אויך געבליבן ליגן מענטשן אין יעדן ווינקל און געקרעכצט:

— אוי, ער האָט מיך דערהרגעט!... אוי, איך קען מער נישט אויפשטיין — — —

קיינער האָט זיך אָבער אויף זיי נישט אומגעקוקט.

## III

דאָס גליק פון מיטלויפן מיט קויפמאַנען איז נישט באַשטאַנען בלויז אין דעם ביסל עסן, וואָס ער האָט שפּעטער אַריינגעגאָסן יעדן איינעם אין זיין בלעכענעם פּושקעלע אַריין. דאָס אויך. דער עיקר אָבער איז עס געגאַנגען אין דעם, וואָס דערמיט איז מען צוגעקומען נאָנט פון דער קיך, אַרויסטראָגן פון דאָרט פולע עמערס זופּ ביז צום וואָגן און דערביי קענען אָפּקוקן אַ געלעגנהייט ווו עפּעס אַ כאַפּ צו טאָן: אַ ביין, אַ ביסל זופּ, אַ הויפן קאַרטאָפלענע פּלעצעלעך... אַמאָל האָט זיך עפּעס פאַרגאָסן אויפן וועג און אַמאָל האָט מען פלינק געקענט אַ שעפּ טאָן מיט אַ לעפל און שנעל אַראָפּשלינגען... היינט איז גלאַט גוט געווען צו זיין אין קיך, ווו עס האָט געשלאָגן אַ מחיהדיק־געדיכטע פּאַרע, וואָס האָט זיך אַזוי באַטעמט אַראָפּגעזעצט אויפן האַרץ... בלויז די צעדאַמפטע לופט פון דער קיך אַריינצושלינגען אין זיך — איז אויך עפּעס ווערט...

בפרט אַז עפּעס וואָס ס'איז האָט מען ביי יעדעס מאָל געקענט אַריינבאַפּן אין מויל. סיידן מען איז שוין געווען אַ גאָר היפּשער שלימזל...

אַז דער גאַנצער וועג צוריק איז אַדורך בשלום; קיין קעסל האָט זיך נישט איבערגעקערט און דער וואָגן האָט נישט געמאַכט קיין שכורע קונצן אויפן וועג, איז קויפמאַן שוין האַלב צוועלף געווען ביי די טויערן פון לאַגער. דאָס געוויש פון דער חברה וואָגן־שלעפּער האָט מען שוין געהערט פון ווי ווייט. דאָס האָט מען זיך געמאַכט קוראַזש אַדורכצופירן אָן

א מכשול דעם וואָגן־אוצר פאַרביי דעם משונהדיק־שטיינערנעם בריקל ביים טויער, ווו נישט איין קעסל זופּ איז שוין אויסגעגאָסן געוואָרן ביים מינדסטן שטרויכל אין די אָרויסגעשפּיצטע שטיינער...

פונעם וועג זענען די קעסלען אויפגעטרייסלט געוואָרן און צעיאַכ־מערט. זיי זענען נאָך אין קיך אָנגעגאָסן געוואָרן ביז פול און די זופּ האָט פון דער שלעפּעניש זיך געכוואַליעט און זיך איבערגעגאָסן. פון די איי־זערנע, צוגעשרויפטע פּיסקעס זייערע האָט געזעצט א זופּיק־טונקעלע שוים, וואָס האָט זיך געבלעזלט און האַרטלעך זיך פאַרגליווערט אקעגן דער זון. איבער די רעדער זענען געווען אויסגעגאָסן דינע שנירעלעך פון גרויע, גע־דיכטע עסן־פּערל, וואָס האָבן זיך איבערגעגאָסן פון די קעסלען און אַראָפּ־געטריפט, ווייגענדיק, אין דער בלאָטיקער ערד אַריין, ביי יעדן טריט...

שוין ביים טויער האָבן הונדערטער מענטשן אָפּגעוואַרט דעם וואָגן. ביים דערזען דעם וואָגן אַריינפאָרן האָבן זיך טויזנטער אויגן צעפינקלט מיט הונגעריקער האָפענונג.

דער הילצערנער טויער האָט מיט דרך־ארץ אַריינגעלאָזט דעם מידן, פאַרשוויצטן וואָגן און בלויז ביים צעשפּרייטן די פליגל מיטליידיק א קרעכץ געטאָן.

יעדן טאָג, אין דער זעלבער שעה, האָבן אַלע מיילער אויפּאַמאָל אויס־געשאָסן מיטן זעלבן:

— קויפמאַן איז דאָ!

און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער אויפרודער. קראַנקע, גע־שוואָלענע און אויסגעדאַרטע — אַלץ האָט זיך געלאָזט צום פּלאַץ, ווו דער וואָגן איז געשטאַנען. ווער ס'האָט געהאַט עפּעס א באַקאַנטן ביי די אונטערשטופּער, האָט אים אָפּגעשטעקט זיין שוואַרץ קעסעלע און יענער האָט עס אָנגעהאָנגען אויף א דראָט, ביי דער זייט פון די רעדער... קליינע טראָפּנס, וואָס האָבן זיך גליווערדיק נאָכגעהאָנגען אין די אברים פון די רעדער — האָבן זיך דערביי אַראָפּגעלאָזט מיט דער אָנגעקליבענער בלאָטע אינעם נאָענטסטן קעסעלע אַריין...

אַנדערע זענען נאָכגעלאָפן לויט די שפּורן פון וואָגן און מיט לעפל, וואָס זיי האָבן אַרויסגעצויגן פון די פּיקרינירטע טאַשן, האָבן זיי אָפּגע־

קראַצט יעדן שטיק ערד, אויף וועלכן ס'האָט אַראָפּגעטראָפּט אַ קייקעלע זופּ און עס גיריק אַריינגעכאַפּט אין מויל...

קויפמאַן האָט דערווייל אָנגעטאָן זיין לאַנגן, גרויעם פּאַרטוך, גענו־מען דעם ריזנגרויסן בלעך־לעפל און אים אַריינגעלאָזט אין די גרויסע קעסלען, אויסמישנדיק די זופּ. ער איז געזעסן אויף אַ זייט פון ראָד און פון דאָרט אַראָפּגעבליקט אויפן ים מיט קעפּ, וואָס האָבן צו אים אַרויפּ־געקוקט, ווי אויף אַ כהן־גדול וואָס טוט זיך זיין הייליקע עבודה...

פון יעדער אָפּטיילונג איז צוגעקומען אַ פּאָליציאַנט מיט אַ פּאָר־אָר־בעטער און אים דערלאַנגט דאָס צעטל, וויפל מענטשן זיי האָבן נעכטן גע־האַט ביי דער אַרבעט און קויפמאַן האָט לויט דעם זיי אַריינגעגאָסן די צאָל פּאָרציעס. די מענטשן פון דער זייט האָבן געשלונגען מיט די אויגן יעדן אָנגעגאָסענעם קעסל און שפּעטער אַרומגעקראַצט מיט די לעפל דאָס אָרט, וווּ דער קעסל איז געשטאַנען...

אַלעמאָל, נאָכדעם ווי קויפמאַן האָט אויסגעטיילט דאָס עסן פּאַר אַלע האַלעס, פלעגט אים נאָך בלייבן אביסל אין די קעסלען, סיידן אַז עס פלעגט זיך טרעפן עפּעס אַ מכשול אויפן וועג. ער האָט דערפאַר געוואַרט ביז מען וועט קומען רעקלאַמירן. אמאָל האָט אַ פּאָליציאַנט אויסגעפעלט עט־לעכע פּאָרציעס פאַר די לעצטע אין דער ריי; האָט ער געוואַרט, ביז עמעץ וועט זיך קומען קלאָגן. עס זענען שוין געווען אַזעלכע וואָס האָבן שנעל גענומען זייער עסן אין דער ריי און געקומען צו קויפמאַנס וואָגן וואַרטן אויף אַ נס: אפשר וועט קיינער נישט קומען... טאָמער וועט קויפמאַן אים באַמערקן און אים צורופן...

אָבער קויפמאַן זיצט זיך בנעימותדיק אויף זיין רעדערדיק געזעס און קוקט אַראָפּ אויף די מענטשן, וואָס ראַיען דאָ ווי די פליגן... דאָס זוכט ער זיך אויס פנימער פון דער ריי, וואָס געפעלן אים... אַזעלכן גיט ער אַ רוף פון ווי ווייט:

— דע, הויכער ממזר מיט דער שפּיציקער נאָז — קום אהער געגנטער!

נאָך אַזאַ רוף האָבן זיך געווענטלעך צוגעשלאָגן אַ צענדליק; הויכע און נידעריקע, מיט לאַנגע און מיט פּלאַטשיקע נעזז... יעדער האָט גע־פּרוּווט זיין מזל... אָבער קויפמאַן האָט יעדן איינעם פון זיי אָפּגעפּאָר־

טיקט באַזונדער מיט דער מעכטיקער שטיל פון זיין „באַבלע" (טייל-לעפל), אַזוי אַז ער האָט שוין פאַרזאָגט אַ צענטן צו שטופּן זיך, דאָרט ווו מ'האָט אים נישט גערופן... דער, וועמען ער האָט געמיינט, איז גע-בליבן שטיין אַ ציטערדיקער, אין הכנעה — פונעם באַלדיקן גליק וואָס אים קען דאָ טרעפן... אָבער קויפמאַן האָט אים שנעל אויפגעוועקט פון זיינע חלומות:

— דע, לאַכודרע איינע! שטעל אונטער די כלי! נישטאָ קיין איבע-ריקע צייט פאַר דיינעטוועגן!

האָט יענער פאַרזיכטיק אונטערגעשטעלט זיין בלעכל און קויפמאַן האָט שנעל אַ ליאַפּ געטאָן אין בלעכל אַריין. געגאָסן האָט ער, מיט די בליקן געווענדט צום עולם, אין געאייל — האַלטנדיק זיין אַכט-ליטער-דיקן „לעפל" אין דער הויך... אַמאָל האָט ער געגאָסן אַ האַלבן ליטער און אַמאָל האָט ער געגאָסן און געגאָסן, נישט שפּירנדיק דערביי וואָס ער טוט...

די בלעך-פּושקע האָט אויסגעזעען ווי אַ פליג, אַקעגן דער העלפאַנט-דיקער באַבלע און נישט געקענט אויפנעמען מיטן ליליפּוטן-מיילעכל אַזאַ ריזיקן, גרויסן גאָס... האָט זיך די זופּ שנעל איבערגעגאָסן, אָפּגעבריט יע-נעם די הענט און באַגאָסן אים דאָס ביסל שמאַטעס, וואָס האָבן פון אים נאָכגעהאָנגען...

אַזאַ האָט אינסטינקטיוו אויפגעשריגן פון בריענדיקן ווייטיק און אוועקגעכאַפּט דאָס בלעכל; די רעשט זופּ האָט זיך שוין געגאָסן אויף דער ערד... אַמאָל האָט נאָך ווער באַוויזן אונטערצושפּרינגען און אונטערשטעלן זיין בלעכל... ווען נישט, האָבן זיך באַלד אַ וואָרף געטאָן אַ צענדליק מענטשן צו דער ערד און מיט רעש גענומען אָפּלעקן די ווונדן פון דער אָפּגעבריטער בלאָטע — — —

## IV

קויפמאַן האָט נישט געמיינט בכיוון יענעם אָפּצובריען. ער האָט בלויז נישט געקענט פועלן ביי זיך, יענעם אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט צו שענקען. די מענטשן שטייען דאָ אַזוי פיל — האָט איין פּנים אויפגע-

טאנצט פאר אים אויף א רגע, איז עס געגוג... צו זיין פארזיכטיק און גיסן פון גרויסן לעפל טראפנווייז, דאס וואלט שוין געווען צופיל צו פאר־לאנגען פון זיין געדולד. ווען ער האט געגאסן פאר יענעם, האבן זיינע אויגן שוין געזוכט נאך איינעם... ווען ער האט דערפאר זיך איבערגע־וועקט פון רעש, אונטער זיין האנט — האט ער שוין געזען יענעם אוועק־ציען מיט דער פולער כלי, לעקנדיק מיט געוויי די איבערגעגאסענע האנט... אין זיין פלוצים אויפגעוואכטן כעס האט ער שטילערהייט יענעם נאכגע־ווארפן די כאכלע. גלייך אין קאפ אריין. דער נארוואס-גליקלעכער מיט זיין פולער כלי עסן האט זיך פלוצים איבערגעקערט א פארבלוטיקטער. אפענע קנאה־מיילער האבן פארשלונגען זיין איבערגעראשטן, איבער־מענטשלעכן געשריי...

דאס פולע בלעכל האט זיך אויסגעגאסן אויף דער ערד און ווידער האט זיך א מחנה ווי א היישעריק אראפגעלאזט, סיי אויף דער געוואר־פענער כאכלע און סיי אויפן איבערגעקערטן בלעכל — — —

קויפמאן אליין איז דערביי געזעסן אויף זיין הויך און ווילד זיך גע־קאטשעט פון געלעכטער:

— אט אזוי! די נבלה... כ׳האב אים געוואלט געבן צו פרעסן, ער זאל מיך נישט אזוי שטעכן מיט די געלע אויגאנעס... צום סוף לאזט ער מיך אויסגיסן דאס עסן אויף דער ערד... אזא פארך!... איצט האט ער שוין צו עסן...

נאכן צוזען א מינוט, צוויי דאס טארען זיך פון די מענטשן איבער די כלים, האט קויפמאן באלד באפעלעריש א בריל געטאן:

— ברענגט מיר צוריק די כאכלע! קורווס — א רוח אין אייער טא־טנס-טאטנס זונס הערצער אריין...

ס׳האט זיך באלד שוין געפונען אן אונטערטעניק מענטשל, וואס האט אים מיט יראת־הכבוד זי אונטערגעטראגן. יענעם האט שוין קויפ־מאן אריינגעגאסן בנעימות און זיך ווייטער געזעסן און געווארט...

א ספעציעלע הנאה איז ביי אים געווען צו זיצן אוןווארטן איבער די פעסער, ווען אזויפיל הונגעריקע אויגן קוקן צו אים ארויף. מ׳האט נישט געקענט וויסן, אויב דארט זענען נאך געבליבן קליינע טראפנס אדער

האלבע קעסלען... צווישן דער מחנה זענען דערווייל ארומגעגאנגען קלאנ־גען:

— ער האט היינט באקומען א גרויסן צולאג אין קיך, קויפמאן... ס׳איז אים געבליבן האלבע קעסלען און ער וועט באלד אויסטיילן פאר יעדן איינעם, וואס וועט נאר בעטן...

מ׳האט וועגן דעם גענומען שמועסן אלץ העכער און העכער, ער זאל עס דערהערן... דאס האט מען געוואלט זען, ווי אזוי ער וועט דער־רויף רעאגירן. אפשר וועט ער זיך אפרופן מיט א ווארט... אבער ער האט דערפאר מיט הנאה צולהכעיסדיק געשוויגן.

זיין געהילף, דער שטאמלדיקער דיאמענט, איז דערווייל ארומגעלאפן א צעיאכמערטער איבערן הויף. האט מען דערווייל געפרווט ביי אים זיך עפעס דערוויסן:

— דיאמענט, דו ווייסט נישט, וויפל ס׳איז דארט ביי אים פארבליבן?

אבער יענער האט בלויז אפגעענטפערט רוי און געררייצט אויף זיין שטאמל-לשון:

— וו וו וו וו א ס פרעגט איר מיך? פ פ פ ר ע ג ט קויפ-מאנען!

און אמאל האט קויפמאן זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן און ארויספלאצן:

— ווארטס־ווארטס! אויף וואס ווארט איר, בהמות! ווען איך וויים אפילו, אז כ׳וועל דאס עסן ארויסווארפן — וועל איך אויך קיינעם פון אייך נישט געבן... יעדן טאג האבן זיי געמאכט א שטייעניש אויף מיין קאפ! ברענגען זאלט איר ווי קין!

אזא פזמון האט שוין געהייסן, אז האבן — האט ער נאך געגוג... נאר ער וויל נישט צעטיילן... האט זיך אנגעהויבן א בעטעריי פון אלע זייטן:

— פאניע קויפמאן! כ׳בין שוין אויסגעדארט ווי א שטעקן! פאניע קויפמאן! סיי-ווי וועל איך די טעג אוועקשטארבן... כ׳וועל שוין לאנג איבער אייך נישט שטיין! גיט מיר נאך איינמאל אן איבעריק ביסל זופ

— שפעטער וועל איך שוין מיין פּאַרציע אויך נישט נעמען... פאניע קויפמאַן!!!

פון אַלע זייטן האָבן זיך די ווערטער געגומען איבערקרייצן:

— קויפמאַן! קויפמאַן! — — —

דאָ איז קויפמאַן שוין אַרויס פון פאַרגליווערונג. ער האָט אַ רוף געטאָן איינעם פון די העכסטע שרייער, גיכער מיטן בליק ווי מיטן וואָרט:

— קום נאָר אהער!

יענער איז צוגעגאַנגען נענטער און זיך איינגאַנצן געקורטשעט אונטער קויפמאַנס ברענענדיקע אויגן:

— וואָס ווילסטו פון מיר אייגנטלעך!?

יענער האָט געשטאַמלט וויינענדיק:

— כ'בין הונגעריק, קויפמאַן... כ'על סיי־ווי לאַנג נישט אָנציען... קוקט מיך אָן... גיט מיר נאָך אַביסל זופּ...

אָבער קויפמאַן האָט יענעם נישט אָפּגעלאָזט:

— און אַז כ'וועל דיר שוין איצט געבן, וועסטו שוין זאַט ווערן דערמיט? וועסטו פאַרנאַכט אָדער מאָרגן שוין מער נישט צוקומען שרייען? איבערמאָרגן? און אַז איך וועל ד י ר שוין געבן — וועלן די, וואָס שטייען אַט־אַ־דאָ אַרום, זיין זאַט דערפון? אַט די אַלע, וואָס שטייען דאָ, ווילן מיר זאָגן דאָס זעלבע וואָס דו, פאַרלאַנגען דאָס זעלבע... וועמען כ'זאָל נישט געבן — וועט ער עם איינשלינגען און ווידער קומען צוריק... שרייען — — — זאַט מאַכן קען איך אייך סיי־ווי נישט... מ'גיט מיר נישט אַזויפיל...

אַמאָל איז קויפמאַנס שטים געוואָרן בעטעוודיק, רירנד:

— טרעט אָפּ, כ'בעט דיך... טרעט אָפּ פון מיר...

אָבער יענער האָט דערזען, אַז קויפמאַן רעדט שוין מיט אים, טענהט מיט אים איין און ער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן... ער האָט זיך אין אים איינגעקלאַמערט מיט זיין תחנונים־בליק און אַזוי געשטאַנען... געשטאַנען...

איז קויפמאַנס שטים געוואָרן קילער, שטייפער אָבער דאָך נאָך געניג רואיק:

— זאָג מיר, חבר'ל, פּגע רע... וואָס ווילסטו האָבן פון מיינע יונגע יאָרן?

דאָס מענטשל האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט די ליפּן אין דעם איינעם וואָרט, וואָס ר'האָט צוגעהאַלטן ממש מיט די ציין, ווי זיין איינציקע וועלט... זיין אָנהאַלט און רעטונג:

— זופּ... איר האָט דאָך אַזויפיל... קויפמאַן...

דאָ האָט שוין קויפמאַן געטאָן אַ פאַרצווייפלטן צעפיר מיט די הענט, ווי איינער וואָס האָט נישט קיין ברירה און מוז גיין עפּעס אַן אומבאַקוועמען שריט:

— מילא, כ'האָב דען מיט דיר אַן עצה? ווילסט זופּ — וועל איך דיר געבן!

ער האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דער כאָכלע... ביי יענעם האָבן זיך די אויסגעקילטע אויגן אָנגעצונדן מיט אַ גליקלעך טריאומף־פייערל... פּלוצלינג האָט אים אָבער אַ מעכטיקער זעץ מיט דער אייזערנער זייט פון דער כאָכלע אַנידערגעשליידערט... ווי דורך אַ ווונדער האָט פון דעם אויסגעזויגענעם מת־פּנים געגומען פליעצן רויט, וואַרעם בלוט... אַ פאַר־צווייפלט געשריי האָט זיך געריסן פון די לעצטע טענער... קויפמאַן איז אָבער ווייטער געווען רואיק. מיט זיין הויכער, שאַרפער שטימע האָט ער נאָכדעם בלויז אַריינגערעדט אין יענעם, וואָס איז שוין געלעגן באַוווסט־לאָז אויף דער ערד:

— ווילסט זופּ, האַ? האָב איך דיר געגעבן זופּ... ניין, יויך... די רויטע יויך... איצט וועט זיך דיר קיין זופּ שוין נישט גלוסטן...

און ווידער האָט זיך זיין פאַרנעפּלטער בליק ווייט אַוועקגעטראָגן.

## V

ווען דאָס וואָרטן האָט זיך פאַרצויגן, איז קויפמאַן געוואָרן אומ־געדולדיק און זיך אויסגעדרייט צו זיין שטאַמלדיקן געהילף, וואָס איז שטילערהייט געשטאַנען, פאַרשטעלט, ביי די קעסלען:

דיאַמענט! גיי זאָג אַלע פּאָליציי־לייט, זיי זאָלן קומען נעמען נאָך

צוביסלעך זופּ... זיי פוילן זיך, די פּגרים! זאָג זיי, אויב זיי קומען נישט אין פינף מינוט אַרום — גיס איך אַריין דאָס גאַנצע עסן אין קלאָזעט אַריין... כ'וועל דאָ מער נישט וואַרטן...

און אַמאָל האָט זיך אים נישט געגלוסט צו וואַרטן, ביז די פּאָליציי מיט די פּאַראַרבעטער וועלן זיך קומען אויסשטעלן אין דער ריי. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און הויך אַ בריל געטאָן:

— דיאַמענט! דאָ האָסטו די קעסלען! נעם זיך וויפל דו ווילסט, גיב וועמען דו ווילסט און — פּטור אַן עסק! איך גיי זיך אַוועק צו־שפּאַרן אביסל.

...פון אַלע זייטן האָט עס אַ פלייץ געטאָן מיט הונגעריקע. קויפמאַן האָט זיך אַדורכגעשלאָגן אַ וועג איבער קעפּ, פּיס, אברים. ער האָט גע־טרעטן איבער די פאַרלייגטע קערפּערס מיט די שווערע, באַשטיוולטע טריט און געקלאַפּט אויף רעכטס און אויף לינקס, ביז ער האָט זיך אַרויס־געקריגן... שטייענדיק אויסער דער מחנה, האָט ער קאַלטבלוטיק גערעדט צו זיך:

— מיין עסק! כ'האָב שוין אַזויפיל פּטור געמאַכט — איז מיר אַלץ איינס; מער איינעם, ווינציקער איינעם! ס'וועט סיי־ווי גיין אויף מיין קאָנטאָ... זיי זענען סיי־ווי נישט מער ווי אַ קופּע ווערעם, לייז, וואַנצן, לייזעס... ס'וואָלט סיי־ווי נישט געלעבט...

און אַזוי האָט ער זיך געלאָזט שפּרייזן צום באַראַק זיינעם. אויפן וועג ערשט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער גייט נאָך אָנגעטאָן אין זיין גרויעם, פאַרשמירטן פאַרטוך. ער האָט עס מיט עקל אַראָפּגעשלעפּט פון זיך און אַוועקגעשליידערט אויף דער ערשטער-בעסטער באַנק און ווייטער נעגאַנגען נישט אומקוקנדיק זיך אויף צוריק. זעלטן ווען בלויז האָט ער זיך אויסגעדרייט, געשטאַנען פון דער ווייטנס און געזען אַזאַ מין בילד:

הונדערטער מענטשן האָבן זיך געריסן צו די קעסלען. דיאַמענט מיט עטלעכע גוטע ברידער זיינע, וועלכע ער האָט זיך גענומען צוהילף, האָבן געקעמפט ווי די לייבן, שלאָגנדיק אויף רעכטס און אויף לינקס — ס'איז אָבער אוממעגלעך געווען עפּעס אויפצוטאָן. אין איין קעסל זענען צוויי פּיקרינער אַריין מיט די בגדים און אַריינגעלאָזט דעם קאָפּ אין דער הייי־

סער זופּ אריין... זייערע פּיס האָבן ארויסגעשטאַרט צום הימל ארויף און מיט די הענט האָבן זיי זיך געהאַלטן קראַמפּהאַפט אין די מעטאַלענע זייטן פון די קעסלען... פון אַלע זייטן האָט מען זיי געקניפּן, געריסן שטיקער...

שפּעטער, ווען אַזויפיל הענט האָבן זיי ארויסגעשלעפּט, זענען זיי געווען ווי פאַרהלשט... די האָר פון קאָפּ זענען געווען איינגעטונקט אי־נעם גרויעם שמירעכץ פון די קעסלען. פון די בגדים האָט אראָפּגעגלאַנצט אַ מין גלאַנץ פון גרוי און געל געמישט און מענטשן ארום זענען געשטאַ־נען און זיי דערווייל ארומגעלעקט פון אַלע זייטן... אַנדערע האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קני און מיט אויסגעשטרעקטע צונגער אויפגע־כאַפּט יעדן טראָפּן, וואָס האָט פון זיי אָפּגעטריפט... פון די קעסלען האָט שוין איצט זיך געפלעקט אַ גרין־געלער קאָליר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קרומע נאָכשפּעטונג פון די באַראַקן און פון וואַלד...

האָט קויפמאַן בלויז אַ הויכן געשריי געטאָן אהינצו:

— דיאַמענטן! די קעסלען זאָלן מיר ווערן גוט אויסגעבריט און אויס־געוואַשן מיט קאָכעדיק וואַסער, דו הערסט? און דאָס פאַרטוך מיינס זאָלסטו נישט פאַרגעסן אוועקצונעמען פון דער באַנק דאָ — אויב דו ווילסט נאָך טראָגן דיין שטומען קאָפּ אויף די אַקסל... און ער האָט אוועק־געשפּרייזט ווייטער...

בלויז נעבן זיין באַראַק האָט ער אָנגעוויזן דעם ערשטן־בעסטן פּאָ־ליציאַנט, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן:

— אַ שיינעם תכלית האָט ער פון אונדז געמאַכט, היטלער, האַ? נישטאָ וואָס צו רעדן... ימח שמו וזכרו! — — —

זיין שפּיי פון איבער דער שוועל האָט דער ווינט זשעדנע אויפגע־כאַפּט, געטאַנצט מיט אים אַ מינוט אין דער לופט און שפּעטער מיט אים צוזאַמען זיך געוואָרפן אויף דער ערד מיט אַ שטילער יללה...

# קאפיטל דרייצן

## I

די פאבריקס־ארבעט איז געווען צעטיילט אין פארשידענע אפטיילונגען. יעדע אפטיילונג האט זיך געהאט איר פראדוקציע.

נעבן דער פיקרין איז די צווייטע פארניכטנדיקע ארבעט געווען ביי דער אפטיילונג פון די גראנאטן, וואס האט ארומגענומען עטלעכע געביידעס, צעווארפענע אויפן שטח פון דער פאבריק.

דעם גרעסטן טייל פון די אייזערנע פלאשן, די סקעלעטן פאר די גראנאטן, האט מען געברענגט פון לייפציק, פון דער „האסאג"-צענטראלע. א געוויסער טייל איז געגאסן און געווארן אויסגעארבעט אויפן נאענטן ווערק א. די גראנאטן פון גרויסן טיפ זענען געווען דרייערליי:

גרויסע, פון 15 און 15,2 צענטימעטער די ברייט, וועלכע האבן געווויגן 57 קילא און זענען צוליב זייער שמאלער גרייס אויף לאגערשפראך אנגערופן געווארן: קעלבער...

דאן זענען געווען די מיטעלע פון 12,2 צמ. וועלכע מען האט גערופן: די מאמקעס (אן אנדייט אויף זייער פארם, וואס איז ענלעך געווען צו די גומי־זויגערלעך פאר קינדער...) מיט א געוויכט פון 38 קילא — און דאן דער קלענסטער טיפ פון 10 צמ., וועלכע מ'האט גערופן: די לאלקעס, ווייל אין פארגלייך צו די „קעלבער" האבן זיי לויט וואג (27 קילא) און גרייס אויסגעזען ווי שפילצייג...

די ליידיקע פלעשער („סקארופן") האט מען געברענגט פון ווערק א אויף א ספעציעלער באן־ליניע, וואס האט געפירט נאר ביזן ווערק צע. עס זענען געווען צוויי בריגאדעס מיט יידישע טראנספארטלער (טאג־שיכט און נאכט־שיכט), וועלכע האבן די גראנאטן אפגעלאדן פון די וואגאנעס און זיי איבערגעפירט אין די מאגאזינען. די שטויסן זענען שוין געמאכט געווארן פון דעם אינערלעכן טייל „פאבריקס־טראנספארטלער", וועלכע האבן איבערגעפירט די ליידיקע כלים אין די גיסערייען.

יעדער גראנאט האט פארן געגאסן ווערן געמוזט ווערן געשטעמפלט

פון א ספעציעלער מאשין און געהאט א באזונדער האלע, מיט א גרופע ייִדן, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט. די דאָזיקע האלע איז געווען די לייכטס־טע און ס'האָבן דאָרט נאָר געאַרבעט מענטשן, וואָס האָבן געהאַט גרויס פּראָטעקציע. דאָס איז אויך געווען די איינציקע אָפּטיילונג אין דער גאַנ־צער פאַבריק, וואָס האָט געהאַט אַ ייִדישן מייסטער.

אין דער האלע 53 איז געווען אַ טייל פון דער גיסעריי און די קאָ־יוטעס, וווּ מען האָט געבויערט די גראַנאַטן. דאָרט האָט מען געקאָכט אין גרויסע קעסלען דעם אויפרייס־שטאָף, וואָס איז באַשטאַנען, הויפּטזעכ־לעך, פון טראָטיל און סאַלעטרא.

די ליידיקע פלעשער זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף די לאַנגע פאַבריקס־טישן און אַ ייִדישער גיסער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פּולן, קאָכעדיקן עמער און זיי אָנגעגאָסן דורך אַ לייקע. אַזוי ווי אין די גראַ־נאַטן האָט נישט געטאָרט זיין קיין בלאָזן (לונקער) זענען געשטאַנען ייִדי־שע און ווייניקע פּוילישע פרויען און מיט לאַנגע, קופּערנע שפּיזן געמישט דעם אָנגעגאָסענעם טראָטיל, ביז ער איז געוואָרן אָראָפּגעזעצט און גע־האַרטעוועט.

די גראַנאַטן זענען אָנגעגאָסן געוואָרן ביז פול. שפּעטער האָט מען זיי מיט ספּעציעלע, אייזערנע וועגעלעך איבערגעפירט פון איין האלע צימער אין צווייטן אַריין. אין אָפּגעזונדערטע קאַיוטעס זענען געשטאַנען ספּעציעלע מאַשינען צום בויערן לעכער אין דעם האַרטן טראָטיל און גע־מאַכט פּלאַץ פאַר די צינדער וואָס זענען ביים אויספּאַרטיקן אַריינגע־שרויפט געוואָרן.

פון דאָ אויס זענען זיי אָפּגעפירט געוואָרן אין דער „אָפּנעמעריי", וווּ די גראַנאַטן זענען געפּרוווט געוואָרן, אָפּגערייניקט, אויסגעמאָסטן און באַשטעמפּלט געוואָרן מיט פאַרשידענע צייכנס און דאַטומס. דאַן זענען זיי פאַרשרויפט געוואָרן, ווידער אָנגעלייגט אויף אייזערנע וואַגאָנעטקעס און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ ווייטערער פאַבריק, וווּ מ'האָט אין זיי אַריינגעפּאַסט צינדערס.

עס זענען נאָך געווען הונדערטער פאַרשידענע קלענערע אַרבעטן

ארום די גראַנאַטן, וואָס זענען געווען לייכט אויסצופירן; דערביי האָבן אָבער געאַרבעט בלויז די פּוילישע אַרבעטער.

די יידן האָבן געאַרבעט ביים גיסן, קאָבן די קעסלען, שטויסן די סאַ-לעטרא-זאַלצן, שלעפּן די וועגענער, בויערן און ביים אינערלעכן און אויסערלעכן טראַנספּאָרט.

די יידישע פרויען פון דער גראַנאַטן-אָפּטיילונג האָבן געאַרבעט ביים מישן דעם טראָטיל, סאָרטירן די קאָרקעס, רייניקן די לייקעס א. א. וו. זייער אַרבעט איז געווען אַ לייכטערע און דערפאַר האָבן זיי בעסער אויסגעהאַלטן. די אַרבעטס-שעהן זענען געווען פּאַר אַלע די זעלבע פּונקט ווי די פּלאָג פון נאַכט-אַרבעט און די דערשטיקטע האַלע-אַטמאָספער.

דער הונגער און מאַנגל אין אָנטאָן איז ביי זיי געווען גענוי ווי ביי די מענער, אָבער די פרויען האָבן גיכער געקענט זיך אויסקאָמבינירן פון שמאַטעס אַ קליידל ווי די מענער.

די צאָל פון די פרויען ביי די גראַנאַטן און פּיקרין האָט זיך דערפאַר אַלץ מער געהויבן. אין די ערשטע צייטן זענען זיי געווען געציילטע; צוליב די „נאַטירלעכע סעלעקציעס" (שטאַרב-פּאַלן, דערשעפּונג) און דעם סיסטעמאַטישן אויסקלייב צום טויט, וואָס האָט אין 90 פּראָצענט געטראָפן די מענער. אזוי אַרום האָט די צאָל פרויען זיך מיט דער צייט אויסגעגלייכט מיט די מענער און אַמאָל, ביזן צוברעכנגען פרישע טראַנספּאָרטן, אפילו געמוזט איבערגיין צו די שווערסטע אַרבעטן.

## II

דעם צווייטן פאַרנאַכט איז מעבעלע געגאַנגען מיט אַ לייכטער געמיט צו דער אַרבעט. די סצענעס ביים פּאַרטיילן דאָס עסן האָבן אים געמאַכט טרויעריק און ס'איז אים נישט מעגלעך געווען מיט עמעצן אַרויסצורעדן אַ וואָרט. ער האָט שוין געוואַרט אפילו מיט אומגעדולד אויף דעם פאַרנאַכט, ווען ער וועט קענען אַרויס פון דעם משונהדיקן געפּילדער, ווו אַלץ איז אַריינגעטאָן אין דעם בלאָנקעדיקן זוכעניש נאָך אַ בימן.

די אַרבעט ביים וועגעלע איז טאַקע שווער, מ׳האָט געמוזט בסדר הייבן די שווערע שטיקער אייזן און שלעפּן די אייזערנע וועגענער; מ׳האָט אָבער נישט געמוזט זיין בסדר אין דער האַלע, נאָר אַלעמאָל גע־קענט זיך איבערלופטערן אין דרויסן, צווישן דיביימער. דער פּוילישער אויפזעער פון וועגעלע איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף גאַנצע שעהן און אים איז נישט געווען קיין אונטערשיד, וואָס מען טוט; הויפּטזעכלעך האָט ער ביים סוף נאָכגעזען, אויב די אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן. האָט מען זיך געקענט אין אָנהייב אַביסל צוויילן און שפּעטער דערפאַר זיך אויס־רוען. צווישן יידן בלויז, האָט מען זיך געקענט אַן עצה געבן; געוואָרן היימישער און אפילו געקענט רעדן אַ מענטשלעך וואָרט, פון וועלכן ס׳איז אויפן האַרץ געוואָרן אַביסל לייכטער.

אויפן צווייטן פאַרנאַכט זענען די נייע ווידער געפירט געוואָרן באַ־זונדער. אַ סך פון די נייע, וואָס זענען נעכטן אַריינגעפאַלן אין דער גיסע־ריי, האָבן זיך נישט געוואָלט צושטעלן צו דער אַרבעט. קיין נומערן האָט דאָ קיינער נישט געטראָגן, אַלץ איז געווען כאַאָטיש און אָן אָרדע־נונג — האָבן זיי באַלד אויפגעגעבן פאַלשע נעמען ביים פאַרשרייבן זיך.

דער פאָראַרבעטער פון דער גראַנאַטן־אָפּטיילונג האָט אויסגערופן די נעמען פון דער האַלע 53. עס האָט אים אויסגעפעלט צוויי צו דער פולער צאָל און ער האָט נישט געקענט אַריינגיין אין דער האַלע אָן דעם פולן קאָמפּלעט. ער איז אַוועקגעלאָפן און געבערענגט דעם פּוילישן מייס־טער פון די גראַנאַטן צו הילף.

דער הויכער, דיקער גוי האָט אַפּעלירט צו דער גרופּע, אַז די צוויי חברה־לייט זאָלן זיך מעלדן מיט גוטן... מען וועט זיי דערפאַר גאָרנישט טאָן. קיינער האָט זיך אָבער נישט אָפּגערופן. ער האָט דעריבער גענו־מען דעם יידישן פאָראַרבעטער און ביידע האָבן זיך געלאָזט אויסזוכן צווישן דער גרופּע די צוויי פעלנדיקע.

דער פאָראַרבעטער, אַ הייזעריקער, פּיפּיקער בחור, האָט פאַרשטאַ־נען, אַז עס וועט אים אוממעגלעך זיין צו דערקענען די אמתע חברה־לייט, וועלכע ער האָט בלויז איינמאָל געזען און אַפילו זיך נישט איינ־געקוקט אין די פּנימער. האָט ער דערפאַר בלויז איצט געזוכט צוויי שטי־

לע, נישט אגרעסיווע טיפן, אין וועלכע ער זאל זיך קענען אנהענגען... און דערנאך זאל אים גארנישט דראען פון זייער זייט. מעכעלעס פנים איז געווען דאס ערשטע, וואס האט געצויגן זיין אויפמערקזאמקייט. צוויי רייען ווייטער האט ער געפונען דעם צווייטן...

— פאניע גאיעווטשיק! אט דאס זענען די צוויי פייגל! האט ער פעסטגעשטעלט פארן מייסטער.

יענעם איז נישט געלעגן אין קאפ צו מאכן דא גרויסע משפטים. ער איז געווען פארווארפן מיט ארבעט און דער עיקר איז אים געגאנגען, אז דער קאמפלעט זאל זיין פארפולט; האט ער זיי גענומען אויף א קורצן פארהער:

— ווי הייסטו?

— ליבספריינד!

— ווי אזוי האסטו זיך נעכטן פארשריבן?

— מיטן זעלבן נאמען.

— ווו האסטו נעכטן געארבעט?

— ביים אינערלעכן טראנספארט.

— ביסטו דארט פארשריבן?

— מסתמא.

— ס'איז א ליגנט. דו ביסט צוגעטיילט צו דער גיסעריי. דער פאר-ארבעטער דערקענט דיך, האסט אוודאי אינמיטן דער נאכט זיך ארויסגע-גנבעט און זיך פארשריבן אויף דעם ארט, וואס דיר איז געפעלן.

— נישט אמת.

— נו, גוט. דאס וועלן מיר זען. מ'וועט אויספארשן. טאמער האסטו אזוי געטאן — וועסטו אויפגעהאנגען ווערן אינמיטן לאגער. דערווייל גייסטו צוריק צו דער ארבעט.

די זעלבע פראגן האט ער אויך געשטעלט מעכעלען. ער האט ביידע געגעבן צו לייכטע פעטש און דערמיט איז די זאך געווען געענדיקט. פון זיין טאן ביים דראען איז געווען צו דערקענען, אז ער האט גארנישט בדעה אויסצופארשן אדער בכלל די זאך מער אינזינען צו האבן.

אויפן וועג צו דער האלע האט צאלקע, דער פאראַרבעטער, זיך גע־האלטן נעבן די צוויי „אנטלאָפענע", „מורא האָבנדיק", זיי זאָלן נישט ציען אויפסניי... ער האט דערביי געהאלטן אין איין רעדן און פארענט־פערן זיך:

— מיר פערזענלעך געפעלן אזעלכע פייגל, וואָס האָבן שכל באַלד די ערשטע נאכט זיך אן עצה צו געבן... איר האט אבער נישט געטראָפן דאָס אָרט. צאלקע האט אן אויג, וואָס שמט אין לאגער; אויב איך האָב אייך איינמאָל געזען — וועל איך אייך שוין שטענדיק דערקענען... גלייבט מיר, אז איך וואָלט זיך געמאכט נישט־וויסנדיק... מיין עסק? איך בין אָבער פאראַרבעטער! אז כ'וועל אייך נישט צושטעלן — וועל איך די קלעפּ באַקומען. און איר האט זיך נאָך ביי מיר נישט פארדינט, כ'זאָל פאר אייערטוועגן געהרגעט ווערן...

ער האט א ווײַלע נאָכגעטראַכט און צוגעגעבן:

— יאָ, וועגן דער אויספאָרשונג מיטן הענגען — פייפט זיך אויס! דאָ, אין ווערק צע, הענגט מען נישט אזוי שנעל... דאָ זויגט מען בלויז געלאַסן אויס דאָס בלוט פון די אָדערן... כל־זמן איר האט נאָך א שטיקל פלייש אויפן פנים און מוסקולן — וועט מען בעסער קלערן וואָס מער נוצן פון זיי צו האָבן... איבריקנס וועט איר באַלד זיין אין דער האלע און זען אַלץ מיט די אייגענע אויגן...

אקעגנאיבער האט זיך א גרויסע ציגלענע געביידע צעלאכט און אי־רע שויבן האָבן שפּאָטיש־ממזריש געבלינצלט מיט א ים געלע פלעמלעך. די גרופּע איז שטיין געבליבן נעבן דעבלדיקן פאָדערהייזל. א פּוילישער האלע־מייסטער איז אַרויסגעקומען. איין אויג איז ביי אים געווען א גרע־סערס און האָט זיך באַזונדער געשיקלט. ער איז אקעגנגעקומען מיט א מערדעריש שמייכעלע:

— נו, צאלקע, האסט געפונען די צוויי שוואלבן?

— געפונען.

— ווייז זיי מיר. איך וויל זיך מיט זיי באַקענען...

צאלקע האט אָנגעוויזן אויף די צוויי פרישע. יענער איז צוגעקומען

נענטער. דאָס גרויסע שיקל־אויג האָט זיי אַריינגעפּינטלט אין פּנים אַריין א גאַנצע כוואַליע גיפט. ער האָט זיך צערעוועט:

— ווי גאָט איז מיר ליב! דאָס זענען דאָך די נעכטיקע צוויי פייגל, וואָס האָבן געאַרבעט ביים קעסל! דו האָסט שוין איינמאָל א קעפּעלע, צאַלקע ממזר! נו, טייערע חברימלעך, ס'איז אייך נישט געפעלן די נעכ־טיקע אַרבעט, וואָס? אויב אַזוי, וועל איך אייך היינט געבן בעסערע... א פּרעמיע פאַרן אַנטלויפן...

ער האָט זיך נאָכאַמאָל אויסגעדרייט צום פאָראַרבעטער:

— ט צ א ל ל ע ל ! דו נעמסט די גאַנצע גרופּע און פאַרטיילסט זיי ווי נעכטן און די צוויי נעם איך מיט זיך. כ'וויל זיי אביסל באַקאַנט מאַכן מיט דער האַלע 53. זיי וועלן ביי מיר אויך באַקומען א ספּעציעלע לעקציע אין באָקס... ביי מיר זענען די לעקציעס אומזיסטע און זיי בלייבן שטענדיק אין זכרון...

ער האָט זיי אַריינגעפירט אין א טונקל־דעמפּיקער קאַמער און זיי אָנגעהויבן צוטיילן מעכטיקע זעץ מיט זיינע אייזערנע פויסטן אין פּנים אַריין. מעכעלע האָט בלויז געשפּירט ווי פון דער נאָז ציט זיך א וואַרעם שנירל גלייך אין האַלדז אַריין. ס'איז נישט מעגלעך געווען צו אים צו רעדן א וואָרט, זיך פאַרענטפערן... ערשט ווען ער האָט דערשפּירט די קלעפּיקע פייכטקייט פון בלוט אין זיינע אָדערן, האָט ער צו זיך אַליין א ברום געטאָן:

— אויף היינט איז גענוג. זיי האָבן א גליק, די הינטישע זין, וואָס די מאַשין וואַרט...

זיי זענען אים, אָן א פּיפּס צו טאָן, נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיי צוגע־פירט צו א קראַן מיט הייס וואַסער, געהייסן זיי גוט אָפּוואַשן דאָס פּנים און אַריינגעפירט זיי אין דער האַלע אַריין. די מאַשינען האָבן שוין גע־דווישט אין אַלע זייטן. ער האָט געזוכט וועמען מיט די אויגן. ענדלעך האָט ער דערזען עפּעס אַן עלטערן גוי, מיט גרויסע, ברודיק־געלבלעכע וואָנסן און אים צוגערופן:

— זאַוואַדאַ! די צוויי קאַטאָרזשניקעס וועלן אַרבעטן ביי דיר. זיי האָבן זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון דער אַרבעט. זאָלסט זיי דערפאַר

לערנען ווי אזוי מען דאַרף דאָ צו אַרבעטן. די אַנדערע זשידקעס, ביי דיר אין קאַיוטע, מעגסטו היינט אַביסל צורו לאָזן, דערפאַר אָבער וויל איך זען, ווי אַזוי די צוויי טייוולאָנים שוויצן היינט. פון דיין קאַיוטע מוזן היינט אַרויס 15 הונדערט קעלבער, אויסער די קאַליקעס... האָסטו פאַרשטאַנען?

דער גוי האָט עפּעס הכנעהדיק אַ ברום געטאָן, וואָס ער אַליין האָט זיכער נישט דערהערט. ער האָט אַ רוף געטאָן די צוויי צעשלאָגענע מיט אַ באַוואַקסענעם, שוואַרצן נאָגל־פינגער:

— קומט, הירנזין! אַ רוח אין אייער מאַמען...

III

אין דער קאַיוטע איז געווען שמאָל און ענג. אין דער הייך בלויז איז געווען אַ קליין פענצטערל, וואָס איז געווען פאַרהאַקט און באַשיט מיט אַ ברוינלעכן שטויב. אַ גרויסע טיר האָט אַרויסגעפירט אין אַ פינצטערער קאַמער. ביי איין זייט פון דער וואַנט איז געשטאַנען אַ מאַשין פון בלויז שרייפלעך און רעדעלעך: צוויי גרויסע, לעדערנע רימענס זענען געווען אַריבערגעצויגן איבערן ראָד פון דער מאַשין און זיך געצויגן ביז אַרויף צום סופיט צו. די צענטראַלע עלעקטרישע קראַפט האָט געטריבן מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט די רימענס אַרום דעם ראָד.

אין דער צווייטער זייט איז געשטאַנען אַ דיקער, הילצערנער קלאָץ מיט פאַרשידענע קאַרבן און שפּאַלטן אויפן שפּיץ, נעבן אַ נידריקן, אייזערנעם טיש.

אין דער פאָדלאָגע זענען געווען אויסגעריסן טיפע לעכער, וועלכע מען האָט צוגעדעקט מיט קורצע שטיקלעך צעריסענער בלעך, וואָס האָבן זיך אַלעמאָל אַוועקגעשאַרט ביים מינדסטן נישט־פאָרזיכטיקן ריר פונעם פוס. קיין הילצערנער פוס־באָדן איז נישט געווען. די הוילע, שוואַרצע ערד אונטער די פיס איז געווען ווייך און פעט, קלעפנדיק זיך אונטער די פיס...

ביים ערשטן אַריינקום אין דער קאַיוטע האָט זיך מעכעלען אויס־

געוויזן, אז ער איז דא אריינגעפירט געווארן אין א גאז-קאמער אריין. א שווערער, ביטערער טעם האט בייסיק אריינגעזאלצן אין די אויגן אריין. ביים ערשטן אטעם-פארצי האט א ביטערקייט זיך געטאן א יאג איבערן האלדז, אז ס'איז אוממעגלעך געווען ווייטער צו ציען די לופט. ס'האט זיך אים אויסגעוויזן, אז אט-באלד ווערט ער דערשטיקט. דארט זענען שוין געשטאנען פיר יידן. איינער פון א זייט האט א בליק געטאן אויף די כארכלענדיקע צוויי פרישע מיט די פארהאקטע אטעמס און זיך הוסטענדיק צעלאכט:

— ס'מאכט נישט אויס, חברים... מיר האבן אויך אזוי געשפירט די ערשטע טעג. נאר גארנישט, ביז צום שטארבן געוויינט מען זיך צו!

איינער פון זיי, וואס איז געשטאנען ביי דער שוועל, האט אויך גע-האט א פארקרומט פנים. ביי אים האט זיך דאס נאקעטע האריך-ברעט געווארפן און דער קנאפ פון האלדז איז געלאפן אויף און אפ, ווי ביי איי-נעם וואס מען שטיקט פון אינעווייניק... ער האט קוים ארויסגעסאפעט א פאר ווערטער:

— איר זענט אויך פון קאעל?

ביידע האבן געשאקלט מיט די קעפ, ווייזט אויס, אז אויך ער איז דא א פרישער. ער האט זיי באלד אנגעזאגט די בשורה:

— מירן דא לאנג נ י ש ט אנטרייבן... באלד די ערשטע טעג וועלן מיר דא קראפירן!

אבער די יידן פון דער זייט האבן זיך אויף אים צעבייזערט:

— טע־טע-טע! אז מ'האט א געזונט האריץ, קען מען דא אויסהאלטן גאנצע וואכן און אמאל אפילו חדשים. די ערשטע צוויי טעג דוכט זיך אלעמען אזוי אויס, שפעטער אבער געוויינט מען זיך צו... פארשטייט זיך, אז נאך א פאר וואכן בלייבט מען אן א האריץ און אן לונגען — אבער לעבן קען מען דא א שפאר שטיק צייט... סיידן אז מ'האט נישט קיין געלט זיך צוצוקויפן קיין שטיקל ברויט. ס'איז דאן א ברכה לבטלה; נישטא קיין האפענונג אנצוטרייבן אפילו א וואך...

זאוואדא, דער אויפזעער איבער דער קאיוטע, איז דערווייל אריינ-געפאלן מיט א שטעקן און גענומען אויפמונטערן איבער די קעפ:

— איר האָט פאַרגעסן, הינטישע לעבערס, אַז די מאַשין לויפט שוין אַ האַלבע שעה און איר האָט נאָך נישט אָנגעהויבן די אַרבעט...

און צו די דריי אַלטע האָט ער צוגעוואָרפן:

— איר ווייזט זיי צו ווי אַזוי מען אַרבעט און וואָס ס'איז דאָ צו מאַכן. ווען זיי וועלן קענען די מלאכה — וועט איר בלויז אויספּוצן די גראַנאַטן און זיי זאָלן אַביסל שוויצן... דער עיקר זאָלט איר זען, אַז די נאָרמע זאָל נישט פאַרשפּעטיקן; ווען נישט, וועט איר אויך היינט צע־הרגעט ווערן, ווי עס געהער צו זיין...

אָפּגעזאָגט זיך ס'זייגיקע און אַוועק.

אַלע האָבן זיך געוואָרפן צו דער מאַשין און גענומען זיך באַקענען מיטן סיסטעם פון דער אַרבעט.

אָפיציעל האָט מען געאַרבעט 12 שעה. ביים קומען האָט מען גע־דאַרפט אויסאייל̈ן די מאַשין, אַרומפּוצן די כלים און זויבער מאַכן די קאַיוטע. דערנאָך האָט מען אַריינגעשלעפּט אַן אייזערנע, פיר־עקיקע און פּלאַטשיקע וואַגאָנעטקע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טיש און זי אַוועק־געשטעלט אינעווייניק, ביי דער מאַשין. פון דער גרויסער האַלע האָט מען צוגעבערענגט אַ וואַגן, פול מיט אָנגעגאָסענע גראַנאַטן און אים אַוועק־געשטעלט ביי דער שוועל.

איינער פון די קאַיוטע־מענטשן האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר און אַריינדערלאַנגט די גראַנאַטן. אַ צווייטער האָט זיי אָפּגענומען פון יענעמס האַנט און אים אַריינגעפּאַסט אין דער שמאָלער פורטקע פון דער מאַשין, אַזוי אַז דאָס שמאָלע פּיסקל פון גראַנאַט זאָל זיין אָנגע־שטעלט קעגן דעם עלעקטרישן אויסבויערער און אַ דריטער האָט געדרייט מיטן רעדל. דער גראַנאַט איז ביים דרייען צוגעפירט געוואָרן ביז צום בויערער; דאָס שטיק שטאָל האָט זיך דאַן איינגעגראָבן אינעם אָפענעם פּיסקל און מיט אַ רעש אויסגעביסן אינעם טראָטיל פון אינעווייניק אַ לאָך פון 10 צמ. די טיף. דער וואָס האָט געפירט מיטן ראָד האָט דערביי געמוזט אַכטונג געבן, אַז די מאַשין זאָל אויף אַ האָר נישט פאַרטיפן דאָס לאָך מער ווי ס'איז נויטיק; ווען נישט, האָט מען דעם גראַנאַט געמוזט נאָכאַמאָל גיסן און בויערן אויפסניי. דאָס האָט געהייסן ס א ב אָ־

טאַזש. דער זעלבער, וואָס האָט אַריינגעזעצט דעם גראַנאַט, האָט אים געדאַרפט אַרויסנעמען און אים אויסקלאַפּן פון דעם שטויב אויפן הילצערנעם קלאָץ. ווען דאָס איז געמאַכט געוואָרן, האָט ער אים געדאַרפט איבערדרייען אויף דער צווייטער זייט און אים פּאָרזיכטיק אַוועקשטעלן אין דער ריי, אויף דעם אייזערנעם, ליידיקן טיש־וועגעלע.

אַן אַנדערער איז געשטאַנען מיט אַ ספּעציעלן מעסטער און קאָנטראָלירט, אויב דאָס לעכל איז פאַרטיפט ווי געהעריק. דער מעסטער האָט ביים עק געהאַט אַ שמאָל און צוגעשאַרפט צינגל. טאָמער האָט נאָך עפּעס געפעלט צו דער טיף, האָט דער מענטש געמוזט אויספיילן דעם באָדן, ביז דער ריכטיקער טיף. אין דער זייט איז געשטאַנען אַ פערטער און מיט אַ דינער, קופּערנער שפּיז אַרויסגעגראַבלט דעם אַריינגעמאַכטן טראָטיל פון די קאַרבן, אַז דער צינדער זאָל זיך קענען אַריינשרויפן. ווידער האָט מען געמוזט אויסקלאַפּן דעם שטויב און אויססדרן די גראַנאַטן גרייט צום אַרויספירן.

ווען די פּלאַטע איז פול געוואָרן, זענען אַריינגעקומען צוויי מענטשן מיט אַן אייזערנעם הייבער אויף רעדלעך און אַרונטערגערוקט אונטערן טישל. זיי האָבן אַ דריק געטאָן מיטן הענטל פון הייבער און די פּלאַטע האָט זיך אונטערגעהויבן און אַרויף אויפן הייבער און אויטאָמאַטיש צוגעפעסטיקט געוואָרן. זיי האָבן דאַן אַזוי אַרום די גראַנאַטן אַרויסגעשלעפּט אין קאָרידאָר און די אינעווייניקסטע האָבן אַריינגעטראָגן אַ פרישע פּלאַטע. אינדרויסן האָט געוואַרט אַ ספּעציעלער בלאָזער, וואָס האָט אַרויסגעיאָגט דעם שטויב פון די געבוירעטע גראַנאַטן. אַ מיידל האָט זיי אַרומגעפּוצט און איבערגעשטעלט אויף אַ צווייט וועגעלע. דער איינערלעכער טראַנספּאָרט איז דאַן צוגעקומען און אַוועקגעשלעפּט די וואַגאָנעטקע דורך די אייזערנע גלייזן אין דער אָפּנעמעריי.

די איינציקע מאַסקע פון דער האַלע, וואָס האָט געשיצט פאַרן שרעקלעכן טראָטיל־שטויב, האָט באַקומען דער בלאָזער. אַלע אַנדערע האָבן געאַרבעט מיט אָפענע פּנימער, גענוי ווי ביי אַלע אַנדערע אַרבעטן.

## IV

אין די פוילישע צייטן האָט די פאַבריק אויסגעאַרבעט 400 גראַ־נאַטן טעגלעך. די אַרבעטער האָבן געהאַט ספּעציעלע מאַסקעס און אַנצוגן און פאַרן העכסטן לוין האָט מען געאַרבעט 4 שעה טעגלעך, ביי צוויי איבעררייסן. זיי האָבן באַקומען ספּעציעלע צוגאָבן פון פעטסן און פליישן; צוויי חדשים באַצאָלטן אורלויב אין יאָר און די בעסטע וווינונגען אין דער שיינער, וואַלדיקער געגנט. טראָץ דעם זענען אַ סך אַרבעטער נאָך אַ יאָר-צוויי קראַנק געוואָרן אויפן האַרץ און די לונגען.

ווי אַנדערש האָט אָבער אויסגעזען דאָס בילד ביים איצטיקן סיס־טעם!

אין דער קאַיוטע, וווּ מעבעלע איז אַריינגעשליידערט געוואָרן, האָט מען אויסגעאַרבעט די גרויסע „קעלבער". אויסער די צוגאָב-אַרבעטן האָט מען זיך געפונען אין דער קאַיוטע 12 שעה. אָן מאַסקעס, מיטן געוועג־לעכן אַנטאָן, וואָס מ'טראָגט אויך שפּעטער... ביי אַ גרויזאַמען הונגער און בהלהדיקן געיעג...

אין די ערשטע צייטן האָט בלויז די איינע קאַיוטע אַרויסגעגעבן 300 גראַנאַטן, איצט איז זי אַרויפגעצויגן געוואָרן אויף 1600 — פון דער איינער צעלע בלויז... איז דערפאַר נישט קיין וווּנדער, וואָס די האַלע האָט שוין אין משך פון דער צייט אויפגעפרעסן טויזנטער יונגע, יידישע לעבנס...

ביז די מאַשין האָט גענומען אַרבעטן האָט געדויערט אַ האַלבע שעה. מיטאָג-פויזע האָט אויך פאַרנומען אַ האַלבע שעה... און אַמאָל האָט זיך די אַלטע מאַשין מיטן פאַרעלטערטן עלעקטריפיקאַציע־סיסטעם פאַרהאַקט און ס'האָט געדויערט, ביז מען האָט זי געמאַכט אין אָרדענונג, אַזוי אַז אין פאַרלויף פון 10 שעה האָט מען געמוזט אויספאַרטיקן אַזאַ ריזיקע נאָרמע. דאָס האָט געהייסן אומגעפער 5 גראַנאַטן אין 2 מינוט... די פול-אָנגעגאָסענע כלים האָבן פאַרן אויסבויערן זיי, געווויגן ביז 60 קילאָ... און דאָס האָט מען געמוזט כסדר הייבן, זיך בויגן, טראָגן זיי, אַריינשטעלן, אַרויסנעמען, אויסקלאַפּן... אָן אויפהער אַזוי... אָן אַ סע־

קונדע צו קענען רוען — — — ארבעטן מיט אזא בליציקער שנעלקייט — דערביי האט דאס געזונטסטע הארץ געמוזט פלאצן. צוליב דער נארמע האט נישט געדארפט שטיין קיין דייטש אדער פאליאק און היטן כסדר. צוליב וואס זאל ער דא שטיין און שטיקן זיך? מ'האט אוועקגעשטעלט א גרויליקע בייטש, וואס איז נישט געווען אנצוזען... איין ציפער-ווארט: ט ו י ז נ ט ... פופצנהונדערט... און דאס האט מער געטריבן, מער געפייניקט און געשמיסן ווי א מיליאן אויפזעער...

דער אלטער אויפזעער, זאוואדא, האט פריער אליין געארבעט — ביי פוילנס צייטן — אין דער פאבריק. ער איז געווען אסטמאטיש און אן לונגען. פאר די נייע מענטשן פון דער קאיוטע האט ער געהאלטן א קורצע דרשה, פון זיין אייגענער פראקטיק ארויס:

— איצט האט איר עס נאך גוט... איר זענט 6 יידן אין דער קאיוטע. אין א וואך אדער צוויי ארום וועלן שוין זיבער נישט לעבן מער ווי דריי... קיין אנדערע אויף יענעמס ארט וועט מען אייך נישט צוגעבן. ס'פעלן אזוי אויך מענטשן... און אט די דריי, וואס וועלן בלייבן, וועלן ערשט שפירן דעם אמתן טעם פון ארבעט. אט דאס אלץ, וואס דא ווערט געמאכט, וועלן זיי מוזן אויספירן אין דרייען — אויב זיי ווילן זיך אויסהיטן נישט צו גיין אויפן זעלבן וועג, וואס יענע...

און ס'איז געגנוג געווען א קוק צו טאן אויף די פנימער פון די פריערדיקע, בכדי צו וויסן, אויף וועלכע דריי עס ווארט דא דער לעבעדיקער גיהנום...

די דריי פרישע האבן זיך די ארבעט פארטיילט אויף פאלגנדיקן אופן:

מארטפעלד, וואס האט דא געארבעט מיט א טאג פריער, האט אריינדערלאנגט די גראנאטן אין דער קאיוטע אריין. משה ליבספריינד, מעבעלעס שותף צום גורל, האט געדרייט מיטן ראד און מעבעלע האט אריינגעלייגט און ארויסגענומען פון דער מאשין און אויסגעקלאפט די „קעלבער" אויפן גרויסן קלאץ.

די ערשטע שעה האבן מעבעלעס פינגער נישט געקענט מיטלויפן מיט דער מאשין. אין זיין האנט זענען די גראנאטן געווען אמלענגסטן.

די מאַשין איז געלאָפֿן מיט אַ טייוולאָנישער שנעלקייט און מעבעלע האָט זיך אַלעמאָל פֿאַרטראַכט אויף אַ סעקונדע, ווען ער איז מיט די פֿינגער אַריינגעקראָכן אין דעם לעכל פֿון דער מאַשין... נישט קענענדיק זיך קאָנצענטרירן, אויסצומעסטן די האַלבע סעקונדן — האָט דער בויערער ביי אים דערווייל אַרויסגעריסן שטיקער פֿלייש פֿון די הענט און פֿינגער... אין די ווונדן האָט זיך אַריינבאַקומען רויער טראָטיל־שטויב, וואָס האָט געריסן שטיקער.

נאָך די ערשטע דריי שעה האָט יעדער פֿון זיי געשפּירט ווי דער אָטעם ווערט שווער און שווערער. ביי יעדן גראַנאַט, ווען דער בויערער האָט מיט אַ זעגעדיקן גרילץ געטאָן אַ פּאָר אַריין אין דעם איינגעהאַרטעוועטן טראָטיל, האָט געגעבן אַ יאָג אַ ביטערער שטויב אין פּנים, אין מויל און אינעם האַלדז אַריין. די ברעמען, די האָר אויפֿן קאָפּ און פֿון דער נאַקעטער ברוסט זענען באַשיט געוואָרן מיט דעם געל־ברוינלעכן מעל. פֿון די ברעמען אַראָפּ האָבן זיך איינצלנע שטויבעלעך נייגעריק אַריינגעטאַנצט אין דעם אָפֿענעם אויג אַריין און שמערצלעך אַריינגעבויערט אין די שוואַרצאַפּלען אַריין...

ערשט איצט האָט מעבעלע באַגריפֿן, פֿאַרוואָס ביי די אַלע מענטשן איז דער קערפּער, דאָס פּנים און אפֿילו די האָר צוגעבּרענט אויף אַזאַ קאָליר, גלייך ווי זיי וואָלטן שוין געווען פֿאַרבּרענט און דאָך נישט דערברענט געוואָרן...

ס׳איז נישט מעגלעך געווען אין גייעג צו כאַפּן אַ וואָרט, אַ ברום צו טאָן. בלויז ביים אָפּנעמען די גראַנאַטן פֿון מאַרטפּעלדם הענט האָבן זיינע צערפּול־אויסגעבראָטענע אויגן מעבעלען אַלץ דערזאָגט... וואָס אַ מינוט שפּעטער האָבן זיינע אויגן צו אים געשריגן מיט אַן אַלץ־וואַקסנדיקן טיף־שטומען ווייטיק... מסתמא זענען מעבעלעס אויגן אויך געווען די זעלבע; ער האָט אָבער אין זיי נישט געקענט אַריינקוקן... ער האָט קוים געקענט הערן דעם געבראָכענעם צער פֿון יעדן ביין זיינעם באַזונדער...

דריי פֿערטל גיין האָט עס אַ קלינג געטאָן: נאַכט־עסן! אַלע האָבן זיך געלאָזט, ווי שכורע, צום בונקער, ווו מען טיילט אויס די זופּ. אין

גע‌איי‌ל האָט מען איבערגעלאָזט די גראַנאַטן אין די וועגעלעך און אין מאַשין, נישט וויסנדיק, אַז דערצו מוז געמאַכט ווערן אַ באַוואָרעניש; אויב מ׳וויל זיך שפּעטער נישט אָפּרייסן די לונגען...

אויפן באַלויכטענעם פּלאַץ, צווישן די ביימער האָבן זיך געוואַל־גערט עטלעכע פאַרזשאַווערטע בלעכלעך. די נייע האָבן זיי געכאַפּט, צו־זאַמען מיטן אָנגעקליבענעם דאָרט שמוץ און שנעל געלאָזט זיך אין דער ריי, אַריינגיסן דאָס ביסל קלעפּיקע זופּ. די פּושקע האָט געבריט אין די הענט; זיי האָבן זיך דערפאַר אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אָוועקגע־שטעלט דאָס בלעכל אַקעגנאַיבער און אַראָפּגעבויגענערהייט דערפון אַרויסגעזופּט...

מעכעלע האָט געטאָן אַ טיפן שלעפּ מיטן גאַנצן גיר פון אַ טויט־הונגעריקן און אַ פאַרצווייפלטן געשריי געטאָן... דאָס זעלבע זיינע פרישע צוויי חברים. ס׳האָט אַ ביס געטאָן אין האַלדז, פּונקט ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעשלונגען אַ קאָכעדיק־גיפטיקן סם... ביים צווייטן שלונג האָט זיך די שרעקלעך־ביטערע היציקייט אַ יאָג געגעבן איבערן גומען, איבערן האַלדז, אַבֿרים און ווי אַ שטעכיקע שפּילקע אַ דינעם שטאָך געטאָן אין מח...

ווייטער אַביסל האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אַנדערע מענטשן מיט אָנ־געגאָסענע בלעכלעך. אַנדערע זענען געגאַנגען רואיק און מיט קענטיקער הנאה אַריינגעגראָבן די נעז אינעווייניק און געצויגן פון דאָרט די קאָכע־דיקע זופּ, ווי קיינמאָל גאָרנישט... דערפאַר אָבער זענען אין אַלע זייטן געציילטע מענטשן שטיין געבליבן און זיך פּלוצים אַ וואַקל געטאָן מיט אָפּן־צעקרומטע מיילער... אַלע דריי בליקן טרעפן זיך. מסתמא טראַכטן אַלע דאָס זעלבע:

מ׳וויל אונדז דאָ פאַרסמען! מ׳האָט אונדז ספּעציעל גאָרנישט גע־זאָגט און, ווי אַ בייזער שפּיל, אונדז אַריינגעטאָן דעם גיפט אין עסן, וואָס וועט ברענגען דעם טויט אומגעריכטערהייט... מיט אַ לאַנגן מאַטערן זיך...

אָבער, זע נאָר. די אַנדערע דריי פון דער קאָיוטע, וואָס זיצן דאַנעבן, האָבן שוין רואיק אויסגעזופּט זייער פּאָרציע! זיי לעקן איצט אַרום מיט

דער צונג די ווענטלעך פון בלעכל מיט א פארגאפטער, קאָנטיקער הנאה... וואָס איז דאָס? ווערט דאָך דאָס עסן אויסגעטיילט פון זעלבן קעסל!?

דער הויכער, דארער ייד, וואָס זיצט נעבן מעבעלען, באמערקט זיין פארלעגנהייט. ער צעשמייכלט זיך מיט זיינע פארברענט־געפלאצטע ליפן:

—אהא, גאָר פאַרגעסן עס אייך צו זאָגן... פונקט ווי מען מאַכט אַדורך אַ קראַנקהייט, ווען מען פאַרט אויף אַ שיף, אַזוי מוז מען דאָ אַדורכמאַכן די ערשטע טראַטיל־טעג... וואָס איר זאָלט נישט נעמען אין מויל, וועט אייך זיין ביטער: אַ ביסל זופּ, אַ שטיקל ברויט, אַ לעפל מאַר־מעלאַד... אויף אַלץ וועט איר מיינען, אַז ס'איז גיפט. דאָס איז דערפאַר, ווייל די קישקעס, די אברים זענען נאָך נישט אינגאַנצן אַדורכגענומען מיטן טראַטיל, עס וועט אייך זיין שרעקלעך, אָבער — פאַרפאַלן... אויך די שטומע אברים בונטעווען זיך, ווילן נישט אויפנעמען דעם גיפט אין זיך, ווען דאָס עסן טוט אַ שווענק דעם שטויב פון די ציין און פון גומען און וויל עס אריינשלעפּן אין מאָגן אַריין — פּראָטעסטירט עס אין דיר, וואַרפט עס זיך — — — דאָס איז אָבער פּשוט עסן... גוט אָדער שלעכט, אָבער — עסן. אין דעם איז זיכער נישטאָ קיין טראָפּן גיפט; דערמיט וואָס דו וועסט עס נישט עסן, וועט קיין מילי־מיליאָסנדל פּיצל טראָטיל נישט אַרויס פון דיינע געדערים... אדרבא, טאָמער וועסטו נאָך צופאַסטן אַ דריי טעג — ווערסטו באַלד אויפגעפרעסן... דאָס איינציקע געווער, מיט וועלכן קענסט נאָך קעמפן קעגן טראָטיל איז — צו עסן, וואָס מער עסן — אויב דו האָסט... דאָס קען נאָך פאַרלענגערן דיין לעבן אויף וואָכן און, אפילו חדשים... דו מוזט עס וויסן, ווייל מאָרגן וועסטו דאָס זעלבע זען ביים ברויט, ביי דער מאַרמעלאַד, אויב זי וועט זיין מאָרגן...

מעבעלען איז אפילו פון דער ביטערקייט פאַרגאַנגען דער הונגער; ער האָט אָבער דאָך זיך באַמיט אַראָפּצושלינגען איין זופּ נאָכן צווייטן... דאָס גלעקל האָט אָנגעזאָגט דעם סוף פונעם איבעררייס.

## V

די ערד פון דער פּאָדלאָגע אין דער קאַיוטע איז געווען ווייך און פעט. ווען מען האָט אַוועקגעשטעלט די אייזערנע פּלאַטע, איז זי געווען לײדיק און דערפאַר געשטאַנען אויבנאויף; ווען מ'האָט אָבער גענומען אָנשטעלן אויף איר איין גראַנאַט נאָכן צווייטן — איז זי געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער... די אייזערנע פיסלעך אירע האָבן זיך איינגעדראַפּעט אין דער ערד און גענומען אַראָפּזינקען. ווען די חברה איז אַוועק אויף מיטאָג, זענען אויף דער פּלאַטע שטיין געבליבן 60 שווערע גראַנאַטן און די משא פון 4 טויזנט קילאָ — איז זי איבער דער פויזעצייט אַריינגעקראָכן אומגעשטערט אין דער ערד אַריין אויף עטלעכע צענטימעטער...

אַלטע אַרבעטער האָבן שוין געוווּסט, אַז ביים אַוועקשטעלן אַ לײדיקע פּלאַטע מוז מען איר אונטערלייגן דיקע ברעטלעך אונטער יעדן פיסל. נאָכן ערשטן קבלת־פּנים, אין דער טראָטיל לופט, האָט דער קאָפּ ביי די נייע — אַזעלכע זאַכן נישט געקענט פאַרקלערן... דער אויפזעער, זאַוואַדאַ, האָט עס בכיוון „פאַרגעסן", בכדי מיט דעם פאַל איינצוקריצן אין די קעפּ די תורה אויף ווייטער.

צוריקקומענדיק האָבן זיי אין געאייל געוואָלט אַרויסשלעפּן די פולע פּלאַטע און אַריינשטעלן אַ צווייטע. דער הייבער האָט געקרעכצט און דאָס וועגעלע האָט זיך געריסן פון אָרט און דאָך זיך נישט געקענט אַוועקרייסן... ווען זיי האָבן דערזען די סיבה, איז שוין געווען צו־שפּעט... אַרומגראָבן לעכער און אַרויסגראָבן די פיסלעך האָט מען נישט געלאָזט און קיין אַנדער עצה האָט זיך נישט געזען... מ'האָט געמוזט אַריבערטראָגן די משא אין דער האַלע און רייסן די לײדיקע פּלאַטע מיט די הענט... די מייסטער פון דער האַלע זענען זיך אָנגעלאָפן און גענומען האַקן מיט דיקע ברעטער איבער די קעפּ. ביי זיי איז עס נישט אַנדערש געווען, נאָר אַז מען מוז מיט די הוילע כוחות זי אַרויסרייסן פון דער ערד... מען האָט געברענגט אייזערנע שטאַנגען, זיי אונטערגעשטעלט אונטערן וואָגן און מיט אַלע כוחות זיי גענומען רייסן אינדערהייך, אַזוי אַז די ריזיקע משא

אייזן זאָל זיך מיטרייסן... די קלעפּ פון אַלע זייטן האָבן דערביי נישט אויפגעהערט. האָט מען פון זיך געריסן די לונגען אָן באַוווסטזיין, מיט צע־פייערטע קעפּ פון מכות און אונטערן האָגל פון זידלערייען. אפילו דער פאָראַרבעטער, צאַלקע, האָט געמוזט צוקומען און צושטייער געבן זיין פּאָרציע קללות... פון זיין טאָן האָט מען געזען, אַז אים פאַרדריסט נישט אַזויפיל דאָס געשעענע, ווי ער וויל דאָס באַווייזן די מייסטערס, אַז ער וויל זיי מיטהעלפן אין דער זידל־אַרבעט...

נישט מעגלעך געווען צו וויסן, מיט וועלכע געהיימע כוחות זיי האָבן עס באַוויזן. דאָס וועגעלע האָט אַ ריס געטאָן די משא און אַרויסגעפירט אין קאָרידאָר אַריין. דער זייגער אָבער האָט חוזקדיק אָנגעזאָגט די בשורה:

— די נאָרמע וועט שוין היינט נישט זיין...

די קלעפּ, וואָס זיי האָבן געכאַפּט, איז נישט מעגלעך געווען איבער־צוציילן. די צוויי פּוילישע מייסטערס האָבן געוואָרנט, אַז זיי וועלן די מענטשן פון דער קומענדיקער שיכט צוריקשיקן און זיי וועלן מוזן אָפּ־אַרבעטן ביידע שיכטן... האָט מען געאַרבעט מיט אויפגעלאָפּענע הענט און יעדער האָט געמיינט, אַז ביז פאַרטאָג וועט ער שוין נישט דערציען; קיי־נער האָט אָבער נישט געפרעגט נאָך די כוחות, נאָר געאַרבעט אין ווילדן משוגעת, צערייצטע פון די קלעפּ...

דער אָוונט איז שוין צוגעגאַנגען שלימזלדיק. אין באָדן פון דער קאַ־יוטע זענען געווען לעכער. די מייסטערס פון דער פאַבריק איז נישט גע־גאַנגען אין לעבן זיי צו פאַרריכטן און די אַרבעט פון אַרויסשלעפּן די וועגענער זאָל צוגיין לייכטער, נאָר געהייסן „זיך אַן עצה געבן"... די לעכער זענען פאַרלייגט געוואָרן מיט דינע שטיקלעך בלעך און מ'האָט געמוזט זיין פאָרזיכטיק ביים מאַניפּולירן מיטן וועגעלע. דערצו האָט זיך געפּאָ־דערט אַ ספּעציעלע רוטין, אַ קונציק באַלאַנסירן מיט דער גלייכגעוויכט, אַז די בלעך זאָל זיך ביי אַ שטאַרקן דרוק נישט אַריינבייגן אין לאָך אַריין און דער וואָגן זאָל אויף אַזאַ אופן נישט אַריינגעקאַרבט ווערן אין דעם בלעך־פאַרבויג. נאָך מער האָט מען געמוזט אַכטונג געבן, אַז מען זאָל אין ווילדן אָנשטרענג נישט טאָן אַן איבעריקן שאַר מיטן פוס און דאָס שטיקל בלעך זאָל אַוועקשפּרינגען פון אָרט, ווייל דאַן האָט דאָס וועגעלע מיט די

קליינע רעדלעך א שפרונג געטאן אין לאך אריין און ס׳איז עס ממש אומ־מעגלעך געווען ארויסצושלעפן.

פריער האט צאלקע זיך דערמיט פארנומען. ער האט שוין געקענט אלע קאפריזן פון זיין וועגעלע און געוווסט ווי אזוי עס אדורכצופירן איבער געפערלעכע ערטער. ווען די נייע זענען געקומען, האט ער אויפגעהערט צו ארבעטן. זיי האבן דערפאר געשלעפט מיט אלע אברים, נישט זעענדיק גארנישט פאר די אויגן... ווי אזוי זשע האבן זיי געקענט אכטונג געבן, אז די בלעכלעך זאלן נישט אפשפרינגען?

זענען די רעדלעך אלע מאל געקראכן נישט ווו מען דארף און די קלעפ מיט די געשרייען אין דער קאיוטע האבן זיך אויסגעמישט מיט די שטו־מע זיפצן פון איבער-אנגעשטרענגטן הייבער...

דער מייסטער מיטן גרויסן אויג האט ביי יעדן קלאפ געשווירן, אז „אזוי ווי גאט איז אים ליב”, ווי ער מוז זיי אלעמען איבערגעבן דער ווערקשוץ; סיי ווי דארף אין די נאענטסטע טעג זיין א סעלעקציע — טא זאל מען זיי מיטפירן צום שיס-שטאנד... נישט אנדערש, נאר מ׳האט דא צו טאן מיט סאבאטאזשניקעס! נאר זיי מעגן זיך ארויסשלאגן פון קאפ דא עפעס אויפצוטאן. איבעריקנס, וועט ער עס זיי שוין ארויסשלאגן... מיט א ברעט וועט עס צוגיין שנעלער און גרינטלעכער...

...ווען דער פרימארגן האט זיך אריינבאקומען דורכן פארשטויבטן שייבל, האט די קאיוטע ערשט געהאלטן ביי 800 גראנאטן. די מענטשן פון פריער האבן געזאגט, אז דער שלעגער, ש ע ט ש ק א, איז א וואָרטסמאן; האט ער געזאגט, אז זיי וועלן בלייבן — וועלן זיי... ס׳איז נישט דער ערשטער פאל...

משה מיט מארטפעלדן נעמען זיך סודען. משה פליסטערט שטיל, די אלטע זאלן נישט הערן:

— זעסט דאך, אז דא וועלן זיי סיי ווי ממיתן, איז — א קרענק זיי! ער זאל אפילו הרגענען, וועלן מיר קיין צווייטע שיכט נישט ארבעטן... מארטפעלד איז מסכים. מעכעלע, וואס שטייט אין דער זייט, האט אי־בערהויפט פארלוירן דאס לשון. בלויז אין זיינע אויגן פינקלט אויף עפעס

פרעמדס און צאָרנדיקס, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, מלחמהדיקס, צו באַקומען אין דער האַנט אַריין...

די האַלע האָט דערווייל אָנגעהויבן אויסגעלייזדיקט צו ווערן. די אַנדערע דריי האָבן זיך זייטיק אַרויסגעשאַרט פון דער קאַיוטע און אין דער האַלע איז שטיל געוואָרן. בלויז אַ טויבלעכער גרילץ פון אַ שכנותדיקער האַלע האָט ווי אַ ליך געטאָן אַ קראַך אַריין דורכן פענצטער און אַנטלאָפן...

מאַרטפעלד, משה און מעכעלע האָבן זיך בלויז אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן מיט אַ משוגענער אַנטשלאָסנקייט. אַ וואַרעמקייט פאַר דעם, וואָס קען דאָ באַלד געשען, האָט זיי געמאַכט פאַרגעסן אין דער גרויל פון טויט... מאַרטפעלד האָט שטיל און וואַרטלאָז צוגעשאַרט צו זיך אַן אייזערנע שטאַנג, וואָס איז אַ פאַרגעסענע געלעגן אין דער זייט — — —

ענדלעך האָט זיך דערהערט צאַלקעס שטימע פון דרויסן:

— קומט, קורוועס!

זיי זענען צוגעגאַנגען צו דער טיר מיט טריט, ווי זיי וואָלטן דאָ עפּעס נאַר־נאַר וויכטיקס נאַר־וואָס פאַרלוירן פון אונטער די הענט...

אינדרויסן וויל צאַלקע זיך אויספיינען:

— דאָס האָב איך אייך אָפּגעבעטן... עס שאַדט גאָרנישט: נאָך דער היינטיקער נאַכט וועט איר שוין וויסן, וואָס עס הייסט ווערק צע...

מעכעלע קען זיך נישט באַהערשן:

— מנוול! וועסט טאַקע נישט פאַרשטומט ווערן!?

דער מגושמדיקער פּאָליציאַנט האָט אים נאַכלעסיק אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין גומענעם שטעקן. צאַלקע האָט זיך געריסן צו אים, אָבער מאַרטפעלד מיט משהן האָבן געקריצט מיט די ציין:

— מיר ווילן בלויז זען, ווי דו דירסט אים אָן... בלוט וועט זיך גיסן... דיין טויט און אונדזערער...

דער אויפגלאַנץ פון משוגענעם יאוש אין די אויגן פון אַלע דריי האָט צאַלקען אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג... ער האָט זיך דערפאַר געפּרוווט צוריקציען אויף אַן ערן-אופן:

— ווען איר זאָלט נישט זיין אַזוי צעקיילט פון ביינאַכט, איר לויזנ־

פויקערס, וואָלט איך אייך שוין איינמאָל געלערנט דרך־ארץ!
בלויז דער מגושמדיקער פּאָליציאַנט האָט פאַרשריבן ביי זיך אין ביכל די נעמען פון אַלע דריי און אַ מרוק געטאָן:
— ס'וועט אייך קאָסטן טייערער!

## קאַפּיטל פערצן

### I

איבער דער גראַנאַטן־אָפּטיילונג זענען געווען פאַרשידענע דייטשע מייסטערס. זיי זענען געווען צעטיילט אין פאַרשידענע קאַטעגאָריעס: אַל־געמיינע און איבער יעדער האַלע באַזונדער. איבער דער גאַנצער אָפּטיילונג זענען אויך געווען צוויי פּוילישע הויפּט־מייסטער, וואָס זענען ביי די דייטשנס אריינקום געוואָרן פאָלקס־דייטשן. איינער פאַר טאָג־שיכט און איינער פאַר דער ביינאַכטיקער.

דער ערשטער איז געווען ג א י ע וו ט ש י ק. דער איז געווען אַן עכטער פּאָליאַק, וואָס האָט קוים געקענט אביסל שולע־דייטש. דאָס איז געווען אַ הויכער, אביסל געבויגענער מאַן מיט אַ לאַנגער, אויסגעצויגענער נאָז און אַ סך קנייטשן אויף זיין ברייטן פּנים.

אין פּוילנס צייטן איז ער געווען אַ הויכער אָפיציר און גלייכצייטיק איינער פון די פאַבריקס־לייטער. די פּאָליאַקן האָבן שטילערהייט צווישן זיך געשושקעט זיך, אַז ער איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ הייסער פּוילישער פּאַטריאָט און אַז ער שטיצט אין געהיים די אונטערערדישע ווידער־שטאַנדס־באַוועגונג. מ'האָט זיך איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, אַז ער איז ספּעציעל געבליבן ארבעטן אין דער פאַבריק, ווייל ער האָט אַ געוויסע מיסיע אויסצופירן; ער איז דערפאַר אויך געוואָרן אַ פאָלקס־דייטש.

ער האָט שטענדיק גערעדט מיט אַ קילן, אָבער דאָך פרידלעכן טאָן, אַ סך געטאָן פאַר די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק און זיך צו זיי באַצויגן באַזונדערס פריינטלעך. צו די יידן האָט ער געהאַט

אַן אָפיציעל־אַמטלעכע באַציאונג. ער האָט צו אַ ייִד קיינמאָל נישט געַ־רעדט ווי צו אַ נידעריקן שקלאַף, כּסדר געווען צו זיי אויף „איר"; אויסער אין גאָר־כּעסדיקע מאָמענטן, ווען ער האָט, פאַרגעסנדיק זיך, אַרויס־געכאַפּט זיך מיט אַ ברוטאַלן: דו שווייַן!... אין זיין טאָן איז שטענדיק געלעגן אַ פאַרשלייערטע דיסטאַנץ־אָנצוגעהערעניש, וואָס האָט נישט דער־לאָזט, מ'זאָל מיט אים ווערן אינטימער באַפריינדעט...

אין דרינגענדיקע פאַלן, ווען מ'האָט זיך צו אים געווענדעט, ער זאָל ווענן וואָס ס'איז אינטערווענירן, געבעטן, ער זאָל ראַטעווען אַ מענטש, האָט ער זיך מיט אַלע מיטלען אַרויסגעדרייט. איז עס געווען אין דער אָנ־וועזנהייט פון דייטשן, האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, זיך געמאַכט נישט הערנדיק... ווען אָבער מ'איז צו אים אַריינגעפאַלן אין ביורא אַריין — האָט ער קיל־פריינטלעך געשמייכלט, אויסגעהערט אַלצדינג און בלויז געהאַט איין ענטפער:

— מיין פריינט, איך קען גאָרנישט העלפן דערצו...

אין דעם „מיין פריינט" צו אַ ייִד האָט זיך נישט געלאָזט אַרויספילן קיין איראָניע; ס'איז אָבער קיינמאָל נישט אַרויס פון דער נאָרמאַל־פּאָלי־שער טאָן־געוויינהייט, וואָס גייט פאַרביי נעבן האַרץ און רירט עס נישט אָן... אין זיינס אַ וואָרט איז זיך קיינמאָל נישט געווען אָנצוכאַפּן; נישט צום גוטן און נישט צום שלעכטן... די שווערסטע באַפעלן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן צו אַ ייִדישער גרופּע, זענען אַלע געווען אינעם זעלבן טאָן:

— מיינע טייערע, די אַלע קאַסטנס מוזן היינט אַוועקגעטראָגן ווערן, ס'זאָל אפילו דויערן צוויי מעת־לעת... ווען נישט — ווייסט איר אַליין, אַז ס'וועט זיין גאָר־גאָר שלעכט...

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט אַזוי, מ'זאָל זען, אַז עס איז אומזיסט יע־דער פּרוּוו צו אַפּעלירן. דערביי אָבער האָט ער זיינע באַפעלן אַרויסגעגעבן אַזוי, אַז עס איז נישט געווען צו שפּירן, אַז ער באַפעלט אַזוי, אַז ער וועט באַשטראָפן... מ'האָט נאָכדעם אפילו נישט געקענט אין כּעס זיין אויף אים...

ס'איז נישט מעגלעך געווען צו וויסן, מיט וואָס גאַיעווטשיק שמעקט. ער איז געווען פאַרזיכטיק ווי צען העז אויפאַמאָל. מיט קיין ייִד האָט ער

זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף קיין עפנטלעך אָרט און די דייטשן האָט ער געדינט אזוי טריי ווי א גאנצע סטאדע הינט...

ער האָט געהאַט די אויגן אומעטום, אכטונג געגעבן, אז דאָס מינדסטע ברעקל זאָל נישט גיין לאיבוד און יעדן טאָג געהאַט נייע פּלענער ווי אזוי אויסצובעסערן, פארמערן און פארפיינערן די פּראָדוקציע... די דייטשן האָבן אים דערפאר גוואלדיק ליב געהאַט און פארערט. ער איז געוואָרן דער אינטימער פריינט פון אלע מייסטערס. ער האָט אלעמען אויסגעהערט מיט א טיפן ערנסט און ווו ס'איז נאָר געווען א קאָמפּליצירטע געשיכטע, איז מען געגאנגען צו גאיעוטשיקן. דאָס איז געווען דער איינציקער פארבינדונגס־מאַן צווישן די דייטשן און די טויזנטער פּאליאקן, וואָס האָבן געארבעט אויפן פאבריקס־שטח פון ווערק און גענאָסן פון אומבאגרענעצטן צוטרוי.

מען האָט אים שטענדיק געזען ארומלויפן א פארטועענעם איבער דער פאבריק, זוכנדיק עפּעס, מיט דעם גרויסן בלייפעדער פארשטעקט אונטערן אויער. ער איז פארבליבן אין דער פאבריק ביז טיף אין דער צווייטער שיכט אריין, געצייכנט פּלענער, געגעבן באפעלן, קאָנטראָלירט און אינספּעקציאָנירט די האלעס... נישט מעגלעך געווען זיך פארצושטעלן גאיעוטשיקן ווי א לעבעדיקן מענטש, וואָס האָט אויך אייגענע באדערפעניש, א פאמיליע, צו וועלכער מען דארף אמאָל אהיימגיין. ער האָט אויסגעזען ווי א מאַשין־אַסקעט, ווי א לעבעדיקע, באוועגלעכע שרויף פון דער פאַבריק... ס'האָט נאָך קיינער אים נישט געזען אין א ציוויל־אנצוג. ס'האָט אויסגעזען, אז מער ווי דעם בלויעלכן פאבריקס־פארטוך האָט ער גאָרנישט; נישט אויפן לייב און נישט אויף דער נשמה...

און דאָך האָבן יידן, וואָס האָבן געהאַט אביסל געלט אין געהיים, געוווּסט, ווו מען קען ביי גאיעוטשיקן עפענען א צווייטע טיר, אן אומבאקאַנטע. זיי האָבן מיט אים געמאַכט פארשידענע געשעפטן בסוד־סודות און אויסגעפּועלט ביי אים ספּעציעלע פּריווילעגיעס פאר טייערע מתנות. ער האָט עס אָבער געמאַכט מיט אזא ראַפינירטער פאָרזיכטיקייט און דורך אזוי פיל ספּעציעל־צוגעטראַכטע צופאַלן, אז מען האָט זיך אין גאָרנישט נישט געקענט אָנכאַפּן, צו באווייזן, אז דאָס האָט ער ספּעציעל אזוי גע־

מאכט, אז זיין האנט שטעקט איבערהויפט דערביי... ווען ער האָט וועמען געדאַרפט עפּעס טאָן — האָט ער שוין מיט אַלע מיטלען אַזוי צוגעפּירט, אַז איינער פון די דייטשן זאָל עס דערליידיקן... און שטענדיק איז עס גע־קומען ווי פון זיך אַליין... דערביי האָט יענער אַליין נישט געקענט דער־קענען זיין פינגער־צוליניג אויף אַ האָר...

דערפאַר האָט מען אָבער געוווּסט אויף קלאָר, אַז זיין האַנט שטעקט אין די אויסגעטראַכטע צוגאָב־אַרבעטן; אין די באַזונדערע קעסלען פאַר פּאָליאַקן; אַז זיין קאָפּ איז עס, דער וואָס טראַכט אויס אַלע העכערונגען פון די נאָרמעס, אַלע פּלענער פון אַרויסקוועטשן ביי די יידן דעם לעצטן טראָפּן כוח און בכלל אַלע מינים פאַרשידענע גזירות און פּיין. קיינער האָט אָבער מיט אַ האָר־באַווייז נישט געקענט פעסטשטעלן, אַז אַזוי איז עס טאַקע, אַ שפּיץ פון אַן אַרגומענט דערפאַר...

מען האָט געוווּסט און עס דערשנאַפּט פון דער לופט, אַז נישט איינ־מאָל פירט ער אונטער די דייטשן, זיי זאָלן אָדורכפירן פאַרשידענע אַק־ציעס און געשלעגן; קיינער האָט עס אָבער נישט געהערט דירעקט און ווער עס האָט געקענט גאַיעווטשיקן נענטער, האָט געוווּסט, אַז דירעקט האָט ער עס קיינמאָל נישט פאַרגעלייגט, בולט און אָפן...

ער האָט שוין געהאַט זיין ספּעציעלע שפּראַך, זיינע אָנצוגעהערענישן, וואָס האָבן גאָרנישט געזאָגט, גאָרנישט נישט פאַרגעשלאָגן, אָבער דאָך איז פון דעם געווען אַזוי קלאָר, האָט מען אַזוי בפירוש אַרויסגעהערט וואָס מ'דאַרף צו טאָן...

און אַזאַ איז ער אויך געווען אין דער פאַבריק. אומעטום האָט מען אים געזען, ער איז געווען דער פאַקטישער טאָן־געבער און דאָך האָט ער זיך איבעראַל געוויזן ווי אַ זייטיקער, אַ דאַנעבנדיקער... ער האָט אַלץ געזאָגט און אַלץ באַפוילן און דאָך האָט זיך אויסגעוויזן, ווי ער אַליין ווערט אויך באַפוילן פון זעלבן באַפעל, אַז ער אַליין הערט דאָ אויס פון זיך אַן אינסטרוקציע...

ביים אָנווייזן עפּעס אַ נייַ שטיקל אַרבעט — און שטענדיק ווען ער

האט עס געמאכט נאך די געוועלנלעכע ארבעטס־שעהן — איז עס אויך זיין לשון אזוי ארום ארויסגעקומען:

— אזוי איז עס, חברים, מיר מוזן עס מאכן, מיר מוזן...

## II

א פונקט־פארקערטער טיפ איז געווען דער הויפט־מייסטער פון דער צווייטער שיכט ביי דער גראנאטן־אפטיילונג, פ י נ א ו.

פארן קריג איז ער אין זיין וווינונגס־שטאט לאדזש אנגענאנגען אלס פאליאק. נאך דער דייטשער אקופאציע איז ער פלוצים אויפגעקומען ווי א דייטש. ער האט לאנגע יארן געלעבט צווישן לאדזשער יידן, געהאט זיינע הייזער אין יידישע געגנטן און געפירט מיט יידן פארשידענע מסחרים. ער האט דערפאר גערעדט אן אויסגעצייכנטן יידיש, פול אנגעפיקעוועט מיט גמרא־ווערטלעך. און אפילו איצט, זייענדיק אין פאבריק, ווען ער איז געווען דער הויפט־מייסטער און די יידן ערגער ווי די נידריקסטע שקלאפן, האט ער נאך אלץ ליב געהאט זיך צו באווייזן פאר די יידן מיט זיין זאפטיקן יידיש...

די פאליאקן און דייטשן פלעגן זיך האלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, ווען פינאוו איז אריינגעפאלן אין דער האלע אריין און אנגעהויבן צו קאמאנדעווען מיט די יידן אויף אן עכטן לאדזשער „רריישעדיקן" יידיש:

— הער נאר, יאנקל, א רוח אין דיין מאמעס־מאמעס־מאמען אריין! וואס חלומסטו דארט, הא!? ווילסט אפשר, כ'זאל צו דיר רופן די ממזרים פון דער חברה קדישא? (דאס האט ער געמיינט די ס. ס., וואס פירן צום דערשיסן.) קענסט עס ביי מיר באלד פועלן...

אדער א בריל פון איבער דער האלע:

— אנ'עק, יידעלעך, נישט געשטאנען זאל דא ווערן! היום קצר והמלאכה מרובה...

די גויים ארום האבן חניפהדיק געקוואלן, ווי אזוי פינאוו דער מייסטער טענהט זיך אויס מיט די זשידקעס אויף זייער לשון און אויך די יידן האט זיין הומארפולע שפראך הנאה געטאן.

ער האָט ליב געהאַט אריינצולאָזן מיט זיין גרויסער ברעטערדיקער לאַפּע — פאַר אַלעמען אין די אויגן — אַ גוטברודערישן קלאַפּ דעם ער־שטן־בעסטן ייד, וואָס ער האָט אָנגעבאַגענט, איבער דער פּלייצע, אַז ביי יענעם האָבן זיך די ציין צעקלונגען אין מויל... ער האָט זיך נישט זשע־נירט און אַמאָל אין אַ מינוט נאָך דער אַרבעט אוועקגעשטעלט זיך מיט אַ רעדל יידן גלאַט אַזוי זיך שמועסן. נאַטירלעך האָט ער גערעדט יידיש און אויסגערעדט אויף דער ס. ס. — אסור לדבר... ווי אַ ייד ביים לערנען, האָט ער זיך געגלעט דערביי מיט דער האַנט איבער דער גאָמבע און זיך צעזונגען ביים רעדן מיט אַ גמרא־ניגון:

— דאָס האָבן מיר דאָך אַ קיימאַ־לן, אַז די חברה זייערע זענען בלויז רוצחים, גזלנים און מערדער... מאי קאַ משמע לן... ס'איז דען אַ נייעס, וואָס? נאַר גאָרנישט: אונדזערע יידעלעך (ער האָט כסדר אונטערגע־שטראָכן דעם פאַלקסטימלעכן קנייטש: אונדזערע...) זענען אויך גענוג שול־דיק אין דער גאַנצער וויסטער מערכה... זיי ווילן אַרבעט? אַרבעט מען! ס'וועט סיי ווי נישט לאַנג געדויערן... ווען איר ווייסט ווי טיף זיי ליגן שוין אין דער ערד ווי אַ באַרג! נאָר יידעלעך האָבן דאָך ליב צו מאַנקע־דירן... טאָ זעט איר דאָך, וואָס עס קומט אַרויס דערפון...

פאַר די דייטשע חברים זיינע האָט ער זיך אַלעמאָל באַרימט, אַז ער גייט זיך מיט די יידן אַדורכשמועסן אַביסל אויף זייער תלמוד־שפּראַך. אַט וועט ער זיי באַווייזן, אַז ער באַהערשט זי בעסער פונעם גרעסטן אוי־בער־ראַבינער... דאָס האָט זיי אימפּאָנירט. זיי האָבן אים איינפאַך באַ־וווּנדערט, ווען ער האָט זיך אוועקגעשטעלט מיט זיין ריזיקן גוף, אינמיטן אַן אָפּגעריסענער מחנה יידן; זשעסטיקולירט מיט די הענט, גערעדט מיטן זעלבן טאָן און געשריגן ביים רעדן ווי איינער פונעם רעדל:

— וואָס זאָגט איר נישט, יהודים, צו די טייערע תכשיטים דאָרטן... ווי עס טוט זיי הנאה, די חמורים! אַז איין כף־הקלע זאָל זיי נאָר ווייניק זיין, רבונו של עולם! טאַטע־פאָטער אין הימל!...

אפילו ראַסט מיט העכטן האָבן זיך איינמאָל צעברילט ביי אַזאַ ספּעקטאַקל פון געלעכטער:

— א וואהרער ארטיסט! ארטור, דער טויפל זאָל דיך האָלן! דו קענסט דאָך שפּילן אַ יידנראָל אין בעסטן טעאַטער!...

אָבער פינאַוו האָט זיינע „יידישע״ פעאיקייטן אויסגענוצט אויף פּראַקטישערע און בעסערע צוועקן... זיין יידיש איז געווען דער שליסל צו די הערצער. זיין יידישער מאַך מיט דער האַנט, זיין אונטערקרעכצן און זיינע יידישע גלייכווערטלעך און קללות אויף די רשעימס קעפּ, האָט אים שנעל געמאַכט צו אַן אייגענעם, צו וועלכן מ׳קען האָבן דעם פולן צוטרוי... ער האָט דערביי פאַרשטאַנען צו רעדן אַזוי פאַרטרוילעך — ווען קיינער האָט נישט געזען — אַז מען האָט אינגאַנצן אין יענער מינוט פאַרגעסן, אַז דאָ שטייט אַ זון פון יענעם בלוטיקן שונא־פאָלק... מ׳האָט פאַר זיך געזען אַן אייגענעם ייד, פון וועלכן עס גרענעצט גאַרנישט אָפּ און מ׳קען פאַר אים אויסגיסן דאָס גאַנצע ביטערע האַרץ...

III

מיט עטלעכע יידן האָט פינאַוו אַנגעהויבן זיך צו סודען. טיף צווישן די ביימער האָט ער זיך געטראָפן אַמאָל מיט דעם און אַמאָל מיט יענעם און עפּעס אין זיי אריינגערעדט מיט אַלע אברים. עטלעכע פון זיי האָבן אים בסוד דערציילט, אַז זיי האָבן ערגעצוו באַהאַלטן גרויסע סומען געלט, גאָלד... זעענדיק אַז זיי וועלן דאָ סיי ווי אומקומען, האָבן זיי אים אַנטדעקט דאָס אָרט ווו עס ליגט. מיט קיין קלייניקייטן האָט ער זיך נישט אינטערעסירט. דאָס האָט ער איבערגעלאָזט פאַר גיידאַן און אַנדערע פאַ־ליאַקן; ער האָט געזוכט גרויסע פאַרמעגנס. ווען ער האָט געהאַט עטלעכע אַזעלכע אדרעסן, האָט ער זיך אַנגעטאָן זיין דייטשן אָפיצירס־מונדיר און אַוועקגעפאָרן אַהין...

דאָס געלט אָדער גאָלד האָט ער יענעם נישט צוריקגעגעבן אין דער האַנט אריין. ער האָט געוווסט, אַז יעדער ייד קען מאָרגן אַוועקגענומען ווערן צום שיסן און זיין פאַרמעגן זאָל מיטגיין ביז צום קבר... פאַר זיי האָט ער אָבער שטענדיק געהאַט אַ תירוץ:

— בהמה בצורת פערד — האָט ער אין יענעם גוטמוטיק אריינגע־

טענהט — יעדן טאָג קומען פּאַר פּאַרשידענע רעוויזיעס... מען וועט עס ביי דיר צונעמען. און צוליב די אוקריינער האָב איך נישט געהאַט בדעה זיך איינצושטעלן... ביי מיר איז דיין געלט קוראַנט און קיינער וועט עס נישט צונעמען. ווען דו וועסט דאַרפן אויף צום לעבן — קענסטו מיך טרעפן אין אַ זייט און מיר זאָגן... אָבער קיין גרויסע סומע זאָלסטו קיינמאָל נישט טראָגן מיט זיך...

פּאַקטיש האָט ער פון צייט צו צייט זיי געגעבן אביסל געלט, זיי זאָלן נישט דאַרפן הונגערן. מ'האָט זיך שטילערהייט איבערגעגעבן וועגן געוואַלטיקע פּאַרמעגנס, וואָס ער זאָל האָבן אַריינבאַקומען אין די הענט אַריין. יידן האָבן אָבער געוואָלט האָבן דאָ אויפן אָרט אַ לאָבן ברויט אַ וואָך, איידער צו שטאַרבן פון הונגער מיטן באַוווּסטזיין, אַז דאָרט ערגעץ ליגט באַגראָבן זייער אַ פּאַרמעגן... סיי פינאָוו און סיי גאַיעוווטשיק האָבן אַט די געלעגנהייט אויסגענוצט. זיי האָבן עס אָבער געמאַכט מיט אַזאַ געהיימניספולקייט, אַז אויסער די באַטרעפנדיקע פּערזאָנען האָט קיינער דערפון נישט געוווּסט.

פינאָוו אַליין איז אַרומגעגאַנגען אַ זעלבסטצופרידענער, אַ צעשמייכלטער און אָנגעשלאָגן צווישן קלענערע גרופּקעס שווער־אַרבעטנדיקע יידן, וואָס זענען צוריקגעגאַנגען פון דער אַרבעט און זענען ביז צום טויער געגאַנגען אַליין, אָן דער שמירה פון די ווערקשוץ. ער האָט צו זיי פּאַרזיכטיק אַריינגעטענהט אויף מאַמע־לשון:

— דער עיקר, יידן, איז היינט — חיי שעה! איר מוזט זען איבערצוהאַלטן די איצטיקע צייט... לאַנג וועט שוין די מעשה נישט געדויערן... איר קענט זיך גאָרנישט פּאָרשטעלן, ווי גרוים אונדזער בראָך איז... צוליב וואָס זאָלט איר דאָ שטאַרבן פון הונגער, ווען דער סוף איז אַזוי נאָענט, אַזוי נאָענט!?

מיטן אַריינגעבן אין זיי מוט און ווילן צום לעבן האָט ער געזוכט אין די מענטשן צו דערוועקן דעם ווילן ווייטער צו עקזיסטירן; זיי זאָלן זוכן אַלע מיטלען, וואָס זיי קענען נאָך אויסנוצן, בכדי נישט צו פאַלן, ווייל עס קען נאָך געלינגען איבערצולעבן די קריג... ער האָט אויסגעזוכט די, וואָס זענען אַמאָל גאָר רייך געווען, אַזעלכע וואָס ער האָט געקענט פון אַמאָל

פאר פאבריקאנטן און פארשטאנען, אז זיי האָבן זיכער א טייל פון זייער פארמעגן ערגעצווו באוואַרנט... מיט זיי האָט ער שטיל גערעדט, זיי ארויס־געוויזן די גרייטקייט מיטצוהעלפן...

נישט איינמאל איז ער צוריקגעקומען פון נסיעות און דערציילט, אז ער האָט דאָרט שיעור פארשפילט זיין קאָפּ, אז מ'האָט אים דאָרט גע־טראָפן... אז מ'האָט אים געפרעגט... און עס פארשטייט זיך, אז ער האָט שוין פון דאָרט גאָרנישט ארויסגענומען... ער האָט זיך נישט נאריש גע־מאכט מיט יעדן, ווי גיידא און אנדערע אזעלכע פאַליאַקן, וואָס האָבן דער־פון געמאכט א פרנסה. פינאַוו האָט גערעדט צו אַלעמען, אָבער געהאַט אויפן זין די געציילטע מיט פארגראָבענע אוצרות...

ער האָט אָבער פארשטאנען, ווי אזוי זיך געשיקט אדורכצודרייען דורך אַלע דייטשן; אויב אפילו ס'וואָלט וועמען פון זיי איינגעפאַלן זיך אַנצוהענגען אין זיינע פארדעכטיקע מחזקות מיט יידן — האָט ער אָבער שטענדיק געפונען זיין שפּאַס און זיין געלעכטערל, מיט וועלכן ער האָט אַלץ גלאַטיק געמאַכט...

מיט די פאַליאַקן איז ער געווען אַן עכטער פאַליאַק. מיט זיי האָט ער גערעדט נאָר פויליש און שטענדיק זיי געגעבן אַנצוהערן, ווי טיף ער קרענקט איבער די פוילישע טראַגעדיע. שטילערהייט האָט ער צוגעהאָלפן, ווי גאַיעווטשיק, פוילישע פּאַטריאָטן זיך איינצואָרדענען אין דער פאַבריק אונטער פאַלשע נעמען און כסדר זיי אונטערגעשטראָכן זיין דינסט אין דער פוילישער אַרמיי... די פאַליאַקן האָבן זיך אָבער געקענט אויף זיינע שמד-שטיק. אויף גאַיעווטשיקן האָבן זיי בלויז שטיל אונטערגעברומט; דערפאַר אָבער ווען, צווישן זיך, ס'איז געקומען צו רייד וועגן פינאַוון, האָבן זיי בלויז א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, קיינער זאָל עס נישט באַ־מערקן און פאַרביסן ארויסגעצישעט צווישן די ציין:

— א קורווע!...

אָבער אויך פאַר דער דייטשער אַרמיי האָט ער געהאַט זיינע פאַר־דינסטן. אין יעדן נאַציִשן יום־טוב האָט ער זיך אָנגעטאָן זיין מונדיר, באַ־האָנגען מיט אויסצייכענונגען פון ביידע מלחמות און דערמיט פּאַראַדירט איבער די גאַסן... אין אזעלכע מאָמענטן איז ער באמת געווען א דייטש

ביז די טיפעניש פון זיין נשמה; זיין פּנים האָט דערביי געהאַט דעם זעלבן ערנסט ווי דאַן, ווען ער שמועסט אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל מיט אַ ייד וועגן די יידישע צרות...

מענטשן, וואָס האָבן פינאָוון געקענט פון אַלטע צייטן, האָבן אים אַזוי אָפּגעשאַצט:

נישט קיין געשפּאָלטענע נשמה, נישט קיין פאַלשער און צווייִדייטי־קער נאָר — אַ פּחדן, אַ מוראַדיקער און ציטערדיקער פאַר יעדער שאָטן, וואָס קען מאָרגן אָדער אין אַ צייט אַרום קומען צו דער מאַכט... און זיין פּחדנות איז אַזוי גרויס, אַז עס וועגט איבער זיין שווערן, 130־קילאָ־דיקן גוף...

ער האָט געלעבט גוט מיט די יידן, מיט די פּאָליאַקן, דייטשן, אוּ־קריינער און אַפילו מיט די פּאַרטיזאַנער... ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ צו די נאַציאָנאַליסטן, צו די לינקע און צו וועמען ס'איז נאָר מעגלעך גע־ווען... ער האָט אָבער באַוויזן צו מאַכן אַזוי קונציק, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען צו באַמערקן עס.

זיין גאַנצע צייט האָט ער פאַרבראַכט אין אַרומגיין, אין רעדן... רעדן אַ ים! מיט קיינעם נישט און מיט אַלעמען... אין קעגנזאַץ צו גאַיעווטשיקן האָט ער ווייניק־וואָס זיך אינטערעסירט מיט דער אַרבעט אין דער פאַ־בריק; גיכער איז עס געווען אַ מין אַרבעט ווי אויף יוצא צו זיין, דערפאַר אָבער האָט ער געשטעקט אומעטום, אין אַלע ביוראָען און אין דער דירעק־ציע און מיט אַלעמען געווען „אויפן אויער"...

## IV

יעדע וואָך האָט מען אַדורכגעפירט סעלעקציעס און הונדערטער יידן געפירט צום שיסן. פינאָוו האָט אָבער קיינמאָל נישט געפּרוווט אַפילו אַרויסראַטעווען איין יידיש נפש פון טויט, נישט אַריינגעוואָרפן אַפילו איין גוט וואָרט פאַר וועמען — כאָטש ער איז אַזוי גוט געווען מיט יידן. שטענדיק איז ער ביי אַזעלכע געשעענישן „פונקט נישט געווען". נאָך אַזאַ געשעעניש האָט ער זיך פאַרנאַכט אַראָפּגעכאַפּט אין לאַגער אַריין, געזעסן

ערגעץ אין ווינקל פון א ביורא אדער אין א באראק מיט זיינע גאר־היימי־שע, געווישט זיך דעם שווייס פון זיין מעכטיקן שטערן און זיך געקאכט אויף זיין עכטן, יידישן לשון:

— אזעלכע רוצחים!... און איך בין גראד נישט געווען...

גלייך ווי ביי זיין אנוועזנהייט וואלט ער אלץ צו נישט געמאכט...

איינמאל האט מען פארבייגעפירט א גרעסערע גרופע יידן צום שיסן דורך דער פאבריק. איינער פון די יידן, מיט וועלכן פינאוו איז געווען גוט באפריינדעט, האט פלוצים דערזען פינאווס ריזיקע סטאטוע פון דער־ווייטנס... א ברעקל האפענונג האט זיך אין אים אנגעצונדן און ער האט אין פארצווייפלונג אויסגעשטרעקט די הענט און זיך גענומען רייסן:

— הער פינאוו! רעטעט זי מיך...

פינאוו איז שרעקלעך רויט געווארן פון כעס, צוליב יענעמס העזה אים צו קאמפראמיטירן אין די אויגן פון דער דייטשער און אוקריינישער ווערקשוץ. ער האט אבער געפונען באלד זיין געהעריקן „הומאר", וואס האט אים ארויסגעדרייט פון די פיינלעכסטע סיטואציעס. ער האט זיך דערפאר לאכנדיק צעלאזט אויף יענעם אין זיין לאדזשער יידיש:

— בהמה איינע! ווער קען דיר דען יעצט העלפן? דו ביסט סיי ווי אזא פערד, אז פאר דיר איז דאס בעסטע ארט די ערד, פון וואנעט דאס גראז וואקסט ארויס... גלייב מיר, אז פאר דיר וועט דארט בעסער זיין...

א סך יידן אין לאגער האבן דאך גערן געהאט פינאוון. מען האט ליב געהאט זיינע מונטערונגען אין יידיש און פון זיין חוזק איבער ראסטן, העכטן און אנדערע חברים זיינע. און מ'האט געגלייבט, אז שטילערהייט אינטערוועניירט ער ביי פארשידענע געלעגנהייטן. ווען ס'איז עפעס פאר־געקומען א שטיקל פארלייכטערונג פונעם רעזשים אין לאגער, האט מען עס צוגעשריבן אויף זיין חשבון... און ווען מ'האט פינאוון נישט אזוי הויך געשאצט ווי גאיעווטשיקן און יענעם איבערגעגעבן אלע פאראנטווארט־לעכקייטן אפילו פון דער צווייטער שיכט און פינאוו איז נאר געבליבן דער אפיציעלער מייסטער — האט מען עס באדויערט און געזען אין אים א מין קרבן פאר זיין „יידישקייט"... ווילנדיק נישט ווילנדיק, האט מען זיך צו אים געשפירט נענטער...

— א פאַלשע בריאה! האָבן אַלע וועגן אים געהאַט די מיינונג; דאָך האָט יעדער הנאה געהאַט, ווען מ׳האָט אים געזען אַרומגיין מיט זיין האַלב־פאַרבאָרגן שמייכעלע, די הענט אַריינגעשטעקט אין די לאַנגע טאַשן פון זיין שוואַרצן אַנצוג און מיטן שמייכל זיינעם אַריינגעלאַכט יעדן אָפּ־געריסענעם, נאַקעטן און אויסגעדאַרטן ייד, וואָס ר׳האָט אָנגעטראָפן אין אַ ווינקל, אין פּנים אַריין:

— נישט געזאָרגט, משה! מיר האָבן זיי טיפטייער אין דער אדמה... מ׳עט זיי אויך איבערלעבן...

פאַלש צי אויפריכטיק — קיינעם האָט עס אַפילו נישט אינטערע־סירט. מ׳האָט נישט אַריינגעקלערט דערין. ס׳איז געווען געשמאַק צו הערן אַזעלכעם פון אַ מענטש, וואָס טראָגט אַמאָל אַ דייטשן מונדיר. ס׳האָט אַריינגעבלאָזן מוט און פאַרשטאַרקונג.

און אויך פאַר זיין חוזק־טאָן איז מען אים געווען דאַנקבאַר.

## קאַפּיטל פופצן

### I

אין דער האַלע, ווו מעבלען איז אַריינגעפאַלן אַרבעטן, זענען געווען צוויי פּוילישע מייסטער, וואָס האָבן אויפגעזען איבער דער גיסעריי און איבערן בויערן די גראַנאַטן.

דער ערשטער איז געווען ב י ע ל ס ק י, אַ קליינטשיק מענטשע־לע מיט אַ ראָז־מילד אָבער שטענדיק שכור פּנימל. אין דער האַלע איז ער געקומען יעדן טאָג עלעגאַנט אויסגעפּוצט. זיין העל מענטעלע איז געווען אויסגעפּרעסט און שפּאָגל ניי און די ראָזע הענטעלעך האָט ער געהיטן, נישט אָנצורירן מיט זיי דאָס מינדסטע.

שטענדיק פאַרלייגט די הענטלעך אויפן הינטן, איז ער געגאַנגען ווי אויף וואַטע איבער דער האַלע. אַמאָל האָט ער אַ וואָרף געטאָן שווייגנדיק אַ בליק אין דער קאַיוטע אַריין און אַוועק שווייגנדיק.

אמאל בלויז האט ער א ברום געטאן: ווי איז מיט דער נארמע? ער האט עס געפרעגט, אזוי ווי זיך אליין, נישט געווארט אויף קיין ענטפער און אוועק ווייטער.

דערפאר אבער ווען ביעלסקי האט באמערקט עמעצן טאן דאס, וואס אים געפעלט נישט, האט ער געוווסט, אז אויף זיינע קליינע פויסטעלעך קען ער זיך נישט פארלאזן! צוליב זיין גאר קליינער וווקס האט ער נישט צו יעדנס פנים דערגרייכט... ער פלעגט זיך דערפאר רואיק אויסזוכן א שטיק אייזן, א ברעט... און קלאפן איבער די קעפ מיט אזא רואיקייט, אזוי ווי ער וואלט דא געקלאפט איבער העלצער אדער שטיינער... פון די פריער־דיקע טראנספארטן האט ער שוין געהאט א סך יידן אויף זיין געוויסן.

זיין געהילף איז געווען דער גרויס־אויגיקער ש ע ט ש ק א. ער איז שוין געלעגן מיט אלע חושים אין דער ארבעט. שטענדיק מיט א פאר־שמירטן, שמוציקן אנצוג און אן איינגעריסט פנים, ווי ביי א וואלד־גזלן, האט זיין גרעסער שיקלדיק אויג געקלעפט איבער יעדן איינעם ווי א בייזער געשוויר. אומעטום איז געווען זיין עסק און איבעראל האט ער צוגע־לייגט זיינע רויע, צעפלאצטע הענט... ער האט געשלאגן, ווען ער האט נאר געהאט א געלעגנהייט. ווען די קאיוטע האט אויסגעפארטיקט א וועגעלע גראנאטן און עס ארויסגעשלעפט, צו מאכן פלאץ פארן צווייטן, האט שעטשקא דערוויל „געלייגט" מיט אן אייזערנעם פרענט איבער די פליי־צעס; מ׳האט אפילו געמעגט ווי שנעל לויפן, שטופן מיט די לעצטע כו־חות — ער האט געטאן ס׳זייניקע:

— עס מאכט נישט... — האט ער הנאהדיק געקייט די אייגענע, גע־גרעבצטע ווערטער, מיט די גרויסע שווארצע ציין — דאס מאכט גאר־נישט... די נאכט איז גרויס און איר ווערט פארשלאפן. אזא קלאפ וועקט צוריק אויף די בלוטן... אז ס׳טוט וויי — שלאפט מען נישט איין...

אויף ביעלסקין האט מען געזאגט, אז ער איז א רייכער שייגעץ פון דער היים. ער איז געקומען אין דער פאבריק אריין בלויז דערפאר, ווייל מען האט געצאלט און מ׳האט דא געגעבן צוגאב־ברויט. דא האט ער נישט געדארפט ארבעטן און פאר א ביסל זופ האט מען ביי א ייד געקענט צו־נעמען דאס טייערסטע. אויך זיין גרויזאמקייט האט ער אויסגענוצט צום

געשעפט. ס'איז געגוג געווען, ער זאָל ביי עמעצן זען עפּעס, וואָס האָט אַ ווערט און יענער האָט שוין מיט אַלע מעגלעכקייטן באַקומען צו שפּירן וואָס דער שטעקן מיינט...

באַלד נאָכן ערשטן טאָג נאָכן צעשלאָגן ווערן, האָט איינער פון די דריי אַלטע, קאָרנמאַן, דערקלערט מעכעלען אויפן וועג:

— דו קענסט נאָך נישט שעטשקאַן... מאָרגן וועסטו באַקומען טאָפּלט. דאָ גייט נישט בלויז אין דער אַרבעט. ער מיינט עפּעס אַנדערש... ער מוז פון יעדן עפּעס האָבן...

מעכעלע האָט אים אָנגעקוקט פאַרווונדערט:

— וואָס קען ער דען האָבן פון מיר? כ'בין פון מאַידאַנעק געקומען נאַקעט, אָן אַ פּרוטה...

קאָרנמאַן האָט זיך צעלאַכט מיט זיין כריפּנדיקער שטימע:

— נאַקעט ביסטו נישט געקומען...

זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף מעכעלעס הויזן...

לאַגער-מענטשן פאַרשטייען זיך אויף דער שטומער שפּראַך פון אַ בליק. מעכעלע האָט אַלץ פאַרשטאַנען...

קאָרנמאַן האָט דערווייל ווייטער גערעדט:

— הער אויס... וואָס דאָ טוט זיך, האָסטו שוין באַמערקט... דאָס איז ערשט איין ביטערער טראָפּן אין גרויסן ים, פון פייערדיקן גהינום דאָ. ס'איז ערשט דער ערשטער טאָג און דו וועסט נאָך דאָ זען אַ סך. מיר זע־נען יידן און איינער דאַרף דעם צווייטן צווייזן, וואָס ער קען נאָר. איך וועל שוין לאַנג דאָ נישט אָנציען... דאָס זעסטו אַליין. איך קען אָבער גוט די היגע באַדינגונגען, דערפאַר וויל איך דיר און דיינע חברים בלויז איינס זאָגן: אָט אַזוי, ווי איר זענט געקומען — וועט איר דאָ לאַנג נישט אָנ־טרייבן... איר מוזט האָבן אין מיטן דער אַרבעט כאָטש איין ביסן ברויט איבערצוכאַפּן. דער טראָטיל טרוקנט אויס אַלצדינג אינעם מענטש; האָט מען נאָך אַ שטיקל ברויט — קלאַפּט דאָס האַרץ אַביסל לענגער... כ'זע אַז דו ביסט געקומען מיט אַ פּאָר לייטישע הויזן און ראָק. קוק נאָר אָן, ווי אַזוי זיי זעען אויס נאָך דער ערשטער נאַכט... אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט

פון זיי סיי ווי נישט בלייבן מער ווי צוויטן — דער טראַטיל וועט זיי אויפ־פרעסן... אויף וואָס זשע דאַרפסטו עס, האָ? שעטשקא האָט זיכער שוין געוואָרפן אויף זיי אַן אויג, מענסט עס זאָגן אויך דיינע חברים. מיר גייען איצט צוריק אין לאַגער אַריין. דאָרט זענען דאָ אַזעלכע וואָס האַנדלען מיט פּאַליאַקן אויף זייער אָפּטיילונג. ביי זיי קענסטו נאָך באַקומען עטלעכע גילדן פאַר דיינע מלבושים און דערצו אַ פּאָר זאַקענע הויזן, וואָס צום טראָטיל טויגן זיי נאָך... פאַרן געלט קענסטו יעדן טאָג זיך צוקויפן אַ שטיקל ברויט, ביז וואַנעט דו וועסט זיך אויסלערנען אַן עצה געבן... איך זאָג עס נישט דערפאַר, ווייל איך וויל פאַרדינען מעקלעריי — איך האָב נאָך אַביסל געלט. די אַנדערע צוויי חברים מיינע אויך. מיר האָבן עס דערליידיקט מיט פינאַוון. איך מיין בלויז דיר צו געבן אַן עצה טובה...

מעכעלע האָט אַ בליק געטאָן אויף זיינע הויזן. אַ ים מיט געלע שפּרענקעלעך האָבן געשימערט מיט אַ זיכערלעך־ברוינעם אָפּגלאַנץ קעגן דער זון, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך מיט אים גערייצט: מיר זענען שוין דאָ פאַראַן און קיינער וועט אונדז נישט אַראָפּטרייבן פון דאַנעט... און מיר וועלן דאָ לעבער אויספרעסן אין דעם שטאָף... און מיר וועלן איבערפאַרבן דיך, ווי אונדז וועט וווילגעפעלן... דאָ איז אונדזער געל־ברוינע מלוכה און — טו אונדז עפּעס!

און מעכעלע האָט פאַרשטאַנען, ווי ווייט דער הויכער קאָרנמאַן איז גערעכט. אַ ציטערדיק געפיל האָט אים אומרואיק געמאַכט. ער איז שוין גרייט געווען אין מיטן וועג אויסצוטאָן די הויזן און זיי אַוועקגעבן... געלט? נישט דאָס האָט אים געשפּאָרט דערצו... איין וואָרט בלויז האָט אים אָנגעצונדן: ב ר ו י ט! אָט האָט ער פּלוצים דערזען אַ מעגלעכקייט צו באַקומען אַ שטיקל ברויט — וואָס זשע קענען דען נאָך זיין פאַר אַ חשבונות און ספיקות!?

זיי האָבן זיך אָפּגעשטימט צו טרעפן אין לאַגער מיטאָג־צייט.

## II

אין פאַרלויף פון די קריגס־יאָרן האָט מעכעלע דערקענט דעם הונ־גער פון פאַרשידענע זייטן. אַמאָל איז ער געלעגן פאַרחלשט און נידער־

געשלאָגן אין אַ ווינקל פון די אברים, ווי אַ הונט, וואָס איז אַריבערגע-לאָזט געוואָרן איבער אַ פרעמדער שוועל... טײלמאָל האָט ער זיך אַרײנ־געקראַמפּט אין די פינגער, אין די נעגל־שפּיצן און אַרויסגעפּיבערט מיט געשריי, וואָס האָט דערנאָך אַרײנגעוואָרפן אין אַ רעזיגנירטער שטילקייט...
עס פלעגט אויך טרעפן, אַז ער האָט שעהן גאַנצע מיט אַ געדעמפּטער שטימע אומדרייסט געמאָנט און געפאָדערט, געבעטן זיך, דורך אַ שטילער געוויש־שפּראַך, וואָס האָט אָנגעשלאָגן אין אַלע בלוט־געפעסן: ע ס ן ! ע ס ן ! . . .

אַזאַ שאַרפן הונגער ווי אין ווערק צע האָט אָבער מעכעלע נישט אָנ-באַגעגנט.

דאָ איז ער געווען חוצפּהדיק, געריסן שטיקער פון די אברים, אַרײנ-געשריגן אין קאָפּ און געפּיבערט אין די ציין מיט אַ לייבן-צאָרן, וואָס איז גרייט זיך אַליין אַרײנצובייסן אינעם פלייש אַריין... איבערן גומען האָט אַ ביטערקייט זיך געוואָרפן אין קאָנוווּלסיעס און די צונג האָט געברענט, ווי זי וואָלט געווען אַרײנגעשטעקט אין אַ נישט באַמערקטן פלאַם...

מעכעלע איז געגאַנגען צוזאַמען מיט הונדערטער אויפן וועג צום לאַ־גער און ער האָט זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי זיי קענען עס אַזוי נאָכלעסיק שלעפּן די פיס איבערן שטויביקן וועג, נישט צו שרייען אויפן וועג און נישט צו וואַרפן זיך אויף אַלץ וואָס מען זעט און מיט נעגל און ציין זיך אַרײנבייסן, אויסרייסן שטיקער... דאָ איז דאָס נאַטירלעכסטע און פאַר־שטענדלעכסטע: צו זיין ווילד, צו ברילן פון אויפגערודערטן משוגעת... צו שלעפּן זיך מיט אַזאַ מין רואיקער גלייכגילטיקייט, דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז דער עולם דאָ איז שוין אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַן אַנ־דער משוגענער וועלט, אין וועלכער מען רעאַגירט אויף געפילן מיט אַ גאָר פאַרקערטן שטייגער... אין די געדערים האָט עס זיך געוואָרפן מיט אַזאַ ערגעריש, אַזוי ווי מען וואָלט זיך אָנגעגעסן מיט עפּעס, אָבער נישט מיט דעם, וואָס מען האָט באַדאַרפט... ס'האָט וויי געטאָן אי דער הונגער, דאָס וואָס אינעווייניק האָט אַ טייל פון דיר זיך געריסן אין ליידיקייט און פון דער צווייטער זייט האָט געברויזט אין דיר אַזעלכעס, וואָס האָט נישט געטאָרט אַרײנקומען אין דיר און דאָך אַרײנגעשטראָמט... און איצט פאַר־

לאנגט דער גאנצער קאלעקטיוו פון אברימדיקע שרייפלעך, דו זאלסט אין זיי אריינשוועמען אזעלכעס, וואס זאל פארגלעטן, וואס זאל פארלעשן און פארווישן יענע שניידיקע איבלדיקייט, וואס הויערט אזוי שווער־גופיק, בייסט אזוי מיט מיליאנען דינע שפילקע־ציין אין די אינגעווייד — — —

ב ר ו י ט ! דא איז בלויז איין כשוף־ווארט פאראן, וואס קען דיך אריינברענגען אין א נארמאלן, אפילו לייטזעליק־צופרידענעם צושטאנד...

ערשט איצט באטראכט מעכעלע ס'ערשטע מאל די הויזן, וואס ער טראגט שוין דעם פערטן טאג... איצט הענגען זיי אראפ באליידיקט פון די קנאכן אראפ, ווי יחסנים וואס מ'האט זיי נישט דערשאצט באצייטנס... זיי ברוגזן זיך ביי יעדן מאל, ווען די פינגער טאפן זיי אן מיט שטילן, תפילהדיקן ציטער און געבעט, ווי די איינציקע און לעצטע האפענונג...

נישט קיין שלעכטע סחורה. ווי פארשמירט זיי זאלן נישט זיין — וועט נאך אויף זיי עמעץ זיין א בעלן; דערפאר אבער זענעןביידע זייטן באשמירט מיט רויטע, דיק־גלאנציקע לאמפאסן פון רויער פארב, ווי ביי א גענעראל... אין פארצווייפלונג פרוון די פינגער אפקרישלען די פאר־טרוקנטע שטיקער פארב, אפשר וועט די רויטקייט נישט אזוי אראפשרייען, נישט אויפפרעסן נאך א שטיק פרייז, וואס קען באצאלט ווערן פאר זיי...

קארנמאן פארשטייט זיך אויפן ווינק... ער זעט מעכעלעס פינגער, די נעגל, ווי זיי רייסן די פארב פונעם קאעל־צייכן און ער נעמט אים טרייסטן:

— אוודאי וואלט גלייכער געווען, ווען זיי זענען נישט פארשמירט; אויף אזא פאר הויזן וואלט אפילו גאיעוּוטשיק אליין געווען א בעלן אדער פינאוו... זיי קויפן נאר גוטס, ענגלישע סחורה... אזוי אבער מוז מען זיי איבערדרייען אויף דער צווייטער זייט און מען דארף אויסזוכן גלאט א פאליאק פאר א בעלן. ער מוז זען זיי צו פארקויפן פאר יעדן פרייז, ווייל שוין היינט זענען זיי צוליב איין טראטיל־נאכט ווערט די העלפט... מארגן וועלן זיי ווערט זיין די העלפט פון נעכטן. מ'וועט זיי מוזן וואשן, אי־בערפארבן...

דער טויער פון לאגער האט אקעגנגעווינקען, ווי ער וואלט אויך צו־געהערט וואס שנעלער צו דערליידיקן דאס געשעפט. פון יענער זייט

דראָטן האָבן זיך פאַרבייגעשאַרט נאַקעטע מענטשן, מיט לאַנגע שטיקער שמאַטעס, וואָס האָבן פון זיי נאָכגעהאָנגען...

קאַרנמאַן האָט אַ ווייז געטאָן:

— דו זעסט?

און ביידע האָבן איינגעשווינגענע געלאָזט זיך אַפּציילן ביים טויער. ערשט פאַרן אַריינגיין אין זיין באַראַק האָט קאַרנמאַן עפּעס איבערגע־קלערט:

— דו גייסט איצט שלאָפן. אַז דו וועסט זיי אויסטון — וועט מען זיי ביי דיר צוגנבענען. דו קענסט בלויז טאָן ווי אַלע און לייגן זיך שלאָפן אינעם אָנטאָן. זיי וועלן אָבער אויף די האַרטע ברעטער ווערן צעקנייטשט... איצט קען מען זיי נאָך אביסל אויסשטויבן; ווען אָבער דו לייגסט זיך שלאָפן — וועט דער שוויים און די וואַרעמקייט פון קערפּער אַריינציען דעם טראָפּיל אינעם שטאָף אַריין און ס׳וועט שפּעטער זיין אַרויסגעוואָר־פענע אַרבעט... איך עצה דיר דערפאַר באַלד אַריינצוגיין צום סוחר...

זיי האָבן פאַרקירעוועט אין אַ זייטיקן באַראַק. קאַרנמאַן האָט אָנגע־קלאַפּט און אַ צעשויבערטער בחור האָט אים געעפנט. ס׳איז קיינער אוי־סער אים נישט געווען אין צימער. ער האָט בלויז אַ קורצן בליק געטאָן אויף מעכעלען און באַלד פאַרשטאַנען אין וואָס דאָ גייט. ער האָט פון אַ פאַרשטעלט לאָך, אין דער פּאָדלאָגע, אַרויסגעשלעפּט אַ קעסטל, עס גע־עפנט און שנעל אַרויסגעוואָרפן פון דאָרט אַ פּאָר ביליקע הויזן. ער האָט נאָכאַמאָל אַ בליק געטאָן אויף מעכעלעס פאַרלוירן אויסזען און — גלייך זיי וואָלטן שוין אַלץ צווישן זיך פון לאַנג אָפּגעשמועסט און זיך אויסגע־דונגען — האָט ער זיך צו אים אָנגערופן מיט געאייל:

— נו, אַ סוף... ס׳וועט עמעץ אָנקומען... טו אויס די הויזן! — — —

## III

און אויך דער לאַגער איז דאָ געווען מאָדנע־אַנדערש ווי אומעטום. שוין יאָרן אַז אפילו אין די געטאָס האָט מען געטראָגן ספּעציעלע אָפּ־צייכנס, ווי יידן. אין יעדן לאַגער האָט מען אַראָפּגענומען די האָר ביזן

פלייש און דא זענען אלע געגאנגען ציוויל אנגעטאן, אן אן אפצייכן און אפילו אן א נומער. די האר האט יעדער געלאזט ווי ער וויל און אזעלכע וואס זענען געגאנגען בעסער אנגעטאן האט מען זיי נישט געקענט דערקע־נען אפילו צווישן אנדערע פאליאקן. מיט די פרויען איז מען געגאנגען צו־זאמען צו דער ארבעט און געקומען צוזאמען. די פרויען־באראקן זענען גע־ווען נעבן די מענערישע און אויב איינעם זענען די אברים נישט געווען צעבראכן, האט ער געקענט כאפן א שפאציר מיט א מיידל ביז צום וועלדל; און אז ער האט נאך פארמאגט א שמייכל, האט ער עס איר געקענט אונ־טערטראגן א מתנה... אזוי ווי מען וואלט דא ספעציעל איבערגעלאזט אביסל שיריים פונעם אמאליק־מענטשלעכן לעבנסשטייגער, וואס זאל נאכ־מער רייצן, ווידער דערמאנען און א וואס גרעסערן צער פארשאפן נאך דעם, וואס מען האט פארלוירן...

עפעם איז נאך דא פאראן פון א מענטשלעך לעבן און דאך שפירן אלע מיט א מאדנע שארפקייט, ווי מוראדיק מ'איז דא ארייננעפאלן. א שרעק אן א נאמען גייט ארום און באצייכנט אלעמענס קעפ. ס'איז קלאר, אז ווער עס קען, מוז פון דאנעט אנטלויפן. דעם ערשטן טריט דא דער־פילסטו, ווי עס טוט דיך א פארצי אין די וויטקייטן אריין. אקעגנאיבער שטייט א וואלד און באשמעקט דיך ווי א הונט מיט זיינע גרינע נאזלע־כער... ער קומט אריין אומגעשטערט דורך די דראטן, דערציילט דיר וועגן דעם, אז אין דרויסן גרינט א וועלט; ער נעמט דיך אן ביי א האנט און פירט דיך... גייסטו. און אין דערמיט קלעטערט ער אריבער די דראטן און זיינע צווייגן געזעגענען זיך, גריסן דיך מיט א שאקל פון דערווייטנס... און דיר האבן די דראטענע שפילקעס איבערגעזעגט דיין פרייהייט אינ־דערמיט... דא זענען פאראן מיידלעך, וואס וואלטן אויף יענער זייט היל־ביק געלאכט; אבער דא גייען זיי נעבן דיר מיט פארקנייטשטע שטערנס און צעשיטע שמאטעס, פון וועלכע עס געלן זיך ארויס שטיקער לייב... דא ביסטו פארמשפט און דערביי קענסטו נאך איבערשטארקן דיין פארמשפט־קייט, קענסטו נאך כאפן א שטיקל צעטרעטן לעבן און דערמיט פאר־שכורן זיך... אבער אלע אברים זענען מיט בלייַ אנגעגאסן... ווילסטו ארויס, ווילסטו אויף א מינוט כאטש האבן דאס לעבן אין די הענט...

איז קלאָר, אַז אַ סך גרייטן זיך צו אַנטלויפן, אַז אַ סך אַנטלויפן. דאָ קען מען עס לייכט באַגרייפן.

אויך קאַרנמאַנס בליק דערזאָגט נישט אינגאַנצן וואָס ער טראַכט. זיין ערשטער דערזע אין מעבעלעס הויזן איז נישט געווען דער בלויזער שטאָף און די ווערט פון זיי, לויט דער שאַצונג פון אַ פּאָליאַק... אַ שטיק פון זיין איך איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דעם שטילן, פאַרטראַכטן שעפּטש, ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן צום סוחר:

— ווי זאָגסטו? ווען מען דרייט זיי איבער אויף דער צווייטער זייט, קען מען אין זיי פראַנק און פריי אַרומשפּאַצירן אין שטאָט?...

עפּעס פון זיין אונטערבאַוווסטזיניקן לעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן מיט דער פראַגע און פאַרראַטן אַ געדאַנק, וואָס ער אַליין האָט נאָך אפשר אויף קלאָר נישט געוווּסט... באַלד האָט ער אויף עפּעס חרטה געקריגן:

— דו ווייסט... זיי וואָלטן פאַר מיר אַליין גאָרנישט שלעכט געווען... וואָס?

מען דערקענט, אַז עפּעס אַ נייער געדאַנק איז ביי אים נאָרוואָס גע-בוירן געוואָרן.

מעבעלע איז צוריק צו זיך אין באַראַק און געקלערט, אַז דאָ איז אַ וווּנדער, פאַרוואָס אַזויפיל מענטשן האַלטן זיך נאָך דאָ. ביי די פרישע קאַעלניקעס זענען נאָך די קעפּ נידריק אָפּגעשוירן אָבער ביי די אַנדערע וואַקסן קודלעס ווי די בערג און זיי קענען לייכטער פאַרשווינדן... זיי זע-נען בלויז פאַרגליווערט און עס רירט זיך נישט פון אָרט.

אין טאַש ביי אים זענען שוין געלעגן אַ פּאָר פּאַפּירלעך, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיינע הויזן אַ פּאָר אַנדערע הויזן פון זעלבן קאָליר, בכדי שעטשקאַ זאָל זיך נישט כאַפּן באַצייטנס און עפּעס אַ רואיקער געפיל נעמט אים אויסגלעטן די צעשויבערטע געדאַנקען...

## IV

אויפן דריטן טאָג ערשט, פאַרנאַכט, האָט די פרישע גרופּע באַקומען איר ברויט. צוערשט האָט מען זיי געפירט צו דער פאַבריקס-ביוראָ, ווו

מען האט זיי ווידעראמאל פארשריבן די נעמען און ארויסגעגעבן לעגיטי־מאציעס. בלויז דא האט יעדער געקראגן זיין נומער, אויף וועלכן ער האט אפגענומען זיינע פארציעס ברויט פאר אלע דריי פריערדיקע טעג...

פונקט ווי אין מאידאנעק קייקלען זיך די נומערן פון מענטש צו מענטש. ווען איינער איז טויט, גייט זיין לעגיטימאציע און נומער אריבער צו א צווייטן און אזוי כסדר. מיט פיר טעג צוריק האט מעבעלע אויסגעטאן זיין נומער אין מאידאנעק און אים מער נישט געדארפט טראגן יעדער רגע אין זכרון. דריי טעג האט ער זיך געשפירט צוריק ווי א מענטש, וואס איז באצייכנט מיט א נאמען, ווי אלע מסתמא אין דער גאנצער וועלט... דארט האט ער געהאט דעם 68-טויזנטסטן נומער און הינטער אים האבן זיך געצויגן גאנצע ארמעען, וואס מען האט באגראבן אונטער די ציפערן. מיטן אראפווארפן דעם בגד האט ער זיך צוריק דערפילט ווי א יי נ ע ר, א באזונדערער... און אט האט אים א פרישער נומער באגעגנט. שטייט ער און האלט דעם נומער אין האנט: 3701! וויפל מענטשן האט שוין דער נומער איבערגעלעבט, ווי לאנג וועט ער זיין נאמען באגלייטן? דאס ברוינלעכע שטיקל טאוול שוויגט פארביסן. אלע סודות, וואס דאס וואלט געקענט דערציילן, זענען געבליבן אין יענע גרויסע ביכער מיט שווארצע טאוולען, ביי וועלכע שלעפעריק־גלייכגילטיקע פוילישע און דייטשע מיידלעך בלויען אריין — ביי יעדן טראנספארט — א פאר פרישע שורות... איצט האבן זיי, פון פוילקייט וועגן בלויז, ארויסגעכאפט די לעצט־אנגעשריבענע שורה און איבערגעטראגן אויף דעם וואס עס דארף הייסן: די לעגיטימאציע...

וואס פאר א נאמען? ווען געבוירן? פארטיק. דער נומער שטייט פאררוקט אין א זייט ערגעץ און קוקט מיט חשד אויף דעם פרישן נאמען, וואס ער האט בשכנות... ער איז אים פרעמד... ער מורמלט דוכט זיך:

— אלע טאג א פרישער גאסט... און מיט קיינעם איז נישט מעגלעך זיך איינצובירגערן!...

אין דער ביורא דא איז איבערהויפט א גרויסער כאאס. עס טומלט זיך כסדר מיט די מענטשן. די נומערן זענען אין די ביכער און נישט איינמאל פארגעסט מען די פרישע נעמען איבערצובייטן אונטער די

כסדרדיקע גומער־רובריקן... מישן זיך אוים טויט און לעבעדיק אינעם זעלבן בוך... שפּעטער ווייסט מען אליין נישט, ווער ס'איז טויט. דער נאָמען, אָדער דער נומער?

ס'טרעפט אמאָל, אַז די בעקערייַ גיט אַרויס ווינציקער ברויט פאַר דעם לאַגער. דאַן רעקלאַמירט די יידישע לאַגער־ביוראָ אין דער קאַנצעלאַריע פון דער פאַבריק; זוכט מען דאָרט און מען זוכט... ביז די מיידלעך פון דאָרט ווערט נמאס דאָס שפּיל און זיי באַשטעטיקן נאָך אַ פּאָרציע ברויט. אמאָל גיט מען מער — פאַרשווייגן עס די שרייבער פון דער לאַגער־ביוראָ, ווייל עס וועט זיין נאָך אַ ברויט צו פאַרקויפן אין לאַגער... וואַקסט דער כאָאָס נאָך מער... באַקומען נאָך צענדליקער טויטע זייער ברויט און מאַרמעלאַד, וואָס די פּאָליצעס ביי די קאָמענדאַנטן נעמען עס גערן אויף און בייטן עס שפּעטער אויף געלט און ווערטפולע חפצים; דערפאַר זענען אַ סך גופים, וואָס האָרעווען נאָך, צאַפּלען, אַרבעטן און דאַרפן עסן — פאַרשריבן ווי טויטע... אַזוי ווערט דער פּלאָנטער גרעסער פון טאָג צו טאָג און קיינעם גייט נישט אין לעבן דאָס אויסצוגלייכן...

מ'ווייסט אַפילו, אַז דאָס קען אמאָל פּלאַצן, אָבער מ'לאָזט עס לויפן מיטן ווינט. די שיכטן מיט די האַלעס זענען דאָ אַזוי צעמישט, אַז קיינער וועט דאָ אַזוי לייכט נישט קענען דערגיין דעם סדר... ציט זיך עס אַזוי שלעפּעריק און קאָפּלאָז. די לעגיטימאַציעס זינקען אַריין ערגעץ אין דער טיף פון די פאַרשמוצטע טאַשן און קיינער ווייסט נישט, ווען ער וועט זי דאַרפן נאָכאַמאָל אַרויסנעמען און באַווייזן... די סעלעקציעס מיט די נאַטירלעכע טויט־פאַלן זענען דאָ אַזוי אָפט, אַז ווען מען וועט אַפילו אויפמערקזאַם ווערן — וועט זיין אויף וואָס די שולד אַרויפצוּוואַרפן... דערווייל דרייט זיך שוין דאָס רעדל חדשים און חדשים...

אַלע פּריש־געקומענע באַקומען אַ קילאָ ברויט אויפאַמאָל. באַהאַלטן איז נישטאָ וווּ — עסט מען אַריין, וויפל עס לאָזט זיך. דאָס ערשטע מאָל זינט חדשים האָט מען די געלעגנהייט צו ווערן זאַט. מאָרגן וועט מען אויך נישט הונגערן, ווייל אויף ביינאַכט איז נאָך געבליבן אַ שטיקל. איבערן טאָג איז דער האַלדז איבערגעשווענקט געוואָרן און דאָס ברויט איז נישט אַזוי גרוויליק ביטער... דאָס שטיקל פון ביינאַכט, וואָס וועט

דערשמעקן דעם האלע־ריח, וועט שוין זיכער האבן אן אנדער טעם — לאזט מען זיך דערפאר וואס ווינציקער און מען דערפילט אין זיך דער־וויל פרישע כוחות... און די פיס גייען דאס מאל אנדערש צו דער אר־בעט.

אין דער ריי קוקן די אלטע מיט קנאה־אויגן אויף די פרישע. היינט זענען זיי די זאטע... ווארנט מען זיי גערייצט:

— צעשפילט אייך נאר נישט צופיל די קישקעס... זיי וועלן אייך מארגן ווידער מאנען אזא פעקל... א מאגן ווייסט נישט, אז איינמאל אין יאר איז שמחת־תורה...

ווער קלערט אבער דערפון!? דער מאגן איז איצט שטיל און צופרידן און דאס איז דער עיקר... קומט מען אין דער קאיוטע און מ׳שטעלט זיך מיט פרישן מוט צו דער ארבעט.

ביי אלע דריי פרישע זענען שוין די הויזן אויסגעביטן. מארטפעלד טראגט א זאק. משה גייט אנגעטאן א שטיקל בלוי־געפארבטע שמאטע און מעבעלע פארמאגט נאך א פאר הויזן, פאר וועלכע מ׳קען נאך באקומען א ברויט... אלע דריי באהאלטן נאך אונטער די העמדער שטיקלעך איבער־געבליבן ברויט, געוויקלט אין דיקן פאפיר; איז נישט קיין וואונדער, וואס די גראנאטן פליען פון אונטער די הענט.... מארטפעלד קען זיך גארנישט אפּוואונדערן פון דער לייכטקייט, וואס ער שפירט אויפן הארץ... ווי א ניי־באשאפענער. שעטשקא רעדט היינט גארנישט. ער ברענגט בלויז אריין פאפירענע פארטוכער, זיי זאלן נישט דארפן באשמוצן די הויזן... אלע ארבעטן, נישט אויסדרייענדיק זיך צו אים און ער באטראכט דערווייל אלע דריי פון הינטן מיט זיין טאנצנדיק אייגל... ענדלעך טוט ער א שליי־דער די פארטוכער מיט צארן:

— הורנזון! דעם ערשטן טאג שוין באוויזן צו פארשאכערן די הויזן... און — אלע דריי צוזאמען...

די מאשין הערט אויף א מינוט צו זינגען. אלע דריי שווייגן. שעטש־קא פרעגט מיט א געמאכטער גלייכגילטיקייט:

— וועמען האט איר פארקויפט די הויזן? וועלכן זשידעק?

משה האט שוין א פארטיקן תירוץ פאר אלע:

— פאַרטאָג, ווען מיר זענען געגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט אונדז אַ דייטשער ציוויל-מייסטער פאַרהאַלטן... ער האָט אונדז אַריינגערופן, געגעבן צו שטיקער ברויט און באַפוילן זיך איבערצוטאָן... ער האָט אונדז יעדן טאָג געהייסן צוקומען נאָך ברויט...

שעטשקאַ פאַרבייסט אַ ליפּ מיט זיין שוואַרצן צאָן, אומגלויביק:

— ביי וועלכער האַלע איז עס געווען?

— מיר קענען זיך נישט אויף קיין האַלעס. דעם וועג אַהין וועל איך טרעפן. אויב דו ווילסט, וועל איך דיך איצט פירן אַהין און מירן אים פרעגן... ער האָט אונדז געזאָגט, אַז ווען ער וועט פאַרבייגיין, וועט ער אונדז אַריינברענגען צו אונדז אין דער האַלע...

דאָס איז שוין געווען אַ קלוג-צוגעטראַכט שפּיצל, וואָס בלויז אַן אַלטער האָט געקענט געבן אַלס עצה:

פאַר דייטשן האָט שעטשקאַ מורא. ער וועט זיך באַלד נישט גיין ווייזן פאַר יענעם, אַז ער ציט אַראָפּ אַנצוגער... דאָס קען אים טייער קאָסטן. באַזונדערס וועט אַזאַ תירוץ לעגאַליזירן דאָס ברויט, וואָס מ׳וועט זיך שפּעטער צוקויפן... ווען נישט — וועט שעטשקאַ שפּעטער זוכן געלט...

ער האָט דערפאַר נישט קיין עצה, נאָר צו פינטלען מיט די אויגן:

— נו, איצט הינטישע זין, האָט איר זיך גענוג אָנגעפרעסן און איך וויל זען פון אייך אַן אַרבעט, אַז אַ רויך זאָל גיין...

ער האָט אַ וווּיז געטאָן אויף די אַנדערע דריי בלייך-טויטלעכע פּי-גורן:

— זיי דריי זענען שוין „שמעלץ”. איר מוזט זיי זיך לאָזן אַביסל אויסרוען פאַרן טויט... און איר האַרעוועט, כּל־זמן איר האָט כּוח און... פרעסן... היינט וויל איך זען די נאַרמע...

דאָס געפיל פון זאַט זיין, נאָך אַזאַ איבעררייס, האָט מאָדנע שטאַרק געמאַכט. נאָך קיינמאָל האָט מעבעלע נישט געפילט דעם געוואַלדיקן כּוח פון טרוקן ברויט... העי, איר וויסנשאַפטלייט און מעדיצינער! איר, וואָס שרייבט אַזויפיל פון וויטאַמינען און קאַלאָריעס, קומט און זעט וואָס אַ גרויס שטיק ברויט אין ווערק צע צווישן טראָטיל־שטויב קען באַווייזן

פאר א ווונדער אין הונגעריקע, פארשמאכט-צעשלאָגענע אברים!... יעדן פון זיי דוכט זיך, אז ווען ער האט יעדן טאג אזא שטיק ברויט, קען ער די גאנצע האלע אוועקשלעפן ווי א לייכט שפילצייג...

דער פויער זאוואדא קען מיט זיין אסטמע לאנג נישט איינשטיין אין דער קאיוטע. ער ווייסט אליין, אז די דריי „פריערדיקע" פון זיין קאיוטע, וועט ער אפשר אליין מוזן באגלייטן אין די אייביקע וועלטן... קומט ער בלויז עטלעכע מאָל איבער דער נאכט אריין זיך פרעגן:

— דעם וויפלטן וואָגן מאכט איר?

— דעם זיבעטן!

ער קען זיך נישט צוגלייבן:

— וואָס זענט איר, טייוולאָנים?

ער לויפט פרעגן שעטשקאן. אָבער יענער באשטעטיקט עס פאר־וווּנדערט:

— נישטאָ וואָס צו רעדן. די יידליקעס זענען אין זייער קאָל דאָרט גוט אויסגעמייסטערט געוואָרן...

בעט ער זיך בלויז, זאוואדא, ביי די פרישע געהילפן זיינע:

— מאכט נישט די נאָרמע צו-פרי... ווייל מאָרגן וועט מען אייך דערלייגן נאָך 500 שטיק. אין א פּאָר טעג ארום וועט איר סיי-ווי אָפּ־שטיין... דאָ העלפט נישט קיין בריהשאפט...

נאָך יעדן געענדיקטן וואָגן מאכט ער בלויז א שטרייכל אויף דער וואַנט און אנטלויפט. נעמט מען זיך צוענדיקן די שטיקלעך ברויט. די נייע האָבן דאָס ברויט געהילט אין פּאַפּיר... דערפאר אָבער די דריי אַלטע האַלטן זייערע שטיקלעך ברויט נאַקעט מיט פארגעלטע פינגער פון טראָ־טיל. אין א זייט איז דאָס ברויט איינגעשמירט מיטן ברוינלעכן שטויב זיי שפּירן אָבער גאָרנישט... נאָך א וואָך — זאָגן זיי — וועלן די אנדערע אויך נישט שפּירן... צו אַלעם געוווינט מען זיך...

זיי עסן מיט קליינע ביסנס און שאָקלען מיט די קעפּ, ביטולדיק, אין דער זייט פון די צעפּאַרעטע, פריש-געקומענע:

— האָרעוועט, האָרעוועט... נארישע פערדלעך! אין א פּאָר טעג אַרום

זועלן מיר זען, וואָס איר וועט זאָגן... אויך מיר האָבן זיך אַזוי צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט די ערשטע צייט; געמיינט, אַז דאָס וועט העלפן... פרעגט כאָר די פּוילישע רוצחים, ווי אַזוי זיי האָבן פון אונדז געלעקט די פינ־גער... נאָך דער ערשטער וואָך האָבן מיר אָנגעהויבן שוואַכער ווערן... דאַן האָבן זיך צוריק אָנגעהויבן די מכות־רצח... אונדז איז שוין אַלצאיינס — ווילן מיר, אַז ביי אייך זאָלן די כוחות קלעקן אויף מער...

בלויז איינער האָט אַ זאָג געטאָן מיט רעזיגנירטער איראָניע:

— עט, אַ קנאַפּער אונטערשיד... דער סוף איז סיי־ווי אַזוי ווייט... פריער אָדער שפּעטער; די כוחות מוזן סיי־ווי אויסגיין... און אַקעגן דעם טראַטיל קען מען קיין חכם נישט זיין... זאָל יעדער טאָן כאָטש, ווי אים געפעלט...

ביי דער מאַשין האָט עס צוריק אַ סקריפּ געטאָן.

# ק אַ פּ י ט ל   ז ע כ צ ן

## I

יאָ, דאָ קען מען קיין חכם נישט זיין.

אַז מען האָט צייט און די מייסטער לאָזן צורו, ווייל די נאָרמע וועט געמאַכט ווערן; קען מען כאַפּן אַ שמועסל צווישן איין דריי מיט דער מאַשין און דעם צווייטן... און ערשט דאַן דערזעט מען די נעץ, אין וועל־כער מ'איז אַריינגעפּלאָנטערט.

מעכעלע קלאַפּט אויס די גראַנאַטן און איז דערפאַר אַמנאָענטסטן צו די דריי פון פריער. הערט ער אויס צוביסלעך זייערע געשיכטעס און פאַר־שטייט, אַז דאָ... דאָ קען מען קיין קלוגער נישט זיין...

די דריי זענען די לעצטע איבערבלייבענישן פון דריי פאַרשידענע טראַנספּאָרטן. איז כדאַי בלויז צו הערן, וואָס יעדער איינער דערציילט. ס'איז די געשיכטע פון טויזנטער... הערט־הערט, וואָס פאַר אַ מיטלען זיי האָבן עס אַלץ אָנגעווענדט צו בלייבן לעבן... און אָט שטייען זיי דאָ...

אַלע דריי זענען שוין טויט. זעט זייערע קערפּערס, ווי ביינערדיק־סקעלעטיק זיי זענען! זעט זייערע אויגן, ווי זיי זענען איינגעגראָבן אין די אייגענע קברים־לעכער, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעזוכט איבער דער קין... און פאַרשטייט, אַז מען קען אַמאָל נ י ש ט ל ע ב ן , הגם מען גייט נאָך, דאָס מויל ברענגט נאָך אַרויס אַ קלאַנג און עס קלערט זיך נאָך עפּעס אינעם אויסגעהוילטן מח...

קוק אָן זייערע ברוין־געלע, וואַקסענע פּנימער און פאַרשטיי, אַז דאָס זענען בלויז אָוועקגעשטעלטע יאָרצייט־ליכט אויפן אָרט, ווו עדהם יידן האָבן זיך פאַרלאָשן אונטער קלעפּ פון שטעקנס, אונטער דער פּרעסנדיקער בייסיקייט פון אַ טויט, וואָס דאַרף שפּעטער צערייסן לייבער און חרוב מאַכן הייזער, שטעט און מדינות... ווער האָט זיי אַוועקגעשטעלט ווי נשמה־ליכט? פרעג נישט. אפשר אַ געהיימער פּלאַם פון גורל און אפשר אַ נישט־געזעענע האַנט, וואָס קען נישט פאַרהאַלטן די גאַנצע פאַרניכטונגס־כוואַליע; שטרענגט זי זיך אָן דערפאַר צו דערהאַלטן אייגעם, צוויי... זאָלן זיי איבערגעבן פאַר די פרישע אַ נישט־צוגעברענטע קויל פון יענע, די פריערדיקע... זאָל זיך עס טראָגן פון מויל צו מויל, איבער וואָכן און חדשים... איבערגיין פון גוף צו גוף און פון געדאַנק צו געדאַנק... ביז איין מה וועט עס אַריבערטראָגן אין די אויערן פון אַ דור, וואָס טאָר עס נישט פאַרגעסן!?... ווער קען עס וויסן?

...שטייען זיי, די יאָרצייט־ליכט, און צאַנקען אויס זייער לעצטן, פאַרגעלטן פלאַם; טריפן אויס מיטן לעצטן אָנשטרענג, וואָס ס'האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט טשענסטאָכאָוו, פּיאָטרקאָוו און לאָדזש — — —

שטעל זשע אָפּ, מעכעלע, דיין אַרבעט אויף אַ ווייַלע, זאַפּ אַריין אין דיין זכרון, וואָס דו קענסט נאָר און באַהאַלט עס אין דער טיף פון דיינע בלוטן... אפשר וועסטו שפּעטער האָבן דעם מוט איינצוטונקען די פעדער אין דער אייגענער גאַל, אין יענעם בלוט, וואָס האָט זיך פאַרוועבט אין דיינע טעג און דערציילן... נישט־וויסנדיק פאַר וועמען...

## II

דער ערשטער איז דאָ הערשנבערג, אַ טעקסטיל־פֿאַבריקאַנט פֿון לאָדזש. נישט קיין אונטערשיד, וועלכע וועגן ס'האָבן אים אַהערגע־ברענגט. ער איז דאָ פֿון די גאָר־פֿריע. מיט לײדיקע הענט איז ער נישט געקומען. פֿינאָוו איז זײנס אַ האַנדלס־פֿרײַנט פֿון דער הײם, איז ער פֿאַר אים געפֿאָרן, געבראַכט אַביסל געלט און פֿאַרשאַפֿט אַ לײכטערע אַר־בעט... טראַנספּאָרטן זענען געקומען און אויסגערונען... ער האָט אָבער כסדר געאַרבעט ביים פּוצן אַ גראַנאַט, ביים שטעמפּלען... נו־יאָ, ברויט מיט נאָך עפּעס האָט ער זיך געקענט דערלויבן צו דער זעט... דאָס בגד איז נאָך אויך געווען לייטישער... געווען עפּעס־וויכטיקערס צום פֿאַר־קויפֿן...

פֿאַר זײַן פּריווילעגיע האָבן אַלע פֿון אים געצויגן... פֿון פֿינאָוון ביז שעטשקאָן און זײַנע געהילפֿן... דאָס לעצטע מאָל האָט ער פֿינאָוון אָנ־גענעבן אַן אָרט, ווו זײַנע בריליאַנטן זענען געלעגן באַגראָבן... פֿינאָוו איז דאַן צוריקגעקומען אַ דערשלאָגענער:

— די געשטאַפּאָ האָט אים נאָכשפּיאָנירט... איז ער שיעור אַרײַנ־געפֿאַלן ביים אָנהייבן זײ אויסצוגראָבן... ער איז קוים אַריבער אויף דער צווייטער זײַט... אין זײַן מונדיר וואָלט ער נאָך טייערער געווען באַ־צאָלט... ער קען דערפֿאַר מער נישט אײַנשטעלן זיך... עס איז נישטאָ קיין אַנדער עצה: ער מוז צוואַרטן...

...איז ער דערווײַל אַרײַנגעפֿאַלן אין דער האָלע... פֿינאָוון האָט ער געזען וואָס זעלטענער און דאָ שלאָגט מען פֿון אַלע זײַטן... אײנמאָל האָט די ווערקשויז ביי אים געטראָפֿן די גאַנצע סומע; אויסער דעם געלט, וואָס זײ האָבן צוגענומען, האָט מען אים אויסגעהאַקט אַ פּאָר צײן, די בריליאַנטן צעבראָכן... און דאָ מוז מען יעדן שלעגער באַזונדער משחד זײַן! אָט קומט ביעלסקי און וויל אָוועקנעמען פֿון דער לײכטערער אַרבעט אין דער קאַיוטע אַרײַן און אָט איז שעטשקאָ... ווערט ער שוין מיט זײ פֿאַר־טיק — פֿאַלט אַרײַן גאַיעוװטשיק מיט אַ געשרײ:

— דאָס איז אַן ארבעט פאר ווייבער... מענער דארפן ארבעטן ביים קעסל, ביי די וועגעלעך... אין די קאיוטעס...

האָט ער אין אַ פארנאַכט אָפּגעוואַרט גאיעווטשיקן אין אַ ווינקל און אים פשוט פאַרגעלייגט אַ נסיעה אויף אַן אָרט: דאָרט זענען דאָ זאַכן... געלט... אַ יהון מיט געלט... גאיעווטשיק איז צוריקגעקומען און אָפּגעגעבן אַ קליינע פאָר זלאָטעס. ער האָט נישט געקענט ארויספרעסן קיין סך — האָט ער זיך פאַרענטפערט... דערפאַר אָבער האָט ער צוגעלאָזט, ער זאָל ווייטער יאָ-ארבעטן־און נישט־ארבעטן צוזאמען...

ווען עס זענען געקומען פרישע טראַנספּאָרטן, האָט ער ווידער נישט אויסגעפעלט אין טאָפּ אריין... פאָר קליינע מטבעות האָט ער זיך אַזוי כסדר אדורכגעדרייט. ביז עס האָבן לעצטנס גענומען פארשווינדן די טראַנספּאָרטן און ביי אים האָט זיך דאָס געלט גענומען אויסלאָזן.

די פּאָליאַקן אויף דער פריי, ביי וועלכע ער האָט געהאַט צעוואָרפן ריזיקע סומען, האָבן אויפגעהערט צו שיקן. די ערשטע צייטן האָבן זיי געמיינט, אַז די מלחמה ענדיקט זיך באַלד און ווען ער האָט געשיקט אַ שליח, איז ער צוריקגעקומען מיט עפּעס. היינט זענען זיי, אַז דאָס שפּיל פאַרציט זיך אויף אַזוי לאַנג... מאַכן זיי זיך נישט-וויסנדיק.

ער אַליין האָט אויך געטאָן אַ גרויסן פעלער:

— ער האָט געוואָלט ביי זיי וועקן רחמנות, געמיינט, אַז דאָס וועט העלפן; האָט ער זיי געשריבן, אַז ער איז קראַנק און ארבעט ביי גיפט, אַז ער ליידט פון אסטמע... יענע האָבן אָבער דערפון פאַרשטאַנען, אַז ער וועט שוין לאַנג נישט אָנציען און אפילו מען וועט באַפרייט ווערן — וועט ער עס שוין נישט דערלעבן... צוליב וואָס-זשע לייגן דאָס לעבעדיקע אויפן טויטן? האָט קיינער נישט געוואָלט מער פאָרן... און אַן דעם כסדרדיקן „באַשטעכן" די חברה האָבן זיי פאַרגעסן אין די נעכטיקע מתנות און ווען ס'האָבן גענומען פארפעלן מענטשן — האָט מען אים אריינגעפּאַקט אין דער קאיוטע... און גראָד צו די 15ער...

אַלע האָבן נאָך אין אים געהאַט אַ נקמה:

— ביסט אַ זשיד — אַ בורזשוי... דו האָסט נאָך געלט און וועסט קענען ארבעטן, הגם דו ביסט אַלט... קאַרגער הונט דו!

דער זעלבער שעטשקא, וואָס האָט אַזויפיל פון אים אַרויסגעצויגן, האָט דעם ערשטן טאָג פון זיין אַרבעטן אין דער קאָיוטע אין אַלץ פאַר־געסן. די ערשטע צייטן האָט ער אים גערופן איידל: פּאַניע הערשנבערג; גערעדט צו אים ווי צו עפּעס אַ הויכגעשטעלטע פּערזאָן... און היינט איז ער ביי אים בלויז „דו אַלטער נואף!"... גאַיעווטשיק איז שוין איידע־לער. ער האָט אים איינמאָל אָפּגעוואָרט אין קאָרידאָר, געפּאַלן אים צו די פיס: אַזוי און אַזוי... ער איז שוין אַלט 46 יאָר... ווי אַזוי זשע קען ער עס באַווייזן? ער אַליין ווייסט, אַז מען שיקט אים נישט מער קיין געלט און די קאָיוטע קוועטשט אַרוים דעם לעצטן טראָפּן... ביי דער ערשטער סעלעקציע וועט ער אַוועקגיין... נו, אדרבא, ווער קען אים דען ראַטעווען אויב נישט ער, גאַיעווטשיק?

אָבער יענער האָט אים שטיל און מיטליידיק אויסגעהערט... מער נישט ווי גוט אויסגעהערט... קיין עצה האָט ער נישט:

—די מענטשן פאַלן אַוועק ווי די פליגן... קיין אַנדערע באַקומט מען נישט... דער שעף איז שוין אויסגעוועזן אַלע לאַגערן און געבליבענע געטאָס אָבער — מען גיט נישט מער קיין יידן! וואָס זשע וויל ער? טאָן אַ שפּילעוודיקע אַרבעט, ווען די קאָיוטעס וועלן פּוסטעווען? אָדער וויל ער, אַז אַנדערע זאָלן זיך איבערדרייסן די קישקעס פאַר זיינעטוועגן? ער אַליין קען מער גאָרנישט מאַכן. ביים ערשטן פאַרזוך צו פאַרלייכטערן אים, וועט ער באַשולדיקט ווערן אין סאַבאָטאַזש... וואָס פאַר אַ שטראָף מען באַקומט דערפאַר, דאַרף ער אים נישט דערציילן... היינט וואָס וועט אים העלפן זיין בעטן, זיין אָפּוואַרטן אים אין די קאָרידאָרן? נאָר דאָך — זאָל ער זיך באַמיען צו האַלטן. עס ווייזן זיך אויסזיכטן אויף אַ גרויסן טראַנספּאָרט; ווען זיי וועלן קומען, וועט לייכטער זיין צו טאָן אין דער ריכטונג...

אָפּגעזאָגט און פאַרשוואונדן.

האָט ער צוויי וואָכן געאַרבעט ביי דער מאַשין... וואָס דער אמת איז, האָט ער נישט געהונגערט. נאָר גאָרנישט: צ וו יי וו אָ כ ן ! און — ביי זיינע יאָרן!...

דער דערוואַרטער טראַנספּאָרט האָט זיך דערווייל פאַרשלעפּט פון טאָג צו טאָג. און קיינער איז אים נישט געקומען אויסלייזן...

מעבעלע האָט דערהערט ווי אַ דירעקטן פאַרוואורף אויף זיין אדרעס, פאַרוואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט מיטן קומען... הערשנבערג האָט דערווייל ווייטער געדעדט:

— דאָס הארץ האָט ביי מיר געכאַפּט אַ ברען... בין איך געלאָפן צו פינאָוון. אפשר וועל איך אים אַנטרעפן אין אַ זייט, טאָמער וועט ער זיך דאָך דערמאָנען... מיך געדענקען!

...ער האָט אים גראָד אָנגעטראָפן לויפן אַ פאַרשמייעטן און זיך אים געשטעלט אינמיטן וועג... ס'איז אָבער נישט מעגלעך געווען אַ וואָרט אים צו זאָגן. יענער איז אויף אים אַרויפגעלאָפן און אין איין אָטעם אַריינגעשעפּטשעט אין אים:

— מיין ליבער ייד, כ'האָב נישט קיין צייט... די „חברה” האָט נאָך מיר געשיקט! פרעגט נישט, ס'איז דאָ יענע חתונה; דאָרטן שפּילן כלי־זמרים און מיר האָבן דאָ פריילעך...

און שוין... אַ נעבעכדיקער טאָג...

איז אים איצט שוין אַלצאיינס: יאָ־קאַיוטע, נישט קאַיוטע... דאָס לעבן איז סיי־ווי שוין פאַרשפּילט... אַז מ'זאָגט פאַרטיק — איז פאַר־טיק... ממש — געענדיקט...

מעבעלע קוקט אויף דעם ייד מיט די ברילן, וואָס זענען מיט שטריק־לעך צוגעבונדן צום אויער, ער זעט זיין אַשיק־צעקנייטשט, זקנדיק פּנים און עס באַפאַלט אים אַ פאַרדראָס אויף זיך אַליין... די גאַנצע דערציי־לונג ווירקט אויף אים אָפּשטויסנדיק... ער וויל ק ע נ ע ן מיטפילן יע־נעם און ער ווייסט, אַז טיף אין אים האָבן זיך די געפילן איבערגעקערט... אים דוכט זיך, אַז אויב ער וועט זיין מיט אים לענגער, וועט ער זאָל רעדן נאָך אַ פּאָר ווערטער, וועט ער אים פּיינט באַקומען... האַסן! אויף וויפל אין געדאַנק איז נאָך דאָ אַן אָרט פאַר איבערטראַכטעניש, באמת ער זיך אַריינצושרייען אַ באַפעל: מען טאָר נישט!... אָבער ווי אַזוי קען מען דאָ באַפעלן אייגענע געדאַנקען, ווען ביסט אין זיך צעריסן?...

מעבעלע וווּנדערט זיך:

— א מענטש האָט מסתמא געהאַט א פרוי... קינדער... געלייענט אמאָל א צייטונג און אפילו זיך אינטערעסירט מיט אַלגעמיין יידישע ענינים... און אָט ווי ער רעדט עס אַלץ פון ז י ך בלויז; פון ז יי ן הונגער, דערפון וואָס ע ר גייט צו גרונט... ער זאָל עס דערמאָנען א וואָרט, אַז אָט דער חורבן האָט ארומגענומען דאָס גאַנצע פאָלק, זיינע אייגענע קינדער, די פרוי... אפשר האָט ער מיט יענעם זיך שוין לאַנג איינגעלעבט, שלום געמאַכט דערמיט, די רעזיגנאַציע פון זיין גוף קומט ערשט איצט... דאָס זענען אפשר די לעצטע טענער פון א לאַנגער יאוש־קייט, וואָס ציט זיך שוין א לאַנגע צייט... אָבער מעבעלע ציטערט דאָך אויף, ווען ער זעט, ווי אַזוי אַזא קאַיוטע קען אָפטעמפּן די געפילן, באַ־גרענעצן דאָס ברעקל שכל, וואָס איז פאַרבליבן, ביז צום אייגענעם, ג ו פ י ק ן אומקרייז... און ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין דערמיט, וואָס ער האָט נישט פאַר דעם מענטש קיין האָר באַדויער... קיין געפיל... אָט זעט ער ווי דער מענטש ציטערט פאַר זיין ביסל לעבן, וואָס וועט שוין מער ווי געציילטע טעג נישט ציען... און — גאָרנישט.

קען ער שוין טאַקע פון גאָרנישט מער קלערן אין אָנבליק פון לאַנג־זאַמען טויט? האָט עס די קאַיוטע געמאַכט, אָדער איז ער אַזוי געוועזן שטענדיק, אייביק?...

ער וויל אים עפּעס א פרעג טאָן, אָבער קאָרנמאַן טוט צו אים א מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער זאָל וועלן זאָגן:

נישט כדאי, מיין ליבער... נישט כדאי...

## III

טאַקע גאָרנישט. אויף דער צווייטער נאַכט האָט מען הערשנבערגן ארויסגענומען פון דער קאַיוטע. ער וועט גיין קלייבן פליענדיקע פּאַפּיר־לעך ארום דער האַלע. איז עס די טעמע, ארום וועלכער עס דרייען זיך די אָפּגעהאַקטע, האַלב־מינוטיקע געשפּרעכן, צווישן איין גראַנאַט און דעם צווייטן.

דער הויכער קאָרנמאַן טריאומפירט מיט זיין שטילן טאָן:

— נו, וואס האב איך נעכטן געזאגט, הא?

גלייך ווי א מאך מיט דער האנט וואלט דא געהייסן: געזאגט... גערעדט... און אפשר האט ער זיך שוין אזוי צוגעוווינט? מיט זיין כוח איז טאקע גלייכער, אזויווי ער מאכט עס; ער הייבט אן א זאץ און ענדיקט אים שוין מיט א האנט־צעפיר... אבער אזוי פארשטענדלעך, אזוי קלאר, אז דו פארשטייסט דערפון נאך מער, ווי ער זאל דאס אלץ דער־זאגן מיט די ליפן.

מיט מעכעלען האט ער עפעס גאר־גאר א סך צו רעדן... צומערשט וויל ער אבער וויסן, צי איז ער טאקע דער... יא, דער פון אמאל... ער אליין איז געווען מיט צייטן צוריק א שטיקל חזן... ליב געהאט נגינה — ס'לעבן! נאך היינט ברומען אין אים אינעווייניק פארשידענע ניגונים... חזנישע שטיקלעך... אבער גיי מאך עפעס; אז די שטים אין האלדז האט זיך ביי אים אויף אייגענער האנט דערווארגן, נאך איידער ער האט זי מיטגענו־מען מיט זיך אין קבר אריין... און א שאד איז עס פונדעסטוועגן... ער וואלט זיך אליין היינט אפגעזונגען, אביסל זיך „אטכייעט" די נשמה מיט א ניגון... ער וואלט נאך זיך אפגעזאגט אלע „קדישים" פאראויס, און „אל־מלא־רחמים" פאר זיך אליין אפגעזונגען — — —

...סיי־ווי איז ער דאך שוין טויט. גאט האט אים נאר געגעבן די געלעגנהייט צו לעבן אביסל נאך דער גסיסה און זיך אליין און בנעימות פראווען די לויה... ווייל ווער איז דען נאך פאראן, וואס זאל עס טאן פאר זיינעטוועגן? היינט דאס ווייב... די 6 קינדערלעך... יא, ער קען עס היינט אויך מאכן... ער שאקלט אראפ פון די האלב־פארשטומטע ליפן גע־נוג קדישים פאר זיך, פאר דער משפחה און פאר וועמען נאר ער קען גע־דענקען; ס'איז אבער גארנישט... ער אליין ווייסט, אז ס'איז נישט דאס וואס מען מיינט... עפעס אנדערש איז, ווען מען קען זיך טאן א צעלאז מיט אלע כלים אזוי, אז ס'זאל „אים" דארט אויף יענער זייט סטעליע, אין דער בלוילעכער פארנעפלטקייט איבער דיביימער א הייב טאן, א טרייסל טאן פון זיין כבוד־שטול — — — און אזוי... גארנישט! מ'קען א מאך טאן מיט דער האנט... אט אזוי, אז מ'זאל אפזאגן אלצדינג... אלצ־דינג — מיט איין פאך פון דער באאדערטער געשפאנטקייט... אים דוכט

זיך אָבער, אַז דאָ פון דער האַלע אַרויס, ביים געַרויש פון די ווערק-צע-מאַשינען — וועט ער סיי־ווי גאָרנישט הערן   ד אָ ר ט   און גאָרנישט זען... צו אים מוז מען היינט   ש ר יי ע ן ,   אים   ד ר אָ ע ן   דאָרט און וואָרענען! מ׳דאַרף אים צווויסן טאָן, אַז אויך ער האָט פאַרשפּילט זיין וועלט, פאַרלוירן... כאָטש ער מאַכט זיך עס נישט־זעענדיק — — — נאָר גיי שריי... אַז — — —

זיינע צוויי דאַרע פינגער ווייזן אויפן קנאָפּיקן האַלדז, איבער וועלכן ס׳זענען צעשאָטן ברוינע בלעטערלעך...

...ער איז געקומען מיט נאָך   ד ר יי   ברידער פון טשענסטאָכאָוו. זיי האָבן באַצייטנס רעזיגנירט:

— ס׳איז דאָ קיין לעבן נישט — האָבן זיי געזאָגט... און איינער נאָכן צווייטן געפאַלן פון די פיס... ער געדענקט נישט געַנוי, אויב אַלע זענען אַוועק צוזאַמען אויפן שיס-פּלאַץ... זיי זענען צעוואָרפן געווען אין פאַרשידענע באַראַקן און ביי באַזונדערע אַרבעטן... ווער האָט געקענט קאָנטראָלירן צווישן אַ טאָג־שיכט און אַ נאַכט-שיכט!? עס איז אין דער אמתן נישט קיין אונטערשיד... קיין יאָרצייט וועט ער שוין סיי-ווי נישט גופּהיטן נאָך קיינעמען מער... די וועלט גייט אונטער און דערליידיקט... נישטאָ מער פון וואָס צו רעדן. נאָר מיט גאָט, זעסטו, וואָלט ער נאָך איינמאָל געוואָלט כאַפּן אַ שמועסל:

— איז אים טאַקע ניחא, אַט דאָס גאַנצע בלוטיקע גאָרנישטיקייט? נישט קיין שבת מער, נישט קיין יידן מיט קיין בערד און קיין טליתים מער... נישט קיין זמירות און נישט קיין קדיש... נישט קיין קרעכץ פון אַ חסידישן ניגון... גאָרנישט!? איז עס אים טאַקע ניחא!? אָדער אפשר וועט אים אַליין אַמאָל אָנגעמען אַזאַ פוסטקייט, אַזאַ בענקשאַפט, ווי עס כאַפּט אַמאָל אָן, להבדיל, קאָרנמאַנען; ווען די שעהן ביי די גראַנאַטן ציען זיך אַזוי און ציען זיך... אָן אָן אויפהער, אָן אויפהער!? און ער וועט זיך צע-גענעצן דערפון, וואָס די וועלט איז ליידיק און לאַנגווייליק... און ער וועט מיט חרטה אַוועק צו די אַלע קברים פון דער וועלט און זיך בעטן, מ׳זאָל אים אַריינלאָזן אין איינעם אַ קבר אַזאַ... זיין מיט זיי און בעטן רחמים, אַז עס זאָל ווידער זיך דערהערן אַ חסידישער „אוי־וויי!“, אַ חזנישער

טריל — — — נאָר מילאָ, ער וויל אים דען אויסהערן, וויל ער דען?

— הייגט ווו איז דער פירוש פון שכינתא בגלותא? פון „עמו אנכי בצרה?" נאָר מילאָ... גאָרנישט...

...נאָר נישט שטענדיק איז ער געווען חזן און בעל־תפילה. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ סוחר, אַ גרויסער סוחר... און געוואָרן איז ער עס גאַנץ שנעל... ווייל וויפל אזא שטיינער מיינט מעבעלע, איז ער אַלט? דער בכור אין שטוב געווען... נו, ער שאַצט אים אַביסל איבער... ער איז נישט 55 יאָר אַלט נאָר 36... בנאמנות ווי 36... מ'מעג טאַקע לאַכן, אויב מען קען פון אַזאַ יונגנמאַן.... 36 יאָר — מיט די גרוילעכע האָר אויפן קאָפּ און מיט די צעצויגענע קנייטשן... נאָר — נישט וויכטיק. איז דער עיקר: מיט נגינה האָט ער זיך אינטערעסירט... אפילו דעם זשורנאַל, וואָס די חזנים האָבן ארויסגעגעבן, האָט ער געלייענט. ארויסשטודירט פון דאָרט די נייעסטע שטיקלעך צום זינגען... און געזונגען אָט אַזוי זיך, פאַר די אייגענע גבירישע ווענט, אַז זיי זאָלן נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ חזן... און — זאָלן זיי וויסן, אַז נישט בלויז אנצוג-שטאָפן האָט זיין מויל פאַרגעלייגט, נאָר אויך אַ „רצה" האָט ער אַמאָל דעם רבונו־של־עולם אונטערגעטראָגן... טאַקע דאָס זינגען פאַר זיך האָט אים נישט געלאָזט פאַרחזירט ווערן פונעם פאַרמעגן, גראָבהויטיק ווערן...

יאָ, דאָרט, אין חזנישן זשורנאַל, האָט ער אָנבאַגעגנט אַ נאָמען פון אַ שרייבער, ענלעך צו מעבעלעס... טאָ זאָל ער אים אַ טובה טאָן און זאָגן, אויב דאָס איז ער טאַקע... נישטאָ וואָס צו שעמען זיך דערמיט... הלואי וואָלט מען היינט געווען נאַראָנים, אַבי עס זאָלן זיין חזנים... בפרט אַ שרייבער פאַר חזנים איז אוודאי קיין בושה נישט... ער וועט קיינעם נישט אויסזאָגן, אויב מעבעלע וויל נישט, אָבער ער וויל עס וויסן: טאָמער איז ער עס טאַקע, — וויל ער זיך מיט אים באַראַטן וועגן אַ וויכטיקן ענין... אַ לעבנס־פראַגע...

נאָר גאָרנישט: מ'וועט זען שפּעטער, אין לאַגער... אייגנטלעך וויל ער זיך גאָרנישט באַראַטן, נאָר דערציילן... ער וויל עפּעס דערציילן, מעבעלע זאָל וויסן און — מער גאָרנישט...

אָט דעם הערשנבערגן קען ער גוט. אַ גרויסער פאַבריקאַנט געווען,

אַ גביר... האַלט זיך פאַר אַ שטיקל תּלמיד-חכם — ער האַלט אָבער אין איין וויינען. ער האָט געהאַט אַ סך געלט, געגעסן פלייש במסתּרים, אָבער פאַר אַלעמען אין די אויגן האָט ער בלויז באַהאַלטן אַ שטיק ברויט... און אַזויפיל זענען אויסגעגאַנגען פאַר זיינע אויגן, בלויז דערפאַר ווייל זיי האָבן אין מאָמענט נישט געהאַט דעם ביסן ברויט, וואָס זאָל דאָס פאַר־חלשטע האַרץ אַרויספירן פון פאַרטאַמלטקייט... נישט ביי איינעם האָט דאָס האַרץ בלויז געבלאָנדזשעט, זיך איבערגערוקט פון אָרט, אַ קליין שטיקל ברויט האָט זיי געקענט דערהאַלטן. און אַזוי האָט זיך עס אַריינגעדריקט אין אַן ענג אָרט און געפּלאַצט...

גאָרגישט. ער האָט זיין געלט נישט אויפגעגעסן; הייגט קענען דער-פון די מייסטערס לעבן בעסער... די טויטע פוילן שוין און דאַרפן גאָר-נישט, ער אַליין האָט נאָך אַביסל; אָבער דאָס וועט אים שוין ווייט נישט דערפירן... ער קויפט זיך נאָך אַלץ אויס ביי די שעטשקאַס און גאַיעווער־טשיקס און באַוואָרנט זיך נאָך אויף אַ דריי יאָר צום לעבן אין „האַ־סאַג"; זיינע יאָרן לאָכן זיך אָבער אויס פון אים און אַנטלויפן מיט יעדן טאָג וואָס גייט אַוועק...

אמת. אויך ער, קאָרנמאַן, איז געקומען מיט אַביסל געלט. ער האָט זיך אויך דערמיט אָפּגעזאָגט ווי מיט אַ שטעקן פון די הינטישע מייס־טער, זיך געדרייט, געזוכט לייכטע אַרבעט און זיך יעדן טאָג ג ע ־ ק ו י פ ט . . . אָבער וויפל ער האָט געקענט; ניין, וויפל ער האָט ג ע וו אָ ל ט — ווייל געקענט האָט ער אפשר מער! — האָט ער אונ־טערגעשטיצט... ער האָט כאָטש געוואָלט וועלן... שולדיק פון זינד איז נישט קיינער:

איינמאָל איז אַ יונג יינגל דאָ אַוועקגעפאַלן אין דער קאַיוטע... פאַר-וואָרפן מיטן קאָפּ. און אין קאָרידאָר איז דאָ אַ מיידל וואָס פאַרקויפט פּערטעלעך ברויט... האָט ער געוואָלט לויפן און ברענגען... ער האָט נאָך געהאַט דאַן פאַרוואָס צו קויפן, אָבער די גלידער זענען ווי פּאַראַליזירט געוואָרן... און דעם יינגלס פאַרגלייזטע אויגן האָבן אַזוי קלאָר געזאָגט, וואָס ער דאַרף איצט צו האָבן... און ער האָט באַין-אופן נישט געקענט ביי זיך פועלן אַרויסצוגיין און קויפן פאַר זיין געלט... דערנאָך האָבן זיך עט־

לעבע מאַן צוזאַמענגעלייגט, ער האָט אויך זיין צושטייער געגעבן — און מען האָט געקויפט אַ פּערטעלע ברויט... מ׳האָט די ביטערע שטיקלעך ברויט אַריינגעקוועטשט אין די פאַרהאַקטע ציין און גאָרנישט... יענער איז אין צוויי טעג אַרום סיי־ווי געשטאָרבן... אָבער ער שפּייט נאָך היינט זיך אַליין אין פּנים אַריין פאַר דער דאַמאָלסטיקער קאַרגשאַפט... מילא, ש פּ יי ט ער כאָטש! ווייסט ער כאָטש, אַז דער „האַסאַג״ האָט גע־מאַכט פאַר מנוולים און ער ווייסט ווי אַזוי מען דאַרף אויף זיך קוקן; אים פאַרדריסט אָבער, ווען אַזאַ הערשנבערג זוכט נאָך צו וועקן אויף זיך רחמנות... און דאָ איז אַ וועלט, וו מ׳האָט אַליין די הערצער פאַר־לוירן, אַליין פאַרגעסן דאָס יידישע רחמנות; טאָר מען נישט פאַרלאַנגען עס פון אַלע אַנדערע... ער הערט? מ׳טאָר נישט! ווייל מ׳איז שוין אַליין אַרויס פון יענעם מענטשלעכן גדר...

קאָרנמאַן האָט זיך צערעדט פאַר ווער ווייסט וויפל צייטן. אין סך־הכל איז אים שוין שווער צו רעדן. ער קען שוין מער די ליפּן נישט אַריינאָטעמען. ער האַלט בסדר אַ דינע, שמוציקע שמאַטע פאַרבונדן אי־בערן מויל, ווייל ער וויל נישט אינגאַנצן אַריינאָטעמען דעם טראָטיל... ער אָטעמט שווער, אָבער ער גלייבט, אַז דערמיט וועט ער זיך פאַרלענגערן דאָס לעבן אויף נאָך אַ טאָג, אויף נאָך אַ וואָך... זיין שטים קומט אַרויס געדעמפט און שטיל, ווי זי וואָלט שוין פאַרלוירן יעדן קאָנטאַקט מיט יענע אָרגאַנען, וואָס גיבן דעם וואָרט אַ קלאַנג... זיינע ווערטער גרייכן קוים צום שפּיץ פון דער צונג און ווערן אומקלאָר אַדורכגעזייט דורך דעם שמוציקן שמאַטע־טיכל...

פייניקט ער זיך אַליין און אָנשטאָט די באַנאַל־בעטנדיקע ווידויים פון אַמאָליקע גוססים, זוכט ער זיך אויס די שאַרפסטע תפילה־זכהס, וואָס ער קען נישט אויסזינגען, אָבער פילט זיי דערפאַר צו אויף אַן אייגע־נעם שטייגער, ווי עס פּאַסט פאַר די האַלעס פון ווערק צע...

מרדכי שטריגלער

# קאַפּיטל זיבעצן

## I

אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער טיפּ איז דער דריטער פון די „אַלטע“ אין דער קאַיוטע, סולטקאָווסקי. פאַרן קריג איז ער געווען אַ שוסטער אין פּיאָטר־קאָוו. ער האָט נישט געלערנט קיינמאָל און נישט געלייענט, אָבער אַזוי ווי ער האָט געמאַכט די ערשטע פּאָר שטיוול, האָבן אַלע מודה געווען, אַז ער איז אַ מייסטער אין זיין מלאכה. גלאַנצן נאָך איצט זיינע האָר מיט יענעם באַקאַנטן פּויליש־יידישן שוסטער־גלאַנץ...

אין דער פאַבריק האָט ער שוין אויסגעאַרבעט ביי אַלע מינים אַר־בעטן, כל־זמן די כוחות האָבן געטראָגן. אין פּיעטרעקיוו איז געלונגען דעם גנבֿ זיך צו דערהאַלטן ביז איצט; האָט ער עטלעכע מאָל געשיקט אַ קריסט און יענער האָט געברענגט אַביסל געלט. קיין פאַבריקאַנט איז ער נישט געווען, קיין סוחר אויך נישט; אָבער אין דער מלחמה איז אים געלונגען צו מאַכן אַ מטבע...

ווידער די זעלבע געשיכטע: די גרעסערע העלפט פון געלט — פאַר די מייסטערס און אונטערפירער... די קלענערע טייל — ברויט. אַ גרוי־סער עסער פון ברויט אַלע יאָרן... בפרט ביים טראָטיל... דאָ אָבער קענסטו קיין בריה נישט זיין: דו עסט דאָס ברויט, אָבער דער טראָטיל פרעסט עס אָפּ ביי דיר, מיטן האַרץ און מיטן פלייש, וואָס אויף דיר... זענען אויף די הענט בלויז געבליבן די שוסטעריש־אָנגעצויגענע גרינגע אָדערן. נישטאָ שוין קיין פלייש אויף די באַקן, אויף די פיס, פון בויך... אָבער — שטאַרבן וויל ער נישט... אפילו די ווערעם וועלן זיך מיט אים נישט פרייען ווייל — ס'איז נישטאָ מיט וואָס... מעגן זיי וואַרטן אַביסל... האָט ער שוין געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקענט... מעבעלע זעט דאָס העמד, וואָס צעשיט זיך אויף זיין לייב? דאָס איז ס'איינציקע, וואָס ער פאַרמאָגט. ווען מ'זאָל אים געבן דערפאַר אַ פערטעלע ברויט — מעג מען עס אים אַראָפּציען פון לייב... אַליין וועט ער עס נישט טאָן — קיין כוח נישטאָ דערצו... ער שלאָפט אין דעם שוין חדשים... געקומען איז ער מיט

א גאנץ קעסטל העמדער און אנצוגער... ווען מעכעלע זאָל ארויסגיין זונ־טיק אין די גאסן פון דער שטאָט, וואָלט ער געקענט זען ווי זאַוואַדאַ טראָגט זיינע אנצוגער און גיידא — זיינע שיך... אייגענע ארבעט פון פיינער, געלער לעדער... דאָס אַלץ האָט ער אויפגעגעסן מיט דעם שוואַרצן, קלעפיקן „האסאג״־ברויט און מיט דער ביטערער זופּ...

ווען שעטשקא האָט שוין פון אים מער נישט געקענט האָבן, האָט ער אים אָנגעהויבן צו שלאָגן, צו טרייבן ביי דער ארבעט; האָט ער אים דער־פאר איינמאָל דערקלערט קאטעגאָריש:

— דו קענסט מיר אָפּהאַקן די לונגען, אָבער מאַנקירן ביי דער אר־בעט וועל איך... וויפל דו וועסט נישט שלאָגן — וועל איך מיט די קלעפ לעבן לענגער ווי דאַן, ווען כ׳וועל ליגן א גאנצן טאָג אין דער פּאַרטראַ־טילירטער קאיוטע... און אזוי איז געווען: יעדע פּאָר מינוט האָט ער זיך ארויסגעכאפּט אינעם איינציקן אָרט, וווּ ס׳איז מעגלעך געווען צו גיין: אין קלאָזעט אריין...

יאָ, נאָך אויף א זאך האָט ער אויסגעברענגט זיין געלט: אויף ציגארעטן... אין פאבריק שיסט מען פאר רויכערן א ציגארעטל; אָבער ד אָ ר ט ן, אויפן בענקל, זעט נישט קיינער... האָט ער זיך יעדע פּאָר מינוט ארויסגעשלייכט פון קאיוטע, ארויסגעשלעפּט פון ערגעץ א ציגאַ־רעטל און אוועקגעשלייכט זיך אין קלאָזעט, ווו ער האָט ארומגעלעקט מיט דער צונג די קנוילעכלעך רויך... יאָ־יאָ, ממש ארומגעלעקט מיט דער צונג... געהאַלטן לאַנג דעם רויך אין מויל, צונעפּרעסט די ליפּן און גע־לאָזט דעם רויך זיך דרייען צווישן די ציין...

ער לאכט צופרידן: ז יי נ ע ציין זענען נישט געל בלויז פון טראָ־טיל... א י ם האָט דאָס געלקייט כאָטש פארשאפט הנאה... געררויכערט צו דער זעט די גאנצע צייט האָט ער יאָ...

יעדער מייסטער באַזונדער האָט אים געשלאָגן:

— סולטקאָווסקי, האָבן זיי געטענהט, ד י ך מוז מען שלאָגן... דו גייסט אוועק און דער מאשין קומט אוים צו וואַרטן... עמעץ אנדערש מוז ארבעטן, אז די נאָרמע זאָל געמאכט ווערן!... דיך וועט מען דאָ ממיתן...

ער האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינעם:

— איר קענט מיך ממיתן... דאַן וועט סיי ווי אַ צווייטער מאַכן די אַרבעט... איך מוז אַלעמאָל כאַפּן לופט, פאַררויכערן... איך וועל נישט אַריינאַרבעטן דאָס לעצטע שטיקל לונג אין דער מאַשין אַריין... אויב איר ווילט — הרגעט...

און מאָדנע, אים האָט מען אַ שטיק צייט צורו געלאָזט... געגעבן אים כסדר לייכטערע אַרבעטן... סולטקאָווסקי — דאָס איז ביי אַלע פּאָליאַקן געוואָרן אַ שם־דבר פון אַן עקשן, אַ משונהדיקע בריאה... און עס איז גלאַט אינטערעסאַנט צו זען ווי אַזוי ער וועט אויסשפּילן...

ער האָט פון אַלעמען געלאַכט. אַלע, האָט ער געהאַלטן, דאַרפן טאָן דאָס זעלבע וואָס ער: נישט אַרבעטן! און זאָלן זיי טאָן וואָס זיי ווילן... אי אויסשפּייען די לונגען און דערביי זיין אויסגעשטעלט אויף אַ זיכערן טויט? אַ מכה זיי! נאָר גיי רעד מיט אַ חברה בהמות! אַז אַלע ציטערן זיי און ווייסן אַליין נישט פאַרוואָס... אָבער ער פרעגט נישט נאָך קיינעם...

ווען ס'האָבן פאַרפעלט מענטשן, האָט שעטשקאַ אים געבעטן, פשוט געבעטן, ער זאָל אַריינגיין אין דער קאַיוטע צו דער מאַשין... ס'איז שוין סיי ווי נישט געווען וואָס צו מאַכן. די לונגען זענען שוין אָפּגעהאַקט. מילא, האָט ער נאָכגעגעבן... איצט ווייסט ער שוין אויף קלאָר זיין סוף; אָבער עפּעס האָט ער דאָך געוווּנען מיט זיין טאַקטיק: אַלע, וואָס זענען מיט אים געקומען, זענען שוין לאַנג נישטאָ. אפשר זענען נאָך פאַראַן געציילטע פון „זיינע" 500 מאַן — ער האָט דען צייט און געדולד זיך אומצוקוקן? אַז זיין וועלט איז די פּריטשע, די קאַיוטע און דאָס קלאָזעט... ער אָבער האָט נישט אַזוי גלאַט אָפּגעגעבן זיינע פּאָר יאָר! זיבן חדשים האָט ער זיך  ש ו י ן  אַדורכגעראַנגלט; וויפל נאָך — קען ער נישט ווייסן... ער האָט געמיינט זיך אַדורכצוררייסן דורך דער צייט, ביז נאָכן קריג... אַז די מלחמה פאַרציט זיך אַזוי לאַנג — איז ער נישט שולדיק...

— — — און אַז די שוועסטער פון פּיעטריקעווער געטאָ האָט אים אויפגעהערט צו שיקן אין געהיים אַ פּעקל אָדער אַ פּאָר גילדן, האָט ער געוווּסט, אַז איצט איז ער דער אמתער יתום, אַז איצט מוז ער זיך אַליין העלפן...

קען מען זיך אליין מיט עפעס העלפן אין ווערק צע? ווי אזוי? גאנץ פשוט: מיט גנבה! יא, ער וויל, אז מעבעלע זאל עס וויסן! כל־זמן עמעץ ווייסט נישט, אז ער איז א גנב, וועט ער ביי אזעלכן נישט גנבענען... דאס הארץ דערלאזט נישט... ווען אבער יענער ווייסט און קען אים פאר א גנב — זאל ער זיך אויסהיטן פאר אים! אויב נישט, איז ער אויך אביסל שולדיק... ס'איז דאן לייכטער אויפן הארץ און די גנבה פארדייעט זיך בעסער... גנבענען מוז ער... אין ווערק צע דארף מען, יא, מ'דארף גנבענען! מ'האט א ברירה ביי אים אויך צו גנבענען — ווער ס'קען... אי, ער האט דעם דלות? אז ער שלאפט אין זיינע געוועזענע הויזן? און אז דאס שווארציק־ברודיקע שטיק לייב איז נאך צוגעקלעפט צו די ביינער און אפילו מ'זאל ד א ס ביי אים וועלן אוועקלקחנען — מוז ער אויך הערן און וויסן דערפון... איז ער אויך אין דעם נישט שולדיק... אז ער וועט קומען דערצו, אז ער זאל דא עפעס פארמאגן — דערלויבט ער אלעמען צו גנבענען ביי אים... דא אין ווערק צע — שטעלט ער פעסט מיט זיכערקייט — מוז מען גנבענען... א שוטה דארף מען זיין, מ'זאל עס נישט טאן...

ס'איז דאס קליגסטע וואס מ'קען דא באווייזן...

## II

ער גנבעט ביי יעדן, סולטקאווסקי. ביי די פאליאקן, וואס ברענגען עפעס אין פאבריק, ביי יידן, וואס שפארן אפ א שטיקל ברויט און באהאלטן עס אונטערן קאפ ביינאכט; ער גנבעט אין קאמענדאנטור און ביים פעסל פון דער קיך... אפילו די הויזן, די לעדערנע רימענס און צעפאלענע שיך... ער שעמט זיך נישט דערמיט... ער האט זיך זיין אויפפאסונג און זיין לאגיק:

דא, אין ווערק צע, דארף קיינער גארנישט האבן. האסטו הויזן, וואס זענען עפעס ווערט — פארקויף און פרעס זיי אויף! האסטו באקומען א פארציע ברויט — צאצקע זיך נישט מיט איר, באהאלט זי נישט אויף שפעטער; פרעס זי אויף און הונגער שפעטער, נישט איצט ווען דו האסט

נאָך ברויט... ווילסט נישט? וועל איך זי זען צו באַקומען. קענסט זיך היטן — פאַרהיט! כאַפּסט מיך ביי דער האַנט — טאָ שלאָג, אויב דו האָסט נאָך כּוח... איך וועל אַנדערש סיי ווי נישט ווערן... יעדן טאָג, וואָס כ'לעב און דאַרף נאָך דערצו הונגערן איז אַן עבירה פאַר גאָט... און אויב דו קענסט עס נישט טאָן — איז דיר אויך קיינער נישט שולדיק. מיר קען מען שוין האַקן די לונגען, אויסשלאָגן די לעצטע ציין... מיין עסק דאָרט! ווער עס האָט נאָר אַ האַנט, דער האָט עס שוין געטאָן... און איצט איז שוין גאָרנישט איבערגעבליבן. אַז מיר וועט געלינגען — וועל איך זיך אַרומדרייען נאָך אַ פּאָר טעג אָדער אַ פּאָר וואָכן... דו ביסט אַ פרישער — זאָג איך דיר אָבער: גיב אַכטונג אויף מיר, טאָמער האָסטו נאָך עפּעס... כּל־זמן כ'אַרבעט מיט אייך צוזאַמען, וועל איך מאַנקרירן. איך וויל, איר זאָלט עס וויסן פאַראויס — אַז מיר זאָלן זיך נישט דאַרפן קריגן. די נאַרמע וועט איר מוזן אויסקאָמבינירן אָן מיר. אַז ס'וועט זיך מיר גלוסטן — וועל איך אַמאָל צוהעלפן מיט עפּעס. דאָס איז אַלץ. און פּטור אַן עסק!

יאָ, איינס מוז איך צוגעבן: טאָמער וועסטו זיך נעמען צום האַנדלען מיט עפּעס, ווי יעדער פרישער מיט אַביסל כּוח; לאָמיר זאָגן מיט „יור־נאַקעס" (ביליקע פּוילישע ציגאַרעטן) און איך וועל ביי דיר בעטן אַ ציגאַרעטל אויף באָרג — מעגסטו געטרויען... דאָס איז ביי מיר — קודש־קדשים... כ'וועל אָקערן מיט דער נאָז און דיר באַצאָלן — סיידן דער קבר וועט מיך פאַרבעטן צו זיך; פון דאָרטן זעסטו איז שווער אַהערצוקומען... כ'ווייס אויך נישט, וואָס ביי די מתים פון ווערק צע ס'איז דאָרט דאָ צו גנבענען... אַז פאַרן אַריינוואַרפן אין גרוב — נעמט מען ביי דיר צו אַפילו דאָס שטיקל דראָט וואָס ציט צונויף די לעבער פון די הויזן... וועסט דאָן מוזן געוואויר ווערן, ווען איך האַלט ביים אָפּטראָגן זיך פון ווערק צע, ווייל אַז נישט, וועסטו מוזן צו מיר קומען און כ'קען דיר נישט פאַרזיכערן, אויב דיין וועג וועט נישט זיין קיין אומזיסטער...

דער חותם פון טויט איז שוין אויף סולטקאָווסקין געווען קלאָר און בולט. מ'האָט געזען ווי זיין סקרפּער לאָזט זיך אַריין אין גאַלאָפּיקן דאַ־רעניש; בלויז זיינע פיס, אַרומגעבונדענע מיט פּאַפּירן און שמאַטעס,

האָבן זיך געבלאָזן, ברוין־בלוי געוואָרן און געשוואָלן... ער אַליין האָט אָבער נאָך געריערדט הויך מיט אַ קלאָרער, שאַרפער שטים...

מיט זיין גאַנצן מענה־לשון האָט ער געמיינט ערנסט. קאָרנמאַן האָט עס אויך באַשטעטיקט מיט אַ קאָפּ־שאָקל... איראָניע איז אים פרעמד געווען. זיין לשון איז געווען אַזאַ נאַטירלעכער געמיש פון אָפּנהאַרציקייט, געמישט מיט גאַליקער איראָניע, וועלכע ער האָט אפילו נישט געשפּירט...

זיינע רייד האָט נאָך באַשטעטיקט אַ קליינער פאַקט:

בעת אַ קליינער פויזע איז אַריינגעפאַלן דורך אַן אונטערטיר דער סוחר פון ציגאַרעטלעך, מנשה. ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן קויטיקן העמד זיין שאַכטל יונאַקעס. ער האָט דאַן אַ פילזאָגנדיקן מורמל געטאָן:

— סולטקאָווסקי?

יענער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— פינף שטיק... אָבער — ביז איבערמאָרגן... כ'האָב נישט קיין פּרוטה...

און מנשה האָט געגעבן... בלויז ווען דער דאַרער גוף האָט זיך אַרויסגעשלייכט אויף די אַנגעלאָפענע פּנים דורך דער הינטערטיר, האָט מנשה זיך געלאָזט צו דער האַלע און אויף דער שוועל אַ וואָרן געטאָן:

— יאָטן, עטץ זענט פרישע — וואָרן יאָך ענק... ער וועט אייך אַרויסטראָגן, געליימטערהייט, דאָס ווייסל פון די אויגן, וועט ער ענק...

### III

אָט האָט מעכעלע זיך באַקענט מיט דריי גורלות פון דריי פאַרשידענע מענטשן, דריי פון די טויזנטער אויסגעברענטע מענטשן־ליכט, וואָס האָבן די ערשטע, גאַנצע טעג געצאַנקט נעבן אים... זיי דריי האָבן אים געוויזן דאָס פּנים פון ווערק צע, די פאַרשידענע, אייגנאַרטיקע פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט זיך אין יעדן באַזונדער אויסגעפאָרעמט. און מענטשן זענען דאָ פאַראַן אין די טויזנטער און יעדער איינער לעבט און קומט אום אויף אַן אַנדער פאָרם און שטייגער... און שפּעטער וועט מען קומען און

פון די אַלע מאַכן איין קליינע ציפער, שרייבן אַ קורצע שורה און דאָס וועט הייסן דערציילט, דערזאָגט, פאַרשריבן — — —

אַט זענען דאָ אַזויפיל וועלטן אין דעם קליינעם דערשטיקטן קאַ־יוטקעלע, ווו מענטשן וועלן זיך בייטן און בייטן; שפּעטער וועט דער זכרון־בליק זיך איבערטראָגן און ברייטער ווערן... וועסט זען, אָרימער מעבעלע, אַ צווייטע קאַיוטע, אַ פּערטע... דיין אויג וועט אַרומכאַפּן די גאַנצע האַלע מיטן גאַנצן קאַליידאָסקאָפּ פון פּנימער און געשעענישן. אַז דו וועסט דאָ זיך אויפהאַלטן לענגער אַביסל, וועסטו זען איין האַלע נאָך דער צווייטער, וועסטו אַריינפאַלן אין גרויסן ים פון באַזונדערע אויס־געברענטע און אונטערגעגאַנגענע וועלטן פונעם לאַגער, פון אַלע דריי לאַ־גערן אַרום... נעם דאָס אַלץ, פּרעס עס איין אינעם קליינעם ווינקעלע פון דיין מוח און אַמאָל, אַז וועסט לעבן, באַוויז! גיי און לאָז עס אַרויספליסן מיט אַ סדר, מיט געצוימטקייט... באַוויז איבערהויפּט צו לעבן שפּע־טער אין אַ נאָרמאַלער וועלט, ווען אַט די אַלע גורלות וועלן זיך אין דיר מיט זייער גאַנצער טויטער גרויל פאַרגעסטן...

נאָר דערווייל נעם אויף אין דיר דעם ערשטן שפּליטער; דעם ערשטן אָפּשוים פון די געשעענישן און געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דיר, דיך אַריינגעשלעפּט אין זייער לעבן אַריין... זייער לעבן!? ס'איז דאָך בלויז דער שפּיגל געווען פון אַלע אויסגעברענטע, דערשלאָגענע און פאַר־לאָשענע! דאָס זענען געווען די טויטע, וואָס האָסט זיי נאָך אָנגעטראָפן פאַרן אַוועק אין קבר אַריין, וואָס האָבן מתימדיקערהייט נאָך געאַרבעט אין יעדער האַלע... זע גוט אָן די ערשטע דריי, איידער דו ווערסט דער פערטער; שפּעטער וועסטו קוים זיך אַליין אַרויסזען — — —

## ק אַ פּ י ט ל   אַ כ צ ן

### I

דער פערטער טאָג אין דער האַלע. מענטשן זענען נאָך דערווייל דאָ גענוג. ביי אַ 150 פון דער פרישער גרופּע האָט מען אַריינגעוואָרפן בלויז

אין דער האַלע. אויף דעם אַלטן הערשנבערגס אָרט איז צוגעקומען אַ גע־זונטער, קרעפּטיקער בחור פון דער קאַעל־גרופּע, שיקאַרא. ער האָט גע־שטאַמט פון אַ וואַרשעווער דרוקער־משפּחה. מיט וועלכע נסים איז אים איז געלונגען צו ברענגען אַביסל געלט ביז אַהער — אויף דעם האָט קיינער נישט געקענט קלוג זיין; ער האָט אָבער יעדן טאָג זיך געקויפט פאַרשידנס, געהאַט סודות מיט די אויפזעער און דערפאַר פון זיי געשוינט געוואָרן. ער האָט ביי דער אַרבעט נישט געוואָלט צוהעלפן גלייך מיט אַלע. די ערשטע נאַכט באַלד האָט ער שטיל אַ שעפּטש געטאָן מעבעלען אויפן אויער:

— איך וועל דאָ לאַנג נישט זיין...

דאָס האָט אים, הייסט עס, געדאַרפט באַרעכטיקן, פאַרוואָס ער איז נישט אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט; ער האָט פון וואָס וויכטיקערס צו קלערן... ער איז באַלד געוואָרן אַ גוטער ברודער מיטן הויכן קאַרנמאַן און ס'איז געווען צו באַוואונדערן, ווי אָט דער דאַרער חלוש געפינט עס די שפּראַך מיט אַזאַ אָנגעצונדענעם, געשטופּלטן בחור, וואָס האָט נישט גע־קענט איינשטיין אויף קיין אָרט...

פאַרטאָג, ווען דער עולם האָט זיך אויסגעשטעלט צום אַהיימגיין, האָט זיך קאַרנמאַן געהאַלטן נעבן מעבעלען. זיי האָבן זיך געהאַלטן די לעצטע אין דער ריי און זיך עטוואָס אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע. קאַרנ־מאַן האָט זיך צוגעבויגן נאָענט צו מעבעלען און אים אַריינגעשושקעט שטיל אין אויער אַריין:

— דו וואָלסט געוואָלט מאַכן „ויברח“?

פאַר מעבעלען איז עס נישט געווען קיין איבעררעשונג. ער האָט אים דערפאַר בלויז גלייכגילטיק אַ פרעג געטאָן:

— וווהין איז דען דאָ צו לויפן?

קאַרנמאַן איז אַביסל צעטומלט געוואָרן:

— איך האָב בדעה צו ציען ביז טשענסטאָכאָוו; אויב כ'וועל דער־גיין ביז אַהין... כ'קען די געגנט און פון דאָנעט זענען דאָ מעגלעכקייטן זיך אַרויסצובאַקומען... שיקאַרא גייט, מיט נאָך עטלעכע... אַלע באַשטייען, דו זאָלסט מיטגיין... טו ווי דו פאַרשטייסט, ווייל מיר איז קיין אונטערשיד; אין צוויי טעג אַרום דאַרף פאַרקומען אַ סעלעקציע... מיר

ווייסן שוין... דאָס מיינט מען מיך און נאָך אַזעלכע... וואָס זשע קען איך דאָ שוין פאַרשפּילן? אפשר, ווען איך וועל אַרוים אויף דער פרייער לופט, וועל איך זיך צוריקגעפינען... מעגלעך, אַז ס'וועט מיר געלינגען...

מעכעלע האָט שוין, אין פאַרלויף פון די פיר טעג זיין דאָ, געוווּסט גענוי די אויסזיכטן פון קענען זיך ראַטעווען דורך אַנטלויפן; אָבער — וואָס קען ער דען דאָ יענעם צורעדן אָדער אָפּרעדן? אָט רעדט צו אים אַ טויטער, וואָס קלערט זיך אַרויסצובאַקומען פון קבר... טאָמער אַמאָל... ער אַליין איז אָבער באַקעט און בלויז... בכדי צו לויפן, מוז מען זיך צוגרייטן... מוז מען האָבן מיט וואָס, קענען דעם אַרום... אין די ערשטע טעג איז עס נישט מעגלעך... שווייגט ער.

דער פּאָליציאַנט האָט זיי צוגעטריבן צו דער ריי. קאַרנמאַן האָט נאָך באַוויזן קורץ אָפּצוהאַקן:

— איבערלייג זיך...

מעכעלע ווייסט, אַז ער האָט זיך נישט וואָס איבערצולייגן; אויב שוין יאָ אַנטלויפן — איז אָרגאַניזירטערהייט, מיט אַ געוויסן פּלאַן; ער וויל עס אָבער יענעם נישט זאָגן. קאַרנמאַן איז דעצידירט אויף זיינעם און ווען מעכעלע וועט זיך שטעלן קעגן, וועט ער זיך פילן ווי אָפּגעריסן פון אים... ווייל ער אים נישט מצער זיין... זאָל עס הייסן, אַז זיי וועלן נאָך גיין צוזאַמען...

אַ גאַנצן וועג רעדן זיי נישט צווישן זיך. עפּעס איז שוין דאָ צווישן זיי אַ וואַנט. די סכנה איז נישט ביי ביידע די זעלבע און דאָ זוכט קאַרנמאַן מ ע נ ט ש ן, וואָס זאָלן מיט אים שותפות מאַכן אין זיין ריזיקע, וואָס זאָלן מיט אים מיטלויפן דערפאַר, ווייל ער איז אין געפאַר און זאָלן צוזאַמען מיט אים ווערן געיאָגט און פאַרבאָרגן פון אַ מענטשלעכן אויג אויף אומבאַקאַנטע וועגן... רעדן מיט אים, דאַן ווען דו ביסט נאָך דערווייל זיכערער ווי ער און דו קלערסט אים צו לאָזן לויפן מיט זיין גורל... איז שווער...

אויפן וועג וויל מעכעלע זיך אַליין איינשמועסן: אפשר איז עס דאָך אַ פּלאַן? ער ווייסט אָבער אַליין, אַז דאָס איז נאָר אויבערפלעכלעך, זיך אַליין אָפּצונאַרן; צו פאַרשרייען דאָס אייגענע געפיל פון שולדיקייט, פון

וועלכן ער קען זיך נישט באפרייען. טיפער אין זיך האָט ער שוין זיין באַשלוס:

נישט צו ווארפן דאָס לעבן גלאַט אַזוי, צוליב סאָלידאַריטעט מיט דעם וואָס האָט שוין נישט די מינדסטע אויסזיכטן דערויף...

און דאָ איז אַזוי שווער צו זיין מיט איין זאַך גליקלעכער פאַר דעם וואָס גייט נעבן דיר...

...צעגייען זיי זיך ביידע מיט געפּרעסטע הערצער ביי די באַראַקן. בלויז נאָך די ערשטע טריט רופט אים קאָרנמאַן צוריק:

— ווייסטו גאָר וואָס? מירן צוווארטן צוויי טעג, ביז זונטיק. אויף אַזוי ווייט בין איך גרייט צו ריזיקירן און וואַרטן. זונטיק וועט זיין צייט זיך מיישב צו זיין צוזאַמען... דו וועסט זען; אפשר איז דער פּלאַן גאָר־נישט אַזוי קרום אפילו פאַר דיינעטוועגן... מיר וועלן דערווייל זען נישט צו לויפן גלאַט אין דער וועלט אריין... אַלזאָ?

מעכעלע איז שוין איצט צוריק אונטער זיך. צוויי טעג? יאָ, איבער דער צייט קען מען נאָך זען... אפשר טאַקע... טאָמער...

זיי האָבן באַשלאָסן זונטיק זיך צוזאַמענצוקומען אין וועלדל.

## II

אַזוי איז שוין אין לעבן. צוויי מענטשן טרעפן זיך און גייען אַ מי־נוט צוזאַמען. ביידע האָבן נישט קיין שייכות איינער מיטן צווייטן. די געמיינזאַמע מינוט פאַרקניפּט זיי אָבער און שפּעטער ציט זיך עס שוין און ציט זיך... און ביידע ווייסן עס אַליין נישט פאַרוואָס... אין נאָרמאַלע פאַרהעלטענישן טרעפט זיך עס, ווען מען באַגעגנט זיך אין אַ צוג, ס'איז קיינער נישטאָ אין וואַגאָן; שמועסט מען צווישן זיך, רויכערט מען צו־זאַמען — הגם מען קען זיך דערכט נישט... שפּעטער בלייבט אַ קאָנטשאַפט אויף אייביק, פון וועלכער מ'וויל פּטור ווערן אָבער מען קען נישט מער... ווייל דאָס געשעענע וויל פון דעם צופאַל־שפּאַס נישט אָפּלאָזן...

אין נאָרמאַלע צייטן טרעפט עס אויף פאַרשידענע וועגן פון לעבן... אין אַ משוגענער, הפקרדיקער צייט איז עס מיט מעכעלען געשען אין

דער קאָיוטע פון טויט. וואָס האָט אים דען געבונדן מיט משהן, זיין גורל־חבר? בלויז דאָס וואָסביידע האָט מען, אומבארעכטיקט, ארייננגעשטעלט צוזאמען און איינער האָט פון צווייטנס הענט איבערגענומען די שווער־קייט פון די גראַנאַטן... און זיי זענען מיט אַלץ שוין געוואָרן שותפים.

מעכעלע האָט פאַרקויפט זיינע הויזן און געהאַט געלט, האָבן זיי ביידע דערפון געקויפט ביינאַכט אַ שטיקל ברויט און צוזאמען געגעסן. משהן פאַלט אָבער עפּעס איין:

ער בעט שעטשקאָן צו ברענגען אַ שאַכטל ציגאַרעטן פון שטאָט. ער וועט פּרובירן צו האַנדלען. ער גיט אים פאַראויס דאָס גאַנצע געלט פאַר די ציגאַרעטן, פאַר אַנדערע קלייניקייטן... דאָס שאַכטל ציגאַרעטן האָט שעטשקאָ געברענגט. דאָס געלט פאַר די אַנדערע באַשטעלונגען האָט ער דערווייל „אויסגעבאָרגט"... ער וועט עס, זאָגט ער, אָפּגעבן שפּעטער אַביסל... בלייבט מעכעלע מיט ליידיקע הענט... משה וויל אָבער נישט אויפגעבן: ער וועט די ציגאַרעטן פאַרקויפן, ווידער צוזאמענקלאַפּן אַביסל געלט און... אויפסניי אָנהייבן...

מעכעלע איז הילפלאָז. ער קען זיך נישט קריגן מיט משהן; יענער קומט מיט אַ טרויעריקער מינע: איך האָב געוואָלט בעסער מאַכן... נישט געוואָלט, מען זאָל דאָס געלט אויפעסן... איז געשען אַן אומגליק, וואָס קען מען מאַכן?...

וויל אים מעכעלע אויסזידלען, זאָגן אים, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו נעמען זיין געלט אויף אַ מינוט, מאַכן דערמיט געשעפטן אַן זיין וויסן און פאַרלירן עס... זעט ער אָבער יענעמס געשלאָגענע אויגן, זיין נעבעכדיקע שולדיקייט און ער פאַרלירט דאָס לשון... קיין שרייען וועט דאָ סיי ווי שוין נישט העלפן... און פאַרלוירן האָט ער שוין וויכ־טיקערע זאַכן אין לעבן און געמוזט פאַרבייסן מיט אַ ליפּ...

אין דער מיטאָג־פּויזע לויפט משה אויסבייטן ביי אַ פּאָליאַק אַ ציג־נאַרעטל אויף אַ בלעבל זופּ; ער ברענגט אַביסל אויך פאַר מעכעלען. עסט עס מעכעלע שטיל, אַזוי ווי אַן אבל די ערשטע סעודה נאָך דער לויה... אַן געלט וועט ער סיי ווי מוזן גיין מיט קאַרנמאַנען... דאָס געלט פאַר זיינע הויזן האָט משה באַהאַלטן אויף אַ שוואַרצער שעה פאַר ביידע. מוז מע־

בעלע אויסבייטן אויך זיינע איצטיקע הויזן אויף א זאק און ווידער האבן אויף א פאר טעג צו קויפן א ביסן... משה דערזעט עס און קומט ווידער מיט פלענער: מען וועט פארקויפן די געבליבענע ציגארעטן... צוזאמען מיטן נייעם געלט, וואס מעבעלע האט, קען מען צוריק עפעס אנהייבן... איצט וועט ער שוין זיין פארזיכטיק... מעבעלע איז אבער דאס מאל שוין אנטשלאסן:

— דו קענסט מיטעסן דאס ברויט, וואס איך קויף... האנדלען וויל איך אבער נישט; דא איז עס אוממעגלעך און דערצו קומט אוים ביי די טויטע מענטשן צו פארדינען...

מוז משה רעזיגנירן...

ער איז א ליידנשאפטלעכער רויכערער, משה. מיד פון דער ארבעט — גלוסט זיך אים נישט צופיל צו שפעקולירן מיטן שאכטל ציגארעטן און ארומלויפן דערמיט... יעדע מינוט גייט ער ארוים צוזאמען מיט סולט־קאווסקין; מעבעלע פארטרעט אים ביי דער מאשין און ער רויכערט דארט דערוויל...

מארטפעלד קען זיך נישט באהערשן און זידלט אים אוים:

— דו! האסט גענומען זיין געלט... האסט אים גארנישט געזאגט, נאר געבעטן אויף א רגע עס דיר צו בארגן... איצט האסטו עס פארטאב־לעוועט... ווילסטו, ער זאל שטארבן פאר דיר? האסט דיין געלט — קענסטו דערמיט מאכן וואס דיר געפעלט, אבער מיט זיינעם?...

וויל משה בארואיקן מעבעלען:

— ווערסט זען, כ׳וועל דיר אפגעבן ביז א גראשן... אויב כ׳וועל נישט האבן קיין אנדער עצה, וועל איך ארויסנעמען פון יענעם געלט...

וויל אים מעבעלע נישט דערקוטשען: פארפאלן... נאך די ערשטע טעג באלד זעט ער דעם ערשטן געשווילעכץ־צייכן אויפלויפן אויף משהס באקן און ליפן... טענהט ער בלויז צו אים:

— ס׳גייט מיר נישט בלויז אין די ציגארעטן... מיין געלט איז שוין סיי ווי פארלוירן. צוליב וואס אבער זאלסטו אזויפיל רויכערן? אויף די ליידיקע, פארטראטילטע קישקעס ליגט זיך עס דאך ווי סם...

משה איז אבער דערשלאגן און שטאמלט זיך זיינס:

— כ׳וועל דיר אַלץ אָפּגעבן... די ערשטע טעג מוז איך רויכערן; די לופּט דאָ דערשטיקט מיך. אַז איך רויכער, ווערט מיר לייכטער... ווען איך וועל קומען צו זיך — וועל איך נעמען מיין געלט, צוריק נעמען האַנדלען און קענען אָפּגעבן דיר ביז אַ האָר... כ׳בעט דיך, לאָז מיך איצט צורו...

מוז מעכעלע בלויז אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט און מיט עקשנותדיקן יאוש ווייטער זיך נעמען צו זיין אַרבעט...

## III

דערפאַר איז מאַרטפעלד אַ בחור, מיט וועלכן מ׳קען שנעל ווערן היימיש און איינגן. ער רעדט אין אַן אַנשטענדיקן טאָן און אַפילו מעכעלעס לייכטזין, מיטן געלט אַוועקגעבן, באַמיט ער זיך צו קריטיקירן אין אַזאַ אופן, אַז עס זאָל אים נישט וויי־טאָן...

— אין אַ לאַגער, זאָגט ער, טאָר מען אַזאַ זאַך ווי געלט נישט געטרויען אַפילו דעם נאָענטסטן חבר... אַן אַלטער לאַגער־מענטש דאַרף עס שוין וויסן... דאָ הייסט עס, אַז דו גיסט איבער דיין לעבן אין יענעמס הענט אַריין. און דאָס איז אַזאַ לעבן, וואָס יענער קען נוצן פאַר זיך... דאָ מוזטו עס האַלטן ביי זיך; ווילסטו זיין אַ צדיק און זיך טיילן מיט יענעם — איז פון דיין האַנט אַרויס...

וואָס העלפן אָבער אַלע עצות, ווען זיי קומען נאָך אַלעמען?

משה הייבט זיך אָן פילן שלעכט צווישן זיינע צוויי חברים. זיי רעדן ביידע נישט, ער פילט זיך אָבער שלעכט צווישן זייערע אָפּגעקילטע בליקן... בעט ער זיך:

— מעכעלע, דו קענסט מיך... איך בין נישט קיין אַפּעריסט... בלויז אַזאַ זאַך ווי ציגאַרעטן — אַז דו באַקומסט עס אין דער האַנט אַריין, טאָ גיי רויכער נישט...

...מאַרטפעלד האָט באַקומען 90 זלאָטעס פאַר זיינע הויזן. דער הונגער פּייניקט — קויפט ער יעדן בייגאַכט אַ פערטעלע ברויט, ביים מיידל, וואָס העלפט אויסבלאָזן די גראַנאַטן. ער עסט עס אָבער נישט אַליין. פריער מוז מעכעלע אָפּברעכן צוויי שטיקלעך: פאַר זיך און פאַר משהן... מעכעלע

קען נישט פועלן ביי זיך צו נעמען ביי אים; ער פילט זיך נאכדעם שרעק־לעך נידערגעשלאגן; גייט ער ארויס יעדעס מאל, ווען מארטפעלד קויפט ברויט... יענער אבער — ווארט... און צווישן איין גראנאט און צווייטן פאקט ער ארייִן — אומגעריכטערהייט — מעכעלען צווישן די ציין א ביסן ברויט מיט זיינע שטארקע הענט...

עס איז אים אוממעגלעך אנדערש. ער וועט, זאגט ער, דערשטיקט ווערן מיטן ביסן... ער איז איינער פון די געציילטע צוויי יידישע טראמוויי־ארבעטער אינעם פארמלחמהדיקן פוילן. א פשוטער בחור מיט אן ערלעך האַרץ, א שטילער, א דרך־ארצדיקער... גלייך ווי זיינע הענט וואלטן ערשט נישט לאנג נישט געשאסן, נישט געהרגעט קיין דייטשן אין ווארשעווער געטא... אזוי ווי די מאידאנעק־טעג וואלטן אויף א האר נישט באריִרט זיין געמיט...

ער זידלט זיך נישט, איז נישט נערוועז, נאר רעדט מיט א שטיל, זאכ־לעך קול אזוי רואיק וועגן אלץ וואס געשעעט...

זיין האנדלונג און האלטונג פארשעמט משהן. זיין דערלאנגען אים יע־דעס מאל א שטיקל ברויט — שטעכט אים, ווארגט אים... קומט ער איינ־מאל אונדערפרי א פארצארנטער, א טרויעריקער:

— מ'האט אים היינט באגנבעט... ער האט זיין געלט אריינגעלייגט אין היטל, און ווען ער איז ביינאכט געשלאפן — האט מען עס אים אראפגעצויגן פון קאפ אראפ... ער האט געשריגן, געזוכט, אבער — גיי טו עפעס... ס'איז א פאל זיך אויפצוהענגען!

יא־אנשטעל אדער נישט־אנשטעל; זיין פנים דריקט אבער אויס עכ־טע פארצווייפלונג. מארטפעלד איז איבערצייגט, אז דאס האט ער געמאכט אומיסטן, בכדי זיינע צוויי חברים זאלן מיינען, אז ער האט נישט מער קיין געלט... אבער מעכעלע האט דערפון נישט געוואלט רעדן: מילא, אין מאי־דאנעק האט מען מער צוגענומען... משה האט זיך אבער געפילט נישט רו־איק... אזוי ווי ס'וואלט אים עפעס באנג געטאן. אין מיטן דער נאכט איז ער ארויסגעגאנגען אויף א ווײַלע און שפעטער געקומען צו לויפן: ער האט נאר וואס געפונען א פינפער זלאטע. א פויליש מיידל האט דעם באנקנאט ארויסגעלאזט פון א בייטל און אוועק — האט ער אים אויפגעהויבן... ער

האָט געקויפט אַ פּערטעלע ברויט, פון וועלכן אַלע האָבן געגעסן שווייגנ־דיק... אַלע דריי האָבן געפילט, ווי שלעכט ער האָט עס געמאַכט; נישט ער קען אויסקומען מיטן געוויסן און נישט ער קען דאָס אַלץ צוריק ברענגען אין אָרדענונג ווי געהעריק...

קען מעכעלע נישט איבערטראָגן די פאַרכמורעטקייט פון די שטימונ־גען. משה שטייט באַזונדער און קען נישט קוקןביידע אין די אויגן אריין. הייבט מעכעלע אָן דער ערשטער:

— משה! עס הערט דאָ מאַרטפעלד: כ׳בין דיר מוחל דאָס גאַנצע עסק... מאַך נישט דיינע אויסברוכן! דו פילסט זיך שלעכט און אונדז שטערט, מיר זאָלן אַרבעטן צווישן זיך אין אַ לויטערער אַטמאָספערע, ווי לאַנג די כוחות וועלן טראָגן... דו קענסט מיט דיין געלט טאָן ווי דו ווילסט. מיין געלט איז פאַרפאַלן געוואָרן ביי שעטשקאַן און די זאַך איז דערליידיקט... די פאָר ציגאַרעטן שפּילן באמת נישט קיין ראָל... צוליב וואָס זאָלסטו געצוווּנגען זיין צו פאַרשידענע קאָמבינאַציעס? לאָמיר פאַר־ענדיקן מיט די אַלע פאַרשידענע חשבונות...

אָבער משה פּלאַמט אויף פונדאָסניי:

— יאָ, איך זע, אַז איר זענט מיך נאָך אַלץ חושד אין עפּעס... אַז איך וויל זיין ערלעך — גלויבט איר מיר שוין דערפאַר גאָרנישט... איז פאַרפאַלן. מיין האַרץ קען איך פאַר קיינעם נישט אויפשניידן... איר ווילט ברוגז זיין? נו גוט...

איז נישט מעגלעך געווען זיך צו דעררעדן. מאַרטפעלד מיט מעכע־לען האָבן געוואָלט לאָזן לויפן דעם גאַנצן סכסוך; זיי האָבן אָבער גע־שפּירט, אַז אַ וואָלקן איז געבליבן הענגען איבער די קעפּ.

## IV

די קאָיוטעס אין דער האַלע זענען געווען צעטיילט אין דער האַלע לויט די טיפן פון די גראַנאַטן. אין דער צווייטער קאָיוטע זענען געבוי־ערט געוואָרן די 12ער; אין דער דריטער — די „צענער" און אַזוי כסדר. אומעטום איז פאָרגעקומען די איבערגרופּירונג פון נייע אויף אַלטע. די

אַלטע זענען אוועק מערסטנטיילס אויף לייכטערע ארבעטן. עס זענען בלויז געבליבן די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פּראָטעקציע, פּאַראַרבעטער און אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט זייערע אינטערעסן אויך אין דער האַלע. די יידישע קאָמענדע, וואָס האָט געהאַט אַ בייז האַרץ אויף די קאַעלניקעס, האָט באַשלאָסן וואָס־מער אַריינצושטויסן אין די געפערלעכסטע ערטער.

אין דער קאַיוטע פון די 12ער האָט מעכעלע אָנגעטראָפן זיינס אַ בן-עיר, דער הויכער יאַנקל. דאָס איז געווען אַ בחור — אַ ריז. נאָך אויפן דריטן טאָג, ווען מעכעלע האָט אים געזען נאָך דער אַרבעט, האָט ער זיך שוין געוואַקלט אויף די פיס. ער האָט באַדאַרפט אַ סך עסן. דאָס שלאָגן צוליב דער נאָרמע און דער הונגער ביים טראָטיל האָט געמאַכט נאָך מער ווי משוגע; האָבן ביי אים טאַקע די אויגן גענומען אַרויסשטאַרצן און ווען ער האָט אין מעכעלען דערזען דאָס ערשטע היימישע פּנים, האָט ער שנעל אין אים אַריינגעברומט:

— איך ריזיקיר... כ'וועל שטעלן אויף אַלץ און אַנטלויפן... וווהין, די אויגן אָדער די פיס וועלן פאַרטראָגן... נישט איך אַליין טראַכט אַזוי... די אַנדערע זענען אָבער אַביסל פּחדנותדיק און וואַרטן אויף אַ סיגנאַל וואָס זאָל אַ שטויס טאָן, וואָס זאָל צונעמען דאָס לעצטע ביסל איבער-גערעכנטקייט...

אַ פּסיכאָז איז באַפאַלן די נייע. אַ דייטש האָט מען זעלטן־ווען אַריינגעזען אין דער האַלע. אַמאָל זענען זיי בלויז פאַרבייגעפלויגן, גע־פרעגט אויף דער צאָל פון די פּאַרטיקע גראַנאַטן, קאָנטראָלירט די קעס-לען און ווייטער געלאָפן. די אמתע באַפעלער פון דער האַלע זענען גע־ווען די פּוילישע מייסטערס. זיי האָבן געמאַכט מיט די מענטשן ווי זייער האַרץ האָט געגלוסט און זייער שלאָגן האָט דערפירט צו פאַרצווייפלונג.

די שווידערלעכסטע אַרבעט איז געווען דאָס אויפקאָכן דעם טראָ־טיל. צוויי יידן זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן ביי אַ מעכטיקן, שוואַרצן קעסל, אין וועלכן מען האָט אויסגעמישט עטלעכע קאַסטנס טראָטיל מיט סאַלעטרא, ביי אַ גאָר-הויכע טעמפּעראַטור. די קעסלער האָבן די גאַנצע צייט באַדאַרפט מישן מיט גרויסע הילצערנע לעפל אין דעם געיער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ געדיכט אייערדיק איינגעמאַכטס. דאָס מאַטעריאַל

אין קעסל האָט געברויזט, געזאָטן און אַרויסגעגעבן פון זיך די ביטערסטע ריחות. די היץ פון קעסל האָט פאַרברענט אַרום און אַרום די לופט, דערצו איז נאָך געקומען די היץ פון דרויסן... און דאָ זענען געשטאַנען צוויי יידן מיט טראָקענע, איינגעדאַרטע צונגער און געמישט און געמישט... אָפּט האָט אַ טראָטיל־בלאָז פון קעסל געטאָן אַ צאָרניקן פּלאַץ־אויף און שיסנדיק אַ שפּריץ געטאָן מיט קאָכעדיקן געל די מענטשן גלייך אין פּנים אַריין... דאַן האָט אַ קורצער געשריי בלויז אַדורכגעשווידערט אויף אַ מינוט די אַנגעגליטע לופט. באַלד זענען אַנדערע צוגעגאַנגען צום קעסל...

ווען די כעמישע שטאָפּן אין קעסל האָבן זיך, אין געזאָד, פאַר־בונדן — האָט מען דעם קעסל איבערגעקערט מיט דער הילף פון איי־זערנע שטאַנגען אויף איין זייט און דורך אַ קראַן גענומען פון אים אָפּ־צאַפּן אין עמערס אַריין זיין לעקעכדיקע, געלע גאַל... ביים גיסן זענען דערביי באַשפּריצט געוואָרן די הויזן, דאָס העמד, די שיך און נישט איינמאָל אויסגעברענט וווּנדן אויף די פּיס, קנעכל און אויף די אָרעמס. כל־זמן אָבער ס'האָט זיך געלאָזט לעבן, האָט מען געמוזט שווייגן און שווייגן ביז עס האָט אינעווייניק געפּלאַצט.

איין ייד האָט געמוזט אַרומגיין און גיסן פון אַ שווערן, פולן עמער אין די אָנגעשטעלטע גראַנאַטן. בכדי מיטצוהאַלטן מיט דער נאָרמע, האָט ער געמוזט אַ גאַנצע שיכט לויפן הין און צוריק, כסדר טראָגן און גיסן... אַמאָל האָט די אַרבעט געאיילט און מען האָט די נאָך־הייסע גראַנאַטן געמוזט שלעפּן צו דער מאַשין. דער טראָטיל איז נאָך געווען ווייך און דער צאַפּ פון בויערער האָט נאָך נישט געקענט אויסגלעטן דאָס לעכל, אַזוי גענוי ווי ווען דער טראָטיל איז שטאָליק־האַרט; מען האָט געוווּסט, אַז דאָס וועט זיין אַ פעלערהאַפטער גראַנאַט און אַז ער וועט נאָכאַמאָל צוריקקומען. די אַרבעט איז געווען אַרויסגעוואָרפן און דאָך האָט מען זיי געמוזט אַריינגעמען אין דער מאַשין, ווייל די פּוילישע אונטערטריי־בער איז אַזוי געפעלן... זיי האָבן נישט געקענט פאַרגינען די קליינע הפסקה, הגם זיי האָבן געוווּסט, אַז די נאָרמע וועט סיי־ווי געמאַכט ווערן. דער ווילן דירעקט צו פייניקן אָן אַ פאַרוואָס האָט נישט איינמאָל אויפ־געקאָכט דאָס לעצטע ביסל כעס, וואָס האָט נאָך געדרימלט ערגעץ אין די

טיפעניש. מער ווי צו געביילטע פויסטן האָט עס אָבער נישט דערפירט; דערפאַר אָבער האָט געלאָקט יענע אוממעגלעכע מעגלעכקייט פון פּטור ווערן דעם גאַנצן ארום...

## V

אויפן פינפטן טאָג איז עפּעס געשען מיטן קעסל. זענען די געגאָסענע גראַנאַטן אביסל אויפגעהאַלטן געוואָרן. די מענטשן אין דער קאַיוטע האָבן שוין געוווּסט, אַז שפּעטער וועט מען דאַרפן יאָגן ווי די טייוולאָנים און זיי האָבן זיך דערפאַר אַוועקגעזעצט אויסרוען. שעטשקאַ מיט ביעלסקין האָבן עס אָבסערווירט און זיך שטיל אַריינגעשלייכט אין דער קאַיוטע. זיי זענען פּלוצים איבערגעפאַלן די זיצנדיקע און גענומען האַקן מיט ברעטער איבער די קעפּ:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ זיצעניש אויף אייך!?

זיי האָבן אַרויסגעטריבן די מענטשן, זיי זאָלן דערווייל טראָגן גראַנאַטן פון איין האַלע אין דער צווייטער, נישט ווייל עס איז נויטיק געווען, נאָר נישט צו לאָזן דעם אָטעם כאַפּן. דאָס האָט שרעקלעך געמאַטערט, אָבער אַלע האָבן פאַרביסן מיט די ציין און געטראָגן. דערווייל זענען פאַרטיק געוואָרן עטלעכע וועגעלעך גראַנאַטן, זענען זיי אַליין אַריינגעלאָפן אין דער קאַיוטע, בכדי שפּעטער נישט צו פאַרשפּעטיקן די נאָרמע. שעטשקאַ מיט ביעלסקין זענען ווידער אַריינגעפאַלן און געהייסן איבערשטעלן די ליידיקע גראַנאַטן פון איין ווינקל־עק אין צווייטן אַריין. מ'האָט געזען, אַז דאָס שיקאַנירן זיי. צו דער אַרבעט האָבן זיי גאָרנישט געקענט האָבן און דערפאַר געזוכט מיט אַלע מיטלען צו פאַרהאַלטן די נאָרמע און האָבן שפּעטער די געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אין די, פון וועלכע זיי קענען גאָרנישט האָבן...

אָבער דאָ האָט זיך שוין צעצונדן אַ פאַרצווייפלט פייערל ביי אַלעמען אין די אויגן... דער ערשטער האָט אָנגעהויבן מאַרטפּעלד:

—הערן מייסטער! מיר זענען דאָ צום בויערן די גראַנאַטן; ווען איר

וועט אונדז נעמען צו אנדערע ארבעטן — וועלן מיר די נאָרמע נישט מאכן...

ביעלסקי האָט שוין געהויבן זיין ברעט איבער מאַרטפעלדס קאָפּ, אָבער דאָ איז משה אויפגעשפּרונגען:

— דו קענסט שלאָגן וויפל דו ווילסט! קענסט הרגענען! דו האָסט שוין סיי־ווי געגנוג אויסגעהרגעט; איצט אָבער וועלן מיר נישט אַרבעטן, ביז עס וועט נישט קומען קיין דייטשער מייסטער און אויס־פאָרשן די זאַך, אויב איר האָט דאָס רעכט צו שלאָגן אָדער נישט... דעם אמתן סאַבאָטאַזש מאַכט איר! איר ווילט אונדז ספּעציעל שטערן די נאָר־מע... מיר שטעלן אָפּ די מאַשין, ביז עס וועט נישט קומען אַ דייטשער פאַבריקס־מייסטער...

ביידע שלעגער זענען בלאַס געוואָרן פון אויפרעגונג:

— מאָרגן וועט איר אַלע גיין צום שיס־שטאַנד!

דאָס האָט שוין אויפגעקאָכט אַלע דריי פרישע פון דער קאַיוטע:

— דו! וועמען שרעקסטו מיטן שיס־שטאַנד? מיר פייפן שוין לאַנג אויף אַזעלכע זאַכן... איידער פון אייך צו ווערן אַזוי פאַרפייניקט, איז אַ גליק דערשאָסן צו ווערן... אָבער דאָס מאָל וועט אייך לייכט נישט אָנקור־מען... מיר וועלן זיך ווערן מיט די זעלבע מיטלען, וואָס איר באַנוצט... אויך מיר וועלן אָנהייבן מיט דייטשן...

אַלע דריי האָבן איבערגעשריגן איינער דעם צווייטן און יעדנס געש־שריי האָט אינעם צווייטן אויפגעוועקט אַ מאָדנע חוצפּהדיקן מוט, וואָס מען האָט שוין לאַנג נישט געשפּירט אין זיך...

מעבעלע האָט זיך געלאָזט מיט זיכערקייט צו דער צווייטער טיר און הויך אויסגעשריגן:

— כ׳גיי רופן שניידערן!

שניידער — דאָס איז געווען דער מייסטער, וואָס האָט אָפּגענומען די ציפערן פון דער פּראָדוקציע. פאַר אים האָט אפילו אַ ייד זיך געקענט אַמאָל גיין באַקלאָגן. אויב ער האָט אפילו גאָרנישט געהאָלפן, האָט ער אָבער אַמאָל געלאָזט אָראָפּרעדן פון האַרץ און הערן...

דאָס ערשטע מאָל איז זיי אויסגעקומען צו זען אַזאַ אומגעריכטן

אויפברויז מצד ייד ן ביי זיי אין דער האלע. זיי זענען שטיין געבליבן געפלעפטע. זיי האָבןביידע קוים געקענט א פּאָר דייטשע ווערטער און געמוזט האָבן גאיעוועטשיקן פאר א דאָלמעטשער, דערביי האָבן זיי געהאט נענוג סיבות פארוואָס זיך, אויסער דעם, צו שרעקן... ביעלסקי איז דער־פאר צוגעלאָפן צו דער צווייטער טיר און פארשטעלט מעכעלען דעם וועג:

— דו, הורנזון, ווו לויפסטו!?

זיינע גאָזלעכער האָבן דערביי געציטערט פון איבערגעשראָקענער אויפרעגונג. אויך דאָ האָט מעכעלע פּלוצים אין אים אנטדעקט א פּאר־באָרגענע שוואכקייט און ער האָט זיך צעשריגן אין פארצווייפלטן טריאומף:

— מער וועט איר אונדז נישט באפעלן! איך וועל אוועק צו אלע דייטשע מייסטערס און בעטן, זיי זאָלן אונדז אויפגעבן די נאָרמען; מיר וועלן זיי ווייזן, אז מיר קענען זיך מיט זיי פארשטענדיקן אָן אייך, אז מיר קענען מאכן די נאָרמע, נישט דארפנדיק אייך פאר קיין אויפזעער... איך וועל זיי נאָר פרעגן, צי האָבן זיי אייך אוועקגעשטעלט בלויז דערצו, אז איר זאָלט אונדז דערמאָרדן, אָדער צי דארפט איר פון אונדז אָפּנע־מען די ארבעט... כ׳וועל זיי נאָך פרעגן...

די גאַנצע ביטערניש האָט זיך שוין הפקר געריסן ווי זי האָט געוואָלט און די זיכערקייט פון דער אויסגעבראָכענער פארצווייפלונג, דאָס נישט האָבן וואָס אָנצווערן, האָט יענע איבערגעשראָקן...

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקציען:

— קורווישע זין, וואָס רעשט איר אזוי? וואָס האָט מען אייך דאָ געטאָן?

אלע האָבן אָבער זיך געהאלטן פה־אחד:

— מיר וועלן זיך נישט לאָזן מער פון אייך קוילן אָן א פארוואָס... איר זענט נישט דאָ די אליין־באפעלער... מיר האָבן איצט די זעלבע וועגן וואָס איר: מיר וועלן זיך ווענדן צו די דייטשן ביי יעדער געלעגנהייט; אויב די נאָרמע איז נישט געמאכט — טאָ זאָלן זיי באשטראָפן! אויב דערשיסן — טאָ זאָלן זיי דערשיסן! לאָזן זיך פארפייניקן פון אייך

דערפאַר, ווייל פון אונדז איז נישטאָ וואָס אַראָפּצוציען — וועלן מיר אַזוי לייכט זיך נישט לאָזן...

ביעלסקי האָט זיך דער ערשטער צוריקגעצויגן:

— אַרבעט ,וויפל איר קענט, הירנזין! אָבער פאַרן וועלן לויפן פאַר־מסרן וועט איר נאָך באַקומען ס'אייעריקע...

דאָס האָט ווידעראַמאָל באַשטעטיקט, אַז מיט הפקרדיקער דרייסט־קייט קען מען זיך אַביסל אַנדערש מאַכן. נישט שטענדיק אָבער קען מען אין זיך געפינען דעם כוח און דעם מוט דערצו...

## קאַפּיטל ניינצן

### I

ביז צום אָנקומען פון מאַידאַנעקער טראַנספּאָרט האָבן אין דער האַלע געאַרבעט ביי אַ צוויי צענדליק יידישע פרויען. מיטן פרישן שטראָם האָט זיך זייער צאָל אין דער האַלע פאַרטאָפּלט. דאָס זענען אַלץ געווען יונגע און געקליבענע מיידלעך מיט אַ שיינעם אויסזען. די פּוילישע פרויען, וואָס האָבן אין דער האַלע געאַרבעט ביי לייכטערע אַרבעטן, זע־נען געווען מערסטנטיילס אויסגעהאַרעוועטע, עלטערע פרויען, וואָס האָבן שוין נישט געקענט אָדער נישט געוואָלט שווער אַרבעטן אויפן דאָרף. צוליב דער געפאַר פון ווערן געשיקט קיין דייטשלאַנד, האָט עס זיי דערפירט ביז דער פאַבריק. דאָ האָט נישט געפעלט קיין אַרבעטער און צו די גיפטיקע מלאכות האָבן נישט געפעלט קיין יידן. זענען זיי געזעסן ביי די טישלעך, געוויגן די דאָזן, סאָרטירט בלעכלעך און ענלעכע זאַכן...

די יידישע פרויען האָבן געהאַט לייכטערע אַרבעט ווי די מענער. זיי האָבן געאַרבעט ביים מישן דעם געגאָסענעם טראָטיל מיט די קופּערנע שפּיזן, געפּוצט די דיקע הויט פון די אייזערנע פלעשער און זיי צוגע־שרויפט מיט בלעכענע קאָרקעס די מיילער...

ביי די האַלעס האָבן זיך געדרייט פאַרשידענע יונגע פּאַליאַקן, וואָס

זענען געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע קלייניקייטן. איינער איז גע־ווען דער אויפזעער איבער אַ שלעפּ־ווענעלע; דער צווייטער איבער אַ קאַיוטע און אַ דריטער איז גלאַט געווען אַ געהילף ביי די מייסטער... זיי אַלע האָבן זיך געבערענגט עסן פון דער היים און די זופּ, וואָס זיי האָבן באַקומען אין פאַבריק, האָבן זיי פאַרקויפט אַ ייד. אין שטאָט האָט אַ קילאָ ברויט געקאָסט 4 זלאָטעס — האָבן זיי עס געבערענגט אין פאַבריק און גענומען דערפאַר 9 און 10... זיי האָבן ביי די יידן אָפּגעקויפט פאַר ברויט און זופּ די העמדער, די הויזן, שיך און אַפילו די גאָלדענע ציין פון מויל... די הויפּט־אָפּנעמער פון דעם ברויט זענען געווען די מיידלעך פון דער האַלע, וואָס האָבן דערמיט שפּעטער געהאַנדלט אין לאַגער.

די שגצים האָבן זיך מער אַרומגעדרייט ליידיק ווי אויפגעזען, האָבן זיי זיך אַלעמאָל צוגעזעצט צו די מיידלעך און מיט זיי איינגעטענהט. זיי האָבן דערביי אַרויסגענומען פון זייערע פעקלעך דיקע מוציא׳ס ווייס־ברויט מיט שינקע און אייער, און מיט הנאה געמאָלן מיט די ציין... די מיידלעך האָבן דערביי געמוזט שלינגען דאָס הונגעריקע, פאַרביטערטע שפּייעכץ פון מויל. די גרעסטע טייל איז געווען אַזוי ציניש, אַז זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט נעבן די מיידלעך, אַרויסגענומען ווורשט, עפּל, גרינע אוגערקעס אָדער טעפּלעך וואַרעם, פעט עסן און דערביי זיך הויך געסמאַ־קעוועט, בכדי צו רייצן די מיידלעך:

— אַך, רעגינקאַ! ווען דו ווייסט, ווי פיין דאָס איז — — — —

אַזאַ מיידל פלעגט איינמאָל, צום צווייטן מאָל פאַרמאַכן די אויגן, אַוועקקוקן, נישט זען... באַמיען זיך אַרונטערצושווענקען די וואַסערדיקייט, וואָס איז אָנגעלאָפן אונטער די ציין; ווען זי האָט אַמאָל אויפגעהויבן אַן אויג, האָט זי געזען די שטעכיק קנאהדיקע בליקן פון די פאַרעלטערטע פּוי־לישע פרויען, וואָס האָבן אין דער זייט גיפטיק זיך געשושקעט:

— ווי דאָס קריכט נאָך אַלץ צו די יידישקעס!...

האָט אַ פאַרגנבעט געפיל געזוכט דעם צולהכעיס, געוואָלט ווייזן, אַז מ׳איז נאָך נישט אַזוי מינדערווערטיק און אויף דווקא אַ שמייכל געטאָן צום זיצנדיקן שייגעץ דאַנעבן.

פון דער קאיוטע ארויס האָט מעכעלע איינמאָל אָבסערווירט אזא בילדל:

די האַלע איז געווען אין איר פולן געדויש. די מיידלעך זענען געזעסן ביי זייערע טישלעך און שלעפעריק געפיקט דאָרט אין דער טיף פון גראַנאַט. שעטשקא האָט זיך ארומגעדרייט און מיט זיין גרויס אייגל געבלאָנקעט איבער זייערע פנימער... פלוצים האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן צו זיינע פאָרפעצטע, גרויסע טאַשן. פון אַן איינגעוויקלט פּאַפּיר ארויס האָט ער ארויסגענומען צוויי שטיקער ברויט, גראָב אָנגעשמירט מיט פּוטער און עס צוגעטראָגן צו איינער... דאָס מיידל איז צעטומלט געוואָרן. אַ רויטקייט האָט זי באַגאָסן און זי האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן... שעטשקאָ האָט זיך צוגעזעצט נעבן איר און עפּעס אין איר אריינגעטענהט אין אַ וואַרעם-צערטלעכן טאָן...

אויף יענעם מיידל האָט ער שוין געוואָרפן אַן אויג. ער האָט שוין געפונען פאַר איר די געהעריקע ווערטער:

— דו, נעם... שעם זיך נישט... דו ביסט נישט ווי די אַנדערע לוי-זערינס דאָרט... דו ביסט ציכטיקער, פיינער, שענער...

לאַנג האָט אַזא מיידל נישט געקענטביישטיין דעם נסיון... אַפּזאָגן שעטשקאָן האָט געהייסן: ציען אויף זיך זיין כעס, איבערגיין צו שווערער ארבעט... און דאָ איז דער מאָגן אַזוי ליידיק; דאָס האַרץ וואַרפט זיך פון הונגער און די קניען ברעכן אַזוי... האָט זי דען געקענט אַנדערש?...

דאָס צווייטע מאָל האָט ער שוין דאָס ברויט איינגעוויקלט אין אַ סך פאַפּירן, אוועקגעלייגט עס דיסקרעט אויף איר טישל, פּונקט אין די שעהן ווען דער הונגער רייסט שטיקער... אין מיטן נאַכט... פאַרטאָג... און לעבן ווילט זיך אַזוי! — — —

...און אַז ער איז צוגעקומען אין אַ פּאָר טעג ארום, זיך אוועקגעשטעלט נעבן איר טענהן; האָט זי מער נישט געקענט זען די יצר־הרע-בלעטערלעך אויף זיין פּנים, זיין גרויס, רוצחיש פינטלדיק אויג, זיינע בייזע קנייטשן... די הענט האָבן שטיל זיך אוועקגעלייגט אויפן טיש, נישט גלייבנדיק אַליין, אַז זיי דאַרפן דערווייל נישט אַזוי שנעל רייבן, שרויפן...

און אפילו דאס מויל האט שוין געבענקט אין אזא לאנגער, פארגנעצטער נאכט ארויסברענגען א ווארט...

און דא איז ער גארנישט אזא שלעכטער... יא, ער שלאגט און פייניקט — אבער איר לייגט ער פאר ארויסצוגיין אביסל אויף דער פרישער לופט... ער וועט דערוויל אוועקזעצן אויף איר ארט א צווייטע... זי וועט דאך דערשטיקט ווערן פון כסדרדיקן זיצן אין אט דער פארפעסטעטער לופט!... שא, ער האט גראד בארנעס! דא האט זי איינע... אזא בארנע גיט א פאר־גים דעם האלדז, אז דער גאנצער טראטיל פון האריץ ווערט ארונטערגע־שווענקט און פליט אוועק דורך אומגעזעענע קאנאלן...

יא, אין דרויסן קען עס אמאל אנטראגן א דייטשן מייסטער... א ווערקשויץ... נישט איין ייד איז שוין אזוי ביינאכט דערשאסן געווארן ביים גנבענען אביסל רו צווישן דיביימער... זי קען דערפאר אריינגיין אט דארט, אין דער ליידיקער קאיוטע, וואס ווערט איצט נישט גענוצט...

טויזנטער פעדעם זענען פארוועבט געווארן ארום דער נשמה, ארום דעם לייב פון אזא מיידל... און אזא איז דאך נישט געווען איינע, נאר יע־דעם מיידל מיט א האר חן אויף זיך... נאך דעם ערשטן פארזוך פון א שטיקל ברויט, דיק באשמירט מיט פוטער, האט דאך אזעלכע ערשט דער־שפירט דעם גרויסן לוסט צו דעם, וואס מען האט אמאל גערופן: ל ע ב ן... ע ס ן... א ט ע מ ע ן...

ווי אזוי זשע ווילסטו, פעדער ארימע, אורטיילן, שניידן מיטן שארף פון מעסער יענע, וואס האבן זיך אפגעגעבן א שעטשקאו, א ביעלסקין... א שכורן 65־יעריקן אסטמאטיקער ווי זאוואדא און הונדערטער אנדערע!? האסטו דען נישט אליין געזען דעם צאפל, די דין־פארוואקפענע פעדעם, וואס האבן זיך פלוצים ארויסגעריסן ווי א דיקער, מעכטיקער שטריק ארום דעם האלדז!?... האסטו דען נישט געשפירט אליין דעם ברום פון בלוט, ביים ערשטן אנצינד פון א ברעקל לעבנס־קויל און ווייסטו דען נישט ווי שווער, ווי שווער ס'איז געווען זיך אפצוזאגן פון א לעבעדיקן ברי, דאן ווען מארגן קענסטו שוין זיך צאפלען אין גסיסה?...

זיי זשע פארזיכטיק, פעדער!... נישט דערציילן? ניין, אלץ, אלץ ארויסרעדן, אויסשאקלען די גאנצע ביטערניש און שאנד פון דער שרעק־

לעבער צייט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין די אינגעווייידן, פון שמוציקע חיה-נעגל... אָבער — מיט פאַרשטאַנד, מיטן אַריינדרינגען אין דער טיף פון אַזעלכע גורלות... מוזטו איצט פאַרשווייגן ווערן, ווען דו ווילסט וועגן הונדערטער גורלות אַזעלכע בלויז אָנמערקן אין עטלעכע קליינע שורות... רעדן, שרייען זאָלסטו ערשט דאַן, ווען דו וועסט אויסדערציילן זיי מיטן גאַנצן פּסיכישן און לאָגישן גערעאַנגל־פּאַרצי... ווען דו וועסט קענען אָן פּניות, אָן דעם אייגענעם, יידישן שעם-געפיל צוגיין דערצו... זאָל דערווייל בלויז אַזוי שטיל פאַרשריבן ווערן:

געוועזן... געוועזן אַזעלכע אין יעדער האַלע... געזען ווי דער אָנהייב שפּילט זיך אויס דאָרט אין קעמערל, אונטער דער האַלע... און געזען ווי די מיידלעך הערן זיך ביסלעכווייז אויף צו שעמען דערמיט... אדרבא, אַ שטיקל שטאָלץ האָט געמאַכט דרייסטער דעם בליק; דאָס וואָס אַ ז אַ אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איר און נישט אויף קיין אַנדערער... און די, וואָס האָבן אַזעלכעס נישט דערגרייכט, נאָר געמוזט זיך ראַנגלען פאַר יעדער שעה לעבן, פאַרן אייגענעם אָטעם, האָבן שטיל און צערדיק מקנא געווען...

אָבער... די פליכט פאַר אַן אָנמערקונג איז שוין דערמיט דערפילט. ס'האָט דער שרייבער איבער דעם נישט געקענט פאַרבייגיין — האָט ער עס פאַרצייכנט. וואַרטן נאָך ווייטערע קאַפּיטלען אויפצונעמען אָט דעם גאַנצן שענדלעכן געשריי, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דער נשמה פון אַ סך אַזעלכע ווי ער, וואָס זענען מיט זייער טרויער אַוועק אין קבר אַריין — — —

## II

די ערשטע טעג פון ווערק צע. שוין פאַרזוכט די ערשטע טראָפּנס גיפט וואָס האָבן אַריינגעטריפט אין גוף און אין נשמה... און דער הונגער מאָנט, הייסט זוכן מיטלען... וועגן...

אָט איז מעבעלע געקומען מיט אייגענע, מיט חברים און ביז זונטיק קען ער קיינעם פון זיי נישט זען. דערווייל מוז ער זיין אַליין אָדער זוכן

גייע גורל־חברים. שליסט ער פרישע קאנטשאפט. דא זענען פארשידענע מענטשלעכע וועלטן, אלערליי צערן, כלערליי איינזאמקייטן און יסורים... פארשכור זשע זיך דערוויל, טרינק אוים פון דעם בייזן בעכער, וויפל די טרעפסט אן... זיי אויסגעזארגט. דאס איז ערשט דער ערשטער טראפן פון גרויסן גהינום־ים אין סקארזשיסקער ווערק צע...

נעם בלויז איצט און קוק זיך ארום איבער דער האלע, זע די מענטשן וואס זענען פון בלויז מאידאנעק־ארויספאר צוריק אויסגעגלייכט געווארן, ווי נאכן אפעסן עטלעכע מאל גרעסערע שטיקלעך ברויט זענען זיי געווארן געזונט און העלדיש... קוק זיי אן, ווי קרעפטיק זיי האבן זיך צוגעכאפט צו דער ארבעט און שפעטער, זע־צו דעם לאנגזאמען פארגיי פון יעדן באזונדער, זע ווי איינער צאנקט נאכן צווייטן, ווי איינער נאכן צווייטן פארלעשט...

אט איז מעכעלען געפאלן א גראנאט אויפן פוס, אויסגעריסן א שטיק פלייש... ער פארבייסט מיט די ציין. באמיט זיך נישט צו הינקען. ארבעט ווייטער ביי דער מאשין. וואס זאל אבער טאן דער 35־יעריקער, פארעלטערטער גאלדמאן פון ווארשע, ווען אים האט דאס זעלבע פאסירט? טא זע, ווי ער רייסט אוים ביי זיך מיטן טראטיל־צווענגל איין גאלדענעם צאן נאכן צווייטן... דאס וואס מ'האט אין מאידאנעק נישט ארויסגעהאקט — רייסט מען איצט אוים מיט די אייגענע הענט... פאר איין צאן עסט ער ברויט און פארן צווייטן — שעטשקא מיט ביעלסקין... דערפאר זיצט ער א שטיקל צייט ביי א טיש און סארטירט קליינע קארקעס...

און גיי פארשטיי, ווי אזוי אזעלכער האט נאך הומאר!

אט באגעגנט ער מעכעלען פארביילויפן און שמייכלט אים אריין אין פנים מיט די עטלעכע געבליבענע ציין, וועלכע עס לוינט נישט ארויסצורייסן; ווייל דאס מיט וועלכן מען ווערט געבוירן, דאס קען מען נישט פארקויפן... ער וויצלט זיך מיט טרויעריקן ערנסט:

— כ'עס איצט אויף מיינע ציין... אי ס'איז דערוויל דא וו א ס צו עסן, אי ס'איז דא ווייניקער ציין וואס דארפן עסן...

קוק אים אן, נאך די עטלעכע טעג, און פארשטיי אליין, ווי לאנג ער וועט נאך איבערהויפט דארפן צו עסן און אפקויפן זיך...

און דאָרט, מעכעלע, זע דיין בן־עיר, דעם יונגן אכצניעריקן בעניעק, וואָס האָט נאָך מיט אַ יאָר צוריק אין געטאָ נישט געוווסט פון נויט. ער איז געווען ביי אַ קריסט, געאַרבעט ביי זיינע פערד... און דאָך אריינגע־פאַלן... זע ווי ער ליגט אריין די גבורהדיקע אכצן יאָר זיינע אינעם איי־זערנעם ווענעלע! בלויז דאָס פנים ווערט בלאַסער...

— „עסן!" — ברומט ער מעכעלען אריין יעדעס מאָל, ווען די ווע־געלעך זייערע קרייצן זיך איבער... — „צום טייוול — זאָגט ער — דער טראַטיל זעט אויס אזוי מחיהדיק־געל... ווי דאָס טייג, פון וועלכן די מאַמע האָט יעדן פרייטיק געקנעטן לאָקשן... נישט איינמאָל פאַרגעס איך זיך און וויל אַרויסשלעפּן אַ שטיק און אויפפרעסן... אז ס'וועט אזוי ווייטער גיין, וועל איך עס סיי ווי טאָן... מיינע ציין מוזן עפּעס קייען... נישט קיין אונטערשיד וואָס... כ'וועל רייסן קאַלך פון די ווענט און גריזשען... עסן — מ ו ז איך!"

— ווי לאַנג וועט ער עס האָבן כוחדיקן כעס, אריינצודריקן אינעם אייזערנעם הענטל, וואָס ער שלעפּט און וועלכעס שלעפּט אים גלייכצייטיק, האַלע־איין, האַלע־אויס!?

...און דאָרטן ווייטער: דער אַרויפליייגער און צופירער פון די גראַ־נאַטן, זילבערמאַן, אַ פריזירער פון וואַרשע. נישט אזוי לייכט האָט ער זיך געלאָזט פאַנגען. אין וואַרשעווער געטאָ איז ער אומגעגאַנגען מיט אַ געשטאָפּטער-מונדיר... פון די דעכער אַראָפּ האָט ער געפייערט, מיט אַלע זיינע אָפיציר־מעדאַלן פון פוילנס צייטן... אומדערשראָקן פּאַטרולירט צווישן דייטשן און געשאָסן... ער אַליין דערציילט ווייניק דער־וועגן; אָבער געגוג חברה קענען אים... זיין בלאָנדער קאָפּ מיט די גרויע, שפּיזיקע אויגן זענען אויך אַ גוטער גרים־צושטייער, אויף צו קענען שפּילן אַזאַ ראָל...

ער דערציילט... וויפל ער האָט עס צו דערציילן א מ ת ן, גע־שפּירטע אמתן פון דעם וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד! ער קען זיך דאָ אויך אַן עצה געבן און אויב מען וועט מ ו ז ן — וועט ער האָבן פאַר זיך אַ ל ץ... אָבער אויף ווי לאַנג וועט ער עס דאָ אָנהאַלטן? קיין פּאַ־ליציאַנט וועט ער פאַר קיין געלט אין דער וועלט נישט ווערן; ער וויל דאָ

אַרבעטן אַזוי ווי אַלע... און דערביי מוז מען פריער אָדער שפּעטער, שטאַרבן...

...אויך ער האָט פּלענער: אויפרייסן די פאַבריקן!... אָבער נישט פון דאַנעט אויס... צוערשט מוז מען אַנטלויפן... באַוואָפנט... און שפּעטער אַדורכפירן אַ מיליטערישן אַנגריף... אַלס אָפיציר האָט ער שוין נישט איינ-מאָל אַדורכגעפירט מיליטערישע אָפּעראַציעס און ארומגערינגלט גרעסערע שטחים... ער דאַרף בלויז דערצו האָבן יינגלעך, יונגען מיט ביי-נער... וואָס קען מען אָבער טאָן? די, וואָס לעבן דאָ אביסל בעסער און האָבן נאָך כוח, וועלן נישט האָבן קיין חשק... און די וואָס זענען איצט געקומען — קען מען נישט צו אַלע האָבן דעם פולן צוטרוי... און ביז מען וועט באַווייזן צו באַקענען זיך מיט יעדן, עטוואָס צו אָרגאַניזירן — וועט פון אַלעמען בלייבן הויט און ביינער... סקעלעטן... און דערביי דאַרף מען לויפן, זיין רירעוודיק... און גראַד דאָ זעט ער מער מעגלעכקייטן... דאָ איז נישט מאַידאַנעק... געווער ווערט אויסגעאַרבעט אויפן אָרט... און קיין עלעקטרישע דראָטן זענען נישטאָ...

העי, מעכעלע! צי אריין אין זיך זיין בלאַס, ערנסט פּנים... ער וועט דאָ אָנהאַלטן לענגער, בויען פּלענער אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דער מוח וועט נישט אויסטריקענען... זיי אָבער זיכער, אַז אויך ער וועט דאָ אויסצאַנ-קען... זע ווי אַלע ליגן דאָ אריין זייער ביסל ברענענדיק לעבן אין די פאַרחתמעט-שטומע שטיקער אייזן! דאָ ווערט אריינגעלייגט זייער דראַנג, זייער געברויז און בענקשאַפט נאָך עפּעס, זייער רעוואָלוציע וואָס קאָכט זיך טיף אין די אברים און ווערט אויסגעזויגן פון אָט דער געלער, ברוגזער ירגזונדיקייט... איז דען אַ וווּנדער, וואָס דאָס וועט שפּעטער ערגעצוווּ אויפרייסן מיט אַ דונער, וועט פאַרגיסן מיט אַ פאַרניכטנדיקן פלאַם, דאָרט ווו עס וועט פאַלן און פּלאַצן.

דו זעסט זיי דאָ אין די הונדערטער אַרום דיר. יעדער פון זיי האָט זיך דאָרט אין זיינע טיפן טראַכטענישן אַזעלכע; טראָגט ווייטער אין זיך די וועלט וואָס איז פאַרשוווּנדן פון דרויסן, אָבער ווייטער געבליבן אין גליוועדיקן דרימל, צווישן בלוט אין די אָדערן... עפּעס אַ ווייטע וועלט וועבט זיך נאָך, שפּינט זיך דאָרט און וואַרט אין דעמערונג, צוזאַמען מיט

די זיך-וואַרפּנדיקע גלידער נאָך אַן אויסגאַנג, נאָך ווידער־אויפקום... און ברענט... ברענט אויס צוזאַמען מיטן קנויטיקן גוף — — —

גיי בלויז צו, קלאַפּ אָן מיט צאַרטע פינגער, אָן שטורעם, אין יעדן פון אָט די פאַרמאַכטע נשמה־פענצטער און עס וועט זיך צו דיר אַ וואָרף טאָן אַ גלי, אַ לעכץ פון אייגן-אויסגעקנעטענע וועלטן, וואָס ווילן, כאָטש וו ע ר ט ע ר ד י ק, אַ גלאַנץ טאָן מיט אַ לעצט-דערשטיקטן פיבער פאַרן פאַרזינקען — — —

נעם זשע אויף אין זיך אָט די אַלע ליכט, אַלע מחשבה-קעמערלעך, וואָס גליען, ברענען אויס דורך אַ פּוס-געשוויל, דורך אַ מוח־פאַרשוואַרץ און גרימאַסיקן פּנים-פאַרקנייטש... זע־צו, דערהער ווי עס טריפן אויס גורלות; ווי עס גייען אויס שטרעבענישן, גבורה-חלומות און רייסערייען...

שטיי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ נעבן די ליכט, וואָס ברענען אויס ווי אָנגעצונדענע נר־תמידס איבער אונטערגעגאַנגענע וועלטן...

## ק אַ פּ י ט ל   צ וו אַ נ צ י ק

### I

ס'איז אַוודאי געווען אויפן פערטן אָדער פינפטן טאָג פון דעם אָנקום אין ווערק צע. שבת, נאָכן אַרויסגעבן דאָס ביסל מיטאָג. ס'איז דער לעצטער טאָג פון דער וואָך, אין וועלכער מעבעלע דאַרף גיין צו דער ביינאַכטיקער אַרבעט. מאָרגן וועט די גאַנצע גרופּע האָבן רו־טאָג. זונטיק ביינאַכט וועלן אַלע האָבן רו. ערשט מאָנטיק פרי וועלן זיי דאַרפן גיין צו דער טאָג-שיכט און די אַנדערע וועלן זיי בייטן אויף אַ וואָך. אַזוי גייט עס כסדר.

איז גוט אַזוי צו טראַכטן דערפון, אַז איצט וועסטו האָבן אַביסל פרייע צייט, אַרומזען זיך, טראַכטן, זען עמעצן...

נאָך עפּעס:

אין לאַגער איז נישטאָ מער ווי איין צימערל, וווּ עס לויפט קאַלט

וואסער. דאס איז דער וואש־באראק פון לאגער. בלויז דעם איינציקן זונ־טיק קען מען גיין אין באד אריין, באגלייט פון ווערקשוץ און יידישער פאליציי, אין שכנותדיקן לאגער פון דעם ווערק א... דארט האט מען זיך אויסגעבאדן מיט הייס וואסער און דעזינפעקציאנירט די מלבושים.

א גאנצע וואך שלאפט מען אין אנטועכץ, וואשט מען זיך נישט אפ אדער, אויב מען איז נישט פויל, פליעסקעט מען אביסל אפ די הענט און דאס פנים מיט א טראפן קאלט וואסער... איז ווידער דער זונטיק דער ליכט־פונקט פון דערווארטונג...

אויסער דעם באדן זיך, איז סתם אינטערעסאנט צו זען א צווייטן לאגער מיט טויזנטער יידן... דאס הארץ קלאפט האסטיקער: אפשר קען מען אמאל עמעצן, א גאנטן דארטן אנטרעפן? אמאל קען דיר, צווישן טויזנטער פנימער, א שימער טאן אן אייגנס, אן אומגעריכט־נאענטס פון ערגעץ... סוף־כל־סוף האסטו דאך נאך אמאל געהאט עמעצן אויף דער וועלט, ניין!?

נאך א זאך איז מיטן זונטיק. דער גאנצער מענטשן־ים איז אין לא־גער. קודם קענסטו טרעפן א היימישן, וואס איז מיט דיר געווען צוזאמען, זיך אויספרעגן ווי אזוי עס זעט אויס ביי אנדערע ארבעטן, זוכן צווישן די וואס זענען שוין לאנג דא... בכלל דערשפירן, אז מ׳איז צווישן מענטשן...

די אלטע קרעכצן אפילו: אי־אי, זונטיק!... יעדן זונטיק גרייט שוין צו די קאמענדע; סיי פון דער יידישער זייט און סיי מצד דער ס. ס., עפעס אזעלכעס, וואס לאזט נישט די רו אזוי לייכט באקומען... עס זענען אבער פאראן א סך, וואס ווארטן אויפן דאזיקן רו־טאג:

אזעלכע האבן עמעצן פון זייעריקע אין ווערק א... דארט איז די לאגע עטוואס בעסער... שלעפט מען פון דארט א שטיקל ברויט, אויב מען האט נאר ווו צו באקומען... דארט קען מען גיכער באקומען א בלעכל זופ, אויב עס געלינגט זיך אוועקצודרייען, קיינער זאל נישט באמערקן און שפעטער זיך צוריק אריינשמוגלען אין דער גרופע. נאטירלעך דארף מען וויסן דארט ווו זיך א דריי צו טאן.

עס זענען אין לאגער געווען אזעלכע, וואס זענען שוין געווען א צענד־ליק מאל און קיין איין מאל זיך נאך נישט געבאדן; איבערהויפט צווישן

די טראַטילער און פּיקרינער, וועלכע זענען נישט געווען פּאַרלויזיקט. און אַפילו ביי טייל פון די אַנדערע גרופּן איז עס אויך אַ גאַנץ לאַגישער חשבון:

דאָס באָדן זיך אויפן ניכטערנעם מאָגן מיט קאָכיק וואַסער און דאָס פּאַרעווען — ציט אַרויס די לעצטע כוחות; דערפאַר אָבער ווען דיר גע־לינגט זיך אַרויסצודרייען און קענסט כאַפּן אַביסל עסן — קומסטו טאַקע צוריק אַ שמוציקער, ביסט אָבער אינערלעך פרישער, לעבעדיקער... אַן אַלטער כלל אין ווערק צע: ס'איז גלייכער, אַז די לייז זאָלן דיך עסן און דו זאָלסט אויך האָבן, איידער ביידע זאָלן הונגערן...

בפרט די טראָטילער, צו וועמען די אינזעקטן האָבן מורא אַ שמעק צו טאָן... און דאָרטן, אויפן ווערק אַ, האָט מען אויף זיי מער רחמנות, זיי גיט מען גיכער אַ בלעכל זופּ...

פאַראַן אַנדערע, וואָס וואַרטן אויפן זונטיק צוליב נאָך אַ סיבה: אין ווערק א קען מען גיכער מאַכן אַ מסחרל. דאָרט פאַרקויפט זיך בעסער אַ הויז, אַ ראָק; מ'טרעפט דאָרט ביליקער אַ ברויטל... און אַז די ווערקשוץ דערווישט עס נישט — איז עס אַ גרייט פאַרדינסטל... מ'דאַרף בלויז האָבן דעם מוט צו ריזיקירן...

היינט אָבער שרעקט מען זיך עפּעס... שוין עטלעכע טעג, אַז דער נייער טראַנספּאָרט איז געבראַכט געוואָרן און דערווייל איז רואיק... שרעקט עס יעדן... דאָס ערגסטע וואָס קען נאָר זיין, שרעקט נישט אַזוי — דאַן ווען מען האָט עס שוין פאַר די אויגן... נאָר די אומקלאָרע דערוואַרטונג פרעסט דעם מוח, האַלט אין איין דערציטערן ביי יעדן שאָרך, וואָס דער־טראָגט זיך... און אַלע ווייסן, אַז ביז צום רו־טאָג מ ו ז עס קומען. גייען די מענטשן אַרום מיט געפּרעסטע הערצער. בלויז די אויגן שעמען זיך נישט אויף שטום-לשון אַ פרעג צו טאָן ביי אַ צווייטער פּאָר, וואָס זיי באַגעגענען צופעליק אָן:

— וו ע ן ? . . .

און אַן ענטפער קען קיינער נישט געבן.

## II

שבת נאכמיטאג. מ׳קען שוין מער נישט איינשלאפן צוריק אויפן הארטן ברעט; באלד וועט מען מוזן גיין אפוואַרטן דאס שטיקל ברויט, שפעטער מוז מען לאנג־לאנג גורל־ציען, ביז מען באקומט שוין די איי־נגנע פארציע... קוקט מען דורך די פארשטויבטע שייבלעך אין שיינעם גאלדענעם דרויסן ארויס. קיין זייגער איז נישטא — ווארט מען זיך גלאט אזוי... און שפעטער וועט דער שלאף זיך קלעפן אין די אויגן, אין די פינגער... אין די שטיקער אייזן...

די שמאלע געסלקעס פון לאגער זענען אלע איצט אפגעשטארבן אן א קרעכץ. איז ארום שטיל, ווי אויף א בית־עולם. ס׳זענען פאראן שעהן, ווען אלע ליגן איינגעקנוידערט אין די באראקן און מ׳ווייסט אליין נישט, פארוואס עס שרעקט אזוי דער דרויסן. א פאליציאנט מיטן פאליצייאישן היטל, העט פאררוקט איבער דער גלאט־פארקעמטער טשופרינע, שארט זיך עפעס פארדעכטיק אין דער זייט פון די באראקן. זיין בליק קוקט פאר־סודעט צום באראק פון די פיקרינער... באלד נעמען זיך שיטן פאליציי־לייט פון אלע זייטן, אזוי ווי זיי וואלטן דא געוואלט ארומרינגלען א פעסטונג...

אין דער לופט נעמט זיך טראגן א פרעמדער רעש, אזוי ווי עמעץ וואלט אין דער שטילער פארשוויגנקייט פארלוירן שטיקלעך צעבראכענעם שטורעם. דאס אויער כאפט קוים אויף פון דער טויער־זייט דעם פארדעכ־טיקן בורטש פון א לאסט־אויטא... אויפן הויף ווערט א פארדעכטיקער טומל... קריכנדיקע געשטאלטן באוויזן זיך, דערשראקענע און ראטשקען זיך מיט פחדימדיקער רירעוודיקייט ביי די ווענט... לויפן... די צעשטעלטע פאליציאנטן פרוון, אן חשק, פארהאלטן איינעם, דעם צווייטן... און זע־נען מיט צופרידענער פארבארגנקייט זיך מיאש נאכצויאגן אזעלכן, וואס רייסט זיך ארויס פון זייערע הענט און אנטלויפט ווייטער... דעם וואס זיי פארהאלטן, ציען זיי לויז ביי די בגדים, ווי אן אנצוהערעניש, ער זאל טאן, וואס ער איז נאר בכוח — — —

אין איין רגע ווערן אלע באראקן אנגעשטעקט מיט א פאנישן אומרו...

א ברום פון א מאשין טוט א פויק מיט אלארם אין די שויבן... און יעדן איינעם באזונדער זאגט אן זיין אינסטינקט מיט א קלארער שפראך, וואס דא גרייט זיך איצט...

אין מעבעלעס באראק צינדט זיך פלוצים אן די לופט מיט אימה. עט-לעכע קודלעס פון צעשויבערטע קעפ טוען זיך א הויב פון די שמאטעס און ציען אין זיך אריין א ברוסט מיט שטויביקער לופט, וואס די זון זייעט אדורך דורכן געלן שטראם אירן. עמעץ טוט א קרעכץ אריין אין חלל אריין מיט א טאן וואס גייט נישט איבער די געוועגלעכקייט:

— שוין ווידער א סעלעקציע... נו, יא... מ'האט געוווסט... שבת...

ביי א צענדליק געשטאלטן קלעטערן ארויף צו די פענצטערלעך מיט ארונטערגעלאזטע הויזן... זייער שווארץ לייב קנוידערט זיך אין ציטער... צו שפעט! אלע באראקן ווערן שוין געהיטן... די ווערקשוץ האט זיך פלוצים באוויזן פון אלע זייטן. זיי דרייען זיך איבער די געסלקעלעך, כאפן אמאל אויף איינעם, וואס מאכט א שפרונג פון א פענצטער און ציען אים ער-געצוווו אוועק...

אין באראק ווערט שטילער. איין סקעלעט נאכן צווייטן פאררוקן זיך אונטער די קויטיקע בעטן. יעדער טוליעט זיך צו דער וואנט, ווארפט אן ארום זיך דאס לעצטע ביסל שטרוי, שמאטעס, בעזעמער און אלץ וואס קען פארשטעלן דעם צוגאנג צו אים... אין צימערל צעטאנצט זיך א דעמ-פיקער שטויב, וואס רייסט אין האלדז מיט א שווייסיק-צואהדיקן ריח... בלעכלעך פון עסן קערן זיך איבער פון געשאר און עס צעגיסט זיך איבער דער פאדלאגע א שווערער, עקלדיקער געדוך...

מעבעלע האט זיך נישט דערוויילן וואס צו שרעקן. קוקט ער ארויס דורכן פענצטער. דריי גרויסע לאסט-אויטאס שטייען אקעגנאיבער, נישט ווייט פון טויער. זיי גלאצן מיט די אויסגעלאשענע, גלעזערנע אויגן, ווי זיי וואלטן געוואלט ארונטערבליקן אונטער די באראקן, אויב ס'האט זיך דארט נישט פארשטעקט ווער... די אויטאס זענען באוואכט. פון אלע צווישנבאראקן-ווינקלען ברענגט די יידישע פאליציי צופירן אפגעריסענע, פארחשוכטע געשטאלטן, באהוויסע... זיי גייען קוים און די ווערקשוץ מוז זיי אקעגנלויפן און אונטערטרייבן... זיי ווערן ארויפגעווארפן אויף די

אויטאָס ווי שמוציקע פעקלעך. עס איז נישטאָ קיין כוח אליין ארויפצו־קריכן. טייל קוקן שוין אראָפּ פון אויטאָ, שווייגנדיק און רואיק, אזוי ווי מען וואָלט זיי בלויז אריבערגעפירט פון איין אָרט צום צווייטן. די באַראקן אין דער זייט פארשטעלן און עס איז נישט מעגלעך צו זען, ווו מען געפינט זיי... ווער עס קלויבט זיי אוים, ווער עס באשטימט זייערע גורלות... ס'איז אויך נישט מעגלעך לאנג צו זען, ווי אזוי זיי רעאגירן. די אויטאָס רייסן זיך פון אָרט און פארפאָרן טיפער אויפן ארבעטס-פּלאַץ, צום קאָמענדע־ווינקל...

איין זאך בלויז איז מעכעלעך געלונגען צו באמערקן:

די פּאָליציי פירט א בחור. ער שלעפּט זיך קוים. פון אלע זייטן געזעגענען זיך מיט אים די דערשראָקענע פענצטערלעך... זיי איילן אים אונטער... אָבער ער גייט זיך געלאסן, מיט ישוב־הדעת... ער קוקט אין יעדן פענצטערל באזונדער, ווי ער וואָלט דאָרט עמעצן געזוכט... ענדלעך באמערקט ער וועמען... ער שטעלט זיך אָפּ... א פּאָליציאַנט שטרעקט אויס א האנט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אוועקרייסן ווייטער, אָבער דער סקעלעט טוט אויף אים אזא שארפן בליק, אז זיין האנט בלייבט הענגען א צעטומלטע אין דער לופט... דער בחור ציט פון זיך שנעל אראָפּ די הויזן, די מארינארקע זיינע און בלייבט שטיין מיט דער שווארצער נאַקעטקייט זיינער... בלויז עטלעכע שטיקלעך שמאטעס בלייבן הענגען דערשראָקענע און שאָקלען זיך איבער אים אין ווידווידיקן ציטער. ער רייסט זיך צו צום פענצטערל און קלאַפּט... קלאַפּט מיטן גאנצן כוח... עס עפנט ווער... ער וואַרפט אריין דאָס איינגעדרייטע פּעקל... זיין שטים איז איצט הויך און קלאָר:

— משה — זאָגט ער — כ'האָב נישט געהאט קיין צייט זיך צו געזעגענען... זיי געזונט... ביי דיר זענען די הויזן צעריסן... נעם — וועסטו האָבן פון וואָס א לאטע צו לייגן... זיי געזונט!...

און אזוי האָט ער זיך רואיקערהייט אוועקגעהינקט ווייטער, א במעט נאַקעטער, ווי צום טאנץ...

ווייטער איז גאָרנישט צו זען. אָט הערט מען די אויטאָס פייפן, בורטשען, ווי זיי וואָלטן זיך געבייזערט, פארוואָס מען האלט זיי דאָ אויף אזוי

לאנג. פון לאנגווייל פרווון זיי דערווייל צעשמעטערן די אימהדיקע שטיל־קייט... אָט פירט מען פאַרביי אַ פאַרשפּעטיקטן... אַלע פענצטערלעך קוקן אים אָן בייז:

— סיי ווי גייט ער... טאָ וואָס מאַכט ער פאַר אַ קונצן? פאַרוואָס דויערט עס ביי אים אַזוי לאַנג? צוליב אים איז דאָך אַלץ אַזוי איינגע־פרעסט אין איומדיקער שווייגעניש! באַלד הערט מען ווי די אויטאָס זוכן פאַר זיך אַ וועג... מ'הערט זייער קרעכצן איבער די גריבלעך פון זאַמל־פּלאַץ... פון דערווייטנס ברענגט דער ווינט אַ פּאָר שטיקלעך צעבראָכענע געשרייען און קלאַפּט מיט זיי אָן אין די שויבן... אַ רויש טראָגט זיך אַוועק אין די ווייטקייטן און לאָזט איבער נאָך זיך אַ שטילן געזשום... ווי נאָך אַ גסיסה...

די פּאָליציי ציט זיך צוריק פון די פּאָסטנס... „ש ו י ן !" — אָטע־מען אַלע אָפּ פריייער... אינעם צווייטן צימערל, דורכן וועגטל, הערט מ'ע־בעלע אַ טרויעריקע צופרידנקייט:

— אין דעם באַראַק איז מען נישט געווען אינגאַנצן...

אַלץ צערירט זיך צוריק. מ'קריכט אַרויס פון די באַהעלטענישן, ווי פייגל נאָך אַ רעגן... די פאַראַרבעטער טראָגן דאָס ברויט פון דער קאָמענדע פאַר זייערע גרופּן, ווי יעדן טאָג; דאָסמאָל מיט מאַרמעלאַדע... באַלד וועט מען גיין באַקומען די פּאָרציעס... „שוין!"... פון אַלע זייטן דאָס זעלבע... ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען...

הונדערט און אַכציק מענטשן בלויז וועלן זייערע פּאָרציעס מער נישט באַקומען...

## III

נאָך דער ערשטער סעלעקציע האָט אַ פּאַניק אַרומגענומען די נייע־געקומענע. ביינאַכט ביי דער אַרבעט איז מעכעלע געגאַנגען פאַרטרערטן אָן אַוועקגענומענעם פון דער צווייטער קאָיוטע. ביי דער מאַשין האָט ער געטראָפן זיין בן-עיר, יאַנקלען. שטופּט מעכעלע די גראַנאַטן אין דער מאַשין אַריין און יענער לאָזט אים אַ מינוט נישט כאַפּן דעם געדאַנק:

— זעסטו? אַזוי זעט דאָ אויס דער סוף. דאָ וועסטו גאָרנישט אָנ־

דערש מאכן. איך צי אפ. כ׳האב שוין באוויזן אנצוגנבענען א גאנצע קאָ־לעקציע פון שטיקלעך קופער, אייזנגוס, מעסערלעך... כ׳וויל אפילו צו־זאמענשטעלן א רעוואלווער... נישט צום שיסן — דאס זעסטו קען איך נישט מאכן... אבער צוזאמענשטעלן אזעלכעס, וואס זאל ביינאכט איבער־שרעקן א פויער, ער זאל געבן קארטאפל און ברויט, ער זאל נישט מסרן — דאס קען איך יא... כ׳האב א סך יארן פארברענגט אין וועלדל, ווו דער טאטע האט געשניטן ביימער... אין וואלד קען איך זיך אן עצה געבן... היינט וואקסן נאך יאגדעס... שוואמען... ביינאכט קען מען אנרייסן אביסל קארטאפל אויף א פעלד און אפקאכן אויף צווייגלעך; מ׳דארף בלויז א טעפל, א לעפל, זאלץ און שוועבעלעך... כ׳האב אפגעלייזט פאר מיינע בגדים 120 זלאטעס — וועל איך פאר דעם איינקויפן דאס וואס איך דארף... ווי לאנג איך וועל זיין אין וואלד — ווייס איך נישט... אפשר וועט מיר געלינגען זיך ערגעצווו צו דערשלאגן... כ׳בין גרייט צו דער־הרגענען אויפן וועג, וועמען כ׳וועל אנטרעפן — אויב כ׳וועל האבן א חשד, אז ער גייט מיך פארקויפן... סיי ווי איז די גאנצע וועלט אונדזערע שונאים... וועל איך מיט די ציין און מיט די נעגל זיך אדורכבייסן מיין וועג... יא, א קליין לאפאטקעלע האב איך זיך באהאלטן, דאס מיט וועלכן מען נעמט צונויף מיסט אין די קארידארן... טיף אין וואלד קען מען זיך דערמיט אויסקראצן א לאך צום ליגן און שפעטער עס צודעקן מיט צווייגן און ערד... כ׳האב אין דער אדמה די גאנצע וועלט... כ׳קען באשטיין צו זיין א חיה אין וואלד, לעבן פון גראז און ליגן אין א נארע... ביינאכט בלויז וועל איך זיך שארן א בארוויסער... דעם ערשטן דייטשן זעלנער, וואס כ׳וועל טרעפן, וועל איך דערהרגענען... קענסט שוין זיין אויסגע־זארגט פאר דעם אופן, ווי אזוי איך וועל דאס מאכן... ווען כ׳וועל האבן א מונדיר און א ביקס — פייף איך דאן אויף דער גאנצער וועלט! כ׳קוק זיך אפ א לאנקע און נעם זיך צו דאס בעסטע פערד... די ערשטע בעסטע בהמה, וואס כ׳וועל אנטרעפן, טרייב איך אריין טיף אין וואלד אריין און קוילע זי... אן אלטן זעלנער זאלסטו די אלע זאכן נישט לערנען ווי אזוי מ׳דארף דאס מאכן... מעגסט זיכער זיין, אז דארט וועל איך האבן מער צו עסן ווי דא. די צווייטע וואך מאך איך די קונץ. ביי דער טאג-שיכט

איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, דערצו וועל איך דאַן זיין בעסער צוגעגרייט. מאָרגן איז זונטיק; אין באָד אַריין וועט מען די נייע נישט לאָזן גיין — זיי זענען נאָכנישט אַזוי פּאַרלייזיקט; וועט מען האָבן, עטלעכע געקליבענע יאַטן, אַ פּאָר שעה צו באַטראַכטן די זאַך מיט קאָפּ... נאָר איך זאָג פּאָראויס, אַז א י ך וועל נישט קוקן אויף קיינעם... אַליין וועל איך אויך גיין...

יאָ, אויב מעגלעכע וויל — זאָל ער באַצייטנס זיך זען צוצוגרייטן, זיך פּאַרשאַפן וואָס אָנצוטאָן. פּאַראַן באַראַקן, וווּ מען קען נאָך באַווייזן פון דאָרט עפּעס שטילערהייט אַרויסצושלעפּן... איין זאַך זאָל ער דערביי געדענקען, מעגלעכע: דאָ זענען שוין אַלע טויט. אויסער דער פּאָליציי; זייער דריי וועט, ווי שטענדיק, זיין די לעצטע... טאָר דאַריבער קיין זאַך נישט זיין צו שווער אויף צו ראַטעווען זיך... דאָ איז דער איינציקער לאַגער, וווּ ס'איז אַמלייכטסטן צו אַנטלויפן; זאָל ער זיך דערפאַר איבעררעכענען, ער זאָל שפּעטער נישט חרטה האָבן...

פון יאַנקלס קאַיוטע האָט מען אַרויסגענומען דריי מענטשן. דאָס האָט אויף אים אַזוי געווירקט. די מענטשן זענען שוין געווען אויסגעדאַרט און אויסגעמאָרדעוועט, זיי האָבן אָבער נאָך געאַרבעט; מיט די לעצטע כוחות זיך אָנגעשטרענגט צו דערגרייכן די טעגלעכע נאָרמע. זיי זענען נאָך געווען אינערלעך געזונט און ביי פרישער לופט און גוטן עסן, וואָלטן זיי אפשר אין געציילטע וואָכן צו זיך געקומען, הגם — צוריקשמועסנדיק, וואָס אינעווייניק טוט זיך, קען איין גאָט בלויז וויסן...

יאַנקלס חשבון איז אַ פּשוטער:

דאָ איז שוין איינמאָל געווען אַזאַ עפּידעמיע פון אַנטלויפעניש. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָך דעם ווי מען האָט געהערט פון די דערשיסונגען אויף די וועגן... דערצו האָט געווירקט דאָס, וואָס מען האָט געשאָסן אין לאַגער פאַר די וואָס זענען אַנטלאָפן... דאַן האָבן די ווערקשוץ געלויערט און די פויערים האָבן שוין אָפּגעוואַרט אויף די וועגן... איצט גרייטן זיך ווידער הונדערטער מענטשן צו אַנטלויפן; ווידער וועלן די וועגן אויפגערודערט ווערן און די פויערים וועלן אויפשטעלן פּאַסטקעס ביי יעדער שריט. איז גלייכער צו זיין פון די ערשטע... ווער עס וועט

זיין דער ערשטער, דער וועט האָבן שאַנסן; שפּעטער, ווען דאָס וועט אָנ-נעמען אַ מאַסן-פּסיכאָז, וועט איינער נאָכטאָן דעם צווייטן; וועט מען לויפן דערפאַר, ווייל יענער איז געלאָפן... אָן אַ פּלאַן, אָן אַ וווהין... צו די דייטשן און פּאָליאַקן גלייך אין די הענט אַריין...

יאַנקל ווייסט פון מעכעלעס עטלעכע אונטערנעמונגען אין אַנדערע לאַגערן, וואָס זענען אַדורכגעפאַלן, וואָרנט ער אים דערפאַר: נאָר צו זיין דער ערשטער — איידער עמעצער וועט זיך כאַפּן... אָבער יונגען דאַרף מען דערציִ האָבן — אייזן! וואָס זענען גרייט אויף אַלץ! זאָל מע-כעלע זונטיק זען, וועמען ער האָט באַוויזן צוזאַמענצונעמען... אַלע דאַרפן קענען הרגענען, אָן צו טאָן אַ פּינטל מיטן אויג, וואָס מער הרגענען... מיט דער זעלבער קאַלטקייט ווי מען הרגעט אונדז — בלויז דאָס איינ-קען נאָך ראַטעווען...

איז שוווער מעכעלען איבערצוצייגן יאַנקלען, אַז דאָ איז אַ געגנט פון בלויז שעטשקאָס; אַז דאָ זענען די וועלדער האַרט און פּרוכטלאָז, אַזוי ווי אויך זיי ווילן גאָרנישט שענקען קיין ייד... יענער איז שוין אַזוי אַנטשלאָסן, אַז קיין רייד וועלן נישט העלפן... ער פרעגט נישט ביי קיי-נעם קיין עצה... ער קען מעכעלען און ווייסט, אַז ער וועט נישט שטענדיק קענען טאָן וואָס מען דאַרף; דאָך לייגט ער אים פאָר גרויסמוטיק מיט-צוגיין:

— דו האָסט אַ קאָפּ אויף די אַקסל... און אַמאָל — זאָגט ער — דאַרף מען אויך אַזעלכן צו האָבן...

דאָס וואָס ס׳איז פאָרגעקומען בייטאָג, האָט געווירקט אויף מעכע-לען. די רייד פון אַלע זייטן האָבן נאָך קלאָרער געמאַכט דעם דראַנג עפּעס צו טאָן, אַרויסצוקריכן פון דער טויט-וואַרטעניש. איז ער היינטיקע נאַכט באַזונדערס אומרואיק. אַ געפיל, וואָס ער קען נישט פאַרקערפּערן אין ווערטער, זאָגט אים אָבער אונטער, אַז אַזוי טויג אויך נישט: קען מען דען גלאַט אַזוי? און חברים זענען נאָך דאָ, מיט וועלכע מען דאַרף זיך צוזאַמענרעדן... און הייבן אַ האַנט צו דערמאָרדן קען ער נאָך אַלץ נישט... ס׳איז אַ פעלער, אַ שרעקלעכער פעלער: אַ מערדער דאַרף מען

קענען אומברענגען! אָבער גיי זאָג עס צו אַ האַרץ מיט אַלטע געוווינ־הייטן!...

קומט דערווייל דער טאָג פון ערגעץ אַ דערשראָקענער, שטייט בלייך ביי דער שוועל פון דער האַלע, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף דער דערלוי־בעניש אַריינצוגיין. מוז מען זיך גרייטן צוריקצוגיין אין לאַגער אַריין.

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

### I

דער זונטיקדיקער טאָג אין ווערק צע הייבט זיך געוועלנלעך אָן מיטן קומען פון דער אַרבעט. די מענטשן פון דער בייטאָג־שיכט זענען שוין אויס־געשלאָפן און עס דוכט זיך, אַזוי ווי מען וואָלט זיי היינט פאַרגעסן אויפ־צוּוועקן פאַרטאָג. באַלד אינדערפרי איז דער לאַגער שוין אין באַוועגונג. די מענטשן מוזן אַרויסגיין פון די באַראַקן, ווייל די נאַכט־שיכט קומט אָן און מוזן פאַרנעמען די זעלבע פּלעצער צום שלאָפן. קומט ביי טייל בעטן צו רייסערייען; ס'איז נאָך ווער מיד אָדער ער איז קראַנק און קען נישט אויפשטיין... און דאָ שטייט איבער אים אַ געהויקערט געשטאַלט און רייסט אים אַראָפּ פון געלעגער מיט די לעצטע כוחות... ביידע זענען גע־רעכט און דאָס איז דאָס טראַגישסטע דערביי.

אין פּרינציפּ זענען קיין חזקות אויף קיין געלעגער אין ווערק צע נישט פאַראַן. ווו איינער קען — דאָ לייגט ער זיך. דאָ טיילט מען בלויז צו די באַראַקן, קיין ספּעציעל אָרט שרייבט מען קיינעם נישט צו. ס'האָט זיך אָבער שוין איינגעפירט, אַז יעדער ווערט צוגעבונדן צו דעם אָרט, ווו ער איז אויסגעלעגן; דאָ האָט ער זיך שוין אַזויפיל אויסגעשוויצט און אים דוכט זיך, אַז אויף דעם אָרט האָט ער יעדעס ברעט אויסגעוואַרעמט, דאָ איז אים ווייכער און די ברעטער אַרום זענען אים היימיש... אַזוי פילט דער מענטש פון דער טאָג־שיכט און דאָס זעלבע שפּירט דער מענטש פון דער

נאכט-שיכט, וועמענס ביינער ס'האבן זיך בייטאג געקנייטשט אויפן זעלבן געלעגער...

ליארעמט, בעט זיך און שרייט דער וואס איז איצט געקומען:

— לאז צוריק! ס'איז דאך מיין געלעגער... בנאמנות ווי מיינס!

אבער יענער איז אפילו פויל אים אפצוענטפערן, אז ס'איז זיינס גאר; ער ליגט בלויז ווייטער און רירט זיך נישט... די פארשימלט-בלויע ליפן גלוסט זיך בלויז א חוזק צו טאן:

— וואס הייסט; ס'איז דיין!? האסט א קאנטראקט דערויף? ביי וועלכן רעיענט האט מען עס דיר אפגעשריבן?...

גייט א צאנקעריי, א רייסעניש... ביז איינער ווערט מיד. על-פי רוב איז עס דער איצט-געקומענער. יענער — ליגט שוין. ער האלט זיך אן אין די ברעטערדיקע פארענטשן מיט אלע — אזוי צו זאגן — כוחות... נעמט אים דער צווייטער שלעפן — קרעכצט נישט בלויז ער, נאר דאס גאנצע בעט פראטעסטירט, קרעכצט און פארגייט זיך אין א זיך-ברעכנדיקן רעש... גייט אזא איינער אוועק און לייגט זיך אויפן ערשטן-בעסטן ארט, וואס ער זעט, אז ס'איז ליידיק... פון דארט איז דער ליגער ארויסגעגאנגען אויף א מינוט זיך דערליידיקן אין קלאזעט... ער אבער קלערט נישט און קען נישט קלערן דערפון... ער לייגט זיך אוועק מיט א כוונה פון אויפדערוויל. נאר די מידקייט זעצט אים אראפ ווי א שטיין... וועט באלד יענער אריינקומען און די ראלן וועלן זיך בייטן... איצט וועט מען אים רייסן, וועט מען אים שלעפן און ער וועט זיך איצט איינקלאמערן אין דער פריטשע; מ'זאל אים אפילו שלאגן, דערהרגענען צום טויט...

פאלט נישט איינמאל אריין א פאליציאנט און גלייכט אויס דעם סכסוך מיט א גומענעם שטעקן. אז אינדרויסן איז א שיין וועטער, איז פאראן א זונטיקדיקע עצה: מ'גייט ארויס צו די פאר ביימער אין וואלד און מ'ווארפט זיך אוועק, וו עס איז נאר פאראן א ליידיקער פלאץ. דער גוף ווערט זיך אליין אזוי נמאס פון דער בלייערנער מידקייט, אז דאס בעסטע וואלט געווען אים אוועקצוווארפן און פטור ווערן פון אים... קען דאס ארט זיין א מיסט-קאסטן, א מאכיס שטיקל אונטערן בוים אדער א פארגעסן ברעט אין א ווינקל... אבי מען ווערט פטור פון דער שווערער לאסט פון

גיין, פון מוזן טראָגן אַזויפיל מידע פודן אייגענע ביינער... גוט איז אומע־טום, ווו מען קען זיך טאָן אַ צי־אויס דעם גאַנצן קערפּער, צוקלעפּן איין אויגנלאַפּ צום צווייטן און נישט דאַרפן מער קוקן אויף דער וועלט... אַ מאָדנע שלעכט איינפירעניש אינעם באַשאַף פון מענטש, אַז ערשט דאַן, ווען ער ליגט אויסגעצויגן — אַנטלויפן דאָס לעצטע ביסל מחשבות... אַז נישט, איז נישט מעגלעך פון זיי פּטור צו ווערן...

דערפאַר איז אָבער זונטיק אויך דאָ נישט רואיק... אַ טייל מענטשן זענען שוין אויסגעשלאָפן. גייט מען אַרום, דרייט מען זיך... פונעם נעכטיקן ביסל זופּ איז שוין גאָרנישט געבליבן אין גוף און צום מיטאָג איז נאָך לאַנג געבליבן צו וואַרטן. זונטיק ברענגט מען דאָס עסן מיט צוויי שעה שפּעטער, ווייל די קיכער קאָכן אָפּ דאָס גאַנצע עסן אויפאַמאָל און גייען אַהיים פריער. הייגט מוז מען אויך דאָס גאַנצע עסן איבערפירן מיט קויפ־מאַנס וועגעלע פון קיך אין לאַגער אַריין. דויערט עס גאָר־לאַנג. די מענ־טשן, וואָס גייען אויפן ווערק אַ אין באָד אַריין, זוימען זיך דאָרט גענוג, דער וועג פאַרנעמט אויך אַ צייט... קריכן דערווייל אַרויס די אויגן פון הונגער.

ווער ס׳קען, זוכט זיך דערווייל אויס קאַרטאָפל־שאָלעכץ און ווער עס האָט אַ מטבע, דער קויפט אַ קליין מעסטעלע הירזש ביי די פרויען וואָס האַנדלען און גיסט זיך אָן אַ בלעכל וואַסער און לאָזט זיך צום וועלדל. דאָרט שלעפּט מען צונויף אַ פּאָר שטיינער, מ׳קלייבט צונויף אַביסל פייכט־לעכע צווייגלעך און מען צינדט זיי אונטער. זיי שטייען דערביי און בלאָזן אַריין די לעצטע כוחות אין די קיילעכדיקע שטעקלעך, וואָס גליען אויף ביי יעדן בלאָז און פאַרזינקען צוריק אין ווייסן, נישט־דערלאָשענעם רויך...

ליגן קעפּ איינגעגראָבן ביזן אַש אַריין, מ׳בלאָזט און מ׳וויל מיטן לעצטן לונגען־הויך באַלעבן דאָס פייער... איין האַנט האַלט דערביי צו דאָס שוואַרץ־צוגעפּלאַמטע בלעכל, אַז קיין פּיפּיק־גיריקע האַנט זאָל עס דער־ווייל נישט אַוועקציען... אַמאָל ברענגט איינער צוטראָגן אַ פּאָר פאַרגעלטע ברעטלעך פון אַ צעהאַקט טראָטיל־קעסטל, וואָס ער האָט בגנבה אַדורכגע־גנבעט פון דער פאַבריק. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער עס געהאַלטן צוקאָפּנס און איצט איז ער דערמיט אַ גאַנצער יחסן. ער זוכט זיך אויס אַ שותף, וואָס

ברענגט דערפאר צו טראָגן די שטיינער, וואָס ס'איז אויך נישט אַזוי לייכט צו געפינען און יענער מוז דערפאר אויך געבן צושטייער זיינס אַ שווּעבעלע... צופיל שטיינער זענען דאָ נישטאָ. אַ סך זענען אויסבאַהאַלטן אין די באַראַקן און זענען דער קנין פון אַ גאַנצער גרופּע — קענען די צוויי בלעכלעך נישט שטיין בריוח אויף די צוויי שטיינער, געשטעלט אין קאַנט. ביידע הוידען זיך אין דער לופט און זענען בלויז אָנגעלענט אין די שטיי-נער!... אַ צולהכעיסדיק ווינטל קען ביידע אַראָפּשליידערן און אויסגיסן דאָס, וואָס דאָרטן איז פאַראַן; מוז מען זיי צוהאַלטן מיט די הענט...

גייט אַ שותפות-געשעפט: איינער בלאָזט אונטער דאָס פייער און אַ צווייטער האַלט צו... אַמאָל, אַז מען האָט צו זיך צוטרוי און מ'קען קריגן ערגעץ אַ גרעסער טעפּל, ווו מ'קען אָנגיסן מער וואַסער — קאָכט מען צו-זאַמען און שפּעטער טיילט מען זיך מיט פּיצינקע לעפעלעך: איינס — מיר, איינס — דיר... און אויך דאָ קומט צו מחלוקתן איבער דער פראַגע פון אַ געדיכטער אָדער שיטערער לעפעלע.... דאָס וועקט די וואָס ליגן אין אַ זייט און זיי קוקן פאַרבענקט אין דער צווייטער זייט וואַלד: ווי גוט עס מוז דאָרט זיין, ווו אַלעמען איז פאַרבאָטן צוצוקומען... אָט ווען מען קען דאָרט זיך אַוועקלייגן און פאַרזינקען אין אַ שלאָף! אָבער אַהין זיך אַרי-בערצובאַקומען מוז מען זוכן עצות... וויפיל זענען זיי אָבער בכוח אויס-צוקלערן?

## II

די גרעסטע בריהס ביים פייער-מאַכן זענען די וויבער. זיי שרייען, קריגן זיך און מאַכן מסחרים צווישן זיך. אָט דאַרף איינע אַ האָרעלע זאַלץ, טאַקע ממש אויפן שפּיץ לעפל; אַ צווייטע דאַרף האָבן אַ לענגערן לעפל, צו קענען אויסמישן אַ גרעסער טעפּל, אין וועלכן מען קאָכט בשותפות. ביי אַ דריטער פאַרפעלט גראָד נאָך איין שטיקל האָלץ, ביז איר עסן וועט זיך דערקאָכן... און דאָס אַלץ איז מסחר, אַלצדינג מוז פאַרטוישט ווערן אויף עפּעס; מ'איז דאָ אַזוי אָרים מיט זאַכן צום פאַרמאָגן, אַז מ'וויל כאָטש מיט עפּעס שפּירן, אַז מ'האָט, אַז ס'איז דאָ מיט וואָס זיך צו בייטן. דאָס

מינדסטע וואקסט אוים צו אַ ריזיקן קרן. מ׳בייט דאָ שפּינוועבס אויף ווינט, רויך אויף אַ מינוט אַנצורירן דעם לעפּל... יעדער קאָכט זיך, ביי-זערט זיך — ווי מ׳וואָלט דאָ פאַרנאַרט אַ הויז בחצי-חנם... און דער ווייסער, פּרעסנדיקער רויך קריכט אריין אין האַלדז, נעמט צו דאָס לעצטע ביסל רואיקע נערוון... איז מען סתם־בייז, סתם אויפגערעגט; ווייסט מען נישט וועמען מען שילט, זיך צי יענעם, קיינעם נישט אָדער די גאַנצע וועלט צוזאַמען...

אויך מעקלערס פעלט דאָ נישט. היינט, זונטיק, זעט זיך יעדער אַרום, וואָס אים פעלט. ביי איינעם האָט מען אוועקגעגנבעט אַ בלעכענעם לעפל, דעם צווייטן פעלט אַ קנעפּל און אַ דריטער זוכט אַ ציגאַרעטל. ס׳זענען שוין דאָ אַזעלכע, וואָס ווייסן פון אַלץ; פאַרט מען צונויף דעם לעפל-באַ־דערפטיקן מיט דעם וואָס פאַרמאָגט צוויי, נאָר ער זוכט דערפאַר אַ „רויך" (ציגאַרעט)... דער מעקלער ווערט אַ שליש און האַלט ביידע חפצים ביז מ׳זוכט אוים איינעם וואָס פאַרקויפט די רייכערדיקע סחורה און דאַן שליסט מען די טראַנזאַקציע. דער מעקלער באַגלייט שוין יענעם, ביז עס פאַרגלוסט זיך אים אויסצורויכערן. זיין מעקלעריי האָט ער, ביים אויפ־כאַפּן דעם אַרויסגעבלאָזענעם רויך און אַ לעצטן צי פון דעם קערטל, ביים אוועקוואַרפן... איז דער טומל מיטן רויך נישט אַזוי לייכט צום איבער-טראָגן...

אַמאָל צעקריגן זיך צוויי פרויען הויך אויפן קול, עס דערגייט ביז רייסערייען. נייגעריקע שטעלן זיך אַרום און קוקן צו, און הערן אוים וואָס איינע „דערלאַנגט" דער צווייטער... איינעם פון די אַרומשטייענדיקע מע־נער פאַלט איין זיך אַנצונעמען די עולה פון דער ערשטער, גלאַט אַזוי, הגם ער ווייסט נישט אין וואָס דאָ גייט; נאָר בלויז דערפאַר, ווייל די איז אים סימפּאַטישער; שפּרינגט שוין אויף אַ צווייטער און נעמט זיך אָן דעם כבוד פון דער אַנדערער... קריגט מען זיך! כאָטש דאָס קריגעריי איז דאָ נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין, און ביי אַלע הויכע אָקטאַוועס איז עס אָן לעבן... עס דוכט זיך דיר, אַז דאָ זענען מתים אַרויסגעקראָכן פון די קברים און סתם אַזוי, פון בענקשאַפט וועגן נאָך יענע צייטן, ווען מען האָט נאָך געלעבט און אויף אַן אמת זיך געקריגט, האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט אַ שפּיל

אזא... ס'איז אָבער נישט געלונגען: נישט די מתים האָבן זיך איבער וואָס צו קריגן און נישט אזא קריגעריש שפּיל קען האָבן אַ פּנים... דערווייל פאַר־לעשט זיך דאָרט אַ ברוגז שטעקעלע און די קריגעריי ווערט איינגעלאָשן צוזאַמען מיטן נאַרישן פייערל, צווישן די שטיינער... ס'בלייבט בלויז אי־בער די דאגה, ווי אזוי דאָס פייער צוריק אויפצוועקן פון שלאָף...

צעגייען זיך די אריינמישנדיקע, ווי פאַרשעמט, יעדער איינער אין דער אייגענער פוסטקייט אריין... אזוי ווי מ'וואָלט שוין אַ שטיק לעבן אָנ־געכאַפּט מיט די שפּיץ פינגער און עס האָט זיך ארויסגעגליטשט פון אונ־טער די הענט אפּער...

## III

נאָך קיין גאַנצע צוויי שעה זיך נישט אויסגעשלאָפן פון דער נאַכט־אַרבעט, איז שוין יאַנקל צוריק אויף די פיס. שוין האָט ער די גאַנצע גרו־פּע, וואָס ער האָט באַדאַרפט.

אין אַ ווינקל, ביים אָפּגעשניטענעם שטאַם פון אַ בוים, זעצן זיי זיך, מיט די פיס פאַרלייגט פון אונטן — די פייכטקייט פון דער ערד זאָל נישט אַריינציאָגן אַ „וואָלף" (שטעכיקע בייסקייט) אין געזעס אריין. זיצט דאָס גאַנצע קופּקעלע מענער און טראַכט זיך שטיל און אָפּגעזונדערט פאַרשי־דענע פּלענער. ווען מעכעלע קומט צו, איז מיט אים דער קאָמפּלעט פאַר־טיק.

דאָ זיצט שלמהלע, דער בעל־עגלה פון קאַמאַראָוו, וועמען מעכעלע באַגעגנט שוין דאָס פערטע יאָר אין פאַרשידענע לאַגערן. דאָ איז פאַראַן מענדל, דער היציקער, שטענדיק־אויפגערעגטער און גלייכצייטיק אזוי־מיל־דער, נשמה־גוטער חסידישער יונגערמאַן פון פראַמפּאָל. אין אַ זייט זיצט דער הויכער קאַרנמאַן, משה, מאַרטפעלד, יאַנקל... און צישען צווישן זיך די נייע סודות, וואָס זענען דאָ אויסגעוואַקסן אין די הערצער. איבערן אָפּגעשניטענעם שטאַם זיצט דער גלאַסענער און מיושבדיקער אברהם־איסר. ער פילט זיך ווי מעכעלעס אפּטרופּוס און זינט ער מיט זיין קוזין מענדל זענען אויסגעקליבן געוואָרן צו דער אַרבעט פון „באַאו", האָט ער

נישט געוווסט, ווו מעבעלע איז פארפאלן געווארן... איז אט, האט מען זיך איצט ווידער געפונען... זיי ביידע האבן איצט צוריק איבערגענומען פאר מעבעלען די טריישאפט פון א טאטן, א ברודער און א חבר... און ווען מע־בעלע זעט זיין טאטנס אמאליקן שותף, אברהם איסרן, ווערט אים צוריק היימלעכער, זעט אים אויס, ווי אלע זיינע יונגנט־יארן באגלייטן אים אויפן שווערן גיהנום־וועג...

איצט דארף מען באשליסן. יאנקל קוקט זיך אום אין אלע זייטן, אויב א זייטיק אויער פון די, וואס קאכן און קריגן זיך, כאפט נישט אויף קיין װארט און הייבט אן צו פליסטערן: דער פלאן איז שוין פארטיק... אדרבא, מ׳איז דאך צווישן בלויז אייגענע — זאל מען זאגן: איז עס דען אן עסק דא אויסצוגיין?... וואלט מען גלאט דערשאסן — איז אזוי... לוינט אפשר נישט אזויפיל אריינצוקלערן... דא איז אבער עפעס אנדערש; דא צאפט מען דאך פון דיר דאס בלוט, דא גיט מען דיר איין אזעלכע טעג, וואס ווערן איבערגעמאכט אויף גיפט... דא שטארבסטו יעדן טאג און דו לעבסט ווײ־טער... אדרבא, ער וויל נישט זיין אליין דער חכם, זאל נאך עמעץ זאגן וועגן דעם...

פאר שלמהלען איז גענוג, ער זאל א פאטש טאן מיט דער האנט, ווי אין זיינע אלטע גוטע צייטן אויף דעם ווייכן פלייש איבער דער קני און עס זאל קלאר ווערן, וואס ער וויל זאגן:

— איך קען עס נישט מער... איך בין אריינגעפאלן צום טראנספארט... כ׳קען אייך מער נישט זאגן ווי דאס: א פערד ביי מיר האט זיכער אויסגע־שלעפט אין א וואך וױנציקער משא — ווי איך אין איין טאג... דא טאר מען נישט קלערן קיין סך נאר — ג יי ן ! דיסקוטיעס איז גוט ביי פא־ליטיק, ווען יענע שלאגן זיך און דו פאליטיקירסט זיך דערביי... איך אר־בעט נישט ביים גיפט, אבער אזא הונגער ביי א ז א ארבעט וועט מיך באלד פטרן... ווער עס וויל פון אייך, קען גיין מיט מיר. איך האב ביי זיך נאר א קליין מעסערל; כ׳פייף אבער אויף אלעמען. אין מאידאנעק זענען געווען עלעקטריזירטע דראטן — דא איז דא אן עצה... און נאך די דראטן שפיי איך אויף דער וועלט...

מענדל איז באגייסטערט. אָן אַ וואָרט שטרעקט ער אוים אַ האַנט צו שלמהלען:

— שלמה, קלאַפּ אריין!...

דאַן נעמט אַ וואָרט דער שטילער אברהם-איסר. ער איז איבערגע־לייגט. אמת, דאָ איז נישט קיין אויסוועג צו זיין. איינמאָל איז ער שוין געהאַט געלאָפן מיט מעכעלען איבער וועלדער; ווען מעכעלע איז דאָס צווייטע מאָל אַנטלאָפן פון אַ לאַגער — האָט ער רעזיגנירט פון מיט־לויפן. יאָ, זאָל מען פרעגן מעכעלען ווי אַזוי עס זעט אוים אַן אומבאַ־רעכנט לויפן... דאָ איז פאַראַן אַ שאַנס צו שפּילן אויף נאָך אַ וואָך אָדער צוויי, אויספאָרשן, זיך באַוואָרענען מיט עפּעס... די וועלדער זענען דאָ אומבאַקאַנטע; דערפאַר אָבער ווייסט מען, וועלכע פּאָליאַקן דער ראָדע־מער גענגט פאַרמאַגט... און סתם אַוועקגעבן דאָס איינציקע לעבן איז אויך נישט כדאי... אויב ריזיקירן, מוז מען כאָטש האָבן אַ געווויסן שאַנס, איין פּראָצענט...

יעדער האָט זיך זיין מיינונג. מען מוז דערשטיקן די אויפרעגונג, אַז די מענטשן אין דער זייט זאָלן זיך נישט כאַפּן אין וואָס דאָ גייט. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז צו דער באַשטימטער צייט וועט יאַנקל געבן אַ סיג־נאַל. ווער עס וועט וועלן, וועט פאַרשטיין וואָס צו טאָן; ווער ס׳וועט מורא האָבן, זאָל האַנדלען ווי ער וויל...

מעכעלע האָט איין געדאַנק צוזוגעבן:

— איר קענט מיך נישט רופן „פּחדן". איר ווייסט אַליין, וויפל מאָל כ׳האָב אייך גערופן און געוועקט אין אַנדערע לאַגערן. דער זעלבער יאַנקל און שלמהלע האָבן אין יענער פּאַטאַלער נאַכט זיך צוריקגעצויגן און איך האָב זיך אָן זיי געלאָזט אין די זאַמאָשטשער וועלדער. איין זאַך אָבער: דאַן האָב איך געזען אַ שטיקל אויסוועג — היינט זע איך אים נישט... איך וועל פון האַנט נישט לויפן, ביז כ׳וועל נישט האָבן אַ שטיקל פּלאַן. ביזן אויספּלאַנירן האָב איך דאָ אַזויפיל שאַנסן זיך צו ראַנגלען מיט מיין גורל ווי אין וואַלד... איך חזר איבער מיין אַלטן לאַגער-פּרינציפּ: נישט אָפּצורעדן קיינעם! כ׳וויל איבער קיינעמס גורל נישט דעצידירן. כ׳קען בלויז דערציילן פון זיך: מיך לאָזט נישט דאָס האַרץ... און אין אַזעלכע

טעג, ווען דער שכל פאַרזאָגט, האָב איך בלויז ביי איינעם צו פרעגן: ביים איינגענעם הארץ... מיט באַדויער שטעל איך פעסט: איך וועל נאָך איצט נישט גיין... אפשר לאָז איך אַדורך דעם לעצטן שאַנס, כ׳ווייס נישט... אָבער פאַרפאַלן: אַט אַזוי ריזיקיר איך דערווייל דאָס לעבן...

אַלע נעמען קוקן אויף מעכעלען פאַרוואונדערט, שלמהלע מיט יאַנקלען שפּרינגען אויף:

— אַט אַזוי זעט עס אויס, ווען עס קומט צום איינשטעלן! אָבער פריער האָסטו געהאַלטן שיינע דרשות אין די לאַגערן: באַוואָפענען זיך... אויפריסן... אַנטלויפן... נאָר ווען דו קומסט צו אַ קלאָרער דעציזיע, האָסטו דער ערשטער מורא... דאָס איז מיט אַלע פייערדיקע רעדעס...

מעכעלע זעט אין זייער בליק אַ פּרעמדקייט, אַ ביטול און אפילו אַ חוזקדיקע בייזקייט... זיי קוקן אויף אים ווי אַן אַפּנויגער, אַ זייטיקער, פאַר וועלכן מען דאַרף זיך אָנהייבן צו היטן... דאָס טוט וויי... שטעכט... אָבער מעכעלע איז רואיק:

— חברים, געווען צייטן, ווען כ׳בין געווען נענטער באַקענט מיט דער געגנט, ווו מיר האָבן זיך געפונען. דאַן האָב איך גערופן צו לויפן און איר האָט זיך כסדר צוריקגעצויגן... איך בין דאַן געלאָפן, ווייל איך האָב גע־גלייבט אין דער מעגלעכקייט פון ראַטעווען זיך און נקמה נעמען מיט דער הילף פון די וואַלד־מענטשן... היינט זענט איר די גלויביקע — מוז יעדער האַנדלען, ווי ער גלייבט און פילט... איך מוז האָבן כאָטש אַן אילוזיע פון אַ שאַנס; פאַר קיינעם קען איך נישט אַרויסברענגען אין ווערטער דאָס, וואָס איך פיל וועגן דער זינלאָזיקייט פון לויפן סתם. זאָל דערפאַר יע־דער טאָן, ווי זיין אינערלעך געפיל דיקטירט אים... צו וואָס די גערייצט־קייט, די פאַרביסנקייט!? זענען מיר דען צוליב דעם זיך געוואָרן שונאים? טוט דען נישט וויי, וואָס איצט נאָך יאָרן זיין צוזאַמען אין די לאַגערן; נאָענט אָדער ווייט איינער פון צווייטן, ציען די וועגן פון איבערדויער אין פאַרשידענע ריכטונגען?

אַלע זענען זיך שווייגנדיק צעקראָכן. אַ שווערער אומעט האָט גע־דריקט די הערצער. שטענדיק האָט מען זיך געפונען אונטער אַן אָנגע־וואָרפענעם טויט — איז נישט געווען איבער וואָס צו באַטריבן זיך: פאַר־

פאלן... כ׳האב זיך עס אליין נישט געגומען... דא אבער זעסטו מעגלעכ־קייטן און ווייסט נישט וואס אויסצוקלייבן; מעגלעך, אז אין דיין איצ־טיקן טויט וועסטו זיך אליין שולדיק זיין... און קיינער וויל נישט זיין דער מערדער פון זיך אליין...

אויפן וועג צום באראק האט אברהם־איסער שטיל אריינגערעדט אין מעכעלען:

— געדענקסט דאמאלט אין איזשביצע? ווען דו ביסט געקומען און געזאגט: לויפן! אויך דאן האב איך זיך געוואקלט. דאן אבער האב איך נאך געהאט מיט זיך מיין יינגל. געדענקסטו ווען איך האב ווי א בליץ געשפרייזט איבער די ביאלאבזשעגער וועלדער? דאס איז געווען, ווען מיין אהרעלע האט מיך געהאלטן פאר א האנט... היינט, וואס פאר א זין האט דאס לויפן פאר מיר, צו וועמען? היינט האב איך גארנישט וואס צו טאן, נארווארטן אויף מיין גורל... דו, זעסטו, ווייס איך נישט... ביסט יונג... זוכסט נאך עפעס אויף דער וועלט... ווער ווייסט, אויב דו טוסט נישט קיין עולה דערמיט, וואס דו דעצידירסט זיך נישט...

אבער עמעץ טיף אין מעכעלען האט שוין לאנג דעצידירט.

## IV

דעם הויכן קארנמאן איז ביי דער סעלעקציע זיך געלונגען אוועקצו־דרייען. דאס מאל האט א באקאנטער פאליציאנט אים געטאן צוווישן בא־צייטנס און ער האט זיך אויפגערוימט. ער האט אבער מורא געהאט צו גיין אין דער פאבריק, א ווערקשוץ זאל אים נישט באמערקן. ער האט אבער כמעט ווי פארלוירן דאס לשון. ער איז געווארן איבער די צוויי טעג געבויגענער און טרויעריקער. זונטיק נאכמיטאג, ווען ער האט מעכעלען געטראפן זיך ארומדרייען איבערן לאגער, האט ער אים צוגעווארפן א בליק, וואס האט אים פארפרוירן די בלוטן... מעכעלע איז צו אים צו־געגאנגען מיט א שווער הארץ... מען האט קוים געקענט דערכאפן די ווערטער וואס האבן געקילט אויף זיינע ליפן:

— דינסטיק פארנאכט... שוין באשטימט... געדענק, מען זאל זאגן

קדיש נאָך מיר... כ'וועל זיכער ביז טשענסטאָכאָוו נישט דערגיין... דאָ אָבער וויל איך נישט שטאַרבן... גלייב מיר, אַז דעם קדיש וויל איך נישט פאַר גאָט... פאַר זיך וויל איך אים... זע־צו, אַז די וואָס דאַווענען נאָך זאָלן עס טאָן פאַר מיינעטוועגן...

יאַנקל איז אַרומגעגאַנגען און אויסגעקויפט די טאַרבעלעך זאַלץ ביי די מיידלעך אין די קראָמען... ווען ער האָט באַגעגנט מעכעלען, האָט ער אים פאַררופן צו זיך אין באַראַק, אָפּגעשלעפּט אַ גרויסן, לאַקירטן טאָפּ און באַוויזן:

— נו, ווי מיינסטו, ער קען גענוג זיין?

אויף יאַנקלס געלעגער איז געלעגן דער געשטופּלטער שיקאָרא און אַכטונג געגעבן, מען זאָל גאָרנישט אַוועקגנבענען פון דאָרט... אינדרויסן האָט יאַנקל דערציילט מעכעלען:

— דער פּלאַן איז פּאַרטיק מיט אַלע פּיטשעווקעס... וועסט זען שפּע־טער ווי קלוג די זאַך איז אויסגעאַרבעט געוואָרן... איך בין עפּעס אַזוי זי־כער, אַז עס וועט מיר געלינגען איבערצולעבן דעם קריג; כאָטש איך ווייס נישט פאַרוואָס...

ביינאַכט איז נישט מעגלעך געווען צו שלאָפן. ביידע שיכטן האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט און ס'איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַלע. מען איז אויך געווען אויסגעשלאָפן פון פריער און אַרויסגיין אויסערן באַראַק איז געווען פאַרבאָטן; זענען די באַראַקן פול געווען מיט רעדעוודיקן געזשום און די פּאָליציי האָט געמוזט אַלעמאָל אַריינקלאַפּן אין די שויבן:

— זאָל זיין שטיל! ווען נישט, וועט איר אַלע אַרויסגעפירט ווערן אויף שטראָף־איבונגען... האָבן זיך אַלע געוואָרגן מיט די אייגענע ווער־טער...

מעכעלע איז דאָס מאָל פאַרקראָכן צו זיינע חברים אין באַראַק. איצט וועלן זיי אַ גאַנצע וואָך צייט זיך קענען זען יעדע נאַכט, אָבער די פאַר־גאַנגענע טעג האָבן איבערגעלאָזט אַ סך נישט־אויסגערעדטע פּאַסירע־נישן. אַ גרויסער טייל פון די געקומענע, פון דער זעלבער שטאָט, האָבן זיך געגרייט צו אַנטלויפן. מענדל אַליין ווייסט נאָך נישט, אויב ער וועט נישט מיטגיין. אַלץ איז געווענדט ווי די לעצטע מינוט וועט אויסזען.

ס'איז אַ שאָד — זאָגט ער — אַזויפיל אייגענע יאַטן וועלן מער דאָ נישט זיין... און דאָ זענען אַלע אַזוי פרעמד און אָנגעבלאָזן...

קיינער וויל דערפון נישט רעדן גענוי. מ'האָט מורא, מען שעמט זיך צו דעצידירן זיך אויף קלאָר... אפילו אברהם־איסר וויל אָפּלייגן, אָפּשלעפּן:

— נו, ביז איבערמאָרגן האָבן מיר נאָך צייט... לאָמיר כאָטש האָבן איין נאַכט אַ רואיקע...

אָבער מענדל האַלט אין איין אויסרעכענען, ווער ס'וועט אַלץ אַנטלויפן... מעבעלע שפּירט פון יעדן וואָרט זיינעם, ווי אַלץ צאַפּלט אין אים, וואַרפט זיך... ער וועט סיי־ווי היינט נישט שלאָפן...

די אַלטע פון באַראַק פאַרשטייען, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיק. אַלע קאַליקעס זענען אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען און זיך געסודעט... אין די באַראַקן ליגן זיי אָפּגעזונדערט און קאָכן זיך... ווער ווייסט, וואָס פאַר אַן אומגליק זיי קענען נאָך ברענגען אויפן לאַגער... אַנדערע פון זיי באַשליסן אינדערפרי צו מעלדן דערפון דער פּאָליציי: זאָל מען די נייע אַביסל מער האַלטן אויפן אויג! דערווייל איז אָבער די נאַכט, מיט איר גאַנצער פּאַרקילטער זומערדיקייט, גענוג גרויס און מ'קען איבער דער צייט איבערכיטרעווען אַלע באַוואָרענישן...

אַלנפאַלס האָט מען געשפּירט, אַז די קומענדיקע וואָך וועט ברענגען עפּעס גאָר גאָר־וויכטיקס און אַלע האָבן דערוואַרט און גלייכצייטיק מורא באַקומען פאַר די טעג, וואָס רוקן אָן...

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

### I

מאָנטיק איז מעבעלעס גרופּע אַוועק אינדערפרי צו דער אַרבעט. אין דרויסן איז געווען אַ שיינער, גאָלדענער טאָג און די אַרבעט איז צוגעגאַנגען מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ. אַרום זעקס פאַרנאַכט האָט מען אַוועקגע־

ליגט די אַרבעט און די פרישע נאַכט-שיכט האָט זיך אַריינגעלאָזט אין די קאַיוטעס. די, וואָס האָבן געענדיקט די אַרבעט, זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין דרויסן און געוואַרט אויף ווייטערדיקע באַפעלן. גאַיעווטשיק איז פון אַ ווינקל אַרויסגעוואַקסן און אָפּגעציילט די מענטשן. שפּעטער איז ער אַוועק צו דער האַלע און דאָרטן אָפּגעציילט די ליידיקע קעסטלעך פון אויסגעאַרבעטן טראָטיל. זיי זענען געלעגן צעוואָרפן אין שטויסן אַרום דער האַלע און פאַרשטעלט אַלע וועגן, וואָס פירן צו די זייטיקע טירן. גאַיעווטשיק איז צוגעקומען צו דער גרופּע און געזאָגט מיט אַ טרויעריקן שמייכל:

— קינדער, איר וועט נישט קענען היינט צוריקגיין אין לאַגער, ביז אַט די אַלע קאַסטנס וועלן נישט זיין אָוועקגעטראָגן אין די מאַגאַזינען...

אַן אומצופרידענער געמורמל האָט זיך אַדורכגעטראָגן פון איין עק ביזן צווייטן:

— אַהאַ, מען וועט שוין דאָ אַרבעטן ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין!

עמעץ פון דער ריי אַרויס האָט זיך דערנענטערט צו גאַיעווטשיקן און געפּרוווט צו אים אַפּעלירן:

— אָבער, הער מייסטער... מיר קענען דאָך שוין נישט שטיין אויף די פיס פון אַ גאַנצן טאָג האָרעווען... זאָל עס מאַכן די טראַנספּאָרט-אָפּטיילונג...

גאַיעווטשיק האָט זיך מילד צעבייזערט:

— דו, נאַר איינער, דערציילסט מיר, וואָס דאָ איז פאַראַן צו טאָן... דער טראַנספּאָרט האָט גענוג אַרבעט... און איר האָט נאָך גענוג צייט זיך אויסצושלאָפן... דער וועג ביזן מאַגאַזין איז נישט ווייט... אין פאַרלויף פון אַ שעה צייט קען יעדער גיין עטלעכע מאָל אַהין און צוריק. יעדער איינער נעמט אַ קאַסטן און מאַרשירט!... זאָל שוין דאָס זיין דאָס ערגסטע, וואָס אייך געשעט דאָ פאַר אַן עוולה... נישט רעדן מער!

דער מאַגאַזין פון די ליידיקע קאַסטנס האָט זיך געפונען ווייט פון די האַלעס. עס האָבן געפירט אַהין פאַרוואָרלאָזטע שטעגעלעך, צווישן קאַלטענעוואַטע ביימער, אינמיטן דער וואַלד-געדיכטעניש. נאָך דער אַר-

בעט האָט מען ערשט געמוזט אַדורכשפּרייזן דעם וועג פון איבער אַ קילאָ-מעטער, באַרג־אַרויף. עטלעכע מאָל אַזוי, הין און צוריק. קיין שומר האָט די מענטשן נישט באַגלייט. אַלע אויפזעער פון דער טאָג-שיכט זענען אַוועק צו זיך אַהיים און דאָ האָבן די מענטשן זיך אַליין געמוזט אונ־טערטרייבן, וועלנדיק וואָס שנעלער ענדיקן די אַרבעט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף זייער צייט. דאָס האָט גאַיעוּוטשיק איינגעפירט די צוגאָב-אַרבעט פאַר דער טאָג־שיכט. יעדעס מאָל האָט מען געזוכט די גזרה ביי אים אָפּצושרייען און יעדעס מאָל האָט ער געגעבן דעם זעלבן ענטפער... איז גאָרנישט געבליבן איבריק ווי צו וואַרפן זיך מיט די לעצטע כוחות צו דער אַרבעט.

באַלד נאָך דער האַלע 54 האָט זיך אָנגעהויבן דער וואַלד. צענדלי־קער שטעגלעך, פאַרשאָטן מיט אַראָפּגעפאַלענע גרינע נאָדלען, זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן און געפירט צו באַהאַלטענע פאַבריקס־בונקערס. איין וועג, אַ ברייטער און אויסגעטראָטענער, האָט זיך אויסגעטיילט אין סאַמע מיטן פון וואַלד, צודעקנדיק מיט זיין ווייסלעכער צונג די וואַלד־האָרבן און אַלט־פאַרגרינטע פעלזן, וואָס האָבן זיך צעשאָטן אים אַקעגן...

ביי דער האַלע האָט יעדער גענומען אַ קעסטל און דערמיט אַוועק אויפן וועג, וואָס פירט צום מאַגאַזין; קומענדיק אין וואַלד אַריין, האָבן טייל אָפּגענויגט אויף די זייטיקע סטעזשקעס, פאַרקראָכן טיף אין וואַלד און אַריינגעוואָרפן זיך אינעם טיפן דרימל, וואָס האָט שוין דאָרט פאַר־גנבעט געוואַרט אויף זיי צווישן דיביימער... ביז צום מאַגאַזין האָבן שוין אַ העלפט מענטשן געפעלט... ביים צווייטן מאָל זענען זיי געוואָרן נאָך ווייניקער, אַזוי אַז די אַרבעט האָט געמוזט דויערן לאַנגע שעהן, ביז אַלע קאַסטנס זענען אַוועקגעטראָגן געוואָרן... זענען געווען אַזלכע היציקע מענטשן, וואָס זענען אַרומגעלאָפן איבערן וואַלד זוכן די באַהאַלטענע און איינגעדרימלטע. עס איז געקומען צו געשרייען און קריגערייַ; די אַרבעט האָט זיך דערמיט אָבער נאָך לענגער פאַרצויגן...

מיטן אָנקומען פון די נייע האָבן זיך די אַלטע באַלד פון אָנהייב וואַלד אָפּגעטראָגן און געלאָזט די גאַנצע אַרבעט פאַר די נייע. די מענטשן זענען נאָך געווען פרעמדע און מורא געהאַט זיך צו טאָן אַ זייטיקן קער

אין וואלד. אָבער ווי פאַרווּנדערט איז מעכעלע געוואָרן, ווען ער האָט דערזען דעם הויכן קאַרנמאַן, ווי ער שלעפּט אַ שווערן קאַסטן באַרג־אַרויף, שוין צום צווייטן מאָל... נישט ווייט פון אים איז געגאַנגען יאַנקל און מיט פאַרבאָרגענע בליקן אָבסערווירט קאַרנמאַנס מינדסטע באַוועגונג... אויסער דעם קאַסטן האָט יאַנקל נאָך געטראָגן אַ גרויסן ברויט-זאַק, אין וועלכן עס האָבן אַרויסגעשטאַרט אַלערליי מאָדנע מכשירים... ווייטער פון אים זענען געגאַנגען נאָך עטלעכע, וואָס האָבן זיך איבער־געווינקען מיט די בליקן... פאַר מעכעלען איז עפּעס קלאָר געוואָרן. ער האָט אין וועג זיך אויסגעגליכט מיט יאַנקלען און שטיל אים אַ ברום געטאָן:

— היינט?

יאַנקל איז ווייטער געגאַנגען, מאַכנדיק אַ קוים-מערקבאַרן צייכן מיטן קאָפּ אויף ניין. ערשט שפּעטער האָט ער זיך אויסגעגלייכט מיט מע־כעלען און שטיל אַ וואָרף געטאָן מיט אַ וואָרט:

— מ׳גרייט צו...

ער האָט דערביי געמאַכט עטלעכע טריט פאָראויס און פאַרשוווּנדן אין מאַגאַזין אַריין.

## II

דער מאַגאַזין פון די ליידיקע קעסטלעך איז באַשטאַנען פון אַן אומ־געוועלעך לאַנגן באַראַק. אינעווייניק האָבן זיך געצויגן רייען פון הונ־דערטער טויזנטער קעסטלעך, וועגעלעך און פאַרשידענעם ברוך. די זון האָט קוים געקענט אַרומנעמען מיט אַ טראָפּן ליכט די ראַנדן פון באַ־ראַק; ווייטער־צו האָבן די קעסטלעך-פּיראַמידן באַשפּיגן מיט שאָטן דעם גאַנצן אַרום... אַן אומהיימלעכער ריח האָט זיך געקנוידערט אין דער לופט און עס איז נישט געווען צו וויסן, אויב דאָס קומט פון די טיפע ווינקלען אָדער פון דער טונקלקייט אַליין... צווישן די קאַסטנס זענען געווען טיפע לעכער-בלויזן, אין וועלכע הונדערטער מענטשן האָבן זיך גע־קענט פאַרשטעקן און קיינער זאָל נישט אַנען אפילו, אַז דאָרט איז עמע־

צער פאראן... געווען חברה־לייט, וואס זענען אריינגעקראכן אין אזא אפ־געלעגענעם ווינקל, געוואָרפן מיט די קעסטלעך און אביסל ווייטער האט מען אפילו קיין גערויש נישט געהערט. די גרויסע הילצערנע קעסטל־ווענט פון ארום האבן אלץ אין זיך אריינגעשלונגען...

דער מאגאזין האט זיך געפונען הארט נעבן די דראטן. צווישן דעם באראק און דער פאבריקס־גרענעץ איז בלויז אדורכגעלאפן א שמאל פא־סעקל באגראזטע ערד. יעדע פאר מינוט איז שנעל פארבייגעגאנגען א פאטרול פון ווערקשוץ און אפילו נישט א קוק געטאן אין דער זייט פון באראק... ס'איז קלאר געווען, אז דורך דעם וועג איז אמלייכטסטן צו אנטלויפן...

מעבעלע האט באוויזן צו באמערקן, ווי יאנקל שארט זיך פארזיכטיק טיפער אין מאגאזין אריין. ער מאכט מכלומרשט אָרדענונג ביי די אָנגע־וואָרפענע קעסטלעך און שרייט פארוואס מען זעט נישט, אז דא זאל ווערן אביסל גרוימער דער פלאץ. ער נעמט די איניציאטיוו אריינצוברענגען דא אביסל סדר, אז די ארבעט אין די קומענדיקע טעג זאל זיין לייכטער. ער האט זיך באלד אויסגעקליבן א גרופקע מיטהעלפער, צווישן זיי דער הוי־כער קארנמאן, און מיט זיי אוועק צום אנדערן עק באראק...

עטלעכע אלטע, וואס זענען געשטאנען אין א ווינקל, האבן גענומען חוזקן:

— א נייער פארזארגער! ער וויל נאך אלץ רייכער מאכן די דייטשן, די בהמה... זיי וועלן אים דערפאר, מסתמא, שטעלן א גאלדענעם דענק־מאל...

אבער יאנקל האט זיך גענומען קאכן:

— חברים, צוליב דעם ליידן מיר... מען דארף זיי ווייזן, אז מיר קענען ארבעטן... אז מיר ווילן אריינברענגען אָרדענונג.... מאָרגן וועל איך עס ווייזן דעם דייטשן מייסטער און זאל ער זען, ווי אזוי יידן קענען מאכן אָרדענונג...

ער האט עס ארויסגעזאגט מיט אזא ערנסט, אז קיינעם האט נישט געקענט איינפאלן, אז ער האט דערמיט אנדערע כוונות... ס'איז אים אבער נישט געלונגען איבערצוצייגן וועמען ס'איז, אז מען דארף טאקע

זיך נעמען צו דער ארבעט, הגם ס'איז נישטאָ קיין אויפזעער... איז בלויז אוועק אהין יאַנקל מיט זיין אָפּגעקליבענער גרופּע....

ווען די אַרבעט איז פאַרטיק געוואָרן, איז שוין יאַנקל צוריקגעגאַנגען אָן זיין ברויט־זאַק... אויפן וועג ערשט האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט אים דאָרט פאַרגעסן... אָבער דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט געפירט די גרופּע, האָט אים אויסגעלאַכט:

—קיינער וועט דיר דאָרט דיינע מציאות נישט אוועקנעמען...

יאַנקל האָט זיך אָבער נישט געקענט טרייסטן:

— כ'האָב דאָרט מיין העמד... אַ פּאָרציע ברויט...

עמעצער פון דער ריי אַרום האָט געחוזקט:

— דאָס איז גוט צו וויסן... מאָרגן וועל איך זיין דער ערשטער, וואָס וועל גיין צו דער צוגאָב־אַרבעט... סיי־ווי מעגסטו זיך שוין געזעגענען מיט דיין האָב־און־גוטס, וואָס דו פאַרמאָגסט דאָרטן... אין ווערק צע פאַרגעסט מען נישט...

האָט קיינער אפילו נישט געזען דעם קרומען שמייכל, וואָס יאַנקל האָט צוגעוואָרפן זיין באַגלייטער, שיקאָראַן... איצט, הייסט עס, איז דער לעצטער חשד אָפּגעווישט געוואָרן... די צוגעגרייטע כלים אויפן וועג זע־נען שוין באַהאַלטן אויף אַ זיכער אָרט, נישט ווייט פון די דראָטן...

דער פאַרנאַכט אין לאַגער האָט זיך גאָרנישט אונטערגעשיידט פון אַנדערע נעכט.

## III

דינסטיק נאָך דער אַרבעט אין דער קאַיוטע האָט מען ווידער אויס־געשטעלט די גרופּע צו דער צוגאָב־אַרבעט. קיינער האָט זיך שוין איצט נישט אָקעגנגעשטעלט מיט קיין וואָרט. אַמאייפריקסטן האָט זיך יאַנקל געריסן צו דער אַרבעט. ער האָט צוזאַמענגענומען זיינע געשווירענע און מיט אַלע כוחות אונטערגעאיילט, מ'זאָל וואָס שנעלער זיך לאָזן צום וועלדל. פון יעדן וואָרט זיינעם האָט מען אַרויסגעשפּירט די נערוועזיטעט, הגם ער האָט זיך באַמיט דאָס צו פאַרדעקן...

קומענדיק נענטער צום מאגאזין, האָבן זיי זיך אָפּגעטיילט אין אַ באַזונדער גרופּע. יאַנקל האָט קאָמאַנדעוועט אויפן קול:

— חברה, מיר וועלן זיך נעמען צו דער ארבעט און אַהיימגיין פריער... מיר וועלן אַוועקטראָגן 400 קאַסטנס און די רעשט זאָלן מאַכן בלויז 100... לאָמיר ווייזן דער פּוילער חברה ווי אַזוי מען דאַרף אַר־בעטן...

עמעץ אַ סקעפּטיקער האָט זיך הויך געוואונדערט:

— קוקט נאָר אָן... דער הויכער קאַרנמאַן איז דאָך אויך צווישן די גוטע אַרבעטער! אַבי איך האָב געמיינט, אַז ער קען קיין שטרוי נישט דערטראָגן... חברה, דאָ איז נישט אַזוי גלאַטיק דאָס עסק...

פון אַ ווינקל האָט מען אים אָבער אָפּגעשייגעצט:

— דע, וואָס איז דיין עסק דערצו!? ער וויל אַרבעטן מיט די געזונטע — זאָל ער!

— אפשר וויל ער זיך דערמיט איבערציינן, אויב ער לעבט נאָך אויף אַן אמת... ווער עמען קען דאָס אַרן?

ווען דער עולם איז אַוועק דאָס אַנדערע מאָל צו דער האַלע, ברענגען פרישע קאַסטנס, האָט יאַנקל אַ שלעפּ געטאָן מעבעלען ביי אַ לאַץ און שטיל אים אַריינגעבלאָזן, מיט אַ דענערווירטן אָטעם, איין וואָרט בלויז:

— בלייב דאָ איבער...

זיי זענען פאַרקראָכן אין דער גאָרער טיף פון מאַגאַזין, צווישן צע־וואָרפענע בערג מיט קאַסטנס. דאָרט זענען שוין געלעגן אַוועקגעלייגט זעקלעך מיט פאַרשידענע מכשירים. יאַנקל האָט שנעל אויסגעשאָסן:

— מיר קערן זיך שוין היינט נישט אום אין לאַגער אַריין...

אין זיינע אויגן האָט עפּעס זיך שאַרף צעגלאַנצט... ער האָט אָנגע־כאַפּט מעבעלעם האַנט און עטלעכע מינוט זי געהאַלטן אין זיינער, אָן צו קענען פון זיך אַרויסברענגען אַ וואָרט... אויך מעבעלען האָט אַרומגע־נומען אַ צער, וואָס האָט גענומען שפּאַרן מיט פייכטקייט אין די אויגן אַריין... ער האָט געפילט, ווי דאָ שטייט ער ביי דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט... און דאָ, דאָ שטייט פאַר אים איינער פון די, וואָס גייען איצט אַוועק צום טויט אין לאַנד אַריין אויף אויסשפּיר... אין אַ פּאָר שעה אַרום

קען שוין דער זעלבער ליגן ערגעץ מיט אַן אַדורכגעשאָסענעם שאַרבן... און דאָ שפּראָצט נאָך פון אים מיט געזונטקייט, מיט לעבן אונטער דעם פאַרמאַטערט-מידן פּנים... יאַנקל וויל עפּעס נאָך זאָגן, ער טראַכט איצט, קענטיק, וועגן אַ סך זאַכן; אַלץ קאָכט זיך אָבער ביי אים אין מוח... אים דוכט זיך, אַז מעכעלע טראַכט מיט צוזאַמען מיט אים וועגן אַלע זאַכן... האָט ער בלויז אָפּ דעם שטומען שמועס מיט אַ וואָרט:

— פאַרשטייסט?

גלייך ווי ער וואָלט אים שוין אַלץ געגעבן צו פאַרשטיין מיט די אויגנ-בליקן... ער קומט אָבער באַלד צו זיך. פון די אויגן פאַרשווינדט דער פּייכטלעכער נעפּל און זיין פּנים נעמט פּלוצים אָן אַ שטרענגן אויסדרוק:

— נו, מעכעלע, דו גייסט נישט מיט אונדז... ערשט איצט פאַר־שטיי איך דיך... קוק אָט דאָרט אויף דער צווייטער זייט פון די דראָטן — דאָרטן מוזטו זיך שוין היטן פאַר יעדן-יעדן מענטש... דאָרטן טאָר דיך שוין קיינער נישט זען! ווי אַזוי דו זאָלסט דאָ נישט זיין, מעגסטו זען אַ דייטש, אַ פּאָליאַק ביז צום שטאַרבן... דו קענסט פון אים כאַפּן אַ שטויס, אַ קלאַפּ אָבער דו ווייסט, אַז קענסט נאָך אָנזען אַ מענטש... פון היינט אָן וועל איך עס מער נישט קענען; נישט זען קיין מענטש, נישט ווייזן זיך פאַר אים... אַ מענטש — דאָס איז פון שפּעטער אָן פאַר מיר דער טויט... מעגלעך אַז דאָרט, צען מעטער ווייטער וואַרט אויף מיר אַ ביקס... אָט קוקט זי נאָר אויס, איך זאָל אַריבערשפּרייזן אַ טריט... נאָר טאָמער נישט, שווער איך דיר, אַז איך וועל בייסן גאָרגלען... ווי אַ חיה וועל איך זיך וואַרפן אויף יעדן... קען איך נישט זיין צווישן מענטשן — וויל איך ווערן אַ טיגער... מיט נעגל און שפּיציקע ציין... פאַרשטייסט?..

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ רגע און דאַן אָפּגעהאַקט:

— נו, און איצטער זיי מיר געזונט... מעכעלע... מעכעלע...

מער האָט ער נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך קיין וואָרט...

פון אַ ווינקל איז אַרויסגעקראָכן קאָרנמאַן. ער איז געווען מאָדנע רו־איק. ער איז צוגעקומען און שנעל אַריינגערוקט זיין בינטל ביינער מע־בעלען אין האַנט אַריין:

— נו, זיי געזונט... מיר וועלן זיך שוין זיכער מער נישט זען...

ביידע האָבן זיך שנעל אריינגערוקט צווישן די קאַסטנס און פאַר־שווונדן. שיקאָרע האָט שטיל אַ בעט געטאָן פון אונטער די קאַסטנס אַפּער:

— מעכעלע, מ׳קען דיך נאָך באַמערקן און מיר זאָלן אַלע אַדורכ־פאַלן... גיי צוריק צו דער גרופּע... זע, זיי זאָלן שנעלער אַוועקגיין אין לאַגער...

ס׳איז מאָדנע צו טראַכטן, ווען מען שטייט צווישן בלויזע קאַסטנס, שטומע קאַסטנס, אונטער וועלכע הערצער ווערן דאָרט צעשפּרונגען פון דערוואַרטונג און אומרו... ווערט מעכעלע טרויעריק... עס טוט אים עפּעס אַזוי באַנג, אַז ער פילט ווי עס ציט אים, אַ געהיימער כוח אַזאַ, זיך אַרונטערצולייגן אונטער איינעם אַ שטויס מיט קאַסטנס און בלייבן אַזוי ווי די אַלע דאָ... רייסט ער זיך מיט גוואַלד אַוועק פון זיין אָרט און טוט בלויז נאָכאַמאָל אַ בליק צו דער איינגעשוויגנקייט פון אַרום און געזעגנט זיך מיט דער אַנגעלאָדענער לופט:

— זייט מיר געזונט... זאָל אייך גאָט שיצן...

די שטילע לופט האָט אים געזעגנט מיט אַ דערשטיקטן יאָמער...

## IV

ווען מעכעלע איז צוגעקומען צו דער האַלע, האָט די גאַנצע גרופּע שוין געוואַרט. דער פּאָליציאַנט איז געשפּרונגען פון אויפרעגונג. עס האָבן אים נאָך געפעלט עטלעכע מענטשן פון דער גרופּע און ער האָט נישט גע־קענט גיין צו דער ביוראָ נעמען די באַשטעטיקונג פאַר זיין צאָל. ווען ער האָט דערזען מעכעלען, האָט ער זיך פון דערווייטנס געלאָזט צו אים מיטן שטעקן:

— דו לויזער איינער, צוליב דיר מוז אַ גאַנצער עולם וואַרטן... מיינסט אַז דו ביסט אין דיין קאַפע?

ווען ער האָט אָבער דערזען מעכעלעס טויט־בלאַסע פּנים, ווי ער וואַקלט זיך אויף די פיס ווי אַ שכור, האָט ער אים בלויז געגעבן אַ שמיר מיטן שטעקן און צוגעטריבן צו דער ריי... די מענטשן פון דער ריי

האָבן זיך אויפגעהערט צו בייזערן, נאָר גענומען זאָרגעוודיק באַטראַכטן מעכעלען:

— וואָס איז מיט דיר? ערשט אַ וואָך צייט דאָ פאַראַן און שוין פאַרביי...

אָבער מעכעלעס געדאַנק האָט איצט געבלאָנקעט ערגעץ אַנדערשוואו און ער האָט אָפילו נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים... אויגנבליק־לעך האָט ער זיך אָבער איבערגעקלערט, אַז ער קען דאָ עפּעס פאַרדעכטיק ווערן, האָט ער הויך און פרעמד אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז מיר גאָרנישט... דער קאָפּ האָט זיך מיר בלויז פאַרדרייט און כ'בין געפאַלן אין חלשות... אָבער כ'וועל צוריקקומען צו זיך...

דערווייל האָט מען געזוכט די פעלנדיקע איבער די נאָענטע האַלעס... דער פאַראַרבעטער איז אַוועק זוכן אין וואַלד און צוריקגעקומען מיט גאָר־נישט. ער האָט דערפאַר געהאַלטן אין איין זידלען:

— אַזעלכע לאַכודרעס! ווער ווייסט, ווי לאַנג מען וועט דאַרפן שטיין צוליב זיי...

אַן אומדרייסטע שטים האָט זיך אָנגערופן:

— הער פּאָליציאַנט! אפשר זענען זיי אַמאָל אַנטלאָפן?

צאַלקע, דער פאַראַרבעטער, האָט אים אָבער איבערגעשלאָגן די רייד:

— גיי שוין! דאָס איז פאַר זייערטוועגן אַביסל צו פרי... אין אַ וואָך צוויי אַרום וועט מען זיי דאַרפן צוהיטן... אָבער איצט? זיי ווייסן אָפילו נישט, ווו די דראָטן שטעקן...

נאָך אַ לאַנגן ישוב איז מען געקומען צום אויספיר, אַז די נייליגנגען האָבן זיך געמוזט אַריינפּלאָנטערן אין אַ צווייטער גרופּע, וואָס איז פריער אַוועק אַהיים... דאָס האָבן זיי זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון דער צוגאָב־אַרבעט... דער מגושמער פּאָליציאַנט איז אַוועק אין ביורא און אויפגע־געבן די נעמען פון די פעלנדיקע... גאַיעווטשיק האָט זיי פאַרשריבן ביי זיך אין נאָטיץ־ביכל און צוגעזאָגט זיי מאָרגן צו באַשטראָפן ווי געהע־ריק און אַרויסגעגעבן אַ צעטל צום טויער... מעכעלע האָט לייכטער אויפ־געאָטעמט... ווען מען אַנטדעקט זיי, וואָלט אויף אים געווען דער חשד,

אַז ער האָט עס אויסגעפּלוידערט... אַזוי וועט מען זיך ערשט דערוויסן דערפון טיף אין דער נאַכט...

ווען די גרופּע איז אָנגעקומען אין לאַגער, איז די נאַכט שוין צוגע־פאַלן אין בהלה. די מענטשן האָבן זיך צעשיט מידערהייט איבער די באַראַקן. אויף מעכעלען האָט שוין געוואַרט מענדל מיט אַ סודותפולער מינע:

— נו....

מעכעלע האָט אים געבעטן מיט די אויגן:

— שאַ!...

און ביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען...

די באַראַקן האָבן זיך גענומען צומאַכן. ביים טויער אַקעגנאיבער איז געשטאַנען דער קאָמענדאַנט מיט עטלעכע פּאָליציייליט און זיך פאַר־זאָרגט מיישב געווען איבער עפּעס... דער מגושמער פּאָליציאַנט פון מע־כעלעס גרופּע איז געקומען צולויפן אַ פאַרצאָגטער און דער קאָמענדאַנט האָט אויף אים געהאַלטן אין איין שרייען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, מ'האָט קוים געקענט הערן פון דערווייטנס זיינע דראָאונגען:

— מאָרגן שיק איך דיך צו דער פּיקרין! ווי גאָט איז מיר ליב...

די לעצטע גרופּן זענען אַריינגעקומען. דער ציילער ביים טויער האָט צום וויפלטן מאָל קאָנטראָלירט די ליסטעס... אַלע מאָל האָבן אים געפע־מען פעלן מער מענטשן... אַלע פּאָליציייליט זענען געקומען אָנצולויפן... עס איז געקומען די פרוי מיטן ווייסן מאַנטל און מאַיעסטעטיש עפּעס אַ פרעג געטאָן. די פּאָליציאַנטן האָבן אַלע הויך איר אָפּגעענטפערט:

— ס'איז נישט מעגלעך, פּאַני קאָמענדאַנטין... נישט מעגלעך... זיי האָבן זיך דאָ זיכער פאַרפּלאָנטערט ערגעץ... אָדער מען האָט זיי גע־כאַפּט צו דער צווייטער שיכט... עס זענען היינט אַוועק ווייניקער מענטשן צו דער אַרבעט... זייט רואיק...

די פרוי אָבער האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן. זי האָט בלויז גע־וואָרפן אַ שטעכיקן בליק אין דער זייט פון דער פּאָליציי און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון די באַראַקן... ווען זי איז צוגעקומען צו מעכעלעס באַראַק, האָט זי דענערווירט אַריינגעשריגן:

— די גאַנצע באַנדע זאָל שוין זיין אין דרויסן אויפֿן פּלאַץ!
און מיט איר לעדערנער בייטש האָט זי אַ פּאַך געטאָן צו דער זייט פֿון דער פּאַליציי:
— ארויסטרייבן מיר אַלעמען אויפֿן אַפּעל־פּלאַץ...
שלעפּערדיקע פיגורן האָבן זיך געוויגט אונטער דעם בלאַסן אָפּשיין פֿון די קאַרגע לעמפּלעך אויפֿן הויף... אַנדערע האָבן געמיינט, אַז עס קומט ווידער פֿאַר אַ סעלעקציע און זיי האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די בעטן — האָט מען זיי געשלעפּט נאַקעטע און איינגעשמירטע... עטלעכע פּאַליצייליט זענען געלאָפֿן אין פֿאַבריק אַריין איבערצוזען די נאַכט־שיכטן און עס איז נישט מעגלעך געווען צו דערגיין, וווּ מען איז אין דער וועלט. דערווייל האָט מען מורא געהאַט, אַז די מאַכט זאָל זיך נישט דערוויסן פֿון דעם טומל; מעגלעך, אַז אַלץ וועט זיך אויסגלייכן... האָט מען די אַרויסגעטריבענע צוריק אַריינגעיאָגט אין די באַראַקן מיט גע־שלעג און בהלה...
ערשט פֿאַרטאָג האָט מען זיך דערוווּסט פֿון עטלעכע צענדליק מענ־טשן, וואָס זענען ביינאַכט אַריבער די דראָטן און נעלם געוואָרן...

## קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

### I

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס זענען געווען עטלעכע אָרגאַניזיר־טע גרופּעס. אין דער צייט, ווען יאַנקל מיט זיינע מענטשן זענען געלעגן אינעם מאַגאַזין און אָפּגעוואַרט די נאַכט, ווען עס וועט זיין לייכטער אַריבערצוגיין די דראָטן; אין דער זעלבער צייט איז די נאַכט־שיכט פֿון דער טראַנספּאָרט־אָפּטיילונג געקומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן גראָד גע־האַט אויסצולאָדן אַ צוג מיט גראַנאַטן. די באַן־ליניע איז געווען האַרט ביי די דראָטן און די נאַכט איז גראָד געווען אַ פֿינצטערע... נעבן דעם צוג איז געווען אַן אָפּגעצוימט טירל, דורך וועלכן די וועקשוץ זענען

אריינגעקומען אין פאבריק אריין. דער וואגאן, וואס איז געווען אנגע־שטעלט קעגן טירל, איז געווען פארנומען פון בלויז נייע מענטשן... ביים וועלן זיי שפעטער אריבערפירן, אין מיטן נאכט, צו א צווייטער ארבעט — האט מען געטראפן א ליידיקן וואגאן... דאס טירל, אין דער דראטן־צוים איז געווען אויפגעריסן און ס׳האט אויסגעזען ווי דער גאנצער טויער וויל עפעס דערציילן מיט זיין אפענעם מויל, נאר ער האט פארלוירן דאס לשון פון איבערראשונג...

מיט יענער גרופע איז אוועק שלמהלע גרינער, דער בעל־עגלה פון קאמאראוו. מיט אים זענען אוועק די געזונטסטע יינגלעך פון זיין גרופע. מיט יאנקלען זענען אוועק זיבן מאן פון מעבעלעם קאיוטע. א דריטע גרו־פע איז אוועק פון דער שכנותדיקער האלע 54... דאס איז געווארן דער אנזאג פאר דעם אויפברויז וואס וועקט זיך אין לאגער. דאס איז געקו־מען אזוי אומגעריכט, אז קיינער פון די אנטלאפענע איז נישט דערשאסן געווארן ביי די דראטן. די נאכט האט זיי איינגעשלונגען און אוועקגע־טראגן ערגעץ ווייט, אין אירע שווארצע איינגעווייד אריין...

שעטשקא האט זיך נישט געקענט שענקען:

— אזעלכע נבלות! אפילו אזא אלטער זדעבליאק, ווי קארנמאן, וואס האט געמאכט דעם אנשטעל, אז אט־אט גייט ער אין קבר אריין... אפילו ער האט באוויזן צו פארשווינדן...

די פוילישע שגצים האבן שוין געוווסט צו דערציילן, אז די חברה איז געווען באוואפנט פון קאפ ביז די פיס... אז זיי זענען אוועק אונטער־צינדן פוילישע שטעט און דערפער... וועגן הויכן יאנקל האבן זיי „גע־ווסט גענוי", אז ער איז ספעציעל אראפגעווארפן געווארן מיט אן עראפ־פלאן פון די רוסן, ער זאל ארגאניזירן א סאבאטאזש־ארגאניזאציע און אז צווישן די יידן געפינען זיך א סך אזעלכע, וואס מאכן בלויז דעם אנ־שטעל פון קראנקע, שוואכע ברואים... זיי האבן אזוי לאנג צווישן זיך גע־דעדט דערוועגן, אז אפילו די, וואס האבן די אלע געשיכטעס אליין אויס־געקלערט, זענען באווירקט געווארן פון די אייגענע רייד... די פוילישע פאנטאזיע האט דא געהאט די בעסטע מעגלעכקייט פונאנדערצושפרייטן די פליגל...

קיין ספּעציעל־דראַקאָנישע סאַנקציעס קעגן לאַגער זענען דאַסמאָל נישט אָנגעווענדט געוואָרן. בלויז אין די האַלעס האָט מען שטאַרקער גע־נומען זיך צום היטן די מענטשן. צוויי יינגלעך, וואָס זענען ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען אַ טריט פון דער האַלע זיך פּיזיש צו דערליידיקן, זענען פון דער ווערקשוץ דערשאָסן געוואָרן אָן אַ וואָרענונג. דאָס געיעג ביי דער אַרבעט איז פאַרגרעסערט געוואָרן און פאַרביסענער... די וואָס האָבן נאָך מורא געהאַט פריער צו לויפן, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט, מען זאָל צוליב זיי דערשיסן אומשולדיקע מענטשן פון לאַגער, זענען איצט דער־מוטיקט געוואָרן. גאַנץ באַזונדער האָט געווירקט דער פאַקט, וואָס מען האָט קיינעם פון די מענטשן נישט געכאַפּט אין דער ערשטער מינוט... עס האָבן גענומען אַרומגיין שטילע קלאַנגען, אַז זיי זענען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט אַ באַוואָפנטער באַנדע, וואָס גראַסירט אין די אַרומיקע וועלדער... עס איז בלויז געווען, מען זאָל זיך דערווייטערן אַ קילאָמעטער פון די דראָטן און שוין טרעפט מען זיך אָן אויף זיי... קיינער האָט גאָר־נישט געקענט פעסטשטעלן און גאָרנישט אָפּלייקענען... פינדיקע קעפּ האָבן יעדן טאָג געפונען אַנדערע מעגלעכקייטן זיך אַרויסצובאַקומען איבער די דראָטן. מען איז אַרויס דורך די נידעריקע דראָטן ביים „זעקסטל" דורכן וואַלד, וואָס גרענעצט זיך מיט שמיצס אָפּטיילונג און דורך די אָפּ־געלעגנסטע מאַגאַזינען...

די אָפּגעלאָזענע לאַגער־ביוראָ האָט זיך נישט געקענט אַן עצה געבן מיט דעם כאַאָס. אַלע טאָג האָט זיך די צאָל מענטשן געביטן. די פּאָליציי האָט געמוזט נאָך דער אַרבעט די מענטשן אָפּהאַלטן לאַנגע שעהן אויף דעם אַפּעל־פּלאַץ. מען האָט איבערגעלייענט די קאַרטאָטעקן ביז טיף אין דער נאַכט אַריין, איבערגעשריבן... איבערגעשטעלט... אָבער צוליב דעם געמיש פון די שיכטן האָט מען קיינמאָל נישט געקענט פעסטשטעלן אויף גענוי, ווי אַזוי עס זעט אויס דער „באַשטאַנד"...

צוליב דעם אַנטלויפן האָבן די ווערקשוץ געטשאַטעוועט אין די וועל־דער און אַלע טאָג געמאָלדן עטלעכע פאַלן פון דערשיסונגען. נישט שטענדיק האָבן זיי געקענט פעסטשטעלן די נעמען פון די אַנטלאָפענע... דערצו זענען יעדן טאָג געשטאָרבן מענטשן אין דער טיף פון באַראַק־

פריטש און די קליידער זענען ביי זיי אוועקגעשלעפּט געוואָרן נאָך איידער מען האָט דאַווענען געמאָלדן דער קאָמענדע... האָט מען די טויטע אַוועקגע־פירט אויפן שים־שטאַנד צו באַגראָבן, נישט ווויסנדיק זייער נאָמען...

נישט אויפצופאַלן ביי די דייטשן, האָט די קאָמענדע אַדורכגעפירט אַן אינערלעכע ציילונג... לויט דער צאָל האָט מען אַרויסגעצויגן די ערשטע־בעסטע נעמען פון דער פריערדיקער ליסטע און פעסטגעשטעלט, אַז דאָס זענען די לעבעדיקע... די אַנדערע נעמען, וואָס זענען געווען אין דער פריער־דיקער ליסטע און אַריבערגעשטיגן די פאַקטישע צאָל פון די פאַראַנענע לויט דער ציילונג — האָט מען פאַרשריבן אַלס טויטע און אַנטלאָפענע... אַזוי אַרום איז די בוכהאַלטעריע אויסגעגליכט געוואָרן... פאַר די דייטשן איז עס געווען אין אָרדענונג: אַזויפיל מענטשן און — אַזויפיל פאַר־שריבענע... נאָר ווען איינער אַ נאָמען איז עטלעכע טעג נישט געקומען צו דער אַרבעט און דער פאָליציאַנט זיינער איז אים אַרומגעלאָפן זוכן איבער די באַראַקן, האָט ער געקענט משוגע ווערן... נישט איינמאָל האָט ער געזוכט אַ בחור וואָס איז צוויי טעג נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט און פעסטגעשטעלט, אַז דער טרעגער פון דעם נאָמען רוט זיך שוין לאַנגע חדשים אויס פון דער שווערער אַרבעט אין אַנדערע וועלטן... דערפאַר אָבער האָבן אַ סך טויטע פון די ביכער אַרויס נאָך געהאָרעוועט מיט די זייטן, געשלאָגן געוואָרן און אַפילו נישט געוווסט, אַז זיי קענען זיך חדשים אויסבאַהאַלטן אין לאַגער און קיינער וועט קיין טויטן נישט אַרומזוכן...

די מענטשן זענען געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, זיך אָפּט נישט געקענט זען גאַנצע וואָכן מיט די נאָענטסטע חברים און שפּעטער זיך דערוווּסן, אַז יענער איז שוין לאַנג טויט... אָדער פאַרקערט: נאָכזען אין דער רשימה אין וועלכער האַלע יענער אַרבעט און ווען ער האָט זיך צוגעכאַפּט פון זיין אַרבעט, זיך זען מיט יענעם אויף אַ מינוט, האָט ער דאָרט אָנגעטראָפן אַן אומבאַקאַנטן...

דער מענטשלעכער נאָמען האָט אין ווערק צע פאַרלוירן זיין רעכט...

## II

עס איז טרויעריק געוואָרן אין לאַגער. ביז איצט האָט מען געליטן, געקריגן שלעק, געהונגערט... דאָס האָט אַלץ אָנגעשפּאַרט אין די אברים פון גוף. עס האָט ווי געטאָן, ווייל עפּעס פון אויסן האָט געדריקט, גע־ריסן שטיקער... אָן אינערלעכער ט ר ו י ע ר, אפילו דאַן ווען מען עסט, ווען מען רוט, דאָס איז ערשט שפּעטער געקומען. עס האָבן צוריק אויפגעוואַכט געפילן, וואָס האָבן פאַרבענקט געריסן ערגעצוווּ און די וועלט פון אַרום איז ענג געוואָרן...

מעבעלען ווונדערט, וואָס אין די פאַרנאַכטן זעט ער נאָך מיידלעך לאַכן, בחורים זיך פראַנטעווען, אין דער צייט ווען דאָ איז איין שטיק גרויסער טרויער, איין באַלעם מיט לופטיקער, אומגעזעענער ווייטיק... די תחילת־אָוונטן זענען דאָ שיין. די נאַכט וויגט דאָ איין די ביימער ווי מידע קינדער; בלויז די מענטשן וויל זי נישט נעמען אין איר רואיקער שויס אַריין... זיי דרייען זיך, לויפן און קענען נישט אַנטשלאָפן ווערן...

אין מעבעלעס באַראַק איז פול מיט טומל. אונטער זיין פּריטשע ליגט דער עלטערער קעסטנבערג פון וואַרשע. אים האָט עס אָפּגעגליקט. אָנשטאָט צו אַרבעטן אין דער האַלע, ווען ער איז צוגעטיילט געוואָרן צו דעם טראָטיל, האָט גאַיעווטשיק אים באַשטימט אַ לייכטערע אַרבעט: זיין דער שומר פון דעם קלאָזעט אין דער האַלע... שטייט ער אַ גאַנצן טאָג דאָרט מיטן בעזעם, רייניקט אָפּ די פאַרשמוצטע פּאַפּירן פונעם ברעטל, וואַשט אָפּ די בלוט־שפּורן, וואָס עמעצער, אַ קראַנקער לאָזט נאָך זיך איבער און שפּעטער לאָזט ער זיך צוריק אין זיין ווינקל און וואַרט... ער האָט זיך אַפילו צוזאַמענגעקלאַפּט אַ בענקעלע פון עטלעכע ברעטלעך, אויף וועלכן ער זיצט אין די פרייע מינוטן און ציט מיד אַריין אין זיך די גאַנצע געסרוחע פון קלאָזעט... ער טאָר אויף אַ מינוט נישט אַרויסגיין פון דאָרט אין דער צייט פון דער אַרבעט. ער מוז אונטערטרייבן די וואָס זיצן דאָרט אַביסל לענגער, זען אַז יעדער, וואָס קומט אַריין, זאָל אָפּטאָן זיינס און אַרויסגיין... ווערט ער אינגאַנצן אָנגעזאַפּט מיט דעם דאָרטיקן

ריח... עס שטינקט פון זיינע קליידער, פון קאפ, פון די הענט... פון זיין אטעם...

...איינער פון די רייכסטע מענטשן געווען אין ווארשע. געהאט באהאלטן געלט און דערמיט געלעבט אין געטא ביזן אויפשטאנד... אין מאידאנעק האט דער הונגער אים באלד געכאפט ביי די פיס און זיי אנגעבלאזן... ס'איז א סוד, ווי אזוי ער האט זיך דא אריינבאקומען אין דער גרופע, וואס איז ארויס לעבעדיק און געשיקט געווארן אויף ארבעט... מעגלעך, אז דערצו האט אים מיטגעהאלפן זיין ריזיקער גוף, וואס האט אים געקענט צוקלעפן די מארקע פון א גבור, וואס קען נאך טויגן צו שווערער ארבעט... דער הונגער פרעסט אים אבער אויף... ווען ער קומט צוקריכן פון פאבריק אין באראק אריין, קען ער ווען גארנישט קלערן. ער ציט זיך באלד אויס אויף זיין פריטשע, מיט די בגדים און מיט דער צואהדיקער בלאטע אויף די האלץ־שיך... דער מידער שוויס צעפרייעט זיך צוזאמען מיט די ריחות, וואס ער האט מיט זיך געבראכט און דערשטיקן שיעור זיינע שכנים...

צוזאמען מיט אים איז מיטגעקומען זיין הויכגעוויקסיקער, איינציקער זון. דאס זיבצניעריקע יינגל איז נאך פארצערטלט און פון זיין נשמה זענען נאך נישט אויסגעווישט געווארן די פארהיימישטע מאמע־שפורן... ער קען נאך וויינען, ווען עס פעלט אים עפעס, ווען עס געפעלט אים נישט דאס, וואס ער האט... ער שלאפט מיטן פאטער אויף איין פריטשע און האלט זיך אין איין רייסן מיט פארפיעשטשעטער קינדערישקייט:

— טאטעשי, איך קען נישט אויסהאלטן נעבן דיר... אוי, ווי עס שטיקט מיך!... טאטעשי, גיב מיר אן אנדער געלעגער... גיי צו די קאמענדאנטן... שאף פאר מיר א שמיק ברויט... אוי, ווי הונגעריק איך בין... א שטיקעלע באטש... טאטעשי...

זיין געוויין רייסט אין מוח, צעשרויפט די נערוון פון די ארומיקע, וואס ווילן מיט געוואלט א דרעמל טאן... עמעץ פון דער הויך טוט אין אויפרעגונג א געשריי אראפ:

— דו, קליין הינטל... וועסט פארשוויגן ווערן אדער נישט!? ביי

מיר קענסטו פועלן, אז כ'זאל ארונטערגיין און דיך דערשטיקן... שפיל נישט אויף די נערוון... ביסט נישט מער אין דיין טאטנס פאלאץ...

דאס ייִנגל דערשרעקט זיך נאך מער פאר דעם כריפּענדיקן קול, וואס קומט פון אן אומגעזען ארט... דאס וואָרט „דערשטיקן" ווארפט אן אויף דעם נאאיוו־אפגעהיטענעם ייִנגל פון דער היים נאך מער פחד און ער נעמט שרייען נאך העכער און היסטערישער:

— טאטעשי! טאטעשי! פיר מיך אוועק פון דאנעט! איך האב מורא דא צו זיין... איך וויל נישט... איך בין הונגעריק... קום לאמיר ערגעץ גיין..

ארום און ארום קרעכצן די ברעטלעך פון די געלעגערס, גופים, וואס ווילן רו, דרייען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. טייל באמיען זיך הויך צו שנארכען, מיינענדיק אז אזוי ארום וועלן זיי ארייִנקריכן אין דער געפּאנצערטער הויט פון דעם שלאף... אבער דעם קליינעמס געוויין קריכט שפּיציק אריין אין מוח, אין די געהירן:

— אוי, טאטעשי, ווי טרויעריק דא איז... וועסט זען ווי כ'וועל משוגע ווערן...

א באהארט געשטאלט קריכט אראפ פון דער אויבערשטער פּריטשע און לאזט זיך מיט באנעגלטע הענט אין דער ריכטונג פון קעסטנבערגס געלעגער... ער גייט מיט די הענט אויסגעשטרעקט און אין דער טונקל זעט ער אויס ווי א שליח פון א שדישער, גרויזאמער וועלט... זיינע ציין קריצן אין כעס, וואס זיי האבן נאך נישט אין וועמען זיך אייַנצובייסן און פון זיין אונטערקעל רייסן זיך הייזעריק־אפגעריסענע ווערטער:

— דערשטיקן... דערשטיקן אים, דעם ממזר...

א ווײַלע פארלירט דאס ייִנגל זיין לשון פאר פחד... באלד אבער צערעוועט ער זיך אויפסניי אין משוגע־געוואָרנקייט און שרעקט:

— טאטעשי!.. טאאאטעשי!...

דער פאטער, וואס ליגט די גאנצע צייט ווי אין א פארטראגענער טויבקייט, טוט זיך פלוצים א טרייסל. ער זעצט זיך אויף מיט א האלבן גוף און שפּרייט אויס די הענט, ווי ער וואלט זיך געגרייט צו באשיצן עמעצן פון א גרויס געפאר... דאס געשטאלט, וואס איז שוין ביים גע־

לענער, פארלירט אין מיטן דעם מטורפן כעס און הייבט אן רעדן מיט א געבעט, מיט דערשטיקטע טרערן:

— ייד, וואס ווילט איר האבן פון אונדז? מיר האבן די איינציקע פאר שעה! פארוואס זאלט איר אונדז נישט געבן קיין רו? צי זענען מיר שולדיק, וואס איר האט אייער זינדל אזוי פארצערטלט? ער וועט דאך אונדז אלע אראפפירן פון זינען... עפעס א קלייניקייט? זיך נישט אויס־צושלאפן א נאכט, צו קריגן געשטאכן מיט אזעלכע שפיזן אין די געהירן און מארגן גיין אויף צוועלף שעה שלעפן די שווערע גראנאטן...

קעסטנבערג האט זיך ווי פלוצים דערמאנט אין זיין זון. עס האט אים א שלאג געטאן צום קאפ די גאנצע פאטערלעכע זארג, אלע יארן מיט האפענונג וואס ער האט אין דעם יינגל באגראבן... איצט האט ער גע־האט, ווער עס זאל אויף אים אניאגן א טרויער. ער האט זיך גענומען בעטן ביים יינגל מיט א פארשטיקטן געבעט:

— יורעק... יורעקל... ווען כ'האב געהאט, האב איך דיר אלץ נאכ־געגעבן... ווייסט דאך... וואס זאל איך דיר דא טאן? זעסט דאך, ווו מיר געפינען זיך...

אינצווישן האט ער זיך עפעס דערמאנט. ער האט זיך עפעס לאנג געגראבלט אין די פארשמוצטע טאשן פון זיינע הויזן און פון דארט ארויס־געשלעפט א טייל פון זיין פארציע ברויט, וואס ער האט באהאלטן אויף אינדערפרי און עס ארייגעשטופט דעם יינגל:

— נא, דא האסטו ברויט...

אין באראק איז צוריק שטיל געווארן. מ'האט קוים געהערט דאס שטילע כראמטשען פון יינגל מיט דער צונג, ווי א יונג וועלפל...

אין א פאר מינוט ארום בלויז האט מעבעלע געהערט, ווי דאס יינגל פרעגט עפעס אין דער שטיל דעם פאטער מיט דערשראקענער אי־בערגערעכנטקייט:

— טאטעשי, און וואס וועסטו עסן אינדערפרי?

דעם ענטפער האט ער שוין נישט געהערט.

## III

אין א ווינקל פון באראק איז געשלאָפן פויזנער מיט זיין יינגל. זיי האָבן זיך געטראָפן בלויז ביינאַכט און דאָס — נאָר ווען דער פאָטער האָט געאַרבעט אין דער טאָג-שיכט. פויזנער איז געווען א רירעוודיקער און מיט זיינע אויגן האָט ער דערזען דאָס, וואָס קיינער האָט נישט גע־קענט באַמערקן. באַלד די ערשטע טעג האָט ער שוין אויסגעפּרוווט אַלער־ליי קאָמבינאַציעס מיט זיין אָנטאָן און פון אונטער דער ערד האָט ער יעדע נאַכט געבראַכט פאַרן יינגל זיינעם עפּעס צו עסן. געגעבן האָט ער עס אים ערשט אויפן געלעגער, ווען אַלע ליגן שוין אין דרימל. יעדער שלונג זופּ, וואָס ביידע האָבן געטאָן אין דער פינצטער, האָט זיך אָבער אָפּגעשלאָגן מיט א ווידערקול אין קליינעם צימערל און געפאַלן אַלעמען אויף די נערוון... דער פאָטער האָט זיך דערפאַר געבעטן ביים יינגל אין א שעפּטשענדיקן פּויליש:

— שטילער... שטילער...

דאָס יינגל האָט אָבער נישט געקענט פאַרשטיין, מיט וואָס מען דאַרף זיך דאָ באַהאַלטן:

— פאָטער, ס'איז דען פאַרבאָטן דאָ צו עסן?

דער פאָטער האָט ווייטער געשעפּטשעט:

— אַלע שלאָפן... זיי זענען הונגעריק... אַז עמעצער עסט — רייצט עס זיי אויף...

פון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען רייסן שטימען:

— ס'וועט דאָ נישט רואיק זיין, וואָס?

פויזנער האָט אָפּגעענטפערט:

— ווער שטערט דען דאָ?

ווי א פונק וואָלט דאָ אַריינגעפאַלן אין א פאַס פּולווער, אַזוי האָט עס גענומען שיסן פון אַלע זייטן:

— ווער ס'שטערט, פרעגט ער... דו! דו! פרעסן קענסטו אין א ווינקל, ווען קיינער זעט נישט און הערט נישט... דאָ שטערסטו אונדז, דאָ וועקסטו אויף אונדזער הונגער... גאַנץ באַזונדער מעגסטו שוין גע־

דענקען, אז די צייט פון צעפּיעשטשען קינדער איז פאריבער... אזעלכע יינגלעך דארפן שוין וויסן, אז היינט איז די צייט פון ליידן...

עפּעס א מענטש מיט א גאלן קאפּ איז ארונטערגעשפּרונגען פון א בעטל און זיך צעשריגן מיט א מעטאלענער שטים:

— חברים, דא וועט קיינמאל נישט זיין קיין ארדענונג אין באראק, אויב עס וועט דא נישט זיין קיין קאמענדאנט, וואס וועט האבן איבער אלעמען צו זאגן... דער פּאליציי אינטערעסירט נישט, וואס אינעווייניק אין די באראקן טוט זיך, אבער אינדערפרי ווילן זיי, מען זאל גיין צו דער ארבעט... מיר אבער מוזן דא מאכן אביסל ארדענונג....

נישט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער פון קיינעם, איז ער צוגעשפּרונגען צו פּויזנערס בעטל און באפוילן דעם יינגל:

— זאלסט שוין ארונטערגיין פון בעטל!

דער פאטער איז אויפגעשפּרונגען:

— ווער ביסטו פאר א דעה-זאגער דא?

יענער האט אבער שוין באקומען חשיבות אין די אייגענע אויגן:

— פון היינט אן בין איך קאמענדאנט פון באראק, האסט פארשטאנען? דא וועט קיין חזיר-שטאל און קיין קרעטשמע נישט זיין... די יינגלעך וועלן דא מער נישט לעבערן דעם קאפּ מיט זייער פּיעשטשען זיך... זיי זענען מער נישט אין די ווארעמע היימען ביי דער מאמען... האסט אנגעטראפן אויף א חברה סקעלעטן, וואס קענען מער שוין גארנישט טאן — מיינסטו אז מען קען זיך אלץ דערלויבן? מארגן וועלן די יינגלעך גיין אין א באזונדער באראק...

דאס רירעוודיקע מענטשל האט אנגעמאכט א ליארעם, אויפגעוועקט אלע מענטשן, וואס זענען שוין געווען אויפן וועג צום שלאף און געפּרעגט:

— ווער איז דערפאר, אז איך זאל זיין דא קאמענדאנט?

די מידקייט האט נישט געלאזט לאנג ארייננקלערן. דעם מענטשלס ענערגיש קול און זיין פלינקייט האט ארויסגערופן מורא און דרך־ארץ... אין די איינציקע פאר מינוט האט זיך אין דעם מענטש אנטדעקט א געבוירענער באפעלער און אנפירער... מיט זיין זיכערקייט האט ער אנגע-

שטעקט די איינגעקנורעטע געשטאַלטן. וואָס צו פאַרלירן האָט קיינער נישט געהאַט און קיין אַנדערע בעלנים אויף קאָמענדאַנט זענען נישט געווען. מען האָט אפילו נישט געוווסט, וואָס זיין אויפגאַבע דאַרף זיין... אין ווילנלאַזיקייט האָט יעדער געוואָלט פּטור ווערן פון נייעם טומל, וואָס האָט זיך אַרויסגעקנוילט פון פריערדיקן... האָבן אַלע מסכים געווען. בלויז איין פויזנער האָט זיך נישט געקענט שענקען:

— וואָס הייסט, דו שפּרינגסט אַראָפּ פון בעטל און זאָגסט זיך: איך בין קאָמענדאַנט!? ביי מיר ביסטו עס נישט... פונקט ווי דו ווילסט מיר באַפעלן — וויל איך דיר...

דאָס מענטשל איז אָבער ווייזט אויס שוין מיד געווען פון שרייען. זיין נצחון האָט אים אויך אביסל פאַרזוייכט און ער האָט שוין נישט געקענט אַזוי ברענען פון צאָרן ווי פריער... איז ער בלויז אַרויפגעקראָכן אויף זיין קויקע און פון דאָרט אַראָפּ געוואָרפן אַ זאָץ, פויזנערן גלייך אין קאָפּ אריין:

— דאָס וועט מען נאָך זען...

און נאָך אַ מינוט אָפּרו:

— ביי מיר קענסטו נאָר האָבן איין עצה: אַנטלויפן...

אַזוי איז פון טומל אַרוים אויסגעוואַקסן אַ נייער קאָמענדאַנט.

## IV

קיינער האָט טאַקע פרידלאַנדן נישט געקרוינט, אָבער ער איז ווייזט אויס צו זיין ראָל ווי געבוירן געוואָרן. באַלד אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען און גענומען נאָכזוכן אונטער די בעטן... ביים ערשטן, וואָס ער האָט אַנטדעקט אַ כלי מיט פאַרדעכטיקער פליסיקייט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט:

— נעם און טראָג עס שוין אַרוים... אָבער — צום קלאָזעט... דו הערסט?

אין זיין קול איז געלעגן אַזויפיל באַפעלערישס און דראָענדיקס, אַז יענער האָט מאָמענטאַל פאַרלוירן די פוילקייט זיינע און אָן אַ וואָרט גע־

נומען די כלי אין דער האנט אריין... א צווייטן האט ער באלד געגעבן א שטיק שמאטע אין דער האנט אריין:

— וויש מיר זאפארט אוים די פאדלאגע... אבער — קיין שטויבעלע זאל מיר נישט בלייבן!

צווישן איין באפעל און צווייטן האט ער זיך אוועקגעשטעלט אינ-מיטן באראק און הויך אויסגערופן:

— ווער פון אייך קען האלטן א פען אין האנט?

א צעקנייטשטע מענטשל האט זיך געמעלדעט פון די אונטערשטע שטאקן.

פרידלאנד האט קאמאנדעוועט:

— וועסט היינט נאך דער ארבעט אויפנעמען דעם נאמען פון אלע וואס שלאפן דא... יעדער איינער וועט באקומען צוגעטיילט אן ארט צום שלאפן... מ'קען דאך נישט לאזן אזא באלאגאן דא... איבריקנס קען מען דא איבערהויפט א סך אויפטאן... מ'קען דאך נישט לעבן ווי די חיות... איינער וועט פרעסן, וויפל ער וועט קענען — דער צווייטער וועט אוים-גיין פון הונגער... ווי איז דאס געהערט געווארן? סדום!

מעכעלען האט דאס מענטשל גענומען אינטריגירן. פון זיינע רייד האט עפעס געשלאגן מיט א מענטשלעכער זיכערקייט. דער אייביקער סקעפטיקער אין אים האט דערהערט א באהאלטענע נישט-אויפריכטי-קייט... זיין פרייער אופן פון רעדן און זיין באריר״ן די מענטשלעכע סטרו-נע האט אבער מעכעלען גערירט. פרידלאנד האט דערווייל ווייטער גע-רעדט:

— היינט נאך דער ארבעט זאלן אלע זיין אין באראק. מיר האבן ארומצורעדן וויכטיקע ענינים...

די פאליציי האט דערווייל ארויסגעטריבן צו דער ארבעט.

פארנאכט איז שוין דאס מענטשל, וואס האט זיך דער ערשטער גע-מאלדן, געזעסן און יעדן איינעם פארשריבן דעם נאמען. פרידלאנד איז געזעסן דערביי און אויסגעפרעגט פארשידענע פרטים:

— מיט וואס האסטו זיך פארנומען פארן קריג? וואס קענסטו? פון וואס פאר א שטוב שטאמסטו?...

ער האָט זיינע פראַגן געשטעלט מיט אזא טיפן ערנסט, אַז אַלע האָבן אים גערן געענטפערט. ער האָט שוין געהאַט אַ ביכעלע געמאַכט פון סאַלעטרא־פאַפיר, אין וועלכן ער האָט אַלץ פאַרשריבן...

ער האָט געהאַט די אויגן אומעטום. ווען מעבעלע האָט אויפגעגעבן זיין נאָמען און זיך געלאָזט צו דער טיר, אויפזוכן וועמען, האָט אים פרידלאַנד צוריקגערופן מיט אַ געשריי:

— דו, פרא־אדם, ווו לויפסטו? מען דאַרף זיך נאָך פאַרשרייבן ביי מיר...

און ווייסן וויל ער אַלצדינג, ביז אַ האָר. מעבעלען דענערווירט עס:

— וואָס איז אייער עסק דאָוועגן?

אָבער יענער ענטפערט צוריק מיט אַ פראַגע:

— פונוואַנעט ווייסטו, אַז עס איז נישט מיין עסק?

— אויב ס'איז אייער עסק, וויל איך ווייסן, וואָס איר האָט פאַר אַ געשעפטן מיט דעם, וואָס איך בין נעכטן געווען און פון וואָס פאַר אַ שטוב איך שטאַם...

פרידלאַנד צעשמייכלט זיך:

— דו ביסט, זעט אויס, אַ פויגל... וואָס פאַרשטייסטו נישט, בהמה! היינט האָט קיינער פון אונדז גאָרנישט... קאַעלניקעס! מאָרגן, אויב מען וועט לעבן, קען זיך ווער דערקבערן (דערשלאָגן) צו אַ פאָר גילדן, צו עפעס אַ חפץ... נישט שטענדיק קען מען עס האַלטן מיט זיך... און דאָ גנבעט מען שרעקלעך... איז גלייכער צו באַקענען אַלע מענטשן פון באַראַק באַצייטנס... איך, זעסטו, דערקען זיך אויף מענטשן מיטן ערשטן וואָרט. קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן... וועסט זען וואָס פאַר אַן אָרדענונג דאָ וועט זיין...

נאָכן טראַכטן אַ ווײַלע גיט ער צו:

— איבריקנס, זענען דאָ אַלע מענטשן אָנגעטאָן אין מאַסקעס; קענסט דען דערקענען, ווער עס איז ווער? אפשר געפינט זיך דאָ דער פּראָפעסאָר איינשטיין אין באַראַק, דער גערער רבי... וואָס קען מען ווייסן?... איז גוט צו האָבן אַן אויסבליק איבער די מענטשן... ווייס איך, אפשר געפינען זיך אַ פאָר אינטעליגענטע מענטשן... מאָרגן וועט מען זיי

אפשר קענען העלפן מיט עפעס... בהמה, וואס שטעלסטו דען דא איין מיטן אויפדעקן דעם יחוס?

און ער גיט צו מיט א פארטרוילעכן טאן:

— עפעס פלאנטערט זיך מיר א פלאן וועגן א הילפס־קאמיטעט פאר אונדזער באראק, איצט פארשטייסטו שוין, חמור בצורת אדם! מיט פארלייגטע הענט קען מען דא לאנג נישט דערציען... אזוי ווייס איך נישט... מ׳דארף וויסן, וואס יעדער איינער קען דא אויפטאן... די וועלט איז נישט אזוי פארמאכט, ווי דו שטעלסט דיר פאר... מיינסט, אז די, וואס לעבן זיך דא אזוי גוט, זענען מלאכים? וועסט זען, וואס פרידלאנד קען אויפטאן!

אנצוווערן איז דא גארנישט געווען. פרידלאנד האט באשלאסן, אז אין דעם באראק איז פאראן א הילפס־קאמיטעט... וועמען צו העלפן פריער און מיט וואס מען קען העלפן, האט ער נאך אליין נישט געוווסט אויף קלאר... דערווייל האט ער זיך באנוגנט מיט היטן די ריינקייט פון באראק, נישט דערלאזט, עמעץ זאל ביינאכט רעדן הויך... דאס איבריקע וועט מען שוין זען...

פון אלע זייטן האט ער געזוכט אינפארמאציעס וועגן זיינע מענטשן פון באראק. ביי זיין ארבעט אין דער „באאו"־אפטיילונג האט ער באלד פון ערשטן טאג גארנישט געטאן. זיין הומאריסטישער אופן פון רעדן און זיין פלאנטערדיקן טומלען זיך מיט די רייד האט אימפאנירט גייד־דאן, אויף יעדער פראגע האט אים פרידלאנד אפגעענטפערט מיט א צענדליק וויצן, פון וועלכע די אויפזעער האבן זיך געהאלטן ביי די זייטן... זיי האבן אים דערפאר געלאזט טאן, וואס ער וויל און ער האט דערווייל געזאמלט אינפארמאציעס וועגן יעדן מענטש אין לאגער. ער איז באלד היימיש געווארן מיט אלע פאליציי־לייט, מיט די קאמענדאנטן, מיט די גויים... אומעטום האט ער געשמעקט, געגנישטערט געטאפט דעם דפק... ביי דער מינדסטער געשעעניש האט ער אנגעמאכט א ווינט, גערודערט, געשריגן און צוזאמענגעפירט איין וואנט מיט דער צווייטער...

אין באראק איז ער געווארן דער באלעבאס. ער האט אויסגעגלייכט פסוקים, געגעבן באפעלן, געמעקלט און נאכגעפארשט אלע פארגעקומע־

נע גנבות... פאַר יעדן איינעם האָט ער געהאַט אַנדערע עצות, ווי אַזוי זיך אַ דריי צו טאָן און פאַר אַלעמען געהאַט דעם איינעם זאַץ:

— ווילסט מיך פאָלגן, אָדער ווילסט דאָ אויסציען די קאַפּיטעס?

און נישט איין פלאַן זיינער האָט זיך געלייגט אויפן שכל...

## קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

### I

אויף דער צווייטער וואָך האָט מעכעלע שוין געפילט, אַז מיט די כוחות זיינע איז נישט גלאַטיק. דער הונגער מיטן טראָטיל האָבן זיך געטאָן ס'זייעריקע, ווי ביי אַלעמען... אין קאַיוטע איז געוואָרן נאָך טרויעריקער ווי פריער. סולטקאָווסקי איז פלוצים געוואָרן שרעקלעך אָנגעשוואָלן און זיין גאַנץ פנים איז באַהאָנגען געוואָרן מיט אַ בלויעם אייטער. ער האָט זיך קוים געשלעפּט אויף זיינע אָנגעדראָלענע פיס און זיך בסדר פאַרגאַנגען אין אַ לאַנגן און קייכעדיקן הוסט... ער האָט אַפילו פאַרלוירן זיין נאַטירלעכן הומאָר און געהאַלטן זיך אין איין בעטן ביי זיינע חברים:

— יאַטן... איר זעט דאָך, וואָס פון מיר איז געוואָרן... טאָ לאָזט מיך שוין דערציען די פּאָר טעג, ווי מיר ווילט זיך... כ'קען מער נישט אַרבעטן, ווען כ'וועל הערן, אַז קיין סעלעקציעס וועלן נישט פאָרקומען אַזוי שנעל — בלייב איך אין לאַגער... אַפילו גאָט אַליין וועט מיך נישט קענען טרייבן צו דער אַרבעט... פון ז יי ע ר ע הענט וויל איך נישט פאַלן; שטאַרבן וויל איך שוין... בנאמנות... ווייל — וויפל איז דער שיעור זיך אַרומצוויאָגן מיטן טויט? און ע ר איז פלינקער פאַר דיר... כ'וויל אָבער שטאַרבן אַליין, ווי מיר ווילט זיך...

און גערעדט האָט ער — געניי ווי אַ טויטער... איז נישט געווען וועמען אַריינצונעמען אין חשבון...

מאַרטפעלד האָט איבער דער צייט געקריגן אַ שטעכעניש אין דער

זייט און דאָס האַרץ האָט ביי אים זיך געוואָרפן, ווי אין קאָנוווּלסיעס... ביי יעדן גראַנאַט, וואָס ער האָט מעבעלען דערלאַנגט, האָט ער אַ קרעכץ געטאָן:

— מעבעלע... ס'זענען מיינע לעצטע טעג... נאָר אין דיין פּנים זע איך מיין שפּיגל... פילסטו עס כאָטש?

און מעבעלע האָט שוין נישט געהאַט קיין כּוח צו ענטפערן...

בלויז משה האָט נאָך זיין רירעוודיקייט נישט פאַרלוירן. אין דער מיטאָג-פּויזע איז ער אויסגעלאָפן אַ האַלבע פאַבריק... אומעטום האָט ער עפּעס געפונען: דאָ אַ שאָלעכץ פון אַן עפּל און דאָרטן אַן אָנגעביסענעם, נישט־ריפן טאָמאַט... ער איז אַזוי אַרום געוואָרן דער שטאַרקסטער פון דער קאָיוטע. זיי זענען געבליבן דריי מאַן צו דער אַרבעט און די נאָרמע איז די זעלבע פאַרבליבן... איז יעדן פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט געווען אַיין פראַגע בלויז, וואָס האָט אַלע דריי באַשעפטיקט:

— וואָס טוט מען? ווי גיט מען זיך אַן עצה?

רעזיגנירן פון לעבן האָט קיינער פון זיי נישט געוואָלט און שלעפּן עס איז געווען נאָך שווערער... אויף יעדער שעה האָבן זיך אָנגעהאַנגען אַזויפיל פודן אייזן, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען זיך אַ ריר צו טאָן...

דער ערשטער, וואָס האָט גענומען קלערן פון טויט, איז געווען מע־בעלע. פון זיינע קינדישע הענטלעך איז געוואָרן צוויי ביינער בינטלעך און פון זיין גאַנצן, ייִנגעלש־פעסטן גוף זענען בלויז פאַרבליבן די מידע קנאָכן און ער האָט אַמווינציקסטן געגלויבט אינעם ווייטערדיקן לעבן... פאַר זיינע חברים האָט ער אָבער גאָרנישט געוואָלט זאָגן און בלויז גע-וואַרט, אַז דער סוף זאָל קומען פון זיך אַליין...

אויפן האַרץ האָט געהויערט אַזאַ שרעקלעכע נודנעקייט, וואָס האָט געגרילצט אין מח און צוגענומען דעם לעצטן חוש פון טראַכטן... אַן אומבאַקאַנט ציטעניש האָט גענאָגט אין האַרץ, געזוכט עפּעס מיט וואָס אַרויסצולאָזן די איבלקייט פון דעם קאָיוטע-אָטעם און אַרויסשפּייען דערמיט דאָס אייגענע האַרץ... משה האָט איין רפואה דערויף:

— שטאַרבן וועט מען סיי-ווי... באַזאָרגן זיך מיט לונגען אויף נאָכן טויט איז נישט כדאי... די ווערעם וועלן אונדז אַזוי אויך פאַרדייען... דאָ

אָבער איז צום גודנעקייט דאָ אַן עצה: ר יי כ ע ר ן ! פֿאַר אַ פֿאַרציע ברויט האָסטו פֿינף ציגאַרעטלעך און דו קענסט זיך אַ גאַנצן טאָג דער־כאַפּן ס׳האַרץ מיט אַביסל רויך... האָבן די טעג גענומען אַוועק מיט רויך... מנשה, דער ציגאַרעטלעך־סוחר, האָט שוין געוווּסט אָפּצוציפּערן די שעה און שנעל אַריינוואַרפֿן אַ ציגאַרעטל פֿאַר יעדן און פֿאַרשוווּנדן, נאָך איי־דער ער איז אַריינגעקומען...

בלויז איינמאָל האָט ער זיך שטאַרק איינגעקוקט אין מעבעלעס אויס־געבלייכטן פּנים, אים גוט באַטאַפּט מיטן בליק און שטיין געבליבן מיט אַן אויפגעריסן מויל:

— דו... דערקענסט מיך?

מעבעלע האָט דערזען פֿאַר זיך אַ פּנים, אַרומגענומען מיט אַ גרוי־סער קודלע האָר, וואָס האָבן זיך געריסן און געשטויסן איינע די אַנדע־רע... זיי זענען באַפֿאַלן די אויגן, דעם שטערן און צוגעדעקט יענעמס אויערן מיט אַ צוגעברוינטער שוואַרצקייט. ער האָט געקוקט אויף יענעמס פֿאַרברענטע ליפּן און ערדיק־באַבלעטערט פּנים און נישט געקענט זיך דערמאָנען, אויב ער האָט עס שוין ערגעץ־ווו באַגעגנט... בלויז די שפּיזי־קע, פֿאַרנעפּלטע אייגעלעך האָבן זיך געררייצט מיט אים:

— דו קענסט דאָך אונדז... דערמאָן זיך נאָר...

און — גיי דערמאָן זיך, אַז אַזויפֿיל צענדליקער אויגן זענען דיר שטראָמענווייז אין משך פֿון דער צייט אַקעגנגעקומען...

מנשה איז אָבער, ווייזט אויס, גערירט געוווען פֿון אָט־דער באַגעגע־ניש. זיינע אויגן זענען עפּעס פֿאַרווייכט געוואָרן און זיין גאַנץ פּנים איז אַוועקגעשוווּמען אין אַ ווייטער פֿאַרבענקטקייט:

— אי, ס׳איז נאָך געווען אַנדערע צייטן... געדענקסט נישט... אין ישיבה...

ביידע דערמאָנען זיך עפּעס און לאָזן זיך אַוועק מיטן זכרון אין פֿאַר־גאַנגענע צייטן אַריין... מנשה מוז צוריקלויפֿן צו זיין אַרבעט, לאָזט ער איבער ביי מעבעלען איין וואָרט, אַ פּקדון אויף שפּעטער:

— פֿאַרנאַכט...

נאָך דער אַרבעט ציט מנשה מעבעלען אַוועק אין אַ זייט:

— איך טראג קיינמאל נישט קיין קעסטלעך ביי דער צוגאב-אר־בעט... כ'האב זיך דא שוין אויסגעפרייערט... היינט וועל איך אבער גיין מיט דיר, ווייל כ'וויל דיר געבן אביסל אנווייזונגען... א שאד וואס כ'האב דיך דערקענט אזוי שפעט, ביסט שוין א תל געווארן...

מעכעלע איז נייגעריק צו וויסן:

— ווי לאנג ביסטו שוין דא?

מנשה צעלאכט זיך:

— אויב דו וועסט זיין אזוי לאנג, וועסטו אפשר איבערלעבן די קריג... איך בין שוין דא אכט מאנאט... אט ווענן דעם וויל איך טאקע מיט דיר רעדן; כ'וויל, אז דו זאלסט נישט אויסציען די פיס באצייטנס...

מעכעלע וואונדערט זיך:

—ס'איז דען דא אן עצה?

מנשה פארקלערט זיך:

— עצות זענען דא, נאר נישט פאר אלעמען... ווייס איך דען, אויב דו וועסט מיך פאלגן? אלנפאלס בין איך דיר מחויב אנצווייזן...

דעם גאנצן וועג שיט מנשה מיט פלענער. ביי טייל פארקרומט זיך מעכעלעס פנים אין א גרימאסע; ביי אנדערע פארקנייטשט זיך ביי אים צוהערעריש דער שטערן... אט וויל ער שוין אוועקלויפן פון מנשהן, נישט קענען אים מער און אט ווערט ער נאך נענטער צו אים, דערזעט אין אים א מענטש, וואס קען אים ווייזן דעם ריכטיקן וועג, ארויסצוקריכן פון דער אויסזיכטלאזער סיטואציע... אלנפאלס קען מנשה געבן א סך אנוויי־זונגען, וואס קומען צונוץ...

די כוחות זענען שוין ביים ראנד און דא נעמען אויפשווימען מענ־טשן, וואס טראגן זיך נאך ארום מיט עצות, מיט פלענער... איז אפשר כדאי זיך צו זיי צוצוהערן?

די ערשטע עצה פון מנשהן איז: ב ע ט ל ע ן ... פשוט. ס'זענען פאראן מענטשן אין לאגער, וואס האבן נאך געלט. ווען די זופ פון דער קיך איז נישט צום עסן און זיי האבן נישט קיין קונה אונטער דער האנט — שענקען זיי זי אוועק... ער זאגט אפילו אויס מעכעלען אן ארט אזא, וווּ אזעלכע חברה־לייט ארבעטן... נאטירלעך מוז מען אויך דערצו האבן

מזל. גאַנץ באַזונדער דאַרף מען זיך אויסטויגן, געווינען חן אין זייערע אויגן... ר׳ווייסט נישט, אויב מעכעלע האָט די אייגנשאַפטן דערצו, אַלנ־פאַלס, זאָל ער פּרובירן... ער שטעלט דאָ גאָרנישט איין... אפשר... מעכע־לע ווייסט אפילו פאָראויס, אַז דאָ קען איינער דעם צווייטן נישט אין זי־נען האָבן. ער ווייסט אויך, ווי שווער אים וועט אָנקומען בלויז אָנצו־שטעלן אויף יענעם אַ בעטנדיקן בליק... מנשה גיט אים אָבער אונטער חשק:

— נאַרעלע, דערמאָן זיך, וואָס עס הייסט אַזעלכעס: ל ע ב ן! אַמאָל קען דיר געלינגען זיך איינצוקויפן ביי זיי... דאַמאָלסט קענען זיי־פאַר דיר געפינען אַן אויסוועג — וועסט נאָר קומען צו זיך אַביסל, פּייפסטו אויף אַלעמען... היינט מוזטו בלויז איינס געדענקען: וואָס מער טעג צו דערלעבן... עס וועט דיר גאָרנישט אַרויסקומען, ווען דו וועסט שטאַרבן מיט אַ שיינעם טויט... וועסטו מיך פאָלגן, וועל איך דיר געבן עט־לעכע גוטע עצות... כ׳ווייס נישט: טאָמער וועסטו איבערלעבן, וועסטו מיך אפשר געדענקען...

גראָד האָט מעכעלע נישט ווייט צו גיין. די האַלע אַקעגנאיבער זיינער איז די איינזאונפּערציקסטע. דאָרט אַרבעטן די פּריווילעגירטע. ס׳איז דאָרט רואיק, קיין פרעמדער מענטש שמעקט דאָרט נישט אַריין. דער הויפּט־אויפזעער איז אַ יידישער מייסטער, וואָס זעט־צו, אַז די נאָרמע גראַנאַטן זאָל יעדן טאָג אָפּגעשטעמפּלט ווערן. די אַרבעט איז דאָרט לייכטער, אין אַ לופטיקער אַטמאָספערע... און די מענטשן דאָרט זענען זאַט... דערפאַר איז דאָרט רואיק, רעדט מען צו זיך אויף אַ מענטשלעכן אופן.

מיטאָג־צייט האָט מעכעלע גיך אויסגעזופּט זיין בלעכל זופּ און זיך אַהין אַריינגעשלייכט. ביי דער טיר האָבן שוין געוואַרט אַ צוויי צענדליק מענטשן מיט אויפגערעגטע אויגן! אין דער שמאָלער האַלע האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ פּאָר יידן מיט פולע פּנימער און מיט פוילע באַוועגונגען צוגעגאַנגען נעמען זייער זופּ. ביים קעסל איז געשטאַנען אַ הויכער שוואַר־צער בחור, מיט געלאַקטע האָר, וואָס האָבן זיך בערגלדיק געריסן אין דער הייך, און אויסגעטיילט די פּאָרציעס... מעכעלע איז געשטאַנען ווי פאַר־גאַפט פונעם מאָדנע בילד:

די פּאָר מענטשן דאָ שטופּן זיך נישט אין דער ריי, אַלע ווייזן אַרויס אַזאַ מין גלייכגילטיקייט צום קעסל אַקעגנאַיבער, אַזוי ווי זיי וואָלטן נישט געוועזן קיין דאַאיקע... דער שוואַרצער טיילער מוז זיי רופן פון דערווייטנס:

— יידעלע! יאַסל! עס ווערט דאָך שפּעט... נעמט שוין אַמאָל דאָס עסן!...

און זיי קריכן איינציקווייז צו, לאָזן זיך אָנגיסן די פּאָרציעס און בלייבן שפּעטער שטיין מיטן פולן בלעכל, ווי זיי וואָלטן נישט געוווסט, וואָס דערמיט צו טאָן... די אויגן ביי דער טיר ווערן שרייעוודיקער, גרע-סער... זיי רייסן מיט די שטומע בליקן דאָס עסן פון יענעם הענט אַרויס... דער בחור מיט די קרייזלהאָר באַמערקט, ווי זיי נעמען זיך שאַרן מיט אומדרייסטע טריט טיפער אין דער האַלע אַריין... וואָרנט ער:

— קיינער זאָל נישט וואגן אַריינצוקומען אינעווייניק... ווען עס וועט איבערבלייבן, וועל איך אַליין אַריינרופן... מאַכט מיר נישט אָן דאָ קיין בהלה...

ציט יעדער צוריק זיין שלאַבריקן, צעפּיבערטן טריט אין דעם טיר-ווינקל און וואַרט... מעבעלע ווייסט נישט, אויב זיין אויג פינקלט אויך מיט דער זעלבער הכנעה, מיט דעם זעלבן הונגעריקן יאוש ווי ביי אַלע... ער פילט בלויז ווי אין די אויגן-לעכער ברענט עפּעס אַ מידער, דער-וואַרטנדיקער ווייטיק און די קנעבלעך ברעכן זיך, גרייטן זיך צום בוקן פאַר יעדן טראָפּן פון יענעמס-אַ קעסל דאָרט...

...די מענטשן פון דער האַלע האָבן דערווייל צייט. מען זוכט מיט די לעפל אין דער פּאָרציע זופּ, ווי זיי וואָלטן זיך געריכט אָנצוטרעפן דאָרט מי יודע וואָס... איינער טוט אַ שפּיציקן פאַרזוך פון לעפל און מאַכט אַן אַנטוישטע גרימאַסע... נעמט ער זוכן מיט די אויגן צווישן די וואַרטנדיקע ביי דער טיר... אַלע אויגן בעטן גלייך און אַלע בליקן שטעכן גלייך, וואָ-רענען, בעטן און אַלאַרמירן:

— זע ווי הונגעריק איך בין...

בלייבט ער שטיין אַ וואַקלדיקער, אַ פאַרלוירענער...

איינער, אַ בלייכער יונגערמאַן, מיט אַ פּאָר גרויסע טיפע אויגן גייט

פארביי דעם פארגליווערטן מעבעלען און פארטשעפעט זיך אין זיין בליק... ער פארלירט זיך אין שעמעוודיקייט און קען נישט שטעלן קיין ווייטערדיקן טריט... שטאמלט ער קוים ארויס:

— האסט א כלי?

מעבעלע שטעלט פארשעמט אונטער זיין זשאווער-פושקע און יענער גיסט שנעל איבער זיין ביסל זופ מיט א מאדנע גענייל, ווי ער וואלט מורא געהאט, אז עס זאל אים ווער נישט אויסכאפן... פון דער אקעגנאיבערדיקער האלע קלינגט שוין דער גלאק, וואס זאגט אן דעם מיטאג-סוף... נעמט מעבעלע לויפן, נישט ווארפנדיק אפילו א בליק אויף זיין גוטס-טוער... אבער יענער האט עפעס מורא צו פארלירן פון אויג, ווי ער וואלט פלוצים דערשפירט א וואזשנע אנטדעקונג וואס אנטלויפט אים פון אונטער דער האנט... דעריאגט ער אים און כאפט אים צארט אן פאר דער האנט:

— איר זענט דא דאס ערשטע מאל?

מעבעלע שווייגט. יענער קוקט אים אריין טיפער אין די אויגן אריין און בעט זיך ביי אים:

— קומט צו שפעטער... מארגן... שעמט זיך נישט...

א בושה-פלאם צעשפילט זיך איבער מעבעלעס פנים... ער קען נישט קוקן יענעם גלייך אין די אויגן... דאס הארץ אבער קלאפט הויך און צופרידן... ס'איז נישט די פרייד פון באקומען א טראפן עסן, נאר די שמחה פון אנטדעקן א פונק פון נישט פארלאשענעם מענטש... לויפט ער ווייטער און אין זיינע טריט וויקלט זיך איין יענעמס ווארעמער נאכגעשריי:

— פארגעסט נישט דאווענען... למען-השם פארגעסט נישט...

און דעם גאנצן נאכמיטאג פילט זיך מעבעלע, ווי ער וואלט געפונען אן אוצר.

## III

יא, מיטן לעבן איז נישט אזוי גלאטיק און נישט אזוי לייכט מעג מען עס אוועקווארפן. אויסבליקן קענען אונטערקומען פון אומגעריכטע זייטן... און אויך אלע מענטשן טאר מען נישט אריינגעמען אונטער איין טלית. דא, אין תהום, איז יעדער מענטש אן אנדער וועלט, וועלכע מען

מוז פאַרשן, אַנטדעקן... איז אפשר פרידלאַנד גערעכט, ווען ער אַגיטירט דאָס ראַנגלען זיך פאַרן לעבן, דאָס אונטערנעמען זיך צו אָרגאַניזירן? אַ פונק מענטשלעכן גלאַנץ האָט מעבעלען צוריקגעגעבן דעם ווילן ווייטער צו ציען די מידע טעג. ווער ווייסט, אפשר וועט זיך נאָך אַנטפּלעקן איין וועלט נאָך דער צווייטער?

צום אהיימגיין האָט מנשה אַ פרישן פּלאַן:

— די קאָמענדאַנטין פון לאַגער איז אַ דעמאָן, אַ בייזער גייסט... אָבער אַמאָל דערוועקט זיך אין איר אַ מענטשלעכער פונק... מ'דאַרף בלויז וויסן ווי אַזוי צוצוקומען צו איר האַרץ... זאָל מעבעלע פּרוּוון אָנשרייבן צו איר אַ בריוול; מנשה וועט עס איר צוטראָגן. ער וועט שוין זיך דער־לאַנגען ביז צו איר... מ'וועט זען וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען... זאָל ער נאָר שרייבן אַזוי, עס זאָל זי אַ כאַפּ טאָן ביי דער זיבעטער ריפּ... וואָס קען ער דאָ אָנווערן? אַז ער וועט אָנווענדן אַלע מיטלען, קען פון דעם אַלעמען עפּעס אַרויספּיקן זיך...

מעבעלע שטוינט:

— ס'נעמט אָן אַ שרעק אַ בליק צו טאָן אויף איר... וואָס קען מען צו אַזעלכער דען שרייבן? און וואָס וועט זיין, אַז זי וועט נאָכדעם אַ רוף טאָן? וואָס קען מען דען רעדן צו איר? ווי אַזוי? און אויב דאָס איז אַן עצה — פאַרוואָס האָט עס קיינער ביז איצט נישט געטאָן, נאָר אויסגע־שטאָרבן שווייגנדיקערהייט? וואָס איז ער, מעבעלע, מער בריה, מער יחוס פאַר אַנדערע?...

מנשה צעבייזערט זיך:

— דו מיינסט, אַז דו פּשטלסט זיך ביי דער גמרא, וואָס? איך גאַ־ראַנטיר דיר דען, אַז ס'וועט העלפן? אין אַזאַ גיהנום טאָרסטו אָבער קיינ־מאָל נישט צוגיין מיטן שכל... די איבערגערעכנטקייט נעם און באַגראָב זי אָדער באַהאַלט אויף בעסערע צייטן... דאָ זאָלסטו אויספּרובירן אַלע משו־געתן און די ווילדסטע איינפאַלן, אויב דו ווילסט זיך ראַטעווען... דיין גע־דאַנק זאָלסטו קיינמאָל נישט פרעגן, ווייל ער וועט פאַר דיר נאָר האָבן איין עצה: זאָלסט זיך באַצייטנס דערוועגן — וועסטו פאַרשפּאָרן דערשאָסן צו ווערן... ווילסטו אים פאָלגן, איז — מהיכי־תיתי... טאָמער ווילסטו

לעבן, דארפסטו עפעס טאָן דערצו... און וואָס קענסטו, אַזאַ שטייגער, אויפטאָן דאָ מיטן שכל־הישר? הערסטו אַן עצה, אָדער אַז עס פעלט דיר עפעס איין — נעם און טו עס אָפּ... נאָך איידער דו רעכנסט דיך איבער... ציטערן איז נישטאָ פאַרוואָס... דאָ באַפאַלן אָפּט דעם מענטש משוגענע מינוטן אַזעלכע... איז ווען דו וועסט דערשפּירן אין זיך אַזאַ מינוט, נעם און שרייב, וואָס די האַנט וועט פון דיר אַרויסציִען... אַ דאגה דיר! האָסט מורא זיך צו פאַרפלעקן דעם גוטן נאָמען? מאָרגן וועט זי סיי ווי דערפון פאַרגעסן... און אַמאָל קען עס העלפן...

ס'איז צו באַוווּנדערן אָט דעם שוואַרץ־פאַרברענטן בחור, ווי ער איז עס איבערגעפּולט מיט איינפאַלן... מעבעלע איז סקעפּטיש:

— פאַרוואָס טוסטו עס נישט אַליין?

מנשה צעלאַכט זיך הייזעריק:

— ווען איך בין געקומען, האָט מיר קיינער נישט געגעבן קיין עצות... איך האָב אַליין געמוזט טאָן, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען, אַבי זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן... היינט קענען מיך דאָ שוין אַלע... וואָס פאַר אַ ווערט קען שוין האָבן מנשהס אַ ביטע, ווען אַלע פּאָליציי האָבן שוין מיט מיר געגנוג געהאַט צו טאָן? און זי אַליין קען מיך שוין אויך צו גוט... זי האָט שוין געגנוג צרות פון מיר געהאַט... כ'וויל דיר איצט נישט דער־ציילן, מיט וויפל נסים כ'האָב ביז איצט אויסגעמיטן דעם שים־פלאַץ. ס'איז נישט איצט די צייט דערויף... דו ביסט אָבער אַ פרעמדער, קיינער קען דיך נישט: אפשר קען דאָס זיי פאַראינטערעסירן... איך זאָג דיר עס נישט פון הוילער גוט־פריינטשאַפט: אַמאָל קען טרעפן, אַז איך זאָל נאָך פון דיר קענען האָבן אַ טובה... מיט דער משוגענער קענסטו קיינמאָל נישט אויסרעכענען...

אַ מאָדנע איבערציינונגס־קראַפט ליגט אין דעם מנשהן! מעבעלע זעט די זינלאָזיקייט פון זיינע ווערטער, ער ווייסט נישט, וואָס ער קען האָבן פאַר אַ מגע־ומשא מיט אָט יענער געהיימניספולער פרוי; נישט ער ווייסט, וואָס ער קען ביי איר בעטן... ווען מנשה קוקט אויף אים אָבער מיט זיינע גרוי־כיטרע אייגעלעך, פאַרמאָגט ער נישט קיין וואָרט אים אָפּצוּווענדן... פון מנשהס רייד גרילצט אַרויס אַ באַהאַלטענער בייגעשמאַק. מעבעלעס

באזונדערער חוש־הריח פאר ווערטער טאפן ארום ביי אים די פארבאר־גענע האפענונג, אז מעבעלע קען זיך נאך דא דערשלאגן צו עפעס... ווערן א פאליציאנט... און ס'איז גארנישט שלעכט צו האבן אן אייגענעם צווישן די הערשער... וויל ער זיך שוין צעשרייען, אנזידלען יענעם... אבער ער האט נישט קיין פאדעם אין וואס זיך אנצוכאפן. א באהאלטענער נייגער לאזט אים אויך נישט איבעררייסן יענעמס רייד. די געדאנקען מישן זיך אוים מיט דער צעפאכעטער פאנטאזיע און עס איז גלאט גוט צו קלערן וועגן דעם, אז עס קען נאך געמאלט זיין אן אויסוועג, א שטיקל הילף פון ערגעץ... קודם דארף מען באקענען אלע, וואס פירן אן מיטן היגן סדר... נישט אלע, וואס זיי קענען עווענטועל פארלייגן, איז מען מחויב אנצונעמען...

און ווען מנשה איז שוין געווען ווייט, אויפן וועג צו זיין באראק, האבן נאך זיינע ווערטער געגליט אין מעבעלעס געדאנקען, גערעדט צו אים ווידער אמאל און זיך גענומען מיט אים מיישב זיין:

— אפשר דאך פרובירן? טאקע אזוי, וואס קען מען ווימן? אמאל קומען די צופאלן ביז צום מענטש און אמאל דארף ער זיי גיין אקעגן...

מעבעלע דערשפירט זיך ווי אויפגעוועקט פון א לאנגן שלאף, אין א פרעמדן בעט...

## IV

אין באראק האט מעבעלען דער ערשטער אנבאגעגנט פרידלאנד. ער האט אים אויפגענומען מיט א פאראד און טומל, ווי זיין שטייגער:

— דו שלימזל איינער, פארוואס האסטו גארנישט דערציילט?

מעבעלע פארלירט זיך פון יענעמס האסטיקן באגעגן. ער שפירט זיך שוין ווי ביי א געכאפטער עברה, הגם ער ווייסט נאך נישט פון גאר. א מעשה, וואס עס קען אלץ געשען! פינטלען זיינע אויגן בלויז, מיט א פארלוירענער זוכעניש אויף יענעמס פנים, ווי ער וואלט פון אים געוואלט אראפליינען, וואס עס האט אזוינס פאסירט...

יענער איז אבער צוגעלאזן און העפלעך:

— ביסט אַ נאַר... דאָ איז מען צווישן אייגענע און ס'איז זיך נישטאָ מיט וואָס צו היטן...

מעכעלע מיינט, אַז דאָ גייט אין אַ חשד, אַז ער פאַרמאַגט געלט. ענטפערט ער אים רואיק:

— ביסט דער זעלבער קאַלניק וואָס איך, ווייסטו דאָך אַמבעסטן, מיט וואָס איך קען זיך דאָ דאַרפן אויסהיטן... וואָס ווייסטו דען פון מיר?

פרידלאַנד שמייכלט צופרידן:

— אַט אַזוי געפעלסטו מיר. ביסט באַלד אויף דו, ווי מיט אַ חבר; מ'קען דערפאַר רעדן נענטער און היימישער... שרעק זיך נישט. דו האָסט מיך בלויז נישט פאַרשטאַנען. דאָ גייט אין עפּעס אַנדערש. דאָ אין באַראַק האָלטסטו אין איין שווייגן. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז דו קענסט קיין צוויי נישט צײלן. בנאמנות, ווי איך האָב געמיינט אויף דיר, אַז דו ביסט אַ פּוילשטענדיקער תם, אַן אידיאָט... אַ מענטש גייט אַרום און פאַרגינט זיך אַליין נישט קיין וואָרט... איך, מיינסטו, רעד דערפאַר, ווייל איך וויל, מען זאָל מיך הערן? דאָס שריי איך און רעד בלויז פאַר זיך אַליין, ווייל איך וויים, אַז טאָמער נישט, וועל איך משוגע ווערן... און דו רק דו שווייגסט! איז עס נישט קיין שטיק אידיאָטיזם? ווי קען מען עס אין ווערק צע אַרומגיין מיט זיך אַליין? נאָר צופעליק האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ פּאָר חברה־לייט פון צווייטן באַראַק. זיי האָבן מיט דיר געאַרבעט די ערשטע נאַכט... נו־נו, דערציילן זיי זיך עס פון דיר אָן אַ שרעק! זיי קענען גאָרנישט פאַרגעסן דיין געשליפן צינגל! נסים ונפלאות האָבן זיי פון יענער נאַכט... מוזט זיין אַ רעדנער אָדער אַ שריפטשטעלער, זאָגן זיי... נישט צום פאַרשטיין מיטן שכל, דערציילן זיי, ווי אַזאַ יינגל קען עס אַלעמען אָפּפּאַרטיקן מיט דער צונג... זיי זוכן דיך איצט, דו זאָלסט צווישן זיי אויסגלייכן אַ שטיקל סכסוך... פאַרשטייסטו שוין? און דאָ גייסטו אַרום אַ פאַרביסענער, אַן אָפּגעשלאָסענער... הייגט פרעג איך דיך: צוליב וואָס דאַרפסטו דאָ אויסגיין? מיינסט, אַז דאָ זענען קיין יידן נישט פאַראַן? אדרבה, אויב דו פאַרמאָגסט לשון — פאַרוואָס זאָלסטו נישט פּרובירן דאָ עפּעס אַנדערש צו מאַכן?... מילא, מיט די

דייטשן האָבן מיר פארלוירן יעטוועדע מענטשלעכע שפּראך... אָבער מיט ייִדן!? מיט ייִדן!?...

פרידלאַנד האָט שוין טויזנט פּלענער פאַר מעבעלען... דאָס ערשטע איז: מען זאָל דאָ מאַכן אַ געהיימע פארזאַמלונג און מעבעלע זאָל רעדן פאַרן עולם... דאָ גייט זיך יעדער זיין וועג, אַזוי לעבט ער און אַזוי שטאַרבט ער... צוזאַמען לעבן אָדער צוזאַמען שטאַרבן איז נאָך דאָ נישט געהערט געוואָרן... סיידן די וועהקשויץ פאַרט צונויף אַ גאַנצע גרופּע און פירט זיי אַוועק צום טויט... איז אפשר כדאַי דערפון צו רעדן, ווי זאָגסטו?

דאָ איז פאַראַן נאָך עפּעס צו טאָן: פאַראַן דאָ מיידלעך וואָס זינגען שיין, פאַראַן אויך בחורים מיט אַרטיסטישע פעאיקייטן... קען מעבעלע נישט אַמאָל צוזאַמענשטעלן אַ פּראָגראַם און מאַכן אַ פאָרשטעלונג. וואָס איינער פון די פאַרמעגלעכע קען — זאָל ער געבן: אַ שטיקל ברויט, אַ מטבע... ער איז אַ נאַר, מעבעלע, ווען ער מיינט, אַז ס'איז אַ פאַרברעכן אין אָט-דעם גיהנום איינצואָרדענען פאַרוויילונגען. אמת איז, אַז הונ־דערטער גוססן אין די באַראַקן, אָבער אַזאַ פאָרשטעלונג קען אַ סך איינ־ברענגען און מ'קען דערמיט נישט איינעם דערהאַלטן ביים לעבן... ער וויל אים איצט נישט אויסרעכענען אַלע פּלענער זיינע, אָבער פון לייִדיקע הענט וועט גאָרנישט אַרויסקומען. ער קען זיך פאַרלאָזן אויף פריד־לאַנדן, אַז ער ווייסט, וואָס ער זאָגט...

די אַלע פּלענער האָבן זיך ביי מעבעלען צוזאַמענגעגאָסן אין אַ גע־דאַנקען-קנויל, וואָס האָבן געררייצט און געשראָקן; אָט האָט ער דערזען אַ מעגלעכקייט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט מענטשן, צוריק אַריין אין אַ לעבעדיקייט, אויפגעטרייסלט ווערן... און פון דער צווייטער זייט איז אים שווער דאָ זיך אַרויסצוהייבן, צו שטראָפן און צו וועקן, צו ווערן בעטלער און באַפעלער...

איין זאַך אָבער איז אים קלאָר געוואָרן: דאָ איז אַ שאָד צו שטאַרבן. דער טויט וועט דאָ נישט זיין מאָנאָטאָן. דאָ קען מען נאָך פאַרשיידנס זען און הערן. דאָ קען מען אַרומנעמען אַזויפיל לעבנס-קאָמפּליצירט־קייט, וואָס נאָרמאַלע הונדערט יאָר זענען עס נישט בכוח צו באַווייזן. איז אַ שאָד צו שטאַרבן פון הונגער, פון דער קויל און דערמיט צו פאַר־

ענדיקן... דאָס ערשטע מאָל נאָך לאַנגע חדשים דערפילט מעבעלע דעם ווידעראויפגעוואַכטן גאַר, דעם נייגער צום טראָגן ווייטער די שווערע טעג אין געהירן... דאָס ערשטע מאָל קומען פאַר אים אַרויס, פון די פאַרנעפּלטע האָריזאָנטן, מעגלעכקייטן צו קענען מיטווירקן אין די געשעענישן, נישט צו זיין אַ פּאַסיווער אָביעקט אין די הענט פון גרויסן גרויל וואָס נעמט אַרום מיליאָנען... פּאַרוואָסזשע נישט פּרובירן דערמיט? פאַרוואָס נישט אויסרוישן אַלע כוחות ביז צום טויט?

אַן אינעווייניקסטע שטים כאַפּט זיך אויף פון אַ לאַנגן שלאָף און צעשפּאַלט זיך אין טויזנטער קולות:

— מ׳דאַרף... מ׳מוז אויפּסנייי זיך אַ ראַנגל טאָן פאַרן לעבן... אפילו פרידלאַנד איז פאַרוואונדערט געוואָרן פון מעבעלעס נייעם טאָן; עפּעס אַ בייז פייערל האָט זיך ביי אים געריסן פון בליק, גלייך און גרייט זיך צו וואַרפן און צו פאַרברענען אַ וועלט... ווו האָט ער עס פּלוצים גענומען אַזאַ עקשנותדיקן גלי? זע נאָר ווי ער שרייט, ווי ער באַפעלט ממש פרידלאַנדן:

— הייבט שוין אָן צו אָרגאַניזירן... זאָל מען אפילו דערשיסן נאָכדעם... איך בין איצט גרייט אויף אַלץ...

ווייסט ער כאָטש, מעבעלע, וווהין פרידלאַנד וויל אים אַוועקפירן? איז אים דען איצט אַ נפקא-מינה? אַז דער דערשטיקטער קול אין אַלע בלוטן איז איצט משוגע געוואָרן און שרייט... און זוכט אַ מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין אָט די אַלע טויטע און איינגעוויגטע שאָטנס... אַז דער איינענער גוף איז גרייט זיך אַדורכצוזעצן דורך מויערן צוליב יעדן טאָג ווייטערן לעבן...

אוודאי וועט ער איצט אָפּטאָן אַ סך נאַרישע און קלוגע זאַכן. נישט איינמאָל וועט ער שפּעטער וועלן שפּייען אויף זיך אַליין, נישט קענען באַגרייפן ווי אַזוי האָט ער געקענט טאָן דאָס אָדער יענץ ווי גאָרנישט פון זיין אַלטן גלויבן וועט ביי אים דיקטירן מיט זיין האַרץ... ווי אַזוי זשע זאָל ער פאַרשטיין דעם כוח, וואָס מאַכט דעם מענטש זינלאָז און נאַריש און דערפירט אים ביז צום גרעסטן אַבסורד פון נאַקעטע צייטן: לעבן ווייטער אין ווערק צו!?...

מנשה, פרידלאנד, דער ייד מיט די ווייכע אויגן פון דער האלע איין און פופציק — אלע צוזאמענגענומען האבן אויסגעפלאכטן אזא שטריק, וואס האט זיך פארווארפן אויף דעם מידן מעכעלעס גרדאנקען, פארשלעפט אים אויף א זייטיקן וועג און זיך אפגעזאגט זייערס:

— דו מוזט לעבן ווייטער!

## קאפיטל פינף און צוואנציק

### I

אנדערהאלבן טעג האט מעכעלע זיך געראנגלט מיט זיך אליין און נישט געגאנגען צו דער שכנותדיקער האלע. דער הונגער האט דערשפירט, אז מעכעלע האט געפונען אן אויסוועג, נאר ער וויל זיך אים נישט אונטערווארפן; האט ער דערפאר גענומען יאמערן ירגזונדיקער און רייסן שטיקער אינעווייניקסט לייב: ג יי ! איז מעכעלע ווידער אוועק זיך שטעלן בעטלעריש ביי דער טיר פון יענער האלע, ווו עס ארבעטן די זאטערע... דער אלטער, דער פריערדיקער מעכעלע, האט פארשעמט זיך באהאלטן אונטער די בלוטן און געלאזט דעם נייעם, דעם איבערגעענדערטן, גיין וווהין ער וויל... שטעלן זיך מיט ארויסגעשטארצטע אויגן און וועקן רחמנות, קוקן צום פעסל עסן מיט א געשאכטענעם בליק און ווארטן ווי א הונט אויף א לעפל צוגעווארפענער, אומווירדיקער זופ... אז מען וועט אים געבן — וועט ער עס ארייגגיסן שנעל אין זיך... אזוי שנעל, אז דער מאגן אליין זאל זיך נישט כאפן, מיט וויפל בושה ער האט עס באקומען און זאל זיך קראמפהאפט נישט צושליסן פאר שעם און עקל...

ס'איז פארנאכט. די נארמע איז געענדיקט געווארן מיט עטלעכע מינוט פריער. משה מיט מארטפעלדן רייניקן די קאמער און מעכעלע האט מער נישט קיין פלאץ אין דער קאיוטע. מארטפעלד זעט מעכעלעס אנגעצונדענע אויגן און בעט זיך ביי אים:

— מעכעלע, גיי ארויס אביסל אויף דער פרישער לופט... מארגן וועסטו מאכן די זויבערונגס-ארבעט... שפיגל זיך נאר אן אין דער שויב... מעגסט זיך היינט באהאלטן פאר דער צוגאב-ארבעט, ווייל קענסט נאך דא בלייבן היינט אין פאבריק...

מאכט זיך מעכעלע נישט וויסנדיק, ווען די פיס טראגן אים פאר־זיכטיק אוועק אין דער צווייטער האלע אריין... די ארבעט איז נאך אפי־ציעל נישט געענדיקט. דארט רוישט נאך די שטעמפל־מאשין און מעכעלע בלייבט דערפאר שטיין צווישן די הויכע שטויסן מיט גראנאטן. דער יידי־שער מייסטער איילט ערגעץ מיט זיינע לאנגע פיס און די האלע בלייבט אן דעם לעצטן שומר... מסתמא איז די נארמע שוין דערגרייכט, ווייל די מאשין טוט דעם לעצטן זיפץ און שטעלט זיך שטיל-ברומיק אפ. מעכע־לען זעט איצט נישט קיינער. די מענטשן שושקען זיך עפעס דארט. באלד טוט עמעץ א רעד ארויס:

— קינדער, ווער האט היינט שמירה? ס'איז שוין שפעט, מ'וועט היינט מוזן דאווענען שנעלער...

א צווייטער אפאנירט אים:

— זיבן מאן זענען היינט אוועק אין 58סטל... מיר האבן קוים א מנין...

א מינוט לאסטעט דארט א שטילער פארקלעמטער צער, דאס וויל מען דארט דאווענען מנחה בצבור, נאר מען האט מורא, עס זאל נישט אנטראגן עמעצן... און דא זענען זיי סך-הכל צען מאן... מעכעלע שטעקט ארויס אינסטינקטיוו דעם קאפ פון זיין ווינקל ארויס... צען פאר אויגן ווארפן זיך אויף אים מיט א וואונדער־גלאנץ, ווי אויף אן אנטפלעקונג:

— א ייד? שוין געדאווענט מנחה?

מעכעלע קען זיך נישט באהערשן:

כ'האב אפילו מיט א וואך צוריק אויך נישט געדאווענט...

קיינער פון זיי האט אבער נישט בדעה מיט מעכעלען צו פירן קיין וויכוחים. איינער, א קליין מענטשל, מיט ברילן, וויל וואס שנעלער ענ־דיקן מיט דעם פארפרעמדטן זאג, וואס איז דא געפאלן, מאכט ער עס קורץ:

— אבער היינט וועט איר מיט אונדז מיטדאווענען. מיר מאכן דא יעדן טאג א מנין, גראד היינט זענען א טייל אוועק צו אן אנדער אר־בעט... יאסל! דו האלטסט היינט וואך. פייוויש דאוונט פארן עמוד...

איידער מעכעלע האט צייט א קלער צו טאן, זעט ער ווי א געלער בחור לאזט זיך צו דער טיר. דער בחור מיט די געקרייזלטע האר טוט אן א שטיקל היטל, פארווארפט א פארפעצטן מאנטל איבער די אקסל, גארטלט זיך אונטער מיט א שטריק און שטעלט זיך מיטן פנים צו דער וואנט פון דער גראנאטן-פיראמידע... אין דער שמאלער האלע איז טונקל. די שטויסן פארשטעלן אלע פענצטער. בלויז איין עלעקטרישער לאמפ הענגט אראפ פארגעסן פון סופיט און באווארפט מיט א פארגעלטן שיין די ציטערדיקע גופים, וואס האבן זיך פאררוקט אין ווינקל, צוגעפאלן מיטן מידן קאפ אין די שטיקער מחבלדיקע אייזנס... א בילד וואס לאזט זיך קיינמאל נישט פארגעסן:

גיין מענטשן האבן זיך אריבערגעטראגן אין א ווייטער וועלט אריין. זיי ווארפן זיך, טרייסלען פון זיך אפ דעם לעצטן, ווערק-צעדיקן שטויב און טוען תפלה. דער צענטער שטייט אין טיפער פארגאפטקייט, וויל צע־עפענען די ליפן און מיטפרעפלען, נאר אלע ווערטער זענען ביי אים בלאס געווארן און פארלוירן יעדן זינען... שטייט ער בלויז און שוימט אין זיך אריין דעם פרעמדן עקסטאז, וואס פאלט פון אלעמענס ליפן אראפ... כאטש דא איז איצט אזוי שטיל און ערפורכטיק, אז אים דוכט זיך ווי די שטומע גראנאטן קורטשען זיך אויך, זינקען אין זיך אריין פאר בושה און שרעק, וואס דער שאטן פון ישראל-גאט האט דא אנגעטראגן — — — דאס געלע ליכט פון דעם לאמפ באגיסט די הוידענדיקע גופים מיט א פאר־וועלקטן טרויער און זיי זעען איצט אויס ווי די געלע פלעמלעך פון צען גרויסע יארצייט-ליכט... בלויז זייער איבערגעוואקסענער שאטן רייסט זיך צום סופיט, טרייסלט מיטן ביסל ליכט, ווי ער וואלט זיך אין געראנגל געוואלט צובאקומען צו דעם טראפן ליכט וואס הענגט אראפ פארלוירן פון דער סטעליע... כל-זמן די אויגן זענען ביי אלעמען צוגעמאכט אין דער גישט-דאאיקער פארגעסנקייט... די שטיקלעך וואקסענע ליכטיקייט קריכן

אָבער פלינק אָפּער פון אונטער דעם שאָטנס בעריקער פּחדימדיקייט און לאָזן נישט איינשלינגען די האַלע אין טונקעלן תּהום אַריין...

פּאַמעלעך רוקט זיך אויס איין קערפּער נאָכן צווייטן פון זיין איינגעשמידטן קרייז. די מענטשן קריגן צוריק זייער לעבעדיקע באַוועגלעכקייט און גיסן זיך צוזאַמען אין איין קיילעכדיק רעדל... עמעץ שרייט אַרויס:

— יאַסלי? ש ו י ן ! . . .

דער געל־באַשפּרענקלטער בחור קומט אַריין, נעמט שטום אַראָפּ דעם שטריק פון איינעמס טאַליע און פאַרוויקלט זיך מיט אים... מיט פרומען ערנסט רוקט ער זיך אַריין אין אַ ווינקל, גיט זיך אַ טרייסל און פאַרוואָגלט ערגעץ אין טיפע אומבאַקאַנטקייטן אַריין... דאָס געזעגנט ער דעם טאָג מיט דער לעצטער מנחה...

די פּאָר מענטשן, וואָס זענען אַוועק אַרבעטן אויף אַ צווייט אָרט, זענען נאָך נישט צוריקגעקומען — מוז מען אויף זיי וואַרטן. כאַפּט מען דערווייל אַ שמועס. אַלע זענען פאַראינטערעסירט אין מעבעלען:

— מסתּמא איז ער פון די פרישע? ווו אַרבעט ער? אַקעגנאיבער זאָגט ער? נו, האָט ער געוווּג צייט... ביז מען וועט דאָרט ענדיקן די צוגעגעבענע אַרבעט, האָט ער נאָך צייט זיך דאָ אָפּצורוען. אין דער קאַיומע מוז מען צוהעלפן די שותּפים צו דער אַרבעט, אָבער דאָ איז די צוגאָבאַרבעט בלויז אַ שיקאַנע... עס גייט זיי בלויז אין דעם, אַז די מענטשן זאָלן אַהיימקומען אין דער נאַכט — ווייטער גאָרנישט... טאָ זאָל ער זיי איינמאָל אויסשווינדלען... אַמבעסטן וועט זיין, ווען מען וועט זיך פאַרקלייבן אין דער טיף פון דער האַלע, צווישן איין שיכט גראַנאַטן און דער צווייטער, דאָרטן וועט אים קיינער נישט באַמערקן און זיי וועלן דערווייל הערן נייעס, ווי אַזוי עס זעט אויס אין די אַנדערע געגנטן פון פּוילן... עפּעס אַ קלייניקייט: אַכט חדשים זענען זיי שוין אָפּגעריסן פון דער וועלט... מעבעלע קוקט דערשראָקן צו דער גאַס. לאַגער־מענטשן פאַרשטייען זיך אָבער אויפן ווינק. דער דאַרער מיט דיברילן באַמערקט עס און ער טרייסט אים:

— האָט נישט קיין מורא, מיר וועלן באַפעלן דעם פאָראַרבעטער

אייערן, אז איר גייט היינט מיט אונדז אהיים... צוליב אונדז וועט ער אייך מעלדן, זייט אויסגעזארגט...

איז גוט צו קריגן נייע חברים.

## II

דא איז א באזונדער, אייגנארטיק ווינקל. די פאר מענטשן וואס ארבעטן דא זענען פון פארשידענע געגנטן. די גרעסטע טייל זענען פרומע און זיי האלטן זיך דערפאר צוזאמען. גראד האבן זיי נאך צוביסלעך געלט און האבן דערפאר באוויזן צו דערמאבערן די שטילסטע האלע פונעם ווערק. דא כאפט מען אריין בגנבה א דאווענען מיט מנין און אין דער פרייער צייט שמועסט מען איבער א שטיקל תורה פון אלטע, פארגעסענע צייטן. מיט דעם גאנצן לאגער האבן זיי כמעט נישט קיין שייכות. דא איז זייער וועלט, דא ארבעט מען און מען שמועסט. אזויווי מען עסט נאך צו דער זעט און די ארבעט איז נישט קיין באזונדערס-שעדלעכע — איז די געפאר פון א סעלעקציע נישט אזוי גרויס... די פאר חדשים ארבעטן אויף אן ארט האט אלעמען געמאכט היימיש צווישן זיך, צוגעבונדן צו דער האלע און אריינגעבערנגט אין א רואיקן געמיטס-צושטאנד. די מענטשן דא לעבן אזוי פארבייגייענדיק, אזויווי נעבן דעם לאגער און זיי ווארטן אפ אויף א באזונדער שטייגער דעם סוף...

ווען מעכעלע רעדט צו זיי, פאלן אים צופעליק אראפ א פאר פסו-קים פון דער צונג. דער באברילטער יונגערמאן שטוינט:

— געלערנט אמאל?

— יא. אין ליטווישע ישיבות.

פארגעסט מען באלד פון דעם וואס מען האט געקלערט צו רעדן און מען פארגייט אויף זייטיקע וועגן. יענער קען צו זיך נישט קומען:

— גיי ווייס... און — אין האלע דריי און פופציק!

פון דער האלע-טיר הערט זיך א גערויש. דאס קומט די פארשפע-טיקטע גרופע. דער יונגערמאן מיט די טיפע אויגן דערקענט מעכעלען און באגריסט אים ווי א היימישן, אלט-באקאנטן:

— שוין איבערגעקלערט וועגן אייך... פאַרוואָס האָט איר זיך נישט געוויזן? דער יונגערמאַן מיט די ברילן שושקעט יענעם עפּעס אַריין אין אויער, אָבער ער ענטפערט אים אָפּ הויך אויפן קול מיט זיינע אָפּגעהאַקטע זאַצן:

— אַ טביעות־עין האָב איך... גמרא־אויגן דערקענט מען...

און צו מעכעלען:

— דער, וואָס האָט אַמאָל אַריינגעקוקט אין אַ גמרא, דעם וועט דער חותם דערפון בלייבן אויף אייביק אין בליק... ער מעג דערנאָך ווי־ווייט אוועק; ס'העלפט נישט... נאָר מילא, אָך און ווי ווו מיר טרעפן זיך... אַ דאגה איצט: אַ ליטוואַק... אַ חסיד... גאָט אַליין וואָלט איצט אַן אפּיקורוס געוואָרן... פרעגט מיך: פאַרוואָס דאַווענען מיר? מיר זענען אבלים, אייביקע אבלים און מיר זענען פּטור פון אַלץ... פון  א ל צ ד י נ ג  אין דער וועלט... נאָר גאַרנישט, אפשר איז עס אַ צולהכעיס; אויף צופּיקעניש די שונאים מוזן מיר זיין יידן! הרגענען קענען  ז יי ; אָבער מיר קענען זיין יידן ביז צום טויט... דאָס איז דער אונטערשיד... מיטן הימל וועלן מיר מאַכן דעם חשבון אַ צווייטן מאָל... מעגלעך, אַז אונדז וועט קומען מער ווי  א י ם ...  צוליב זיי אָבער אוועקצוואַרפן דאָס יידישקייט — דאָס איז אַ דערנידערונג... דו זעסט: דאָ זענען פאַראַן גנבים, יידן, וואָס האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם מינדסטן עול פון תורה און דרך־ארץ... ווי מעגסטו אָבער זיי פאַרגלייכן צום בעסטן דייטש, צו די פּאָליאַקן!? אפילו זיי זענען מיר ליבער! ווייסט איר פאַרוואָס איך דאַוון היינט? טאַקע דערפאַר ווייל היטלער האָט אונדזער אומה אויסגעקוילעט! איר פאַרשטייט? איך דאַוון דערפאַר, ווייל איך וויל אַ תשובה אויף דעם, וואָס כ'האָב ביי דער גמרא זיך געלערנט דייטש... ווער ווייסט, אויב איך וועל נאָך צייט האָבן תשובה צו טאָן ווי געהעריק...

ווי מאָדנע דאָס קליינע גרופּקעלע איז דאָ צוזאַמענגעשטעלט!

דער וואָס רעדט, אַלטער לעמיט, איז אַ יונגערמאַן פון גאַליציש־דאָמבראָווע. געווען אַן עילוי־אישער יונגערמאַן. נאָר־וואָס אָנגעקומען אויף קעסט צום שווער. דאָס יונגע ווייבל האָט געהאַנדלט, געבריהט זיך און ער האָט שטילערהייט אַ בים געטאָן פון עץ־הדעת ביי דעם ספר... נישט

אוועק חלילה צו־ווייט, נאר גלאט א בליק געטאן אין „יענע" געצעלטן אוים נייגיר און ווייטער געבליבן דער למדן מיטן סאמעטנעם קול... טאקע זיין בריהדיק ווייבל איז געווען די ערשטע, וואס האט פארשטאנען זיך באציינס אריבערצוטראגן אין ווערק צע. זענען זיי ביידע, די איינציק־געראטעוועטע פון דער גרויסער משפחה... דא האלטן זיי זיך אן איינער אין צווייטן. איינער איז פארן אנדערן די ד ע ר מ א נ ו נ ג פונעם גאנצן אמאל. צוליב דעם, וואס זיי האבן זיך נישט פארלוירן, איז נאך די גאנצע נגידיש-פרומע שטוב געבליבן וואך אין זכרון מיט אלע מנהגים אירע... דאס חנעוודיקע ווייבעלע טראגט נאך דא א פאטשיילע איבער די האר, כאטש דאס גיט איר צו א פארעלטערטן אויסזען... זי רופט אים נאך אלץ: אלטערשי... און ער ענטפערט איר נאך אלץ מיטן מאניש־צניעותדיקן טאן, נישט קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן...

א בריה פון דער היים אוים, רייסט זי אויך דא איין וועלטן, האנדלט פארבארגנערהייט מיט די פאבריק-שגצים... קיינער פון זיי וועט אבער נישט וואגן זי צו נעמען אויף אזא שטייגער, ווי זיי טוען עס מיט אנדע־רע... כאטש פון צווישן די פריצייטיק געקנייטשטע אויגנלעכער קוקן נאך ארויס א פאר פרישע שווארצע קארשן און אויף דעם הארץ ווארפן זיך נאך צוויי יונג־בערגלדיקע מייזעלעך... אלע פאליאקן, וואס קענען זיי, זוייסן, אז זי האט דא דעם מאן און איר ליבלעכער ארט רעדן רופט אויך ביי זיי ארויס א פארבארגענעם דרך-ארץ... אין די פארנאכטן קאכט זי אפ עסן אין א באזונדער טעפל און ברענגט עס אלטערן אין זיין באראק אריין. זיי זעצן זיך ביידע צו צום שטיקל טיש און עסן צוזאמען... דאס איינציקע וואס בינדט זיי ווי מאן און ווייב... שפעטער גייט זי צו זיך אין באראק אריין און ער קריכט ארויף אויף זיין קויקע, קרעכצנדיק פאר־בענקט ביז טיף אין דער נאכט אריין...

דער באבריליטער יונגערמאן איז געקנעטן אין רביישן און גבירישן יחום. אלע יארן זיינע האט ער נישט געוווסט, וואס עס הייסט ארבעט אדער נויט... אן איידעם געווארן ביי די רייכע ראפאפארטס פון ביליטץ — איז ער געזעסן בכבודו של עולם, געלערנט, געקריגן די חסידיש־ארים-טאקראטישע מאניערן פון תורה וגדולה במקום אחד; געלייענט צייטונגען

און געפֿאָרן אַלע יאָרן באַקוקן די וועלט... ווי אַזוי ער איז אײנער אַליין דאָ פֿאַרוואָגלט געוואָרן? וואָס מיט זײַן באַרימט־נגידישער משפּחה ס'איז געוואָרן? ער ווייסט עס אַליין נישט... איין ענטפער אויף אַלע פֿראַגן:

— ס'האָט זיך שוין געמאַכט אַזוי... אַ באַשערטע זאַך...

גאָט האָט אַלע חסדים און נסים צוגענומען פֿון זײַן הויז־געזינט. בלויז ביי אים האָט ער דעם לעצטן נס געלאָזט, אַלס זכר, אַז ער איז דאָ ... דאָס, וואָס ער האָט געהאַט איינגעניײט אין דעם אונטערשלאַק פֿון פּעלצל, האָט מען נישט אַנטדעקט! לעבט ער דערפֿון... צו־ערשט האָט דער מאָגן זיך געבייזערט, נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן שוואַרצן ברויט און גרויפּן־וואַסער... ביסלעכווייז האָט ער אָנגענומען אָבער דעם זעלבן דערשלאָגענעם רעזיגניר־טאָן, וואָס זײַן שטילער באַלע־באָס און שטיל פּארדייט, דאָס וואָס יענער האָט מעלאַנכאָליש אין אים אַרייַנגעשפּאַרט...

נאָר אַז מעבעלע איז אַ נייער, קען ער אים ווידעראַמאָל אַ פֿרעג טאָן, דאָס וואָס ער האָט שוין אַזויפֿיל מאָל געפֿרעגט זײַנע חברים:

— זאָגט מיר, אפשר ווייסט איר עס: צוליב וואָס לעב איך נאָך?

און ווער קען דען זײַן אַזוי קלוג אים צו ענטפֿערן דערויף?

דערפֿאַר אָבער פֿאַרמאָגט ער נאָך אַזוינס, וואָס קיינער האָט עס זי־בער נישט: טרערן... דערציילט ער מעבעלען פֿון זיך, קאַפּען פֿון זײַנע אויגן גרויסע, קלאָרע טראָפּנס און שרייבן עפּעס אָן מיט פֿלעקיקער שריפֿט אויף זײַן מאַנטל... ביז מיט אַ יאָר צוריק איז ער געזעסן אין אַ פֿאַר־וואָרפֿן ווינקל צוזאַמען מיט אַלע זײַניקע... וויינט ער זיך ערשט איצט אויס און ווייסט אַפֿילו נישט, וואָס פֿאַר אַ גליק ער האָט באַהאַלטן אויף די אומגליקלעכע טעג... ווען ער זעט לימעטן און די פֿרוי, דערמאָנט עס אים אין זײַן עלנט... פֿאַראַן נאָך פֿאַרלעך דאָ, אָבער יענע זענען עפּעס אַנדערע, נישט גלייכע צו זײַן פֿריער... זיי אָבער זענען פֿון זעלבן שניט און עס דוכט זיך אים שטענדיק, ווי זײַן נעכטן בלאָנקעט אים נאָך ווי אַ שאָטן ביז אין דער האַלע אַריין...

אין דער האַלע זענען זיי ביידע די וואָרט־פֿירער ביי דער גרופּע. אַפֿילו דער אַסימילירטער מייסטער האָט פֿאַר זיי דרך־ארץ און זוכט

ביי זיי א וואָרט טרייסט אין די שווערע טעג. נישט קענענדיק אַליין קיין יידיש וואָרט, בעט ער זיי, זיי זאָלן אויך אים אין זינען האָבן ביים דאַווענען און ער מאַכט זיי פאַרשידענע פאַרלייכטערונגען ביי דער אַרבעט...

## III

דאָ זענען נאָך פאַראַן די צוויי ברידער: יאָסל און פייוויש. ביידע זענען זיי געווען פשוטע שוסטערס אין קליינעם שטעטל זשארקי. געלערנט האָבן זיי ווייניק, אָבער אין בית־המדרש אַריין זענען זיי שטענדיק געגאַנגען דאַווענען און דער פשוטער יאָסל איז געקומען מיט זיין תמימות־דיקער פרומקייט ביז אין לאַגער אַריין. דאָ דאַווענט נאָך יאָסל מיט אַ גאַרטל און האַלט אין איין זוכן מצוות מקיים צו זיין. נאָך דער אַרבעט זוכט ער נאָך אין די באַראַקן, וועער עס דאַרף אַמנויטיקסטן הילף און טוט וויפל די כוחות טראָגן... ער האָט נאָך די מתן־בסתרדיקע געוואוינהייט פון אונטערוואַרפן יענעם אַ שטיקל ברויט, קיינער זאָל נישט זען און אוועקשלייכן זיך מיט דער געוואָרנטקייט פון איינעם וואָס טוט אָפּ אַ גנבישע זאַך... פון דעם געלט, וואָס ער מיט פייווישן באַקומען פון צייט צו צייט דורך אונטערערדישע קאַנאַלן, לעבן זיי ביידע שפּאָרזאַם און טיילן זיך ווי ווייט מעגלעך, מיט וועמען עס לאָזט זיך... באַטש, עס זאָל נישט אויסגערעדט זיין, ס'איז דען מעגלעך דאָ יוצא צו זיין? מענטשן קענען דיך שווין... מ'וואַרט דיך אָפּ... און יעדער וויל עפּעס, בעט פון דיר... און ווי אַזוי קען מען דאָ אַלעמען צופרידנשטעלן? און דאָס האַרץ טוט דערביי וויי דערפון... נאָר מילא, פאַר מענטשן איז מען נישט מחוייב אָפּצוגעבן קיין חשבון. גענוג איז, ווען גאָט זעט און ווייסט... מיר אַליין, קען זיין, האַלטן אויך, אַז גאָט איז קעגן אונדז נישט יוצא, נאָר אויך ער האָט זיך זיין חשבון...

זיי אַלע אינטערעסירן זיך מיט מעכעלען, רעדן אים צו, ער זאָל יעדן טאָג צו זיי אַריינקומען. אוודאי איז שווער, ווען מען פאַלט אַריין אין אַזאַ אָרט, ווו ער איז איצט, אָבער מעגלעכקייטן זענען פאַראַן פאַרשידענע. דערוויל מוז מען זען נישט צו פאַלן פון די פיס. זאָל ער קומען און גלייך

צוגיין צום פּעסל, ווען מען טיילט אוים די זופּ, ווי איינער פון דער האַלע... פּאַר אים ווערט שטענדיק זיין. ער דאַרף זיך נישט שעמען, ס'איז דאָ זאַכן, מיט וועלכע מען קען אים בייהילפיק זיין; סוף־כל־סוף איז מען נאָך אביסל געבליבן ביים מענטשלעכקייט...

מעבעלע קלערט וועגן די חברים: אפשר וועט ער קענען בּיסלעכווייז זיך אָנזעטיקן אַזוי, ער זאָל נישט דאַרפן אייביק שלאָגערן פון אייגענער קיי־גיר און אויך קענען קלערן וועגן דער פּיין פון אַנדערע, אפשר קען מען נאָך עמעצן צושטאַרקן עטוואָס... מאַרטפּעלדם פּאַרצערטע אויגן שטייען אים אַקעגן און עס ווילט זיך אים די מענטשן דערציילן, שרייען צו זיי, אַרויספירן זיי פון דעם אָפּגעשלאָסענעם ווינקל און זיי ווייזן, ווי אַזוי מענטשן ראַנגלען זיך דאָרט מיט עטלעכע טריט ווייטער, עסן אויף די אייגענע גאַל אין מאַכטלאָזיקייט... פון איין זייט וואָלט עס אפשר יענע געהאָלפן אביסל און פון דער צווייטער זייט וואָלטן די מענטשן דאָ אביסל געטרייסט געוואָרן, געזען, אַז זיי זענען נאָך נישט די אומגליקלעכסטע... זיי האָבן דאָ בלויז מער צייט, זיי זענען צופיל מיט זיך און מיט דער אייגענער וועלט — קענען זיי זיך אַליין שטענדיק זען און זיך אַליין באַוויינען... די אַנדערע, די הונגעריקע, האָבן נישט קיין צייט זיך צו פאַרטיפן אין זייער אומגליק און גרויל; זעען זיי בלויז, שפּירן זיי נאָר דאָס, וואָס די אברים שרייען אין זיי אריין...

דאָ פאַרלירט אָבער דאָס לשון זיין באַדייט. יעדער איינער, אויסער דער אייגענער איך, שאַרט זיך דאָ פאַרביי, באַרירט בלויז אויף אַ מינוט דעם אייגן־אַנגעוויטיקטן געפיל, קומט אריין אין אַ האַרץ אויף אַ רגע און לאָזט זיך אָן שווערן ווידערשטאַנד אַרויסשטויסן פון די אינערלעכע קלע־רעניִשן און מאַטערדיקן צער, וואָס קומט פון אַ קלערעניש, פון לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט...

נאָך עפּעס האָט מעבעלע אַנטדעקט אין דעם קרייז: צייטונגען. לי־מעטס פרוי באַקומט פון ערגעץ יעדן טאָג אַ דייטשע צייטונג פאַר איר מאַן. קומט מעבעלע אין די פאַרנאַכטן, קריכט אַרויף איבער די בערג מיט גראַנאַטן און כאַפּט אַ בליק אין דער גרויסער און בלוטיקער וועלט

אריין. שפעטער טיילט ער זיך מיט זיין מיינונג, ביים אהיימגיין, מיט די אנדערע. ער אינטערפרעטירט, דרינגט ארויס פון דעם געלייענטן פארשי־דענע זייטיקע זאכן, פון וועלכע די פאר צוהערער גאפן פון וווּנדער... יאסל מיט פייוויש באמיען זיך די ערשטע צו זיין ביים געבן אים זייערס א פארציע זופ, בכדי אין די פרייע שעהן צו קענען ביי אים איבערפרעגן נאכאמאל די געלייענטע נייעס. לימעט מיט זילבערטאלן האלטן זיך אליין פאר מבינים, אבער קומען דאך פרעגן ביי מעכעלען, וואס ער זאגט... און אין געציילטע טעג דערשרעקט זיך מעכעלע פאר דער גרויסער אויפמערק־זאמקייט און דרך־ארץ, וואס די מענטשן פון 51-סטל ווייזן אים ארויס. דער הונגער ביי אים וועפט אויס. עס טרעפט טעג, ווען ער גיסט זיך אן מיט דער קלעפיקער זופ, טראגט נאך אוועק דאס געבליבענע צו די קאזי־טע־חברים... עס קומט אבער אין אים אויף א נאגעניש נאך עפעס אנדערש: דארט, ביי יענע מענטשן, זעט ער עסן אנדערע מאכלים. זיי עסן דארט ב ר ו י ט צו דער זעט, קאכן זיך קאשע און קארטאפל און נישט ווילנ־דיק דערמאנט עס און פארבענקט נאך דעם, וואס מענטשן האבן אמאל געגעסן... ער שעמט זיך דערמיט, היט זיך, מען זאל עס אין אים נישט באמערקן און עס נישט אויפנעמען ווי באהאלטענע קנאה... פאר די חברים זיינע פילט ער זיך שלעכט דערמיט, וואס ער קומט פון דארט א זאטערער, א דערפרישטער... און פון דארט מיטנעמען מיט זיך דאס ביסל געשענקטע זופ קען ער נישט און טאר נישט. דא איז מען חושד אלעמען אין אלצדינג, וואס מען קען נאר אפטאן אין לאגער. וועט מען באלד זאגן, אז ער טראגט עס אוועק צום פארהאנדלען...

איז אוועק די ערשטע, נאקעטסטע פארם פון הונגער און אויף דעם ארט איז ארויסגעוואקסן א נייע פיין, א וואנט וואס דערדריקט און פאר־פינצטערט דאס געמיט... דערפאר אבער שפירן די הענט ווינציקער די משא פון דעם אייזן און מען ווערט פארגלידערט אין די שווערע טעג.

# קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

## I

דאָס לעבן אין ווערק צע דויערט לאַנג. יעדער טאָג איז גרויס און יעדע מינוט האָט זיך אירע אַנגעווייטיקטקייטן און איבערלעבענישן. ווען מען איז צוויי וואָכן אין ווערק צע, לערנט מען אַ סך זאַכן, פון וועלכע מען איז פריער נישט ביכולת געווען צו טראַכטן, צו זען... די ערשטע צוויי וואָכן האָבן מעבעלען דערוויילּ באַקאַנט געמאַכט מיט אַ קליין ווינקעלע, פון וועלכן ער האָט געקענט באַקומען דעם אויסבליק אויף ווייטער. דאָ האָט ער געטראָפן די ערשטע מענטשן, וואָס האָבן אים אָנגעוויזן די וועגן ווי אַזוי אויסצובנייטערן זיין זעאונגס-קראַפט, אים דערמעגלעכט די אומגע-הויער לאַנגע צייט פון צוויי וואָכן איבערצוטראָגן... און אַז ס׳איז געקור-מען דער צווייטער זונטיק פון זיין געפינען זיך אין ווערק, האָט עס ביי אים אויסגעזען, ווי ער וואָלט דאָ שוין געווען יאָרן. דער אַרום האָט אַזוי-פיל פאַרנומען פון זיין מחשבה און זכרון, אַז אַלץ, וואָס אין אים איז גע-ווען, האָט זיך צוריקגערוקט הינטערווײַלעכץ און אַנטלאָפן פון זיין דענקען אויף ווייט-יאָריקן מהלך... ער איז געוואָרן אַ „האַסאַג״-מענטש אָן צו געדענקען דעם פריער און דעם שפּעטער. און ווי יעדער „האַסאַג״-גוף האָט ער פון זונטיקדיקן טאָג דערוואַרט דאָס איינציקע: גיין אין באָד אַריין אויפן ווערק אַ...

שוין זונטיק פאַרטאָג האָבן זיך אַלע מחשבות ענגער צוזאַמענגע-דריקט אין מוח, לאָזנדיק פּלאַץ פאַר דער דערוואַרטונג און איינדריקן פון דער נייער וועלט, וועלכע ס׳וועט אויסקומען היינט צו באַגעגענען.

אין די ערשטע שעהן פון פרימאָרגן באַמערקט זיך באַלד דער אויפ-רודער אין לאַגער. פאַראַן אַזעלכע וואָס זענען שוין צוגעוואַקסן צו זייער שמוץ. זיי פילן שוין נישט די בייסיקייט פון קויט אויף זייערע לייבער און דער איינציקער באַגער זייערער איז: אַוועקצוליייגן זיך אויף אַ גאַנצן טאָג אומבאַוועגלעך, נישט זען גאָרנישט און נישט הערן... אַזעלכע באַ-וואָרענען זיך באַצייטנס מיט באַהעלטענישן, אַז די פּאָליציי זאָל זיי

שפעטער נישט קענען געפינען און מיטשלעפן... דערפאר אבער זענען די גרעסטע טייל אויפגערעגט, מורא האבנדיק אז גראד זיי וועט מען נישט לאזן מיטגיין... און דאס זונטיקדיקע גיין איז פאר זיי פון גרויס וויכטיקייט.

פארן טויער פארזאמלען זיך גרויסע גרופעס, וואס ווארטן אויפן קאמענדאנט. ער דארף קומען און געבן דעם באפעל אפצומארשירן. ער באשטימט אויך ווער עס זאל יא גיין און ווער — נישט. ווען ער קומט ארויס פון „ווייסן הויז", שטייען שוין די גרופן אויסגעשטעלט אין דער ריי און ער קוקט אלעמען אדורך מיטן בליק. אט שטעלט ער זיך אפ ביי איינעם:

— דו... קענסט נאך ווארטן. ביסט נאך גענוג געזונט זיך צו קענען וואשן מיט קאלט וואסער...

א צווייטן ציט ער ארויס פון דער ריי:

— דו ווילסט, איך זאל ווידער האבן צרות מיט דער ווערקשטאט צוליב דיר?

ער קען אלעמען און ס'איז נישט מעגלעך זיך אויסצוהיטן פאר זיינע שארפע אויגן... ווען ער ענדיקט מיטן איבערקלייבן, זוכט ער נאך אלץ מיטן בליק; עס פעלט אים נאך ווער... באלד צעקאכט ער זיך:

— און ז יי  ווו זענען? איך זע דא נישט קיינעם פון די לויזערס און מוזולמענער! זיי ווילן שוין איינגאנצן צעפרעסן ווערן פון שמוץ...

די פאליציי, וואס דארף באוואכן די מחנה, טרעט אפ דערשראקן פון די ערטער. וויינבערג צעקאכט זיך:

—איר טויגעניכטסן! איר ווילט זיין פאליציי און אלץ זאל אייך לייכט אנקומען, וואס? איר ווילט זיך נישט מטריח זיין איבער די באראקן און ארויסשלעפן מיט געוואלד די וואס דארפן פאקטיש גיין אין באד... דערנאך וועט ווייטער זיין סעלעקציעס, קרענק און מגפות... און דער שולדיקער וועל  א י ך  זיין נישט קיינער... זאפארט מיר ארויס-שלעפן ביי די אויערן אלעמען! איר ווייסט שוין וועמען. געדענקט אז שפעטער וועל איך ארומגיין איבער די באראקן אויף קאנטראל... ווי וועט אייך זיין, אויב איך וועל עמעצן פון יענע לייט אנטרעפן אין די בא-ראקן!

פון אַלע זייטן ווערן געברענגט פאַרחושכטע, אָפּגעצערטע געשטאַלטן, נאַקעטע. די קנאָכן זייערע וויגן זיך אַרויס פון דער הויט און בייגן זיך קרום ביי יעדער טריט. ווען זיי קומען צו נענטער צום טויער, וואַרפן זיי זיך צו ווייזנבערגס פיס מיט געוויין:

— הער ווייזנבערג... מיר וועלן נישט דערגיין ביז צום אָרט... פאַרגיע ווייזנ...

די פריער־אויסבראַקירטע בעטן זיך פון ווייטנס:

— הער קאָמענדאַנט... איך בין גרייט צו פאַרטרעטן יענעם... יענעם...

ווייזנבערג איז שוין אָבער רואיק. ער מעסט יעדן באַזונדער אָפּ מיט זיין מעסער־שניטיקן בליק און וואָרנט:

— אָדער איר גייט, אָדער איר גרייט זיך צו מאָרגן צום שים־שטאַנד... איך וועל נישט דערלאָזן, איר זאָלט מיר פאַרקרענקען דעם גאַנצן לאַגער. איך האָב עס געענוג אָן דעם... איר וועט זיך נישט וואַשן, נישט אַנטלויזן זיך — וועלן אַלע ווערן צעפרעסן פון די לייז, קראַנק ווערן אויף טיפוס... אַ סך וועלן שטאַרבן און נאָך די רעשט וועלן קומען די לעבעדיקע מלאכי־מות... איז גלייבער, מען זאָל אייך אָפּרוימען באַצייטנס... איר האָט פאַרשטאַנען? און איצט — יאַזדאַ! איך וויל זען, ווער עס בלייבט הינטערשטעליק...

נאָך ווייזנבערגס ווערטער ענדיקט זיך די דיסקוסיע. פאַר אים האָט יעדער מורא. עס בלייבן ליגן בלויז עטלעכע פאַרחלשטע, אָדער די וואָס באַנוצן דעם חלשות־מיטל ווי דעם לעצטן אויסוועג... די טויערן טוען באַלד אַ גרילץ און דער קאַנצליי־סעקרעטאַר ציילט פאַרזיכטיק די רייען וואָס גליטשן זיך פאַרביי דער עפענונג. מעכעלע פילט אַ שטויס פון די נאָכקומענדיקע, וואָס שפּאַרן זיך צום אַרויסגאַנג און דערזעט זיך אויסער די דראָטן... פון הינטער זיך הערט ער די געשרייען פון די צוריקגעבליבענע אין דער לעצטער מינוט. דאָס מאַכט ווייזנבערג מיט זיי אַ חשבון אויף זיין שטייגער... די גרופּע נעמט גיין גיכער, ווי זי וואָלט געוואָלט אויסמיידן איין קאָלעקטיוון קלאַפּ איבער אַלעמענס קעפּ. עס

לויפט זיי נאך א כאראקטעריסטישער געשריי וואס פארלירט זיך באלד ביים אויסבויג פון יונגן וועלדל...

## II

דער זעלבער וועג וואס מיט צוויי וואכן צוריק. איצט אבער זעען אים אנדערע אויגן. איצט זוכט דאס אויג אריינצודרינגען אין זיין טיף, אויסטאפן די קליינע ווייסע שלענגעלעך וואס צעקריכן זיך צווישן די ביי-מער... קיינער ווייסט נישט, אויב מארגן וועט אים נישט אויסקומען צו טאפטשען אויף זיי אין געלויף פאר א געפאר... פרעגט יעדער נאך-לע-בעדיקער בליק ביי זיי אויף שטום-לשון:

— וועסטו מיך נישט פארראטן ווען כ'וועל קומען ביי דיר זוכן שוץ? וועסטו מיך נישט איבערגעבן אין די הענט פון סכנהדיקן סוף?

מען ווייסט, אז אט־די שטעגעלעך זענען פאלש און פארפירעריש. ווען דו זעסט זיי איצט — שמייכלען זיי צו דיר פריינטלעך, אומבא-וואפנט... זיי רופן דיך מיט מיליאנען לאקונגס-מיטלען, ווייזן דיר ווי שטיל און רואיק זיי זענען... ווען דו קומסט אבער צו זיי זוכן שוץ, אנטרי-נונג — ווייזן זיי דיר, ווער עס שטעקט הינטער זיי באהאלטענערהייט... מעבעלע טראכט וועגן יאנקלען, שלמהלען... זיי זענען אוודאי מיט א פאר טעג צוריק דא געקראכן ווי ווערעם, ווי מייז... ווער עס האט געוואלט, האט זיי דא געקענט צעטרעטן און פארניכטן... האט דער וואלד זיי באהאלטן אין זיין הארץ, אדער זיי אויסגעגעבן דעם ערשטן וואס האט זיי גע-זוכט?...

דער וועג דורכן וואלד פאלט ארויף אויף א צערוישטן שאסיי, אי-בער וועלכן עס ברומען מיליטערישע מאשינען. ביידע האלדזן זיך ארום ווי פריינט. די ביימער ציען זיך לאנגזאם צוריק און לאזן אויף זייער ארט הויכע ציגלענע בנינים. ווי זיי וואלטן זיך דא שטיל איינגעטיילט מיט דער מאכט. א ריזן־גרויסער אייזן־טויער האט זיך געעפנט און פאמע-לעך איינגעשלונגען ריי נאך ריי. עס האבן זיך גענומען ציען גאנצע קייטן מיט בנינים, ארומגענומען מיט ביימער־קראנצן און בלומען. פון טייל

האָבן תענוגדיק זיך געוויכערט הויכע קוימענס, ווי זיי וואָלטן דאָ געצויגן דיקע ציגאַרן אין זונטיקדיקער רו. אויף די געשלענגלטע וועגן, צווישן איין בנין און דעם צווייטן, טויכן אויף פאַרשוואַרצטע גופים, וואָס ציען זיך אין דער ריכטונג פון די מאַרשירנדע רייען. די ווערקשוץ וואַרנט פונדערווייטנס:

— נישט צוגיין נענטער... מ׳וועט שיסן...

בלייבן יענע פאַרגליווערט אינמיטן טריט.

ענדלעך ווערט די ריי צוגעפירט צו אַ גרויסן פאַרדויכערטן בנין, אַרום וועלכן עס דרייען זיך אַרום איינגעקוילטע יידן. די פאָליציי מיט דער ווערקשוץ שטעלן אויס די מענטשן און ציילן זיי לויט הונדערטשאַפטן. די ערשטע גרופע ווערט אַריינגעפירט אין באָד. אין פאָדערהויז מוזן זיי וואַרטן, ווייל עס געפינען זיך נאָך דאָרטן די פרויען, וואָס אַרבעטן אין ווערק א. דאָס אַנטאָן ווערט שנעל אַראָפּגעריסן פון די לייבער און די פאַרשוואַרצטע יונגען שלעפּן עס אַוועק אין דער קאַמער צום דעזינפעקציאָנירן. די פרויען וואָס קומען אַרויס פון דער צווייטער זייט נאַקעטערהייט און זעען די נאַקעטע מענער, נעמען עס אויף מיט אַ דערשראָקענעם קוויטש... דאָ איז אָבער נישטאָ קיין צייט צו קלערן. שוין ווערט מען אַריינגעשמיסן אין אַן אָנגעדאַמפּטן צימערל. פון סופיט קאַפּען אַראָפּ טראָפּנס קאָכעדיק וואַסער וואָס פאַלט אויף די ביינערדיקע לייבער ווי אָנגעגליטע שפּילקעס. די פאַרע לאָזט נישט זען אַ טריט וויייטער פון זיך. די קערפּערס ווערן אויפגעהיצט און צעפרייען זיך מיט פאַרשטונקענעם שווייס. פון דער אָפענער טיר יאָגט אַריין אַ שמאָלער שטראָם קאַלטע לופט וואָס לעקט אַרום די אָפּגעבריטע לייבער און צופּען אויס אין די אָדערן שטיקער קאַלטן שטייף... פון פאָדערהויז שטויסט מען נאָך כסדר אַריין פרישע זעקלעך ביינער. עס ווערט ענג, ענגער... לייב קנוילט זיך אַריין אין לייב, פּלייצע דריקט זיך צו צו די ליפּן פון הינטנאַרום און טרייבן אַריין אין מויל אַריין אַ שווייסיק-בייסיקע געדעמפּטקייט... באַלד ווערט די טיר צוגעהאַקט מיט אַ הילך און די לופט ווערט געדיכט, פאַרעדיק און פאַרהאַקט דאָס לעצטע ביסל אָטעם. די פיס טאָפּטשען ביז די קנעכל אין וואַרעמען וואַסער, געמישט מיט מידן שווייס וואָס גיסט זיך

אראפ פון סופיט, פון די ווענט און פון די אויסגעדארטע לייבער... אזוי לויפן מינוטן-אייביקייטן... אט פארווארפט איינער מיטן קאפ, א צווייטער... די מענטשן לייגן זיך אריין מיט פארחלשטן תענוג און דערשטיקטער אטעם-פרעסעניש אין דעם ווארעם-שטינקענדיקן טייכל אויף דער שטיינערנער פאדלאגע, פארמאכן די אויגן און לאזן אויף זיך טרעטן מיט די פיס, אזויווי זיי וואלטן אריינעקזאלטירט געווארן אין א צווייטער וועלט אריין, ווו מען שפירט שוין מער גארנישט... גארנישט...

די היץ ווערט וואס א מינוט אלץ גרעסער און אומגעהויערער. די מענטשן, וואס האבן זיך עונגדיק אונטערגעגעבן דער גלעטנדיקער מילדקייט פון הייסן וואסער, ווערן ביסלעכווייז איבערגעווארפן אינעם איבערפלוס פון דרענגענדיקן שוויים און שטיקנדיקן אטעם. די אויגן נעמען ארויסקריכן פון די לעבער און ווילן זיך ארויסרייסן פון די אדערן וואס שמידן זיי איין אין די קינבאקן אריין... דאס מויל אטעמט שוין נישט, נאר שלעפט אריין און שטויסט ארויס פון זיך די בערג אנגעטראפטע לופט... בלויז פון האלדז ארויס שפארן זיך אנגעשוואלענע ברומערייען, ווי געפאנגענע אין קייטן... פויסטן נעמען זעצן אין דער טיר מיט פארצווייפלונג:

— עפנט!!! לאזט ארויס!...

אבער דארט פרייען זיך נאך די בגדים אין די אייזערנע, אנגעגליטע שרענק און ס'איז נישטא ווו די מענטשן אהינצוטאן... שווייגט די טיר עקשנותדיק און פארביסן... פאלט איין קערפער נאכן צווייטן, דרייען זיך ווי די ווערעם און בלייבן ליגן אין א שטייפער אויסגעצויגענער פויזע... אריינגעקוועטשט איינער אינעם צווייטן אריין — — —

פון סופיט נעמט פלוצים גיסן קאלט וואסער מיט א בייזן פליוך... די פארחלשטע גופים נעמען זיך וועקן, צאפלען און שוידערן... קערפער נעמט זוכן ביי קערפער ווארעמען שוץ און שפרינגט צוריק אפ אין פליוכיקער פארשטייפטקייט. מען שטעלט זיך אויף, מ'וויל די פלוצימדיקע קעלט אריינציען אין די האר פון קאפ... מ'פארשטעלט מיט די הענט דאס לייב און דאס וואסער גיסט... גיסט און צעפליעסקעט זיך אין שטורעם... בלויז

געציילטע בלייבן ווייטער ליגן, נישט־דערוועקטע, אוועקגעשליידערטע אין נישט־געזעענע ווייטקייטן אריין...

— ... א ר ו י ס !!! די אָפענע טיר אליין שרייט עס אָדער די ווענט, די צוואַנגיקע קעלט, וואָס נעמט אַרום אַלע אברים? די אָפענע, אָנ־געגליטע שראַנק באַהויכט מיט איר שרפהדיקן אָטעם די נאַקעטע לייבער, וואָס וואַרפן איבער אין פיבער די פייערדיק־צוגעברוינטע בגדים, איבער וועלכע עס ליגט צעשאָטן די אויסגעברענטע הויט פון געוועזענע לייז —

מעבעלע שפאַרט זיך דער לעצטער צו דער שראַנק. אַלע האָבן שוין אויף זיך אַרויפגעשלעפּט, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט.... דער ליידיקער גרויסער קאַסטן גאַפט מיט אַן אָפן מויל אויף דעם פאַרשפּעטיקטן שלי־מזל... אינעווייניק ביי אים איז שוין ליידיק. אין דער טיף פון ווינקל טאָר־ליעט זיך נאָך פאַרשעמט אַ שטיק קויטיקע שמאַטע, וואָס שטאַמט פון אַמאָליקע הויזן... שטייט ער און בעט זיך אין פאַרצווייפלונג:

— מיין אַנטאָן... דאָס העמד... די גאַטקעס...

די אויפזעער טרייבן אָבער אַרויס אַן באַטראַכט. עס וואַרטן נאָך אַנדערע אין דרויסן און אַלע מוזן געבאָדן ווערן... אין אַ ווינקל מונטערט מען די פאַרחלשטע און מען טראָגט זיי אַרויס מיט פאַרוואָרפענע קעפּ דורך אַ הינטערשטער טיר... ווערזשע קען דאָ אין זינען האָבן אַ יינגל, וואָס וועט בלויז בלייבן מיט אַ שטיק שמאַטע אויפן לייב?...

די ווערקשויז אינדרויסן איז זיך דערווייל צעקראָכן. איינציקע פון זיי היטן נישט־אויפמערקזאַם די אויסגאַנגן פון דער געסלקע און דאָ גייט דערווייל אַ פאַרקאָכטער האַנדל. מענטשן פאַרקויפן פון זיך אַלץ. מען בייט אַ העמד אויף אַ ברייטל, אַ פּאָר הויזן פאַר אַ גילדן... אַלעמאָל לויפן אַנדערע אַריין אין דעם פאַרשמוצטן קלאָזעט און בייטן זיך איבער מיט די זאַכן... ביי וועמען זשע זאָל מעבעלע זוכן זיין גנבה? אין אַ ווינקל שטייען צוויי בחורים און רייסן שטיקער פון אַ פריש־אויסגעבאַקן ברייטל... זייע־רע אויגן קוקן ווילד און פאַרטראָגן, ווי זיי וואָלטן זיך געהיטן פאַר ווע־מען, אַן אומבאַקאַנטן... זיי עסן דערביי מיט אַזאַ געאייל, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז יעדע מינוט קען זיי דער קיי־פאַרגעניגן צעשטערט ווע־רן... עסן זיי נישט אַמאָל אויף זיין געגנבעטע וועש?...

ס'איז קלאָר, אז מען קען דאָ קיינעם נישט רופן צו משפט. מעבעלע וועט שוין איצט מוזן צוריקגיין אין לאגער אריין מיט א האלב־נאַקעטן לייב...

III

אז מען איז שוין אין ווערק צע — איז די נאַקעטקייט פון די קלענסטע אומגליקן. דאָ גייען געווענג מענטשן ארומגענומען דעם קערפּער מיט פּאַפּירענע זעק פון דער אויסגעארבעטער סאַלעטרא. אויך מעבעלע וועט קיין עצה נישט האָבן און וועט זיך אין פאבריק שוין אויסגעפינען עטלעכע זעק; איינעם וועט ער ארומוויקלען אויף די פיס, א צווייטן אויפן אָרעם און א דריטן ארויפציען ווי א העמדל אויפן לייב... די אַנדערע מענטשן האָבן עם אָבער געטאָן באַצייטנס און מיט אַן אויסרעכענונג. די וועש האָבן זיי באַטש פארקויפט פאַר ברויט און נאָך עטלעכע מאָל זאָט געוואָרן צוליב זייער נאַקעטקייט און מעבעלע וועט אריבערגיין צו די „פּאַפּירענע" מענטשן, בלויז צוליב נישט-פאַרזיכטיקייט... גייט ער צוריק מיט דער גרופּע און עסט זיך אליין די גאַל פון פאַרצווייפלונג: וואָס טוט מען? ווי אזוי קריגט מען אַן אויסוועג? א געדאַנק פאַלט אים איין און וויל נישט אָפּטרעטן:

— פאַלגן מנשהן!... ער נעמט איבערטראַכטן אין געדאַנק, מיט וועל־כע ווערטער ער זאָל זיך ווענדן צו דער קאָמענדאַנטין וועגן הילף. ער האָט שוין פון איר געווענג געהערט, געוווּסט וואָס זי האָט שוין אַלץ דאָ אָפּגעטאָן און ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין מיטן בלויזן געדאַנק, וואָס אים איז באַפאַלן... זיין עלנטער הולך און די רעזיגנאַציע פון א נאַקעטן לאָזט אים אָבער נישט שטעלן קיין שאַרפן ווידערשטאַנד... זיין געדאַנק דיקטירט אים שטיל איין וואָרט נאָכן צווייטן און ער גייט און קלאַפּט צו מיט די טריט זיין הסכמה... ווען די גרופּע פאַלט צוריק אריין אין לאַ־גער, דערמאָנט זיך מעבעלע, אז ער האָט נאָך נישט באַטראַכט אפילו זיינע נייע שטיקלעך הויזן. אין א ווינקל פון צעפליקטן בגד האָט ער א טאַפּ געטאָן אויף עפּעס האַרטס און לענגלעכס. אַ געדאַנק האָט ער ארויס־

געצויגן אַ שטיקל בלייפעדער... אַלץ אין מח האָט אויפּאַמאָל אַ זעץ געטאָן:

— פּ אַ פּ י ר !

נישט ער האָט געשפּירט, ווי אַזוי זיין האַנט האָט אויפגעהויבן אַ וואַלגערנדיק ברעקל געלן פּאַפּיר-זאַק און נישט ער האָט מער געקענט צווימען זיין האַנט...

ווען ער האָט דאָס בריוול פאַרטיק געהאַט, איז ער ווי אַ משוגענער אַוועק אויפזוכן מנשהן. יענער האָט אים באַגעגנט מיט אַן אויפגעריסן מויל:

— האָסט אַלצדינג פון זיך אַראָפּפאַרקויפט?

מעבעלע האָט פאַרשעמט אַרויסגעקרעכצט:

— באַגנבעט געוואָרן אין באָד...

מנשה האָט זיך געקראַצט נערוועז אין דער צעשויבערטער קודלע:

—דאָס זעסטו איז נישט גוט... דאָס איז אַ סימן, אַז דיר גייט עס צו שלימזלדיק...

מעבעלע פרעגט פאַרלוירן:

— וואָסזשע טוט מען, האַ?

מנשה איז מיטן געדאַנק גראָד פאַרטאָן אין אַנדערע זאַכן. היינט איז זונטיק און מען דאַרף דערליידיקן פאַרשידנס. קען ער דערפאַר איצט נישט אויפנעמען אין זיין מחשבה מעבעלעס צרה... רייסט ער אים איבער שנעל:

— האָסט עפּעס אַן אויסוועג?

מעבעלע ווייסט שוין איצט אַליין נישט וואָס צו זאָגן. ער פּרוווט מיטן לעצטן:

— ווייסט, כ'האָב אָנגעשריבן אַ בריוול צו איר... וואָס זאָגסטו?

מנשה וויל שוין פאַרענדיקן דעם שמועס, וואָס פאַלט אים אויף די אומגעדולדיקע נערוון... פּטרט ער מעבעלען אָפּ שנעל און קאַלט:

— ווייז עס אַהער... איך וועל עס שוין באַזאָרגן... איצט מוז איך לויפן...

און שוין בלייבט מעבעלע אַליין ווי אַן אויסגעפּאַטשטער... לאָזט

ער זיך אויפזוכן מענדלען. ער שפירט אפילו נישט דעם הונגער און פאר־געסט אין דער זופ, וואס מען טיילט שוין אוודאי איצט אוים... די מענטשן ארום יאגן זיך ארום און זשומען ווי די בינען... אלע שטויסן זיך איינער אויפן צווייטן, ווי זיי וואלטן קיינעם דא נישט באמערקט... וויאזויזשע קען ער דא צוגיין צו עמעצן און זאגן:

— זע, וואס מיט מיר איז געשען?...

אים דוכט זיך, אז דא וואלט ער זיך אליין נישט געהאלפן. די מענ־טשן זענען אזוי ארייננגעקוועטשט אין זיך אליין, אז זיי קענען נישט זען נאך עמעצן, בפרט נאך ווען זיי זענען נישט אפגעזונדערט נאר ארייננגעפלאכטן אין מיטן קעסלדיקן טומל...

ווייסט ער נישט, ווי אזוי מענדל וואקסט אים ארוים אקעגנאיבער. ער זעט מעכעלען און שטעלט פאר איבערראשונג אוועק אויף הפקר זיין בלעכל עסן:

— וואס איז געשען?

מעכעלען שטיקט עפעס אין האלדז... ער קען נאר איין ווארט ארוים־צווינגען פון זיך:

— אין באד...

און מענדל פארשטייט אלץ... ער נעמט אויף זיין שטייגער שיטן מיט ווערטער, בייזערן זיך, פארוואס מעכעלע האט נישט געווארט צו גיין מיט די פאר היימישע, פארוואס ער האט נישט אכטונג געגעבן צו זיין פון די ערשטע... באלד אבער כאפט ער זיך צוריק מיט כעס אויף זיך אליין:

— נו, זע נאר... יענער שטייט א צעבראכענער און איך שיט אים נאך זאלץ אויף די ווונדן... איך בין שוין איינמאל א כלי־מפואר... א ווונ־דער זעסטו, אז דא ווערט מען מיטגעריסן מיט אלעמען אין משוגעת און מען לויפט, נישט ווייסנדיק צוליב וואס... איז וואס שטייען מיר און רעדן? קום!

מענדל לויפט אימפעטיק פאראוים, זוכט עפעס מיט די אויגן און מעכעלע שארט זיך אים נאך מיט מידע טריט.... בלויז דאס וואס עמעצ לויפט פאר זיינעטוועגן אין בהלהדיקער זוכעניש, גיט אים כוח צו לאזן

זיך טראָגן פון די אנטפּלעקטע פּיס... מענדל געפינט ערגעץ עטלעכע פּאר־זשאַווערטע שטיקער דראָט און כאַפּט זיי ווי אַ ווילדע מציאה... ער פּליט מיט זיי ביז צו זיין באַראַק, שלעפּט אַרויס פון זיין געלעגער אַ באַרג זאַק־פּאַפּיר און נעמט אַרומוויקלען מעכעלעס נאַקעטע אברים... דאָס פּאַפּיר ציט ער צאַרט איין מיט דראָט און מעכעלע שטייט ווי אַ פאַרלוירענע מומיע און לאָזט מיט זיך מאַכן ווי יענעם געפעלט... ער שפּירט אפילו נישט, ווי די דראָטן טוען אַ שאַרפן שניט אין אַן אבר... מענדל ווערט שנעל פאַרטיק, קוקט ער אויף מעכעלען און צעגייט שיעור פון צופרידנ־קייט:

— נו, אבי נישט קיין נאַקעטער... אפשר וועט מען נאָך שפּעטער געפינען אַ בעסערע עצה...

אינמיטן כאַפּט ער זיך:

— האָסט נאָך אוודאי נישט געגעסן אויך? וואָס?

און ער ציט מעכעלען ביי דער האַנט אַרויס פון באַראַק.

אינדרויסן האָט קיינער אפילו נישט באַמערקט מעכעלעס משונהדיקן הילוך. בלויז אַ פאַרביילויפנדיקער פּאָליציאַנט האָט אַ וואָרף געטאָן זיין אויג אויף מעכעלעס קורץ־געשווירענע האָר און אַ ברום געטאָן צו זיך אַליין:

— שוין איינמאָל אַ סחורה, די קאַלניקעס... נאָך נישטאָ קיין צוויי וואָכן אין לאַגער און דאָס האָט שוין באַוויזן צו פאַרטראַסקען אַלץ פון זיך אַראָפּ און שפּעטער וועלן זיי פאַלן ווי די פליגן...

מסתמא האָט ער נישט באַמערקט ווי מענדל האָט אים נאָכגע־שטרעקט אַ לאַנגע, בייזע צונג...

## קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

### I

אוודאי איז שוין די בלויזע שטעלונג פון אַ פּאָליציאַנט געווען אַ שווערע און אַ שמוציקע. דאָס טראָגן אַ פּאָליצייאיש היטל אַליין האָט גע־דאַרפט זיין אַ חרפּה פאַר יעדן ייד, אַן אונטערשיד וועלכע פונקציע עס

זאָל אים נישט אויסקומען צו פאַרנעמען. דאָך זענען אַזעלכע געווען, וועל־כע האָבן זיך אַזוי אַרום געוואָלט לייכטער מאַכן. דאָס איז אַ פּראָבלעם, ביי וועלכן דער מחבר מוז אַרויסגיין פון זיין זייטיק־דערציילערישער פאָרם און אים אַרומנעמען מיט זיין גאַנצער נאַקעטקייט און טראַגיזם. ס'איז געווען די מכה פון גאַנצן פוילישן יידנטום און פאַרלאַנגט אַ טיפע שטודיע. אין ווערק צע איז אָבער געווען די ספּעציפישע דערשיינונג, דער־מיט וואָס דאָרט האָבן זיך קאָנצענטרירט יידישע פּאָליציי־לייט פון צענד־ליקער געטאָס און לאַגערן. יעדער האָט מיט זיך געברענגט די כאַראַקטער־שטריכן פון זיין אומגעגנט און דערמיט געשאַפן די טרויעריקע קאָמפּאָ־זיציע פון דער גאַנצער אייראָפּעאיש־יידישער טראַגעדיע. דאָרט איז גע־ווען דאָס אָרט, ווו ס'איז זיי געלונגען צו דערהאַלטן די פּאָליצייאישע געטאָ־פּאָסטנס און ס'איז מעגלעך געווען צו שטודירן אַזעלכע צענדליקער טיפּן פון אַ נאָענטער נאָענט, מיט זייערע מעלות און חסרונות. אוודאי וואָלט נויטיק געווען צו שילדערן אַלע ספּעציפישע באַדינגונגען, וואָס האָבן געברענגט דערצו, אַז דער אָפּשוים פון לעבן זאָל זיי אַרויסרוקן פון אויבנאָן, די אומשטענדן, וואָס האָבן זיי געברענגט דערצו, אַז זיי זאָלן האַנדלען אָט־אַזוי און נישט אַנדערש... אין דאָזיקן בוך אונדזערן מוזן מיר זיך אָבער האַלטן ביי די גרענעצן פון דער דערציילונג און די רעשט איבערלאָזן פאַר ציימן, אין וועלכע מען וועט דערפון קענען דערציילן אָן אויפגעקאָכטן פרישן צער און אָן איבערגעשפּאַנטע נערוון... דערווייל מוז מען בלויז אויפנעמען דאָס, וואָס איז געשען, מיט די הוילע אויגן, לאָזנ־דיק דאָס האַרץ דערביי שווייגן און פאַרשטומען...

...און אַז עס איז געשען אַזוי, אַז עס זענען געווען יידישע פּאָליציי אין ווערק צע — האָבן זיי זיך געטיילט אין באַזונדערע גרופּן: געווען די אינערלעכע לאַגער־פּאָליציי און די פּאָליציי פון דער פאַבריק. די לעצטע האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו פירן די מענטשן צו דער אַרבעט, זאָרגן פאַר דער צאָל, טיילן דאָס עסן וכדומה. יעדע האַלע האָט זיך געהאַט איר פּאָ־ליציאַנט, וועלכער האָט זיך צוגעקליבן אַ פאָראַרבעטער אַלס געהילף. פאַרטאָג און פאַרנאַכט איז יעדער פּאָליציאַנט אַרומגעלאָפן איבערן לאַ־גער צוזאַמענצוטרייבן זיינע מענטשן. זיי זענען די ערשטע ציימן געווען

צעוואָרפן אין פאַרשידענע באַראַקן און ער האָט געמוזט וויסן די גענויע „אַדרעסן" פון אַלע. פלעגט נישט איינמאָל טרעפן, אַז אַ פּאָליציאַנט איז אַריינגעפאַלן פאַרטאָג און אַרומגעטאַנצט איבער די אויבערשטע שטאָקן פון די בעטלעך, זוכנדיק זיינע לייט. נישט איינער פון זיי איז געלעגן פאַרחלשט, צוגעשמידט צו די ערטער... דער פּאָליציאַנט מוז אָבער האָבן זיין צאָל מענטשן — האָט זיך אָנגעהויבן דער גערangל... צווערשט איז עס געגאַנגען מיט רייד:

— קום אַראָפּ, דו... מ'דאַרף שוין אָפּמאַרשירן...

אָבער יענער קען קוים אַרויסקרעכצן:

— כ'קען נישט מער, פּאַניע פּאָליציאַנט... די פיס טראָגן נישט... דערצו האָט מען מיר נעכטן איבערגעבראָכן אַ ריפּ... שלאָגט — אויב איר ווילט... איך קען מער קיין טריט נישט שטעלן...

— קום אַראָפּ, אַז נישט וועט מען דיך אַראָפּטראָגן... איך וועל מיין קאָפּ פאַר דיר נישט איינשטעלן. דער מייסטער קרעבס אָדער גאיעווטשיק וויל דערפון נישט וויסן... קום דו און זאָג עס זיי. צווייטנס, קום און זאָל דיך וויזנבערג אָנקוקן, אפשר וועט ער דיך איבערלאָזן... נו, שטייסט אויף?

אָבער יענער קלאַמערט זיך נאָך מער איין אין זיינע שטרויען:

— הער פּאָליציאַנט, איר ווייסט דאָך... ווען איך האָב געקענט, בין איך אַליין אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט... היינט קען איך נישט מער... וואָס רעדט איר צו מיר? זאָגט עס מיינע געשוואָלענע פיס, אפשר וועלן זיי אַ יי ד בעסער פאָלגן...

דער פּאָליציאַנט ברענט שוין פון איילנדיקן צאָרן:

— נו, איך קען שוין מיט זיי רעדן... וועסט באַלד זען, ווי זיי וועלן מיך פאָלגן...

זיין גומי-שטעקעלע נעמט האַקן איבער די געשוואָלענע אברים; זיי ווייטער קורטשען זיך ווייטיקדיק איין און זוכן זיך ערגעצוו איינצוקלאַמערן, צוצוּוואַקסן... דער פּאָליציייאישער שטאָלץ דערלאָזט אים אָבער נישט קאַפּיטולירן. ווען איינער וועט אויספירן ס'זייניקע, וועלן מאָרגן אַ סך אַנדערע טאָן דאָס זעלבע... שוין היינט האָט ער אַראָפּגעשלעפּט אַ

צענדליק — מוז ער דערפאַר האַנדלען שטרענג... פלעכט ער זיך אַריין מיט די הענט אין יענעמס ווייס-באַשפּרענקלטער טשופּרינע, רייסט אים ביי די אויסגעשטעקלטע אָרעמס און שלעפּט אים... יענעמס גוף ווערט ווידערשטאַנדלאָז, ווייזט אָבער נישט אַרויס דעם מינדסטן, לעבעדיקן אָנשטרענג אַליין זיך מיטצוטרייסלען, מיטצורירן... קען דער פּאָליציאַנט אים נישט דערהאַלטן אין זיינע שטאַרקע הענט... הערט זיך בלויז אַ האַרטער פאַל, וואָס טוט אַ טויבן הילך־אָפּ אין באַראַק...

אַ מינוט איז שטיל. דאַן הייבט אָן דער שמאַטע-קנויל צו קרעכצן:

— גוט. איר האָט מיך שוין איצט דערהרגעט, דעם רוקן מיר איבערגעבראָכן... כ'לעב דאָך נאָך אָבער ווייטער... איצט טוט מיר דאָך נאָך מער וויי... כ'קען זיך נישט מער אויפשטעלן... וואָסזשע וועט דאָ זיין? הרגעט מיך כאָטש צו, איך זאָל נישט שפּירן מער די יסורים... אוי-וויי, נעמט כאָטש אַ מעסער און קוילעט מיך, גזלן!

אָבער דער פּאָליציאַנט קען שוין דעם נוסח. ער הערט אים גענוג יעדן טאָג... באַפעלט ער בלויז צוויי מענטשן, זיי זאָלן יענעם אויפשטעלן, נעמען אונטער דעם אָרעם און אַרויספירן אויפן זאַמל-פּלאַץ... זאָל ער דאָרט ליגן און יאָמערן, ביז דער קאָמענדאַנט קומט אַרויס... ער דאַרף זיין גרופּע אַרויסשטעלן. זאָל יענער באַשליסן וואָס צו טאָן. דאָרטן וועט שוין ווער צוהיטן, אַז דער קרבן זאָל נישט אַנטלויפן און ער קען זיך גיין ווייטער זוכן איבער די באַראַקן...

דערפאַר אָבער, נאָך יעדער סעלעקציע ווייסט אַ באַטריבס-פּאָליציאַנט, אַז די ערשטע צוויי־דריי טעג מעג ער זיך אויפהייבן פון שלאָף אַביסל שפּעטער. די אָפּשלעפּערס און שרייערס זענען נאַר-וואָס אַוועקגענומען געוואָרן און די געבליבענע זענען נאָך אונטערן איינדרוק פון געשענעס. האָט ער צייט זיך אויסצופּוצן די שטיוועלעך, אַדורכשפּרייזן די פּאָר געסלעכס פון לאַגער און ברומען מיט אַ הויך, פאַרשלאָפן קול:

— האַלע 53 — אַנטרעטן! האַלע זעקס! גראַנאַטן!...

ער ווייסט, אַז ביז עס וועלן צוקומען פרישע „פוילענצער", וועט נאָך געדויערן אַ פּאָר טעג. קען מען זיך דערפאַר צופרידן און פויל אויסגענעצן, ביז דער עולם וועט זיך צוזאַמענקומען צום טויער.

## II

עטלעכע מינוט פאַרן אָפּמאַרש איז אַרויסגעקומען דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט ווייזנבערג און זיך אומגעקוקט אויף די גרופּן. אין דער זייט זענען געלעגן די קראַנקע און שוואַכע און אַרויפגעקוקט צו אים מיט הכנעהדיקן געבעט אין די אויגן. אַנדערע האָבן מוראָדיק געברומט און זיך דערקייקלט ביז זיינע באַגלאַנצטע שטיוול-פּיס מיט יללה:

— הער קאָמענדאַנט! איך קען נישט... כ'קען נישט גיין... לאָזט מיך זיך אַ צוויי טעג זיך אויסרוען... איין טאָג בלויז...

אָבער יענער האָט מיט אַ מאַיעסטעטישער מינע באַטראַכט די וואָס וואַלגערן זיך אויף דער ערד און זיך מיט זיי גערייצט אין זיין רואיקן טאָן:

— וואָס, הינטישער זון, ר ו ע ן ווילסטו!? דאָ אין ווערק צע קען יעדער גיין זיך אויסרוען, ווען עס ווילט זיך אים... אָט זענען ערשט די וואָך 180 מאַן זיך אַוועק אויסרוען... ווען דו וועסט בלייבן נאָך צוויי טעג אין לאַגער, וועט דיך סאַוטשוק אַוועקשיקן אויפן זעלבן אָרט, וווּ קיין פּאָליציאַנט וועט דיך מער נישט טשעפּען... אויב דו ווילסט, קען איך דיר אַהין באַזאָרגן אַ בילעט...

ווען דאָס בעטן זיך איז געוואָרן צודרינגלעכער, האָט ווייזנבערג מער נישט געקענט פאַרטראָגן. מיט אַ מינע פון עקל האָט ער יענעם אַוועקגע־שאַרט מיט די גלאַנציקע שטיוול:

— דו ווייטער מיינסט, אַז מיטן לעקן מיר די שטיוול קען מען מיך אָפּקויפן, וואָס? וועסט שוין היינט דווקא גיין אויף קוליעס צו דער אַר־בעט... אַ רוח אין דיין מאַמען אַריין... ווי דאָס האָט זיך אויסגעלערנט „טרעלן" ווי אַ הונט...

און באַלד האָט ער געגעבן אַ באַפעל איינעם פון די פּאָליציי:

— קירזשנער! הייסט דער באַנדע, מען זאָל די חברה-לייט נעמען ביי די הענט און מיטשלעפּן אין דער האַלע אַריין... פּאַשאָל וואָן!

האָבן טייל גענומען זיך וואַרפן אויף דער ערד, ציטערן, אויסשטרעקן די צונג, די הענט, אַזוי ווי אין האָפענונג אַז ס'קענען נאָך אַראָפּפאַלן

טראַפּנס רחמים פון הימל און פאַרטרייבן די מידע ווייטיקן פון די גלי-דער... אָבער גאָרנישט איז אַראָפּגעפאַלן... דאָס שרייענדיקע געוויין איז געוואָרן אַלץ מידער און רויער, אַזוי ווי עס וואָלט זיך אָפּגעריסן פון אַ שטיק האַלץ און זיך געהאַט אדורכצוריסן און אָנרייבן אין האַרט־צוגע־דאַרטע גומענס... דאָ האָט שוין ווייזנבערג מער נישט געקענט אויסהאַלטן און געגומען קלאַפּן מיט זיין לאַנגער קישקע איבער קעפּ און אברים:

— חזירים! ווערעם! ס'איז דען נישט די גרעסטע עבֿרה וואָס איר לעבט!? איר ברענגט דאָך מיר אָן אַלע סעלעקציעס...

די געזונטע האָבן דאַן אַ כאַפּ געטאָן די הינקענדיקע וואָס האָבן זיך נאָכגעגעבן און זיי מיטגעפירט איבערן טויער. די ריי האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנגע קייט. בלויז דאָ און דאָרט האָט עפּעס אונטערגעהינקען ווי אַ רינגעלע וואָס קען זיך נישט איינקלימפּערן אין דער קייט. אַנדערע האָבן זיך רעזיגנירט געלאָזט שלעפּן; זייער אונטערשטער טייל מיט די צע-פלויגענע צווימן האָט זיך נאָכגעהאָנגען אויף דער ערד, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ לאַנגן, שמאָלן צייכן... געבליבן זענען נאָר די, וואָס האָבן נאָך שטיל אַריינגעהעשעט מיט דעם לעצטן גסיסה־צאַנק אין דער אָפּגעשטאָרבענער ערד אַריין... אַזעלכע האָט ווייזנבערג געהייסן נעמען אויף טראָג־ברעטער און זיי אַוועקשיקן אין דעם קראַנקנבאַראַק אַריין. אַ סך האָבן זיך נאָך געראַנגלט, געוואָלט אַוועקלויפן מיט די לעצטע כוחות; ס'איז אָבער גע-ווען פאַרפאַלן, הגם די אַנדערע, וואָס זענען געווען אין פאַבריק, האָבן נאָך מער באַדויערט... ווען דער פּאָליציאַנט האָט זיך אַוועקגעפירט זיינע מענטשן און זיי איבערגעגעבן דער האַלע, איז ער זיך צוריקגעקומען אין לאַגער אַריין. צו מיטאָג איז ער אַוועק ווייטער אויסטיילן דאָס עסן און פריי געהאַט ביזן ענדיקן די אַרבעט. זיי האָבן דערפאַר אין דער פרייער צייט געזוכט ווי אַזוי צו מאַכן געלט און אויסצונוצן דאָס לעבן אויף ווי-פל עס לאָזט זיך...

די פּאָליציי, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַרן לאַגער, האָבן גיכער געהאַט די געלעגנהייט זיך אויפצופירן מענטשלעכער. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט זייער שטענדיקן פּאָסטן צו וואַכן אַ פּאָר שעה אין טאָג אָדער אין דער נאַכט ביי די דראָטן און ביים טויער און שפּעטער גע־

וועט פולשטענדיק פריי. אויסער ווען אַלע פּאָליציאַנטן זענען מאָביליזירט געוואָרן צו אַ ספּעציעלער אַקציע ביי אַ סעלעקציע אָדער ביים כאַפּן אין לאַגער צו אַרבעט. נישט אַלע האָבן אָבער געוואָלט זיין אינעם פאַרוואָרפענעם ווינקל, נאָר געזוכט ווו אַרויסצווייזן זייער מאַכט. אין דער פּאַבריקס־פּאָליציי האָבן זיך ווייטער געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַן אינערלעך שולד־געפיל פאַר זייער טראָגן אַ היטל און זיך באַמיט ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך געווען צו מילדערן זייער אומגיין מיט מענטשן, עמעצן אַ טובה טאָן און דערמיט אויסקויפן זיך ביים אייגענעם געוויסן. אַזעלכע האָבן זיך געפונען כסדר אין סתירה צווישן זייער רעאַליטעט און זייער זינען. זיי האָבן דערפאַר געזוכט עפּעס אַ גייסטיקן שטיצפּונקט, אַ נשמה־באַלזאַם, וואָס זאָל זיי שטאַרקן און נישט לאָזן פאַרפאַלן ווערן אין דעם אייגענעם תהום. די גרויסע מערהייט פון דער פּאָליציי מיט דער אָנפירונג בראש איז אָבער געווען געשטעלט אויף אַכזריות, און שוואַכקייט, וואָס איינער האָט געקענט אַרויסווייזן, איז עלול געווען אים אַראָפּצוזעצן פון זיין מדרגה, אים אַוועקשטעלן אין אַ ווינקל פון דער חברה; האָבן די, מיט די מענטשלעכע פונקען אין זיך, געשעמט זיך אַרויסצווייזן מיט די געפילן וואָס האָבן געפּייניקט דאָס האַרץ און באַאומרואיקט. זיי האָבן נישט געוואָלט אויסגעלאַכט ווערן און דערפאַר מיטגעמאַכט דעם וועג וואָס אַלע אַנדערע... נאָר אין מינוטן האָבן זיי זיך אַוועקגעכאַפּט אין אַ ווינקל, באַהאַלטן זיך פאַר אַלע ווי מיט אַ געוואַלדיקן חטא און זיך אויסגעזוכט וועמען, מיט וועלכן מען קען זיך אויסשמועסן אויף אַ מענטשלעכן אופן און דאָ זיך אויסגעטאָן פון דער פּאָליצייאישער הויט, פאַרגעסנדיק אָדער דערמאָנענדיק זיך, אַז מען איז אַ מענטש און אַ ייד, גלייך ווי אַלע ליידנדיקע יידן אינעם גרויסן גיהנום־פאַס פון גאַנץ אייראָפּע...

III

אין רואיקע אָוונטן איז זיך דאָס פּאָליציי־געזינדל צוזאַמענגעקומען ביי זיך אין באַראַק אָדער אין „ווייסן הויז” ביי דער קאָמענדאַנטין און

דאָרט געטרונקען שנאַפּס, געוויילט זיך און אָנגענומען פאַרשידענע פּלע־נער און אינסטרוקציעס. די סתם־מענטשן פון לאַגער זענען ביי זיי באַ־טראַכט געווען ווי חיות, מיט וועלכע מען קען זיך דערלויבן צו טאָן, וואָס מען וויל. דאָרט האָט מען געביטן די אַרבעטס־פּלעצער, אויסגעזוכט מענ־טשן, וועמען מען דאַרף פראָטעזשירן, פאַר וועלכע מען דאַרף מורא האָבן און וועלכע מען דאַרף אינגאַנצן ליקווידירן... פון דאָרט אַרויס האָט די אָנגענומענע אָרדענונג זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן לאַגער מיט דער גאַנצער שאַרף און געברייל...

דאָס פאַרציט זיך שטענדיק ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַמאָל רופט מען אַריין די אַמטירנדיקע ווערקשויץ, עס קומען די פרויען און געליבטע פון דער פּאָליציי און קאָמענדע... מען טרינקט, מען זינגט און מען פאַר־געסט, וואָס מיט צוויי טריט ווייטער קומט דאָ פאָר... דאָס קומט פאָר אַזוי אָפט, אַז עס ווערט שוין צוגעגעסן. די קאָמענדאַנטין לאַנגווייליקט זיך און ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ נייקייטן אויסצוקלערן, אַז דאָס אי־בערגעשכורטע הפקר־לעבן זאָל באַקומען נייע עמאָציעס... זי קען שוין יעדן פּאָליציאַנט מיט אַלע פּיטשעווקעס און זי האָט שוין אַלע דאָ אויס־געהערט... זי האָט שוין אַפילו איבערגעוואָרפן מיטן בליק אַלע יונגע בחורים, וועלכע מען קען קריינען פאַר פּאָליציאַנטן און דאָס ליידיקייט לאָזט אַלץ נישט נאָך... זי ווייסט און פילט, אַז דאָס לעבן אָט־אָ־דאָ וועט לאַנג נישט ציען. אַלץ וועט פּלוצים אויפפלאַצן מיט אַ קראַך... מוז מען אין איין טאָג קענען הנאה האָבן פון לעבן פאַר אַלע יאָרן פאָראויס, יעדע מינוט דערשפּירן אויף אַן אַנדער אופן אין דער הויט... און דאָ ווערט אַלץ פאַרוואַנדלט אין איין גרויסן, באַזויפענעם געגעץ... און די ענגע לאַגער-וועלט קען באַין־אופן נישט געבן מער, וויפל זי פאַרמאָגט... פאַלט איר נישט איינמאָל איין צו נעמען עטלעכע פּאָליציאַנטן אין מיטן נאַכט, אַריינפאַלן אין די איינגעהושכטע באַראַקן, אַ טרייסל טאָן אַלע מענטשן און זען, אפשר וועט די פּלוצימדיקייט באַווייזן אַ נס און אין די נאַכטיק־איינגעריסטע באַראַקן וועט זיך אַנטפּלעקן עפּעס אייגנאַרטיקס, אויסער־געוועגלעכס... פאַלט מען אַריין מיט אַ באַרוישטן קוויטש אין די מיידל־באַראַקן, מ׳הייסט אַלע אַראָפּגיין פון די בעטן האַלב־נאַקעט און מען

זוכט... נישט־ווייסנדיק אליין וואס אזעלכעס... דאס שפּיל פּאַרלירט אָבער שנעל די אינטערעסאַנטקייט. די מיידלעך שטייען א פּאָר מינוט דער־שראָקן, מיט צוגעקלעפּטע אויגן פון צעריסענעם שלאָף און עס ווערט איר שנעל נמאס זייער מיד אויסזען. לאָזט זי זיך אין די מענער־באַראַקן, שרייט, קאָכט זיך, זידלט און קען באַין־אופן דערמיט זיך נישט באַפריי־דיקן. דוכט זיך איר, אַז אין אַלעם איז שולדיק די פּאָליציי... רייסט זי זיך אויף זיי, דראָט און שעלט.... שעלט זיך גוט אויס און פּאַרגייט זיך דערנאָך אין א ווילדן געלעכטער... די טעג מיט די נעכט קענען אָבער דערפון אַנדערש נישט ווערן. אויך דאס ווערט שנעל באַנאַל און נמאס און ס׳איז זיך נישטאָ ווו אַהינצוטאָן מיט דער אייגענער פּוסטקייט... איז אַלץ אַרום איר אָנגעלאָדן מיט נישט־דערזאָגטער אָפּוואַרטעוודיקייט אויף עפּעס א געשעעניש, ווי אומבאַדייטנדיק עס זאָל נישט זיין, אַבי עס זאָל מיט זיך ברענגען א נייעם אינטערעס, אַ געביטנקייט אין אָט־דער ליי־דיקער גאָרנישטדיקייט... כאַפּט זי אויף יעדן נייעם קלאַנג, יעדער האָר פון אַנדערשקייט, ווערט פאַרכאַפּט דערפון, אינטערעסירט זיך, פאַר־האַוועט זיך אין דעם אַ טאָג און צוויי, ביז אויך דאס ווערט אויסגע־שעפּט, אויסגעקענט ביז דער מינדסטער האָר און ס׳ווערט ווייטער בראָ־כיק־ענג אויף דער נשמה, אָז דערפון אַרויסצוקריכן... פאַרוואָסזשע זאָל זי נישט זיין נערוועז און בייז? איז זי בייז ביים לאַכן, ביים רעדן און ביים עסן.... שרייט זי דאַן, ווען זי האָט יאָ אַ גרונד אָדער נישט; ווייל דאָס שרייען אַליין איז ביי איר אַ זאַך... און נאָך לאַנגע טעג פון משו־געגער נערוועזיטעט און געשריי ווערט זי פּלוצים מילד און צוגעלאָזן אויף אַ טאָג, שמייכלט צו יעדן און האַלט אין איין לאַכן צופרידן... אָבער אויך אין דעם דערקענט מען די זוכעניש, דאס פאַרזוכן זיך אָנצופולן מיט מילדקייט, ווי אַ מיטל צו באַנייען די טעג, זיי אָנצושפּירן מיט אַנדערש־דיקייט וואָס וועט באַלד ווידער אויסגערונען ווערן און צוריק זיך אַנ־גיסן מיט דער ווילדער פּיין פון טאָג־טעגלעכער זינלאָזיקייט, וואס רייצט אויף און דערפירט צו גאָרנישט, וואס וועט זי ווידער אַרייַנוואַרפן אין דער עקזאַלטאַציע פון פּוסטקייט און צונעמען ביי איר די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פון יעדן טריט...

זיי ציטערן אלע פאר איר, די פאליציי. מען קריכט איר אונטער די נעגל, מ'פיינערט זיך אוים מיט וואס איינער קען און מען ווייסט נישט, אויב דאס וועט זי נישט אריינוואַרפן אין אַ נאָך גרעסערן כעס, ארויסרופן ביי איר אַן אומגענאַד, פון וועלכן ס'איז אַפהענגיק לעבן און טויט... ציטערט מען מיט יעדן וואָרט, וואס מען רעדט אין איר קעגנוואַרט... בלויז צווישן זיך, אין אַ ווינקל רייסט זיך אַמאָל ארויס ביי עמעצן:

— דאָס איז אַ שד... אַ דיבוק... איידער ביי איר צו זיין אַ פּאָליציאַנט, איז שוין גלייכער צו זיין אין פאבריק אַן אַרבעטער, גלייך ווי אַלע...

ס'האָט אָבער נישט געטראָפן, עמעץ זאָל צוליב דעם אוועק אין פאבריק...

## IV

ביינאַכט, נאָך דעם ווי די טאָג-שיכט איז שוין געווען אויף דער אַרבעט און דער פּאָליציי האָט זיך שוין אויסגעפּוצט די שטיוול, איז געוואָרן רואיקער אין לאַגער. אין ווייסן הויז איז שוין געווען פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם פון די הערשנדיקע לאַגער-קרייזן, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגענומען פריילעכער צו מאַכן דעם אָוונט. מנשה האָט זיך דערמאָנט פלוצים, אַז ער האָט ביי זיך מעכלעכעם בריוול און ער האָט זיך צוגעגנבעט מיט קעציישע טריט צום רעגירונגס-באַראַק. גראָד איז פאַרבייגעגאַנגען דער קאָמענדאַנטינס באַדינערין און ער האָט איר באַוויזן אַריינצופּאַקן דאָס בריוול אין האַנט מיט אַ סודותפולער באַמערקונג:

— פאַר דער קאָמענדאַנטין... זייער וויכטיק...

און ער איז צוריק פאַרשוונדן.

די קאָמענדאַנטין האָט זיך געוווּנדערט:

— אַ בריוו? ווער קען עם שרייבן צו איר בריוו? זי האָט זיך אָנגעבייזערט אויף דעם מיידל, וואָס נעמט צו בריוולעך אין דעם פינצטערן דרויסן און ווייסט אפילו נישט פון וועמען... דאָס האָט אָבער אָנגעצונדן איר נייגער און זי האָט עס אַ כאַפּ געטאָן מיט פאַרדראָסיקן אומגעדולד

און עטלעכע מאָל אַ פּאָר־געטאָן מיט די אויגן איבער די שורות. אַ מינוט בלויז האָבן די שורות זי אַריינגעוואָרפן אין אַן אַנטוישטער גלייכגילטיקייט; באַלד האָט זי זיך אָנגעצונדן מיט אַ רויטן דערשראָקענעם פלאַם. אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן האָט זי עס דערלאַנגט אַ פּאָליציאַנט, וואָס איז דער ערשטער געזעסן אין דער זייט און יענער האָט עס איבערגעגעבן ווייטער. אַזוי האָט עס גענומען וואַנדערן פון האַנט צו האַנט...

אייגנטלעך איז עס אַ נאַריש בריוול: עפּעס אַ קאַלעניק האָט מען צוגעגנבעט זיין אָנטאָן... ער איז נאַקעט און די אַרבעט ביים טראָטיל איז אים שווער... ווען ער זאָל זיין קלוג, וואָלט ער זיכער געוווּסט, אַז דאָ זענען שוין געווען טויזנטער אַזעלכע פאר אים און עס וועלן נאָך זיין אַזעלכע דאָ, ווי לאַנג דער „האַסאַג" וועט עקזיסטירן... אַלע האָבן געטראָגן זייער גורל ביז צום שטאַרבן; וואָסזשע מיינט ער מיט זיך? ער וויל זיין אַן אויסנאַם? ער בעט גאָר הילף ביי איר... שרייבט אפילו נישט, וואָס ער וויל, דער עיקר: זי זאָל זיך אינטערעסירן מיט זיין גורל... גאָר עס איז גלאַט טשיקאַווע אָנצוקוקן אַזאַ בחור, וואָס שרייבט גאָר ביטעס אין ווערק צע... בפרט ווען ער דערמאָנט וועגן דעם, אַז ער איז געווען אַ שרייבער פאַרן קריג. אַ שרייבער? ס'איז דאָך גלאַט אינטערעסאַנט צו זען ווי אַזוי אַזאַ באַשעפעניש זעט אויס? אַמאָל האָבן זיי זיך אַלע באַהאַלטן הינטער די שורות און ס'איז נישט מעגלעך געווען צו זען, וואָס פאַר אַ פּנים זיי האָבן... שטענדיק האָבן זיי דערווישט אַלע שוואַכקייטן אין מענטש און עס אונטערגעטראָגן יעדן אונטער דער נאָז... און דאָ — נאַדיר אַזאַ מין פאַרשוין גאָר אין ווערק צע!...

ביי עטלעכע פּאָליציי דערוועקט זיך דער נייגער. זיי האָבן אַמאָל געלייענט אַ צייטונג, אַ בוך... היינט בענקט זיך נאָך אַ יידיש וואָרט און דאָ — איז איינער אַזאַ דאָ פאַראַן... מאָדנע! אויך די קאָמענדאַנטין איז נייגעריק: ווי אַזוי זעט עס אויס אַזאַ מין פאַרשוין... זי באַשליסט דערפאַר:

מען דאַרף שפּעטער אויסזוכן דעם פויגל. אפשר איז עס גאָר אַ גערעלעכער טיפּ... מ'קען נאָך האָבן צרות דערפון. וואָס קען מען וויסן?

מיט איר אינסטינקט דערשפּירט זי, אַז מיט אַזאַ מענטש דאַרף מען

זיין פּאַרזיכטיק. אַזאַ קען אַריינקריכן טיף אין דער נשמה, זען וואָס דאָ ווערט אַלץ אָפּגעטאָן אין לאַגער... דאַרף עמעץ אים פריער זען, וויסן ווער דאָס איז פאַר איינער. איר שוואָגער איז דער מאַגאַזינער פון לאַגער. ער קען גיכער אומגיין מיט די סאָרט מענטשן און דערקענען, מיט וועמען מען גייט צום טיש. זי ווענדט זיך דערפאַר צו אים:

— לאָלעק, דו וועסט אים אויפזוכן און זען, וואָס ער וויל.

— אַ יונג פּאָליציאַנטל פון דער זייט וואַרפט אַריין אומדרייסט אַ פראַגע:

— אין וועלכן באַראַק געפינט ער זיך?

עטלעכע פּאָר אויערן שטעלן זיך אויף, נייגעריקע צו כאַפּן דעם ענטפער. די קאָמענדאַנטין זעט ווי דער אינטערעס צו דעם מאָדנעם בריוול־שרייבער וועקט זיך און זי האַקט דערפאַר איבער זיי צו להכעיס דעם שמועס:

— נו, איצט איז גענוג וועגן דעם צו רעדן... זע נאָר ווי זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט דערין! לאָמיר בעסער אַריינרופן גוטאַן, וועט זי אַ זינג טאָן... און אפשר וועט מען אַביסל אַ טאַנץ טאָן?

אַ טייל פּאָליציאַנטן האָבן זיך גענומען אַרויסציען מיט קעצישע טריט און די רעשט האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין נאַכטיקן קאַראַהאָד אַריין. ערשט אין מיד ווערן פון טאַנץ האָט די קאָמענדאַנטין זיך דער־מאָנט עפּעס. זי האָט זיך פּלוצים, פאַרטראַכט, אַ פרעג געטאָן:

— לאָלעק, דו האָסט נישט אַמאָל פאַרגעסן?

לאָלעק האָט אָן אַ וואָרט געעפנט די טיר און אַריינגעשפרייזט אין דער פינצטערקייט אַריין...

## קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

### I

דאָס מאָל איז דער באַראַק פריער אַריינגעזונקען אין שלאָף. די שרעקן פון טאָג זענען נאָכגעקראָכן די מענטשן ווי טרייע הינט ביז אין

פארזינק אריין און האבן מיטגעהאלפן אריינקרעכצן פון שלאף אין דער פינצטערניש אריין... בלויז דער קוועקזילבערדיקער פרידלאנד האט ארומגעטשאפעט מיט זיינע בארוויסע טריט איבערן באראק און אבסערווירט די שלאפנדיקע. ווען די טיר פון באראק האט געטאן א זיפץ, האט ער א צאפל געטאן. עמעץ האט געמאכט ליכטיק. פרידלאנד האט אויפגעריסן די אויגן פון וואונדער:

— וואס האט איצט דא צו זוכן דער מאגאזינער?

ער איז צעטומלט געווארן פון אזא הויכן באזוך און געקוקט מיט דערוואַרטונג יענעם אין די אויגן אריין. לאלעק האט עפעס געזוכט מיט די אויגן:

— דא דארף זיין אין באראק עפעס א שרייבער.

פרידלאנד הייבט מיט די אקסל:

— ווער קען דאס זיין?

באלד פאלט אים עפעס איין:

— דאס מוז ער זיין.

א האנט רייסט פלוצים מעבעלען פון זיין איינגעקנורעטן שלאף. עפעס א געשטאלט, עלעגאנט געקליידט באפעלט אים:

— קום ארונטער, לאמיך דיך בעסער אנקוקן... מ'זעט דאך גארנישט!

אזוי ווי ער וואלט דא געדארפט עפעס קויפן און ער האט מורא זיך נישט אפצונארן... מעבעלע איז אראפגעקראכן מיטן גאנצן שטויס צוגעדראטעוועטע פאפירן. לאלעק האט זיך געחדושט:

— דאס ביסטו... פון בריוול? געמיינט א שרייבער טאקע און דא — נאדיר אן אפגעריסן פארחושכט ייִנגעלע...

מעבעלען ליגט נאך דער שלאף אין קאפ. איצט איז אים נישט קיין אונטערשיד, ווער עס זאל נישט זיין. דאס איינציקע, וואס ער וויל איצט איז: וואס ווינציקער רעדן... ער האקט דעריבער יענעם איבער:

— ווען איר גייט אזוי אנגעטאן, וואלט איר אויך אויסגעזען אפגעריסן... און איך בין אויך אמאל געווען בעסער געקליידט...

לאלעק קאכט זיך:

— דו! ווייסטו כאטש מיט וועמען דו רעדסט?

מעבעלע געגעצט:

— וואס איז דער אונטערשיד? ביי די דייטשן קען מען פון קיינעם נישט חוזקן פון זיין נאקעטקייט... יעדן ייד קען עס דערווארטן, אויב ער לעבט...

לאלעק איז ארויסגעלאפן און פון דער טיר צוגעווארפן א ווארט:

— ווארט דא צו...

אין א פאר מינוט ארום איז ער צוריקגעקומען מיט א פאר בלויע הויזן און אן אפגענוצט ארבעטס־רעקל. ער האט באפוילן מעבעלען:

— קריך אריין דארין, ווייל צום שלימזל קען מען עס דיר ווידער צוגנבענען. מארגן נאך דער ארבעט קום צו צו דער קאמענדאנטור וועט מען זען עפעס צו טאן...

ער האט נאכאמאל באטראכט מעבעלען און ארויס אן א ווארט. פרידלאנד האט זיך נישט געקענט אפוואונדערן פון מעבעלעס בריהשאפט:

— אווא, ביסטו א פויגל! ש ו י ן באוויזן צו דערשלאגן זיך ביז צו זיי... ווי איך זע, לאכסטו פון אונדז... מען וועט שוין פאר דיר זארגן... ווי אזוי האסטו עס באוויזן?

אבער מעבעלע אליין איז צעטומלט און ווייסט נישט ווי אזוי... דער געדאנק דערמאנט אים קוים וועגן דעם געשפרעך מיט מנשהן און וועגן בריוול... דער חברה־מאן האט דאך געטאן ס׳זייניקע. ס׳איז קלאר, אז דא איז ער ארויף אויף נייע רעלסן. ביז ווהין וועלן זיי אים דערפירן? אלנפאלס איז מנשה געווען גערעכט: איינצושטעלן איז נישטא וואס...

אויפן צווייטן פארנאכט האט פרידלאנד מיטגעטיילט מעבעלען:

— א פאליציאנט האט דיך געזוכט... געבעטן, אז דו זאלסט ווארטן, ביז ער וועט אריינקומען צו דיר... זאלסט נישט אוועקגיין...

ווען דער אוונט איז צוגעפאלן, איז אריינגעקומען א יונג פאליציאנטל מיט א שווארצן טרויעריקן בחור און געזוכט מעבעלען. דער שווארצער בחור האט גערעדט ערנסט און באזאכט. אין דער האנט האט ער גע־האלטן א פעקעלע, געוויקלט אין סאלעטרא־פאפיר און געזוכט ווערטער, וואס זאלן אים צופירן ביזן פעקל. ער האט געהערט דערציילן ביי זיך אין

באַראַק וועגן אַזאַ מין בחור. מען איז דאָ אָבער אַזוי פאַריאָגט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך מיט אים צו באַקענען. איצט האָט אים זיין בן־עיר און פּאָליציאַנט דערציילט וועגן דעם נעכטיקן ברייוול און ער האָט פאַרשטאַנען וועמען מען מיינט... ער האָט נאָך אַביסל וועש פון דער היים און דערפאַר געברענגט אַ העמד מיט אַ פּאָר גאַטקעס... מע־בעלע דאַרף זיך נישט שעמען... דערווייל איז מען אין וועדק צע...

מעבעלע איז גערירט. ער וויל נישט נעמען ביי דעם אומבאַקאַנטן, אָבער יענער רעדט אַזוי האַרציק און בעטנדיק, אַז עס איז נישט מעגלעך אים אָפּצוזאָגן... איז נאָך דאָ אַזעלכע מענטשן אויך אין אַזאַ גיהנום? דעם בחורס הייזעריקלעך־צוגעלאָזענע שטים ענטפערט מיט יאָ...

דאָס פּאָליציאַנטל ווערט ביסלעכווייז דרייסטער. מעבעלע וווּנדערט זיך:

— וואָס איז דאָ פאַר אים זיך צו פילן אַזוי שלעכט?

דער פּאָליציאַנט קווענקלט זיך:

— ער איז געוואָרן פּאָליציאַנט אין געטאָ, ווייל דאָס איז געווען דער איינציקער אויסוועג צו ראַטעווען זיך מיט דער נאַר־וואָס גענומענער פרוי... ער איז עס געוואָרן אין די לעצטע טעג... אפילו אין קיין אַקציע נישט אָנטיילגענומען... ביי דער ערשטער געלעגנהייט איז ער אַוועק אַהער... די פרוי איז געבליבן אויף אַרישע פּאַפּירן אין אַ דערפל... דאָ איז ער נענאַנגען אַרבעטן אין פאַבריק. נאָר איינמאָל האָט אים די קאָמענ־דאַנטין געזען און אים אויסגעקליבן פאַר אַ פּאָליציאַנט...

ער רויטלט זיך דערביי, ווי מען וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ שווע־רער עבירה. זאָל דער אַנדערער עדות זאָגן, ווי אַזוי ער האָט זיך אויפ־געפירט אין געטאָ... אויך דאָ טוט ער קיינעם נישט קיין שלעכטס... יאָ, צו דער אַרבעט מוז ער אַרויסרייסן די מענטשן... איז אַזוי: איינמאָל איז עס אַ באַפעל און צווייטנס — ווייסט ער נישט; אפשר איז עס גאָר אַ טובה. ער קען אַ סך וואָס לעבן נאָך בלויז דערפאַר, ווייל אין סעלעקציע־טעג האָט מען זיי בגוואַלד אַרויסגעשלעפּט אין דער האַלע אַריין... טראָץ אַלעם פילט ער זיך נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין. דער באַגריף „פּאָ־ליציאַנט" איז שוין געוואָרן שלעכט אויפגענומען. ער וויל אים דערפאַר

זאָגן, אַז דאָ זענען פאַראַן אויך אַנדערע. עס פעלט בלויז דער מענטש, וואָס זאָל זיי באַווירקן. ער איז דערפאַר געקומען פרעגן מעכעלען: אפשר איז כדאַי דאָ צו אָרגאַניזירן אַ קרייז מיט מענטשן, וואָס זאָלן אַמאָל צו־זאַמען רעדן אַ וואָרט, טאָן עפּעס? ווען עטלעכע פּאָליציאַנטן וועלן שטעקן אין דעם, וועט די קאָמענדאַנטין נישט שטערן, זיך נישט כאַפּן אויף גאָר... זאָל ער אַ קלער טאָן דערפון...

ווען די צוויי מענטשן זענען אַוועק פון באַראַק, האָט מעכעלע גענו־מען דאָס פּעקעלע און עס לאַנג באַטראַכט. עס האָט אים נישט געפרייט דאָס, וואָס ער איז שוין נישט נאַקעט, נאָר דאָס געפיל אַז דאָ טויכן אויף פון דער ווילדער הונגער־מאַסע אַלץ מער און מער געשטאַלטן מיט אַ דראַנג צו דערהאַלטן זיך ביים פּינטעלע מענטש... ווער ווייסט? אפשר לוינט זיך טאַקע צו דערשלאָגן זיך צו יעדנס געפיל און שאַפן אַ שטיקל לעבן צווישן די מענטשלעכע חורבות?

## II

מעכעלע שפּירט נישט די ערשטע טעג, ווי בּיסלעכווייז הייבט ער אָן צו ווערן פּריווילעגירט. אַט פאַלט ער אַמאָל אַריין אין דער האַלע 51, וווּ מען טראָגט אים אַקעגן אַביסל זופּ. אַט איז ער געווען ביי דער קאָ־מענדאַנטין. לאַלעק האָט אים אַרויסגעבּרענגט אַ שטיקל ברויט און גע־הייסן עס באַהאַלטן אונטער דער פאַלע:

— דאָ וואַרטן אַזויפיל אויף דער גאַס... ווען זיי וועלן זען, אַז דו האָסט באַקומען, וועלן זיי דאָ טעג און נעכט באַלאַגערן דאָס הויז...

די קאָמענדאַנטין איז אַרויסגעקומען און אַדורכגעשפּיזט מעכעלען מיט די צוויי גרינע בליצן... לאַלעק האָט איר עפּעס שטיל געזאָגט און זי איז צוגעקומען צו מעכעלען מיט אַ שטרענג פּנים. אין איר שטים האָט זיך באַהאַלטן אַ דערשטיקטע וואַרעמקייט:

— דו אַרבעטסט ביים טראַטיל, וואָס? דערווייל איז קיין צווייטער פּלאַץ פאַר דיר נישטאָ. ווען עס וועט זיך מאַכן, וועט מען אין דיר גע־

דענקען... דו קענסט דערוויל פון צייט צו צייט צוקומען, וועט דיר לאַ־לעק געבן אַן איבעריק שטיקל ברויט...

ווען מעבעלע איז אַרויסגעגאַנגען, האָבן אים הונדערטער אויגן נאָכ־געקוקט מיט קנאה... זיין האַנט האָט געקלאַמערט דאָס שטיקל ברויט, וואָס ער האָט פאַרשטעקט אונטער דער פאָלע און עפּעס האָט אים גע־שטיקט אין האַלדז. די בריענדיקע אויגן פון דער זייט האָבן אים אין עפּעס באַשולדיקט, אים קליין געמאַכט און פאַרשולדיקט... ער איז גע־לאָפן און זייער בליקס שאָטן האָט אים נאָכגעיאָגט, געשטאָכן. אַ פּלוצים־דיקער באַשלוס האָט זיך אין אים צעשריגן:

— איך וועל מער אהין נישט גיין...

ער האָט געוואָלט נעמען דאָס ברויט און אַוועקלייגן אויף אַ טיש, ווער עס וויל, זאָל עס נעמען... די הענט האָבן אָבער, ווי אַן זיין וויסן, געבראָכן שטיק נאָך שטיק און געשפּאַרט אין מויל אַריין. די גדערים האָבן זיי אויפגענומען מיט אַ וואַרעמען געברום. בלויז אין קאָפּ האָט גע־פּיקט אַ געדאַנק:

— ווי מעג מען עסן אַזאַ ברויט? ווי האָסטו עס ביי זיי גענומען?

נאָר אויך די געדאַנקען מאַכן שנעל צווישן זיך שלום. מעבעלע גיט זיך אַליין דאָס וואָרט:

— מער וועט עס נישט געשען...

כאָטש דאָ איז דער מענטש געשפּאָלטן אין שטיקער. איינס באַ־שליסט אַזוי, דער געדאַנק פאַרשטייט איינס און די אברים טוען זיך דאָס פאַרקערטע... וואָס קען דען אַן אויפגעשווידערט-הונגעריקער באַשליסן ביי זיך? ער קען בלויז איינשטילן דעם וואָרעם, וואָס דריקט; איינשטילן דעם אייגענעם בושה־באַרעכן...

דער מגושמער פּאָליציאַנט, וואָס פירט זיין גרופּע, פאַרהאַלט זיך נעבן אים ביי דער ריי און וויל מיט אים פאַרפירן אומדרייסט אַ געשפּרעך:

— פונוואַנעט קענסטו מאַניעקן?

מעבעלע פאַרשטייט, אַז דער פּאָליציאַנט, מאַניעק, מיט וועלכן ער

האָט זיך אין יענער נאַכט באַקאַנט, האָט דאָ אינטערוועניִרט וועגן אים. ער האָט אָפּ טרוקן:

— כ'האָב אים איינמאָל דאָ געזען.

דער מגושמער פּאָליציאַנט פאַרלירט דעם פאָדעם פון שמועס און פאַרענדיקט קורץ:

— אַז וועסט עפּעס דאַרפן, קענסטו מיר זאָגן...

אויך צאַלקע, דער פאָראַרבעטער, הייבט זיך אָן אַנדערש צו באַציִען צו מעבעלען; מיט אים רעדט ער געלאַסענער, רוּאיקער:

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַן אייגענער... איך אַליין האָב געענדיקט אַ סעמינאַר פאַר לערער... דאָ בין איך בלויז פאַרגרעבט געוואָרן... קענסט דען אַנדערש?

מאַרטפעלד מיט משהן האָבן שוין געכאַפּט דעם ערשטן זענק. ווי יעדער אַנדערער, וואָס וואַקסט אַריין אין דער טראָטיל-לופט אַריין, באַקומען זיי דעם ערשטן חותם, וואָס זאָגט אָן דעם זיכערן טויט, אָבער גיט דערביי די אברים אַ מאָדנע פלינקייט, אַ רירעוודיקייט ביי דער אַרבעט — וואָס נעמט צו די כוחות, וועלכע זענען אין קערפּער אָנגעזאַמלט אויף יאָרן פאָראויס... פּונקט ווי אַ קענגשטאַנד וואָס האָט פאַרלוירן די גלייכגעוויכט, זייענדיק אויף אַ באַרג און קייקלט זיך מיט פלינקן טעמפּאָ באַרג־אַראָפּ... די וואָרענונג, וואָס ליגט אין מענטשלעכע כוחות, ביי נאָרמאַלע לעבנס-אומשטענדן און גיט צו שפּירן יעדע איבער־מעגלעכע אָנשטרענגונג וואָס קען פאַרשאַדטן — זי איז שוין לאַנג אויסגערונען. איצט אַרבעטן די כוחות אָן אַ קאָנטראָל, מיט הפקרדיקער ברייטקייט וואָס פאַרצערט אַלע זאַפטן... דאָ אַרבעט מען איצט, בכדי אוועקצוטרייבן די טעג, אַריינצוכאַפּן זיי, ווי אויסגענאַרטע ביי וועמען, אין דעם אומקרייז פון געלעבטן...

מעבעלע שפּירט די אָנהייב-פּריווילעגירטקייט ווי אַ לאַסט, מיט וועלכער מען דאַרף זיך שעמען פאַר חברים... אויך ער הונגערט נאָך אַלץ. ער קען נישט אַלעמאָל אין זיך געפינען דעם אומבאַרעכנטן ווילן, צו גיין זיך זען מיט די וואָס אינטערעסירן זיך מיט אים. עס איז אים שווער צו נעמען ביי זיי, דאָס וואָס זיי דערלאַנגען אים, ווייל שפּעטער איז אים

נישט מעגלעך מיט זיי צו רעדן מיט אן אויסגעגלייכטער שפּראַך... אַ גנביש געפיל זאָגט אים כסדר אונטער, אַז ער וועט זיך דאָ גיכער אַדורכ־שלאָגן און אַ פאַרנעפּלטער געדאַנק גרענעצט שוין באַצייטנס אַ וואַנט צווישן אים און די חברים. ער וויל אַליין נישט הערן, ווי אַזוי טיף אין אים באַצייכנט עמעץ  ז יי  פּאַר טויטע און אים... אים זאָגט עס צו מיט פאַרשידענע אויסוועגן זיך אַריינצוכאַפּן אין די רייען פון די, וואָס קענען וואַרעמען אַ האָפענונג...

III

אַלע טאָג אַנטלויפן פרישע מענטשן. זיי ווייסן, אַז מאָרגן וועט קומען אַ מעלדונג אין לאַגער־ביוראָ, אַז מען זאָל זיי אויסשטרייכן פון דער ליסטע. זיי ווייסן, אַז מער ווי עטלעכע צענדליק קילאָמעטער וועלן זיי נישט אָפּ־לויפן... און דאָך שפּרינגען זיי אין די נעכט איבער די דראָטן. אַזוי ווי דאָ וואָלט נישט געגאַנגען בלויז אין ראַטעווען דאָס לעבן, נאָר אינעם נישט־שטאַרבן ווי אַ מויז, אומבאַמערקט פון קיינעם... ווען מען ווערט דערשאָסן אויפן וועג, ברענגט מען דעם טויטן קערפּער אין פאַבריק. פירט מען אַ קורצע אויספאָרשונג אין ביוראָ און די וואַכמענער זוכן נאָך די וועגן, ווי אַזוי מען קען נאָך אַלץ זיך אַרויסבאַקומען פון לאַגער... און פון וואָס קען דען נאָך חלומען אַ מענטש, וואָס זעט פאַר זיך סיי ווי נישט קיין מעגלעכ־קייטן צו לעבן?

נאָך אַזאַ פאַל רעדט מען אין די ווינקלען פון באַראַק, דערמאָנט מען נישט איינמאָל דעם נאָמען פון אַזעלכן וואָס האָט דאָך געוואַגט... טיילמאָל קלעפּט זיך דערצו אַ שטיקל העלדנטאַט, וואָס די פאַנטאַזיע וועבט אַרום... און ביי די וואָס הערן עס, קומט אויך אויף דער געדאַנק נאָכצוטאָן יענע...

און די וואָס האָבן געהיימע קוואַלן פון וואַנעט צו שעפּן אַ שטיקל זי־כערקייט, אַז זיי וועלן נישט פאַרהונגערן און פאַלן פון די כוחות — זיי קוקן מיט ירגזון אויף די וואָס טראָגן אויף די פינצטערע פּנימער דעם חלום פון לויפן, פון זוכן די קויל אויסער די דראָטן... „זיי וועלן נאָך אָנ־ברענגען דאָס גרעסטע אומגליק!...“ גלייך דאָס אומגליק איז נאָך נישט

דאָס גרעסטע, גלייך ווי איינער דאַרף צאַפּלען אין גסיסה, בכדי די אַנדערע זאָלן כאָטש האָבן די אילוזיע, אַז זיי זענען זיכער...

אמסייגסטן זענען שאַרף דערויף די פּאָליציי. זיי שפּירן נאָך יעדן איינעם, אויף וועלכן עס קען נאָר זיין אַ חשד. באַמערקט מען אין איינעם אַ פאַרדעכטיקן באַוועג, האָבן אים שוין אַלע אויפן אויג. די קאָמענדאַנטין ווערט אומרואיק, באַטאַפּט אזעלכן יעדן טאָג מיטן בליק און זוכט פאַר אים אויס אַן אַרבעט, ווו ער זאָל קיינמאָל נישט זיין אַליין...

און אַז מען באַמערקט איינעם, וואָס איז פאַרקליגלט, וואָס דענקט און טראַכט, איז ער שוין חשודיק צו פאַרטראַכטן פּלענער, צו פאַרפּלאָנטערן עפּעס... אַזעלכער דערפילט אויף זיך די פאַרדעכטיקע בליקן און וויל זיי אויסמיידן — ווערט עס נאָך מער חשודיק... און אַזוי דרייט זיך דאָס פאַרכשופטע ראָד... דערביי זענען פאַראַן פּאָליצייליים, וואָס טראָגן זיך אויך אַרום מיט די זעלבע געדאַנקען... קומען זיי אין דער שטיל צו אַזעלכן, רעדן וועגן דעם און וועגן יענעם און ווילן דערביי געוווּיר ווערן, וואָס האָט ער שוין צוגעגרייט, ווי וואָלט ער עס געמיינט צו מאַכן... און יעדער היט זיך אַרויסצוברענגען דאָס גאַנצע וואָרט פון די ליפּן.

און אַז מעכעלע שווייגט אַ סך — מוזן זיינע רייד אַלע געדעדט ווערן אינעווייניק אין אים, מוז ער עפּעס אין זינען האָבן... און פון די ווערטער, וואָס ער דערזאָגט, זעט מען אַז ער ציילט זיי, אַז אַלץ איז ביי אים מיט שכל... מיט חשבון. קומט שוין צו אים מאָניעק מיט נאָך אַ חבר, אויך אַ פּאָליציאַנט און מ'וויל ביי אים אַרויסרייסן מיט גוואַלד פון פאַרשטאַנד אַרויס אַן אויסרעכענונג, אַן אָנדייט: וואָס וועט זיין דער סוף? ווען וועט עס נעמען אַן ענדע?...

וויינבערג, דער קאָמענדאַנט, באַמערקט עס איינמאָל און פאַרהאַלט מעכעלען ביים טויער:

— דו, וואָס האָבן זיי מיט דיר פאַר אַ סודות, די פּאָליציאַנטשיקעס?

מעכעלע קנייטשט מיט אַן אַקסל:

— וואָס קען דען אַ מענטש אין ווערק צע האָבן סודות? אַט שמועסט מען . . .

וויזנבערג לאָזט נישט אָפּ:

— מיט אַ סך אַרבעטער פֿון די האַלעס שמועסן דאָס פּאָליציילייט? מסתמא דערציילסטו אינטערעסאַנטע זאַכן... נו, דערצייל מיר אויך עפּעס...

מעבעלע נעמט אויף זיינע שפּיזיקע אויגן מיט אַן אָפֿענעם בליק:

— נישט פֿאַר אַלעמען קען עס זיין אינטערעסאַנט... איך דערצייל זיי למשל וועגן יידן אַזעלכע, וואָס האָבן געטראַכט פֿון אַ גאָט, פֿון אויסבעסערן די וועלט...

וויזנבערג קען נישט פֿאַרטראָגן אָט דאָס גלייכע קוקן אים אין די אויגן אַריין. עס אינטערעסירט אים קנאַפּ די רייד וואָס דאָס בלאַסע יינגל הייבט דאָ אָן צו רעדן. אינמיטן פֿאַרשעמט ער זיך, וואָס דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט לאָזט זיך אַריין אין מחזקות מיט אַזאַ אָפּגעפּליקט מענטשל אין טראַטיל־בגדים ביים טויער, ווען אַלע זעען.

ער גיט אים דערפֿאַר אַ צייכן מיטן שטעקן:

— נו, טראָג... גיי ווייטער!

און ווי צו זיך אַליין, פֿאַרלירט ער אַ ברום:

— שיינע פּאָליציילייט האָט זי מיר דאָס אויסגעקליבן... זיי וועלן זיך נאָך אין קורצן אָװעקזעצן לערנען אין וואַכשטיבל...

און אַ וויַיטן שפּיי געטאָן...

און דאָך האָט מעבעלע דערשפּירט, אַז וויזנבערג מיידט אים נישט איינמאָל אויס ביים בושעווען מיט זיין שטעקן... פֿון איין פּאָליציאַנט צום צווייטן איז אַוועק אַזאַ שטילער פּרעפּל — ווי עס האָט שוין מיט מעבעלען פּאַסירט נישט אין איין לאַגער — און מען האָט אים גענומען אומבאַמערקטערהייט באַהאַנדלען פֿאַרזיכטיקער ווי אַנדערע... עס האָט געטראָפֿן, אַז מעבעלעס אָפּטיילונג איז געשטאַנען ביי דער האַלע אָפּצומאַרשירן אין לאַגער מיט פֿאַרטרוקנטע העלדזער, גראָד איז פֿאַרבייגעלאָפֿן אַ פּאָליציאַנט מיט אַביסל איבעריקע זופּ פֿון מיטאָג. ער איז צוגעלאָפֿן צו דער גרופּע און וועמען געזוכט מיט די אויגן. ביי מעבעלען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַריין אין דער טיף פֿון דער ריי:

— דו ביסט אוודאי הונגעריק...

צענדליקער אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון געשוואָלענע פּנימער האָבן מעכעלען אַרומגענומען מיט קנאַהדיקן וווּנדער:

— וואָס טוט דען אַזאַ איינער, וואָס פּאָליציאַנטן רעדן צו אים מענטשלעך! אין דער האָלע פון טראַטיל? ווי אַזוי האָט ער עס איבער־הויפּט באַוויזן צו געפינען מיט זיי אַ שפּראַך, דאָן ווען זיי גייען כסדר אַנגעבלאָזן און מיט אַ מינע פון האַרן און באַפעלער לאָזן זיי באַלד נישט קומען צום וואָרט?...

ס'האָט עפּעס געקרענקט און געשטאָכן אָט אַזאַ מין אויפמערקזאַמ־קייט. אַ נישט פאַרשטענדלעכע, בושהדיקע שולד האָט אים נישט געלאָזט אַנרירן דאָס דערלאַנגטע עסן. ער האָט עס דערפאַר איבערגעגעבן די חברים אין דער ריי און זיי האָבן זיך אַהין געצויגן מיט אויסגעשטרעקטע לעפל...

אַ פאַרגנבעטע צופרידנקייט האָט זיך אָבער אין אים נישט געלאָזט דערשטיקן; ער האָט דערשפּירט, אַז פון איין זייט איז ער שוין געראַ־טעוועט: פון דער פּאָליצייאישער אונטערדריקונג... און דאָס האָט גע־הייסן: אַ גרויסן טייל פון דער לאַגער־משא אַראָפּגעוואָרפן...

## קאַפּיטל נײַן און צוואַנציק

### I

ס'איז פּלוצים געקומען אַ באַפעל: ווי אַמשנעלסטן פאַרגרעסערן דעם לאַגער! און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ טייוולישׁ געיעג אויפצושטעלן פריי־שע באַראַקן. עס זענען אַראָפּגעקומען אין לאַגער אַריין קאָטלענגאַ, גיידאַ, קאָפּערניק און אַ צענדליק אַנדערע פּוילישע מייסטער מיט אַ מחנה פון עטלעכע הונדערט יידן און זיך גענומען צו דער אַרבעט... אַלטע מיוחס־דיקע ביימער, וואָס זענען געשטאַנען נעבן די באַראַקן און רואיק גע־דרימלט, אָדער שטיל אַריינגעקוקט אין די פענצטערלעך, גלויבנדיק אַז זיי וועלן זיין די לעצטע עדות פון דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, זענען פּלוצים אויפגערודערט געוואָרן... לאַנגע אויסגעבלאַנקטע העק האָבן זיך איינגעגעסן אין זייער געקאַרבט, שוואַרץ לייב און מיטן ערשטן שטומען

קרעכץ האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן... ס'האָט אויסגעזען אַזוי ווי זיי וואָלטן עפּעס, גאָר וויכטיקס באַדויערט ביי זייער פּאַלן. מען האָט זיי אַוועקגעשלעפּט אין דער זייט. שפּעטער זענען געקומען פּוילישע, פורמאַנעס און זיי אַוועקגעפירט, מיטן גאַנצן באַלאַסט פון צער, וואָס זיי האָבן דאָ אין זיך אַריינגעזאַפּט, אויף אומבאַקאַנטע וועגן... שפּעטער האָבן אויסגעדאַרטע לייבער זיך אַריינגעגראָבן אין די אויסגעשווירטע לעכער פון דער ערד און אַרויסגעצויגן פון דאָרט די לעצטע וואָרצלען. דער ווינט מיטן וואַלד זענען דערביי פאַרגאַנגען אין אַ יללה, ווי אַ מענטש ביי וועמען מען רייסט אַרויס די ציינער... באַלד זענען אָבער אָנגעקומען בערג מיט ברעטער, צוגעדעקט די לעכער און גענומען אַרויסוואַקסן ווי באַראַקענע מצבות אויף די קברים פון לעבנס אין וואַקסן. בלויז אַ זייטיק אויג האָט מער נישט געקענט דערקענען, אַז דאָ האָבן פריער מעכטיקע הייכן זיך געשטרעקט צו הויכן, געפּאַטשט מיט די בלעטער און געוואַקסן אין שטילן שווייגן...

עס זענען געבראַכט געוואָרן פון ווערק אַ הויפנס אויסגעברענטע קוילן און אויסגעשיט געוואָרן אין בערג נעבן די טיפע קאַלוזשעס אין לאַגער. מען האָט געבראַכט אייזערנע רעלסן מיט פאַבריקס־וואַגאָנעטקעס און דעם קוילן־שרויט צעפירט איבערן גאַנצן לאַגער. די פּוילישע טעכניקער האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן באַקומען אַ באַפעל אויסצוטריקענען די אַלע בלאָטעס פון אַרום און מאַכן דאָ גאַסן און טראָטואַרן. ס'האָבן פאַרפעלט הענט. די בלאָטעס זענען געלעגן און רואיק אַרויפגעקוקט צו דער זון. וויפל מ'האָט אויף זיי נישט געשיט קיין ציגל־ברוך און קוילן־שרויט, האָבן זיי אַלץ איינגעשלונגען און ווייטער זיך צולהכעיסדיק געבלעזלט... ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָ וועט מען דאַרפן לאַנג־לאַנג אַרבעטן, ביז עס וועט זיך ענדערן. די יידן, וואָס זענען דערצו באַשטימט געוואָרן, האָבן נישט געקענט נאָכקומען דער גאַנצער אַרבעט און אויך אין דער פאַבריק זענען קיין איבעריקע מענטשן נישט געווען.

די קאָמענדע פון לאַגער האָט דערפאַר באַשלאָסן צו לאָזן אין גאַנג דאָס שטאַרקסטע געווער: ב ר ו י ט... יעדער פון דער נאַכט־שיכט

קען זיך בייטאָג מעלדן פרייוויליק צו דער אַרבעט און דערפאַר באַקומען נאָך אַ פּאָרציע ברויט.

— ווען וועלן זיי שלאָפן, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געאַרבעט? ווי אַזוי וועלן זיי אויסהאַלטן? דאָס קען דער קאָמענדע נישט אָנגיין...

„אַ פּאָרציע ברויט!"... דאָס וועט שוין באַשאַפן וואונדער. אַזאַ וואָרט וועט שוין פאַרטרייבן פון די ברעמען דעם לעצטן פאַרשלאָפענעם גלי־וער, אויפוועקן אַלע מעגלעכקייטן, וואָס זענען נאָך פאַראַן אין פאַרמאַ־טערטע אברים, זיך אָנצושטרענגען ווי ווייט עס גייט נאָר און שלעפן אַ גאַנצן טאָג די וועגענער קוילן ביז צו דער בייגאַכטיקער אַרבעט...

אַלס אויפזעער איבער די צוגאָב־אַרבעטן איז באַשטימט געוואָרן דורך דער קאָמענדאַנטין דער אינזשיניער וואַרטמאַן. דאָס איז געווען אַ שטילער, מיטליידיקער מענטש, וועלכער איז צעטומלט געוואָרן פון זיין אויפגאַבע. אַליין האָט ער נישט לאַנג געאַרבעט ביים טראַטיל און גע־ווסט, וואָס עס הייסט אַזוינס צו קומען זיך שטעלן נאָך אַ נאַכט־שיכט ביי די גראַנאַטן צו דער צוגאָב־קאַטאָרגע... די מענטשן האָבן זיך אָבער געשטויסן, געקושט די הענט און געבעטן רחמים:

— פאַרשרייבט מיך! מיך... איר'ט זען ווי איך וועל אַרבעטן... מאַכט אַ פּרווו...

ביי דעם שווידערלעכן הונגערן האָט זיך יעדן איינעם געדוכט, אַז נאָך אַזאַ שטיק ברויט, ווי ער באַקומט טעגלעך, וועט אים זאַט מאַכן, אים פאַרהיילן דעם שרייאיקן שמאַך פון די אברים. דער כשוף־דמיון פון ברויט האָט פאַרשטעלט אינגאַנצן דעם שווערן פּרייז פון שלאָפלאָזיקייט, מיט וועלכן מען דאַרף דערביי באַצאָלן...

וואַרטמאַן איז דערביי געשטאַנען און אַ צערודערטער אויסגעפּרעגט ביי יעדן, ווו ער אַרבעט. ער האָט געזוכט צווישן די וואָס קומען פאַר־טאָג פון דער אַרבעט און האָבן צייט זיך אויסצושלאָפן אַ פּאָר שעה ביז דעם אָנהייב פון דער לאַגער־אַרבעט. די אַנדערע זענען אָבער נישט אָפּ־געטרעטן. ס'האָט נישט געהאָלפן וואַרטמאַנס אַריינרעדן אין זיי אַריין:

— ווי קען איך עס נעמען אויף זיך? איך הרגע דאָך אייך דערמיט...

זיי האָבן אים נישט נאָכגעלאָזט אויף קיין טריט:

— וואָס זאָרגט איר אייך פאַר אונדז? מיר וועלן שוין געפינען צייט א דרימל צו טאָן אין פאַבריק...

אַנדערע האָבן איראָניזירט פון דער זייט:

— ווי געפעלן אייך די נייע בעלי־רחמנות? איר'ט געזען: אַן אויפ־זעער האָט גאָר אַ זאָרג, אַז ער וועט אונדז דערהרגענען... פון גרויס ליבע צו אונדז וויל ער נישט צולאָזן, מיר זאָלן האָבן נאָך אַ פּאָרציע ברויט...

האָט דער שטילער, אַביסל פלעגמאַטישער וואַרטמאַן נאָכגעגעבן און פאַרשריבן, וויפל ער האָט נאָר געקענט... אָבער נאָך די ערשטע פּאָר וועגעלעך האָט זיך איינער נאָכן אַנדערן אַוועקגעגנבעט אין די באַראַקן אַריין און איינגעשלאָפן...

ווייזנבערג האָט זיך אָבער נישט געלאָזט נאַרן. ער איז אַרויסגעקומען צו וואַרטמאַנען און אַ פרעג געטאָן:

— וויפל האָסטו היינט פאַרשריבענע?

וואַרטמאַן האָט אים שטאַמלדיק־פאַרלעגן געזאָגט די ציפער...

ווייזנבערג האָט נישט נאָכגעלאָזט:

— ווו זענען זיי?

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פּלאָנטער. די אַנטלאָפענע האָבן לאַנג נישט געגנבעט קיין צייט. זיי האָבן איבערגעכאַפּט אַ דרעמל און נאָך מיטאָג ווידער זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. פאַרן גיין צו דער אַרבעט, ווען מען האָט ביי דער קאָמענדע געגעבן דאָס ברויט, האָט מען זייער נאָמען נישט אויסגערופן... די מענטשן האָבן זיך די האָר געריסן פון משוגענער פאַרצווייפלונג. אין האָפענונג צו באַקומען די פּאָרציע ברויט, האָבן זיי אויפגעגעסן די נאָרמאַלע, וואָס זיי באַקומען טעגלעך און וועלן מוזן פאַסטן ביז מאָרגן... זיי האָבן זיך געגעבן ווארפן, בעטן רחמים, שלעפּן עדות. אָבער ווייזנבערג האָט דאָס מאָל צייט געהאַט. ער האָט אַזעלכן באַוויזן אַ שטרייכל ביי זיין פאַרשריבענעם נאָמען און קאַלטבלוטיק אַ פרעג געטאָן:

— דו ווייסט וואָס דאָס איז?

יענער האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן. אַ שטאַרקער קלאַפּ האָט אים אָבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ איז שוין אַלץ פאַר־

שפילט און ער האט אוועקגעהינקט מיט געוויין צו זיין גרופע. ווארטמאן האט דערפאר אויסגעמיטן די, וואס מוזן זיך אוועקגנבענען אדער וועלן פאלן פון די פיס נאך דעם ערשטן אדער צווייטן מעת־לעת. דאס האט געבראכט דערצו, אז א סך זענען שנעל ארימער געווארן אין נאך א האפענונג צו עסן אמאל מער א שטיקל ברויט און א סך האבן נישט אויפגעגעבן, נאר ווידער זיך געשטעלט אינדערפרי אויפן פלאץ, ביז זיי האבן זיך באוויזן ארייגצושמוגלען.

## II

אין דער קאיוטע ביי מעכעלען איז געווען שטיל פון רייד. די שווערע קרעכצן פון דער מאשין האבן סיי ווי דערזאגט וואס דא קומט פאר. די הענט האבן שוין געארבעט ווי מעכאניש, אבער די גופים זענען געשטאנען פארן לעצטן צעברעך און ס'איז א שאד געווען א ווארט ארויסצורעדן.

בלויז משה האט פלוצים א צעפיר געטאן מיט די הענט, ווי ער וואלט זיך געגרייט ערגעצוו אוועקצושווימען:

— איך קען מער נישט אויסהאלטן...

ער האט דערביי א בליק געטאן אין מעכעלעס זייט. מעכעלע האט עס ווי נישט באמערקט. משה האט אנגעהויבן אויפסניי:

— מעכעלע, אפשר וואלסטו דאך איבערגעגאנגען צו זיי... זיי גיבן דאך דיר, ווען דו קומסט נאר...

מעכעלע האט זיך געצאפלט אויף די אייגענע ווערטער:

— ס'איז מיר שווער צו זיי אלעמאל צו גיין און בעטלען... בפרט איצט, אין מיטן דער ארבעט... א מייסטער קען נאך דערוויסן...

ער האט נאך עפעס געוואלט זאגן... נאר ער האט דערביי א בליק געטאן דא אויף דעם חבר זיינעם און דא אויפן צווייטן און זיך דער־שראקן. עס האט זיך אים געדוכט, אז מיט יעדן ווייטערן ווארט זיינעם וועט ער דא הרגענען א מענטש... ער האט דערפאר אפגעהאקט מיט געבעט:

— כ'קען נישט... גלייב מיר, איך קען נישט...

און נישט געקענט געפינען קיין ווייטערדיק וואָרט אַפּצוטייטשן, פאַרוואָס ער קען נישט גיין בעטן עפּעס עסן ביי די מענטשן פון דער נאָענטער האַלע...

מאַרטפעלדן איז עפּעס גראָד איינגעפאַלן. מיט זיין האַלב־אויסגע־לאָשענער שטים האָט ער בלויז איין וואָרט אַ זאָג געטאָן:

— וואַרטמאַן...

ביידע חברים זיינע האָבן קוים דערהערט דאָס וואָרט און דאָך דער־זען פּלוצים אַ נייע אַנטדעקונג. זיי האָבן אים אָפּגעענטפערט מיטן זעלבן שעפּטש:

— מאָרגן!...

און מאַרטפעלד האָט עס נאָכגעזאָגט ווי אַן „אמן" נאָך אַ וואַרימער תפילה:

— מאָרגן... מאָרגן...

און מיט דעם וואָרט האָט מען איינגעוויגט אַ שטיק גרויסע נאַכט.

צומאָרגנס, נאָכן כאַפּן דעם ערשטן דרעמל, איז משה ארויסגעקראָכן זוכן וואַרטמאַנען. ער האָט אים געפּאַקט אין אַ ווינקל און עפּעס אין אים אריינגערעדט. וואַרטמאַן האָט אים קענטיק נישט געוואָלט גלייבן און ער האָט זיך געלאָזט זוכן מעבעלען.

וואַרטמאַן האָט שוין געהערט פון עטלעכע מענטשן וועגן מעבעלען און געמיינט, אַז ער ווערט אונטערשטיצט ווי געהעריק. ווען משה האָט אים גענומען דערציילן, אַז אַלע דריי ווילן גיין צו דער צוגאָב-אַרבעט, האָט ער זיך עס נישט געקענט פאָרשטעלן. ער האָט גענומען אריינרעדן אין מעבעלען:

— כ'וועל רעדן מיט חברים, אפשר וועט מען עפּעס קענען טאָן פאַר אייך... צו וואָס זאָלט איר זיך דאָ פּטרן?

אויף מעבעלען האָט אָבער געדריקט ווי אַ באַרג זיין אויסגעמדיקייט פאַר די חברים זיינע. ער האָט דערפאַר זיך געבעטן מיט טרוקענע ווערטער:

— איך וויל נישט, כ'בעט אייך... ווען ס'איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו פאַרדינען...

און ווארטמאן האט נאכגעגעבן. נאך מיטאג בלויז איז ער צוגעקו־מען און אוועקגערופן מעבעלע אין א זייט און ממש א בעט געטאן:

— גייט, לייגט זיך אביסל שלאפן...

און מעבעלע איז אוועק צווישן דיביימער און אנדרימלט געווארן. און אזוי איז אוועק א גאנצע וואך מיט נאכט־שיכט. דאס שטיקל ברויט איז אבער אזוי צעפלאסן געווארן צווישן דעם הונגער און דער איבער־אנגעשטרענגטקייט, אז קיינער פון זיי האט עס כמעט נישט דערשפירט.

אין ווארטמאנען האט מעבעלע דערשפירט א שטיק מיטזארגער פאר זיין גורל. אין די לאנגע שעהן, וואס זיי האבן זיך צוזאמענגערעדט, האט מעבעלע זיך געקלאגט דערויף, וואס ער קען גארנישט שרייבן. אין יעדן לאגער האט אים געגעבן חיות דאס, וואס ער האט געפונען א שטיקל צייט און פלאץ אויפצושרייבן דאס וואס עס האט געביטערט אויפן הארץ. שפעטער האט מען עס סיי ווי צוגענומען, אבער דערווייל איז געווען לייכטער... און דא איז דער מענטש אין אייביק־שכורער מידקייט. ווארט־מאנען איז עפעס איינגעפאלן:

— מעגלעך, מען וועט אייך אריבערטראגן אין א צווייטער האלע: אין דער 51סטער... דארט וועט איר האבן מער רו און מער צייט... מען דארף דארט א מענטש.

מעבעלע האט גארנישט געזאגט, נאר געלאזט זיין גורל פירן דורך אנדערע הענט.

## III

און אז אין א פאר פארנאכטן ארום איז מען געקומען און מעבעלען געזאגט, אז היינט גייט ער ארבעטן אין דער שכנותדיקער האלע — איז ער געגאנגען. עס זענען געווען דארט אלע באקאנטע און ס'וועט זיין לייכטער די ארבעט: דאס האט אים אבער נישט געפרייט. גיכער האט אים וויי געטאן דאס מקנא זיין פון די חברים.

דאס איינציקע, וואס האט אים געפרייט, איז געווען די מתנה פון ווארטמאנען: א שטיקל בלייפעדער. ער האט זיך צוזאמענגעזוכט שטיק־

לעך פּאַפּיר און אַליין נישט ווייסנדיק ווי אַזוי, דערפילט אַ דראַנג זיך אָפּ־צוזונדערן און ווארפן, ווארפן דערשראָקענע אותיות אויפן פּאַפּיר אַרויף. די געשריבענע בלעטלעך האָט ער געגעבן וואַרטמאַנען צו באַהאַלטן און געלאָזט זיינע שעהן זיך אָנזאַפּן מיט דער רו, וואָס ער האָט געפונען ביי דער לייכטערער אַרבעט.

אין לאַגער איז גראָד געווען רואיק. שוין אַ פּאָר וואָכן, אַז עס זענען נישט פאָרגעקומען קיין סעלעקציעס. משה מיט מאַרטפעלדן האָבן מער נישט געקענט גיין צו דער אַרבעט. משה איז געשוואָלן געוואָרן אויפן גאַנצן קערפּער. זיינע פיס זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ דיקן, בלוי־לעכן גלאַנץ און מער נישט געקענט אַריינקריכן אין די הילצערנע האָלענ־דערקעס. האָט ער זיך געשאַרט אַ באָרוויסער איבער די בלאָטעס, וואָס האָבן אַרויסגעזעצט פון אונטערן אָנגעשיטן צודעק. ווען מעכעלע האָט אַמאָל געפּרוווט אים צוטראָגן אַ שטיקל אָפּגעשפּאָרט ברויט, האָט ער עס אַוועקגעשאָרט צוריק:

— נאַרעלע, כ'האָב אפשר געהאַט צו עסן אַזוי פיל ווי דו און אפשר מער... איצט קען איך מיינס אויך נישט עסן... מיר האָט די גאַנצע צייט געפעלט עפּעס אַנדערש... איך קען דיר עס אפילו נישט געבן צו פאַר־שטיין... דער גיפט האָט מיך די רעשט צוגעקלאַפּט... און איצט איז פאַר־פאַלן... כ'וועל שוין אַזוי צושלעפּן, ביז מען וועט מיך שיסן אָדער כ'וועל שטאַרבן... איינס פאַרדריסט מיך: דאָס וואָס כ'האָב געגלויבט אין מיין גבורה... ווען יאַנקל האָט מיר געזאָגט: קום, לאָמיר לויפן! האָב איך געשפּירט אַ פאַרפירערישע קראַפט אין די הענט, אין אַלע אברים... און כ'האָב געגלויבט, אַז ווען כ'וועל מיר אויסקאָמבינירן וואָס צו עסן, וועל איך אַלצדינג איבערטראָגן... און איצט זע איך, אַז כ'האָב געשטעלט אויף אַ פאַלשער קאָרט... איז פאַרפאַלן... נאָר ווען דו ווייסט, ווי אַזוי איך וויל נאָך איין מאָל זיין אויף דער פריי, זיין איין שעה צווישן מענטשן און אַ קוק טאָן אויף זיך אין שפּיגל, אַ גוט אָנגעטוענער צווישן אָנגעטוע־נע... עך...

אַ הוסט האָט אים פאַרשטיקט דאָס מויל און נישט געלאָזט ווייטער רעדן... די אויפזעער פון קראַנקנבאַראַק האָבן אים עטלעכע מאָל געוואָלט

פארשלעפן צווישן די קראנקע, ער האט זיך אבער געווערט מיט אלע כוחות. ער האט זיי געשטויסן מיט די ברוין־בלויע פיס און געשפיגן אין פנים אריין און גישט געלאזט זיך אוועקטראגן. ווען די פאליציי איז געקומען און מיט קלעפ אים דערפירט צו באוווסטלאזן פארשוויגן ווערן, האט מען אים אוועקגעטראגן אהין. אזוי ווי אבער ער האט זיך אויפגעוועקט, האט ער זיך מיטן גאנצן בארג געשווילעכץ אויף זיך, ארויסגעקייקלט דורכן פענצטער און זיך דערשלאגן צוריק צו זיין פריערדיק באראק־ווינקל... ביז מען איז מיד געווארן מיט אים צו קעמפן... איז ער אין געפערלעכע שעהן געלעגן אונטער א בעט און ווען די זון האט געוואַרעמט און אין לאגער איז געווען רואיק, איז ער פון דארט ארויסגעקראכן און צעלייגט די נאקעטקייט פון זיינע בערגיקע אברים קעגן דער זון...

ווען מעכעלע איז פארבייגעגאנגען, אין וואכן פון נאכט־שיכט, האט ער אים גערופן מיטן בליק. מעכעלע האט זיך נעבן אים אוועקגעזעצט, לאנג אין אים אריינגערעדט און ער האט אויסגעהערט מיט דאנקבארקייט פאר יעדן ווארט, וואס א מענטשלעך וועזן רעדט נאך צו אים... ער האט בלויז מעכעלען אנגעכאפט ביי דער האנט און זיך קראמפהאפט צוגעהאלטן... ביז מעכעלע האט איינגעדרעמלט נעבן אים... משה האט דאן פארווארפן מיטן קאפ און זיך געלאזט דורך עמעצן אן אומגעזעענעם אוועקטראגן אין אנדערע וועלטן. ס'האט אזוי געדויערט וואכן. איינמאל האט משה צוריק באקומען דאס לשון. אונטער די אויגן זענען אים שוין געווען אנגעגאסן בלוילעכע פלעשלעך וואסער און פארשטעלט זיין גאנצן בליק. ער איז דאך געווען ביים קלארן געדאנק ביים רעדן מיט מעכעלען:

— מעכעלע...

זיין קול האט זיך ארויסגעריסן ווי דורך טויזנט ווענט. ס'האט אויסגעזען, אז אינעווייניק אין זיך וויינט ער, נאר די מאסע פרעמד, אנגעוואקסן פלייש קען עס נישט דערלאזן און פארשלינגט דעם אנגעהויערטן צער־אויסדרוק אין זיך אריין... ער האט ארויסגעשלוכצט:

— מעכעלע... איך בין שוין אפגעשטארבן... די טעג וועט אפגיין דער לעצטער צוג...

. . . און טאָקע צומאָרגנס האָט אים שוין מעבעלע געזען ליגן אַ שטייפן, אָן אָנגעבלאָזענעם, ביי דער שוועל פון זיין באַראַק...

## IV

מיט מאַרטפעלדן איז געשען דאָס פאַרקערטע:

ער האָט אָנגעהויבן צו דאַרן פון די ערשטע טעג אָן. ס'איז געקומען ביז צו די ביינער. זיי האָבן זיך אַזוי אַרויסגעזען, אַז ס'איז קוים געווען צו גלויבן, אַז עס איז נאָך פאַראַן אויף זיי אַ הויט... דעם צווייטן טאָג, נאָכדעם ווי ער האָט מער נישט געקענט גיין, האָט ער מיט זיין גוטער שטילקייט ווי אַן איינגעשוויגענער צדיק, זיך געלאָזט טראָגן, וווהין די מענטשן האָבן געוואָלט. מען האָט אים אַריינגעפּאַקט אין דעם באַראַק פון קראַנקע, איז ער דאָרט געלעגן און שטיל געצאַנקט. מ'האָט גראָד צורו געלאָזט די קראַנקע, איז ער שטיל געלעגן און געקוקט מיט די גרויסע בלויע אויגן אויפן סופית. די אויגן — דאָס זענען געווען די איינציקע וואָס זענען ביי אים נישט געוואָרן דאַרער נאָר גרעסער. עט־לעכע שטיקלעך פאַרבאָרגענע כוחות האָבן נאָך טיף אין אים קברים גע־ריסן, אים געוואָלט דערהאַלטן ביים לעבן אויף נאָך אַ טאָג, אויף נאָך אַ טאָג... האָט ער זיי געלאָזט אַלץ טאָן מיט זיין אייביק־מילדער נאָכגי־ביקייט . . .

עטלעכע טעג האָט מעבעלע נישט געוווסט איבערהויפּט, אויב ער גייט צו דער אַרבעט אָדער נישט. ווען ער האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיין פריערדיקער קאַיוטע, האָט ער דאָרט שוין געטראָפן אַנדערע מענטשן ביי דער מאַשין. אין באַראַק האָט ער זיך דערוווסט און איז פאַרנאַכט אַריינגעלאָזט געוואָרן אויף אַ פּאָר מינוט צו אים.

מאַרטפעלד איז געלעגן אַ רואיקער, ווי עס וואָלט מיט אים גאָרנישט פּאַסירט. ווען ער האָט דערזען מעבעלען, האָט ער זיך אויפגעזעצט, אים אָנגעקוקט מיט זיינע וואַרעמע אויגן און אַרויסגערעדט קלאָר און דייט־לעך יעדעס וואָרט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מעבעלע זאָל נישט פאַרלירן קיין איין פּינטל דערפון:

— מעבעלע... דו זעסט דאָך שוין ווי עס האַלט מיט מיר... אין אַנ־דערע צייטן וואָלט איך אין אַזאַ מינוט געהאַט אַ סך צו זאָגן, צו רעדן און צו בעטן... אָבער דאָ איצט — וואָס קען איך דען פון דיר פאַרלאַנ־גען? אויסער דיין ברעקל לעבן, וואָס האָסטו דען מער פאַר מיר?... נאָר איין זאַך: דאָ איז יעדער איינער פאַרטאָן אין זיך, קיינער גיט אויף דיר קיין בליק נישט... און ס'איז אַזוי שווער אַזוי שטאַרבן...

ער האָט אָנגעוויזן אויף די חמרים לייז, וואָס זענען אַרומגעקראָכן פראַנק און פריי, ווי עס וואָלט שוין נישט געווען פאַר וועמען זיך צו שרעקן און געזאָגט:

— זעסט? אָט דאָס אַלץ אַרט מיך שוין נישט... אַ דאגה, זעסטו, איז נאָך אַ טאָג... איין זאַך בעט איך דיך: קום אַלעמאָל, ווען נאָר דו קענסט, אַריין און וואַרף אַריין אַ בליק... נאָר ווען דו קומסט — קום צו און זאָג עס מיר...

ווען מעבעלע איז שוין געווען ביי דער טיר, האָט ער אים צוריק־גערופן:

— זיי מיר מוחל מיין נאַרישקייט... די טעג האָט דאָ אַ קראַנקער, וואָס גייט נאָך אום אויף די פיס, זיך געקויפט אַ פריש פערטעלע ברויט פון שטאָט און עס זיך אָנגעריבן מיט אַ ציינדל קנאָבל... דער ריח האָט אַזוי פאַרשמעקט דעם עיפּוש פון דאַנעט, אַז ער ליגט מיר נאָך אין די חושים... איך בעט דיך דערפאַר: זע צו באַקומען אַ שטיקל פריש, שטאָ־טיש ברויט און רייב עס גוט איין מיט קנאָבל און ברענג עס מיר... כ'ווייס נישט, צי איך וועל עס קענען עסן... אָבער ברענג עס און לייג עס נעבן מיר אַנידער... כ'ווייס, אַז עס איז אַ נאַרישקייט... ס'איז אָבער דאָס איינציקע, וואָס האָט מיך איצט פאַרכאַפּט און דו קענסט עס מיר נאָכ־געבן... טו עס פאַר מיינעטוועגן... כ'בעט דיך נאָכאַמאָל: זיי מוחל...

אויך ער איז נאָך געלעגן דאָרט אַ שטיקל צייט. ווען ער איז גע־שטאָרבן, איז מעבעלע שוין געווען צוריק אַריינגעשליידערט אין אַ צווייטער גיהנום־אָפּטיילונג, וואָס האָט אים ווייטער אַריינגעשלעפּט אינמיטן פיין און צאָפּל. ער האָט דערפאַר אפילו נישט געקענט אים זען פאַרן אוועקפירן אים מיטן מיסט־וואָגן און נישט געקענט וויסן, אויב ער לעשט

זיך נאָך אַלץ אָדער ער איז שוין אויסגעלאָשן געוואָרן און אָנגעצונדן געוואָרן צוזאַמען. בלויז ווען ער האָט זיך פּלוצים דערשפּירט אַליין, אָן די צוויי מענטשן, מיט וועלכע דער גורל האָט אים צוזאַמענגעפירט אויף פיר וואָכן אין איין קאַיוטע, האָט ער צום ווייפלטן מאָל שוין אויפסניי דערשפּירט דעם שווידערלעכן ווייטיק פון ווערן פאַריתומט אין מיטן אַ ליידיקער, גאָטלאָזער וועלט...

## קאַפּיטל דרייסיק

### I

די באַראַקן, וואָס מען האָט אַזוי געאײַלט זיי אויפצושטעלן, זענען שטיין געבליבן אין מיטן בויען. די באַראַקן זענען געבליבן מיט אָפענע לעכער אויפן אָרט פון די טירן און פענצטער, וואָס האָבן אויף שטומלשון זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס אין די שכנותדיקע באַראַקן שטיקט מען זיך ווי די הערינג און דאָ קומט נישט קיינער וווינען... דער ווילדער טעמפּאָ פון בויען איז פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן און מ'האָט זיי אינגאַנצן פאַרגעסן.

אין די נעכט איז דאָרט געווען פינצטער און איז דערפאַר געוואָרן דאָס איינציקע אָרט, וווּ מען קען זיך סודען און שמועסן פון באַהאַלטענע ענינים.

די פּאָליציי האָט זיך דאָרט געדרייט און אויפגעפּאַסט אויף די, וואָס גייען אַהין אַריין, געזוכט פּאַרלעך און גנבות, וואָס מען האָט דאָרט פאַרשטעקט צווישן די ברעטער... אינעם גרויסן באַראַק-טומל זענען די פּרישאויפגעקלאַפּטע קאַסטנס געוואָרן דאָס איינציקע צוזיאַונגס־אָרט פאַר אַלעמען. פאַרנאַכט, ווען מען איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט און געהאַט צייט, האָט מען געמאַכט אַ שפּאַציר צו די נייע באַראַקן, וואָס זענען געשטעלט געוואָרן נעבן די דראָטן.

איינמאָל, פאַרנאַכט, ווען מעכעלע איז צוריקגעקומען פון זיין אַר־

בעט, האט אים פרידלאנד ארויסגעשלעפט צו די נייע באראקן. פון אלע זייטן האבן זיך געצויגן מענטשן, וועלכע האבן זיך געשארט צום עקסטן, לייזדיקן באראק. עטלעכע פיקרינער האבן פון אלע זייטן געשלעפט פאר־געלטע בענק און דערמיט אריין אין ווינקל אריין. די פאליציי ביי די דראטן האט געקוקט פון אלע זייטן ווי זיי וואלטן אכטונג געגעבן, אויב עס טראגט נישט וועמען אן... עס איז קענטיק געווען, אז דא גייט עפעס פארקומען. פרידלאנד, וועלכער איז געווען א נייגעריקער פון דער נא־טור, איז באלד אוועקגעלאפן אויף א רגע און צוריקגעקומען א פארסא־פעטער:

— ס'קומט היינט פאר א קאנצערט...

מעבעלע וויל נישט גלייבן:

— א קאנצערט אין ווערק צע?

אבער פרידלאנד האט שוין געוווסט אלע פרטים. עס האט זיך גע־האנדלט אין א נייעם קאפריז פון דער קאמענדאנטין. זי האט לעצטנס ארויסגענומען א בחור פון א האלע ארויס און אים געמאכט פאר פאלי־ציאנט. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דעם פאליציאנטס פאטער איז גע־ווען א וואנדערנדיקער יידישער אקטיאר אין פוילן און אויך דעם זון שוין געהאט ארויפגעפירט אויף דער סצענע אלס זינגער.

מיטן שטראם פון מאידאנעק איז אויך מיטגעשלעפט געווארן א יונגע זינגערין פון ווארשעווער געטא, וועלכע איז גלייכצייטיק געווען א טענצערין ביי געדטנערן אין רעסטאראן אויף רימארסקא־גאס. זי זאל זיין זייער א שיינע. איינער פון די קאמענדאנטן האט זי געזען און זי געמאכט פאר זיין געליבטע. די קאמענדאנטין האט זיי ביידע געהערט און עס איז איר איינגעפאלן א פלאן: איינצוארדענען א קאנצערט אין א לייי־דיקן באראק...

מעבעלע האט אוועקגעצויגן פרידלאנדן ווייטער. דאס הארץ האט נישט געלאזט זיין ביי אן אונטערנעמונג, אויף וועלכער די קאמענדאנטן און פאליציי וועלן זיין די הויפט־מחותנים. נאכן אפגיין א שטיקל וועג האט אים פרידלאנד צוריקגעשלעפט:

— קום, לאמיר זען, ווי אזוי זיי מאכן דאס... איך האב דיר שוין

איינמאָל געזאָגט, אַז אויך מיר וועלן דאַרפֿן אונטערנעמען אַזעלכעס... טאָ לאָמיר וויסן, ווי אַזוי מען נעמט דאָ אויף אַזאַ געשעעניש.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען צום באַראַק, איז ער שוין געווען געפּאַקט ביז פֿול: מען האָט ספּעציעל, צוליבן קאָנצערט, אַהין אַריינגעצויגן ליכט און פֿון אַלע צוזאַמענגעשלעפּטע בענק אויפֿגעשטעלט אַ טריבונע. אינעווייניק אַריין האָט מען נאָר אַריינגעלאָזט די פּראָמינענץ פֿון לאַגער. דערפֿאַר האָבן זיך אינדרויסן צוזאַמענגעקליבן מאַסן מענטשן, אָפּגעריסן־פֿאַרהושכטע געשטאַלטן און מיט פֿאַרגאַפֿט־אויפֿגעריסענע, מיילער געשלונגען יעדן שאָרך פֿון אינעווייניק. די שטיקער ליכט, וואָס די אָפֿענע לעכער האָבן אַרויסגעוואָרפֿן ווי אַ נדבה צו די שטייענדיקע, האָט מיטגעבראַכט פֿאַר די אויגן אַזאַ מין בילד:

אויף ספּעציעל אויסגעשטעלטע בענק זענען געזעסן די קאָמענדאַנטין; טייל פֿון די חשובסטע פּאָליציי און מיוחסטע מענטשן פֿון לאַגער, אויסגעפּוצט ווי אויף אַ שמחה. אין מיטן האָט זיך אויפֿגעהויבן די ברעטערדיקע טריבונע, געשמוקט מיט אַלערליי פֿאַרביקע שטאָפֿן, וואָס האָבן צוגעגעבן דער גאַנצער אַטמאָספֿערע אַ באַזונדער פֿייערלעכקייט. אין מיטן איז געשטאַנען דאָס מיידל, אין אַ גרין זיידן קליידל, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער די נאַקעטע קניען. אַרום דעם האַלדז האָט זי געהאַט פֿאַרוואָרפֿן אַ רויט קעלנערל, וואָס האָט זיך פֿאַרביק אָפּגעשלאָגן אויף איר ראָז צוגעשמינקט פּנימל. אַקעגנאיבער איר איז געשטאַנען אַ שוואַרצהנעוודיק צעוואַקסענער בחור מיט אַ פּאָליצייאיש היטל און זיך געדרייט נערוועז אויף זיין אָרט. ביי די מענטשן מיט די אויסגעצערט־געלע פּנימער אין דרויסן האָט עס אויסגעזען ווי אַ פֿאַרכשופֿט בילד פֿון פֿאַרגעסענע צייטן. עס האָט זיי דערמאָנט אין אַ טעאַטער פֿון אַמאָליקן גליקלעכן שטעטל. אַ טויטע שטילקייט האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן מענטשן־צוזאַמענדריק. אַלע האָבן אָנגעשטעלט זייער בליק צו דעם וואָס דאָרט קומט פֿאָר און מורא געהאַט צו פֿאַרלירן דעם מינדסטן באַוועג.

די ווערקשויז, וואָס האָט פּאַטרולירט אויף דער צווייטער זייט פֿון די דראָטן, האָבן באַמערקט, אַז עס קומט עפּעס פֿאָר אין דעם אָקאָרשט־באַלויכטענעם באַראַק. פּאַטרול נאָך פּאַטרול האָבן זיך אָפּגעשטעלט און

אַריינגעקוקט דורך די צעצוגדענע לעבער. דאָס מיידל איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון איר אויסגעצירטער דערשראָקנקייט. זי האָט זיך פּלוצים אַ צי געטאָן פאָראויס און אַוועקגעלאָזט זיך אין אַ פלאַטערדיקן טאַנץ. אַלע־מענעמס אויגן האָבן זי אַדורכגעשפּיזט מיט וווּנדער. די ווערקשוץ פון יענער זייט דראָטן האָבן גענומען אַפּלאָדירן. אָבער דאָס מיידל האָט ווי גאָרנישט געזען און געהערט, אַזוי ווי דער טאַנץ וואָלט שוין לאַנג געלעגן פאַרקייטנט אין אירע קנעכלען און איצט האָט ער זיך אַ ריס געטאָן איבער אַלעמענס קעפּ און צאַפּלט זיך אויס פאַר אַלע צייטן...

ווי אין עקזאַלטירטן היגערפּלעט האָט זי גענומען זינגען איין פּאָפּולערן קופּלעט נאָכן צווייטן. אירע אַלע בענקשאַפטן און זכרונות פון פאַרגאַנגענע טעג האָט זי אין דעם אַריינגעגראָבן, אַזוי ווי זי וואָלט אַריין אין איר צווייטער, אמתער עקזיסטענץ אַריין...

— קום אַוועק! — האָט מעכעלע גענומען רייסן פרידלאַנדן...

ס'האָט אים אָנגענומען אַ שווערער בושה־געפיל, וואָס אָט־דאָ גראָבט מען אויס קאַבאַרעט־לידלעך, געזאַנג פון זאַט־אָנגעפרעסענע צייטן ווען דאָ... מנע...

זיי האָבן זיך אָפּגעגווינט אין דער זייט. די וואַכלייט ביי די דראָטן זענען אַרויפגעקראָכן אויף די שטאַכעטן מיט אַריינגעבויגענע קעפּ אין אָפענעם פענצטער אַריין. זייערע באַגייסטערט־ווילדע אויסברוכן האָבן דאָרט אַריינגעדונערט מיט תאווהדיק־הנאהדיקן געוויי ווי שכורים... מעכעלען איז אויפגעשווומען אין קאָפּ אַן אַלטער פּסוק:

...דאָרט האָבן אונדז אויפגעפאָדערט אונדזערע פאַנגער: זינגט אונדז פון אייערע ציון־לידער...

אָ, ווען זיי דאָ, האָבנדיק פאַרלוירן דעם שטאָלץ פון קענען אָפּזאָגן, וואָלטן כאָטש געוווסט, וועלכע לידער פאַר זייערע פאַנגער און פייניקער צו זינגען!...

אָבער פּלוצים איז דאָרט אַלץ אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ טיפער שטילקייט. אַ נייגיר האָט זיי ביידן צוריקגעשלעפּט צו דער צוזאַמענגע־דריקטער מחנה אין דרויסן... אויף דער סצענע איז געשטאַנען דער פּאָליציי־בחור מיט אַ פאַרלעגענער מינע און עפּעס אָנגעהויבן צו ברומען

פאַר זיך, שטיל... די מענטשן פון דרויסן האָבן שוין ווייזט אוים געוווסט, וואָס ער גייט זינגען. ביי אַלעמען זענען די טויט־אויסגעלאָשענע פּנימער באַפּייכט געוואָרן מיט עפּעס אַ טרויעריקן גלאַנץ. דאָס פּינקעלע ברום, וואָס יענער דאָרט אויבן האָט פאַרוואָרפן, האָט גענומען וואַרפן זיך פון מויל צו מויל און ס'האָט אַרויסגעפלאַמט מיט הונדערטער פאַקעלן, וואָס האָבן זיך געלאָשן און געצונדן:

...אין לאַגער פון סקאַרזשיסקאָ איז דאָך זייער ביטער!
אין לאַגער פון סקאַרזשיסקאָ... אוי, גאָטעניו! גוטער!

דער בחור איז דערמוטיקט געוואָרן פון דעם אָנשפּאַר, וואָס ער האָט באַקומען פון די הונדערטער העלדזער און מיט זיין פאַרפעשטשעט־ווייכער, וואַרעמער שטים אַ פּאָר געטאָן איבער אַלעמענס שטימען אַריבער:

ווען איך דערמאָן זיך נאָר אין דעם —
אוי, ציטערן מיר די פיס און הענט
הלוואַי וואָלט איך סקאַרזשיסקאָ —
נישט געזען דערקענט — — —

און ווי כוואַליעס, וואָס אַן אָנפּאָרנדיקע שיף גיט פּלוצים אַ צעאַ־קער, האָבן זיך גענומען נאָכוואַרפן אַלע שטימען, מיט אָנגעשוואָלן־רויעם עכאָ, מיט דערוועקטער לעבעדיקער פאַרצווייפלונג און באַדויער:

— הלוואַי וואָלט איך סקאַרזשיסקאָ נישט געוועזן דערקענט — — —

און דאָרטן, אינעווייניק, האָבן זיך די קעפּ פון די פּאָליציי און קאָ־מענדאַנטן אַראָפּגעלאָזט אין שטילער פאַרשעמטקייט.

## II

ווער ס'האָט דאָס ליד געשאַפן, האָט מען נישט געקענט וויסן. די מענטשן האָבן עס אויך נישט געוואָלט. ס'איז געווען עפּעס אַזאַ פּשוט־קלאָרס אין דעם, אַזויפיל דאַאיק־איינפאַכס, אַז יעדער פון אָט די מענטשן דאָ האָט דאָס שוין זיכער הונדערטער מאָל געקלערט... אָט דער בחור

דאָרט אויבן איז בלויז דער שליח־צבור, דער וואָס זאָגט פון זייער האַרץ־גריבל אַרויס, ווי פון אַ סידור, פסוק און נאָך פסוק און זיי פּרעפּלען נאָך, ווי גוסס־קראַנקע מיט וועלכע מען זאָגט ווידוי אַראָפּצוקוילערן די אָנגע־לייגטע שטיינער פון האַרץ... ווי פון זיך אַליין האָבן זיך געקוילערט די ווערטער:

אין אַ וואַלד דאָרט,
נישט ווייט פון שטאָט,
אַרומגעצוימט
מיט שטעכל־דראָט,
אוי, דאָרטן בין איך פאַרשפּאַרט,
נישט האָבנדיק קיינעם מער
און שטאַרבנדיק וועט קיינער
פאַרגיסן נאָך מיר אַ טרער...

ווי קען מען עס אין איין מעלאָדיע אַריינפּרעסן אַזויפיל עפּישן, אויפשווידערנדיקן און שטילן טרויער און באַדויער? זע, ווי עס נעמען אויפ־טאַנצן טרערן, ממש טרערן אין די אויגן! דער מאָטיוו צערייסט אַלע מידע האַלדז־שטערענישן און פירט אָן מיט אַלעמען, מיט אַלעמען:

דער פאָטער אַוועק
ווי אַ גרויער פלעק
און מיט דער מוטער דאָרט —
אַ סוף, אַן עק...

דערמאָן איך זיך אין דעם,
ווייל איך נישט לעבן מער,
ווייל, וועמענס ביסטו דען
און ווער איז דיין, ווער!?...

אַזוי ווי עס וואָלט אַלעמען אויפאַמאָל גאָר־גאָר קלאָר געוואָרן, וואָס מ'האָט ביז איצט נישט דערזען, כאָטש ס'איז געשטאַנען פאַר די אויגן, האָט זיך ביי יעדן געריסן אַ קרעכצנדיקע יללה:

אין לאַגער אין סקאַרזשיסקאָ איז דאָך זייער ביטער...
אָבער דאָרטן יענער צייט ווייטער... ציט דאָס חיות אַרויס פון האַרצן:

ביי דער אַרבעט בלויז
פאַרגעס איך זיך אָפט,
ווי אַלס קינד אַמאָל
ווען איך האָב געהאָפט.

בלויז ווען איך קום צוריק:
אין באַראַק פוסט און ליידיק,
אויפן האַרץ דאַן ביי מיר
ווערט עס אַזוי שווער...

דאָ קלאָגט שוין אַלץ אַרום. דיביימער, די באַראַקן, די בלינדלעכע נאַכט וואָס פינטלט מיט די געלע ליכטער, די אָפּגעריסענע בגדים־צוויטן און דער שאַרכנדיקער ווינט וואָס פליט פאַרביי:

אין לאַגער אין סקאַרזשיסקאָ... אוי, גאָטעניו גוטער!
און די מענטשן, ווי אין האַלוצינאַציע שרייען מיט, שווידערן מיט:

ווען איך דערמאָן זיך נאָר אין דעם —
אוי, ציטערן מיר די פיס און הענט,
הלוואַי וואָלט איך סקאַרזשיסקאָ —
נישט געוועזן דערקענט...

אַ כוח פון אַ ניגון! זע ווי פאַרשעמט עס האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס ליכט, ווי די פּאָליציי טרייבט מיט צוריקגעהאַלטענער דערשלאָגנקייט די אומדרייענדיקע זיך אין די באַראַקן... אַזוי ווי עמעץ וואָלט אָנגעטאָן אַ צוימל אויף זייערע רויע קולות...

מעכעלע מיט פרידלאַנדן זענען צוריקגעגאַנגען שווייגנדיקע. פון אַלע זייטן זענען געגאַנגען פּאָליציי און ס׳האָט פון זיי אַרויסגעפייפט די געהערטע טרויער־מעלאָדיע, ווי אַ גלגול וואָלט זיך אין זיי פאַרטשעפּעט...

פונעם פיקרינער באראק ארויס האט זיך נאך אלץ געריסן א שטיק יללה, וואס האט נישט געוואלט נאכלאזן:

— אוי־אוי־אוי... הלוואי וואלט איך סקארזשיסקא
נישט געזעען דערקענט...

פרידלאנד האט פלוצים אנגעכאפט מעכעלען ביי דער האנט:
— האסט געהערט?

ביידע האבן זיך פארשטאנען. א מינוט האט פרידלאנד געשוויגן און שפעטער צוגעגעבן:

— פארשטייסט?... דער לאגער דארף האבן א ווארט... דאס וועט אים שטארקן און דערהייבן... האסט געזען די פאליציי? זיי מוז מען וואס מער געבן אזעלכע שפילקעס, זיי זאלן אפילו נישט וויסן, ווען זיי שטעכן אריין...

ביי מעכעלען אין געדאנק איז עפעס נאר וואס געבוירן געווארן.

III

יעדן טאג האט מען געטראגן באקאנטע פנימער, מיט נאכגעלאזטע, פארגעלטע הענט צום טויטן מיסט־קאסטן. די פארצערונג, וואס איז די גאנצע צייט אפגעשטופט געווארן פון די גלידער, האט באקומען די אויבערהאנט און אויסגענוצט די רעזיגנאציע־מאמענטן צו פארכאפן אלץ פאר זיך... זענען מענטשן געשטארבן, נישט אנזאגנדיק קיינעם פריער קיין ווארט... ס'האט זיך אנגעהויבן א כאפעניש פון די לייכטערע אפטיילונגען אין די שווערערע. מענטשן, וואס האבן געהאט פראטעקציע, זענען ארויסגעצויגן געווארן פון די האלעס, וו די זעלבע ארבעט האט געמוזט געמאכט ווערן מיט א קלענערער צאל מענטשן. דאקעגן האט מען גענומען די, וואס האבן נישט געהאט קיין שוץ, פון די לייכטערע אפטיילונגען אין די שווערערע. איז טאקע מעכעלע נישט איבערראשט געווארן, ווען ער איז איינמאל אריינגעקומען זוכן זיינע חברים, מענדל און אברהם־איסר,

און זיי נישט אָנגעטראָפן אין באַראַק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פּאָליציאַנט פון זייער אָפּטיילונג האָט געהאַט צוויי קרובים אין דער גראַנאַטן־אָפּטיילונג. האָט ער איצט אַרויסגענומען די צוויי מענטשן און געשיקט ביידע חברים מעבעלעס אַלס ערזאַץ־מענער. ווי פריש־אַריינגעקומענע אין דער האַלע האָט מען זיי צוגעשטעלט צום קעסל... עס איז דער־מיט פאַרשוואונדן די לעצטע האָפענונג, זיי זאָלן דאָ קענען זיך לאַנג האַלטן...

און אויך מיט מעבעלען איז געשען דאָס זעלבע:

אין אַ פאַרנאַכט, ווען ער איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט אים דער מייסטער אָוועקגערופן. אויך ער דאַרף געבן איין מענטש אין אַ צווייטער אָפּטיילונג אַריין. די אַלע, וואָס אַרבעטן דאָ, זענען שוין איינגעאַרבעט אין דער אַרבעט... ער איז דער לעצטער, וואָס איז דאָ אַריינגעקומען. נו, איז זיין גורל...

די מיטאַרבעטער פון דער האַלע, מיט וועלכע ער איז לעצטנס פאַרהיימישט געוואָרן, האָבן אָוועקגעקוקט ווי פאַרשולדיקטע אין אַ זייט, ווען מ'האָט מעבעלען אָוועקגעפירט. ער אַליין האָט אָבער קיינעם נישט באַשולדיקט און אויפגענומען דאָס געשעעניש מיט אַ גלייכגילטיקן שווייגן... ער האָט אפילו נישט אַ ציטער געטאָן, ווען מ'האָט אים צוגעפירט ביז צו דער שרעקלעכער האַלע, אַכט און פופציק, וועגן וועלכער מ'האָט אַזוי פיל אָנדערצייזט. אינעווייניק איז נאָך ווער אַזוי ווי צופרידן געווען, וואָס ער קערט זיך אום צו אַלעמענס גורל...

אין דער האַלע האָבן קיין יידן כמעט ווי נישט געאַרבעט. דאָ איז געווען די אָפּנעמעריי. דאָ האָט מען קאָנטראָלירט, אויב די לעכער זענען געמאַכט אין דער געהעריקער טיף; דאָ האָט מען זיי באַסטעמפּלט, אַריינגעלייגט אין שטרויענע קיישלעך און אָוועקגעשיקט צום צוג.

ביי לאַנגע טישן זענען געזעסן רייען מיט פּאָליאַקן און צוגעגרייט די שטיקער אייזן צום טראַנספּאָרט. אויף די טישן האָבן זיך געצויגן שמאָלע, אייזערנע רעלסן, אויף וועלכע די גראַנאַטן האָבן זיך געקוילערט פון איין האַנט אין דער צווייטער. צוויי מענטשן האָבן געמוזט כסדר, מיט געיעג, אַרויפלייגן איין גראַנאַט נאָכן צווייטן אויף שמאָלע רעלסן. ביי

א צווייטן טיש האט מען די שווערע „קעלבער" אויסםארטירט און אריינ־געדרוקט אין די קוישן. פון דארטן האט מען זיי צוגעטראגן צו די ווארטנ־דיקע וואגאנעטקעס.

מעבעלע איז אוועקגעשטעלט געווארן ביי א וואגן, ווו ער האט גע־דארפט ארויפלייגן די פארטיקע גראנאטן. צוויי פרויען זענען געשטאנען אין א זייט און ארויפגעצויגן די שטרויענע מלבושים אויף די דראענדיקע שטיקער שטאל און אייזן. מעבעלע האט אפילו זייערע פנימער נישט גע־קענט זען, ווייל באלד האבן צוויי יונגע שגצים מיט שטעקנס אים גענומען אונטערטרייבן. ארום האבן זיך געדרייט צענדליקער מונדירטע דייטשן, וואס האבן פארשריגן און פארברילט דעם גאנצן חלל. מעבעלע האט גע־שלעפט די גראנאטן מיט משוגענעם געאייל, נישט זעענדיק ווער עס שטייט נעבן אים... דאס מבולבלע צעארבעטקייט האט אים נישט נאכגעלאזט, אפילו ווען די דייטשן האבן זיך אביסל דערווייטערט. איין מיידל, וואס האט געארבעט ביי די גראנאטן, האט גענומען פארלאנגזאמערן די ארבעט. מעבעלע האט קוים געהערט ווי זי ברומט פאר זיך שטילער־הייט דעם לאגער-מאטיוו:

בײ דער ארבעט בלויז
פארגעס איך זיך אפט...

איר שטילער ברום האט אין זיך געהאט אזא ווייכע, מעלאנכאליש־פארצערטלטע בענקשאפט, אז מעבעלען האט עס א ברי געטאן אין הארץ... א נאגענדיק־פארשמאכט געפיל איז אים באפאלן ווי א גזלן. ער האט אויף אמאל דערשפירט, ווי אט דער שטילער ברום האט אויף אים באקומען ווי א מין אויבערמאכט, נישט ווויסנדיק ווי אזוי. ווי וועלנדיק פארטרייבן אט דאס אקארשט נייע, האט ער גענומען רייסן די שווערע גראנאטן פון טיש אראפ מיט ווילדן אימפעט. דאס מיידל איז געבליבן הינטערשטעליק אים צו ליפערן די גראנאטן און זיך אנגערופן געערגערט:

— נארישער בחור, וואס איר זענט! איר טרייבט ארויס פון זיך די כוחות און מיר וועלן עס מוזן מיטמאכן...

די ווערטער זענען געקומען פון דער זייט. מעבעלע האט נישט גע־קענט זען, ווער עס זאגט אים דאס... די שטים האט אבער א קלינג געטאן

אזוי זילבערדיק־ריין, אזוי ווארעם, אז אין קאָפּ ביי אים האָט עפּעס אָנ־גענעם א שווינדל געטאָן...

א זייטיקער פּאַליאַק האָט פון דערווייטנס צוגעוואָרפן דעם מיידל א זאַץ אין אַן איינגעהאַלטענעם טאָן:

— עטלאַ, וואָס פאַרשמועסטו זיך דאָרטן? די נאָרמע וועט דערפון נישט וועלן וויסן...

דאָס מיידל האָט ווייטער גענומען פלינק דערלאַנגען די איינגעפּעקלטע משחיתים און בלויז מיט א צישענדיק־פאַרדראָסיקער שטים, צוגעוואָרפן מעכעלען:

— איר זעט שוין, וואָס אייער איילעניש וועט דאָ אָנמאַכן?

מעכעלע האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט דאָ שלעכטס געטאָן. ער אַרבעט שנעל, דערפאַר ווייל ער איז א נייער דאָ. ס'איז געגוג, מען זאָל אים אין ערשטן מאָמענט נעמען אויפן אויג. ווי א פּוילנצער און ער וועט דאָס שוין מער קיינמאָל נישט גוט מאַכן... דאָס הייסט אזוי גוט ווי דערשלאָגן ווערן אין די ערשטע טעג דאָ... דאָס מיידל האָט זיך אָבער נישט געקענט באַרואיקן. זי האָט געברומט צום צווייטן מיידל שטילערהייט:

— נאָך א שלימזל האָט אונדז געפעלט... אז ער וועט שטיין דאָ, וועלן מיר אויסשפּייען די לונגען... דערהרגענען וויל ער אונדז...

איר שטים האָט אזוי ווייך און ציטערדיק זיך געלאַשטשעט, אז מע־כעלע האָט דערפילט א גלעטנדיקן צי ביים האַרץ. ס'האָט אין אים אויפ־געוועקט א ניי געשעעניש, פון וועלכער ער האָט זיך אין גיכן נישט אָפּ־געגעבן קיין חשבון. די מידע הענט האָבן אָבער אין אים אריינגעיאָגט א צולהכעיסדיקן דערווידער, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט אָפּטאָן א שפּיצל. ער האָט דערפאַר צוריקגעוואָרפן הינטערווייליקעך א וואָרט:

— איר מוזט טאַקע אַלעמאָל אַרויסווייזן אייער ווייבערשע היסטעריע?

מעכעלע האָט א ווײַלע צוגעוואָרפן אַהין זיין בליק און דערזען פאַר זיך א יונג, כמעט קינדיש פּנימל, וואָס האָט זיך געשטיקט אין פאַר־שעמטע טרערן:

— ווייבערשע היסטעריע! בין איך שוין ענלעך צו א היסמעריִשע יידענע?

מעבעלע האט געשווינגן. אין הארץ האט אים ווי געטאן, וואס ער האט איר געשטאכן מיט זיינע ווערטער. יענע האט אים אבער קיין רו נישט געגעבן:

— ווען איר זאלט וויסן, ווי איך האב זיך אייביק געגעבן די מי צו זיין אן אנדערע!

און לויט איר גאנץ רעדן האט מען געקענט זען, אז דאס איז ווייט נישט קיין דורכשניטלעך מיידל. איר פיינע פידל־שטים, די ליטעראַרישע שפּראך און דאס ציטירן כסדר יידישע דיכטער און שרייבער האבן עס באשטעטיקט. גאט אייבער! איר ראז קינדיש פנימל, דאס פאררייסענע נעזל — אלץ אויף איר מאכט דאך דעם איינדרוק פון א פּופּצן־יעריקער! פונ־וואנעט זשע ביי איר אזא רייפע, טיף־דורכגעטראכטע שפּראך, אזא פאר־שטאנד!?

די ארבעט לאזט נישט לאנג שמועסן. דאס גלעקל, וואס זאגט אן דעם שלוס פון דער ארבעט, טרייבט זיי אין פארשיידענע זייטן... מעבעלע דערהערט נאך אירע ווערטער פון א קליינער דערווייטערטקייט:

— ווען איר ווייסט, ווי ליב איך האב צו זינגען נייע יידישע לידער... די נייעסטע פלעג איך תיכף אויפכאפּן און זיי דערטראגן צו אלעמענס אויערן... און איצט הערט מען שוין נישט קיין ניי־געשאפן ווארט, קיין ליד... און מיר בענקט זיך אזוי... א, ווען דא אין לאגער זאל עמעצער שאפן... נישט גלאט געגראמט נאר אט אזוי, ווי אמאל... איך וואלט דאן געווען א גליקלעכע...

ווען זי איז אוועק, האט איר יונגער סילועט נאך לאנג געבלאנקעט אין מעבעלעס וויזיע ווי א מיסטעריעזע דערשיינונג.

דער געדאנק פון זעצן זיך און אנשרייבן עפּעס שטארק־שטארקס, אויפטרייסלענדיקס איז אלץ מער און מער געווארן ביי אים א נויטווענדי־קייט, א מאנענדיקער געדראנג. אין דער מינוט האט ער דערפילט דעם לעצטן, מעכטיקן שטוים דערצו...

א שטיקל אפּגעריסענע אינטואיציע האט זיך געפירט א באזונדערן חשבון, ווייט פון גאנצן קאנצענטרירטן געדאנק. און יעדעס מאל, ווען מע־בעלע האט דאס אין זיך געשפּירט, האט ער געוווסט, אז עס איז אומזיסט

זיין וועלן דערגיין דעם לאָגישן המשך פון דעם אַלעם, וואָס עס פּאַסירט מיט אים און מיט אַנדערע. אַלעמאָל קומען אַזעלכע אומגעזעענע כּוחות און גיבן אַ שטויס אַרויף אויף אַנדערע, נישט אויפגעקלערטע וועגן.

און דאָ האָט ער, נישט ווִיסנדיק אַליין פאַרוואָס, פּלוצים געוווּסט אויף קלאָר, אַז אין זיין לעבן האָט זיך אַריינגעריסן אַ פרישער זיג־זאַגי־שער ווינט... ער האָט אפילו נישט געוואָלט אַ טראַכט טאָן, אויב ער וועט האָבן כּוח זיין שטורעם איבערצוטראָגן...

## IV

און אויך די גאַנצע קייט פון משוגענע צופאַלן ווערן איינגערייט אין דעם אַלטעגלעכן און פאַרשטענדלעכן. אַזאַ אויסערגעוויינלעכקייט פירט דיך ווייטער אַ שטיקל וועג מיט גלייכע גראַדע שריט, ווי קאָנסעקווענצן דער־פון. שפּעטער קומט ווידער אַן אומגעווענלעכס און רייסט דיך ווייטער אָפּ פון דיין צוגעוווינטקייט און דו פילסט זיך ווידער פאַרלאָזן און אַרומ־גערינגלט מיט אומשטענדן, וואָס טראָגן מיט זיך נייע געשעענישן, קעגן וועלכע מוזט זיין אוממעכטיק און ווידערשטאַנדלאָז.

דאָ הוליעט אַרום דער טויט מיט אַ הפקרדיקער פרייקייט, נעמט זיך וועמען ער וויל און טראָגט אים אַוועק אין זיין פּאָלע, טאַנצט אַרום און לעקט אויס מיט אַ פאַרנאַשטער צונג אַלץ, וואָס גיט כּוח אויסצוטראָגן די שווערע טעג... און אין מיטן דרייט זיך אַרום אַ יונגער דריי און צוואַנ־ציק־יעריקער בחור, ווערט אַריינגעשליידערט טיף אין טויטס קעסלען אַריין און קריכט צוריק אַרויס, כאַפּט דעם אָטעם אַ ווײַלע און הייבט זיך צוריק אָן צו שטיקן... שטיקט זיך און שפּירט דערביי ווייטער ווי די בלוטן רוישן זיך אויס זייערס און דאָס לעבן דיקטירט ווייטער זיינע פאָ־דערונגען. ווי אַ לצנותדיקער עקשן וואָלט זיך פאַרמאָסטן מיט אים צו טרייבן דאָס לענגסטע שפּיל...

ווער דאַרף דאָ זיין לעבן? וועלכע האַנט דיריגירט דערמיט? ווער רוקט אים אונטער פאַרשידענע געשטאַלטן, וועלכע זאָלן זיך איינגעסן אין זיין געמיט, וואָס ער זאָל באַטראַכטן מיט אַן אייפעריקער אויפמערקזאַמ־

קייט? ווײַל ער, אַז ער זאָל אויפהיטן זייער געשטאַלטונג, באַהאַלטן און אויסוואַרעמען זיי אין האַרץ, ביז אַ צייט וואָס וועט קומען?

פרעג נישט, אָרימער מעבעלע! קלער נישט אַריין, ווײַל דו וועסט דאָ גאָרנישט דערקלערן! דאָ קנעט דיך אויס אַן אומבאַקאַנטע קראַפט, פאַרעמט דיך ווי איר געפעלט און דו מוזט בלויז ליגן און שווײַגן, לאָזן אַריינפּלעכטן אין דיין פּסיביק אַלערליי דינע פאַרשלייערטע פעדים, וואָס וועלן פון דיר שוין מאַכן דאָס, וואָס זיי האָבן באַשטימט...

פינף וואָכן איז שוין מעבעלע אין ווערק צע, שוין באַוויזן צו זען אַזויפיל. ער האָט אָבער די גאַנצע צייט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער גייט נעבן די געשעעניש, אַז ער איז נאָך אינעם תוך פון דעם אַלעם נישט אַריינגעקראָכן. דאָ גייען אַרום אַ סך מענטשן. יעדער איז שוין אינערלעך אין זיך איבערגעפאַרעמט געוואָרן און צוגעגרייט צו האַנדלונגען, וואָס וועלן אומפאַרשטענדלעך זיין דאַן, ווען מ'וועט זיי נישט קענען פון זייער אינערלעכקייט אַרויס. אויגן זעען שטענדיק די אויסשפּראַצונג און זעען קיינמאָל נישט די זאַפטן וואָס באַגרינען און באַרויטלען דאָס אַרויסגעוואַקסענע... שפּעטער וועלן קומען דורות, אויפנעמען דעם אָפּהילך פון דעם געטוענעם און פאַרגעקומענעם און זיך וואונדערן:

— ווי אַזוי האָבן מענטשן דאָס געטאָן אין אַזעלכע מאָמענטן!?

אַז די מענטשן אַליין זענען נישט פאַרקראָכן ביז אין דער טיף פון זייערע אייגענע הערצער, אַז דאָרט האָט עמעץ אויסגעבויערט טיפע לעכער און אַרייַנבאַגראָבן דעם אויפשאָס פון די משונהדיקייטן, וואָס האָבן שפּעטער איבערגעוועלטיקט... ווי אַזוי זשע זאָל עס וויסן און פאַרשטיין ער, דער דערווייטערטער, מיט דער אויסגעגלעטער, אומגעקאַרבטער פּסיכיק?

אָט גייט מעבעלע צוריק פון זיין פרישער האַלע. אויפן שוועל שימערט אים פאַרביי דאָס מיידל, וואָס האָט געאַרבעט בשכנות מיט אים. אַלץ פון איר ווייעט מיט אַזויפיל דינער איידלקייט, מיט שטילן נשמה-געזאַנג... מעבעלע קוקט איר נאָך מיט אַ בענקשאַפט, אין וועלכער ער וויל זיך אַליין נישט מודה זיין... טרייבט ער אַליין פון זיך די באַרעכנט-קייט, כאָטש זיין בליק לויפט איר נאָך און זיינע פיס שפּאַנען אין יענער

ריכטונג, בכדי זי נאָך אַ מינוט צו האָבן אויפן אויג... דאָרט, בײַם בערגל, אין דער זײַט פון דער האַלע, פאַרהאַלט זי װער... ס'איז דער שײגעץ, װאָס זעט אויף איבער דער אַרבעט... ער לאַכט... ער נעמט זי שפּאַסנדיק אַרום... ער, דער שלעגער מיט די גזלן־אויגן... אַט האַלט זי שוין אין האַנט אַ פּעקעלע... זי לאַכט... די גרופּן װערן אײַנגעשטעלט. מען פײַפט צום אָפּמאַרש. זי רײַסט זיך דאָרט שנעל אָפּ און לויפט... צו איר גרופּע צו...

בײַ מעכעלען רײַסט זיך עפּעס אָפּ אין האַרץ, װי אַ הונט פון דער קײט... זײַן אונטער־געזעגטער טריט שלעפּט אים צו זײַן אָרט... די בלויע, פאַרנאַכטלעכע לופט ברענגט אים צוטראָגן איר פאַרטרויערט, אײדל פּנימל פון פריער... און בײַ אים אין מוח ראַנגלען זיך צװײ פאַרשידענע גע־שטאַלטן אירע. אַט װיל ער זײ צונױפגיסן, אויסקנעטן אין אײנעם... אָבער בײדע פאַלן צו אײנס צום צװײטן און צעשײדן זיך װידער, װילן צודעקן אײנס דאָס אַנדערע און קענען נישט...

פאַר מעכעלען נעמט אויפטאַנצן אײן פּנים נאָכן צװײטן, אַלע גיסן זיך צונויף, קלעפּן זיך צונויף און צעלויפן זיך װידער אין אַלע דמיון־װינקלען... אײנס דערקענט ער: ס'איז יענע... מיט שעטשקאָן... אויך זי, מיטן צאַרטן, ייִדישן פּנים און די גרויסע, טרויעריק־ייִדישע אויגן... נײן, נײן, ס'איז נישט קײן האַלוצינאַציע... ס'זענען פּנימער, געזען דאָ... דאָ, אין דעם דאָזיקן אומקרײַז. אין די פאַבריקן פון טויט... איז װאָס זשע, איז טאָקע נישט מעגלעך צו דערגײן, װער ס'איז עכט: די ייִדישע, טרויעריקע צײַט־פּנימער אָדער יענע, אַט די װאָס רײַסן זיך צום געזען װערן, צום פאַרבלענדן אָדער צום װ ע ר ן ! ?

— העי, דו! װאָס חלומסטו דאָרט?!

װאָס װײסט דען אַ פּשוטער פּאָליציאַנט װעגן אַזעלכע מחשבות, װאָס באַפאַלן?

מעכעלע גײט און טראַכט, אַז דאָ זענען פאַראַן אַ סך הערצער, גע־שלאָסענע װי שװערע תּפיסות. מען דאַרף אין זײ העמערן... מיט װאָס? אפשר מיט צײַט, מיט לעבן... אפשר מוז מען לאַנג זוכן מיט אַ װאָרט,

מיט א זעעוודיק אויג, ביז מען באקומט א שפארע, דורך וועלכער אריינ־צודרינגען...

דער טויער אין לאגער איז דער זעלבער. אויך דאס ציילן איז דאס זעלבע. די וואס פעלן, פעלן צום סוף... דער אנהייב־ציפער איז שטענדיק דער זעלבער... דער פאליציאנט, וואס ציילט ביים טויער, האט פאר אלעמען דעם זעלבן נוסח:

— איינס, צוויי, דריי, פיר...

פנימער גליטשען זיך ארונטער אונטער די ציפערן, לאזן זיך א בייטש טאן און צעלויפן זיך איבערן הויף... יונגע מיידלעך פרווון א זינג טאן ביים דערזען דעם באראק, אין וועלכן מ׳קען זיך אוועקלייגן אויף דער קויקע און רוען אביסל... אויף אנדערע ווארט עמעצער, א נשמה־צוגעטשעפע־טער, וואס מאכט אמאל, אין מינוטן, האסטיקער קלאפן דאס הארץ... דאס רוב טראגט אבער אהיים די גאנצע אנגעזאמלטע טרויעריקייט פון טאג... גייען זיי און שוויגן פארזונקען...

די מענער גייען אריין מיט אראפהענגענדיקע צויטן פון מלבושים און איינגעקווארטע פנימער. די אויגן קוקן ארוים מיט א צוגעווינטער שרעק און עס זעט אוים ווי א מידע, געלע טשערעדע... פון די פארנאכטי־קע באראקן גיט זיך א טראג א געשטאנק, וואס ווארפט זיך אויף אלע חושים מיט א צולהכעיסדיקער הנאה... מעכעלע דערמאנט זיך, אז ער האט היינט מיט פרידלאנדן א וויכטיקע זאך איבערצורעדן. פרידלאנד האט צוגעזאגט צו שאפן פאפיר, ער האט צוגעזאגט עפעס אנצושרייבן... אפשר וועט מען קענען מאכן א געהיימע פארלעזונג... און נאך אזוי און נאך... נאכן היינטיקן טאג פילט ער זיך ווי אן איבערגעריסענער, א פארשוועכ־טער...

לוינט זיך עס איבערהויפט איינגאנצן? ער ווייסט נישט, ווער עס פרעגט אים דאס, ווייל זיין מחשבה איז עפעס ברוגזלעך אויסגעליידיקט געווארן און ס׳גייט איר גארנישט אן... א שטיקל פון זיין איך פידט אבער דעם גאנצן חשבון, וויכוחט... פרעגט און ענטפערט. דארט באשליסט ווער עפעס, זאגט פאראוים דאס קומענדיקע. צו מעכעלעס מבולבלן געהער דערגייט בלויז א טייל דערפון, צעלויפט זיך איבער אלע גלידער און בא־

לעבט דער טריט. ער גייט שוין איינער אליין און דאך זאגט אים ווער מיט א קלארער, שארפער שטים:

— עס לוינט זיך! דו בלייבסט לעבן ווייטער און דערפאר...

פון א צווייט ווינקל מוח האט ווער צוגעגעבן:

— דער עיקר נאר: אלץ זען און הערן...

מעכעלע וואונדערט זיך אליין:

— הא, זען און הערן... זען און הערן...

די בלויקייט פון דער נאכט האט איינגעהילט די ביימער, די פינצ־טערניש זאל זיי נישט דערזען אין זייער באנאדלטן גרין. די באלויכטענע פענצטערלעך האבן געוויזן דעם ערשטן גערודער פון די געקומענע אין די באראקן. די מטושטשע בלוי האט זיך ערגעץ געאיילט, האט זי בלויז בא־וויזן ארייינצושרייען אין מעכעלעס צערודערטקייט נאך א צוגאב-ווארט:

— און דאס וויכטיקסטע: ג ע ד ע נ ק ע ן ! גערעדנקען ביז א פינטל...

# דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו


## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד״ר ה. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן-שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער-מאַרטירלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ
31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאַבריקן פון טויט

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

א. נחתומי: אין שאטן פון דורות
יוסף וואלף: לייענענדיק פּרצן
שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
יחיאל לערער: מיין היים
הערשעלע: שבת אויפן טראקט
יהושע פערלע: יידן פון א גאנץ יאָר
עוזר ווארשאַווסקי: שמוגלאַרס
ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
מנשה אונגער: רביישע הייף
א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן

## עס גרייט זיך צום דרוק:

יוסף אפּאטאָשו: פּוילן
יוסף אקרוטני: אין קלעם
רחל אויערבאך: מאטעריאַלן פונעם רינגעלבלום־ארכיוו
מיכאל באָרוויטש: אַרישע פּאַפּירן (דאָקומענטן)
הרב אברהם ביק: צען דורות פּוילישע גאונים
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאָוויע
פּ. בימקאָ: אמאָל אין פּוילן
נח גריס: קינדער אינעם קאַמף (דאָקומענטן)
י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
יאנינא העשעלעס: מיט די אויגן פון א 12־יעריק קינד
ד"ר יוסף טענענבוים: דער לעמבערגער פּאָגראָם
ה. לייוויק: דער נס פון געטאָ
נחמן מייזיל: דיכטער־מארטירער
צפורה קאצענעלסאָן־נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
מ. נודעלמאן: אָפּגעשפּילט...
מ. קאָסטריוסקי: פּינסק
ד"ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
בער י. ראָזען: טלאָמאצקע 13
מיכאל און צבי ראַיאַק: חורבן גלובאָק
ד"ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע
ד"ר ח. שאָשקעס: א לעבן, וואָס איז פארביי...
ל. שפּיזמאן: די חלוצישע באוועגונג אין פּוילן

### פרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע:

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

●

י. פּאַלאַטיצקי שרייבט וועגן ש. איזבאַנס בוך „אומלעגאַלע ייִדן שפּאַלטן ימען" אין אַן אַרטיקל „די ים-וועלף פון אונדזער צייט" („אונדזער צייט", בוענאָס-איירעס, 25טער פעברואַר 1948):

דאָס 28טע בוך פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום", דאָס מאָל נישט וועגן קאַמף, פּיין און צער אויף פּוילישער ערד; נישט וועגן אַ מתים-מאַרש אין די קאַלכאויוונס און קרעמאַטאָריעס; נישט אַ גאַנג אונטער נאַצי־בייטש צום אויסראַט. עס איז אַ בוך, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט דעם אַלעמען: אַנגסט, יסורים, מאַטערניש, קאַמף, טיפע שנאה צום שונא און גרענעצלאָזע ליבע צו אַן אויסגעבענקטן אידעאַל. די בינע איז אָבער אַן אַנדערע. די טיפע דראַמע וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין 1933 אין דייטשלאַנד, טראַגיש זיך פאַנאַנדערגעוויקלט און ברוטאַל אַ סוף געמאַכט צו מיליאָנען ייִדישע לעבנס במשך 1939-1945 אויף פּוילישער ערד — ווירקט זיך אויס אין איר פינאַל אין שטילע פאַרוואָרפענע פּאָרטן אין פראַנקרייך, איטאַליע און אויפן ברייטן אומענדלעכן כוואַליענדיקן וואַסער־שטח פון אַטלאַנטישן און מיטללענדישן אָקעאַן.

אַ ייִדישער שרייבער פון פאַרנעם, ווי עס איז שמואל איזבאַן, האָט אונטערגענומען אַן איינציקאַרטיקע און העלדישע נסיעה מיט אַ מעפּילים־שיף, נישט כדי צו קענען שפּעטער אַרויסברענגען עפּיזאָדן פון דער „אַוואַנטורע", נאָר כדי צו פאַרצייכענען אַלע שעהן, אַלע טעג און נעכט פון אַ וואַנדערונג פון אַ באַנאַנען-שיף וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „פּאַסאַזשיר"-שיף פאַר 1.500 מעפּילים. פון דעם מאָמענט אָן, ווען ער באַקענט זיך מיט די ערשטע ייִדישע ים-שומרים אין דער הויפּט קוואַרטיר אין ניו־יאָרק, דורך דעם ברויזנדיקן אונטערערדישן אַקטיוו, צוזאַמענגעשטעלט פון הגניכטן און ייִדישע ים־וועלף ערגעץ-ווו אין די הויפּטשטעט פון אייראָפּע, ביזן מאָמענט ווען די שיף ווערט פאַרכאַפּט פון די „העלדישע" ענגלישע בלאָקאַדע קרייצערס און די 1.500 ייִדישע פּליטים צוזאַמען מיטן דערמאָנטן מחבר ווערן אַריבערגעפירט קיין ציפּערן — די דאָזיקע גאַנצע דראַמע קומט צום אויסדרוק אין אַ בוך פון 315 זייטן.

עס קומט אַן אמתער יישר-כוח דעם שריפטשטעלער ש. איזבאַן, וואָס האָט




אונטערגענומען די געוואגטע און צו־מאל געפערלעכע נסיעה. א דאנק קומט דעם רעדאקטאר פון דער סעריע „דאס פוילישע יידנטום", מארק טור־קאוו און דעם פארלאג־דירעקטאר אברהם מיטלבערג פארן ארויסברענ־גען אויף דער ליבטיקער שיין די זאמלונג פון די ארטיקלען אין א בוך-פארם. עס איז נישט איבעריק צוצוגעבן, אז דאס בוך באקומט א באזונדערע וואג און באדייט מיט דער פאררעדע פון דער פארשטייע־רין פון דער הגנה, רות קליגער, וועל־כע איז אידענטיפיצירט מיט דער יעפלה־באוועגונג דורך אקטיווער מיטבאטייליקונג און זאך־קענטעניש. דער ישוב אין ארגענטינע מעג דערוי־בער שטאלץ זיין, וואס פון דאנען קומט ארויס א בוך פון גבורה, וואס וועט פארשפרייט ווערן ווייט און ברייט איבער דער וועלט און וועט וואס ווייטער אלץ מער געלייענט ווערן ווי די דראמאטישסטע געשיכ־טע פון אונדזער צייט — די געשיכ־טע פון די יידישע ים־וועלף.

**וואס פאר א דראמאטישער שטאף,** וואס פאר א שלל מיט איבערלעבונ־גען, סיטואציעס, אקציעס — עס וואלט געקלעקט פאר דעם גרעסטן פילם פאר דער אינטערעסאנטסטער רייזע־באשרייבונג און ים־אוואנטורע!

און דאך איז עס נישט קיין מעשה פון זשול ווערן, נישט פון מאין ריד, נישט פון וואלטער סקאט און נישט קיין געשיכטע פון אמאל. עס איז א פארצייכענונג פון א יידישן שריי־בער, וואס האט געהאלפן פלאסטערן שאסייען און בויען בנינים אין לאנד פון יידישן פאלק, ווו עס שטראמט דער איבערבלייב, וואס האט זיך דורך טויזנטער ניסים, דורך אלע משונה־דיקסטע וועגן און אומוועגן, מיט די אויסטערלישסטע מיטלען געראטע־וועט און זוכט דעם לעצטן ברעג ווידער דורך די פארשיידנסטע און לעבנסגעפערלעכסטע וועגן אויף א מעפילים־שיף.

ש. איזבאן וויייקט מיט די ליידן פון די פליטים פון ישראל, וואס זע־נען די ליידן פון א גאנץ פאלק — דאס געליטנסטע פאלק ערב דער מלחמה, אין דער מלחמה און באלד 4 יאר נאך דער מלחמה. גייט ער מיט זייער גאנג, וואס רות קליגער צייכנט אים אן אין איר פאררעדע אויף א זייער טרעפלעכן אופן אין אט דעם עפיזאד:

אין א שבת זענען געקומען 300 פרומע יידן און קינדער אין מארסעל. פון דארט האבן זיי געדארפט פארן מיט אויטאבוסן 7 קילאמעטער צו דער שיף, וואס האט אויף זיי גע־

וואָרט. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן אום שבת. אַ בר־מצוה ייִנגעלע, אַ נאָר־וואָס באַפרייטער פון די לאַגערן האָט שטאָלץ געגעבן דעם ענטפער:

— אויב מיר האָבן געקענט מאַרשירן אונטער די נאַציִשע בייטשן הונדערטער קילאָמעטער אין טויט אַריין, קענען מיר מאַרשירן זיבן קילאָמעטער ווייט אין לעבן אַריין...

דער דאָזיקער דראַנג, וואָס ברענגט טויזנטער מעפּילים אויף די שיפן און שיפלעך, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין געפאַרן, וואָס קען אַפילו נישט באַקומען זיין הילכיקן אויסדרוק, אַז די וועלט זאָל פון דעם פאַרציטערט ווערן און זאָל מיט יראת הכבוד בייגן די קעפּ פאַר די געוואַגטע, — ווייל אַלץ מוז זיין קאָנספּיראַטיוו, באַהאַלטן פאַר אַן עין־הרע פון די ענגלישע שפּיאָנען און שפּיצלעך, וואָס לויערן אין אַלע שטעט, ביי אַלע ברעגן — דער דאָזיקער דראַנג איז די מעכטיקע שטויסקראַפט דער מאָטאָר וואָס באַוועגט די רעדער פון דעם העראָאישסטן קאַפּיטל פון אונדזער צייט: די הפּעלה־באַוועגונג.

ווי טראַגיש און דערהויבן, ווי רירנדיק און סטאָיש זענען די מענטשן, וואָס שטעלן צוזאַמען אַן „אומלעגאַלע" מאַנשאַפט. דער 25־יעריקער בלאָנדער קאַפּיטאַן, וואָס בעט פון די הגנה־פאָרשטייער רויך־טעפּ און גאַז־מאַסקעס כדי דורכצוברעכן די ענגלישע בלאָקאַדע. דער בראָנזווילער יידישער בחור סידני, וואָס זיין טאַטע איז אַ בונדיסט אָבער ער האָט אַ חשבון מיט ענגלאַנד; חיים, יצחק און אַלע אַנדערע, וועלכע זענען אידעאָלאָגיש נישט דעפינירט. די אידעאישע פּלפּוליסטיק, פּלאַטפאָרמען און פּאָסטולאַטן פון הרצל, פּינסקער, אחד־העם, נאָרדוי, באָראָכאָוו, סירקין, א. ד. גאָרדאָן איז ביי זיי אויף אַ וואונדערלעכן אופן און ווער ווייסט דורך וועלכן אינסטינקט — אפשר יענער טליענדיקער פונק וואָס דערהאַלט דאָס יידיש פאָלק און איז ממשיך זיין פיזישע און גייסטיקע עקזיסטענץ — פאַרדרענגט געוואָרן אין דער לאָזונג פון דער צייט, וואָס עס האָט אַרויסגעדונערט דער רבי פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, בערל קאַצענעלסאָן:

„זאָלן אַלע אונדזערע מעשים זיין געווענדט צו דער צעשפּאַלטונג פון ים און אויפנעמען די צוריקגעקומענע..."

און אפשר, ווייל חבר בערל האָט געוווסט צו געבן אַן אויסדרוק אַלע טעאָריעס צוזאַמענגענומען און אַריינקלעמען זיי אין דער באַלדיקער נויט פון אונדזער פאָלק, אַן אויסדרוק באַהויכט מיט אַ ליבע צום פאָלק און לאַנד, וואָס שלאָגט אָן מיט זיין פייער אין דער צייט פון נביאישער זעאונג, איז זיין וואָרט אויפגעכאַפּט און אַריינגעדרונגען אין די טיפענישן פון די הערצער פון יידישע יוגנטלעכע, וועלכע שטעלן איין זייער לעבן, לאָזן איבער זייערע פּאָזיציעס און שווימען אויף די ימים, כדי צו שפּאַלטן זיי און אַריינברענגען יידישע עולים.

עס איז דער כוח פון יידישן פאָלק, וואָס פאַראייניקט די אידעאַליסטישע מאַנשאַפט מיט די דורך בראַנד און פייער דורכגעגאַנגענע פּליטים. ש. איזבאַן פאַרצייכנט אַן אויפשריפט פון אַ וואַנט אין דעם איינזאַמען

שלאָס, וואָס געפינט זיך ביי אַ האַפן „אין אַ לאַנד ווו די ווייבער זענען בערג-קלעטערער און די מענער ביסטרע יעגערס...” ווו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן מעפילים. אָט וואָס עס שרייבט איינער פון די אַנאָנימע יונגע יידן:

„...אונדזער קינדהייט איז פאַרפלייצט געוואָרן דורך אַ מבול פון פייער און שוועבל. עס יאָגט אונדז נאָך דער וויי-געשריי פון פאַרברענטע און פאַרקאַלעכטע און לאָזט אונדז נישט צוריקקומען צו דער רו... מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אויסטערלישע מיטלען ביז מיר זענען דערגאַנגען צום ים-ברעג, פון וואַנען מיר דאַרפן געבראַכט ווערן צום אויסגעבענקטן לאַנד... מיר ווייסן אַז עס וועלן נאָך זיין לאַנגע טעג פון אַנטוישונגען, טעג פון וואַנדערונגען אין טומלדיקע פרעמדע האַפנס... מיר וועלן שווימען איבער ימען אונטער פרעמדע נעמען און מיט געבאָרגטע פאַנען... אָבער דאָרט אין ארץ-ישראל וועלן מיר אָנהייבן צו וועבן אונדזער לעבנס געוועב פון דאָס ניי...”

אויפן 21טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין אויגוסט 1939, האָט בערל קאַצענעלסאָן, רעדנדיק וועגן דער פראַגע פון „אומלעגאַלער” עליה אַרויסגעבראַכט אָט די טרעפלעכע ווערטער:

„...וועמען האָט דער גורל אין אונדזער צייט באַשטימט צו זיין דער נאָמירלעכער טרעגער פון דעם קאַמף פאַר יידישער עקזיסטענץ? ווו געפינט ער זיך?

אויף די ימען בלאָנדזשען די פאָנען-טרעגער פון יידן-נויט!...”

אויף די ימען בלאָנדזשען זיי. דער קאַפיטאַן, דער בלאָנדער, דער דרייסטער, וואָס די 25 פרילינגען פון זיין לעבן האָבן זיך אָנגעשפּיצט צו איין זאַך: דורכצורייסן די בלאָקאַדע פון דעם ענגלישן אַלביאָן. דער אינזשעניער, וואָס אַ חוץ זיינע קענטענישן אין דעם מאַשין-אינגעווייד ווייסט ער צו געפינען די פּאַסיקע ווערטער פאַר יעדן אומצופרידענעם מאַטראָז, וואָס דער יאוש האָט זיך פאַרגנבעט אין זיין געמיט. דער דעק-היטער, דער קוכער, דער פייערמאַן און די פאַרשיידענע גרופּן פון דער אַנדערטהאַלבן טויזנטדיקער מעפילים-מאַסע. פּועלי-ציוניסטן, השומר-הצעירניקעס, מזרחיסטן, אגודהניקעס און... ווער האָט עס געזאָגט, אַז אויף אַ הגנה-שיף זענען נישט פאַראַן קיין ביתרניקעס און רעוויזיאָניסטן? צוויי הונדערט מיט פופציק אין צאָל אויף 1.500. אַ גאַנץ פיינער פּראָצענט. זאָל דערמיט אָפּגעמעקט ווערן דער בלבול, אַז די הגנה-מענטשן סעלעקציאָנירן נאָר מפא"י-ניקעס.

— וואָס באַאומרואיקט דיך, מאַטראָז, האָסט איבערגעלאָזט אַ האַרצ-ווייטיק אין נאָרד-קאַראָלינאַ? — פרעגט דער שעף-אינזשעניר איינעם פון די מאַטראָזן, וואָס איז אומצופרידן.

— שרייב איר, מאַטראָז, אַז דו האָסט אַ פּאָסטן אויף אַן אומלעגאַלער שיף, דו היטסט די בריק פון קאַפּיטאַן, וועלכער קען נישט דעם נאָמען פון זיין שיף און ווייסט נישט די קאָליר פון זיין פאָן... שרייב איר, אַז דו גיסט אַכטונג, דעם פיינטס אויסשפּיר-אַעראָפּלאַנען זאָלן זיך נישט דערנענטערן. דו האָסט אַ מיסיע, מאַטראָז... זי וועט דאָס פאַרשטיין! זי וועט דיר מוחל זיין! אַז דו וועסט

צוריקקומען קיין נאָרד־קאַראָלינאַ, וועט זי וואַרפן בלומען פאַר דיינע פיס...

ווי טיף־רירנדיק זענען די פּשוטע האַרציקע ווערטער, וואָס מאַכן אוממעכטיק דעם אומצופרידענעם. אַ באַנייטער און פאַרשעמטער נעמט ער זיך צוריק צו זיין אַרבעט.

אין דער מיסיע, אין דער היסטאָרישער שליחות ליגט די געוואַלדיקע גבורה, דער כוח, וואָס רעגולירט די שיף, וואָס האַלט אָרדענונג אין דער ענגשאַפט וואָס פאַרוואַנדלט די מענטשן אין די „פאָנען־טרעגער פון דער יידישער נויט".

און די ניט־יידישע מאַטראָזן? דער קנאַביקער אירלענדער, דער פלינקער פּאָליאַק, וואָס מען רופט אים „דיוק", דער פּוערטאָ־ריקענער, וואָס האָט באַשלאָסן צו העלפן ברענגען יידן קיין ארץ־ישראל, דער טשיקאַווער גלח, וואָס העלפט אין קיך, דער שוועדישער קאַפּיטאַן, וואָס האָט אַמאָל איבערגעפירט מתים איבערן ריווער סייד?

אַ זעלטענע טיפּן־גאַלעריע, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט דורך דער טאַלאַנטפולער פען פון ש. איזבאַן מיט אַזויפיל פשטות און ליבשאַפט, אַז עס גלוסט זיך צו קעמפן פאַר אַ מענטשן־פאַרברידערונג, ווי באַלד עס זענען פאַראַן אַזעלכע איידעלע עקזעמפּלאַרן צווישן זיי.

עס קומען אויפן געדאַנק די שורות פון דעם ארץ - ישראלדיקן שרייבער נתן אַלטערמאַן, וועלכער איז שטאַרק פּאָפּולער צוליב זיינע פעליעטאָנען אין פערזן. אין איינע פון די לידער, רעדנדיק צו די ענגלענדער, דערמאָנט ער זיי די ווערטער, וואָס זיי האָבן געזאָגט בעת די טראַגישע טעג פון דונקערק און בעת די באָמבאַרדירונגען פון לאָנדאָן:

צווישן די וואָלקנס מיר וועלן זיך שלאָגן,
אין מדבר, אויף ים
אין פעלד און אויף פליין;
און אויב מ'וועט דאַרפן — יאָרן אויף יאָרן
און אויב מען וועט מוזן
איינע אַליין!

די העלדישע ים־וועלף זענען עס גרייט. די הגנה איז גרייט. דער גאַנצער יידישער ישוב אין לאַנד איז גרייט. די מעפּילים זענען גרייט. הלוואי זאָלן אויך די יידן אין די גלות־לענדער אַזוי גרייט זיין. עס איז אָבער גוט, וואָס צווישן די יידישע מאַטראָזן איז פאַראַן דער אירלענדער, מעק, דער פּוערטאָ־ריקענער, טשיקאָ, און דער פּאָליאַק „דיוק". זיי זענען אפשר דאָס געוויסן פון די פעלקער, צו וועלכע זיי געהערן.

אַ בוך פון יידישער טראַגיק און גבורה ליגט פאַר אונדזערע אויגן. די העכסטע טראַגיק פון אַ פאָלק, וואָס זיינע זין ראַנגלען זיך אויף אַ מעפּילים־שיף און ווען דער ענגלישער אעראָפּלאַן האָט די שיף אויסגעזוכט, נאָך וואָכן פון שפּיאָנירן און זוכען, מישט זיך אוים די מעפּילים־מאַסע מיט דער מאַנשאַפט, די שיף באַקומט דעם אַלטן און באַקאַנטן יידישן בטחון־נאָמען „התקוה" און אַ ווייסבלאָע פאָן ווערט אַרויפגעצויגן. זאָל די וועלט וויסן, אַז זעקס קריגס־שיפן, קרייצערס פון פלאָט פון זיין מאַיעסטעט, איין אעראָפּלאַן און הונדער-

טער ביז די ציין־באוואפנטע ענגלישע סאלדאטן האבן פארפירט מיט איר א מלחמה. אלע אויף דער מעפילים־שיף ווערן באוואפנט אין דעם נישט־גלייכן קאמף: א קליינע משא־שיף קעגן 6 מעכטיקע קריגסשיפן; שטעקנס און אייזנס קעגן מאשינגעווער און גאז־באמבעס; העכסטער מענטשלעכער העראאיזם און מסירת־נפש ווערסוס אן אשמדאי־ציניזם און ברוטאליטעט פאר וועלכן די קומענדיקע דורות פון ענגלישן פאלק וועלן בייגן די קעפ פאר וויסטער חרפה.

דער עפילאג: די שיף ווערט אריינגעשלעפט אין חיפהער פארט. די מאטראזן פון דער יידישער שיף האבן אבער באוויזן אלץ צו צעשטערן. די ענגלענדער טארן נישט באקומען קיין גאנצע שיף, נאר א צעממיתטע, וואס טויג שוין צו גארנישט. דערנאך ווערן אלע אוועקגעשלעפט קיין ציפערן און דורך דעם ארעסט פון ש. איזבאן, הלמאי, ער, אן אמעריקאנער בירגער, האט געוואגט צו באגלייטן א מעפילים־שיף, האבן מיר די געלעגנהייט זיך אויך צו באקענען מיט דעם פאליציאישן רעזשים אין ציפערן און מיט דעם צעפוילטן רעזשים אין דער חיפהער תפיסה, ווו קארופציע, גנבה, שמוץ און כאבאר האבן פאראייניקט די געזעץ־היטער פון דער ענגלישער אדמיניסטראציע אין ארץ־ישראל מיט די ווערעמדיקע און פארקויפטע אראבישע אונטערוועלטניקעס. עס איז א קאפיטל וואס שליסט אויף א טיר אין די פינצטערע לאבירינטן פון ענגלישער קאלאניאל־הערשאפט אין נאענטן און מיטעלן מזרח.

אין סך־הכל: עס איז א בוך, וואס דערהייבט דעם נאמען פון זיין מחבר, שפיגלט אפ רעפארטאזש־ארטיק אבער מיט דער גאנצער ערלעכקייט פון דעם מחברס נשמה די דראמאטישע עפיזאדן פון דער וואנדערונג פון איין שיף, וואס גיט דעם שליסל פאר דעם נייעסטן קאפיטל פון יידישער געשיכטע, וואס וועט אמאל געלייענט ווערן ווי די שפאנענדיקסטע געשיכטע פון קאמף און געראנגל אויפן אפענעם ים צווישן פרידלעכע אבער העלדישע יידישע ים־וועלף און באוואפנטע ענגלישע סאטראפן. עס איז א דאקומענטארישע באשרייבונג פון היסטארישן ווערט און פארנעם.

מיר ווינטשן קיין שום פאלק ניט צו דארפן ווען עס איז דורכמאכן א מעפילים תקופה אין זיין געשיכטע. איין פאלק וואלטן מיר עס יא געווונטשן — דעם ענגלישן. זיי וואלטן דעמאלט פונקט ווי דער פאליאק, דער „דיוק”, דער אירלענדער, דער שוועד אפגעשאצט וויפיל גבורה, וויפיל אומדערשעצלעכע דערהויבנקייט, וויפיל ליבע, וויפיל איבערמענטשלעכער מוט, וויפיל נאבלקייט און איידלקייט, וויפיל צער און יסורים עס ליגן אין די ים־נסיעות פון די מעפילים. זיי וואלטן אפשר דעמאלט באגריפן וואס פאר א מהלך עס ליגט צווישן זייערע בעסטיאלע „כשרע” געזעצן און דער מענטשלעך־אידעאליסטישער „אומלעגאליטעט” פון די נארד אמעריקאנער יידישע יאטן וואס פירן דעם איבערבלייב פון ישראל צום אויסגעבענקטן לאנד...

אויב די ענגלענדער וועלן אמאל דארפן דורכמאכן אזא מעפילים־עפאפייע, וועלן זיי קענען א סך לערנען פון ש. איזבאנס בוך...

**ל. דאמאנקעוויטש** שרייבט וועגן ש. קאטשערגינסקיס בוך „פארטיזאנער גייען"... אין זיין ארטיקל א. ג. „א בוך אין דער צייט" („ארבעטער ווארט", פאריז, 3טער אקטאבער 1947).

מיר זענען נאך אינגאנצן אריינגעטאן אין פונאנדערוויקלען אונזערע פארבלוטיקטע מגילת־החורבן און לאנגע יארן וועלן נאך מסתם פארגיין איידער די יידישע פראזע וועט זיך מיט עפעס אנדערש פארנעמען ווי מיט דערציילן און איבערדערציילן, וואס עס איז מיט יידן אפגעטאן געווארן בימי היטלער אין הארץ פון אייראפע. די חורבן־כראניק וואקסט און וועט זיך נאך צעוואקסן. יעדע קהילה קומט מיט איר פינקס פון אומקום, יעדע געטא מיט איר פרשה פון ליקווידאציע, יעדע עדה מיט דער איכה־געשיכטע פון איר פארטיליקונג.

איז עס נאטירלעך אזוי, נישט נאטירלעך איז אבער, וואס פאראלעל צום כמעט ליידנשאפטלעכן דראנג אלץ צו פארצייכענען, צו דער כמעט אויטאסאדיסטישער הנאה צו דעטאלירן אלע נבלות פון דער יידישער אונטערוועלט, וואס די טרויעריקע אומשטענדן האבן ארויסגעברענגט אויפן אויבערפלאך פון גסיסה־לעבן אין געטא, זענען נאך ביז איצט, פארהעלטנישמעסיק זייער ווייניק באלויכטן געווארן די מסירות־נפש און די גבורות פון די הונדערטער און טויזנטער פארטיזאנער, וואס האבן געמאכט ציטערן דעם פחדנותדיקן פיינט און גענומען נקמה אין אכזר.

זיכער איז נישט פאראן קיין שום פראפארץ צווישן פאסיוון מאסן־אומקום פון די מיליאנען אין די געטאס און דעם באוואפנטן קאמף פון הייפעלעך, אבער דווקא צוליב דער שרעקלעכער אפאטיע פון די נידערגעשלאגענע געטא־מאסן באקומען די העראישע מעשים פון די איינצלנע דעם גאנצן געוויכט.

זיינע העלדנטאטן פארמינערן מיט גארנישט די קידוש־השם גלאריע פון די צאן־קדשים, וואס זענען מיט דורותדיקער רעזיגנאציע געגאנגען צו פיין און שחיטה, אבער זיי באלייכטן די געטא־חשכות ווי בליצן די פינצטערניש פון דער נאכט.

מיט מער אדער ווייניקער פרטים זענען שוין פארשריבן געווארן אויך די אויפשטאנדן אין ווארשעווער און אנדערע געטאס, אבער וועגן די „פרייע שיסער" מחוץ פון די געטאס, וועגן די יונגע יידן, וואס האבן זיך מיט וואפן געטראגן איבער אלע עקן פון נאצישער אקופאציע, טרעטנדיק כסדר אין א נעץ פון געפארן, וועגן זיי איז נאך זייער ווייניק געשריבן געווארן.

א וויכטיקן בלויז האט דריבער אויסגעפילט דער זייער פאפולערער ארגענטינער פארלאג „דאס פוילישע יידנטום" מיטן פארעפנטלעכן ש. קאטשערגינסקיס בוך „פארטיזאנער גייען", וואס, ליטעראריש גענומען, געפינט עס זיך אויפן וועג צווישן גוטער כראניק און דערציילונג.

דער מחבר אליין גיט, אין שערבלאט, אפ די באשיידענע צושריפט פון: פארצייכענונגען פון ווילנער גע-



טאָ", אָבער דאָס, וואָס ווערט דערציילט אין דאָזיקן נישט גרויסן בוך, איז ווייט מער ווי טרוקענע פּאַרצייכענונגען. עס פילט זיך אויף יעדן זייטל פון בוך אַ גליענדיקער פּאַטאָס פון קאַמף, אַן „אז ישיר" אַטמאָספערע פון העראָאיזם, אַ האַרציקע ליבע צום יונגן קעמפער, וואָס איז אַזוי גרויס ווי די גרענעצלאָזע שנאה צום נידערטרעכטיקן פיינט.

ווען אין שטאָט האָט געהערשט דער וואָלף, האָט אין וואַלד געהערשט דער מענטש. און אין אַלע געשיכטעלעך פון ביכל טרעפט איר זיך אָן אויף דער טיפער מענטשלעכקייט, וואָס האָט באַגלייט די מעשים פון די פּאַרטיזאַנער. איבער אַלעם וואָס זיי האָבן געטון, איבער צעפליקטע עשאַלאָנען, איבערן הינריכטן פון געפאַנגענע איז אויסגעגאָסן אַ הומאַניטאַר געפיל פון „הרשעה כולה כעשן תכלה" און עס איז קאַטשערגינסקין געלונגען אונז צו איבערצייגן, און אונז אָנצושטעקן מיט זייער מענטשלעכקייט, מיטן „זוכן דעם מענטש אין מענטש", ווי עס זאָגט דאָרט אַ העלד.

אויף זייער פיל ערטער זענען פאַראַן גאַנץ געלונגענע נאַטור־באַשרייבונגען און מיר באַקומען דעם איינדרוק ווי דער וואַלד מיט אַלעם, וואָס ער באַהאַלט אין זיך, זיינע ביימער, זיינע קוסטן, זיין גראָז און זיינע פייגל, זיינע קלעצער און זיינע לעכער זענען באַטייליקט אין דער קאָנספּיראַציע קעגן די היטלעריסטן.

קאַטשערגינסקי האָט געמאַכט די התחלה, אַנדערע דאַרפן נאָכפאָלגן.

מ'האָט זיך שוין געשפּאַרט וועגן דעם, צי וועט אונדזער נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע קענען אַמאָל קינסטלעריש געשטאַלטיקט ווערן און אויב יאָ, זיכער ערשט פון אַ ווייטער פּערספּעקטיוו פון צייט, אָבער די פּאַרטיזאַנער־עפּאָפּיי וואַרט שוין איצטער אויף איר קינסטלערישער דערהויבונג.

ווער וואָלט דאָס געוווּסט אַז יידישע טאַטעס מיט זין האָבן געקעמפט האַנט ביי האַנט („15טער עשאַלאָן"), אַז אַ מאַמע מיט אַ זון זענען געגאַנגען צוזאַמען אויספירן די שליחות פון אויספירונג. די מאַמע פאַלט און דער זון זעצט פאָר זיין שליחות („מאַמע און זון"), אַז אַ יידישער פאַרוווּנדעטער פּאַרטיזאַן רייסט אַראָפּ אַ גראַנאַט ביי אַ דייטשן סאָלדאַט, כדי זיך אויפצורייסן מיטן שונא אינאיינעם? און נאָך און נאָך.

אויב דאָס און ענלעכס איז מעגלעך געווען, איז לא אבדה תקוותנו.

און אַ יישר כוח קאַטשערגינסקין פאַרן העלפן אויפשטעלן די עפּאָפּיי פון דערמונטערונג און האָפענונג.

*Este libro se terminó de imprimir el día* 21 *de abril del año* 1948 *en los Tall. Gráficos Julio Kaufman, calle Corrientes N°* 1976, *Buenos Aires, Rep. Argentina*